צו דער יידישער באַפעלקערונג אין לויצק
ווענדונג פון יתומים־קאָמיטעט

אין אַ שווערער שעה ווענדן מיר זיך צו אייך נאָך הילף; מיר ווייסן, ווי שווער ס'איז דעם יידן, ביים איצטיקן טאָג, מיט עפּעס מיטצוהעלפן, אפילו דאָרט ווו ער וואָלט עס גערן געטאָן. מיר האָבן אָבער קיין ברירה נישט!

אויף אונדזער און אויך אויף אייער אחריות ליגט דער גורל פון די יתומים, פאַר וועלכע די געזעלשאַפט מוז זאָרגן!

מיר, פון אונדזער זייט, שטרענגען אָן אַלע כוחות, כדי נישט צו לאָזן פאַלן די וויכטיקסטע אינסטיטוציע אונדזערע — דעם בית־יתומים. צוליב דעם אָבער, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט צייטווייליק כמעט גענצלעך אָפּגעשטעלט די סובסידיע, איז לעצטנס אונדזער אַרבעט זייער באַשווערט געוואָרן.

מיר ווענדן זיך דעריבער צו אייך מיטן רוף: גיט אונדז פּראָדוקטן! פון אַלעס קאָן מען זיך אָפּזאָגן, אָבער נישט פון עסן. דער יידישער יתום טאָר נישט הונגערן! מיר דערלאָזן טאַקע נישט דערצו. אָבער אונדזערע כוחות זענען צו שוואַך. איר מוזט אונדז צוהעלפן מיט אייער שטיצע. נישט קיין געלט, נאָר פּראָדוקטן און קליידונג! „אחד המרבה ואחד הממעיט".

רופט זיך אָפּ אויפן רוף פון אייערע פריינד, וועלכע וועלן אייך אַרויסרופן דורכן פּראָדוקטן־רינג, וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן לטובת אונדזערע יתומים.

דער יתומים־קאָמיטעט

(„וואָלינער פּרעסע", נומ' 2 (211) פון 13 יאַנואַר 1933)

פּראָדוקטן־און קליידער־רינג פאַר די יתומים אין לויצק
רשימה נומער 1

ד"ר פעמאָוו שפּענדעט: 1 קאָסטיום און 1 פּאַלטאָ און רופט אַרויס: ד"ר יונגפער, ד"ר אַבראַמסקי, ד"ר סעגאַל, ד"ר ראַפּאַלאָווסקאַ, מעצ. י. באָקשט, מיניע קרווינשטיין און אַניוטע גליקליך.

פאַני ראַזאָווסקאַ שפּענדעט צייג אויף 10 קליידלעך און רופט אַרויס: נחום וואַרקאָוויצקי, סאָני מאירסון, פישל לאַקרעץ, חיים בליאַק, אהרון בלעכער און א. פינסשוק.

מ. זיגלבערג שפּענדעט 2 ק"ג זייף און 2 העמדער און רופט אַרויס: סערל דרוקער, קלאַראַ גראַפמאַן, יעטע באַק און די שוועסטערן ראָזע און בראָני קופערמאַן.

יעקב וואַקסין שפּענדעט 10 ק"ג פאַסאָליעס און רופט אַרויס: די מיל „ראַזגאַלד", ספּולקע געכט־טאַבאַטשניק, פּעפּער־אודליס, צבי גאָלדשטיין, שלום בערעזע און גאַרדאָן.

ד"ר כאַזאַנאָווא שפּענדעט 1 קאָסטיום, 2 העמדער און רופט אַרויס: ד"ר אַרנאָלד, א. דראַגיטשין, פסח שאַץ, פנחס פרידמאַן, ק. פרישבערג און משה בליאַק.

דאָראַ סאָוויצקאַ שפּענדעט 1 שטיקל לייוונט און רופט אַרויס: י. בלומענקראַנץ און נח צוקערמאַן.

ד"ר קאַמיעניעצקאַ שפּענדעט 10 ק"ג קאַשע און רופט אַרויס: ד"ר צוקערמאַן, ד"ר ש. גאָלדבערג, ליבע לעווין, בעלאַ פרידמאַן און מישע עפּעל.

י.ד. פּעטשעניק שפּענדעט 5 ק"ג פּערל־גרויפּן און רופט אַרויס: דירעקטאָר לעדערפיינד, א. גאָלדבערג, ווייסבאַרד, לאַנדאַ, נאַדעל, ברייט, בלייבערג, ראָטענשטרייך, חאַליף, א. קאַלאַדני, ד"ר פּאַלטאַראַק, א. האָפּמאַן, א. וואַקסמאַן, און י. גאַרטיבעל.

ח. עלבירט שפּענדעט אַ האַלבן מעטער האָלץ און רופט אַרויס: די ברידער מ. און פ. פישביין, יחזקאל שירזשיק, ש.ח. ווערניק און משה פרידלענדער.

י. לעווענטאַן שפּענדעט 5 ק"ג גרויפּן און רופט אַרויס: ד"ר פרילינג, הרב אינגערלייב, א. לעווענסאָן, בלאָושטיין, א. שטראַכמאַן און מ. ווייסמאַן.

ב. ערליכגערעכט שפּענדעט 2 ק"ג צוקער און רופט אַרויס: דוד כאַיט יונגשטיין, ישראל שאַפּיראַ און ישראל קימעלמאַן.

פ. שולץ שפּענדעט אַ האַלבן ק"ג טיי און רופט אַרויס: רעגינאַ גאָלדשטיין, צפורה האוסמאַן, הערש גורוויץ, חיים פנחס ציבוך (טאָרטשין), טשאַרנע בורשטיין, שלמה אקס, ברוך ליבערמאַן, זיגלבוים, גאָרענשטיין (אַלע פון ראָוונע), י.מ. אַלטשילער (וואַרשע).

(„וואָלינער פּרעסע", נומער 2 (211)

„הכנסת־אורחים" און „ביליקע קיך"

„הכנסת־אורחים" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1924, דורך אַ גרופּע יוגנטלעכע מתפּללים פון דער פאַרשטאָטישער שול, וואָס האָבן געהאַט פאַרשטענדעניש צו העלפן די יידישע נע־ונדניקעס, אַרויסגעשטויסענע דורכן דעמאָלטדיקן קריזיס פון זייערע היימען, וואָס האָבן מיטן וואַנדער־שטעקן געמוזט אָפּריכטן גלות איבער שטעט און שטעטלעך, ווי געטאָגט, נישט גענעכטיקט. די מתפּללים האָבן געזאַמלט ביי די עלטערע בעלי־בתים אַ ביסל געלט, געדינגען אַ דירה, אַריינגעשטעלט עטלעכע בעטלעך און — ס'איז דאָ אַן „הכנסת־אורחים".

די הויפּט־טוער פון דער חברה זענען דאַן געווען: אברהם קאַץ, משה קארין, שמחה קארין, בן־ציון אייזנבערג, חיים עדעל־שטיין, מנשה גערגיס.

ווען די „פרעקווענץ" איז געוואָרן גרויס און קליענטן האָבן זיך געיאַוועט מאַסנווייז, האָבן מיט דער „הכנסות אורחים" זיך פאַראינטערעסירט אויך די עלטערע בעלי־בתים: ר' שלמה גאָלד־בערג, ר' משה גליקליך, ר' מאיר קרוינשטיין, משה קיפּערמאַן, משה קאַמעניעצקי, ר' נחמיה גאָלדבערג, משה ווייסבערג, און די יונגע עסקנים יעקב אייזנבערג און צבי עלמאַן. ס'איז לעגאַלי־זירט געוואָרן דער סטאַטוט פון דער געזעלשאַפט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויפן געביט פון זאַמלען געלט. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז ביי די עסקנים פון „הכנסת אורחים" אויך אַנטשטאַנען דער געדאַנק צו שאַפן ביי דער „הכנסת אורחים" אַ ביליקע קיך, וואָס זאָל אַרויסגעבן די אָרעמע־לייט פליישיקע מיטאָגן פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל. אַזאַ קיך איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן און זי האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. ווייל דאָס איז געווען דאָס איינציקע אָרט, ווו דער אָרעמער און געפאַלענער האָט געקאָנט פאַר עטלעכע גראָשן באַקומען אַ לעפל געקעכטס. אויך די שטאָט האָט זיך מיט סימפּאַטיע באַצויגן צו דער ביליקער קיך, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די פיינע הכנסות. די קיך האָט די דאָזיקע סימפּאַטיע זיך כשר פאַרדינט, שוין בלויז דערפאַר, ווייל זי פלעגט באַזאָרגן מיט אומזיסט עסן די יידישע זעלנער אין די ימים־טובים און אויך די יידישע אַרעסטאַנטן פון דער לויצקער טורמע.

ביידע שוועסטער־אינסטיטוציעס — „הכנסות אורחים" און די ביליקע קיך — האָבן זיך געפינען ביים האָראָכאָווער רבין, אין אַ באַקוועמער דירה פון פינף צימערן און די אַרבעט האָט זיך געפירט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. אונטער דער ענערגישער און שטרענגער אָנפירונג פון ר' שלום גאָלדבערג האָט די אינ־סטיטוציע אָנגעזאַמלט אַ רעזערוו־קאַפּיטאַל פון 7000 זלאָטעס.

דאָס דאָזיקע פאַרמעגן האָט די ביידע אַנשטאַלטן געשטעלט פאַר אַ גרויסן נסיון און אין משך פון אַ שטיקל צייט גורם געווען צו קריגערייען. ווייל צו אַ רייכער אינסטיטוציע האָבן זיך אַלע געשאַרט און געוואָלט דאָרטן באַלעבאַטעווען, פאַר־ווענדן דאָס געלט אויף פאַרשידענע צוועקן. אָבער ר' שלום גאָלדבערג האָט נישט מסכים געווען אויסצוגעבן דאָס געלט אויף אַן אַנדערן צוועק, ווי נאָר קויפן אַ הויז פאַר די אינסטי־טוציעס. אַזוי איז טאַקע געשען. אויף ווערסאָלער גאַס, נעבן דער טריסקער שול, איז אָפּגעקויפט געוואָרן אַ טייל הויז, ווו „הכנסות אורחים" און די ביליקע קיך האָבן זיך געפונען ביזן אויסברוך פון קריג.

פאַר די 15 יאָר, וואָס די הכנסת אורחים האָט עקזיסטירט און פאַר די 10 יאָר ביליקע קיך, האָבן זיי אַדורכגעמאַכט קאָלטס און וואַרעמס. געווען אַ צייט, ווען די אַנשטאַלטן זענען געווען געשלאָסן, ווייל ס'זענען קיין פירער נישט געווען. אָבער פון יאָר 1933 אָן פירט אָן מיט דער אַרבעט אַ קאָמיטעט מיט הרב סאַראַטשקין בראש.

נאָכן טויט פון שלום גאָלדבערג האָט די אַרבעט אַביסל געליטן, אָבער ס'האָט זיך באַלד געשטעלט אויף זיין אָרט זיין זון ר' שמואל גאָלדבערג, וועלכער האָט צוזאַמען מיט דער נייער פאַרוואַלטונג אָנגעהויבן פירן די אַרבעט.

דורך דער קיך זענען פאַר גאָר אַ קליינעם אָפּצאָל טאָג־טעגלעך אַרויסגעגעבן געוואָרן ביי 80 פליישיקע מיטאָגן, פון 4 שפּייזן. און אין הכנסת אורחים פעלן נישט ב"ה קיין געסט... יעדער אורח קאָן נעכטיקן ביז דריי נעכט אָן שום אָפּצאָל.

אינטערעסאַנט איז די סטאַטיסטיק פון ביידע אַנשטאַלטן פאַר עטלעכע יאָר:

אַזוי למשל זענען אין יאָר 1934 אַרויסגעגעבן געוואָרן מיטאָגן פאַר 15,156 פּערזאָן, אין יאָר 1935 — 16,208 פּערזאָן, אין יאָר 1936 — 17,300 פּערזאָן, אין 1937 — 16,320 פּערזאָן.

גענעכטיקט האָבן אין יאָר 1934 — 338 פּערזאָן, אין יאָר 1935 — 135, אין יאָר 1936 — 133, אין יאָר 1937 — 415.

די הכנסות פון די אינסטיטוציעס, אויסער די איינקונפטן פאַר די מיטאָגן, זענען אויך געווען די פאַרשידענע יום־טוב־אַקציעס און שמחות אין שטאָט, ווי אויך הילף פון אַמעריקע.

די הכנסות זענען אָבער געווען קנאַפּע. די פאַרוואַלטונג האָט פּלאַנירט פאַנאַנדערצובויען די ביליקע קיך, זי מאָדערני־זירן און איינפירן מיטאָגן פאַר גייסטיקע אַרבעטער, אַרבעטס־לאָזע, ווי אויך אַוועקשטעלן דעם הכנסת אורחים אויף אַ געהע־ריקע הויך.

דער אויסברוך פון קריג האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע פּלענער.
(כ)

פרויען־פאַראיין אויף „נאָוואָסטראָיעניע"

דער פרויען־פאַראיין אויף נאָוואָסטראָיעניע איז געשאַפן געוואָרן ווען די אָרטיקע אָרעמקייט האָט זיך איבערצייגט, אַז אין פאַל פון אַן אומגליק אָדער נויט, זענען די טירן פון אַנדערע הילפס־אַנשטאַלטן פאַר איר געשלאָסן.

די ספּעציפישע אָביעקטיווע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט די דאָזיקע שטאָט־פּעריפעריע, האָבן מסתמא גורם געווען צו אַזאַ באַהאַנדלונג.

מ׳דאַרף וויסן, אַז נאָוואָסטראָיעניע איז געווען באַוווינט דורך דער גרעסטער אָרעמקייט פון שטאָט. צוליב דעם האָבן נישט פיל געקאָנט באַלאַנגען צו די הילפס־אַנשטאַלטן, וואָס געפינען זיך אין שטאָט, ווו מ׳דאַרף צאָלן חדש־געלט און טראָגן אַנדערע התחייבותן. און פּונקט ווי צום צאָלן איז נישט געווען וועך פון נאָוואָסטראָיעניע, אַזוי איז, אומגעקערט, די צאָל נויטבאַדערפטיקע דאָרט כסדר געוואַקסן זייער גרויס. ווייל ווו דען נאָך, ווי אויף נאָוואָסטראָיעניע, זענען געווען אַזעלכע בלאָטעס, אַזאַ סאַניטאַר־היגיענישער צושטאַנד? אַזאַ נישט גלייכגעוויכט פון געבן ווייניק און נעמען פיל, האָט גורם געווען אַנצושטעלן די פירער פון אַנדערע הילפס־אַנשטאַלטן קריטיש לגבי דעם טייל, וואָס רופט זיך נאָוואָסטראָיעניע. די אַנשטאַלטן זענען אויך נישט געווען ביכולת צו העלפן אַלעמען. ווען אָט דער צושטאַנד האָט זיך גענומען שטאַרק לייגן מיט זיין שווערקייט אויפן נאָוואָסטראָיעניער ישוב, האָבן עטלעכע פרויען זיך צוזאַמענגענומען און באַשלאָסן צו גרינדן אַ זעלבשטענדיקן נאָוואָסטראָיעניער פרויען־פאַראיין, וואָס זאָל העלפן לינדערן די נויט, אָרעמקייט און קראַנקייטן ביי די דאָרטיקע איינוווינער.

די איניציאַטיוו האָבן געגעבן בתיה שניידער און נאָך עטלעכע פרויען. זיי האָבן פריער באַזוכט די הייזער פון די אַלע פרויען, וועלכע מ׳קאָן צוציען צו דער אַרבעט און שפּעטער האָבן זיי גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַ גרעסערער צאָל פרויען. דאָרט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג, ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אַ באַשטייערונג און ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די ערשטע שטיצע.

געווען איז עס אין יאָר 1928.

אין דער פאַרוואַלטונג זענען דאַן אַריין:

בתיה שניידער, גיטל גרינשפּאַן, הינדע סאָראָקאָ, רבקה וואָל, דבורה שמש, מאַניע גינזבורג, איטע גינזבורג, בתיה מענדעליוק, העניע גאַדיעס, חנה גלאַטער, אסתר וויגער, חנה וויגער און ביקמאַן.

די אַרבעט איז אָבער געווען באַשווערט צוליב דעם, ווייל ס׳איז נישט געווען קיין לעגאַליזאַציע און קיין באַשטעטיקטער סטאַטוט, אַן דעם איז אין יענער צייט געווען זייער שטרענג פאַרווערט דורכצופירן איגערלעכע באַשטייערונגען און גאַסן־זאַמלונגען אָדער עפנטלעכע אימפּרעזן.

די פאַרוואַלטונג האָט דאַן גענומען זיך סטאַרען וועגן אַ סטאַטוט און לעגאַליזאַציע. ענדלעך איז אין יאָר 1929 דער דאָזיקער פאַראיין לעגאַליזירט געוואָרן אַלס אָפּטיילונג פון צענטראַלן פרויען־פאַראיין אין וואַרשע.

דאַן איז דער פרויען־פאַראיין אַרויס אויף דער יידישער גאַס, פאַרשטייט זיך, אַז נאָר אויף זיין שטח — נאָוואָסטראָיעניע.

די אָרטיקע יידישע איינוווינער האָבן זיך גרופּירט אַרום פאַראיין און געשטיצט מאָראַליש און אויך פינאַנציעל אַלע זיינע אַקציעס און אונטערנעמונגען.

קליין איז די צאָל פון די, וועלכע קאָנען שטיצן דעם פאַראיין, אומגעהויער קלענער ווי די צאָל נויטבאַדערפטיקע, וואָס ווענדן זיך צום פאַראיין נאָך הילף. אָבער דער שטאַרקער ווילן און די טיכטיקע אַרבעט פון די אָנפירנדיקע פרויען העלפט מיט איינעם גובר זיין די שוועריקייטן. קיין שום זאַך איז פאַר די דאָזיקע פרויען נישט שווער. זיי זוכן פון אַלע קוואַלן הכנסה אויף צו קאָנען געבן דעם קראַנקן אַ מעדיקאַמענט, דעם שוואַכן — אַ גלאָז מילך אָדער עפּעס אַנדערש צו דערקוויקן זיך, און אַמאָל עמעצן — אַ מלבוש אָדער אַ פּאָר זלאָטעס מזומן.

די נוצלעכקייט פון פאַראיין הייבן אויך אָן צו באַגרייפן די שוועסטער און ברידער פון אַמעריקע, באַזונדערס פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, ווו ס׳געפינען זיך איינוווינער פון נאָוואָסטראָיעניע, וועלכע קענען גוט די לאַגע פון דער דאָזיקער שטאָט־פּעריפעריע. זיי שיקן פון צייט צו צייט זייער שטיצע צום פאַראיין און אויך צו די אָנפירנדיקע פרויען פריוואַט, אַז זיי זאָלן דאָס פונאַנדערטיילן צווישן די נויטבאַדערפטיקע.

די הכנסות שעפּט דער פאַראיין פון חודש־אָפּצאָל, פון זאַמלונגען אויף פאַרשידענע שמחות און פון אימפּרעזעס, וועלכע ווערן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט.

לוציק, 1938

י. צ.

י. דאָססיק

דער יידישער פליישער־צעך

די יידישע קצבים, וועלכע זענען ביזן יאָר 1929 געווען אָרגאַניזירט אין אַלגעמיינעם האַנטווערקער־פאַרבאַנד, האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז פילן אַ געוויסן אונטערשיד צווישן זייער מצב און דער לאַגע פון אַלגעמיינעם האַנטווערקערטום. זיי זענען, למשל, דורך דער שטייער־מאַכט באַטראַכט געוואָרן ווי סוחרים, צוליב זייער פלייש־האַנדל אין די יאַטקעס. חוץ דעם זענען אויפגעשווומען אַ גאַנצע ריי ספּעציפישע פּראָבלעמען, ווי היגיענישע סאַניטאַרע פאָרשריפטן און אַנד. צוליב דעם איז ביי די אָנפירנדיקע מיטגלידער פון דער פלייש־בראַנזשע אַנטשטאַנען דער געדאַנק צו אָרגאַניזירן זיך דורך שאַפן אַ זעלבשטענדיקע אייגענע אָרגאַניזאַציע. נאָכן דורכפירן די ערשטע פאָרמאַליטעטן איז טאַקע דעם 17־טן אויגוסט 1929 געגרינדעט געוואָרן אַ לעגאַליזירטער דורך דער מאַכט פליישער־צעך בראש פון וועלכן עס זענען געשטאַנען די ה"ה: אברהם זיגעלבוים, משה קאזיאל, אפרים אבראַמאָוויטש, דוד מנקר, יחזקאל שניידער (פּייעס), יוסף שניידער, ניסל שניידער און אהרן טעסלער. ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ טשעלאַדניקעס־אָפּטיילונג מיטן פאַרשטאָרבענעם קצב פרידל דיטינא בראש.

ליידער איז אָבער די פינאַנסיעלע לאַגע פון צעך געווען אַ שווערע. נישט אַלע מיטגלידער האָבן שוין ביים אָנהויב אַרויסגעוויזן פערשטענדעניש פאַר אַן אייגענער אָרגאַניזאַציע. חוץ דעם האָט דער מינימאַלער חודש־אָפּצאָל נישט געקאָנט קלעקן אויף אויסצוהאַלטן אַ זעלבשטענדיקע קאַנצעלאַריע. דער צעך האָט זיך דעריבער געפונען אַלס אויטאָנאָמע סעקציע ביים צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד. ערשט ווען אָנשטאָט דעם חודש־אָפּצאָל איז איינגעפירט געוואָרן אַ פּריוויליקער אָפּצאָל פון יעדן געשאָכטענעם שטיקל, איז מעגלעך געוואָרן צו אַנגאַזשירן אַן אייגענעם סעקרעטאַר — יחיאל קאָרנבליט.

אַרבעט איז געווען איבערגענוג. די שטייערן־שרויף האָט זיך געלייגט מיט אַ געפערלעכער שווערקייט און מ'האָט געדאַרפט זיך העלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך. חוץ דעם איז דאַן געבוירן געוואָרן די האַנטווערקער־קאַמער און זי האָט געבראַכט נייע נאָכוייעניש, ווי דיפּלאָמען, האַנטווערקער־קאַרטע, טשעלאַדניקעס, אָפּמאַכן און אַז. וו.

די פירער פון צעך האָבן אַנטוויקלט אַ שטאַרקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן. זיי האָבן זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט לוצק, נאָר זיי האָבן זיך אויך פאַרמאָסטן צו אָרגאַניזירן דעם גאַנצן פּאָוויאַט און צונויפגערופן קיין לוצק אַ דעלעגאַטן־קאָנפערענץ פון דעם אַרומיקן ראַיאָן, אָבער צוליב פאַרשידענע סיבות איז זי נישט צושטאַנד געקומען. איינע פון די וויכטיקסטע אויפטוען דאַן איז געווען די דערפאָלגרייכע אינטערווענץ ביי דער שטייער־מאַכט נישט צו רויִנירן די קצבים דורך דעם ענערגישן אויפמאָנען די פאַרלעגענע שטייערן, וואָס האָט אָפט געבראַכט צו רעקוויזירן די בהמות פון שעכט־הויז — נאָר אָנשטאָט דעם, צעלייגן עס אויף לענגערע ראַטעס.

אין יאָר 1932 איז געוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג מיטן ענערגישן טוער אברהם זיגעלבוים בראש אַלס סטאַרשי (עלטסטער) און אפרים אַבראַמאָוויטש און יוסף שניידער אַלס פּאָדסטאַרשי (פאַרטרעטערס). אויפן אָרט פון יונג פאַרשטאָרבענעם קאָרנבליט איז אַלס סעקרעטאַר אַנגאַזשירט געוואָרן משה שליטא. דער צעך איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן, געקרעפּטיקט געוואָרן אָרגאַניזאַציאָנעל און ס'איז געדונגען געוואָרן אַ גרויסער לאָקאַל אין סאַמע שטאָט־צענטער אויף יאַגעלאָנסקא, אין הויז פון עטינגערן.

איינע פון די וויכטיקסטע אַקציעס, וואָס איז ווערט אונטערגעשטראָכן צו ווערן, איז דער קאַמף פאַר אַרויסנעמען די אַרענדע פון שטאָטישן שעכט הויז פון די פּריוואַטע הענט און זי איבערנעמען פאַרן צעך, וואָס עס וועט ברענגען צו דער פאַרביליקערונג פון דער שחיטה־אָפּצאָל. נאָך אַ גאַנצער ריי אינטערווענצן איז געלונגען די אַרענדע איבערצונעמען בשותפות מיטן קריסטלעכן פליישער־צעך. ווייטער איז געשאַפן געוואָרן אַן אַסעקוראַציע־קאַסע אין פאַל פון אומגליקס־צופאַלן; ס'איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ געמיינזאַמער איינקויף פון די פעל, וואָס ס'האָט אַריינגעבראַכט דעם ריווח פון פאַרמיטלער, און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַרן איינקויף פון שטיקלעך, פאַר עפענען געמיינזאַמע יאַטקעס א.א.וו.

צוליבן שנעלן פונאַנדערוווּקס פון צעך, איז אַנגאַזשירט געוואָרן ח' ישראל דאָססיק, דער באַקאַנטער ספּאָרט־טוער, אַלס לייטער פון צעך. ס'איז רייף געוואָרן די נויטווענדיקייט צו פאַרקלענערן דעם הויכן שחיטה־אָפּצאָל, וועלכער פלעגט גענומען ווערן דורכן מאַגיסטראַט. די פירער פון צעך האָבן אָנגעהויבן אָפּשלאָגן די שוועלן פון פאַרשידענע אַמטן, אינטערווענירן און בעטן, אַז מ'זאָל זיי אַנטקעגנקומען מיט דער פאַרקלענערונג בכדי צו דערמעגלעכן די עקזיסטענץ פון די פליישער. ווען דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן לעצטן שטרייק. אַ לענגערע צייט איז נישט געקוילעט געוואָרן און די שטאָט האָט נישט געהאַט קיין פלייש. ענדלעך האָט דער מאַגיסטראַט נאָכגעגעבן און די פאַרקלענערונג איז אויסגעפועלט געוואָרן.

דער לעצטער אויפטו פון יענער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון צעך איז געווען דאָס אָרגאַניזירן דעם עקספּאָרט פון טריף פלייש אין די גרעסערע צענטערס פון לאַנד ווי קאַטאָוויץ, וואַרשע, לעמבערג און אַנד.

אַ בולטער באַווייז ווי אַזוי דער צעך איז געוואַקסן, איז דער פאַרהעלטנישמעסיק הויכער בודזשעט, וועלכן מ'האָט זיך פאַרגינען אָנצונעמען: 4 טויזנט זלאָטעס אַ יאָר.

אין יאָר 1935 איז דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ווידער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סטאַרשי אברהם זיגעלבוים. צוזאַמען מיט די איבעריקע טוער האָט ער געפירט אַן ענערגישן קאַמף פאַר דער אויסבעסערונג פון די קצבים־אינטערעסן. עס זענען אונטערגענומען געוואָרן ענערגישע שריט צו באַקעמפן די ווינקל־שחיטה, וועלכע האָט געבראַכט קאָלאָסאַלע שאָדנס דער אָרגאַניזירטער פלייש־בראַנזשע. מען האָט אויסגעפועלט גרעסערע קרעדיטן פאַר די קצבים אין דער האַנטווערקער־באַנק, ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אייגענע שאָפּע, וווּ צו זאַמלען דאָס בלוט פון די געשאָכטענע בהמות און די פאַרשידענע אָפּפאַלן, וועלכע גיבן אַ באַדייטנדיקע הכנסה.

דער צעך האָט אויך גענומען אויף זיך גערנוויליק די בירגערלעכע פליכט און זיך באַשטייערט אויף לאָפּפּ מיט 5 גראָשן פון יעדן געשאָכטענעם שטיקל. דער באַשלוס איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם דעמאָלטדיקן סטאַראָסטע ה. שאַכערסקי.

אין יאָר 1936 קומט דער שרעקלעכער קלאַפּ מיט פּריסטאָראָווס שחיטה־פאַרבאָט. דער היגער פליישער־צעך איז דאַן אַרויס אין קאַמף קעגן דער קהילה פאַר ביליקער מאַכן דעם אָפּצאָל פאַר ריטועלער שחיטה. דער צעך האָט אויך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ צענטראַלן איינקויף־פּונקט, וואָס זאָל אָפּקויפן ביי אַלע קצבים די טריפה פלייש־טיילן און זיי זאָלן נישט זיין געצוווּנגען צו פאַרקויפן די „זאַדקעס" (הינטערשטע טיילן) פאַר גראָשנס.

אָבער דער קלאַפּ, וואָס האָט געצילט להשמיד אַלע יידישע קצבים האָט אַלץ איבערגעריסן. די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען איז געווען געווענדט צום נייעם אומגליק, וואָס טראָגט פאַרניכטונג און אונטערגאַנג.

דער פליישער־צעך האָט, דורך זיין סטאַרשי זיגעלבוים און לייטער דאָססיק, דער ערשטער זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן אַלגעמיינעם יידישן פליישער־פאַרבאַנד פון פוילן, וועלכער האָט אונטערגענומען די פאַרטיידיקונגס־אַקציע. דאָ אויפן אָרט איז אויסגענוצט געוואָרן דאָס רעכט פון עקזיסטירנדיקן פליישער־קאָאָפּעראַטיוו און ס׳איז אַרויסבאַקומען געוואָרן ביי דער מאַכט אַ קאָנצעסיע אויף 19 יאַטקעס מיט אַ צענטראַלע.

אַזוי אַרום זענען פון די 70 קצבים פאַרזאָרגט געוואָרן מיט עקזיסטענץ 57 קצבים, 9 האָבן באַקומען אינדיווידועלע קאָנצעסיעס און די איבעריקע האָבן געמוזט איבערגעפירט ווערן צו דער מעכאַנישער שחיטה. ווי ווייט פאַראויסזעענדיק ס׳איז געווען די טאַקטיק פון דער פליישער־פאַרוואַלטונג, ווייזט דער פאַקט, וואָס נאָך מיט אַ צייט צוריק איידער דאָס שחיטה־אומגליק איז געוואָרן אַ פאַקט, איז שוין דורכן צעך געעפנט געוואָרן אין לוציק אַ קורס פאַר מנקרים, וואָס זאָלן טרייבערן דאָס הינטערשטע פלייש, בכדי צו קאָנען פאַרשטאַרקן דעם פלייש־קאָנטינגענט.

ליידער אָבער האָט דער קאָאָפּעראַטיוו לאַנג נישט עקזיסטירט. זיינע פּריווילעגיעס זענען בטל געוואָרן און די קצבים זענען געבליבן שטיין פאַר דער געפאַר פון אונטערגאַנג. די פירער פון צעך האָבן דאַן אויפסניי געמוזט אָנווענדן אַלע מיטלען אויף זיכערן די עקזיסטענץ פון די היגע קצבים. די אינטערווענצן זענען געווען דערפאָלגרייך. 48 קצבים זענען צוריק איינגעאָרדנט געוואָרן ביי די 19 קאָנצעסיעס און אויך פאַר די נישט אָרגאַניזירטע קצבים איז געזאָרגט געוואָרן.

אין יאָר 1938 איז ה׳ זיגעלבוים ווידער געוויילט געוואָרן אַלס „סטאַרשי". דאַן איז געווען אַקטועל די פראַגע וועגן אַ גרעסערן קאָנטינגענט פלייש און וועגן זיין יושרדיקער פונאַנדערטיילונג. ווען די פילמאָליקע אינטערווענצן אויפן אָרט האָבן נישט געגעבן דעם געהעריקן רעזולטאַט, האָט זיך דער צעך געווענדט אין אַגראַר־מיניסטעריום און דער ענין איז פּאָזיטיוו דערליידיקט געוואָרן.

דער צעך האָט באַשלאָסן צו באַשטייערן זיך מיט אַ פריי־וויליקן אָפּצאָל אויף די צילן פון פ.א.ן. (שענקען דעם היגן 24־טן פּאָלק אַ שווערע מאַשין־ביקס מיט אַלע צוגאַבן אין דער סומע פון 6000 זלאָטעס). וועגן באַשלוס איז געמאָלדן געוואָרן דעם סטאַראָסטע ה׳ קאָשטשאָלעק דורכן סטאַרשי זיגעלבוים און לייטער דאָססיק.

אין יאָר 1939 האָט דער פליישער־צעך געפייערט זיין 10־יעריקן יובל. די צאָל מיטגלידער האָט דאַן דערגרייכט 70 פּערזאָן.

די פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון פאָלגענדיקע פּערזאָנען:

א. זיגעלבוים (סטאַרשי צום 9־טן מאָל), אפרים אַבראַמאָוויטש (פּאָדסטאַרשי צום 8־טן מאָל), יחזקאל קאָזיאָל (פּאָדסטאַרשי), שעפּס לעכטער (קאַסיר צום 9־טן מאָל), יוסף שניידער (סעקרעטאַר צום 5־טן מאָל), דוד מנקר, חיים קארדיש, אברהם באטשאר (מיטגלידער).

לוציק, 1938

ש. כאַזאַן

יידישער ספּאָרט אין לוצק

אַפּריל 1918.

דער ערשטער פרילינג נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן צום לעבן אויך די יידישע נאַציאָנאַל־געשטימטע סטודענטישע יוגנט אין לויצק, וועלכע האָט זיך דעמאָלט גרופּירט אין דער אָרגאַניזאַציע „הסתדרות".

צווישן די פאַרשידנאַרטיקע צילן און אויפגאַבן פון דער דאָזיקער יוגנטלעכער אָרגאַניזאַציע איז אויך געווען אָנגעמערקט פיזישע קולטור — אַ קולטור, וואָס האָט ביי יידן געקאָנט זיך אַנטוויקלען נאָר אונטער די שטראַלן פון דער פרייהייטס־זון.

ס׳האָט זיך געפונען אַ קריסט, אַ מומחה אין הלכות־פיזישער קולטור, און ער פלעגט דורכפירן מיט די מיטגלידער גימנאַסטישע איבונגען. נישט לאַנג דערנאָך איז פון גלות־עסטרייך געקומען דער לויצקער תושב בנימין פאַרשטיי, אַ גרויסער טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער אויף דעם דאָזיקן געביט, דערצו אַ מענטש מיט אַן אויסגעפּראָכענער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע און האָט זיך געשטעלט בראש פון דער קליינער גרופּע. ער האָט געשאַפן אַ גימנאַסטיק־קורס פאַר אינסטרוקטאָרן, וואָס זייער אויפגאַבע, נאָכן דורכמאַכן דעם קורס, וועט זיין: פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן פאָלק פאַר די אידעע פון פיזישער רענעסאַנס און פירן די פּראַקטישע אויסבילדונגס־אַרבעט.

ב. פאַרשטיי האָט אויך אָפּגעשאַפט די רוסישע טערמינאָלאָגיע ביי די איבונגען און איינגעפירט העברעיש אַלס אָבליגאַטאָרישע קאָמענדע־שפּראַך.

שווער איז עס אָנגעקומען די רוסיש־אַסימילירטע קאַנדידאַטן־אינסטרוקטאָרן זיך אויסצולערנען די פאַר זיי פרעמדקלינגענדיקע העברעישע שפּראַך, אָבער זייער אויפוואַכנדיק און שטייגנדיק נאַציאָנאַל־געפיל איז זיי בייגעשטאַנען גובר צו זיין די דאָזיקע שוועריקייט.

יידישער ספּאָרט־קלוב אין יאר 1918

זעקס וואָכן האָט געדויערט דער ערשטער אינסטרוקטאָרן־קורס און דורכגעמאַכט האָבן אים פאָלגנדיקע מיטגלידער: מאָטל גלעזער (היינט זגגי, ישראל), מוליק זבאַר (שפּעטער מעדיצין ד״ר אין פּאַריז), מוני גאַרבאַזש (ישראל), אורי גליקליך (אומגעקומען אין וואַרשע), יאנקל אשכנזי (היינט אין ישראל), לענדער (ישראל), אַננאַ ספּעקטאָר (די פרוי פון וועלט־באַרימטן פידל־ווירטואָז פּראָפ. זאַדרי), מוני שניידער, בלומענקראַנץ און אסתר כאדראווא (ישראל).

ס׳איז געדונגען געוואָרן אַ לאָקאַל אין דער „נאַראָדנאַיאַ טשייניא". אַהין פלעגן זיך טאָג־טעגלעך צוזאַמענקומען צענדליקער יידישע זין און טעכטער און אונטער דער אָנפירונג פון די געענדיקטע אינסטרוקטאָרן דורכמאַכן פאַרשידענע גימנאַסטישע איבונגען.

בנימין פאַרשטיי

דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז אין שטאָט זענען אַריין די פּוילישע מיליטערישע באַטאַליאָנען. די נייע מאַכט האָט רעקוויזירט דעם לאָקאַל. די ספּאָרט־מכשירים האָט צוגענומען דער „דעמאַט" (אַ מלוכהשע אינסטיטוציע, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען פאַרשידענע מאַטעריאַלן, געבליבענע נאָך די רוסן).

בלייבנדיק אָן אַ לאָקאַל און מכשירים, איז די טעטיקייט אָפּגעשטעלט געוואָרן, און די אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

אָבער דער דראַנג ביי דעם בעסערן טייל יוגנט אויסצולעבן זיך געזעלשאַפטלעך, צו האָבן אַ מקום־מקלט, ווו זיך צוזאַמענצוקומען, און דער עיקר — צו טרייבן ספּאָרט און גימנאַסטיק, איז געווען גרויס און האָט זיך נישט געלאָזט דערשטיקן. פלעגן זיך צענדליקער יונגעלייט פון צייט צו צייט צוזאַמענעמען אין גרויסן קהילה־זאַל און דורכפירן גימנאַסטישע איבונגען אונטער דער לייטונג פון די אינסטרוקטאָרן, און גאַנץ אָפט אויך אונטער דער פערזענלעכער אָנפירונג פון ה׳ בנימין פאַרשטיי.

האָבן אָבער די דעמאָלטדיקע קהילה־אָנפירער נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר די שטרעבונגען פון דער יוגנט און איר געשטערט אַריינצוקומען אין קהילה־זאַל. די יוגנט האָט פונדעסטוועגן נישט רעזיגנירט און פלעגט גאַנץ אָפט, אַדאַנק דער „געשמירטער" הילף (איצט מעג מען שוין מגלה־סוד זיין) פון דעם וועכטער ר׳ יודל, אַריינבאַקומען זיך אין די אָוונטן אין זאַל און זיך פאַרנעמען מיט גימנאַסטיק.

לאַנג האָט אָבער אַזאַ אומנאָרמאַלער צושטאַנד נישט געקאָנט דויערן. צוליבן נישט וויסן אויף זיכער, ווען מען וועט קאָנען זיך אַהין אַרייַנבאַקומען, פלעגן קומען ווייניק מענטשן. די גימנאַסטיק האָט געמוזט אויפהערן. האָבן די פירער דאַן באַשלאָסן צו מאַכן נאָך אַ פרווו צו גרינדן אַ זעלבשטענדיקן קלוב. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער יוגנט האָט צו זייער דראַנג נאָך ספּאָרט און פיזישער אַנטוויקלונג געפעלט איין קלייניקייט: מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. האָט מען געפּרוווט זיך פאַרשטענדיקן מיט דער עלטערער געזעלשאַפט. אָבער דאָ איז געווען דאָס פאַרקערטע: מיטלען זענען דאָ, אָבער פאַרשטענדעניש פאַר דער אַרבעט פון דער יוגנט — פאַר קיין פּרוטה נישט.

האָבן זיך אויך דאָס מאָל די פּרווון נישט איינגעגעבן, און דער געדאַנק וועגן אַ ספּאָרט־קלוב איז געבליבן הענגען אין חלל.

✶

פסח, יאַר 1921.

אין רעזולטאַט פון פיל אסיפות און זיצונגען פון די ספּאָרט־עסקנים איז געקומען דער באַשלוס, אויסצונוצן די פסח־טעג פאַר נאָך אַ פּרווו צו שאַפן אַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע. אויף אַ גרויסער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין דער קהילה איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: מולי זבאר — פּרעזעס, אילקע רעכטשאַפט — וויצע־פּרעזעס, משה גאָלדבערג — סעקרעטאַר, ש. כאַזאַן — קאַסיר און יאשא פּטיץ — מיטגליד. ס'איז באַשטימט געוואָרן צו מאַכן אַן אָוונט אין „סטראַזש", צו שאַפן אַ ביסל געלט אויף צו דינגען אַ לאָקאַל. צום אָרגאַניזירן אים איז צוגעצויגן געוואָרן דער בעסטער טייל פון דער יוגנט, און ער איז דורך מיט דערפאָלג. דאַן האָט מען געדונגען אַ לאָקאַל אין הויז פון זבאר אויף יאַגעלאָנסקא.

אַזוי ווי אַ זאַל פאַר גימנאַסטיק איז דאָרט נישט געווען, האָט זיך די אַרבעט קאָנצענטרירט אויף דער פוטבאָל־סעקציע, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער נאָר־וואָס פון רוסלאַנד געקומענער איזיע גארמעל (שפּעטער עמיגרירט אין אַמעריקע).

די פוטבאָל־סעקציע האָט שטאַרק פּאָפּולער געמאַכט די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע, נישט אַזוי צוליב איר הויכער קלאַס, ווי צוליב דעם צוזאַמענשטעל פון די שפּילער, וועלכע זענען באַשטאַנען אין גרעסטן רוב שוין פון דער אַזויגערופענער „גאָלדענער" יוגנט.

יעדן טאָג כמעט, אין די פאַרנאַכטן, פלעגן אויף די פעלדער פון די קאַזאַרמעס פאַרזאַמלען זיך צענדליקער יוגנטלעכע, מיטגלידער און נישט־אָרגאַניזירטע, אַלע פלעגן קומען שפּילן, איבן זיך אין דער פוטבאָל־קונסט. אין די שבתים און יו"ט־טעג פלעגן איינגעאָרדנט ווערן מעטשן. די פאַרוואַלטונג האָט „געשמידט דאָס אייזן", אַרייַנגעצויגן פיל מיטגלידער, איינגעאָרדנט טאַנץ־אָוונטן אין שטאָט און אפילו אויסער דער שטאָט — אין קיווערצער וואַלד.

ווען ס'איז באַוווּסט געוואָרן אין דער סביבה, אַז אין לויצק עקזיסטירט שוין אויך אַ ספּאָרט־קלוב, ווי אין ראָוונע, דובנע און אַנד., האָט די פאַרוואַלטונג אָנגעהויבן באַקומען איינלאַדונגען צו קומען אויף פריינדשאַפטס־מעטשן.

אַ טראַגי־קאָמישער עפּיזאָד: דער קאַפּיטאַן פון דער פוטבאָל־דרוזשינע, איזיע גארמעל, איז געווען אַ שוואַכער אָרגאַניזאַטאָר. איינמאָל האָט ער געמאָלדן, אַז מען פאָרט אויף שבת קיין דובנע אויף אַ מעטש מיטן דאָרטיקן ספּאָרט־קלוב „הכוח", איינער פון די שטאַרקסטע קלובן אויף וואָלין. נאָך פאַרשידענע טריקן, ווי איינלאַדן אַלס ריכטער „מעצענאַסן", וועלכע האָבן דערפאַר געגעבן צושטייער אויף די הוצאות און נאָך פאַרשידענע „סקלאַדקעס", איז געלונגען מיט גרויסער מי צונויפצושטעלן דעם נויטיקן סכום הוצאות־הדרך פאַר דער 14—15 פּערזאָניקער דרוזשינע, און פרייטאָג־צונאַכטס איז מען אַוועק מיט דער באַן קיין דובנע. צווישן דער מאַנשאַפט האָבן זיך געפונען חיים לייבל, שורא בראָנבערג, שימעק באקאָוויעצקי, מוליק זבאר, יאשא פּטיץ, קיבריק, שאכניוק, משה גראָסבערג, גארמעל א. אַנד. פון דער פאַרוואַלטונג — רעכטשאַפט און דער שרייבער פון די שורות. די „מעצענאַטן" זענען געווען בן־ציון ראַפּאָפּאָרט און ניסן קאמער (אַ פערד־הענדלער אויף בידעוו).

אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט קיין דובנע אויפן וואָקזאַל, איז די דרוזשינע, אַ טויט־הונגעריקע אַוועק צופיס אַ 4—5 קילאָמעטער אין שטאָט אַרייַן. אָבער... קיינער פון דעם דובנער „הכוח" איז נישט געקומען אונדז אָפּנעמען. ווען מיר זענען געקומען אין שטאָט, האָבן מיר דערזען אויף די טומבעס אַ גרויסן אַפיש וועגן אַ פוטבאָל־מעטש צווישן דובנער „הכוח" מיט... לעמבערגער „חשמונאי"!..

די באַדינגונגען, אויף וועלכע אַזעלכע צווישנשטעטישע מעטשן פלעגן איינגעאָרדנט ווערן, זענען געווען אַזעלכע: די איינגעלאַדענע דרוזשינע פאָרט אויף אירע הוצאות און אייגענע קעסט. נאָכן מעטש נעמען די בעלי בתים אַראָפּ פון דער מעטש־קאַסע די צוריק־הוצאות פאַר דער גאַסט־דרוזשינע. אָבער, אַז דובנע שפּילט גאָר היינט מיט לעמבערג, ווו־זשע וועלן מיר באַקומען אויף די הוצאות צוריק?

מיר האָבן פונדעסטוועגן איבערגעלאָזט די זאָרגן אויף מאָרגן און זענען דערווייל אַוועק זיך באַזאָרגן מיט אַ נאַכטלעגער ערגעץ אין אַ דריטראַנגיקן איינפאָר־הויז אויף דער פּאָדלאָגע.

מיר זענען יאַקאָש איבערגעקומען די נאַכט און שבת פרי אַרויס אין שטאָט אַרייַן און דאָס מיספאַרשטענדעניש איז געוואָרן קליפּ און קלאָר.

דער מעטש איז דערווייל פאָרגעקומען און אַרייַנגעבראַכט אַ גרויסע קאַסע. מיר זענען געווען אויפן פעלד אַלס געסט, אָבער מיטאָג האָבן געגעסן זיי, און נישט מיר... וואָרום ווו זאָלן מיר נעמען?...

מיר זענען געבליבן צו שפּילן אַ מעטש מאָרגן, זונטאָג. מיר האָבן מיט מזל אָפּגעשפּילט, אַרייַנכאַפּנדיק 4 גאָלן. „הכוח" האָט געמאַכט אַ „סקלאַדקע" אויף הוצאות. פאַרן נאַכט־לעגער האָבן מיר פאַרזעצט די... הייזלעך און — היידא אַהיים הונגעריקע און אויסגעשעפּטע. אַ נס וואָס בן־ציון ראַפּאָפּאָרט האָט ערגעץ אויף אַ באַן־סטאַציע געהייסן אונדז אַלעמען עסן אויף זיין חשבון... ווי אַזוי ער האָט אים רעגולירט, ווייסט פריער גאָט, און דערנאָך ער...

נאָך אַ נאַכט פאָרן מיטן שלעפּ־צוג האָבן מיר זיך אַרייַנבאַקומען אין די היימען און זיך אויסגעגלייכט די ביינער, פאַרזאַגנדיק אַ צענטן שוין צו זיין אויסגעהיט פון אַזעלכע ספּאָרט־עמאָציעס....

✶

נישט געקוקט אויף דעם אידעאַליזם פון דער קליינער גרופּע ספּאָרט־טוער, האָט זיך דער קלוב נישט געקאָנט האַלטן. קיין לעגאַליזאַציע איז נישט געווען און ווער ס'זאָל זיך מיט דעם

פאַרנעמען — אויך נישט. קורץ: אין אַ שיינעם טאָג האָט די פאַרוואַלטונג זיך צוזאַמענגעקליבן אין הויז פון א. רעכטשאַפט, אָפּגעהאַלטן די לעצטע זיצונג און זיך געזעגנט מיט די ביכער און שטעמפּלען, וועלכע זענען אויפגערוימט געוואָרן...

✶

זומער, 19.5.1924.

די אַלגעמיינע לאַגע האָט זיך סטאַביליזירט. דער ספּאָרט האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אויך אין יידישן געסל. באַזונדערס אין דער פוטבאָל דערהויבן געוואָרן ביי דער יוגנט ביז צו אַן אָפּגאָט. נישט אַזוי — אין לויצק. די געציילטע ספּאָרט־אָנהענגער האָבן באַשלאָסן ווידער צו מאַכן אַ פּרווו אויפצושטעלן די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע. ס׳איז צוגעצויגן געוואָרן אַדוו. ראָטפעלד ער זאָל דורכפירן אַ דערלויבעניש אויף „מכבי". מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז דער ראָוונער „מכבי", דאַן שוין אַ שטאַרקע מאַנשאַפט, קומט צו פאָרן קיין לויצק אויף אַ מעטש מיטן היגן מיליטערישן קלוב און ער געווינט. ער מאַכט אַ באַנקעט אין איינעם פון די היגע רעסטאָראַנען „פּאָלאָניאַ", ווו מ׳איז זיך משמח מיטן נצחון און מען זינגט צווישן אַנדערע לידער אין דער רוסישער שפּראַך, פון וועלכער מ׳האָט זיך נישט באַוויזן אָפּצוגעווינען.

דאָס האָט גורם געווען, אַז „מכבי" זאָל פאַרבאָטן ווערן אויף וואָלין. האָבן די היגע ספּאָרט־עסקנים מיט ב. פּאַרשטיי בראש באַשלאָסן אָנצונעמען דעם נאָמען „חשמונאי". נאָך אַ לענגערער צייט השתדלות איז געלונגען דעם סטאַטוט צו לעגאַליזירן.

די גדולה ביי די טוער און יוגנט איז געווען אין־לשער. דער קאָמיטעט אונטער דער אָנפירונג פון ה׳ ראָטפעלד אַלס פּרעזעס, חייקל ווייץ אַלס וויצע־פּרעזעס און ד״ר צעזאַר כאַיט אַלס קאַסיר — האָט זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט. ס׳איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין שטאָט־טעאַטער אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע לכבוד דער דערעפענונג פון קלוב. אָבער נאָך די פייערלעכע שטימונגען, איז געקומען די גרויע ווירקלעכקייט. מען האָט זיך ווידער איבערצייגט, אַז מיט לויטער אידעאַליזם קאָן מען קיין קלוב נישט אויסהאַלטן, נאָר מען דאַרף אויך האָבן געלט, און דאָס איז נישט געווען. צו פאַראינטערעסירן די ברייטע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, ווי ס׳איז געשען אין אַנדערע שטעט, איז אַלץ נישט געלונגען. און דער קלוב האָט ווידער אָנגעהויבן וועגעטירן. די קאַנצעלאַריע האָט זיך איבערגעטראָגן פון איין דירה אין דער אַנדערער. אַזוי לאַנג, ביז מ׳האָט דעם קלוב עקסמיטירט, און דאָס ביסל אינווענטאַר איז איבערגעפירט געוואָרן צום פּרעזעס ב. פּארשטיי אין קאַמער אַריין.

די אָנפירונג פון „חשמונאי"
פון רעכטס, ערשטע ריי: ל. בורשטיין, ב. פּאַרשטיי, ד״ר אַקסמאַן; צווייטע ריי: א. וויינשטיין, י. גרושעווסקי, י. דאַססיק, י. קרוין, ש. כאַזאַן, י. בערגער, ב. פיינטוך.



אַ זכר פון „חשמונאי" פלעגט מען זען בלויז אין די טעג פון מלוכהשע, אָדער יידיש־נאַציאָנאַלע פייערלעכקייטן. די חשמונאי׳ער פלעגן זיך דאַן באַטייליקן אונטער דער אָנפירונג פון ניי צוגעקומענעם פוטבאָל־קענער, פּאָרוטשניק פון פּוילישן מיליטער זיגמונט דים, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין לויצק.

אַזוי איז אויך אַוועק דאָס יאָר 1926. ס׳זענען, אמת, צוגעקומען צוויי וואָגיקע כוחות פאַרן ספּאָרט: יונה אָסיפּאָוו און ישראל דאַססיק, דער פּאָפּולערער ספּאָרט־טוער, וועלכער איז ביז ערב דעם קריג־אויסברוך געשטאַנען אין צענטער פון דער אַלגעמיינער און יידישער ספּאָרט־אַרבעט, אָבער — „איין שוואַלב קאָן קיין זומער נישט מאַכן".

✶

יאָר 1929.

פון דאָזיקן יאָר דאַטירט זיך דער באַרג־אַרויף פון „חשמונאי" און פון יידישן ספּאָרט בכלל אין לויצק.

מיטגעווירקט דערצו האָט דער „שטאָטישער קאָמיטעט פאַר פיזישער דערציונג", וועלכער איז דורך דער מאַכט גערופן געוואָרן צום לעבן. דער קאָמיטעט האָט געגעבן דעם „חשמונאי" זיינע מיליטערישע אינסטרוקטאָרן, וועלכע האָבן געמאַכט גימנאַסטיק מיט דער יוגנט. דאַן איז געשאַפן געוואָרן אַ ראָווערן־סעקציע, וועלכע האָט געהאַט אין אירע רייען שטאַרקע מייסטער, וואָס האָבן געשלאָגן רעקאָרדן. אַזוי האָבן גענומען די מייסטערשאַפט פון וואָלין אין אַ גייעג־קאָנקורס אויף אַ דיסטאַנץ פון 10 קילאָמעטער די מיטגלידער גערטנער און ל. אַווערבוך. אויף קלענערע דיסטאַנצן האָבן זיך אויסגעצייכנט די מיטגלידער קיגעל און קאַצובי.

אין יאָר 1930 איז אויף אַ פאַרזאַמלונג אין בית־עם געווילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג מיט י. באַרזאַך, ב. פּאַרשטיי, י. דאַססיק, נ. אָסיפּאָוו בראש. ס׳איז געדונגען געוואָרן אַ לאָקאַל, אין וועלכן מען האָט אַריינגעפירט צום ערשטן מאָל פינג־פּאָנג,

וואָס האָט צוגעצויגן די יוגנט מאַסנווייז. אויך די פוטבאָל־סעקציע אונטער דער לייטונג פון י. דאַססיק האָט אַרויסגעוויזן אַקטיווי־טעט.

אַ שטאַרקן שטויס צו דער אַקטיוויזירונג פון ספּאָרט בכלל און פוטבאָל בפרט האָט געגעבן דער דעמאָלטדיקער יידישע פּאָליציי־קאָמיסאַר ה׳ פּאַוועל העללער. ער איז געווען אַ פּאַר־ברענטער ספּאָרטלער און אויך — אַ וואַרעמער ייד. אַ דאַנק זיינע באַמיונגען איז געלונגען צו באַקומען אין צענטער פון שטאָט, הינטער די האַלעס, אויף די לאָנקעס, אַ פוטבאָל־פּלאַץ. אַדאַנק דעם האָט די יוגנט געהאַט כסדר אַן אָרט צו טרענירן און איבן זיך אין פוטבאָל. און דאָס האָט אויך געגעבן גרויסע קאַ־סעס ביי מעטשן, ווייל דער עולם איז אַהער געגאַנגען מאַסנווייז.

פוטבאָל־גרופּע פון „חשמונאי״

פון די מעטשן האָט שוין דער „חשמונאי״ געקאָנט ציען מיטלען צו עקזיסטירן. אויף ווי ווייט די לאַגע איז דאַן געווען גלענצנדיק איז צו זען פון דעם פאַקט, וואָס דער קלוב האָט זיך אונטערגעגאַרטלט אַראָפּצובריינגען דעם דאַן וועלט־באַרימטן ווינער „הכוח״, וועלכן ס׳איז אויסגעצאָלט געוואָרן פאַר זיין „גאַסטראָל״ אַזש דריי הונדערט דאָלאַר, וואָס איז דאַן געווען קנאַפּע דריי טויזנט גילדן.

„חשמונאי״ איז געוואָרן פּאָפּולער. ס׳זענען צוגעקומען מיט־גלידער. דער קלוב־לאָקאַל, אין הויז פון יוסף בלינדער, האָט זיך איבערגעצויגן אין פּרעכטיקן לאָקאַל ביי קראָנשטיינען. דאָרטן איז געווען אַ גרויסער זאַל פאַר גימנאַסטיק. באַזונדערס האָט געבליט די פוטבאָל־סעקציע, וועלכע האָט פאַרמאָגט איי־ניקע טאַלאַנטירטע שפּילער, ווי סאַלאָמאָן פּינוס, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד צוליב זיין אָנטייל אין עטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע מעטשן. אין די דרייסיקער יאָרן האָט פּינוס געשפּילט אין לעמבערגער „חשמונאי״, פאַרנעמענ־דיק דאָרטן אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. דאַן האָט די פאַרוואַלטונג באַשלאָסן צו אַנגאַזשירן אַלס טרענירער פאַר דער פוטבאָל־דרוזשינע דעם יידיש־אונגאַרישן ספּעציאַליסט זינגער.

✶

יאָר 1933.

אַדאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט פון טרענירער און באַזונדערס צוליב דער אידעאַליסטישער באַציונג פון די מיט־גלידער פון דער פוטבאָל־סעקציע, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַמביציע און דיסציפּלין, איז געלונגען אָפּצוהאַלטן אויפן פוטבאָל־פעלד אַ ריי גלענצנדיקע נצחונות און אַריינצוגיין אין דער קלאַס „א״. אויסער דער פוטבאָל־סעקציע זענען אויך געווען טעטיק די גימנאַסטיק־סעקציע, באָקס־סעקציע און ראָווער־סעקציע. די לעצטע האָט אַרויסגעוויזן גאָר גרויסע אַקטיוויטעט אַזוי, אַז איניקע אָנפירנדיקע מיטגלידער, נעמלעך: אַדאָלף כאַזאַנאָוו, אייזיק ראַפּאָפּאָרט, יעקב גאָסקאָ, דוד דיאַטלאָוויצקי און משה שניידער, האָבן זיך געלאָזט מאַכן אַ רייזע איבער פּוילן, פונוואַנען זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט צוויי אַלבאָם־ביכער מיט פאָטאָגראַפיעס און אונטערשריפטן פון אַלע פונקטן, וועלכע זייער טראַסע האָט אַרומגענומען.

אַ גרויסער טייל פון דער געזעלשאַפט האָט אויך אָנגעהויבן צו דעמאָנסטרירן זיין סימפּאַטיע דורך צאָלן מיטגלידס־אָפּצאָל און באַשטייערן זיך בעת פאַרשידענע אַקציעס.

אין זעלבן יאָר איז געפייערט געוואָרן דער 15־יאָריקער יובל פון „חשמונאי״ דורך אַן אימפּאָזאַנטער אַקאַדעמיע אין שטאָט־טעאַטער, וועלכער איז געווען פול באַזעצט מיט געסט. אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן „חשמונאי״ האָט געהאַלטן רעד. ש. כאַזאַן, און ס׳איז אויך פאָרגעקומען אַ פּרעכטיקער קאָנצערט־טייל, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט דער באַקאַנ־טער קלאַוויר־מייסטער און קאָמפּאָזיטאָר מאַקס פערשקאָ און דער באַקאַנטער אַקטיאָר לייב לערנער. גרויס בייפאַל האָט אַרויס־גערופן דער לעצטער, זינגענדיק זיין ספּעציעל פאַרפאַסט לידל „חשמונאי״, וואָס שילדערט הומאָריסטיש ווי ס׳וועט אויסזען דער לוצקער יידישער ספּאָרט באחרית־הימים...

„חשמונאי״

צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון לידל „אַבדול־ביי״

איז פאַרהאַן ביי אונדז אין שטאָט אַ חשמונאי
מיט אַ קליינטשיק פרעזעסל פּ אַ ר ש ט י י.
און אַלץ מאַרשירט פאָראויס,
און עס פירט זיי גרישע גרויס, —
ס׳איז נישט קיין וויץ, אוי כ׳לעבן הערט מיך אויס.
פון אונטן — קיפּערמאַן דער לאַנגער „ביורא מיק״
טראָגט זיך קורצע הייזלעך, ס׳איז דאָך אַן אַנטיק,
פון לינקס — סענאַטאָר דאַל,
פון רעכטס גייט זבולן פערקאַל
און אַלע לויט דעם מושטער אין דער ריי...

ר ע פ ר י י ן:

איי, איי איי חשמונאי
וואַרפסטו אַ באַל, איז יענעם אַך־און־וויי,
איי, איי, איי, פּע־קאַ־עס
אוי, ציטערסט פאַר אונדזער חברל פּינעס,
אוי דיינע מוסקעלעך
איז נישט פון קלוסקעלעך,
דיינע מיטגלידערלעך
זענען דאָך ריטערלעך,
איי, איי, חשמונאי,
ביסטו אַ צאַצקע — הער איך ווי איך שטיי און גיי.

דאָס יאָר 1936 איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער פאָן־אַנטהילונג, וועלכע „חשמונאי" האָט זוכה געווען צו פּראַווען ערשט אויפן 18־טן לעבנס־יאָר.

גאָר אימפּאָזאַנט איז אַדורך די דאָזיקע פייערלעכקייט: אַ גאָטעס־דינסט און פאָן־הייליקונג מיטן אָנטייל פון שטאָט־רב ר׳ זלמן סאָראָטשקין אין דער גרויסער שטאָט־שול; אַ צאָלרייכער צוג פון אַלע מיטגלידער איבער די גאַסן, וועלכע פירן פון קלוב אין שול; אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע אין רעפּרע־זענטאַנץ־זאַל פון קהילה, ווו ס׳איז פאָרגעקומען דאָס אַריינקלאַפּן די זשעטאָנען אין דער פאָן־שטאַנג און דאָס אַריינשרייבן זיך אין „קופּערנעם בוך", און צום שלוס אַ רייכער באַנקעט.

די גאַנצע צייט איז געשטאַנען אַן ערן־וואַך פון „חשמונאי׳ער ביי דער אַנטהילטער פאָן, וועלכע איז געווען פּרעכטיק אין איר אויספירונג און אָריגינעל אין איר נאַציאָנאַלער סימבאָליק, וואָס איז טיף דורכגעטראַכט געוואָרן און האָט באַהאַנדלט אייי־ניקע וואָגיקע מאָמענטן פון דער ייִדישער רומפולער געשיכטע.

די דאָזיקע פאָן, די איינציקע, נישט נאָר אויף וואָלין, נאָר מעגלעך, אַז אין גאַנץ פּוילן, איז געוואָרן פּראָיעקטירט דורכן פּרעזעס בנימין פאַרשטיי, און געמאָלט דורכן קינסטלער מ. באָרושעק.

אויך דער „קופּערנער בוך" איז אייגנאַרטיק, הן אין דער פאָרטראַכטונג און הן אין דער אויספירונג. אויף די ערשטע בלעטער זענען פאַראייביקט די גרויסע גייסטער מאַקס נאָרדוי, נחום סאָקאָלאָוו א. אנד., וועלכע האָבן געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר דעם פיזישן רענעסאַנס פון פאָלק און פאַר פּראַקטישער אַרבעט אויף דעם געביט.

נאָך דער פאָן־פייערונג, האָט די פאַרוואַלטונג גענומען טראַכטן וועגן רעאַליזירן דעם גרויסן געדאַנק וועגן דער שווים־און רודער־האַלע.

נאָך אין יאָר 1933 האָבן די חשמונאי׳ער און מיטגלידער פון שטאָטישן קאָמיטעט פאַר פיזישער דערציונג, לאָווניק עלקין און סעקרעטאַר י. דאַסטיק, אויסגעפּועלט ביים קאָמיטעט אַ פּלאַץ פאַר אַ שווים־האַלע, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער דער טאָמע ביים טייך סטיר, נישט ווייט פון דער פּוילישער „טאַוואַ־זשיסטוואַ וויאָשליאַרסקיע". דעם דאָזיקן פּלאַץ האָט „חשמונאי" אַרענדירט אויף 10 יאָר, און מ׳האָט גענומען טראַכטן וועגן אויסבויען דאָרטן אַ שווים־האַלע, אין וועלכער ס׳האָט זיך אַנגעהויבן פילן אַ נויטווענדיקייט. ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט בראש מיט ד״ר מאיר גריפּעל. דער קאָמיטעט האָט דורכגעפירט אַ זאַמל־אַקציע און צונויפגענומען אַ פּאָר הונדערט גילדן. ס׳איז שוין אַפילו געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרקן אויפן פּלאַץ מיט אַ טויער און טרעפּ אַראָפּצוגיין, אָבער — מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט.

צי איז דאָס געשען דערפאַר, ווייל בראש פון קאָמיטעט זענען געשטאַנען מענטשן, הגם פּראַקטישע, אָבער אָן אידעישע פליגל. צי איז נאָך די צייט נישט ראוי געווען פאַר דער פאַר־ווירקלעכונג פון דאָזיקן געדאַנק. אַ פאַקט איז, אַז דער קאָמי־טעט איז זיך צעפאַלן. דער פּאַרקן איז איבערן ווינטער צע־שלעפּט געוואָרן, און די איבערגעבליבענע קלעצער האָט מען אַראָפּגעפירט, ווי תמיד, אויפן הויף צום פּרעזעס פאַרשטיי.

אין משך פון זומער 1937 האָט זיך געדוכט: אָט־אָט געשעט שוין דער נס און ס׳ווערט אויפגעשטעלט דער שווים־סטאַדיאָן, אָבער ס׳זענען אַרויסגעשווימען שוועריקייטן מצד דער פּוילישער מאַכט. מיר האָבן געמוזט רעזיגנירן פון פּלאַץ און נעמען אַ צווייטן אויף דער זייט פון סטיר, נעבן בענגן. ערשט אין זומער 1938 זענען ענדלעך אַלע פּערמאַליטעטן גע־בראַכט געוואָרן אין אָרדענונג און מ׳איז צוגעטרעטן בויען.

ביז סוף 1938 איז אין דער געבײדע אינוועסטירט געוואָרן 7 טויזנט גילדן. ס׳האָט זיך אָבער געפּאָדעוועט נאָכאַמאָל אַזוי פיל צום אַרויסענדיקן.

לוציק, 1938

חיי
התרבות

דאָס
קולטור־
לעבן

יצחק שטערנפעלד

ש. אנסקי אין לויצק

דריי מאָל און אין פאַרשידענע צייטן האָב איך אים געזען אין לויצק. און הגם ער איז יעדעס מאָל געקומען מיט אַן אַנדער שליחות, האָט איין שליחות ווי דערגענצט די צווייטע, ווייל, ווי באַוווּסט, איז ש. אַנסקי געווען נישט בלויז שרייבער, דראַמאַטורג און לעקטאָר, נאָר ער איז אויך געווען געזעלשאַפטלעכער עסקן און עטנאָגראַף, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען אַרומצופאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון תחום־המושב און זאַמלען, פאַרצייכענען אַלדאָס אַלטע, יידיש־פאָלקסטימלעכע, וואָס גורטעוועט ביים ברייטן פאָלק: זיין געלעכטער און טרערן, זיין געבעט און געזאַנג.

יצחק שטערנפעלד

מיט אויסערגעוויינלעכער ליבשאַפט און טרייהייט האָט זיך אַנסקי באַצויגן צו דער מיסיע. מיט דער זאָרגפעליקייט, מיט וועלכער מען צילעוועט פערל אויף אַ שנירל, פלעגט ער אַלץ אויפנעמען, זאַמלען און פאַרצייכענען, אַז עס זאָל חלילה נישט פאַרלוירן גיין פאַר די צוקונפטיקע דורות.

✶

צום ערשטן מאָל האָב איך אים געזען אין לויצק אין יאָר 1910, אויב איך האָב קיין טעות נישט. ער איז דאַן געקומען אַהער אַלס גאַסט פון דער „יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט" אויף אַ רעפעראַט. די דאָזיקע געזעלשאַפט, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „יעווריעיסקאָיע ליטעראַטורנאָיע אָבשטשעסטוואָ", איז אַנגעפירט געוואָרן דורך אַ קליינער גרופּע יידישער אינטעליגענץ מיטן פאַרשטאָרבענעם ד"ר אליי בראַנבערג בראש. אַנשליסנדיק זיך דאַן אָן יידיש קולטורעלן רוסלאַנד, וואָס האָט געפייערט ש. אַנסקיס 25־יעריקע ליטעראַרישע טעטיקייט, האָט די דערמאָנטע געזעלשאַפט איינגעלאַדן דעם בעל היובל אַליין, ער זאָל דאָ לייענען אַ רעפעראַט וועגן דער נייער יידישער ליטעראַטור. ש. אַנסקי האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און געקומען. ער האָט דאַן געהייסן סעמיאָן אַקימאָוויטש און גערעדט רוסיש. זיינע קלוגע גוטמוטיקע אויגן, וואָס האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער זיין שוואַרצן ברייט־רונדיקן קאַפּעליוש, האָבן צוגעצויגן אַלעמען און תיכף איז אַרום אים געשאַפן געוואָרן אַן אַטמאָספערע פון נאָענטער אויפריכטיקער פריינדשאַפט. אויפן רעפעראַט, וועלכער איז געהאַלטן געוואָרן אין זאַל פון פּינטשוקן, איז געקומען אַ גרויסער עולם פון דער יידישער עליטע־געזעלשאַפט און אַלע זענען אַרויס אויסערגעוויינלעך באַגייסטערט און אין אַ יום־טובדיקער שטימונג.

✶

דאָס צווייטע מאָל האָב איך אים געזען אין לויצק אומגעפער אין יאָר 1912. דאַן איז ער געווען דעלעגירט דורך דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פעטערבורג צונויפצוזאַמלען דאָ אַלטע מעשיות פון גוטע יידן, אַלטע לידער פון פאָלק, חסידישע ניגונים און פאַרשידענע חפצים פון אַלטערטימלעכן ווערט. דעמאָלט איז ער שוין נישט געווען סעמיאָן אקימאָוויטש, נאָר פריינד אַנסקי. אין האָטעל „ראָססיאַ" פון מאיר דוניעץ, ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן מיר זיך געטראָפן און נענטער באַקאַנט. אַ ליבער, אַ האַרציקער, מיט אַ שיינעם קלינגענדיקן וויטעבסקער יידיש מיט דער „ריש" — האָט ער מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען אַלע, וועלכע זענען צו אים געקומען, כדי באַקענען זיך, שמועסן, אָדער סתם אַזוי. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ פאָנאָגראַף אויפצונעמען אַלע ווערטפולע געשפּרעכן, געזאַנגען.

שטאַרק געדינט האָט אים דער שטאָט־חזן ר' אהרלע ראָזמאַרין ע"ה. ער האָט אים אַרומגעפירט איבער די חסידישע בתי מדרשים און דאָרט אויסגעהערט מעשיות וועגן גוטע יידן, דערציילט דורך זקנים. און אַז זיי זענען געקומען אין האָטעלצימער, איז אַנסקי געווען אַ צעפלאַמטער און באַגייסטערטער. איבערגעכאַפּט אַ גלעזל טיי, האָט אַנסקי אָנגעשטעלט דעם פאָנאָגראַף און ר' אהרלע האָט אַריינגעזונגען ר' מעכעלע דעם רבּ'ס תפילה פון ימים נוראים, אַ שטיק פון דעם מסירות־נפשדיקן דאַוונען פון ר' פּיניע קאָלקער ז"ל און אייניקע אַלטע טיש־ניגונים, וואָס בלאָנקען שוין אַרום צענדליקער יאָרן

ש. אַנסקי אין לויצק

אין עולם התוהו אָן אַ תיקון. אויך איך האָב אים אַרייַנגעזונגען ר׳ לייבעניוס, דעם אַלטן בריסקער רבינס, „צדיק ה׳ בכל דרכיו״, וואָס דער רבי פלעגט זאָגן ביי מנחה פאַר קבלת שבת, און דעם טריסקער „שלום עליכם״ פון פרייטיק־צו־נאַכטס. אַרייַנגעזונגען האָט אים אויך ר׳ אפרים קראַסנער — אַ הייסער סאַדיגורער חסיד און אַ האַרציקער בעל־תפילה — זיין נוסח פון „עוד יזכור לנו אהבת איתן״ פון ימים נוראימדיקן דאַווענען.

ש. אַנסקי האָט זיך אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער אַלטער פורים־שפּיל, וועלכע מ׳האָט דאָ אין לויצק גערופן „גלית־שפּיל״ און זי אַ שטיק צייט אויפגעפירט אין דער ישיבה, שפּעטער — צווישן פאָלק. דאָס איז געווען אַ שפּיל מיט אַ סך לידער און מאַרשן. איך מיט איציק־משה באַטשאַר האָבן מיר זיך אונטערגענומען די זאַך אויפצופירן פאַר זיינעטוועגן. (דעם גאַנצן טעקסט פון דער „גלות־שפּיל״ האָב איך אין זיינער צייט איבערגעגעבן פריינד נחום שטיף ע״ה).

גאַנצע אַכט טעג איז דאַן ש. אַנסקי געווען אין לויצק. כסדר איז ביי אים געשטאַנען אַ קאָכעדיקער סאַמאָוואַר אויפן טיש, און ווער ס׳איז נאָר צו אים אַרייַנגעקומען, האָט געמוזט טרינקען ביי אים אַ גלעזל טיי.

אין משך פון דער קורצער צייט האָבן מיר זיך אַזוי צוגעבונדן צו אים, אַז ס׳איז געווען שווער אויפן האַרצן ווען ער איז אָפּגעפאָרן. דאָס געזעגענען זיך האָט זיך טיף איינגעשניטן אין זכרון ביזן היינטיקן טאָג.

✶

צום דריטן מאָל האָב איך אים געזען אין ברען פון דער מלחמה. ער איז דאַן געווען שליח פון „זיעמסקי פאַרבאַנד״ און פראָנט־זשורנאַליסט און איז נאָכגעפאָרן דער רוסישער אַרמיי. געווען איז עס דאַן, ווען די רוסן האָבן אָפּגעטראָטן פון גאַליציע. געקומען איז ער קיין לויצק אין אַ מיליטערישן מונדיר אַלס קאַפּיטאַן, אָבער ער איז געווען אַ צעבראָכענער מענטש פיזיש און גייסטיק. אַן איינדרוק האָב איך געהאַט, אַז דאָס האָבן אויף אים אַזוי געווירקט די גרוילן פון דער מלחמה און באַזונדערס — דער חורבן פון גאַליציע. ער איז גרויער און בלאַסער געוואָרן — און שווייגנדיק, פאַרשלאָסן אין זיך. קוקנדיק אויף זיינע ווייכע אויגן און אויף זיין גרויען קאָפּ, האָט זיך געוואָלט בייגן דעם קאָפּ פאַר אים, פונקט ווי פאַר אַ מאַרטירער און הייליקן.

מער האָב איך אים שוין נישט געזען.

ליטעראַרישער קרייז (1914—15)

ערשטע ריי, פון רעכטס: ערשטער — דוד פּטיץ, צווייטע — דאָרע כיזש, פערטער — וויסאָצקי. צווייטע ריי, פון רעכטס: צווייטער — ליבערמאַן, דריטע — ראַזאַ שרייער, פערטער — שפּאַק, זיבעטער — בנציון גרינבערג

די אַנסקי־גאַס אין לויצק

לויצק, 1938

ש. כּאַזאַן

יידישע פּרעסע אין לויצק

די אַנשטייונג פון דער „וואָלינער פרעסע" דאַטירט זיך פון 17־טן אויגוסט 1928. דאַן, אין יענעם פרייטיק, איז נאָך שווערע ווייען געבוירן געוואָרן איר ערשטער נומער. קיין ערשטלינג איז אָבער די צייטונג שוין נישט געווען: פאַר איר, מיט גאַנצע צוויי יאָר צוריק, איז גע־קומען אויף גאָטס וועלטל דאָס וואָכנבלאַט „וואָלין". די „הייבאַם" איז געווען דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות און „קוואַטער־שאַפט" האָט גענומען יצחק שטערנפעלד — דער איינציקער דאַן שרייבער מיט „סמיכה" פון אַזעלכע ליטעראַרישע ריזן, ווי יונה ראָזנפעלד און א. ליטוואַק.

ש. כּאַזאַן

„וואָלין" איז געווען די ערשטע יידישע פּעריאָדישע צייטונג אין שטאָט און פון איר האָט זיך אָנ־געהויבן וועבן דאָס ערשטע קאַ־פּיטל געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין לויצק.

מיר וועלן דעריבער אָנהייבן דערציילן פון דעמאָלט, פון ערשטן נומער „וואָלין".

געווען איז עס אָנהייב ווינטער 1926. דאָס יידישע עפנטלע־כע לעבן אין לויצק האָט דאַן דורכגעמאַכט דעם באַרג־אַרויף, דעם פרילינג פון באַפרייטן פּוילן: אויפקום פון די יידישע בענק, פונאַנדערוווקס פון סאָציאַלע, קולטורעלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרפולן די בלויזן און פאַרלאַטען די לעכער אין אונדזער נאָכמלחמהדיקן לעבן; געבורט פון דער ערשטער דעמאָקראַטיש־געוויילטער קהילה און שטאָטראַט. איבער אַלץ האָבן אָנגעהויבן בלאָזן דעמאָקראַטישע ווינטעלעך.

אין יענער צייט איז אין לויצק געווען טעטיק אַ ליטעראַ־רישער יוגנט־קרייז, וואָס האָט געפירט אַן אינטענסיווע קולטור־אַרבעט אין צוויי ריכטונגען:

1) שאַפן אַן אַלגעמיינעם יוגנט־פאַרבאַנד אין לאַנד־מאַסשטאַב, וואָס זאָל דער ענג־פּאַרטייאישער העגעמאָניע קעגנ־שטעלן אַ זעלבשטענדיקן פּראָגראַם, וואָס אַנטהאַלט אין זיך לייזונגען פון אַלע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען: נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, קולטורעלע א.אַנד. ס'איז דערשינען אַ זאַמלהעפט א.ב. „די יידישע יוגנט" און דערנאָך דער ליטעראַרישער זשור־נאַל „שפּראָצונגען", וואָס האָט אַריינגעפירט אין דער ליטע־ראַטור און זשורנאַליסטיק קרעפטיקע טאַלאַנטן.

2) קולטור־אַרבעט אויפן אָרט. ס'זענען פאָרגעקומען רע־פעראַטן, ליטעראַרישע פרימאָרגנס, אָוונטן, דיספּוטן, וואָס האָבן געוועקט פאַראינטערעסירונג פאַר רוחניותדיקע ענינים. אייניקע פון דאָזיקן יוגנט־קרייז האָבן זיך אויך געוואָרפן אין די רייען פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, ווו זיי האָבן פאַרנומען אָנפירנ־דיקע פּאָזיציעס אינעם קאַמף קעגן הפקרות און געשטרעבט צו דער דעמאָקראַטיזירונג פון עפנטלעכן לעבן, דורך צולאָזן צום רודער ברייטע שיכטן פון פאָלק.

איינער פון דאָזיקן קרייז, וואָס איז געווען סעטיק צווישן די האַנטווערקער, איז דער שרייבער פון די שורות. פאַר אים איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז נייטיק אַ טריבונע, וועלכע זאָל אַקטיוויזירן די פּאָטענציעלע געזעלשאַפטלעכע כוחות פון צווישן די ברייטע שיכטן און זיי געווינען פאַר דער אַרבעט לטובת הכלל, אין בעסערן זין פון וואָרט.

איז געפאַלן אַ באַשלוס וועגן אַ טריבונע — האָט מען אים באַדאַרפט פאַרווירקלעכן. אָבער וויאַזוי? אַז צווישן דער גאַנצער גרופּע, וועלכע ס'איז געלונגען צו געווינען פאַרן גע־דאַנק אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, זענען קיין פינאַנסיסטן צי מעצענאַטן נישט געווען. אַלע האָבן מיר פאַרמאָגט מנחם־מענדלס חלק צום געשעפט: שכל. חוץ דעם, איז דאַ אין לויצק נישט געווען קיין דרוקעריי, וואָס זאָל האָבן יידישע שריפט. וואָלט דאַן געווען שריפט, וואָלטן מיר דאָך געקאָנט טאָן ווי ביי לייטן: מ'גייט אַריין אין דרוקעריי, מען דרוקט אָפּ צייטונגען און... מען באַצאָלט נישט. דאַן האָט מען נאָך אַזאַ „נומער" נישט געקאָנט דורכפירן.

אָבער דער דראַנג אַרויסצוגעבן אַ צייטונג האָט אונדז נישט

אָפּגעלאָזט און מיר האָבן זיך דעצידירט אַרויסצוגעבן אַ וואָכנ־בלאַט — אַזש געדרוקט אין וואַרשע. דער ערשטער נומער אונטערן קעפּל „וואָלין" איז טאַקע דערשינען דאָרטן, ביי דער פריינדלעכער מיטהילף פון חבר יואל פּערעל, וועלכער האָט שוין דאַן געוווינט אין וואַרשע. אינעם לייט־אַרטיקל האָט דער שרייבער פון די שורות געשריבן:

„...מיר זענען אַ גרופּע יונגע און דערפאַרענע געזעלשאַפט־לעכע טוער, וואָס פאַרמאָגן אפשר (אַ שיינער „אפשר"!..) נישט קורחס אוצרות, אָבער דערפאַר פאַרמאָגן מיר מוט, ענערגיע, עקשנותדיקן ווילן, דינאַמיק און טעמפּעראַמענט. דאָס איז, גלויבן מיר, גענוגנדיק. און נאָך אַ זאַך פאַרמאָגן מיר, וואָס דאָס

איז דער עיקר: מיר פאַרמאָגן דעם פולן אָפּטימיסטישן בטחון, די פולע איבערצייגונג, אַז די ברייטע פאָלקסמאַסן, דער בעס־טער געזונטסטער טייל פון אונדזער געזעלשאַפט, איז מיט אונדז. און אָט טאַקע די דאָזיקע איבערצייגונג, דער בטחון, שאַפן דאָס דעם רעזערוואַר, וואָס ליפערט אונדז כוח און דרייסטקייט אַרויסצוטרעטן מיט אונדזער אָרגאַן אין אָפענעם קאַמף.

„...אויפהויבן דעם ניוואָ פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין וואָלין, וועקן דאָס געזעלשאַפטלעכע באַוווסטזיין ביי די מאַסן, רייניקן און נאָרמאַליזירן אונדזער עפנטלעך לעבן — דאָס איז אונדזער ציל, וואָס מיר שטעלן זיך. אונדזער מאָטאָ: אומ־פּאַרטייאישקייט!"

נאָכן ערשטן נומער, האָט פאַרשטייט זיך, געדאַרפט קומען דער צווייטער. אָבער דאָ זענען מיר געבליבן שטיין. דאָס ביסל געלט, וואָס מיר האָבן אַריינגעלייגט און וואָס מיר האָבן צונויפגעזאַמלט פון די ערשטע אַנאָנסן, איז פאַרברענט געוואָרן ביים ערשטן נומער. מיר האָבן זיך דאַן אַרומגעקוקט, אַז אויב מיר וועלן זיך אָריענטירן אויף וואַרשע, וועט דאָס „פייגעלע די שחיטה נישט אויסהאַלטן" — חוץ דעם, וואָס ס'איז טעכניש

מיטאַרבעטער פון „וואָלינער פרעסע" אין די יאָרן 38—1928
אין צענטער (גרופּע פון זעקס), פון רעכטס אויבן — מ. גליקליך, ש. כאַזאַן, י. כאַראַק; אונטן — י. פרידמאַן, יהודית כאראק, אי. וועגנער.
ערשטע ריי אויבן פון רעכטס — ד"ר ש. ז. יעווועלעוויטש, אלתר באַרדיטש, א. גליקליך, א. גולן; צווישן זיי אין צענטער — מ. שטערנ־פעלד, מ. וויינשטיין.
צווייטער פון אויבן אַראָפּ, רעכטס — נ. גארטיבל, לינקס — י. שטערנפעלד.
דריטער פון אויבן אַראָפּ, רעכטס — י. ד. פעטשעניק, לינקס — לייב לערנער.
אונטערשטע שורה, פון רעכטס — י. חומש, ב. וויינשטיין, ש. שלייפשטיין, ש. ז. גאַרבאַזש, י. ליבובער, ד"ר ש. אָקסמאַן, א. לאַנדסבערג

גוואַלדיק קאָמפּליצירט. בקיצור: מיר האָבן זיך דעצידירט איינצוקויפן אַן אייגענע זעצעריי. דאַן, האָבן מיר פאַרשטאַנען, וועלן מיר מיט דער צייטונג קאָנען זיין געזיכערט.

געדענקען דאַרף מען, אַז כמעט אַלע שותפים — און אַזעלכע זענען געווען 7 צי 8 — האָבן נישט געהאַט בדעה צו ציען פון דער צייטונג קיין פּרנסה, נאָר זענען צוגעגאַנגען צו דער זאַך מיט ריינע, געזעלשאַפטלעכע כוונות.

גערעדט און געטאָן. ס'איז צווישן אונדז געשאַפן געוואָרן דער נייטיקער קאַפּיטאַל (ביי 5000 זל. דוכט זיך) און גאָר בקרוב האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ זעצעריי מיט אַלע נייטיקע מכשירים אַרויסצוגעבן אַ צייטונג. איינער פון די שותפים איז געווען אַ ספּעץ. דאָס איז שמוליק גאַרבער, באַקאַנט אונטערן נאָמען „טיפּ" — אַ פאַרקירצונג פון „טיפּאָגראַפיע". דעם דאָזיקן נאָמען האָט ער באַקומען אין 1905, אין די צייטן פון „קאָנ־ספּיראַציע". ער האָט אַוועקגעשטעלט אַן ערשטקלאַסיקע דרו־קעריי און מיר זענען טאַקע באַלד צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אַ צימער פון זיין באַשיידענער וווינונג האָט אָפּגעגעבן יצחק שטערנפעלד. פון זיין זייט איז געווען אַ גרויסער קרבן דאָס אָפּגעבן אָן שום באַלוינונג אַ צימער, וואָס האָט זיך נאָך דערצו געגרענעצט מיט זיין שלאָף־צימער, און ס'איז געווען אויס־געשלאָסן, אַז דער בליי־שטויב זאָל אַהין נישט אַריינדרינגען. דאָס באַווייזט אָבער דעם אידעאַליזם און די ליבע, וואָס די ערשטע פּיאָנערן פון געדרוקטן יידישן וואָרט האָבן אינוועס־טירט אין זייער צייטונג.

נאָך אַן הפסקה פון אַ קנאַפּן חודש, איז דערשינען דער צווייטער נומער, נעמלעך דעם 19־טן נאָוועמבער 1926, אויס־געזעצט אין דער אייגענער זעצעריי און געדרוקט ביי ריכטערן.

דער [illegible]ער שטעלט זיך פאָר, אַז אַזוי פּשוט איז דאָס נישט צוגעגאַנגען. געדענקען דאַרף מען, אַז די זעצעריי האָט זיך געפונען אויף קראַסנע, אונטן, נעבן דער באָד, און ריכטערס דרוקעריי האָט זיך געפונען אויף יאַגעלאָנסקע. דעם זאַץ האָט מען געדאַרפט פירן אויף אַ וועגעלע איבער אַ האַלבער שטאָט, און דער עיקר — אַרויפקומען פון אונטן, אויפן משופּעדיקן באַרג אַרויף.

נישט איינמאָל האָט זיך דער זאַץ „צעבונטעוועט" און — זיך צעשיט איידער ער האָט דערלעבט צו קומען אין דרוקעריי. געווען אַפילו אַ פאַל, ווען דער זאַץ פון אַלע פיר זייטן „וואָלין" האָט זיך געהאַלטן ביים „באַזעצן" אויפן... דעק פון סטיר, אַנשטאָט צו דערשיינען אויפן פּאַפּיר. דאַן האָט מען דעם זאַץ געפירט איבערן פאַרפרוירענעם סטיר. אָבער פּלוצעם האָט מען דערפילט, אַז דאָס אייז ברעכט זיך איין און דאָס וועגעלע קלייבט זיך צו גיין צום גרונט. איך קאָן זיך איצט נישט פאָרשטעלן, ווי וואָלט די שטאָט געווען אויפגענומען דעם „אומגליק", ווען „וואָלין" וועדט דערטרונקען. דערפאַר אָבער געדענק איך, ווי דער הויפּט־מעטראַמפּאַזש איז אַ בלאַסער צוריק אַריין אין זעצעריי און קוים געקאָנט דערציילן, ווי אים איז געלונגען צו מאַכן דעם „השכיבנו נאַזאַד" מיטן זאַץ. אַלע האָבן מיר דאַן געוואָלט גומל בענטשן...

די דאָזיקע איבערלעבענישן און נסיונות האָבן אָבער נישט געקאָנט אָפּשוואַכן אונדזער חשק און ברען אויסצוהאַלטן און ווייטער טאָן די אַרבעט. די צייטונג איז דערשינען רעגולער, בעסערנדיק זיך פון יעדן נומער. זי איז געלייענט געוואָרן אוי־

מעטום, אַרויסרופנדיק פּאָזיטיווע אָפּקלאַנגען. די צאָל מיטאַרבעטער איז געוואַקסן און אויך דער קרייז פרײַנד האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט.

פּלוצעם איז געקומען אַ קריזיס: דער שרײַבער פון די שורות, וואָס איז געווען הויפּט־רעדאַקטאָר, האָט געמוזט אַרויספאָרן פון לויצק. האָט ער איבערגעלאָזט די צײַטונג אויפן נאָענטסטן מיטאַרבעטער, יצחק שטערנפעלד. יענער איז אָבער געווען שוואַך צו פירן די צײַטונג, און דער גורל פון דער צײַטונג איז געוואָרן נישט זיכער.

אין יידישן עפנטלעכן לעבן האָט זיך דערווײַל אָנגעהויבן אַ דיפערענצירונגס־פּראָצעס פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות. ס׳איז געווען ערב וואַלן צום שטאָטראָט. ס׳האָבן זיך געבילדעט פאַרשידענע לאַגערן. איינער, מיט ד״ר בראָנבערג בראש, און דער צווייטער — מיט ד״ר ב. ביילין בראש. די ביידע לאַגערן האָבן זיך מוראדיק באַקעמפט און געשטרעבט יעדער באַזונדער צו פאַרכאַפּן די העגעמאָניע אין שטאָט. דעם כוח פון אַ צײַטונג האָבן שוין דאַן אַלע אָפּגעשאַצט, און ד״ר בראָנבערג האָט אָפּגעקויפט ביי יצחק שטערנפעלד מיט די שותפים דעם „ווערבלײַוד", ווי איינער פון די אַנטמוטיקטע שותפים, ז. באַגלייבטער, האָט אָנגערופן די זעצערײַ. איבערנעמענדיק דעם „וואָלין" מיט הכל בכל, האָט ד״ר בראָנבערג אָנגעהויבן „שנײַדן" על ה׳ ועל משיחו. דאַן האָט אויך דער צווייטער צד מיט ד״ר ביילין בראש געקויפט אין וואַרשע אַ נײַע זעצערײַ און אָנגעהויבן „צוריקשיסן" אין בראָנבערגס לאַגער, מיט זײַן צײַטונג „וואָלינער געדאַנק".

די דאָזיקע גאַנצע וואַקכאַנאַליע און מוראדיקן טשאַד, וואָס ביידע צײַטונגען האָבן אָנגעמאַכט אין שטאָט, האָב איך, צום גליק, אָבסערווירט פונדערווײַטנס, איניקע הונדערטער קילאָמעטער פון לויצק. דערפאַר וועל איך דעם דאָזיקן פּעריאָד פון דער לאָקאַלער פּרעסע נישט באַהאַנדלען. אַ פאַקט איז אָבער, אַז ווי די דאָזיקע צײַטונגען האָבן נישט אויסגעזען, טראָץ דעם, וואָס זיי זענען באַשאַפן געוואָרן אין ברען פון פּערזענלעכע אַמביציעס און געהאָגלט מיט אינסינואַציעס און געוואַשן כסדר די שמוציקע וועש, האָבן זיי דאָך געהאַט דעם פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן דעם היגן באָדן נאָך שטאַרקער צעאַקערט און רייף געמאַכט פאַר אַ סטאַבילער צײַטונג. איך האָב דאָס דערפילט, ווען כ׳בין אין יאָר 1928 געקומען צוריק קיין לויצק. איך האָב דאַן געטראָפן אָנשטאָט מײַן צײַטונג — אַ חורבה. ביידע צײַטונגען — „וואָלין" און „וואָלינער געדאַנק" זענען שוין געווען „מתים". איך האָב צענויפגענומען דעם שארית הפליטה פון די מיטאַרבעטער פון ערשטן „וואָלין": יצחק שטערנפעלד, ש. גאַרבער, ז. באַגלייבטער און — מיר האָבן געקויפט אין וואַרשע אַ פרישע זעצערײַ, געדונגען אַ וווינונג אויף פּלאַצקע־גאַס און אָנגעהויבן אַרויסגעבן די היינטיקע „וואָלינער פּרעסע". דעם 17־טן אויגוסט 1928, ווי שוין געזאָגט, איז דערשינען דער ערשטער נומער.

אין פּראָגראַם־אַרטיקל האָבן מיר געשריבן:

„...דורך און איבער די דערשינענע צײַטונגען וואַרפן מיר אַ שנור צום ערשטן „וואָלין", צו דער ערשטער ווירקלעך־אומאָפּהענגיקער דעמאָקראַטישער טריבונע. פאַר דער דאָזיקער צײַט האָט זיך דאָס לעבן קאַרדינאַל געביטן. די אַמאָליקע תקיפים זענען ווי נישטיקע יורדים אַראָפּ פון דער אַרענע, ווי גאַרנישט געווען, און פאַר דער צײַט זענען אַנדערע אַרויפגעשוווּמען, וואָס האָבן פאַרנומען דעם אויבנאַן. מיר דאַרפן זיך נענטער פאַראינטערעסירן מיט דעם אַלעמען. זייער טעטיקייט אַרונטערלאָזן אונטערן שטראַל פון קריטישן אַנאַליז, אונטער דער קאָנטראָל פון דער עפנטלעכקייט. אונדזער ריכטונג: אין אַלגעמיין פּאָליטישע פראַגן — יידיש נאַציאָנאַל, נישט אין שאָוויניסטישן זינען. אין ספּעציפיש־יידישע פראַגן — דעמאָקראַטיש־וועלטלעך. אין קולטור־פראַגן איז דער אויסגאַנג־פּונקט אונדזער עמוד האש: יידישע קולטור און יידישע שפּראַך. אונדזער מאָטאָ: מיר זענען ניכטער, אומפּאַרטייאיש."

לויצק, 1938

יצחק שטערנפעלד

יידיש טעאַטער אין יענע יאָרן

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין עפנטלעכן יידישן לעבן אונטער דער אָקופּאַציע פון די עסטרייכער איז געווען דער פאַרמעסט צו שפּילן יידישן טעאַטער.

דאָס אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז דאַן געווען אינגאַנצן אָפּגעשטעלט צוליבן קריגס־צושטאַנד, וואָס האָט געהערשט אין שטאָט. מ׳האָט זיך נישט געקאָנט צוזאַמענקומען, ווייל גיין איבער די גאַסן אין די אָוונטן איז געווען פאַרבאָטן.

ס׳איז אָבער געווען אַ קרייז טעאַטער־אַמאַטאָרן, וועלכן ס׳האָט געצויגן צו דער בינע און שפּילן טעאַטער איז געווען זייער סטיכיע. זיי האָבן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם ביטערן מצב פון אומטעטיקייט. דער פּראָנט איז ווייט פון לויצק. דאָס לעבן פליסט מער־ווייניקער נאָרמאַל, צו די צרות און אָקופּאַציע־מנהגים האָט זיך שוין יעדער צוגעוווינט. בקיצור, זיי האָבן גענומען עפּעס טאָן. צום קרייז האָבן דאַן געהערט: ראָזאַ קופּערמאַן, בתיה ביק, אסתר גאָרינשטיין, איראַביטער, אפרים מאַראַנץ, שמחה שלייפשטיין, וואָלף שטערן, לייב לערנער (שפּעטער — אַן אַקטיאָר מיט אַ נאָמען) און אברהם קאַלאַדני, וועלכער איז געווען רעזשיסער פון קרייז.

קודם כל האָט מען געדאַרפט האָבן פּראָטעקציע אין דער קרייז־קאָמאַנדע, אַז זי זאָל דערלויבן די טעאַטער־אַרבעט. אַזאַ פּראָטעקציע האָבן זיי באַקומען ביי משה סאָראָקאַ, דאַן אַן עלטערער מיליצמאַן מיט „באַציונגען". ער האָט טאַקע אויס־

געפּועלט די דערלויבעניש און איז געוואָרן דער אָפיציעלער אימפּרעסאַריאָ. אַ טעאַטער־זאַל האָט מען אויך געפונען: דעם אַמאָליקן קינאָ „רענעסאַנס". דעם דאָזיקן קינאָ־זאַל האָבן די עסטרייכער פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַל פאַר פערד, און איצט איז געלונגען פון שטאַל צו מאַכן אַ טעאַטער־זאַל. ס'רעדט זיך נאָר אַזוי: געלונגען. ס'האָט זיך געפאָדערט היפּש געלט צו רעמאָנטירן דעם זאַל און אים דערפירן צו אַן אָרדענונג.

אָבער די אַמאַטאָרן האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן. פון דער אַמאָליקער „בלאַגאָראָדנע סאָבראַניע" האָט מען צוגענומען די בינע און אַנדערע מכשירים, אויפן רעשט האָט יעדער געגעבן פון זיין קעשענע. דערווייל האָט מען געמאַכט רעפּעטיציעס פון „הערצעלע מיוחס". ס'איז אָבער נישט באַשערט געווען צו עפענען דעם פאָרהאַנג אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג.

אַ טאָג פאַר דער פּרעמיערע, אין סאַמע מיטן פון דער גענעראַל־פּראָבע, האָט מען פלוצעם דערהערט אַ שיסעריי.

דאָס האָבן ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן די האַרמאַטן. די שיסעריי האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט און איבער די וועגן האָבן זיך שוין גענומען טראָגן די אָבאָזן — דאָס מאָל די עסטרייכישע. אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען מ'איז אַרויס אויף די גאַסן און דערזען ווי ס'ליגט מיסט, היי און שטרוי, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז מיט קיר'ה האַלט שמאָל, אויב ער לאָזט אַזוי ליגן מיסט אין די הויפּט־גאַסן. אַזוי איז עס טאַקע געווען. ברוסילאָוו האָט דורכגעבראָכן דעם פראָנט, די עסטרייכישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן זיך צוריקציען און — די קראַסנער בריק האָט ווידער געברענט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן פון לוצק און מיט זיי איז אויך אַוועק אַ טייל פון די „אַרטיסטן". אַלץ האָט געפּלאַצט.

ווידער זענען געקומען די רוסן. רוסישע אַרטילעריע, קאַוואַלעריע און פּיעכאָטע האָבן פאַרפּלייצט אַלע גאַסן, וועגן און טראַקטן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך דער פראָנט דערווייטערט פון לוצק און אין שטאָט האָט דאָס לעבן זיך ווידער אָנגעהויבן נאָרמאַליזירן. עס האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט די פאַרשידענע אַדמיניסטראַציע־אַמטן און די ביוראָס. סוחרים האָבן פאַרקערעוועט דעם דישעל: אַנשטאָט קיין גאַליציע, האָט מען אָנגעהויבן פאָרן קיין קיעוו און באַרדיטשעוו. דאָס לעבן איז אָבער מיט יעדן טאָג שווערער געוואָרן. ס'איז שוין געווען דאָס דריטע מלחמה־יאָר. דער יקרות איז געווען אין לשער און דערצו האָט געפּרעסט עפּעס אַן אומרויק פאַרגעפּיל.

אין אַ שיינעם טאָג האָט דער צוג פון קיעוו נישט געבראַכט קיין ציימונגען. אין שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די פאַרשידנסטע ווערסיעס. מ'האָט קוים דערצויגן ביזן צווייטן פרימאָרגן, אָבער קיין ציימונגען זענען ווידער נישט אָנגעקומען. ערשט אויפן דריטן טאָג האָבן זיך אויף די ווענט באַוויזן גרויסע פּלאַקאַטן אין באַקאַנטן נוסח פון „מי ניקאָלאַי ווטאָראַי", אין וועלכע ס'איז געמאָלדן געוואָרן, אַז ער, ניקאָלאַי, אַבדיקירט פון טראָן לטובת זיין ברודער מיכאל. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך באַוויזן אַ נייער פּלאַקאַט — אַז אויך דער ברודער זאָגט זיך אָפּ. די שטאָט האָט זיך צעוויגט. עפּעס אַ נייער ווינט האָט אַ וויִע געטאָן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן גיין אין גאַס עפּעס פרייער, מ'האָט זיך אָנגעהויבן צונויפקומען אין שטיבער, באַהאַנדלען דאָס געשעענע. קיין מלחמה־באַריכטן האָט שוין קיינער נישט געלייענט. דאָס איז שוין גאָר, דוכט זיך, בכלל נישט געווען. אין די ציימונגען, וואָס פלעגן צעכאַפּט ווערן אונטער די הענט, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף נייע נעמען, ווי מיליוקאָוו, גוטשקאָוו, שולגין. דאָ אין שטאָט האָט די היימישע נאַטשאַלסטווע באַקומען דימיסיע. די „גאָראָדאָוואָיעס" האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסבאַהאַלטן און קאָמענדאַנט איבער דער שטאָט איז געוואָרן פּאָלקאָווניק קורץ. אָט די פרילינגס־ווינטעלעך האָבן אַלעמען געוועקט צו אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, יעדן לויט זיינע אַספּיראַציעס און פעיקייטן.

אין אַ קאַפע־הויז אויף דאָמיניקאַנסקע־גאַס פלעגט זיך דאַן צונויפקומען אַ קרייז יונגע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר יידישער קולטור־טעטיקייט. געווען זענען דאָס. שמעיה קימעלמאַן, זיסיע באַגלייבטער, א. אַרמעל, יאַנטל אַרמעל, שוועסטער יוז, שייקע ווייסבערג — אַלץ אַנגעלאָפענע „ביעזשענצעס" פון דער נאָענטער פּראָווינץ, און די לוצקער איינגעוויבענער: ברודער און שוועסטער ראָזמאַרין, דבורה גרינשטיין, יאַכע און יצחק שטערנפעלד, שמואל טשיטשאַטקאַ און אַנד.

אַזוי ווי ס'האָט זיך אָנגערוקט דער יום־טוב פּסח, האָט דער קרייז באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ פּרץ־אָוונט. אין שטוב ביי אהרן סקירטש, וווּ ס'איז פאַר דער מלחמה געווען דאָס בית־הספר און מ'פלעגט דאָרט מאַכן חתונות, איז די פּרץ־אַקאַדעמיע פאָרגעקומען. ס'איז געווען אַ שרעקלעכע ענגשאַפט. אָבער דער עולם איז געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז אַפילו ביז טאָג וואָלט ער גרייט געווען צו פאַרגלעצן זיך אין דער שטיקעניש. אַ רעפעראַט וועגן פּרצן האָט געלייענט דער שרייבער פון די שורות. דער צווייטער טייל איז באַשטאַנען פון רעציטאַציעס פון דבורה גרינשטיין, שוועסטער יוז, ברידער ראָזמאַרין א. אַנד.

באַפליגלט פון קאָלאָסאַלן דערפאָלג פון דאָזיקן אָוונט, האָבן די דערמאָנטע פּערזאָנען, וועלכע זענען אַדאַנק דעם אָוונט פעסטער צונויפגעבונדן געוואָרן, באַשלאָסן צו שאַפן אַ דראַמאַטישן קרייז, וואָס זאָל געבן פאָרשטעלונגען.

נישט אַזוי לייכט איז געווען צו פינאַליזירן דעם דאָזיקן באַשלוס. דער קרייז איז באַשטאַנען פון מענטשן מיט אַ געפיל פון אחריות און אימתא דציבורא. קיין פאַכלייט, וואָס זאָלן זיך קאָנען אויף דער טעכניק פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג זענען נישט געווען, וועגן רעזשי, דעקאָראַציעס און רעקוויזיט האָבן זיי נישט געהאַט קיין אַנונג. אָבער אינטעליגענטע מענטשן זענען זיי געווען, אַ ראָל האָט מען זיי געקאָנט געטרויען — האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט, גייענדיק אויף „קידוש השם".

ס'איז שוין אַן אַלטער כלל: דרייסטקייט זיגט. אַזוי איז אויך דאָ געווען, ס'האָט זיך צונויפגעשטעלט אַ גאַנץ פיינער קרייז און די פאָרשטעלונגען זענען דורך ביי אַ מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג. אַ טעאַטער־געביידע איז דאַן געווען נישט קיין שלעכטע, דאָס איז געווען אַ הילצערנע זומער־געביידע אין ליובאַרט־שלאָס, וווּ די עסטרייכער פלעגן ווייזן פילמען און אַ מאָל געבן טעאַטער פאַר די זעלנער. אָט די געביידע האָט צום ערשטן מאָל זוכה געווען, אַז אין אירע ווענט זאָלן זיך אָנשלאָגן די כוואַליעס פון יידיש לשון. ס'זענען געשפּילט געוואָרן: „צעזייט און צעשפּרייט" פון שלום עליכם, „מיין ווייבס

משוגעת" פון מאַרק אָרנשטיין, גאָרדינס „פאַמיליע צבי", „ברייד דער לוריע", פּרץ הירשביינס „אינטעליגענט", „אננא" און אַנדערע קלענערע זאַכן. אין די אַנטראַקטן, וועלכע זענען געווען גענוג לאַנגע, ווי געוויינלעך ביי ליבהאָבער, האָט מען איינגעפירט, אַז עס זאָל שפּילן מוזיק, בכדי דער עולם זאָל זיך נישט לאַנגווייליקן און נישט דאַרפן קלאַפּן מיט די פּיס... היות קיין יידישע מוזיקאַנטן זענען אין שטאָט נישט געווען — אויסער אַ קאַפּעליע חתונה־קלעזמער — פלעגט מען דינגען אַ מיליטערישן קאָזאַקישן אָרקעסטער, וועלכער פלעגט אויסשפּילן די שענסטע אָפּערע־מאָטיוון און אויך יידישע „שטיקלעך".

מיט דער טעכנישער זייט פון די פאָרשטעלונגען, ווי קאַסע, אָרדענונג, האָבן אָנגעפירט: אלתר באַרדיטש, חנה גאַרבאַזש, טעוועל טאַבאַטשניק, ד. גאָלדבערג, ז. אָסיפּאָוו, עזריאל דוב א. אַנד. די הכנסות פון די פאָרשטעלונגען איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרווענדן אויף אַ יידישער ביבליאָטעק.

דאָס לעבן איז זיך דערווייל געגאַנגען מיט אַ האַסטיקן טעמפּאָ, געלייענט האָט מען שוין דאַן וועגן קערענסקין. ס'איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג דורכצופירן וואַלן אין דער שטאָט־דומע. אויף דער יידישער גאַס איז אַנטשטאַנען אַ דיפירענצירונג און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אויספּיקן די שפּעטערדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען. אין דער וואַל־קאַמפּאַניע האָט זיך באַטייליקט אַקטיוו דער שפּעטערדיקער דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין פּוילן, ה' יצחק גיטערמאַן, וועלכער איז דאַן געווען אין לוצק. זיין גרופירונג האָט טאַקע אָפּגעהאַלטן דעם גרויסן נצחון ביי די וואַלן, אין דער שטאָט־דומע איז אַריין אַ גרויסע יידישע פראַקציע מיט ה' גיטערמאַן און ד"ר מינינזאָן בראש, ד"ר מינינזאָן איז געווילט געוואָרן אַלס וויצע־פאָרזיצער פון דער דומע. דערווייל האָט מען אָנגעהויבן צוריק זיך צונויפפאָרן פון די אַלע עמיגראַציע־פונקטן אַהער קיין לוצק. ס'זענען געקומען אויך די אַלטע טעאַטער־ליבהאָבער: קאָלאָדני, שלייפשטיין, די ברידער עליע־מאיר און שכר ליבובער, ראָזע קיפּערמאַן, פאָליע ליבערמאַן, ל. קאָטליאַר א. אַנד.

דער עקזיסטירנדיקער טעאָטער־קרייז איז זיך פונאַנדערגעפאַלן און די מיטגלידער זענען אַוועקגעגאַנגען מיט דעם באַוווּסטזיין, אַז אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט, האָבן זיי בשלימות געטאָן פאַר דער יידישער קולטור. ווייטער זאָלן ממשיך זיין די מער רייפערע און סטאַזשירטע.

אַזוי איז עס טאַקע געווען, אָבער דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

לוצק, 1938

לייבוש קאָטליאַר

„די יידישע פרייע בינע"

די פּיאָנערן פונעם לוצקער יידישן דראַמאַטישן אַמאַטאָרן־קרייז זענען געווען די יידישע קולטור־טרעגער, די פּעדאַגאָגן יאָסל קרעמיען און משה גאָרנשטיין. ביי דער מיטאַרבעט פונעם באַקאַנטן טוער אפרים מאַראַנץ און פון עטלעכע יונגע כוחות, האָבן זיי געשאַפן אַ דראַמאַטישן קרייז און מיט זייער באַשיידענע מיטלען האָבן זיי שוין אין ערשטן צענדליק פון הייַנטיקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אין דער געביידע פון די פייערלעשער, אין „שלאָס", („זאַמעק ליובאַרטא"), דער איינציקער אין יענער צייט דערלויבטער און ווייט נישט צוגעפּאַסטער פאַר דעם צוועק לאָקאַל.

אַ געוויסן דערפאָלג ביי די מאַסן האָט אין יענע צייטן געהאַט דער גאָלדפאַדן־רעפּערטואַר. די אויפפירונגען פון אַזעלכע קאָמפּליצירטע פּיעסן ווי „שולמית", „בר־כוכבא", „די כישוף־מאַכערין" און אַנדערע, זענען געווען געלונגענע, און דאָס — אַדאַנק דער מיטבאַטייליקטער זייער באַגאַבטער בתיה, אפרים דעם בדחנס.

די פריאָדישע פאָרשטעלונגען זענען באַזוכט געוואָרן בעיקר דורך די מאַסן און זייער ווייניק דורך די מער קולטורעלע שיכטן, שוין אָפּגערעדט פון דער דעמאָלטדיקער יידישער אינטעליגענץ. ערשטנס, ווייל דער רעפּערטואַר האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַרלוירן די אַקטואַליטעט אין צווייטנס, צוליב דער פרימיטיווקייט פון דער אויספירונג. דאָס מינערט אָבער נישט די פאַרדינסטן פון די אויבנדערמאָנטע פּיאָנערן, וועלכע האָבן פאַקטיש געגעבן די אָנרעגונג צו דער שפּעטערדיקער גרינדונג פונעם דראַמאַטישן קרייז „יידישע פרייע בינע", וועמענס אָנפירער און שטענדיקער רעזשיסער עס איז געווען מיין נאָענטער חבר אברהמל קאָלאָדני. אַדאַנק אים בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט.

אברהם קאָלאָדני

געווען איז עס אין פרילינג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען קאָלאָדני (דעמאָלט אַ מיטגליד פונעם רוסישן דראַמאַטישן קרייז, אָנגעפירט דורך אַ געוויסן בורטשינסקי), האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט דעם פאָרשלאָג צו באַנייען די איבערגעריסענע טעטיקייט פון אַמאָליקן ליבהאָבער־קרייז און קומען צו דער יידישער עפנטלעכקייט מיט אַ רייכערן און אויסשליסלעך ליטעראַרישן רעפּערטואַר.

דראַמקרייז (1912)

פון רעכטס:
מאַריאַ איראַרביטער, גענדלער, ראָזאַ ביכאַווסקאַ, ראָזאַ ליטוואַק

נאָכן גענויעם באַטראַכטן די צילן און די מעגלעכקייטן זענען מיר צוגעטרעטן צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן.

איך האָב זיך אונטערגענומען צו שאַפן די פינאַנסיעלע באַדינגונגען און אברהמל האָט אויף זיך גענומען די ליטעראַריש־קינסטלערישע טייל.

זייער שנעל האָט זיך קאָנסטרוירט דער צוזאַמענשטעל פונעם קרייז, וועלכער איז (לויט מיין באַשיידענעם מיינונג) אויסגעפּאַל'ן געלונגען. ס'איז צוגעשטאַנען צום קרייז דער שוין דעמאָלט־דיקער באַקאַנטער, באַגאַבטער און באַליבטער אין לוצק לייבטשיק לערנער.

עס זענען אויך צוגעצויגן געוואָרן די שטענדיקע מיטשפּילערין פון רוסישן דראַמאַטישן קרייז, די עטוואָס־אַסימילירטע ראָזאַ קופּערמאַן און איר פּלימעניצע פּאָלאַ ליבערמאַן. ס'האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קרייז בתיה ביק און דבורקע גרינשטיין. מיר האָבן אויך נישט פאַרפעלט צו אַנגאַזשירן די איבערגעגעבענע דינטשע גאָרנשטיין. פון מענער האָבן אַנטייל גענומען אין כמעט אַלע פּיעסן מיין חבר מאיר ליבובער און אפרים מאַראַנץ. אַלס טרעפפּונקט פאַר די אַנטיילנעמער פון קרייז איז באַשטימט געוואָרן די וווינונג פון דינטשע גאָרנשטיין. איר הויז איז פּאַקטיש געווען דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער אין לוצק — אַ שטוב פון כל דכפין, סיי פאַר פּראָגעס, אָדער גלאַט כאַפּן אַ שמועס און טיילן זיך מיט איינדרוקן פון דער פאָרגעקומענער פאָרשטעלונג. דינטשע די גאָרסעטן־מאַכערין, וועלכע האָט אַליין געמוזט זאָרגן פאַר דער אויסהאַלטונג פון אירע 3 קינדער און גאַנץ שווער געאַרבעט פיזיש, האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט און נישט אַרויסגעוויזן קיין מידקייט, שטענדיק איז זי געווען גרייט אויפצונעמען די חברים פון קרייז און אַלע מאָל געדינט מיט אַ גלאָז טיי.

די טעטיקייט פונעם ליבהאָבער־קרייז האָט זיך סיסטעמאַטיש אַנטוויקלט און געוואַקסן. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון די פּיעסן: „גאָט פון נקמה”, „דער אידיאָט”, „די משפחה”, „די פּוסטע קרעטשמע”, „דער דאָרפסיונג”, „דער שטומער”, „דאָס ווילנער בעל־הביתל”, „הערצלע מיוחס” און אַנדערע פּיעסן פון גאָרדינס רעפּערטואַר. ס'זענען אויך פאָרגעקומען פאָרשטעלונגען פון איינאַקטערס. אַזעלכע אָוונטן זענען דערלאַנגט געוואָרן מיט לייענען און רעציטירן די ווערק פון פּרץ, שלום עליכם און אַנדערע, אויסגעפירט דורך שכר ליבובער, לייבטשע לערנער און מיין ווייניקייט. אין איינעם אַזאַ אָוונט, ביים אויספירן שלום עליכבס איינאַקטער „מענטשן”, האָבן אויך אָנטייל־גענומען אין גלענצנדיק אויסגעפירט זייערע ראָלן: מאריא איראביטער (שפּעטער עמיגרירט מיט איר מאַן הורוויץ קיין אַמעריקע) און ראָזא די שליאפאניצע (לויטן מאַנס נאָמען זילבערבערג).

די צוזאַמענאַרבעט אין קרייז איז אין אַלגעמיין געפירט געוואָרן סאָלידאַריש — נישט רעכנענדיק די קליינע אינצידענטלעך וועלכע פלעגן אויסברעכן ביים טיילן די ראָלן אין דער געגעבענער פּיעסע. אַזעלכע קליינע אויפברויזן פלעגן אָבער שנעל ליקווידירט ווערן דורך דער אויטאָריטעטער שטעלונג פונעם דורך אַלעמען אָנערקענטן רעזשיסער קאָלאָדני.

די סאַטיספאַקציע פון אַלע מיטגלידער פונעם דראַמאַטישן קרייז „יידישע פרייע בינע” איז געווען דער גרויסער דערפאָלג, דער מאַטעריעלער און נאָכמער דער מאָראַלישער. די פאָרשטעלונגען זענען שטענדיק פאָרגעקומען ביי אויספאַרקויפטע פּלעצער פון גרויסן טעאַטער־זאַל „אָדעאָן” און זיי האָבן אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביי אַלע באַזוכער. אַ גרויסן טייל פון דערפאָלג דאַרף צוגעשריבן ווערן דעם גוט באַקאַנטן אין לוצק געוועזענעם פריזירער נחמן מעלימעווקער, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פונעם קרייז און ער האָט אַזוי קינסטלעריש גרימירט די טיפּן, אַז יעדער באַטייליקטער איז אַרויסגעקומען ווי דער אָריגינאַל. די שטורעמס פון די שפּעטערדיקע יאָרן, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און דער עיקר — נאַציאָנאַלע, האָבן צעשטערט דעם בנין, מיט וועלכן לוצק האָט געקאָנט שטאָלצירן. דער בנין איז זיך צעפאַלן, די מערהייט פון יענע טעאַטער־באַזוכער זענען מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע און פון אַלע אַמאָליקע בויער פון דער „יידישע פרייע בינע” זענען געבליבן ביים לעבן נאָר מיין פריינד לייבטשיק לערנער און דער שרייבער פון די שורות.

גוטא פירער / תל־אביב

אַרום דער יידישער גימנאַזיע אין לוציק

אין ים פון דערינערונגען איבער מיין קינדהייט, שווימט אַרויס די גימנאַזיע אין פאַרשידענע תקופות פון איר עקזיסטענץ.

אָט זע איך זיך נאָך אין די יאָרן 9—10 אין ערשטן קלאַס גימנאַזיע. אַ קליין מיידעלע מאַכט אַלע טעג דורך דעם וועג פון אָנהייב יאַרוויצע ביז דער יידישער גימנאַזיע — נעבן רוסישן סאָבאָר. דער וועג איז נישט לאַנגווייליק, ווייל ער האָט פאַר־שידנאַרטיקע פאַזעס אין זיין לאַנגער שטרעקע... אָט גיי איך אַרויס פון דער היים, וועלכע געפינט זיך אין דער סטרעפע פון די קאַזאַרמעס, איינגעהילט אין שיינע געדיכטע אַלעען און פאַר מיין קינדערשער פאַנטאַזיע זענען זיי טורעמס באַוווינטע דורך מיטלאַלטערישע ריטער. דער ערשטער איבערגאַנג פירט צו אַ ריי יידישע קלייטלעך, ווו פאַר איינעם פון זיי, אויף אַ הויכער פריזבע, זיצט די אַלטיטשקע חיה־פייגע און דערוואַרט מיך שוין אויף צו ענטפערן איר האַרציקן „גוט מאָרגן". איר ברייטער, ליבלעכער שמייכל צעוואַרעמט מיין וועזן אין די גרויע האַרבסט־פרימאָרגנס און איך קריג מוט פאַרן ווייטערדיקן וועג. יאָ, כ'דאַרף אַ סך מוט, ווייל ביים געסל נעבן זעמאַנס בראָווער, לויערן אויף מיר שקצימלעך מיט שטיינער.

אינטערעסאַנט, אַז די דאָזיקע געפאַר בלייבט מיין סוד. איך דערצייל אים קיינעם נישט, ווייל איך שעם זיך פאַר מיין פּחד. מיט געפילן פון שרעק און העלדישקייט מייד איך גליקלעכ־ווייז אויס די פליענדיקע שטיינער און גיי אַריין אין אַ „זאָנע" געדיכטער באַזעצט מיט יידישע הייזער. דאָס איז די „דאָלינע".

די דאָזיקע קליינע גאַס איז פול פאַר מיר מיט אַטראַקציעס: דאָס קליינע טייכל מיטן בריקל, די דאָלינער שול, די געוועלבער, די איינוווינער — אַלץ רעדט צו מיר מיט אַ באַזונדערער שפּראַך און אַ פאַרשידענעם אינהאַלט. איך גיי דורך דער שול, און ביי קרוינשטיינס באַרע (גענומען פון אַמבאַר — אַ שפּייכלער פאַר תבואה), הייב איך אָן אַריינצוגיין אין דער „שטאָט". איך גיי פאַרביי די דריי־שטאָקיקע אימפּאָזאַנטע געביידע פון דער רוסי־שער גימנאַזיע, דעם שיינעם שטאָט־גאָרטן, דעם סאָבאָר, און ענדלעך — געקומען פאַר 8 אַזייגער אין גימנאַזיע.

אַזוי דויערט דער זעלבער וועג 8 יאָר, טאָג איין, טאָג אויס, אָבער אַזוי פאַרשידנאַרטיק לגבי דעם אינהאַלט פון לעבן אין גימנאַזיע.

די דאָמינירנדיקע ראָל אין דעם גימנאַזיע־לעבן האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט די לערער. וועלכע פלעגן שאַפן די אַטמאָספערע און דעם אינהאַלט.

דאָס גליקלעכסטע שול־יאָר איז דאָס ערשטע, דער ערשטער קלאַס, וועלכער ווערט געפירט דורכן טייערן, איבערגעגעבענעם, אומפאַרגעסלעכן לערער — סאָלאָמאָן דווידאָוויטש פיינבליט. אַ מענטש מיט אַ גרויס יידיש האַרץ און ברייטער פּעדאַגאָגישער ערודיציע. ער איז אונדזער קלאַסן־דערציער און לערנט לאַטיין און אַריטמעטיק.

מיר, זיינע שילער, זענען יידישע קינדערלעך פון בירגער־לעכע היימען, מיט שמאָלע באַגריפן. ער ווייסט, אַז מיר פאַרמאָגן פאַנטאַזיע און אַ גרויסן דראַנג צום וויסן, אָבער ער, אַלס פּעדאַ־גאָג, איז פאָרזיכטיק — ער וויל, אַז זיין לערע זאָל נישט זיין פאַר אונדז צופיל אַבסטראַקט, און דעריבער געפינט ער דעם וועג צו אונדז דורך שיינע דערציילונגען פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, פון דער רוימישע געשיכטע, דורך בילדער, עפּי־זאָדן, ביישפּילן, גענומענע פון פאָלקסטימלעכן יידישן לעבן. אָבער יעדע דערציילונג ווערט באַגלייט מיט אַ מוסר־השכל, ווייל נישט נאָר לערנען וויל ער אונדז, נאָר אויך דערציען.

ער געווינט אונדזערע הערצער און מיט גרויס פרייד לויפן מיר אין שול צו אונדזער טייערן לערער. און וואָס טוט ער נישט כדי אונדז צו מאַכן גליקלעך? — ער קלויבט צוזאַמען דעם קלאַס אין די נאָכמיטאָג־שעהן אויף דער „לאַנקע" נעבן טייך



בנין פון דער רוסישער גימנאַזיע

אַ גרופּע סטודענטינס פון דער רוסישער פרויען־גימנאַזיע

סטיר, שפּילט מיט אונדז אין קינדער־שפּילן, אַ חבר שפּילט אויף פידל, מען דערציילט מעשיות, אַנעקדאָטן און רעטענישן. אויך אינדיווידועלע הילף גיט ער יעדן איינעם פון אונדז. ער געפינט דעם וועג צו די פאַרבאָרגנסטע ווינקלעך פון אונדזערע נשמות און פאָרזיכטיק, בדחילו ורחימו, מיט גרויס איידלקייט און ליבשאַפט, הייבט ער אָן צו היילן די יעניקע, וועלכע פאַר־מאָגן שוין סימפּטאָמען פון אָפּנויגונגען אין דער נאָרמאַלער קינדער־אַנטוויקלונג. דורך די אָפטע צוזאַמענקונפטן פון קלאַס שאַפט זיך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און עס ווערן אָנגענומען די שטעל־פּאָזיציעס פון יעדער קינד אין דער געזעלשאַפט, וועלכע דויערט די גאַנצע 8 יאָר פון אונדזער צוזאַמענלעבן אין גימנאַזיע.

ליידער דויערט אונדזער גליק נאָר דאָס ערשטע לערנייאָר, ווייל אויף די פעריען פאַרלאָזט אונדז ה׳ פיינבליט צוליב זיין אַוועקפאָר קיין רוסלאַנד.

אין דעם זעלבן יאָר האָבן מיר געהאַט אויך אַנדערע דער־הויבענע לערער, וועלכע האָבן געלאָזן אַ טיפן איינדרוק.

מען דאַרף דאָ באַמערקן, אַז אין יאָר ווען עס אַנטשטייט די גימנאַזיע — 1918,ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון דער רוסישער רעוואָלוציע — זענען די לערער פון גימנאַזיע וואָרבירט געוואָרן פון געוועזענע מיליטער־לייט, אָדער הויכע באַאַמטע, וועלכע זענען געווען אינטעליגענטע מענטשן מיט העכערער בילדונג. אַ סך פון זיי זענען צופעליק געבליבן שטעקן אין לויצק נאָך דער וועלט־מלחמה און האָבן באַקומען פּאָסטנס אַלס לערער אין גימנאַזיע.

אַזעלכע זענען געווען: ה׳ פריימאַן מיט זיין פרוי וויערא וויקטאָראָוונא, דער לערער פון רוסישער ליטעראַטור — ה׳ רוסאַ־קאָוו, דער לערער פון דייטש — ה׳ קאָרפּוס א. א. וו.

צווישן די אַלע האָט זיך אויסגעצייכנט דער ה׳ פריימאַן, אַ געוועזענער רוסישער אָפיציר. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער לערער מיט אַ שיינער אויסערלעכקייט און קלאָרער מעטאַל־שטימע. ער האָט געלערנט נאַטור־וויסנשאַפט און פלעגט אונדז אַריינפירן אין די טיפענישן פון דער נאַטור.

דורך זיין שיינער קלינגנדיקער שטימע, דורך דער פּראַכט־פולער רוסישע שפּראַך, פלעגט אויפוואַכן ביי אים די נאַטור אין דעם ענגן קלאַס. מיט גליענדיקע אויגן און אָפענע מיילער פלעגן מיר באַוווּנדערן די גרויסע ניסים פון גאָטס וועלט. דער לערער פריימאַן האָט אויך געהאַט גרויסע פּעדאַגאָגישע פעיקייטן און גלענצנדיקע דערציערישע מעטאָדן, ער איז געווען האַרציק, איידל און אַ גרויסער קינדער־פריינד.

אָט די גרופּע לערער, געשולטע דורך רוסישער קולטור, האָבן פאַרזייט די ערשטע קערנדלעך פון וויסן און מאָראַל אין

אונדזערע קינדערשע נשמות, וועלכע האָבן זיך געריסן צו בילדונג.

אין די שפּעטערדיקע עטלעכע יאָר, אין די צייטן פון אוקראַינישע אומרוען און ביז דער אַנטשטייונג פון דער פּוילישער רעגירונג, ווערן באַשעפטיקט אין גימנאַזיע לערער, וועלכע האָבן נישט די געהעריקע קוואַליפיקאַציעס. מערסטנס זענען דאָס געוועזענע רוסישע באַאַמטע, ווי צ.ב. אַ געוועזענער ריכטער און זיין טאָכטער, אָדער אַ פריערדיקער מיליטער־מאַן אַלס לערער פון דער דייטשער שפּראַך א.א.וו.

אָבער אויך אין יענער צייט טיילט זיך אויס דער קליינטשיקער רוסישער דירעקטאָר מיטן נאָמען כוויעדקעוויטש. אַ הומאַניטאַרע געשטאַלט פון דער רוסישער קולטור און אַן אמתער קינדער־פריינד. ער לערנט אונדז מאַטעמאַטיק.

אָבער אויך ער פאַרלאָזט אונדז און אונטערן דרוק פון דער פּוילישער רעגירונג ווערט די הויפּט־שפּראַך פון דער גימנאַזיע געענדערט פון רוסיש אויף פּויליש. דער גאַנצער פּראָגראַם טוישט זיך לויטן פּראָגראַם פון אַ פּוילישער גימנאַזיע. עס ווערט ווי פריער געלערנט העברעיש אַלס שפּראַך, תנ"ך און יידישע געשיכטע — אין העברעיש.

דער גאַנצער לערער־פּערסאָנאַל ווערט געענדערט. אין שפּיץ פון גימנאַזיע שטייט דער דירעקטאָר ה׳ לעדערפיינד, און עס קומען אָן לערער מערסטנס פון יידישער אָפּשטאַמונג, פון גאַליציע, קוואַליפיצירטע מיט הויכער אוניווערסיטעט־בילדונג.

עס הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע. דער גייסט פון גימנאַזיע ענדערט זיך אינגאַנצן. די גימנאַזיע הייבט אָן צו שטרעבן אויף צו קריגן רעגירונגס־רעכט מיט מאַטורע־עקזאַמענס, און דער טראָפּ ווערט געלייגט אויף דער לערע ממש.

פאַר אונדז שילער איז דער איבערגאַנג זייער שווער. מיר זענען נאָך געבונדן צום פריערדיקן דעמאָקראַטישן־ליבעראַלן רעזשים, צו דער פריינדלעכער באַציונג פון די לערער און צו אַ ביסל אַ לייכטערער פאָדערונג לגבי דעם לערנען אַליין. אין אָנהייב פון 6־טן קלאַס ווערן מיר אָבער אויפגעפאָדערט צו קנעלן ממש — מען מוז לערנען און אַריינדרינגען אין די גראַמאַטישע געזעצן פון דער נייער שפּראַך, דערלערנען די געשיכטע און ליטעראַטור פון דעם ביז איצט גערודפטן פּוילישן פאָלק און איבער נאַכט ווערן פּוילישע פּאַטריאָטן!

אינטערעסאַנט, אַז די אין פלוג גענומען אויפגעצוווּנגענע פּראָגראַמען, הייבן אָן צו געבן פרוכטן נישט פריער ווי נאָך דריי יאָר. די נייע לערער האָבן זייער ציל דערגרייכט און געמאַכט פון אונדז געטרייע פּוילישע בירגער. ווי אַזוי איז דאָס געשען? די פאַקטאָרן דערצו זענען געווען די גייסטרייכע פּוילישע ליטעראַטור און די מאַרטירער־געשיכטע פון פּוילישן פאָלק. מיר זענען געצווּנגען צו לייענען די פּוילישע ליטעראַטור. און דאָ איז געשען אָט וואָס: מיט אונדזער יידישער עמאָציאָנעלקייט האָבן מיר זיך אַריינגעוואָרפן אין די ווערק פון מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי, זשעראָמסקי, פּרוס, שענקעוויטש, וויספּיאַנסקי, אָזשעשקאָ א.א. די ענלעכע פּאָליטישע סיטואַציע צווישן אונדזער פאָלק און פּוילן אַלס אונטערדריקטע, די שטרעבונג צו לייזן

אַ קרייז אין דער יידישער גימנאַזיע (1922)

די יידישע גימנאַזיע בראש מיטן דירעקטאָר כוויעדקעוויטש

סאָציאַלע און פּאָליטישע גערעכטיקייטס־פּראָבלעמען, און דערצו די שיינע פּוילישע שפּראַך, דער הויכער ניווא פון די פּוילישע פּאָעטן — דאָס אַלץ האָט משפּיע געווען, אַז מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די אָביעקטן פון די לימודים און געגומען רעדן, טראַכטן און זיך האַלטן אויפן פּוילישן שטייגער...

און אַזוי אומזעבאַר האָט אַריינגעדרונגען אין אונדז די פּוילישע קולטור און מיר האָבן איר געווידמעט די שענסטע יאָרן פון אונדזער לעבן. איך זאָג, די שענסטע יאָרן, ווייל די דאָזיקע יאָרן האָבן געהאַט אַ דאָמינירנדיקע ווירקונג אויף אונדזערע לעבנס־אָנשויונגען. אויף די לעקציעס פון שפּראַך און געשיכטע ווערט דער קלאַס פאַרוואַנדלט אין אַ פאָרום פון דע־באַטן, און שאַרפע יידישע קעפּלעך אַמפּערן זיך וועגן פאַרשי־דענע פּראָבלעמען און זוכן דעם אמת. עס האָט אָבער געפעלט אַ דערציערישע האַנט, וועלכע זאָל אונדז פירן אויפן וועג פון זוכן דעם אמת פאַר אונדזער פאָלק. די ראָל פון די לערער איז דאַן געווען מער נישט ווי אַ קאָנטראָלירנדיקע ; ד.ה. די לערער פלעגן דערקלערן די לעקציעס, זיי פלעגן קאָנטראָלירן אונדזערע ידיעות, אָבער זיי האָבן נישט גענומען קיין אָנטייל אין געשטאַלטן סיי דעם כאַראַקטער, סיי די לעבנס־אָנשויונגען. און אפשר האָבן זיי אונדז געוואָלט געבן אַ ריין פּוילישע אָריענטאַציע, ווייל זיי זענען אַליין געווען פּוילישע פּאַטריאָטן ?

די דאָזיקע לערער האָבן זייער ציל דערגרייכט. די ווענט פון דער גימנאַזיע זענען געבליבן טויב פאַר די דערוואַכונגס־קלאַנגען פון די ברייטע יידישע מאַסן, וועלכע האָבן זיך אין יענע צייטן פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע געוועקט און אָרגאַ־ניזירט צו אַ נייעם לעבן פאַרן גאַנצן פאָלק, צו אַ פרייער טעריטאָריאַלער אומאָפּהענגיקייט אויפן יסוד פון גלייכע סאָציאַלע געזעצן — דאָס אַלץ איז צו אונדז נישט דערגאַנגען. פאַר אונדז זענען אויך געבליבן פרעמד די מקורות פון דער העברעישער

דער זיבעטער קלאַס אין גימנאַזיע (1933)

שפּראַך און קולטור, ווייל מען האָט זיי אונדז דערלאַנגט אויפֿן שפּיץ מעסער און דערבײַדערט זייער ראָל צו אַ צווייטראַנגיקער לגבי די פּוילישע לימודים. איך דערמאָן ביי דער געלעגנהייט די דריי טייערע העברעישע לערער אונדזערע — ה׳ חלף, קאגאן (כהן) און פּיעטשעניק, וועלכע האָבן טיף געווייטיקט אויף דער סיטואַציע און האָבן דאָך באַוויזן צו געבן אונדז די עלעמענטאַרע יסודות פון עברית. איצט פאַרשטייען מיר אַלע, ווי טיף עס האָבן געליטן די מענטשן, וועלכע האָבן אונדז נישט געקאָנט ראַטעווען פון געפאַר פון פּוילישער אַסימילאַציע. דערצו איז דאָס געגאַנגען. עס האָט אונדז נאָך געראַטעוועט די אָפּשטאַמונג פון טראַדיציאָנעלע היימען, אָבער ביסלעכווייז איז אויך זי געווען באַדראָט...

און דעריבער איז דער סך־הכל אַ טרויעריקער. דאָס פעלן פון אַ דערציערישער האַנט אין דער נאַציאָנאַלער ריכטונג האָט אַוועקגעריסן אונדזער בעסטע יוגנט אין לויצק.

די גרעסטע טייל פון די אַביטוריענטן זענען געבליבן אין פּוילן און געטיילט דעם שרעקלעכן גורל פון אַלע יידן דאָרט.

אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט — זייער פעיקע, אינטעלי־גענטע און באַגאַבטע יידישע קינדער — איז אַוועק אַקערן אין פרעמדע פעלדער... די לעבנגעבליבענע פאַרנעמען אפילו הויכע פּאָזיציעס.

אַ קלענער טייל געפינט זיך אין די מערב־אייראָפּעישע לענ־דער, וווּ זיי האָבן שטודירט, און נאָר די יעניקע, וועלכע זענען נאָך דעם ענדיקן די גימנאַזיע געקומען אין באַרירונג מיט ברייטע יידישע צענטערס, ווי ווילנע, וואַרשע — זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער יידישער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע. אייניקע זענען געקומען קיין ישראל נאָך דער מלחמה.

אַ גרופּע שילער פון דער יידישער גימנאַזיע

פון רעכטס, ערשטע ריי: חוה פיש, מאַניע גלעזער (זגגי); צווייטע ריי: י. נול, ס. קערצמאַן, דירעקטאָר כוועדקעוויטש, ס. מילכיקער, ש. יוניטשמאַן; דריטע ריי: ז. עלבירט, א. נול, י. פּערעלן, אומבאַקאַנט, מאַרקוס מירסקי, דוד ספאַרד, צ. פּעקער.

אַ גרופּע שילער פון דער יידישער גימנאַזיע

אָבער טראָץ די נעגאַטיווע רעזולטאַטן, האָט די יידישע גימנאַזיע אין לויצק אַן און פאַר זיך גרויסע פאַרדינסטן.

ביי דער געלעגנהייט פיל איך פאַר מיין חוב צו דערמאָנען די גרופּע עלטערן, וועלכע האָבן געגרינדעט די גימנאַזיע, דאָס זענען: שמחה מילכיקער, אהרן פיש, (יואל בארזאך?), משה שיינער (און אַנדערע, וועלכע כ׳קען אפשר נישט). זיי האָבן טאַקע געהאַט גוטע כוונות, אָבער אין משך פון דער צייט, האָט די גימנאַזיע גענומען לעבן איר זעלבשטענדיקן לעבן, לויט די אנשויונגען פון די לערער.

איין פאַרדינסט פון דער גימנאַזיע איז דאָס, וואָס קודם כל האָט זי געשאַפן אַ סביבה פון בלויז יידישע קינדער, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפילט פריי און נישט געהאַט אויסצושטיין די אַנטיסעמיטישע באַציונג מצד די פוילישע לערער און שילער.

דער צווייטער פאַרדינסט באַשטייט אין דער בילדונג, וועלכע מיר האָבן באַקומען פון גוטע, אינטעליגענטע און הויך־קוואַלי־פיצירטע לערער. ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען דעם גלענצנדיקן לערער פון געשיכטע, ד״ר מיכאל הענדעל, וועלכער איז געווען אונדזער לערער אין 8־טן קלאַס. צו אונדזער גליק געפינט ער זיך שוין לאַנגע יאָרן אין ישראל ווו ער טראָגט ביי זיין גרויס וויסן אין דער לערע פון געשיכטע סיי אַלס אינספּעק־טאָר אין די מיטלשולן און סיי אַלס פרעלעגענט און שרייבער פון אַרטיקלען וועגן געשיכטע.

אַלזאָ, ווי געזאָגט, האָט די גימנאַזיע אונדז געגעבן בילדונג, וועלכע האָט געוועקט דעם דראַנג צו גיין אין דער גרויסער וועלט, כדי צו זוכן וויסן און ווערן זעלבשטענדיק און פריי.

די גימנאַזיע האָט געטראָגן ליכט אין די יידישע הערצער אין לויצק אין משך פון איר דרייסיק־יאָריקער עקזיסטענץ צווישןביידע וועלט־מלחמות.

לויצקער יידישע גימנאַזיע פון דער
קולטור־וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט
„עלטערן־פאַראיין“

לויצק, פרייטיק 3 יוני 1921.
נומער 1470.

מעמאראנדום

צום אַמעריקאַנער דעלעגאַט פאַר לויצק און אומגעגנט
ה׳ פּאַפּיר!

ג. ה.

דער עלטערן־קאָמיטעט פון דער לויצקער יידישער גימנאַזיע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1917, אין דער צייט פון דער קערענסקי־רעגירונג, טיילט אייך מיט, אַז זינט דאַן ווערט זי אויסגעהאַלטן דורך די עלטערן פון די שילער גופא.

אין דער גימנאַזיע לערנען זיך קינדער אין עלטער פון 8 ביז 20 יאָר, פון אַלע שיכטן פון דער לויצקער יידישער באַפעלקערונג.

אין איינקלאַנג מיט אַ ספּעציעלן באַשלוס פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, ווערט 10 פּראָצענט תלמידים, צולים דער שווערער לאַגע פון זייערע עלטערן, באַפרייט פון שכר־לימוד. דאָס דערמעגלעכט, אַז אויך די אָרעמסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג זאָלן קאָנען געבן זייערע קינדער אַ געהעריקע דערציונג פון אַלגעמיינעם און כלל יידישן כאַראַקטער.

אין אונדזער גימנאַזיע זענען אַנגאַזשירט די בעסטע לערער, וועלכע לערנען גרינטלעך, לויטן פּראָגראַם פון די רעגירונגס־שולן, העברעיש, פּויליש, רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, לאַטיין און אַלע איבעריקע אַלגע־מיינע למודים. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשטאַרקטער עמיגראַציע־באַוועגונג קיין פּאַלעסטינע, אָדער אַמעריקע, ווערט אויך די ענגלישע שפּראַך אַריינגענומען אין לערנפּראָגראַם. אויסער דעם לערנען זיך די קינדער אין גימנאַזיע אויך האַנטווערקעריי (ווי טישלעריי, שניידעריי א.א.וו.) און דערמיט באַקומט ביי אונדז דער שילער אַלגעמיינע מיטעלע בילדונג, יידישע דערציונג און אויך, אין אַ געוויסער מאָס, האַנט־

אויפן נייעם שול־יאָר 1921/22 איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַר־וואַנדלען אונדזער גימנאַזיע אין אַ האַנדלס־שול מיט העברעיש אַלס אינטערריכטס־שפּראַך. ס'רוב עלטערן פון אונדזערע קינדער זענען קליין־הענדלער, פאַרמיטלער און האַנטווערקער. איז דעריבער געווונטשן, אַז די קינדער זאָלן באַקומען אַזאַ בילדונג, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די פּראַקטישע באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג.

די אויסגאַבן דערויף זענען זייער גרויסע. לויטן פּרעלימינאַר וועלן די אויסגאַבן אויפן לויפנדיקן שול־יאָר באַטרעפן ביי 8 מיליאָן מאַרק.

אויסער דעם פאַרמאָגן מיר נישט קיין ספּעציעלע געביידע פאַר אונדזער לערנאַנשטאַלט. די שול געפינט זיך אין 3 אַלטע הייזער, וווּ דער סאַניטאַרער און היגיענישער צושטאַנד איז אַ שרעקלעכער. וועגן דעם האָט איר, ה' פּאַפּירי זיך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו איבערצייגן, ווען איר זענט געווען אַזוי פריינדלעך און באַזוכט די שול. די אויסגאַבן אויף דירה־געלט זענען זייער גרויסע. האָבן מיר דעריבער באַשלאָסן אויפצובויען אַן אייגענע געביידע מיט איינריכטונגען אויף קאַבינעטן: כעמישן, פיזישן און האַנדלס־וויסנשאַפטלעכן. ס'ווערט אויך געפּלאַנט אַ מוסטער־גאָרטן מיט אייניקע ווערקשטאַטן. דערויף איז אונדז אומ־באַדינגט נייטיק אַ סומע פון 25 מיליאָן מאַרק.



מאָנטאַזש פון מעמאָראַנדום

25% פון די אַלע קאָסטן וועט דער עלטערן־קאָמיטעט שאַפן אויפן אָרט און צווישן די עלטערן פון די שילער, וועלכע זענען גלייכצייטיק אויך מיטגלידער פון אונדזער געזעלשאַפט. די איבעריקע סומע וואָלט געווען געווונטשן צו באַקומען פון אונדזערע אַמעריקאַנער ברידער, אַ געוויסע טייל אַלס אַ געשאַנק און ס'איבעריקע אַלס אַן אַנפּראָצענטיקע הלוואה אויף עטלעכע יאָר.

מיר האָפן, אַז מיר וועלן זיין בכוח די דאָזיקע הלוואה, מיט אַ טיפן דאַנק, צוריקגעבן, ווייל אויב מיר וועלן נישט זיין געצוווּנגען צו צאָלן ס'טייערע דירה־געלט, וועלן מיר קאָנען דעקן דעם לויפנדיקן חוב. מיר זענען גרייט אויסצופילן אַלע נויטיקע פאָרמאַליטעטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן באַקומען די געווונטשענע הלוואה.

אונדזער לערנאַנשטאַלט איז זייער באַליבט ביי אַלע שיכטן פון דער לויצקער יידישער באַפעלקערונג און דעריבער ווילן פיל נישט־פאַרמעגלעכע עלטערן שיקן זייערע קינדער זיך לערנען אין אונדזער שול. ליידער זענען מיר נישט אימשטאַנד אַנטקעגנצוקומען די גרויסע באַדערפענישן און מוזן זיך באַגנוגענען נאָר מיט 10% שילער, וואָס באַצאָלן נישט קיין שכר־לימוד.

לויטן פּראָיעקט, וועלכן מיר לייגן דאָ ביי, דאַרפן אונדז יעדער שילער קאָסטן יערלעך מינימום 5 טויזנט מאַרק.

אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן מיר זיך געווענדעט צו דער אָפּטיילונג פון דער ד.ד.ק. אין לויצקער יידישע קהילה און מיר האָבן באַקומען אַ געוויסע שטיצע אויף אויפצוהאַלטן אַ גרופּע יידישע שילער, וואָס האָבן אַריבערגעשטיגן די צאָל 10%.

מיר האָבן געגלייבט, אַז אויך היינטיקס יאָר וועלן מיר פון די אויבנדערמאָנטע קוועלן באַקומען די געהעריקע שטיצע, און האָבן דעריבער צוגענומען אין דער שול נאָך שילער פון נישט־פאַרמעגלעכע עלטערן. אַזוי אַרום באַזוכן די שול ביים היינטיקן טאָג 150 קינדער, וועמענס עלטערן עס קאָנען נישט צאָלן קיין שכר־לימוד.

מיר האָבן די דאָזיקע קינדער געמוזט אַריינגעמען אין גימנאַזיע, בכדי זיי זאָלן נישט גיין אין שלעכטע וועגן, נישט ווערן קיין גאַסן־קינדער, שעדלעכע פאַר דער געזעלשאַפט, אומנוצלעכע בירגער און אַ שאַנדע פאַר אונדז, יידן.

צום באַדויערן האָט זיך היינטיקס יאָר די ד.ד.ק. אָפּגעזאָגט אונדז צו שטיצן. איז דעריבער די לאַגע פון אונדזער אַנשטאַלט זייער אַ קריטישע. מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט איינצואָרדענען אַלץ, וואָס עס איז נייטיק צום לערנפּראָגראַם.

ווענדן מיר זיך צו אייך מיט אַ הייסער ביטע, אין נאָמען פון 500 שילער און שילערינס, פון וועלכע 150 שטאַמען פון אָרעמע עלטערן, אונדז בייהילפיק צו זיין מיט וויפל איר קאָנט נאָר און אויך אונדז צוטיילן אַן אַנפּראָצענטיקע הלוואה אויף עטלעכע יאָר, בכדי מיר זאָלן זיך קאָנען דערשלאָגן צו אַן אייגענער שול־געביידע און אונדזערע קינדער זאָלן נישט זיין געצוווּנגען זיך צו לערנען אין דריי באַזונדערע חורבות, ווו זיי ווערן, פון היגיענישן און סאַניטאַרישן שטאַנדפּונקט, שוואַך און פאַרסמט.

העלפט אונדז צוצוקומען צו אַ מוסטערהאַפטער האַנדלס־שול, וועלכע וועט ברענגען פיל נוצן דעם האָרעפּאַשנעם טייל פון אונדזער יידישער באַפעלקערונג. העלפט אונדז צו ווערן מיט לייטן גלייך און נישט זיין הינטערשטעליק כלפּי אונדזערע שכנים (פּאָליאַקן, רוסן, טשעכן און דייטשן), וועמענס לערנאַנשטאַלטן געפינען זיך אין אַ גרויסאַרטיקן צושטאַנד.

אייער הילף וועט זיין אַ גאַנץ פּרוכטבאַרע, ווייל דערמיט וועט איר אונדז דערמעגלעכן צו דערציען אַ געזונטן, געבילדעטן און האָרע־פּאַשנעם דור, אַפילו דאָ אין גלות, אָבער דאָך מיט אַן אמת־יידישן חינוך און מיט אַ שטאַרקן יידיש־נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין.

וואָלטן מיר געהאַט אַן אייגענע פּראַכטפולע געביידע, וואָלטן מיר געקאָנט, אונטער אונדזער קולטור־וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט, אַריינ־נעמען נאָך מער שילער פון אַנדערע לערנאַנשטאַלטן. מיר וואָלטן געקאָנט דערגרייכן די צאָל פון טויזנט שילער. אַזוי גרויס איז דער ווילן צו וויסן ביי אונדזער יידישער באַפעלקערונג.

מיר האָפן, אַז איר וועט דערפילן אונדזער בקשה אין אַ געהעריקער מאָס, אין אַ פּאַסנדיקער פאָרם און ווי אַמשנעלסטן. ווילן מיר אייך, אין נאָמען פון אונדזערע קינדער און עלטערן און דער גאַנצער פאַר־אינטערעסירטער יידישער באַפעלקערונג פון לויצק, איבערשיקן אונדזערע ברכות און דאַנק פאַרויס.

די פאַרוואַלטונג:

פאָרזיצערס: אהרון פיש
שמחה מילכיקער
מיטגלידער: י. זיידמאַן
ש. בראָדעצקי
סעקרעטאַר: א. קאָלאָדני

ד״ר טוביה לעשנער

לויצקער סטודענטן אין פראג

אויב דאָס ענדיקן די גימנאַזיע איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן פאַרן רוב עלטערן, איז אָבער אונדזער לאַגע צענפאַך פאַרקאָמפּליצירט געוואָרן נאָכן באַקומען דעם גימנאַזיע־דיפּלאָם. דאַן האָט אין איר גאַנצער שאַרפקייט זיך אַוועקגעשטעלט די פראַגע: וואָס ווייטער? ווו שטודירט מען, און וואָס שטודירן?

אויב מען זאָל זיך אָפּשטעלן אויפן פּראָצענט פון די מאַטוריסטן, וועלכע האָבן פאָרגעזעצט זייער בילדונג אין די הויכשולן, וועט מען זען ווי גרויס ס׳איז געווען דער דראַנג ביי דער לויצקער יידישער יוגנט צו הויכבילדונג.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט דער דראַנג צו העכערער בילדונג? מען דאַרף דאָך נישט פאַרגעסן, אַז די יוגנט, וועלכע האָט געצויגן צו די אוניווערסיטעטן, איז על פּי רוב געקומען נישט פון רייכע היימען, נאָר פון מיטלשטאַנד און פון אַרבעטער־משפחות.

די הויפּט־סיבה דערפון דאַרף מען, לויט מיין מיינונג, זוכן אין דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סיטואַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעמאָלטדיקן פּוילן. דער יוגנטלעכער —

אַ גרופּע יידישע סטודענטן פון לויצק
נעבן בנין פון פּראַגער אוניווערסיטעט

סיי פון דער אַרבעטער־סביבה, סיי פון אַזוי גערופענעם מיטלשטאַנד — האָט צוגעזען די נויט אין שטוב און געווען אַן עדות פון די שטייערן־שיקאַנעס מצד דער פּוילישער מאַכט. דערפאַר האָבן זיי געזען זייער איינציקע הילף אין באַקומען אַ דיפּלאָמירטע און קוואַליפיצירטע פּראָפעסיע, ווי: מעדיצין, אַדוואָקאַטור, אינזשיניער, פאַרמאַציע, אַרכיטעקטור א. אַז. וו.

נאַטירלעך וואָלט געווען ממשיך צו זיין די העכערע בילדונג אין געבוירן־לאַנד — דאָרט ווו מען באַקומט די עלעמענטאַרע און מיטעלע בילדונג. אין פּוילן האָט אָבער עקזיסטירט אין באַצוג צו יידישע סטודענטן דער אַזוי־גערופענער „נומערוס קלאַוזוס״, וואָס פאַקטיש וואָלט מען דאָס געזעץ געקאָנט אָנרופן „נומערוס נולוס״, וואָרעם אויב, למשל, אַ ייד האָט געוואָלט שטודירן מעדיצין, איז דאָס כמעט ווי אוממעגלעך געווען.

איז בכן געבליבן איין אויסוועג: פאָרן שטודירן קיין אויסלאַנד.

די יידישע שטודירנדיקע יוגנט, וועלכע איז געווען געצוווּנגען אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, איז בעיקר אַוועק אין די צוויי דעמאָקראַטישע לענדער פראַנקרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי. אַ קליינע צאָל יידישע סטודענטן פון פּוילן האָט געלערנט אין איטאַליע און אין בעלגיע.

דרך אגב דאַרף מען באַמערקן, אַז אַ סך פון אונדזער שטודירנדיקער יוגנט, וועלכע האָבן געהאַט פעיקייטן און נייגונגען צו אַ באַשטימטן געביט — האָבן אָפט געמוזט דערפון רעזיגנירן און שטודירן אַ פּראָפעסיע, וועלכע איז זיי נישט געווען אַזוי צום האַרצן.

אַזוי, למשל, זענען געווען יוגנטלעכע מיט גרויסע פעיקייטן אויף די געביטן פון מאַטעמאַטיק און כעמיע. זיי האָבן אָבער גוט געוווּסט, אַז אַפילו מיט די בעסטע קוואַליפיקאַציעס, וועלן זיי אַלס יידן נישט באַקומען קיין פּאָסטנס. מיט ווייטיק האָבן זיי געמוזט אויפגעבן זייער נאַטירלעכע נייגונג און שטודירן אַנדערע, מער צוגענגלעכע פּראָפעסיעס.

פון דער צווייטער זייט, אויב עמיצער האָט געוואָלט שטודירן דווקא אַדוואָקאַטור, האָט ער געוווּסט פון פאָראויס, אַז ער מוז עס טאָן בלויז אין פּוילן, ווייל מיט אַן אויסלענדישן דיפּלאָם האָט מען אין פּוילן נישט געקאָנט פּראַקטיצירן אַדוואָקאַטור (די געזעצן זענען געווען פאַרשידענע). מיר זענען באַקאַנט אַ סך פאַלן, ווען פיל יידישע סטודענטן אין פּוילן האָבן פאַרלוירן יאָרן ביים וואַרטן אויף אַ ריי אָנגענומען צו ווערן אויף יוריספּרודענץ.

ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן דעם שווערן יאָך וואָס אונדזערע עלטערן האָבן גענומען אויף זיך מיטן באַשלוס צו שיקן זייערע קינדער שטודירן קיין אויסלאַנד. דאָס פאָרן קיין אויסלאַנד איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע עקסטרע אויסגאַבן: פּאַספּאָרט, רייזע־הוצאות, מלבושים. אויסער דעם האָט מען יעדן חודש געדאַרפט שיקן כאָטש אַ מינימום אויף חיונה. די עלטערן האָבן אָבער געטראַכט, אַז מ׳וועט זיך מוטשען אַ 4—6 יאָר, אָבער דערפאַר וועט מען זען אַ תכלית.

פאַר די יוגנטלעכע גופא איז דאָס פאָרן שטודירן אין אויסלאַנד געווען פאַרבונדן מיט נייע שוועריקייטן: לערנען די פרעמדע שפּראַך, זוכן אַ וווינונג, צופּאַסן זיך צו דער נייער סביבה א. אַז. וו.

הגם מען האָט די נייע שפּראַך באַהערשט געוווינט שנעל, האָט עס דאָך געמוזט דויערן עטלעכע וואָכן ביז מען האָט געקאָנט ווי געהעריק אויסנוצן די פאָרלעזונגען און די ביכער אין דער נייער שפּראַך.

דאָס געפינען אַ וווינונג איז אויך נישט געווען אַזוי לייכט. קיין מאַנגל אין קיין דירות איז נישט געווען, די סטודענטן האָבן אָבער געוואָלט וווינען נאָענט צום אוניווערסיטעט. ראשית, צוליבן איינשפּאָרן טראַמוויי־הוצאות און שנית — טאַקע כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט ביים פאָרן. אין פּראָג האָבן ס׳רוב יידישע סטודענטן פון פּוילן געדונגען צימערן ביי נישט־יידן, מחמת קיין יידן האָבן נישט געוווינט אין דער אוניווערסיטעט־געגנט.

אין שייכות דערמיט איז אַנטשטאַנען נאָך אַ פּראָבלעם: די פראַגע וועגן כשרות. די גרויסע מערהייט פון דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט פון פּוילן האָט געשטאַמט פון פרומע היימען, ווו מ׳האָט אָפּגעהיטן כשרות. די סטודענטן, וועלכע האָבן געוווינט נאָענט צום אוניווערסיטעט און געוואָלט דווקא עסן כשר, זענען געצוווּנגען געווען צו פאָרן און זוכן ערגעץ ווייט אַ כשרן מיטאָג. אַ סך פון די יידישע סטודענטן האָבן סוף כל סוף געמוזט אויפגעבן כשרות, הגם דאָס איז פאַר זיי געווען נישט קיין לייכטער ענין.

אַ גרופּע סטודענטן פון לויצק אין פּראָג

דער איינדרוק פון איבערגאַנג פון אַזאַ פּראָווינץ־שטאָט ווי לויצק קיין פּראָג — איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. דער לויצקער יוגנטלעכער איז ממש אַריינגעפאַלן אין אַ נייער וועלט: ברייטע שיינע גאַסן, הויכע מויערן, גרויסאַרטיקע געשעפטן, קאַפע־הייזער, קינאָס, קאָנצערט־זאַלן, טעאַטערס, מוזייען — פון דעם אַלעם האָט מען געקאָנט ווערן פאַרבליפט.

דער הויפּט־פּונקט פאַרן סטודענט אין פּראָג איז אָבער געווען דאָס סטודענטן־הויז, אָדער ווי מ׳האָט עס אויך אַנדערש גערופן: יימקאַ (IMKA).

דאָס סטודענטן־הויז איז אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך אַמעריקאַנער פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז געווען אַ גרויסער בנין אויף אַ זייער גוטן פּלאַץ — כמעט אין צענטער פון אַלע פאַקולטעטן — מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַרן סטודענט, אָן אונטערשיד פון רעליגיע און ראַסע. פאַר אַ נישטיקן מיטגליד־אָפּצאָל האָט דער סטודענט געהאַט די רעכט צו באַנוצן זיך מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פון דער סטודענטן־היים. אין איינעם פון די גרויסע זאַלן האָבן זיך געפונען די צייטונגען פון כמעט אַלע לענדער און שפּראַכן. אַ סך סטודענטן האָבן דעם גרעסטן טייל טאָג פאַרבראַכט אין דער סטודענטן־היים.

די מעגלעכקייטן פון קולטור־גענוס זענען אין פּראָג געווען זייער גרויסע. אין דער פרייער צייט האָט מען געקאָנט באַזוכן קאָנצערטן, טעאַטערס, מוזייען, לעקציעס אויף פאַרשידענע טעמעס. באַזוכן דאָס אָפּערע־טעאַטער האָט געקאָסט גראָשנס. די לויצקער יידישע סטודענטן האָבן טאַקע אויסגענוצט די אַלע מעגלעכקייטן און אויף די פאַרשידענע קולטור־אימפּרעזעס האָט מען תמיד געקאָנט זען היימישע פּנימער.

נישט שוואַכער איז געווען אונדזער איינדרוק ווען מיר האָבן זיך באַקענט מיטן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּראָג. דאָ האָט מען דערפּילט דעם טעם פון דעמאָקראַטיע. ס׳איז כמעט שווער געווען צו פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך: צוויי לענדער, פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי, וועלכע עס טיילט פונאַנדער בלויז איין גרענעץ — און אַזאַ קאָנטראַסט! אין פּוילן איז קאָמוניסט געווען אַ שרעק־וואָרט, די טורמעס זענען פול געווען מיט מענטשן פאַר דער איינציקער זינד זייערער — דער גלויבן אין אַ באַשטימטער אידעע, און דאָ, אין פּראָג, האָבן אַנהענגער פון די פאַרשידענסטע אַנשויונגען אַבסאָלוט פריי געקאָנט פּראָפּאַגירן זייערע אידעען.

די מערהייט פון די לויצקער סטודענטן אין פּראָג האָבן אָנגעהערט צו ציוניסטישע פּאַרטייען, און איבערהויפּט — צו די רעוויזיאָניסטישע גרופּעס: „החבר״, „חשמונאי״, „בר גיורא״ און „בריסיה״.

אַ גרויסער טייל פון די לויצקער סטודענטן האָט קולטורעל, פּאָליטיש און סאָציאַל זיך אויסגעלעבט אינעם „בית עם״ אין פּראָג. דאָס איז געווען אַ גרויסע געביידע אינעם יידישן צענטער פון פּראָג, ווו עס פלעגט זיך צונויפקומען, ספּעציעל אין די אָוונטן, די יידישע געזעלשאַפט פון פּראָג. היות מיר האָבן אָנגעהערט צו באַשטימטע פּאָליטישע ריכטונגען, זענען מיר געוואָרן פאַרבעטן צו די פאַרשידענע מיטינגען און רעפעראַטן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין „בית־עם״. ביי די געלעגנהייטן האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די פּראָגער יידן און געשמועסט מיט זיי וועגן פאַרשידענע ענינים.

עטלעכע לויצקער האָבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָליטישע פּאָזיציעס אין די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אין שייכות מיט דעם דאַרף מען דערמאָנען שמשון יוניטשמאַן און מאַרקוס מירסקי, וועמען אַפילו פּאָליטישע קעגנער האָבן רעספּעקטירט. די לויצקער יוגנט אין פּראָג האָט אויך אָנגעהערט צו פאַרשידענע קולטורעלע און סאָציאַלע געזעלשאַפטן.

צווישן די לויצקער האָבן געהערשט חברישע און נאָענטע באַציונגען, צי דערפאַר, ווייל מ׳האָט זיך געפונען אין אַ פרעמד לאַנד, און אפשר דערפאַר, ווייל גאַנצע גרופּעס האָבן שטודירט אויף די זעלבע פאַקולטעטן און עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָלעגיאַלע פאַרבינדנקייט. אַנדערע ווידער האָבן אָנגעהערט צו דער זעלבער פּאָליטישער ריכטונג, און דאָס האָט זיי געהאַלטן צוזאַמען.

סטאַבילע צוזאַמענטרעפן זענען פאָרגעקומען אין די חנוכה־און פּורים־אָוונטן. איך געדענק אויך אַן אָוונט פון די לויצקער לכבוד דער חתונה פון לאה זשיטין ע״ה מיט זלמן קווערמאַן ע״ה. מערסטנס אָבער האָט מען זיך געטראָפן צופעליק, ביי די פאַרשידענע לעקציעס אויף די פאַקולטעטן, און אויך נאָכמיטאָג — אין דער סטודענטן־היים.

אַ סך פון די לויצקער סטודענטן האָבן געגעסן אין דער

סטודענטן־היים. קודם כל דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען באַ־קוועם און נאָענט. תיכף נאָך די לעקציעס האָט מען געקאָנט גיין אָפּעסן. ס'איז געווען נאָך אַ סיבה: באַלד נאָכן מיטאָג איז דער סטודענטן־היים האָט מען געקאָנט לייענען די פּרעסע אין דער שפּראַך, וועלכע איז געווען צום נאָענטסטן, אָדער אָפּרוען אַ ביסל און אין דער זעלבער צייט אָבסערווירן אַ פּינג־פּאָנג אָדער ביליאַרד־שפּיל. דאָרט איז אויך געווען אַ מעגלעכקייט צו טרעפן זיך מיט חברים און דורכדיסקוטירן פּאַרפּלאָנטערטע שטודיע־פּראָבלעמען, פּראַגן וועגן כעמיע, פיזיק צי אַנאַטאָמיע.

נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס האָט געהאַלטן די לוצקער צוזאַמען איז געווען זייער וווינען פאַרנוויז צוזאַמען אין איין צימער. איך געדענק גוט, אַז יאַשע ראַזאָווסקי און משה ווערניק האָבן כמעט שטענדיק געוווינט צוזאַמען. אַזעלכע פּאָרלעך זענען אויך געווען איזיאַ פּינוס און וואָלף קלימבורד, בערענבלום און פּעפּער ע״ה, שמשון יוניטשמאַן און מאַרקוס מירסקי, איינבינדער און פּינקלשטיין. די אויבנדערמאָנטע קאָמבינאַציעס האָבן צייטנווייז זיך געענדערט, אָבער בדרך כלל האָבן געוווינט צוזאַמען אַזעלכע, וואָס האָבן באַזוכט דעם זעלבן פאַקולטעט.

די לוצקער ברודערשאַפט האָט עקזיסטירט נישט בלויז אויף שמחות, נאָר אויך אין נויט. אויב עמיצן האָט אויסגעפעלט אַ פּאָר קראָן, האָט ער באַגעגנט אַן אָפענע האַנט ביי אַ חבר פון לוצק, און אויב נישט — איז געווען אַ הלוואה־קאַסע.

די „עלטערע" לוצקער סטודענטן אין פּראַג האָבן אַרויס־געוויזן אַ סך וואַרעמקייט פאַר נייע־אָנגעקומענע לוצקער ביים איינאָרדענען זיך, געפינען אַ דירה, רעגיסטרירן זיך אויפן פאַקולטעט א. אַז. וו.

אַ גרופּע לוצקער יידישע סטודענטן אין פּראַג

אין פּראַג זענען געווען צוויי אוניווערסיטעטן: דער טשע־כישער און דער דייטשער. אויפן דייטשן אוניווערסיטעט האָבן פאָלגנדיקע לוצקער שטודירט מעדיצין: מאַנעלזאָן, טאַניאַ קוניצאַ, משה ווערניק, יאַשאַ ראַזאָווסקי, טוביה לעשנער, איזיאַ פּינוס, פּיוול פּעפּער, בערענבלום, וואָלף קלימבורד. אויפן טשעכישן אוניווערסיטעט האָבן שטודירט מעדיצין: מוטשניק, וויסאָצקי, שמשון יוניטשמאַן, פּיעטאַ ראָזענשטראַם, ישראל לעשנער. פאַרמאַציע אויפן זעלבן אוניווערסיטעט האָבן שטודירט: איינבינדער, פּינקלשטיין, אברהם קלימבורד, זשעניאַ וואַרקאָוויצקאַ, שטודין, לעווינזאָן, אברהם כיזש, יוקעלסאָן. אַרכיטעקטור (אויף ד.ז. אוניווערסיטעט) — יאַשאַ פּטיץ. אין דער האַנדלס־שול האָבן שטודירט: סאָניאַ פּטיץ, מאַרקוס מיר־סקי, אַבראַשאַ גערטנער, שטודין, וויטיאַ גרינבערג.

בעתן שרייבן די שורות וווּנדערט מיך פאַרוואָס אין אַזאַ דעמאָקראַטיש לאַנד ווי טשעכאָסלאָוואַקיי האָט מען געדאַרפט האָבן אויפן דאָקומענט דעם שטעמפּל „אויסלענדער" — אַ מין „געלע לאַטע". עס האָט אויך עקזיסטירט אַ פאַרבאָט פאַר אויס־לענדישע סטודענטן צו אַרבעטן. איך ווייס אָבער פון אַזאַ פאַל ווי מיט וויטיאַ גרינבערג, וועלכער האָט געמאַכט פּרנסה פון שפּילן סאַקסאָפאָן אין אַן אָרקעסטער (וואָרשיינלעך נישט אָפי־ציעל). געוויסע סטודענטן האָבן געצויגן חיונה פון קאָרעפּעטי־טיציע (איך געדענק, אַז איך אַליין האָב געגעבן אַ קורס אין פיזיאָלאָגיע. דוכט זיך, אַז בערענבלום איז געווען אויף דעם קורס).

ס'איז געווען נאָך אַ געזעץ: נאָכן ענדיקן דעם שטודיום האָט מען נישט געטאָרט פּראַקטיצירן אין טשעכאָסלאָוואַקיי.

איך שרייב דאָס נישט כדי זיך צו באַקלאָגן. להיפך, איך בין זיכער, אַז די אַלע, וועלכע האָבן שטודירט אין פּראַג, זענען ביז איצט דאַנקבאַר דער דעמאָלטדיקער מאַכט אין טשעכאָסלאָוואַקיי פאַרן געבן אונדז אַ מעגלעכקייט צו באַקומען העכערע בילדונג און אַ באַשטימטע פּראָפעסיע.

אין יאָר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, האָבן מיר, יידישע סטודענטן אויף דעם דייט־טשן מעדיצינישן פאַקולטעט, אָנגעהויבן צו פילן דעם אַנטי־סעמיטיזם בעת די לעקציעס. די דייטשע סטודענטן פלעגן קומען אויף די לעקציעס אין זייערע היטלען און בענדער מיט די קאָלירן פון זייערע קאָרפּאָראַציעס. אַלץ אָפטער האָט מען געהערט זייערע לאָזונגען: „אַרויס מיט די יידן" אָדער „אַרויס מיט די אויסלענדער". אונדזער פאַקולטעט איז אַפילו געווען געשלאָסן אין משך פון 3 טעג נאָך דעם ווי עטלעכע יידישע סטודענטן זענען צעשלאָגן געוואָרן ביז בלוט. די חוצפּה פון די דייטשע אַנטיסעמיטישע סטודענטן איז נאָך גרעסער גע־וואָרן, ווען זיי האָבן דערפילט, אַז דער פּראָפעסאָר איז מיט זיי איינשטימיק.

אויב דער פאָרטראַג־געבער איז געווען אַ יידישער דאָצענט, האָבן די דייטשע כוליגאַנעס געפייפט און געטומלט, אַז מ'האָט נישט געהערט קיין וואָרט פונעם פאָרטרעגער. די טשעכישע פּאָליציי האָט זיך נישט געקאָנט אַריינמישן און אָפּשטעלן די עקסצעסן, ווייל דער אוניווערסיטעט האָט געהאַט אויטאָנאָמע רעכט.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן, איז די מי פון אונדזערע עלטערן און זייער מקריב זיין זיך פאַר אונדז נישט געווען אומזיסט. די לוצקער יוגנטלעכע, וועלכע האָבן שטודירט אין פּראַג זענען צוריקגעקומען אַהיים מיט דיפּלאָ־מען און געקאָנט אָנהייבן פירן אַ לעבן אַלס זעלבשטענדיקע מענטשן.

די פאָלקס־שול „תרבות"

די „תרבות"־שול איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1918 דורך די באַקאַנטע ציוניסטישע עסקנים: יהושע בערגער (אומגעקומען), ר׳ חייקל ווייץ ז"ל, אברהם וואַקסמאַן (ישראל) און אברהם גלייזער. לויצק האָט געהערט צו דער אוקראַינישער רעפּובליק און די שול איז געווען אויסגעהאַלטן געוואָרן אויפן חשבון פון דער שול־מאַכט ביי דער קיעווער רעגירונג.

אין יאָר 1921 האָט די שול באַקומען אַ קאָנצעסיע פון דער שול־מאַכט ביי דער פּוילישער רעפּובליק, אויסגעשטעלט אויפן נאָמען פון דער יידישער קהילה אין לויצק. אין יאָר 1923 איז די קאָנצעסיע איבערגעשריבן געוואָרן אויפן נאָמען פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון דער העברעישער שול־געזעלשאַפט „תרבות".

אין יאָר 1926 לעבט אַדורך די שול אַ שווערן קריזיס. פון 300 קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין שול, איז געבליבן בלויז 50. געשען איז עס צוליבן איינפירן מלוכהשע שולן מיט פּוילישער אונטעריכטס־שפּראַך פאַר יידישע קינדער, די אַזוי גערופענע „שאַבאַסוווקעס". אַדאַנק אָבער דער ענערגישער אָנשטרענגונג און אָפּפערווילקייט פון דער אָנפירערשאַפט און לערער און זייער ליבע צו דער דערציונג, איז געלונגען די שול אין אַ קורצער צייט אַרויסצופירן פון קריזיס־צושטאַנד און זי פינאַנסיי אויפבויען.

אין יאָר 1927 האָט די שול באַזוכט דער באַרימטער העברעישער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי, און אין יאָר 1932 — חיים נחמן ביאַליק.ביידע גרויסע דיכטער האָבן אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג פאַרן ניווא פון דער „תרבות"־שול אין לויצק.

אין יאָר 1935 אָרגאַניזירט די שול, לכבוד איר 15־יעריקער אָפיציעלער עקזיסטענץ, אַן אימפּאָזאַנטע אויסשטעלונג, וואָס ווערט באַזוכט דורך 5 טויזנט מענטשן און רופט ביי אַלעמען אַרויס באַוווּנדערונג.

אויך די אויסשטעלונג האָט דעמאָנסטרירט דעם הויכן ניוואָ פון דער דאָזיקער פאָלקס־שול.

די שול האָט אַרויסגעלאָזט קרוב טויזנט אַבסאָלווענטן. זיי זענען געווען די פּיאָנערן פון דער העברעישער שפּראַך אין לויצק.

אין 1938 האָט די שול געציילט העכער 400 קינדער, פון זיי 70 פּראָצענט ייִנגלעך און 30 פּראָצענט מיידלעך.

דער יערלעכער בודזשעט פון דער שול מאַכט אויס 25

די תרבות־שול אין יאָר 1921

דער ערשטער אַרויסלאָז פון דער תרבות־שול

טויזנט זלאָטעס. דער לערער־פּערסאָנאַל ציילט 9 פּערזאָן. די לייטונג פון דער שולע געפינט זיך דאַן אין די הענט פון די קוואַליפיצירטע לערערינס טויבע כמאַרע און האַנגאַ גאָלדבערג.

צוליב דער גרויסער צאָל קינדער, ווי אויך צוליבן מאַנגל אין אַן אַנטשפּרעכנדיקן לאָקאַל, געפינט זיך די שול אין צוויי געביידעס און אין אַ ספּעציעלן לאָקאַל אויף קאַרדעצקאַ 14. ביי דער שול האָט עקזיסטירט אַ פיינע העברעישע ביבליאָטעק, וועלכע האָט פאַרמאָגט קנאַפּע 2000 ביכער. די ביבליאָטעק האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דער פאַרדינסטפולער יונג־פאַרשטאָרבענער שול־לייטערין קאַראָלינאַ רייז.

ביי דער שול האָבן עקזיסטירט צוויי האַנטווערקער־וואַרשטאַטן: פאַר טישלעריי און שניידעריי.

צו די ספּעציעלע פאַרדינסטן פון דער אָנפירונג דאַרף אויך צוגעשריבן ווערן דאָס גרינדן העברעישע אָוונט־קורסן פאַר די מוטערס פון די שול־קינדער.

צום שול־קאָמיטעט האָבן געהערט יהושע בערגער — פּרעזעס, שמואל שניידער, נפתלי גארטיבעל, בן־ציון גאָלדבערג, משה, גאַניק, טויבע כמאַרע, מאַנעס כץ און ב. שוסטער.

וו. פּ.

טוביה ברגר / תל־אביב

זכרונותי על „תרבות" בלוצק

לזכר הורי ואחי היקרים
אשר חלמו... ולא זכו...

כחצי יובל חלף מאז עזבתי את לוצק, העיר שבה נולדתי, גדלתי וחונכתי. אם ברצוני להיזכר בעיר מולדתי, אין לי אלא לעצום את עיני לרגע קט והנה עולה דמותה של לוצק. לכאורה, עיר ככל הערים האחרות במזרח פולין (ווהלין), אך למעשה היה בה משהו מן הקסם המיוחד. מצד אחד חוצה אותה הנהר סטיר, אותו הנהר שבקיץ היינו כולנו טובלים במימיו הצוננים ואילו בחורף מחליקים על גבי הקרח. מצד שני, כרי דשא גדולים למרגלות המבצר העתיק „לוברטה", אשר שימש לנו מקום לטיולים. העיר בפנים וגם מסביב עטורה היתה גנים ועצי־פרי.

אך לא הקסם החיצוני בלבד הוא שציין את העיר. לוצק היתה עיר ואם בווהלין. תושביה היו ברובם הגדול יהודים. לכן היה חותם ההווי היהודי, התוסס והער טבוע על העיר. ולא הווי יהודי סתם, אלא הווי ציוני מובהק. החל בביה"ס העממי העברי „תרבות", שלשון ההוראה הראשית בה היתה השפה העברית, בית־העם הציוני, המוסדות הציוניים השונים, המפלגות הציוניות, וכלה ב„הכשרה" של החלוצים, שהתעתדו לעלות ארצה.

בית־הספר העברי העממי „תרבות", שהורי ז"ל היו ממיסדיו, ואשר אמי בינה ברגר ז"ל היתה בו מורה כל השנים, הרביץ לא תורה בלבד, אלא חינך את תלמידיו על ברכי התנ"ך, הספרות והמסורת העברית, ועיקר העיקרים, הקנה להם את האהבה למולדת. לא פלא הדבר, אם תמצא כיום כי רובם של יוצאי עירנו לוצק בישראל קיבלו את חינוכם בבית־ספר זה. אליבא דאמת, דרכו של בית־הספר לא היתה סוגה בשושנים. מלבד הקשיים התקציביים שהתלבט בהם היו לו גם קשיים מסוג אחר — שלטונות פולין לא רצו להכיר בו בנקל. זוכר אני יפה את המאבק שאבי יהושע ז"ל, יו"ר ההסתדרות הציונית בעירנו ומנהל „תרבות", ניהל עם השלטונות על מנת להשיג הכרה ולהקנות לבית־הספר זכויות מליאות. ממאבק זה יצא אבי וידו על העליונה. בית־ספרנו זכה בסופו של דבר להכרה מליאה, דומה לזו של כל בי"ס פולני אחר, ובוגריו היו מתקבלים לגימנסיה ללא בחינות נוספות. בקשר עם זה אני אף נזכר כי אמי ז"ל, כבר בגיל מבוגר למדי, ישבה ושיננה את ההיסטוריה והספרות הפולנית ונסעה לורשה כדי להיבחן בפני המיניסטריון להשכלה, על מנת לקבל תעודת־הוראה מוכרת, אף על פי שבזמנו סיימה את הסמינר העברי בורשה ומאחוריה כבר היו שנים רבות של עבודה מעשית בהוראה.

ביתנו היה בית־ועד, פתוח לכל ובפרט לאנשים העוסקים בעניני־ציבור. כל שליח ועסקן ציוני, שהיה בא הן מהמטרופולין והן מארץ־ישראל היה בא אלינו ונשאר אורחנו כל ימי־שהותו בעיר. זכורני, שאברהם הרצפלד ביקר אצלנו בשליחות בדייק בזמן הבר־מצווה שלי, וכמובן שהשמחה היתה כפולה. אין איפוא פלא בדבר, שכל הפעולה הציונית נתרכזה בביתנו. כאמור, אמי ז"ל היתה מורה בבית־הספר. אבי ז"ל, מלבד מה שהיה יו"ר ההסתדרות הציונית, הקהק"ל וקרן־היסוד, מנהל הבנק הציוני בעירנו, היה גם חבר מרכז ההסתדרות הציונית בפולין. הוא נמנה בזמנו עם סיעת „על המשמר" של יצחק גרינבוים והיה מחסידיו. כל חייו, ללא שמץ של גוזמה, הקדיש אבי לפעילות הציונית ולעסקנות ציבורית. הוא היה תמיד עסוק, תמיד ממהר, תמיד „בדרך", אם בישיבת המרכז בורשה, אם בישיבות בלבוב, או פעיל בעסקנות ציונית בעיר עצמה. אבי היה נואם מלהיב, ומלחמה קשה היתה לו למען הרעיון הציוני. הוא תמך בכל לב ב„הכשרה" החלוצית שהיתה בעירנו ודאג לתעסוקה לחלוצים ולחלוצות שעמדו לעלות לארץ. כשביקרתי בלוצק לפני פרוץ מלחמת העולם השניה, מצאתי את אבי תוסס וער כמימים ימימה, פעיל בעבודה הציונית, דואג למכסת ה„סרטיפיקטים" בשביל הציונים בעירנו. הוא היה דואג כל השנים להעלות חלוצים ועסקנים ארצה, אך בעצמו לא זכה. אמי ז"ל, הספיקה לבקר בארץ בשנת 1930 לאחר שאביה נרצח במאורעות תרפ"ט ביפו. אבי, כאמור לא זכה... הכורת הנאצי שעלה על יהדות פולין גם את עירנו ויחד עמה הווי־ציוני שלא יישכח לעולם...

הכתה השביעית בבי"ס „תרבות"

אחת הכתות בבי"ס „תרבות"

שויליק פערדמאַן / מעקסיקע

די שלום־עליכם־שול

די יידישע פאָלקסשול אויפן נאָמען פון שלום־עליכם אין לויצק איז געווען אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געהערט נישט בלויז צו דעם ענגן קרייז טוערס, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט אַרום דער שול אַזוי פיל מסירת־נפש, נאָר דער קנין פון דער ברייטער יידישער פאָלקסמאַסע — אַרבעטער, בעלי־מלאכות, קליינהענדלער און סתם יידישע האָרעפּאַשניקעס — און אַזוי האָבן זיי זי טאַקע גערופן: „אונדזער שול".



ש. פערדמאַן

די שול האָט זיך דערוואָרבן אַלגעמיינע סימפּאַטיע נישט בלויז צוליב דעם, וואָס די לערנשפּראַך פון אַלע לימודים איז געווען יידיש — די מוטערשפּראַך פון די קינדער — נאָר אויך, און אפשר דער עיקר, צוליב דעם וואָס זי האָט געהאָט איר אייגענעם און אייגנאַרטיקן דרך אין לערנען און דערציען; צוליב דעם וואָס זי האָט געהאַט אַ גרויסן אידעאַל, וועלכער האָט באַגייסטערט די לערער, די עלטערן און די קינדער; ווייל אין איר האָט געהערשט אַ באַזונדערע אַטמאָספער, וואָס האָט צוגעצויגן סיי די קינדער און סיי די עלטערן; ווייל זי איז נישט געווען אָפּגעריסן פון דעם אַרום, פון דעם קאַמף און געראַנגל וואָס די יידישע פאָלקסמאַסע האָט געפירט פאַר אַ בעסער לעבן.

דער אָנהייב פון דער לויצקער יידיש־וועלטלעכער שול דאַטירט נאָך פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די ראַדיקאַלע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דער „חברה מפיצה השכלה" און וואָס האָט געשאַפן דעם אַזוי גערופענעם „בית הספר" און די ביבליאָטעק ביי דער שול, האָט שוין דעמאָלט געקלערט וועגן אַ שול פאַר יידישע קינדער אויף יידיש און וועגן נייע מעטאָדן פון דערציונג. די דאָזיקע שטרעבונג האָט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן ערשט אַ סך שפּעטער.

די ערשטע יידיש־וועלטלעכע דערציונגס־אינסטיטוציע איז געווען די קינדערהיים, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר „בעזשענצעס" אין יאָר 1916. דאָרט האָט מען שוין געפירט די אַרבעט אויף יידיש. מיטן אויסברוך פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע אין יאָר 1917 די קינדערהיים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַבילער אינסטיטוציע — אין אַ פרעבל־שול (מ׳ר דאַכט זיך, אַז אַ געוויסע צייט איז אויך געווען אַ פיליע פון קינדערגאַרטן אויף קראַסנע). שפּעטער זענען אויך געעפנט געוואָרן די ערשטע קלאַסן פון אַ נאָרמאַלער פאָלקסשול, מיט יידיש אַלס לערנשפּראַך.

צו די טוערס און לערערס פון יענעם פעריאָד האָבן געהערט (אויף וויפל כ׳געדענק): איטע ליבערמאַן, רחל ברומאַן, אסתר זשיגון, יוסף וויסאָצקי, שמעיה קימלמאַן, אפרים מאַראַנץ, ד״ר יוסף מינינזאָן, זיין פרוי מאַניע, שמוליק אייזן.

די יאָרן פון מלחמות, רעוואָלוציע און פאַרשידענע מאַכט־אומבייטן האָבן, פאַרשטייט זיך, געשטערט די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון דער יידישער שול־באַוועגונג אין לויצק. און אין 1921 זענען די אינסטיטוציעס געפאַלן אַ קרבן פון דער אַלגעמיינער כוואַליע רעפּרעסיעס מצד דער פוילישער מאַכט קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בכלל און קעגן יידן בפרט. די שול און דערנאָך די קינדער־היימען זענען פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער פּאָליציי.

די יידיש־וועלטלעכע שול־באַוועגונג האָט אָבער פאַר דער קורצער צייט באַוויזן צו שלאָגן טיפע וואָרצלען אין לויצק, און די טוערס האָבן נישט אויפגעהערט צו מאַכן באַמיִונגען צוריק צו עפענען די שול, וואָס דאָס איז געלונגען ערשט אין יאָר 1925, ווען עס זענען געעפנט געוואָרן דער קינדערגאַרטן און די ערשטע 4 קלאַסן פאָלקסשול. די שול איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דעם אייגענעם בנין (אויף קאָנאָסקיעגאָ נר׳ 3), וואָס איז געקויפט געוואָרן נאָך אין יאָר 1920, אַדאַנק דער פינאַנסיעלער שטיצע פון די לויצקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, וואָס איז געבראַכט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן שליח, פריינד פּאַפּיר.

די שול איז אָפיציעל לעגאַליזירט געוואָרן ווי אַן אַנשטאַלט ביי דער לויצקער אָפּטיילונג פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע (צישאָ). אַלס אָפיציעלער קאָנצעסיאָנער האָט פיגורירט ד״ר מינינזאָן, וואָס איז אַ לענגערע צייט געווען אויך פאָרזיצער פון דער לויצקער שול־אָרגאַניזאַציע.

דער ערשטער פאַרוואַלטער פון דער שול איז געווען דער

די פאַרוואַלטונג פון דער שלום־עליכם שול

אַ גרופּע שילער בײַם צײכענען

לערער שײמאַן (אַ לויצקער). צוזאַמען מיט אים האָבן אויך געאַרבעט זײַן פרוי און לאה (ליאָנקע) ליטוואַק, וואָס איז געווען די אָפיציעלע פּאַרוואַלטערין (אין משך פון עטלעכע יאָר) פון דער שול און די לערערקע פון פּויליש. אין משך פון די ווײַטערדיקע יאָרן האָבן געאַרבעט די פאָלגנדיקע לערער: רפאל פּאַלעווסקי, מעכצי בריטוואַר, מלכה פירער, חנה גוטמאַן, ראָזנבערג, לײבל שיפּרעס (פּאַרוואַלטער פון דער שול אין משך פון עטלעכע יאָר), זײַן פרוי רבקה יפה, חוה סעגאַל, שרה סקולסקי, יוסף גאָלדפאַרב, זײַן פרוי אסתר ליבערמאַן, לערערקע אײזן, אַניע וואַרקאָוויצקי, רבקה בליסקאָווסקי און דער שרײבער פון די שורות, וואָס איז געווען פּאַרוואַלטער פון דער שול פון 1930 ביז 1939, ווען די שול איז איבערגענומען געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער מאַכט און שפּעטער געוואָרן ליקווידירט (אין יאָר 1940).

פון זינט דעם עפענען די שול אין יאָר 1925 האָט זיך די שול אַנטוויקלט מיט אַ ראַשיקן טעמפּ. אין יאָר 1932 האָט די שול שוין געהאַט איר ערשטן אַרויסלאָז (פון 7־טן קלאַס). אמת, די אַלגעמײנע צאָל קינדער האָט קײנמאָל נישט אַריבערגעשטיגן 300, אָבער דאָס דערקלערט זיך מיט די אָביעקטיווע באַדינ־גונגען. קודם־כל דאַרף מען געדענקען ווער עס זענען געווען די עלטערן פון אונדזערע קינדער: אַרבעטער, אָפּטמאָל אַרבעטס־לאָז לאַנגע חדשים, אָרעמע בעלי־מלאכות, טרעגערס, באַלעגאָ־לעס, מאַרק־הענדלערס, און זײערע קינדער האָבן זיך נישט געקאָנט דערלויבן דעם לוקסוס צו־לאַנג צו לערנען, נישט אײן מאָל האָבן די לערער געמוזט מיט ווייטיק זיך צוקוקן, ווי קינדער גײען אַוועק צו אַרבעט נאָכן דריטן אָדער פערטן קלאַס, הגם זײער גרעסטער חלום איז געווען צו לערנען ווײַטער. מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז אַ סך עלטערן האָבן נישט געקאָנט צאָלן אפילו דעם נישטיקן שכר־לימוד, וואָס מען האָט געמוזט נעמען, כדי אויסצוהאַלטן די שול (דער דורכשניט איז געווען 2—3 זלאָטעס אַ חודש, און אַ סך האָבן געצאָלט נאָר 1 זלאָטע) און קויפן פאַר די קינדער די נײטיקסטע ביכער און העפטן. אָבער נישט דאָס איז געווען די וויכטיקסטע מניעה אויף צו פאַרגרעסערן די שול: דער לאָקאַל איז געווען צו קלײן, און נישט אײן מאָל האָבן מיר געהאַט אויסצושטײן אָנגריפן מצד די פּוילישע שול־אינספּעקטאָרן, צוליב דער נישט־צוגעפּאַסטקײט פון שול־לאָקאַל. פאַרשטײט זיך, אַז זײער „זאָרג" האָט געשטאַמט נישט פון גרויס ליבשאַפט צו די ייִדישע קינדער, נאָר זי האָט געדאַרפט דינען פאַר אַ תירוץ צום פאַר־מאַכן די שול.

חוץ אַלעמען איז די שול געשטאַנען טאָג־טעגלעך פאַר גרױסע פינאַנסיעלע שוועריקײטן. דער שכר־לימוד האָט געדעקט נאָר אַ נישטיקן טײל פון שול־בודזשעט, הגם די לערער האָבן געאַרבעט פאַר הונגער־לוינען (50 ביז 80 זלאָטעס אַ חודש; אַ לערער פון אַ פּוילישער מלוכה־שול פלעגט קריגן אַ מינימום פון 180 ביז 250 זלאָטעס אַ חודש, חוץ פאַרשידענע בענעפיטן). די שול־טוער האָבן געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען אין זײערע כוחות, צו שאַפן געלט־מיטלען: באַשטײערונגען צווישן מיט־גלידער פון דער שול־אָרגאַניזאַציע און סימפּאַטיקער, אײנמאָליקע אַקציעס, פאַרשידענע אונטערנעמונגען (פאָרלעזונגען, טעאַטער־פאַרשטעלונגען, טאַנץ־אָוונטן אא"וו). אַ געוויסן טײל פון שול־בודזשעט פלעגט, לויט אירע מעגלעכקײטן, דעקן די צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע (ס'רוב פון אַמעריקאַנער הילף). אַ באַדײַטנדיקער אָנשפּאַר פאַר דער שול סײ מאַטעריעל און סײ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך איז געווען די מאַגיסטראַט־סובסידיע, וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן דורך די בונדישע

שטאָט־ראַטמענער, וועלכע זענען גלייכצייטיק געווען טוערס אין דער שול.

נישט געקוקט אויף דעם דחקות און דער ענגשאַפט איז די שול שטענדיק פול געווען מיט פרייד און שעפערישקייט. די ברכה פון לערנען און דערציען אין דער מוטערשפּראַך האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער פולער מאָס: אָרעמע און האַלבהונגעריקע קינדער, פון היימען אָן בילדונג און אָן אַ ברייטערער קולטור־אַטמאָספער, האָבן אַרויסגעוויזן געוואַלדיקע פעיקייטן און טאַלאַנטן, איינפאַלערישקייט און שעפערישע איניציאַטיוו. די לעקציעס זענען קיינמאָל נישט געווען קיין „קאַזיאָנע" (נאַטירלעך איז דאָס אויך געווען אַ רעזולטאַט פון די מאָדערנע פעדאַגאָגישע מעטאָדן, וואָס אונדזערע לערער האָבן אָנגעווענדט ווי בכלל דאָס יידיש־וועלטלעכע שולוועזן אין פוילן), נאָר שעפערישע — סיי מצד די לערער, סיי מצד די קינדער, וואָס האָבן דאָס באַוויזן מיט גוטע דערגרייכונגען אין אַלע לימודים. דאָס האָבן מיט אַ שווער האַרץ געמוזט אָנערקענען אפילו די ווינציק פריינדלעכע פוילישע שול־אינפעקטאָרן.

די שול־ביבליאָטעק

נישט בלויז די יידישע לימודים (יידיש, יידישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע, העברעיש) האָבן מיר געלערנט אויף יידיש, נאָר אויך אַלע אַלגעמיינע לימודים: מאַטעמאַטיק, פיזיק, נאַטור־וויסנשאַפט, אַלגעמיינע געשיכטע, געאָגראַפיע, געזאַנג, האַנטאַרבעט, צייכענען, גימנאַסטיק א"א. אויף פויליש איז געלערנט געוואָרן בלויז פויליש און פוילישע געשיכטע.

די גלענצנדיקע פעדאַגאָגישע און דערציערישע דערגרייכונגען זענען אָפט מאָל געקומען צום אויסדרוק אויך כלפי חוץ — דורך די עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון די שול־קינדער. אונדזער שול האָט זיך באַוויזן מיט עטלעכע אויסשטעלונגען פון קינדעראַרבעטן (צייכענונגען, מאָלעריי, פרויען־האַנט־אַרבעטן, טישלעריי, שניצעריי, מאָדעלירונג א"א), וואָס האָבן אַרויסגערופן התפעלות ביי אַלע באַזוכער. ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז איין מאָל זענען די שולטוערס „געפאַלן אויף אַ שכל" צו פאַרקויפן די קינדעראַרבעטן, כדי צו קאָנען פאַרשטאָפּן אַ בודזשעט־לאָך. די פאַרקויפטע אַרבעטן (אָריגינעלע דאַמען־בײַטלען פון פאַטשערקעס, מאָלערייען אויף דיקט און גלאָז, שיין באַמאָלטע ליימענע קריגעלעך און וואַזאָנעס א"א), האָבן טאַקע אַריינגעבראַכט אַ היפּשע סומע געלט.

אַ גרויסן רושם האָבן געמאַכט די צוויי טעמאַטישע אויסשטעלונגען — באַזונדערס די ערשטע (אין יאָר 1936), געווידמעט שלום עליכמען. די פאַרשידנאַרטיקע עקספּאָנאַטן פון אונדזער שול האָבן פאַרנומען פינף צימערן און זענען אין משך פון אַ וואָך צייט באַוווּנדערט געוואָרן דורך עטלעכע טויזנט באַזוכער. אַ טייל פון די דאָזיקע עקספּאָנאַטן האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אויף דער צענטראַלער שלום־עליכם אויסשטעלונג פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין וואַרשע (למשל, דער מאָדעל פון דער שלום־עליכם שול, מיט אָריגינעלע פיגורן פון שלום־עליכמס העלדן (אַ קאָלעקטיווע אַרבעט), דער שלום־עליכם־צירק (אַ קאָלעקטיווע אַרבעט), אַ פרוכת אַן אָריגינעל־אויסגעהאָפטענער אין זיידנס מיט שלום־עליכמס צוואה, (געמאַכט דורך לאה ברייער, סימע רודיק א"א), אַ קאַרטאָטעקע פון ווערטלעך, קללות, שפּריכווערטער און ענלעכע פאָלקלאָר־עלעמענטן פון שלום־עליכמס ווערק, (געזאַמלט דורך ריסל סטאָלער, ראָזע גערגיס, עטיע פעלדמאַן א"א). די קאַרטאָטעקע איז געווען איינגעמאָנטירט אין אַ קינסטלעריש־געשניצטן קעסטעלע, געמאַכט דורך די תלמידים גיטעלמאַן און קיפּעלמאַן, אַ גרויסער פּאָרטרעט פון שלום־עליכם (אויף דער גאַנצער וואַנט) — אַ קויל־צייכענונג פון שילער ניוניע פערדמאַן (היינט אין אַמעריקע).

אַ טייל פון די עקספּאָנאַטן פון דער לויצקער שול זענען אויך געווען אויסגעשטעלט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פעדאַגאָגישער אויסשטעלונג אין פּאַריז, אין יאָר 1938.

אַ גרויסן איינדרוק האָט אויך געמאַכט אין לויצק אונדזער צווייטע אויסשטעלונג אויף דער טעמע „יידן אין פוילן". אַ סך פון אונדזערע עקספּאָנאַטן, למשל, אַ מאָדעל „אין אַ יידישער שול", די לויצקער שול פעסטונג־שול א"א, זענען אָנגענומען געוואָרן צו דער צענטראַלער אויסשטעלונג פון די ציש"אָ־שולן, וואָס איז אָבער, ווי באַקאַנט, פאַרבאָטן געוואָרן דורך דער האַלבפאַשיסטישער פוילישער מאַכט.

אויך די קינדער־פאָרשטעלונגען פון אונדזער שלום־עליכם שול האָבן שטענדיק אַרויסגערופן געוואַלדיקע פאַראינטערעסירונג ביים עולם. די שול־פאָרשטעלונגען פלעגן אַלע מאָל געשפּילט ווערן צו צוויי און דריי מאָל אין דעם גרעסטן זאַל — אין שטאָטישן טעאַטער.

די דורכגעפירטע שול־פאָרשטעלונגען: פּורים־שפּילן, מכירת־יוסף, דוד און גלית, דער הינער־שטרייק (פון שלום־עליכם), די טאַקסע (פון מענדעלע מוכר ספרים), דאָס פאַרבלאָנדזשעטע מיידל, ראָבין הוד, דער פאַרכישופטער שניידער (פון שלום־עליכם) און אַ סך אַנדערע.

אין שול האָט אויך עקזיסטירט אַ דריי־שטימיקער קינדערכאָר (אונטער מיין אָנפירונג), וואָס פלעגט אָפט אַרויסטרעטן מיט עפנטלעכע קאָנצערטן. חוץ דעם פלעגן די קינדער זייער

אָפּט אַרויסטרעטן מיט געזאַנג און רעציטאַציעס, טענץ אויף פֿאַרשידענע אונטערנעמונגען פֿאַר עלטערן, סיומס און שול־יום־טובים.

דורך די דערמאָנטע אַקטיוויטעטן איז די שול געוואָרן אַ צענטער פֿון פֿאַרשפּרייטן צווישן די עלטערן און ברייטע פֿאָלקס־שיכטן קולטור, אינטערעס פֿאַר ליטעראַטור, געשמאַק פֿאַר קונסט און גייסטיקע אינטערעסן בכלל.

די עלטערנשאַפֿט האָט דאָס אַלץ גוט אָפּגעשאַצט. דאָס, און די וואַרעמע באַציונג און כסדרדיקער אינטערעס צו די קינדער מצד די לערער — צו אַלע זייערע נויטן און שטרעבונגען — האָט געמאַכט, אַז די עלטערן זענען געוואָרן די געטרייסטע חסי־דים פֿון זייער שול און פֿון דער יידיש־וועלטלעכער שול בפרט.

זייער אַ סך עלטערן זענען אויך געווען, אומדירעקט, תל־מידים פֿון דער שול — אין זינען פֿון הייבן זייער גייסטיקן ניוואָ. אַ סך האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, אָנגעהויבן לייענען ביכער און צייטונגען, זענען געוואָרן אַקטיוו געזעלשאַפֿט־לעך, באַזונדערס אין דער שול (אין עלטערן־קאָמיטעט, אין דער שול־פֿאַרוואַלטונג).

אין דער שול־אַרבעט איז אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיקן געזעלשאַפֿטלעכן טוער דער פּשוטער פֿאָלקס־מענטש אברהם באַלאַבאַן (היינט אין אַרגענטינע).

דער פּשוטער טרעגער־אַרבעטער בענצי רייז איז געוואָרן איינער פֿון די געטרייסטע און באַוווּסטזיניקע שולטוערס. נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט האָט ער דאָך קיין מאָל נישט פֿאַרפֿעלט צו קומען אויף אַ זיצונג פֿון עלטערן־קאָמיטעט אָדער אַ פֿאַר־זאַמלונג און אויך נישט געשפּאָרט זיין שווער פֿאַרהאָרעוועטן גראָשן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער טובה פֿון דער שול. עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען די געטרייע מאַמעס, טוערינס אין דער שול, וואָס אָן זיי האָט מען זיך גאָר נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן צו קאָנען דורכפֿירן קיין שום שול־אונטער־נעמונג; ביבערגאַל, פֿעלדמאַן און אַ סך אַנדערע, וועמענס נעמען זענען פֿאַרשווינדן פֿון מיין זכרון.

צו די שענסטע מאָמענטן פֿון שול־לעבן האָבן געהערט די זומער־לאַגערן, וואָס מיר פֿלעגן איינאָרדענען כמעט יעדעס יאָר. אונדזערע עלטערן — אָרעמע שניידערס, שוסטערס, באַלע־גאָלעס, פֿלעגן אַליין אויף קיין דאַטשעס נישט פֿאָרן, און זייערע קינדער האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו געניסן פֿון פֿרישער לופֿט, זון, טייך און וואַלד. איז דאָס טאַקע געווען פֿאַר די קינדער אַ קאָלאָסאַלע איבערלעבונג, ווען מיר פֿלעגן זיי אויף 2—3 וואָכן אַרויספֿירן אויף דער שויס פֿון דער נאַטור.

די לאַגערן פֿלעגן איינגעאָרדנט ווערן אין שיינע געגנטן אַרום לוויצק — אין אַ וואַלד, ס׳רוב נעבן אַ טייך. די קינדער פֿלעגן אַליין פֿירן די לאַגער־ווירטשאַפֿט, אַליין קאָכן, ראַמען און זיך באַדינען. דער לאַגער פֿלעגט זיין פֿול מיט פֿרייד, געלעכטער, שפּיל און געזאַנג. די לאַגער־שייטערס, די אָוונטן ביים לאַגער־פֿייער, מיט זייער ראָמאַנטישער שטימונג, מיט די דערציילטע מעשיות און געזונגענע לידער, די עקסקורסיעס אין די אַרומיקע געגנטן, די פֿאַרשידענע שפּילן און ספּאָרט־פֿאַר־מעסטונגען — דאָס אַלץ פֿלעגט איבערלאָזן אויף די קינדער אַן אומפֿאַרגעסלעכן רושם אויף אַ לאַנגער צייט, שוין אָפּגערעדט דערפֿון, וואָס די קינדער פֿלעגן צוריקקומען אין שטאָט פֿאַר־ריכטע, פֿאַרברוינטע, מיט נייע דערפֿרישטע כוחות אין דער שול — זייער צווייטער היים. פֿאַר אַ סך קינדער איז די שול געווען זייער בעסערע היים; ווייל דאָרט האָבן זיי געקריגן וויסן, פֿרייד, דאָרט האָבן זיי אויך געקריגן אידעאַלן — דאָס אַלץ, וואָס האָט זיי געהאָלפֿן איבערטראָגן זייער שווערע קינדהייט.

די באַציונג פֿון אונדזערע קינדער צו דער שול האָט זיך אַרויסגעוויזן אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען. באַזונדערס אין דער צוגעבונדנקייט צו דער שול אויך נאָך דעם פֿאַרענדיקן זי. די אַביטוריענטן פֿלעגן זיין נישט קיין געסט אין דער שול, נאָר אָפּטע אַריינגייער און פֿריינד, און אַ סך פֿון זיי — אַקטיווע מיטהעלפֿער אין דער שול־אַרבעט. אַ גרויסער טייל פֿון זיי זענען געוואָרן אַקטיווע מיטגלידער פֿון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג. און די ווייניקע פֿון זיי וואָס זענען אַרויס לעבעדיק פֿון היטלער־חורבן און געפֿינען זיך היינט בכל תפֿו־צות און אויך אין מדינת־ישראל, זענען געבליבן געטריי דער דערציונג, וואָס זיי האָבן באַקומען אין זייער שול, געטריי דער יידישער קולטור און דעם יידישן פֿאָלק.

1960

משה פערדמאַן / מעקסיקע

די יידישע ביבליאָטעק

די ווייטערדיקע פאַרצייכענונגען וועגן דער יידיש־וועלטלעכער קולטור־באַוועגונג אין לוציק שטיצן זיך דורכאויס אויף פערזענלעכע זכרונות. צום באַדויערן איז נישט מעגלעך געווען צו קריגן קיין שום דאָקומענטאַרע מאַטעריאַלן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט. עס וועט זיך דעריבער נישט באַקומען פון איר קיין פול בילד פון דער קולטור־אַרבעט, וואָס איז דאָרט געפירט געוואָרן אין דעם צייט־אָפּשניט צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

א. יידישע ביבליאָטעק

אויף וויפל דער זכרון מיינער פאַרפירט מיך נישט, איז דער אָנהייב פון דער ביבליאָטעק געלייגט געוואָרן, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, דורך אַ גרופּע יידיש־ראַדיקאַלע אינטעליגענץ (בונדיסטן, סיימאָוועס, פּועלי־ציון, ס.ס. אדג״ל) מיט אַ יידישיסטישער נייגונג. די ביכער־זאַמלונג, וואָס זיי האָבן געשאַפן, האָט זיך געפונען אין דעם „בית־הספר״ קעגן די „רונדוקעס״ (אָדער „בודקעס״), אויף דער גאַס, וואָס האָט שפּעטער געהייסן „דאָמיניקאָנסקע״, נעבן דער אַפּטייק.

נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע (1917) איז די ביכער־זאַמלונג איבערגעגאַנגען אין רשות פון דער צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, באַקאַנט אונטערן נאָמען „צע־בע״, און האָט געבילדעט דעם קערן פון אַ גרויסער ביבליאָטעק. אין יענער צייט איז צווישן די אָנגעזעענסטע טוערס פון דער ביבליאָטעק געווען משה גאַלפּערין, אַן אינטעליגענט פון באַקאַנטן עקסטערן־טיפּ. ער איז געווען איינער פון די ערשטע ביבליאָטעקאַרן.

ווען דער שרייבער פון די שורות האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער ביבליאָטעק (1921), איז זי שוין געווען טעטיק ווי אַ באַזונדערע אינסטיטוציע (דער „צע־בע״ האָט שוין דעמאָלט נישט עקזיסטירט), אַרום וועלכער עס האָט זיך גרופּירט די ראַדיקאַלע יידישיסטישע אינטעליגענץ פון פאַרשידענע ריכטונגען. צווישן די טוערס זענען געווען: דער פריער דערמאָנטער משה גאַלפּערין, יוסף וויסאָצקי, שלמה גאָלדבערג, שמעיה גיקלמאַן, איציק געלער, שמואל גאַרבער, שייקע ווייסבערג, אפרים מאַראַנץ, שמואל אייזן, זיסיע באַגלייבטער, אברהם אַבטשוק (שפּעטער באַקאַנט ווי אַ סאָוויעטיש־יידישער שרייבער, אומגעקומען בעת די ערשטע „טשיסטקעס״), איטע ליבערמאַן, אפרים פעקלער, זלמן פאַרעצקי, דער לינקער פּועלי־ציוניסט זלמן קאַניש (ער איז געווען יוסף וויסאָצקיס אַ שוואָגער, האָט שפּעטער געהאַט אַ פּרוכטקראָם אויף יאַגעלאָנסקע), איציק שטערנפעלד, וואָלף שטערן.

די ביבליאָטעק איז די ערשטע צייט טעטיק געווען נישט לעגאַליזירטערהייט, און דאָס האָט געשאַפן שוועריקייטן פאַר איר אַנטוויקלונג, זי האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ היפּשע צאָל געטרייע לייענער און אַ באַדייטנדיקע צאָל ביכער אין יידיש און רוסיש, בעיקר אין יידיש. מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז אין יענער צייט איז די ביבליאָטעק געווען נישט נאָר אַן אָרט אויף אויסצולייען ביכער, נאָר גיכער אַ צענטער פון קולטור־אַרבעט בכלל. פאַר דער דעמאָלטדיקער יידישער יוגנט, ספּעציעל פון די נישט פאַרמעגלעכע שיכטן, באַזונדערס פאַר די מיידלעך, וואָס האָבן נישט באַקומען קיין שום אַלגעמיינע בילדונג, איז דאָס בוך געווען אַלץ: די שול, דער אוניווערסיטעט, דער איינציקער קוואַל פון וויסן און גייסטיקער אַנטוויקלונג. אין דער ביבליאָטעק פלעגט מען שמועסן וועגן ביכער און שרייבער, וועגן וועלט־ענינים בכלל. צוליב איר נישט לעגאַליזירטקייט פלעגט מען אָפט האָבן גרויסע שטערונגען מצד דער מאַכט, וועלכע איז אין לוציק, ווי אַ שטאָט אין די א״ג „קרעסן״, געווען באַזונדערס שטרענג.

האָט מען געמאַכט באַמיונגען, און די ביבליאָטעק איז אין יאָר 1923 לעגאַליזירט געוואָרן ווי אַן אָפּטיילונג פון דער לינק פּועלי־ציוניסטישער „געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע״. דאָס איז געשען דער עיקר אַדאַנק די פאַרבינדונגען פון דעם דערמאָנטן לינקן פּועלי־ציוניסט זלמן קאַניש מיט זיינע פאַרטיי־חברים אין וואַרשע.

אַ געוויסע צייט האָבן ביי דער ביבליאָטעק טאַקע עקזיסטירט אָוונט־קורסן, מער לויטן כאַראַקטער פון אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט. צווישן די לעקטאָרן איז געווען יוסף וויסאָצקי. ער האָט געלערנט יידישע שפּראַך און ליטעראַטור. אגב אורחא איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ער איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער דעמאָלט נאָר־וואָס אָנגענומענער נייער אָרטאָגראַפיע. אין 1921 — דער דעלעגאַט פון לוציק צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן.

די ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג פלעגט פון צייט צו צייט איינאָרדענען פאָרלעזונגען אויף ליטעראַרישע און אַנדערע טעמעס. גרויסע דיסקוסיעס פלעגן פאָרקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט די מאָדערנע שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור. מען פלעגט אָפט אַראָפּברענגען רעדנער פון וואַרשע, צווישן זיי: מלך ראַוויטש, פּרץ מאַרקיש, וועמענס פאָרלעזונג איז נישט צושטאַנדגעקומען, ווייל די סטאַראָסטווע האָט אין דער לעצטער מינוט צוריקגעצויגן די דערלויבעניש. דאָך האָט מען נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט דעם דעמאָלט זייער פּאָפּולערן פּאָעט און טאָנגעבער פון דער „כאַליאַסטרע״. אַ גרופּע אַקטיווע ביבליאָטעק־טוער איז זיך צונויפגעקומען מיט מאַרקישן, טאַקע ביי מיר אין הויז, ווו מען האָט נישט בלויז דיסקוטירט, נאָר אויך געמאַכט אַ פיינע כוסה, פון וואָס מאַרקיש פלעגט זיך קיין מאָל נישט אָפּזאָגן.

אַ גרויסן רושם האָבן אין שטאָט געמאַכט די לעקציעס פון א. ליטוואַק וועגן יידישער ליטעראַטור, וואָס האָבן פאַרכאַפּט מיט זייער טיפקייט און גלעצנדיקן אופן פון פאַרברענגען.

ווען אין יאָר 1921 איז געלונגען צו עפענען אַ יידישן קינדערגאָרטן, האָט מען אים איינגעאָרדנט אין לאָקאַל פון דער

ביבליאָטעק אויף דער „פאָרשטאָט" (שפּעטער גערופן יאַגעלאָנסקע גאַס), בשכנות מיט קרוינשטיינס מויער, און די ביבליאָטעק האָט זיך דעמאָלט איבערגעטראָגן אין צוויי צימערלעך אַנטקעגן דעם קינאָ „מאָדערן" אין הויז פון אַ געוויסן ר׳ אשר (די אָוונט־קורסן האָבן זיך געפירט אין פריערדיקן לאָקאַל). דאָרט האָט די ביבליאָטעק ווייטער געפירט איר טעטיקייט. מען האָט דעמאָלט איינגעקויפט זייער אַ סך נייע יידישע ביכער, וואָס איז טיילווייז מעגלעך געוואָרן אַדאַנק דער הכנסה פון דעם ביכער־לאַגער, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביי דער ביבליאָטעק. דער דאָזיקער ביכער־לאַגער פלעגט באַזאָרגן מיט נייע־דערשינענע ביכער די ביבליאָטעקן און פּריוואַטע קונים פון דער וואָלינער פּראָווינץ.

ביי דער ביבליאָטעק האָט זיך דעמאָלט אָרגאַניזירט אַ יידישער פאָלקסכאָר, וואָס האָט געהאַט עטלעכע דערפאָלגרייכע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. זיין דיריגענט איז געווען דער שפּעטער באַקאַנט געוואָרענער חזן שמואל גאַק. דער כאָר האָט געהאַט אַן אָריגינעלן רעפּערטואַר פון יידישע פאָלקסלידער („אין אַ קליינעם שטיבעלע", „המבדיל", „קלינגען גלעקער" א"א), מאָדערנע לידער (די באַקאַנטע סויטע פון ענגעלן אויף די טעמעס פון פּרצעס קינדער־לידער, קאַצענעלסאָנס „די זון פאַרגייט אין פלאַמען" א"א), און אפילו אַ סך פון קלאַסישן אייראָפּעישן רעפּערטואַר (בעטהאָווענס „דעם בורא לויבן", רובינשטיינס „נעכטעלע", מאָצאַרטס „רעקוויעם", מענדעלסאָנס „דער וואַלד" א"א). ער האָט אויף אַ באַדייטנדיקן אופן געהויבן דעם קינסטלערישן מוזיקאַלישן געשמאַק נישט בלויז ביי די כאָריסטן, נאָר אויך ביים ברייטן יידישן עולם. צווישן די כאָריסטן זענען געווען: משה גאַלפּערין, רחל ברומאַן, טעמע באַגלייבטער, אסתר ווייסבערג, פרויקע פעקלער, משה פעדערמאַן, יוסף וויסאָצקי.

די נאָרמאַלע טעטיקייט פון דער ביבליאָטעק איז איבערגעריסן געוואָרן אין מאי פון יאָר 1924 דורך אַ רעוויזיע און אַן אַרעסט פון אַ צאָל מיטגלידער. צו יענער צייט איז צווישן די לייענער פון דער ביבליאָטעק געווען אַ גרופּע יידישע יוגנטלעכע קאָמוניסטן, וואָס פלעגן אויסנוצן איר לעגאַליטעט, זיך דאָרט טרעפן און וואַרשיינלעך אויך פירן אַ געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט זייערע. צווישן די אַרעסטירטע זענען געווען: קיבריק, דער שפּעטער באַקאַנטער קאָמוניסטישער טוער (אין 1939, ווען די סאָוויעטישע מאַכט האָט פאַרנומען לויצק — אַ הויכער באַאַמטער אין דער מיליץ; איז אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע), זלמן זאַרעצקי, וואָס האָט, דאַכט זיך, קיין שייכות מיט דער קאָמוניסטישער גרופּע נישט געהאַט. אויך מיך האָט מען דעמאָלט, ווי דעם ביבליאָטעקאַר און פאַראַנטוואָרטלעכן פאַרן לאָקאַל, אָפּגעהאַלטן קרוב פיר וואָכן אין טורמע.

דער דאָזיקער אַרעסט האָט בלויז אויף אַ קורצער צייט געשטערט דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער ביבליאָטעק. זי האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט — שוין ווידער אין אַ נייעם לאָקאַל — אויף דער קאָנאַרסקע גאַס 3, אין דעם הויז, וואָס האָט געהערט צו דער יידישער שול. דאָס איז געווען אין יאָר 1925. דאַן האָט די ביבליאָטעק דערגרייכט איר העכסטע אַנטוויקלונג, סיי בנוגע דער צאָל ביכער, סיי דער צאָל לייענער, און זי איז געווען דער צענטער פון דער יידישער קולטור־אַרבעט אין לויצק. זי האָט פאַרמאָגט אַ ביכער־אוצר פון העכער צען טויזנט בענדער (פון זיי 90 פּראָצענט יידישע, די רעשט — פּוילישע און רוסישע), צווישן וועלכע עס זענען געווען זייער אַ סך זעלטענע אויסגאַבן פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, אַ גרויסע צאָל וויסנשאַפטלעכע ווערק, קינדער־ליטעראַטור, זשורנאַלן און זאַמלביכער פון דער גאַנצער יידישער וועלט. די צאָל לייענער איז דערגאַנגען ביז 700—800, און אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט פלעגט צייטנווייז אַרויסגעגעבן ווערן ביז 150 ביכער. זי האָט געהאַט אַ סך לייענער, וואָס זענען אַ דאַנק איר ממש אויסגעוואַקסן גייסטיק — פון האַלבע אַנאַלפאַבעטן צו הויכן אינטעלעקטועלן שטאַפּל.

די ביבליאָטעק איז אויך ווייטער געווען דער פאַקטישער אָרגאַניזאַטאָר פון פאַרשידענע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן זיך בלויז טיילווייז געבונדן מיט בוך־ענינים: פאָרלעזונגען אויף פאַרשידענע טעמעס, נישט דווקא ליטעראַרישע, געזעלשאַפטלעכע משפּטים א"א. עס דערמאָנט זיך דער גרויסער אינטערעס, וואָס עס האָבן אַרויסגערופן די משפּטים איבער באָנטשע שווייג, איבער דער יידישער קאַלאָ (דער דאָזיקער משפּט האָט געדויערט אויב נישט דריי וואָכן...). פון די מער באַוווּסטע פּרעלעגענטן האָבן אין יענע יאָרן באַזוכט לויצק: שלום אַש, אַלטער קאַציזנע, ביינוש מיכאַלעוויטש, פּרץ הירשביין, שלמה מענדעלסאָן, רחל פייגענבערג.

פון צווישן די ביבליאָטעק־טוערס איז אַרויסגעקומען דער קערן פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש"אָ), וואָס האָט געשאַפן די יידיש־וועלטלעכע שול אין לויצק. דאָרט האָבן זיך אויך אויסגעשיילט אַ ריי פּאָליטישע טוערס פון פאַרשידענע ריכטונגען און טוערס פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

און דאָ, לײדער, איז געלעגן דער אָנהייב פון סוף — דער באַרג־אַראָפּ אין דער טעטיקייט פון דער ביבליאָטעק. עס האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַ פּאָליטישע דיפערענצירונג צווישן די טוערס און לייענערס פון דער ביבליאָטעק. ס׳איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן דער צווישנפּאַרטייאישער קאַמף, וואָס האָט אָנגענומען אַלץ שאַרפערע פאָרמען. וואָס ווייטער איז אַלץ שווערער געוואָרן איינצוהאַלטן די איינהייט אין דער אָנפירונג פון דער ביבליאָטעק און דעם געמיינזאַמען כאַראַקטער פון דער קולטור־טעטיקייט בכלל. דער הויפּט־קאַמף איז אָנגעגאַנגען צווישן די בונדיסטן און קאָמוניסטן, און יעדער פון די ריכטונגען האָט זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן איר השפּעה צווישן די לייענער און — דער עיקר — צו פאַרכאַפּן די אָנפירונג פון דער ביבליאָטעק.

צווישן די לייענער און אַקטיוויסטן פון דער ביבליאָטעק האָבן זיך שוין צו יענער צייט (1916—1925) אויסגעטיילט נייע יוגנטלעכע קאַדרן, ס׳רוב אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, סיי פון דער בונדישער און סיי פון דער קאָמוניסטישער ריכטונג. פון די בונדיסטן זענען געווען: שמואליק בריינשטיין, מאָטיע גייער, יאָסקע עפּעל, מלכה און סטיסיע בידניק, מאַניע קיפּערמאַן, הערשל קופּערשמיד, אהרון פלאַפּלער; פון די קאָמוניסטן: אברהם באַגלייבטער, משה גאַראַטשקע, בערל פערדמאַן, זישע לערנער און משה זאָגער.

ביי די וואַלן צו דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג אין יאָר 1926 איז דער פּאַרטיי־קאַמף דערגאַנגען צו דער העכסטער שפּאַנונג. און ווען די קאָמוניסטישע גרופּע האָט פאַרשפּילט, האָט זי געהיימערהייט אַרויסגענומען אַ גרויסע צאָל ביכער מיטן ציל צו גרינדן אַן אייגענע ביבליאָטעק. דאָס איז צוליב איר

אומלעגאליטעט נישט געלונגען, און אַ היפשער טייל פון די ביכער איז שפּעטער פאַרלוירן געגאַנגען אָדער געבליבן אין פּריוואַטע הענט. אין רעזולטאַט פון די קאַמפן זענען אָפּגעפאַלן אַ צאָל לייענער, בעיקר אומפּאַרטייאישע, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיין אין מיטן. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די ביבליאָטעק האָט ביסלעכווייז אָנגעווירן איר באַדייטונג ווי אַ צענטראַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציע. אויך דער דראַנג צום לייענען איז שוואַכער געוואָרן, און די ביבליאָטעק האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ.

נאָך דעם, ווי די יידישע שול האָט זיך אַנטוויקלט און גע־דאַרפט האָבן דעם גאַנצן לאָקאַל פאַר זיך, האָט זיך די ביבליאָ־טעק ווייטער אַריבערגעקליבן, און דאָס נישט איין מאָל, אין אַן אַנדערן לאָקאַל, און זי האָט געוואַנדערט צוזאַמען מיט דעם לאָקאַל פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. אמת, מען האָט אויך ווייטער אַרויסגעגעבן ביכער, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען דער אַמאָליקער פאַרנעם. דער לייענער־קרייז האָט זיך בהדרגה איינגעשרומפּן צו דער גרופּע פּאַרטיי־מיטגלידער (בונ־דיסטן, צוקונפטיסטן און סימפּאַטיקער), און מען האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן קיין ספּעציעלן ביבליאָטעקאַר, אַ פאַכ־מאַן. די ביבליאָטעק איז געפירט געוואָרן דורך יוגנטלעכע, וואָס האָבן טאַקע אַריינגעלייגט אַ סך ענטוזיאַזם (באַזונדערס איז ווערט דערמאָנט צו ווערן די איבערגעגעבענע לאַנגיאָריקע אַרבעט פון מלכה בידניק), אָבער דאָס האָט שוין נישט געקאָנט פאַרבעסערן די לאַגע פון דער אינסטיטוציע.

צום סוף איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם לעצטן גורל פון די ביכער־אוצרות:

אין יאָר 1939, ווען די עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט דער באַלעבאָס פון לאָקאַל, אין שרעק פאַר די דייטשן, געפּאָדערט צוצונעמען די ביכער. אַ גרופּע חברים האָבן דאַן איינגעפּאַקט די ביכער אין קאַסטנס און צוגענומען צו זיך אָדער באַהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער. ווען די סאָוויעטן זענען אַריין, איז די שרעק געוואָרן נאָך גרעסער, בשייכות מיט די רעפּרעסיעס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן לגבי בונדיסטן און אַלע אַנדערע נישט־קאָמוניסטן, און מען האָט די ביכער באַגראָבן, אָדער אויף אַן אַנדער אופן פאַרשטעקט, מורא האָבנדיק, אַז בעת אַ רעוויזיע זאָל מען נישט אָנטרעפן אויף אַ בוך מיט אַ שטעמפּל פון דער בונדישער ביבליאָטעק, אָדער גאָר אויף אַ בוך אַ „טריף־פּסול" לויטן קאָמוניסטישן דין.

אַ טייל ביכער, וואָס זענען בשעתו איבערגעגעבן געוואָרן דער שול (דער עיקר קינדער־ליטעראַטור), האָט אויך געטיילט דעם זעלבן גורל: אין יאָר 1940, נאָך דעם ווי מען האָט ליק־ווידירט די שול אויף קאָנאַרסקע גאַס (די קינדער און דעם רוב לערער האָט מען אַריבערגעפירט אין דער סאָוויעטישער יידישער שול, אין בנין פון דער געוועזענער תלמוד־תורה), זענען כמעט אַלע ביכער פאַרבליבן אויפן אָרט, ווייל דער תלמוד־תורה דירעקטאָר האָט זיך געשראָקן, אַז דאָס איז נישט קיין פּאַסיקע ליטעראַטור פאַר דער „נייער" צייט. די נייע לאָקאַטאָרן פון קאָנאַרסקע 3 („וואָסטאָטשניקעס" — סאָוויעטישע באַאַמטע, גע־קומענע פון מזרח) האָבן מיט די ביכער געהייצט די הרובעס.

1960

יואל פערעל / תל־אביב

דער ליובאַרט־שלאָס

יעדע שטאָט האָט זיך אירע דענקמעלער, וואָס טיילן זי אויס פון אַ ריי אַנדערע שטעט. אויך די שטאָט לויצק פאַרמאָגט אַזאַ דענקמאָל, וואָס, ערשטנס, דערציילט ער וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דער שטאָט, צווייטנס, איז ער פאַרבונדן מיט אַ סך אינטימע איבערלעבונגען פון דער יוגנט, און דריטנס, איז ער דער לעצטער עדות פון אומקום פון דעם יידישן לויצק — דאָס איז דער ליובאַרט־שלאָס.

דער ליובאַרט־שלאָס איז אויסגעבויט געוואָרן מיט אַ סך יאָרן צוריק, אין די צייטן פון מיטלאַלטער, דורך דעם ליטווישן פאַרכאַפּער פון דער טעריטאָריע פירשט ליובאַרט. ער האָט עס באַפוילן צו בויען פאַר זיך אַ שלאָס לויט אַלע כללים פון דער דעמאָלטדיקער אַרכיטעקטור, דאָרט האָט ער געלעבט, דאָרט האָט מען אים אויך מקבר געווען. אין אַ קליין גערטנדל, אונטערן שאָטן פון אַ צעצווייגטן דעמב געפינט זיך זיין קבר.

דער ליובאַרט־שלאָס איז איינער פון די טיפּישע שלעסער פון מיטלאַלטער. ער געפינט זיך אויף אַ בערגל, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ באַרג, ווייל אַרום און אַרום איז אַ ברייטער און טיפער טאָל. אַמאָל איז ער געווען אָנגעפילט מיט וואַסער פון טייך סטיר, וואָס פליסט אַדורך נישט ווייט פון שלאָס. די אויסגעגראָבענע ערד איז אָנגעשיט געוואָרן אַרום די מאַסיווע, ברייטע ווענט פון רויטע ציגל אויף אַ טיפן פונדאַמענט פון גרויסע קרעמינעס. אין אַלע פיר זייטן, אין די ווינקלען, האָט מען אויפגעהויבן קיילעכדיקע טורעמס, אין דער מיט — דאָפּלטע טויערן, און נישט ווייט פון זיי איז אַריבערגעוואָרפן געווען אַ שיינע הענגענדיקע בריק, וואָס פלעגט אַראָפּגעלאָזט ווערן פון צייט צו צייט.

שוין לאַנג זענען די געביידעס פון אינעווייניק פאַרניכטעט געווען פון שרפות, אויף זייער אָרט האָבן נייע הערשער געבויט אַנדערע. זיי האָט דערוואַרט דער זעלבער גורל. די הענגענדיקע בריק איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַ הילצערנע, אַ שטענדיקע. די וואַסערן אַרום שלאָס זענען אויסגעטריקנט געוואָרן און אָפּ־געטראָטן זייער אָרט דעם ווילדן, גרינעם גראָז און שטעכלקעס.

בלויז די הויכע ווענט שטייען פעסט און נישט איין יאָרהונדערט וועלן זיי נאָך שטיין.

דער שלאָס האָט זיך ווי אָפּגערוקט אין אַ זייט פון דער ניי־אויסגעבויטער שטאָט, וואָס איז צעוואַקסן אין אַלע זייטן. אין אים האָבן געפונען זייער פּאַסיקן אָרט די פייערלעשער. אין די ווינקל־טורעמס פלעגן זיי אַרויפקריכן דורך אינעווייניקסטע שרויפן־טרעפּ אין דער הויך און פון דאָרטן אָבסערווירן די גאַנצע ניי־אויסגעבויטע שטאָט לויצק.

יאָרן שטייען נישט, צייטן בייטן לייטן. די פייערלעשער האָבן זיך געביטן; אַנשטאָט די קיילעכדיקע פעסער מיט וואַסער, וואָס די אָנגעפּרעסענע פערד פלעגן שלעפּן, זענען געקומען מעכאַנישע פּאָמפּעס און ציסטערנעס. הויכע לייטערס און ברייטע רערן זענען געלעגן אויף הויכע פּלאַטפאָרמעס און געשלעפּט האָבן זיי עטלעכע פּאָר פערד. זיי האָבן אויך פאַרביטן רויט־געפאַרבטע מאַשינעס מיט אויטאָמאַטישע פּאָמפּעס און מעטאַלענע לייטערס, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן דורך מעכאַנישער קראַפט אויף יעדער הויך.

דער משופּעדיקער באַרג אַרום שלאָס איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט געדיכטע, הויכע גראָזן. אויף אים פלעגן זיך אָפּט שפּילן קינדער און יוגנטלעכע אין מלחמות, אין באַהעלטענישן. אין די שבתים און ימים־טובים פלעגן אַהערקומען גאַנצע יידישע משפּחות זיך אָפּרוען און פּראַווען סעודות; אַהער פלעגן קומען יונגע פּאָרלעך זיך באַקענען, שפּאַצירן, דערקלערן זיך אין ליבע. זייערע האַרציקע געשפּרעכן פלעגן דערשטיקט ווערן פון דעם קוואַקען פון די הונדערטער זשאַבעס פון די אַרומיקע בלאָטעס. די מענגע אויסגעקריצטע הערצער, נעמען און צושריפטן אויף די ווענט האָבן עדות געזאָגט, אַז אַהער פלעגן קומען אַ סך, זייער אַ סך . . .

נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917 האָט דער שלאָס אויפגעלעבט. אין שטאָט איז די טעאַטער־געביידע פאַרברענט געוואָרן אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה. די רעוואָלוציע האָט זיך געקענט באַגיין אָן אַ טעאַטער. האָט מען טאַקע אויף שנעל געבויט טאָג און נאַכט אַ גרויסן הילצערנעם טעאַטער מיט אַ בינע, מיט בענק פון פּשוטע, נישט־געטעסעטע ברעטער. די ווענט פון דרויסן, פון אינעווייניק זענען באַפּוצט געוואָרן מיט לאָזונגען אויף רויטן ציץ: „פּאַראייניקונג און פּראָגרעס", „נידער מיט דער אַליינהערשאַפט", „די וועלט פון געוואַלט וועלן מיר פאַרניכטן", „מיר פאָדערן ברויט, אַרבעט און שלום" א"א.

דאָ פלעגן פאָרקומען מיטינגען פון פאַרשידענע פּאַרטייען. אַהער פלעגט מען ברענגען די צאַרישע פּאָליציי, דאָ פלעגן זיי אויסהערן זידלערייען און פאָרווורפן אויף זייער חשבון און פון דאַנען פלעגט מען זיי פירן אין טורמע אַריין. די באַשולדיקטע זענען געווען מערסטנס יידן: די פריילין דראַלוק, דער גראַבעטשקער, נידעריקער דאַוו, די ברידער און שוועסטער קיבריק, דער פּועלי־ציוניסטישער טוער זלמן קאַניש, דער אומדערשראָקענער טוליע האָרנשטיין און אַנדערע. אין די שבתים פלעגן שפּילן טעאַטער: די אוקראַינער — „נאַטאַלקע פּאָלטאַווקע", „הוינע כאַדי גריצו" און די יידישע טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון דעם טאַלאַנטפולן רעזשיסער קאַלאַדני — „די קרייצער־סאָנאַטע", „די קרעטשמע", „צעזייט און צעשפּרייט". ס'האָבן זיך אויסגעטיילט אמתע אַרטיסטן, ווי לייבטשיק לערנער, דבורה מענאַקער, יצחק שטערנפעלד, קאַטליאַר. אָפט פלעגן יוגנטלעכע שפּילן טעאַטער אויף יידיש און אפילו „מכירת יוסף" אויף עברית בהברה הספרדית, אונטער דער רעזשי פון די לערער פון דער גימנאַזיע חלף, קאַגאַן און פּעטשעניק.

שפּעטער, ווען לויצק איז אין 1920 אַריבער צו פּוילן, האָט מען אין ליובאַרט־שלאָס אַדורכגעפירט ביי דער שיין פון פלאַקערדיקע שטורקאַצן די רעליגיעזע מיסטעריעס וועגן קריסטוסן...

אין די ערשטע געטאָ־טעג האָבן די נאַציס אויסגעטיילט די געזונטע, די בעלי־מלאכות און זיי צוגעזאָגט, אַז זיי מיט זייערע משפּחות וועלן בלייבן נישט גערירט. די אויסגעטיילטע פאַמיליעס האָט מען אַוועקגעפירט אין ליובאַרט־שלאָס. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען דערהערט פון דאָרט האַרצרייסנדיקע געשרייען פון טויזנטער פרויען און קינדער צוזאַמען מיט הילכיקע שאָסן. דאָס איז דער אַוואַנגאַרד פון די קדושי לוצק...

ליובאַרט־שלאָס — דער עדות פון פריידן און ליידן,
איך פרוו דיך אויף יידיש באַשיידן.
דיין נאָמען דערמאָנט אין אַ לעגענדע,
וואָס איז דורך אונדזער פּיין צו ענדע.
איך וויים, דיינע ווענט האָבן געציטערט
פון ווײ־געשריי פון קינדער און מוטערס.
גאָר ווייניק זענען מיר אַוועק פון דאַנען.
מיט נשמות פאַרקלעמטע מיר שפּאַנען
די גאָלדענע קייט ווייטער שמידן
פון גרויסע נשמה־יתירהדיקע יידן.

ש. אַקסמאַן

דער קינסטלער י. קאַרנבליט

עס ווייזט אויס, אַז מער פון אַלע יידן האָבן די וואָלינער אַמשטערענגסטן מקיים געווען דעם האַרבן געבאָט פון די עשרת־הדברות: „אַז דו זאָלסט דיר נישט מאַכן קיין בילדגעטשקע" דערפאַר איז דאָס יידישע לעבן אויף וואָלין, אין שטוב און אין גאַס, כמעט פאַרבליבן אָן אַ קינסטלערישן תיקון.

זעלטן ווען, אַז מ׳באַגעגנט אין וואָלין אַ יידישע שטוב, ווו ס׳זאָל זיך געפינען, אויסער די געקינסטלטע רעליגיעזע חפצים, אַ געמאָלן בילד, אַ לאַנדשאַפט, אַ צייכענונג, עפּעס פון דער נייער היינטוועלטיקער יידישע קונסט. און דערפאַר איז אויך דער עסטעטישער חוש, דער געשמאַק פאַר קונסט־שטיק פרימיטיוו און נישט אַנטוויקלט.

אָבער אין די דרייסיקער יאָרן הייבט אָן דאָס יידישע וואָלין צו געפינען זיין קינסטלערישן תיקון אין די שאַפונגען פון צוויי יונגע וואָלינער יידן: אין דער דיכטונג פון ק. ליס און אין די בילדער און צייכענונגען פון י. קאָרנבליט.

דער שטייגער פון יונגע קינסטלער איז — אין דער ערשטער צייט פון זייער אַרבעט — צו באַשעפטיקן זיך מיט אַבסטראַקטער מאָלעריי, מיט קונסט לשם קונסט, כדי דאָרט צו קאָנען קאָנצענטרירן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף די פאָרמעלע עלעמענטן פון דער טעכניק, אויף דער האַרמאָניע. צום ווייניקסטן אינטערעסירט זיי דער סיוזשעט, דער אינהאַלט פון זייערע בילדער און צייכענונגען.

דער יונגער קאָרנבליט גייט שוין פון אָנפאַנג אָן אויפן וועג פון ממשותדיקייט און רעאַליטעט. אין אַלע 60 בילדער פון זיין היגער אויסשטעלונג פילט זיך ווי דער קינסטלער זוכט און פאַרטיפט זיך אין דער אייגנטימלעכער יידישער ליניע, אין דער ספּעציפישער יידישער „אַרכיטעקטור" — די צעבויגענע און צעקרימטע יידישע הייזלעך מיט זייער פאַרחושכטן און פאַרגליווערטן אויסזען, דאָס יידישע געסל מיט זיינע כאַראַקטעריסטישע פאַרשטייער: דער וואַסער־טרעגער, די מאַרקהענדלערקעס, דער שמש, די אָרעמע, געפּלאָגטע און פאַרשטויסענע. דאָס איז דער תוכן פון קאָרנבליטס שילדערונגען.

דער סאָציאַלער מאָמענט — דער דעקלאַסירטער יידישער אַרבעטער נעבן די פאַרשלאָסענע פאַבריקס־טויערן — האָט געפונען זיין מאָלערישן אויסגעשריי אינעם בילד נומער 1. מיט אַ באַזונדערן אינטערעס און פאַרטיפקייט האָט קאָרנבליט געמאָלן די פאַרלאָזטע יידישע זקנה (בילד 63), וועלכע פראַוועט התבודדות אין הקדש. די „אל תשליכנו לעת זקנה" שטימונג שוועבט אַרום דעם בילד.

און וואָס פאַר אַ מרה־שחורה וואַרפט אָן ס׳בילד פון אונדזער באַקאַנטן בערל שמש, מיט זיין צעבעזעמטן בערדל, דער אומעט פון „צדקה תציל ממות" קוקט דאָך אַרויס פון זיינע אויגן. מ׳באַדאַרף באמת פאַרמאָגן קינסטלערישע באַגאַבונג און קאָנען פּסיכאָלאָגיש אַריינבליקן אין די הערצער און מוחות פון די געמאָלענע טיפּן, כדי דאָס אַלץ תופס צו זיין און בולט אַרויסברענגען אויפן לייוונט.

קאָרנבליט איז שטאַרק פאַרבונדן מיטן לעבן פון יידישן שטעטל, מיט אַלע זיינע ווייען און נויטן און אין דער פאַרזשעמטער און פאַרחושכטער סביבה געפינט ער באַגייסטערונג און שטאָף פאַר זיין קינסטלער־פּענדזל. אַפילו אין זיינע לאַנדשאַפטן און צייכענונגען פון דער נישט־יידישער סביבה ברענגט ער אויך אַריין דעם יידישן אומעט און עלנט.

✶

קאָרנבליט איז אַ שטימונגספולער באַשיידענער קינסטלער, וועלכער ווידמעט זיין רייכע פאַרבן־גאַמע דער „בין־השמשות"־צייט — פאַרנאַכטן, פאַרטאָגן, דעמאָלט ווען ס׳איז לא יום ולא לילה. מיר ווינטשן אונדזער קאָרנבליטן, אַז אין די ווייטערדיקע אַרבעטן זאָל ער אַריינברענגען מער ליכט, מער טאָג, מער זון־שיין און אָנשטאָט דער יידישער פאַרלוירנקייט און אומעט, וואָס האַמעוועט און דריקט, זאָל ער ווייזן דעם יידישן פּאַטאָס און האָפענונג, וועלכע רעגן אָן צו אַקטיווער שאַפונג.

(„וואָלינער וואָרט" נומ׳ 4)

החיים הדתיים

דאָס רעליגיעזע לעבן

הרב אלחנן סורוצ׳קין / ירושלים

רבני לוצק

מעטות הן הידיעות שבידינו על דברי ימיה הראשונים של קהילת לוצק הגדולה והעתיקה, המתחילים בלי ספק בראשית המאה ה־15 לספה״נ. קורותיה הראשונות של הקהילה בת 500 השנים (לכל הפחות) לוטות בער־פל ובמקורות יהודיים כמעט ואין להן זכר עד אמצע המאה ה־16. ובדומה לכך גם בכל הנוגע לידי־עות על רבני העיר, שהרי לא יתואר שנפקד מקומם בה מרא־שית ימיה, אולם עד אמצע המאה הרביעית לאלף הששי (סוף המאה ה־16 לספה״נ) לא נשארו בידינו שום ידיעות על רבני לוצק ואפילו שמותיהם אינם ידועים לנו. אמנם, אין קהילת לוצק יוצאת מן הכלל בנידון זה, כי תולדות הרבנות באירופה המזרחית — ממלכות פולין וליטא, היינו השטח שנכלל בתחום שיפוטם של ועדי דד״א — מתחילות, כידוע, רק מראשית המאה הרביעית לאלף הששי, ולכל המוקדם באמצע המאה השלישית ורק שמות בודדים של רבנים וראשי ישיבות מפורסמים וספורים ידועים לנו מתקופה קדומה יותר.

הרב אלחנן סורוצ׳קין

ואלו שמות רבני לוצק, מאמצע המאה הרביעית ועד תחילת המאה השביעית לאלף השישי, לפי מה שעלה בידינו לאסוף ממקורות ומספרים שונים.

1. הראשון לרבני לוצק ששמו ידוע לנו הריהו הגאון ר׳ אהרן הלוי איש הורוויץ, קרובו של השל״ה (ר׳ ישעי׳ הורוויץ, מחבר הספר „שני לוחות הברית״), וזמן רבנותו בלוצק יש לקבוע לשנות ש״מ—ש״נ (90—1580) בערך. בנו היה הגאון ר׳ שמואל, שמילא את מקומו של השל״ה ברבנות דובנא ואח״כ כיהן כאב״ד לובמילא.

2. בשנת שס״ג (1603) ישב על כיסא הרבנות בלוצק אחד מגדולי הרבנים בדורו, הגאון ר׳ משה ב״ר יהודה הכהן שפירא, בן־בנו של הגאון הנודע ר׳ יצחק שפירא, אב״ד דק״ק קראקא. הגאון ר׳ משה, רבה של לוצק, היה חתנו של ר׳ שאול וואהל, ה„מלך״ הפולני, שנשא על ראשו את כתר המלכות של מדינת פולין במשך לילה אחד, בין גברא לגברא. על דבר זה רבות האגדות בתולדות ישראל בפולין, ור׳ שאול היה בלי ספק מנהיגם ו„שתדלנם״ של יהודי פולין וליטא בדור ההוא. מלוצק עבר הג״ר משה לכהן כרב של גליל קראקא. הוא חיבר ספר „שאלות ותשובות מהר״ם״ שנשאר בכת״י ולא ראה אור הדפוס. יש ממנו הסכמה על ספר „מקור חכמים״ שנדפסה ביחד עם הסכמו־תיהם של הגאונים המפורסמים השל״ה ובעל „הלבושים״. הוא נפטר בשנת שע״ז.

3. הגאון ר׳ יוסף אהרן פרץ יהודה, שכיהן ברבנות בלוצק בשנות ש״ע—שע״ה (1610—15) בערך. בנו היה הרב החסיד ר׳ יצחק יעקב קופיל, המתואר כ„חכם הכולל ותורתו אומנתו היתה להגות יומם ולילי״, שנפטר בלובלין בשנת ת״ז (לפי הכתוב על מצבתו). כלתו — אלמנתו של רי״י קופיל — היתה אשה עשירה ובעלת נכסים וב„פנקס ליטא״ נרשם חוב של 900 זהובים פולניים שמנהיגי מדינת ליטא נשארו חייבים לה.

4. הגאון ר׳ אלכסנדר זיסקינד ב״ר משה הכהן אשכנזי, המכונה זיסקינד כ״ץ, שימש אב״ד בלוצק בשנות שע״ה—שפ״א (1615—21). הוא היה אחד הרבנים הגדולים והחשובים בדורו, בין החותמים על החרם שלא להדפיס שנית במשך עשר שנים את הספר „מאירת עינים״ (הפירוש המפורסם לחושן המשפט הנודע בשמו המקוצר „סמ״ע״). הוא חתם ביחד עם הסמ״ע והמהרש״א והלבוש ועם הגאון ר׳ משה הכהן שפירא, קודמו ברבנות לוצק, בהסכמה על הספר „זכרון משה״ להג״מ ר׳ משה זבולון אליעזר מבריסק. יש ממנו גם הסכמה על הסידור המפורסם של ר׳ שבתי הסופר. בספר הנודע „איתן האזרחי״ נמצאים עליו

דברי הספד, ושם אף נאמר כי הגאון הישיש ר׳ זיסקינד כ״ץ, רבה של לוצק, נפטר בשנת שפ״א.

5. הגאון ר׳ אברהם הלוי סגל, דודו זקנו של הט״ז („טורי־זהב" על שו״ע), אב״ד לוצק בשנת ש״צ בערך. בנו הגאון ר׳ יצחק היה רב בברעזי, באדקי (בליטא) ופאפענהיים בגרמניה, חותנו של הגאון ר׳ אהרן קצנלנבויגן מבריסק, מחבר ספר „מנחת־אהרן" על מסכת סנהדרין.

6. הגאון המפורסם ר׳ יעקב שור, בן הגאון ר׳ אפרים זלמן אבד״ק בריסק, מחבר ספר „תבואות שור" — קיצור ד׳ טורים. אמו של ר׳ יעקב שור, העגלא, היתה בתו של ר׳ שאול וואהל המפורסם ולפי האגדה נתן בה עיניו המלך הפולני זיגמונט השלישי ורצה לשאת אותה לאשה, אחרי מות המלכה. ר׳ שאול וואהל מיהר להשיא אותה לר׳ אפרים זלמן שור בן השבעים שנתאלמן מאשתו בעת ההיא, כדי למנוע מהמלך לקחתה. מהזיווג הזה נולד ר׳ יעקב שור והוא נתחנך ע״י אמו, אחרי שנתיתם מאביו הזקן, שגידלה אותו בישיבות ונסעה אתו אצל גדולי הזמן כדי לקבל „סמיכה". ר׳ יעקב שור הי׳ אבד״ק לוצק עד שנת שצ״ח (1638), ואח״כ נתקבל לאב״ד בבריסק, במקום אביו. הוא חיבר ספר „בית־יעקב" על מס׳ סנהדרין, שנדפס באמסטרדם וכן יש ממנו תשובות ב„תשובות גאוני בתראי", וכן בס׳ „חלקת מחוקק" על אבן העזר. נפטר בשנת תט״ו. חתניו היו: הגאון ר׳ יצחק אייזיק היילפרן אבד״ק טיקטין והגאון ר׳ שאול אבד״ק פינטשוב ור׳ אברהם, פרנס של ועד ד׳ ארצות.

7. הגאון ר׳ יוסף בר׳ אליקים געץ היילפרין, חתן המהר״מ מלובלין, אב״ד לוצק בשנת ת׳ (1640). מן המסכימים על הש״ך („שפתי כהן" על שו״ע), וחותנו של הגאון ר׳ נחמן רפופורט, אבד״ק קרעמניץ ובעלז — זקנו של הגאון ר׳ חיים מוואלאזין. מלוצק נתקבל לאבד״ק לבוב (חוץ לעיר) ונפטר בשנת תי״ב. יש ממנו תשובה בס׳ „איתן האזרחי" שבה הוא מתיר להתעלם מיהודי־רוצח שנתפס למלכות, ופוסק שאין לעשות מאמצים כדי להצילו מעונש המוות המאיים עליו. בפנקס לבוב נרשם כי מכרו „מקום" בביהכנ״ס של בעל בתו ליבא, כדי לפדותה מבית האסורים. על מצבתו כתוב בין השאר „הי׳ אב בית דין במשפטים ישרים וצדיקים וראש ישיבה גדול ורם כענקים, הרביץ תורה באמרות טהורות שבעתים מזוקקים... ונקבר פה לבוב בקולי קולות וחזקים ברחובות ושוקים".

8. הגאון ר׳ מן (מניש), רבה של לוצק בשנות ת״ח—ת״ט שנהרג עם 200 יהודי לוצק ע״י בוגדן חמלניצקי על קידוש השם („טיט היוון").

9. הגאון ר׳ מרדכי הכהן רפופורט (שרענציל), רב בלוצק אחרי שנת ת״י, בנו של הגאון ר׳ אברהם בעל מחבר ספר „איתן האזרחי" וחתנו של הגאון ר׳ שמעון קלייף מאשכנז. הוא פדה מידי הסטודנטים בלבוב את כתב־היד של „איתן האזרחי" שנשדד בפרעות שנערכו על ידיהם, ובן אחיו ר׳ אברהם, אב״ד בבאהוסלאב, הוציא לאור את הספר בשנת תקכ״ו.

10. הגאון המקובל ר׳ יצחק בר׳ אברהם. יחיד בדורו בנגלה ובנסתר (לפי עדות הספר „שם יעקב") אב״ד בלוצק עד שנת תכ״ד (1664). מלוצק נתקבל לאב״ד בווילנא ומשם לפויזנא. הג״ר יצחק העמיד תלמידים הרבה גם בחכמת הקבלה. בעל „מגן־אברהם", מגדולי תלמידיו, מזכירו בספרו כמה פעמים. חיבר ספר שו״ת „באר־יצחק". היה מגדולי היחס. אביו הגאון ר׳ אברהם היה רבה של אוסטראה ומצאצאי הגאון ר׳ יצחק בעל „שערי דורא". בנו הגאון ר׳ יעקב (חתן הגאון ר׳ נפתלי הכהן בעל „סמיכת חכמים") מילא את מקומו ברבנות פויזנא. הג״ר יצחק חתם בשנת תמ״ג על פס״ד שהוצא בסכסוך שבין מנהיגי מדינת ליטא לבין קהילת בריסק. נפטר בפויזנא בשנת תמ״ז (1687).

11. הגאון ר׳ משה כהנא־כ״ץ, בן הגאון ר׳ פסח בן הגאון ר׳ תנחום, בנו של ה„שארית־יוסף" (גיסו של הרמ״א), — אב״ד בלוצק אחרי הגאון ר׳ יצחק ב״ר אברהם. שימש מקודם כרב בקלויז דבריסק ואח״כ כאב״ד דסלוצק ומשם עבר ללוצק. רב גדול ומפורסם בדורו. הסכים ביחד עם הט״ז על הספר „עמודיה שבעה" בשנת תכ״ד (1664). ר׳ משה כ״ץ היה חתנו של הגאון ר׳ מאיר וואהל — בנו של השר ר׳ שאול וואהל וגיסו של הגאון המפורסם ר׳ יונה תאומים, מחבר ספר „קקיון דיונה". בניו: הרב ר׳ יוסף כ״ץ אבד״ק פרידבורג, והרב ר׳ יהודה ליב מלויצק — אבי הגאון ר׳ משה כהן אבד״ק בעלזא והמדינה. הג״ר משה כ״ץ־כהנא נפטר בשנת ת״ל (1670).

12. הגאון ר׳ שמריל הורוויץ, בן הגאון ר׳ ישעיה מגיד, שימש ברבנות בלוצק, כנראה באותו זמן וביחד עם הג״ר משה כ״ץ־כהנא, כי נפטר בשנת תכ״ט — שנה לפני פטירתו של הגר״מ כ״ץ־כהנא.

13. משנת ת״ל (1670) שימש ברבנות בלוצק הגאון ר׳ צבי הירש, המוגדר כ„אב״ד וראש וראשון לארבעת ראשי גליל וואלין בועד ארבע ארצות" (לפי ווסכוד, חוברת אוקטובר 1894). פרטים אחרים על פעליו ויחוסו אין.

14. הגאון ר׳ ישראל ב״ר שמואל מטרנופול, אב״ד בלוצק משנת תל״ט (1679). תלמידו וש״ב של הט״ז. ר׳ ישראל ב״ר שמואל נשא על ראשו כתר הרבנות וכתרו של פרנס ועד ארבע ארצות כאחד וחתם על מסמך שניתן לשר האוצר הפולני בברעסלא בזו הלשון: „אני ישראל בן שמואל מטרנופול, המפקח הראשי על כל ישראל ובפרט בכל מלכות פולין ופרנס הועד הכללי שנתקים בלובלין ואתי 18 הממונים של כל היהודים בד׳ ארצות שבמדינת פולין... הננו מודים בשמנו ובשם כל ישראל במלכות פולין שהתחייבנו באמת ותמים לשלם להאציל גיאורג פון מלטגברג, שר האוצר של העיר המלכותית ברעסלא — במשך 12 שנה... במזומנים תוך שעבוד כל הנפש, ההון והרכוש שלנו ושל כלל היהודים מד׳ ארצות של מלכות פולין..." לפי עדות בני דורו היה „ראש וראשון בין גאוני חכמי דורו ולא נעשה שום ועד זולתו". לפני עלותו על כיסא הרבנות בלוצק היה רב וראש ישיבה בלודמיר וכנראה היה גם עשיר, שכן נדב „נדבה הגונה להדפסת אבן העזר בקראקא בשנת ת״ל". חתימתו מתנוססת בראש הרבה תעודות, פסקי דינים והסכמות על ספרים („לב ארי׳", „נחמות־ציון", „ספר האש״ל", „דברי שמואל", „קנה חכמה" ועוד), והוא חותם ראשון לפני הגאונים המפורסמים ר׳ משה קרעמער אב״ד ווילנא, הג״ר יצחק ב״ר אברהם מפויזנא

(לשעבר רבה של לוצק), הג״ר נחמן רפופורט והג״ר צבי הירש מלובלין. בשנת תל״ז (1688) הוא חותם על קול־קורא ליהודי אמסטרדם ומבקש עזרה לפדיון שבויים שנשבו על ידי הטטרים במדינות פודוליה ופוקוטיה. בשנת תל״ח נבחר לפרנס ועד ארבע ארצות (ראש הועד) וכיהן בתפקיד זה עד שנת ת״מ. בשנת תמ״א חתם על פס״ד שניתן בסכסוך שבין מנהיגי ד״א למדינת ליטא, ובתמ״ג — ביחד עם הג״ר יצחק ב״ר אברהם — על פס״ד בסכסוך שבין מדינת ליטא לבין קהילת בריסק. כן היה בין המסכימים ביריד יארוסלאב להעתיק את התנ״ך לשפת אשכנז ולהדפיסו באמסטרדם וכן על האיסור שלא לפסוק כהש״ך נגד הט״ז והוא תומך בהתלהבות בספר „מגיני־זהב" המגן על הט״ז ומישב את ההשגות שבספר „נקודות־הכסף" של הש״ך נגד הט״ז — רבו ושאר בשרו.

15. הגאון ר׳ ישראל ב״ר מרדכי יאליס מקראקא, הנודע בשם ר׳ ישראל סווינוחער, — אב״ד בלוצק אחרי הג״ר ישראל ב״ר שמואל מטרנופול. לפני עלותו על כיסא הרבנות בלוצק היה אב״ד בלודמיר. אביו היה פרנס של ארבע ארצות וגיסו היה „פרנס הדור" — ר׳ ישכר בעריש בנו של הגאון ר׳ העשיל מקראקא. בתו היתה אשת הגאון ר׳ שמחה כ״ץ רפופורט — זקנו של הגאון ר׳ חיים הכהן רפופורט אב״ד דק״ק זיטל, סלוצק ולבוב, מראשי הרבנים שהשתתפו בויכוח הידוע עם הפראנ־קיסטים.

16. הגאון ר׳ יואל היילפרין, שנקרא בזמנו „ר׳ יואל הגדול" — שימש אב״ד בלוצק בשנות תמ״ט—נ״א (91—1689). היה בנו של הגאון ר׳ יצחק אייזיק, אבד״ק טיקטין וחתנו של ר׳ הקדוש ר׳ מרדכי סגל שנהרג עקה״ש בלבוב, בנו של הט״ז. קודם היה רב בברודי ואח״כ בלוצק, מלוצק עבר לכהן כרב בפינסק ומשם לאוסטראה, במקום מחותנו הגאון ר׳ נפתלי כ״ץ שעבר לפוזנא. בשנה האחרונה לחייו (בשנת תע״ד — 1714) נבחר לאב״ד בלבוב אולם בדרכו למקום־כהונתו החדש נפטר. יש ממנו הסכמות על עשרות ספרים שהופיעו בתקופתו וכן היה פעיל באסיפות השונות של ועד ארבע ארצות, ועד מדינת ליטא וראש באסיפות הרבנים של גליל ווהלין.

17. הגאון ר׳ מרדכי קלויזנער, אב״ד בלוצק בשנת תנ״ח—תפ״א (1721—1698). אביו היה הגאון ר׳ צבי הירש, רבה של לובלין ולבוב, בנו של הגאון ר׳ זכרי׳ מנדיל המכונה „זכרי׳ הנביא". הוא חתום על פס״ד שניתן בנוגע לסכסוכים שבין קהילות טיקטין וסמייטיץ ביחד עם רבה הקידם של לוצק, ר׳ יואל הלפרין (בשנת ת״ס), וכן יש ממנו הסכמות על הספרים „לקח טוב" ו„ברית שלום". הוא חתם גם על האיסור של יבוא ספרים מחוץ למדינה, כדי להגן על הספרים הנדפסים בדפוס החדש בזולקווא שהוקם ע״י ר׳ פייבוש סגל. בתו מלכה היתה נשואה להגאון ר׳ צבי הירש הורוויץ אבד״ק טשורטקוב, אביו של הגאון המפורסם ר׳ פנחס הלוי הורוויץ, בעל ה„הפלאה".

18. הגאון ר׳ צבי הירש ב״ר אשר, רב מפורסם בדורו. כיהן כרב ואב״ד בלוצק החל משנת תפ״ב (1722).

19. הגאון ר׳ אברהם הלוי מקראקא, ראש ישיבה בלוצק — נפטר בשנת תקי״א (1751).

20. הגאון ר׳ יעקב בהג״מ ר׳ ארי׳ לייב. אב״ד בלוצק החל משנת תקי״ד (1754). אביו היה מגדולי הרבנים בדורו, אב״ד דהורדנא, וחותנו היה הגאון ר׳ יהושע, אב״ד בשידלוב, ממשפחת בעל „מגיני שלמה". הגאון ר׳ יעקב היה מקודם רב בלענצני ומלוצק עבר לכהן כראש בית דין בלובלין. בימי שבתו בלוצק פרצה המחלוקת הידועה בין הגאונים ר׳ יונתן אייבשיץ ור׳ יעקב עמדין והוא היה בין תומכיו הנלהבים של הג״ר יונתן אייבשיץ וחתום על החרם שהוכרז על מתנגדי הגר״י אייבשיץ באסיפת ועד ארבע הארצות ביריד יארוסלאב בשנת תקי״ד. בשנת תקט״ו חתם על החרם נגד הש״ס שנדפס בזולצבאך תוך 25 שנה להדפסת ש״ס אמסטרדם — ביחד עם הגאונים ר׳ חיים הכהן רפופורט (שהיה מחותנו) ור׳ משולם זלמן גינזבורג, הרב הכולל של מדינת רוסיה. נדפס ממנו ספר „כוכבי יעקב" המחזיק רק כ״ד דפים (נדפס בזולקווא בשנת תקל״ד — 1774) מחוסר אמצעים כספיים. על הספר יש הסכמות מחמשים רבנים המרבים בשבחו של הספר, וגם הסכמות אלו לא נדפסו בספר הקטן, מחמת חוסר מקום, והובאו בו רק חתימותיהם של המסכימים. הי׳ לו שני בנים: הרב הצדיק המפורסם ר׳ יוסף, אבד״ק ביאלא, אבי אמו של הגאון המפורסם ר׳ שלמה קלוגר מברודי; והרב ר׳ משה, אבד״ק שאמבערהאבן.

21. הגאון ר׳ יעקב אהרן היילפרין, נכד הגאון ר׳ יואל הגדול, שהיה אב״ד בלוצק בשנות תמ״ט—תנ״א. אביו הרב ר׳ מרדכי היה עשיר מפורסם באוסטראה וראש החברה קדישא בעירו ולפי דעת בעל „מזכרת לגדולי אוסטראה", היה הרב ר׳ מרדכי גם הוא רב בלוצק, לפני שעבר לאוסטראה, מקום שם פשט את איצטלת הרבנות ונעשה סוחר. הגאון ר׳ יעקב אהרן היילפרין היה קודם רב בסטעפאן, ובהיותו שם נגנבו אצל דוכס העיר כלי זהב ותכשיטים יקרים. החשד נפל על ב׳ יהודים שנאסרו ועונו קשות עד ש„הודו" שהם גנבו את התכשיטים וכלי הזהב וכי מסרו אותם לבן הרב (הרב ר׳ יוסף יואל היילפערין, מגיד מישרים בסטעפאן) שמכר אותם בחוץ לארץ. הרב ובנו נאסרו ונכבלו באזיקים ובית המשפט הוציא פס״ד מוות על בן הרב, אם במשך מעת לעת לא יחזיר את הגניבה או לא ימיר את דתו. והנה קרה נס ובאותו לילה נתפסו הגנבים עם הגניבה בשלמותה והיא הוחזרה לדוכס והרב ובנו שוחררו. לזכר המאורע כתב הגאון ר׳ יעקב אהרן מגילה שבה מסופר בחרוזים כל מעשה הנס והוא מצווה על כל יוצאי חלציו „עד סוף כל הדורות" להתענות ביום כ״ב מנ״א ולאמר סליחות ובערב לעשות סעודת מצווה ומשתה לעניים ולספר לדור יבוא את פרשת ההצלה והנס. בלוצק שימש כרב ואב״ד עד שנת תקי״ט (1759).

22. הגאון ר׳ אברהם הורוויץ, אבד״ק לוצק והגליל בשנות תק״כ—תקכ״ו (66—1760). הוא היה חתנו של הגאון ר׳ אשר, רבה של אליק, שהיה אחד מגדולי הדור, וחתנו של הגאון בעמח״ס „קודש־הקדשים", ר׳ מאיר הורוויץ מטיקטין. בנו היה הרב ר׳ אביגדור, אבד״ק קאמינקא, ונכדו — הרב ר׳ יצחק שמשון ששימש אב״ד בטשערנאוויץ וזאלקווא והוציא לאור את הספר המפורסם „חמדה גנוזה".

23. הגאון ר׳ אברהם הלוי, ששימש אב״ד בלוצק עד שנת תקל״ז (1777).

24. הרב ר׳ אברהם ב״ר מאניס, רב בלוצק בשנת תקמ״ב (1782). אביו הי׳ מעשירי דובנא וחשוביה והשאיר בצוואתו סכומים גדולים לצדקה ולעניי ארץ־ישראל.

25. הרב הצדיק ר׳ גרשון לויצקער, מגדולי תלמידיו של ה„מגיד״ ממזריץ (תלמידו של הבעל שם טוב). נפטר בשנת תקמ״ח (1788).

26. הגאון ר׳ אברהם אריה אשכנזי, אב״ד בלוצק בשנות תקמ״ד—תקמ״ט (9—1784), מחותנו של הגאון ר׳ בנימין ברודא מהורדנא וזקנו של הגאון ר׳ דובעריש אשכנזי, בעל „נודע בשערים״ (ששימש אב״ד בלוצק אחרי 40 שנה).

27. הרב הצדיק ר׳ שלמה ב״ר אברהם לויצקער (המגיד מסוקאל), גדול תלמידי המגיד ממזריץ ומפיץ תורתו, תורת החסידות. הוציא לאור את הספר „מגיד דבריו ליעקב״. בהקדמה לספר הוא כותב כי המגיד ממזריץ ביקש ממנו לרשום את חידושיו בתורה „למען היות למזכרת לעבודת הבורא יתברך״. הוא היה רבו של האדמו״ר הראשון מבעלז. חתם כעד על צוואתו של המגיד ממזריץ בשנת תקל״ג. חיבר ספר „דברת שלמה״ א׳, מספרי היסוד של תורת החסידות. על מצבתו בסוקאל חרותה הכתובת הבאה: „נפטר בעשרה לחודש שבט תקע״ג לפ״ק הרב המגיד הגאון החסיד הצדיק המפורסם תלמיד רבינו דוב בער ז״ל בוצינא דנהורא וקדוש עליון החריף ובקי בנגלה ונסתר כבוד שמו שלמה ב״ר אברהם זצ״ל בעל מחבר ספר ,דברת שלמה׳ ״.

28. הגאון ר׳ יוסף קצנלבויגן, בן הרה״צ המפורסם ר׳ מרדכי מנסכיז, מגדולי החסידות. היה מקודם רב בהרובשוב ואוסטילא ואח״כ אב״ד בלוצק בשנות תקף—תק״ץ (30—1820). מפורסם כבעל מופת גדול. אשתו היתה נכדת הצדיקים המפורס־מים ר׳ פנחס מקוריץ ור׳ יעקב שמשון מאוסטרופולי. השאיר אחריו חמשה בנים גדולים בתורה וחסידות והם: הרה״צ ר׳ פנחס מאוסטילא, הרב ר׳ מרדכי מאוסטילא, הרב ר׳ ברוך מקאסניטין והרב ר׳ לוי יצחק מסטעפין. מחותנו היה הצדיק המפורסם ר׳ אברהם יהושע העשיל מאפטא. נפטר בשנת תק״ץ (1830).

29. הגאון המפורסם בדורו ר׳ דובעריש בהרב ר׳ משה אשכנזי, נכדו של הגאון ר׳ אברהם אריה, רבה של לוצק, הנזכר לעיל. מגדולי היחס — נין ונכד להגאון בעל „חכם צבי״ ולהגאון בעל „שער אפרים״. עוד בהיותו צעיר לימים נתפרסם כאחד מגדולי הרבנים והיה פונים אליו בשאלות ותשובות. בהיותו כבן שלושים, בערך בשנת תקצ״א (1831), נתקבל כאב״ד בלוצק, ובשנת תקצ״ה אנו מוצאים אותו כאב״ד בסלונים ואחרי כמה שנים כאב״ד בלובלין. חיבר ספר שו״ת „נודע בשערים״ (מהדורא קמא ומהדורא בתרא) ובו מו״מ בהלכה עם כל גדולי הדור המכנים אותו בפניותיהם אליו בשם „מופת דורנו, נזר ראשנו, א׳ מעמודי התוך אשר כל בית ישראל נשען עליו״. (אגב: בספר זה יש תשובה מקיפה על ה„עירוב״ בלוצק, המסתמך על נהר סטיר, הסובב את העיר, כמחיצה לענין שבת). היה מחותנו של הגאון רבי שלמה איגר וקרוב להרב מליסא בעל „נתיבות המשפט״. נפטר בשנת תרי״ג — והוא בן חמשים בלבד — ולא הניח אחריו בנים ובנות. את ספריו הוציא לאור אחיו הרב ר׳ אברהם אריה, ועשירי לוצק עזרו על ידו כ„פרענומרנטים״, ששילמו דמי חתימה מראש.

30. הרב המאור הגדול ר׳ אליעזר מטורצין, ראש בד״צ בלוצק בשנת תר״ח (1848). יש ממנו שאלה בספר „נודע בשערים״.

31. הרב ר׳ יצחק לנדא „הרב דק״ק לוצקא״, שהי׳ רב ומו״צ בירושלים בשנת תר״י (1850). נדפסה ממנו הסכמה על ספר „ברכה משולשת״ שיצא לאור בלבוב.

מ. ש. גשורי

צו דער געשיכטע פון די לויצקער רבנים און רביים

אין דעם היסטאָרישן לויצק האָבן אין משך פון דורות געוווינט באַרימטע גאונים, מגידים, דיינים מופלגים, פרנסים און מנהיגים, וועלכע האָבן געמאַכט דעם נאָמען פון זייער שטאָט אין דער ליטעראַטור פון שו״ת און דרוש. זיי זענען אויך געזעסן אין צענטראַלע אינסטיטוציעס פון דעם יידנטום אין דער מדינה.

ס׳איז כדאי דאָ אָנצוגעבן מקורים, פון וועלכע עס ווערט קלאָר, אַז לויצק איז געווען אַ שטאָט פון תורה און ס׳זענען געווען אין איר גרויסע ישיבות, פולע מיט תלמידי־חכמים.

1. **דער גאון רב יעקב שור**

צווישן די באַוווּסטע לויצקער רבנים איז געווען דער גאון רב יעקב, זון פון באַוווּסטן גאון רב אפרים זלמן שור, איידעם פון רב ישעיהו, דער זון פון דעם נגיד רב משה לייזער, וועלכער האָט אין זיין צוואה איבערגעלאָזט אַ סך געלט אונטער דער השגחה פון דעם וועד פון מדינת־ליטע. דאָס געלט איז באַשטימט געווען צו העלפן די קהילות און דער עיקר צו בויען שולן.

רב יעקב איז געווען אב״ד אין לויצק און לענטשנע און

האָט מחבר געווען אַ ספר „כוכבי יעקב". רב יעקב האָט געגעבן זיין הסכמה אויפן ספר „זרע ברך שלישי", „פנים מאירות" חלק א', „פועל צדק" אויפן ש"ך פונעם גאון רב יהודה לייב אב"ד פון ראקאָוו, סטאַשאָוו, שידלאָוו, קראָקע און דעם גליל (לקורות היהודים בלובלין עמ' 20).

בכלל האָט מען וועגן רב יעקב שור געשריבן מער ווי וועגן אַנדערע, אפשר צוליב זיין גרויסן ייחוס. רב יעקבס פאָטער איז געווען דער זון פונעם גאון רב נפתלי הירש, וועלכער האָט געשטאַמט פון מאָראַוויע, אַן אייניקל פון דעם גאון רב יוסף בכור שור. רב אפרים האָט מחבר געווען דאָס ספר „תבואות שור" אויף די ד' טורים מיט אַ הוספה פון אַ סך דינים, וואָס האָבן זיך נישט געפונען אין דעם בית־יוסף (געדרוקט אין לובלין שנת שע"ד), און איז געווען דער איידעם פון דעם באַרימטן שר רב שמואל וואַל (וועלכער איז געווען מלך אין פוילן איין נאַכט). דער גאון רב יעקב שור, ווען ער איז נאָך יונג געווען, איז די מאַמע זיינע, העניע, די טאָכטער פונעם שר שאול וואַל, איינמאָל געגאַנגען מיט אים צום באַוווּסטן גאון רב העשל, ער זאָל אים געבן סמיכה. אָבער דער גאון האָט אָפּגעזאָגט זיין בקשה. אומגעקערט זיך פון דאָרט האָט ער אויפן וועג געפרעגט דער מאַמען, פאַרוואָס דער גאון האָט נישט געוואָלט געבן אים סמיכה. האָט זי אים דערציילט די סיבה, ווייל אין אָנהייב איז דער גאון רב העשל באַשטימט געווען צו זיין איר מאַן, אָבער איר טאַטע האָט חרטה געהאַט, און כדי ער זאָל נישט זיין פאַרשעמט, האָט ער אים חתונה געמאַכט מיט דער טאָכטער פון דעם קצין רבי משה רב לייזערס פון בריסק־דליטא, און זי איז אים יונגערהייט געשטאָרבן, — דערפאַר איז ער אין כעס אויף איר.

רב יעקב שורס גאַנצע גרויסקייט אין תורה האָט געשטאַמט פון זיין מאַמע העניע, ווייל זי האָט זיך באַמיט צו וועקן אין אים ליבשאַפט צום לערנען. איינמאָל האָט זי אים בפירוש געזאָגט מוסר: צי וועסטו אויך מחבר זיין אַ ספר ווי דיין טאַטע, דעם „תבואות שור"? ביי יעדן געלעגנהייט האָט זי געוועקט אין אים די תשוקה צו לערנען תורה און מיט אַלע אירע גייסטיקע כוחות און גרויסער חכמה באַגייסטערט איר זון צו לערנען, ביז ער איז געוואָרן אַ גדול בישראל. פאַר דער צייט וואָס ער איז געווען אב"ד און ר"מ אין לויצק איז ער געשטאַנען אין בריוולעכער פאַרבינדונג און אין שו"ת מיטן גאון דעם „חלקת מחוקק" (סימן יז סוף ס"ק ע"ח). ס'זענען אויך געדרוקט געוואָרן פון אים צוויי שו"ת בשו"ת גאוני ישראל סימן מ"ה מ"ו.

רב יעקב שורס שוועסטער האָט חתונה געהאַט פאַר דעם גאון רב יהודה לייב קאַצענעלנבויגן, זון פונעם גאון רב מאיר, וועלכער איז געווען איידעם פון דעם גאון און הייליקן רב פנחס הלוי איש הורוויץ פון קראָקע (לקורות היהודים בלובלין).

אין די שו"ת „גאוני בתראי" (סימן מ"ה) איז פאַראַן די קומענדיקע שאלה: „איינע אַ קהילה, וואָס דער שר האָט געמאַכט אויף איר אַ בלבול, און צווישן זיי איז געווען איינער וואָס דווקא אים האָט דער שר געזוכט און מען האָט אים געמ'זט אַרויסשיקן, און איצטער וויל ער זיך צוריק דאָרט באַזעצן, און קהל דערלויבט נישט, ווייל ווען ער וועט אים דערזען, וועט ער ווידער באַנייען דעם בלבול, און ס'וועט זיין אַ גרויסע סכנה (פאַר דער גאַנצער שטאָט) און אז"וו". און אויף דער תשובה איז געחתמעט יעקב בן לא"א אפרים שור פה ק"ק לויצק, די דאַטע איז נישט אָנגעגעבן, אָבער ס'איז באַוווּסט, אַז ער האָט געלעבט פון אָנהייב ביז אינמיטן זיבעצנטן יאָרהונדערט לויט דער וועלטלעכער ציילונג.

רב יעקב שור איז אונטערגעשריבן אונטער די תקנות פון דעם וועד פון מדינת־ליטע אין די יאָרן תי"ב און תס"ו. דערנאָך האָט ער פאַרנומען די כסא־הרבנות אין בריסק, און אין דער רשימה פון די נעמען פון די בריסקער רבנים איז פאַרשריבן דער נאָמען פון דעם גאון יעקב שור אין יאָר ה'ת"ב.

2. רב יואל היילפערין, אב"ד און ר"מ אין לויצק

רב יואל היילפערין, אב"ד אין אָסטרע און גליל, איז פריער געווען אָב"ד און ר"מ אין לויצק, ווי מען קאָן עס זען פון זיין הסכמה אויפן ספר „בית הלל", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דירנפאָרט אין יאָר תנ"א צווישן די הסכמות פון די גאונים דד"א פון מדינת פוילן און האָט זיך אונטערגעשריבן „היום יום ג' תשרי תנ"א לפ"ק יערוסלב נאום הצעיר יואל היילפרין חונה בק"ה לויצק". אויך איז זיין הסכמה אויפן ספר „צפנת פענח חדש" פון רב יוסף פון פרעמישל האָט ער זיך אונטערגעשריבן „חוב"ק לויצק ולע"ע באוסטראה" (ד"ק ד' 60. און זיין דאָזיקע הסכמה האָט ער געגעבן אין יאָר תמ"ט).

3. רבנים פונעם הויז היילפערין, וועלכע האָבן באַזעצט דאָס לויצקער כסא־הרבנות

רב מרדכי היילפערין, געקרוינט מיטן טיטול „הרב הגדול המופלג הגביר". דער מחבר פון מל"א, מיינט, אַז ווייל עס שטייט אויף זיין מצבה „הרב הגדול מ"ו", איז ער פריער געווען אָב"ד אין דער שטאָט לויצק אָנשטאָט זיין טאַטן דעם גאון, און דערפאַר איז אויך זיין זון רב יעקב אהרון געווען אָב"ד בק"ק לויצק אויף זיין אָרט, ווי ס'איז געשריבן אויף דער מצבה פון זיין זון דעם גאון יוסף יואל היילפערין אָבד"ק סטעפען, און שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פונעם רבנות, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער גביר.

זיין זון דער גאון רב יעקב אהרון, וועלכער איז געווען אָב"ד אין סטעפען און לויצק, ווי איך האָב געפונען אין פ"ש אינעם חשבון פון דער פרנסה פון רב מרדכי היילפערין שטייט „צוויי מאָס האָניק אויפן ברית פון מיין זון דעם רב פון ק"ק סטעפען".

הרב הגאון רב יוסף יואל היילפערין, אָב"ד דק"ק סטעפען, דער זון פון דעם גאון רב יעקב אהרון אָב"ד פון סטעפען און שפּעטער אָבד"ק לויצק דער זון פון הרב הגדול מרדכי היילפערין.

רב ישראל דער בעש"ט איז איינגעשטאַנען ביים רב רב יואל היילפערין אין סטעפען, דערנאָך איז רב יואל געפאָרן מיטן בעש"ט אים צו באַגלייטן, און אין וועג האָט רב יואל געזען, אַז דער בעש"ט פאַרשטייט דאָס לשון פון די עופות, ווי ס'האָט געשריבן הג"מ אהרון שמואל אין ספר „קורא מראש" (מזכרת לגדולי אוסטראָה).

4. רב צבי הירש פון לויצק

דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, אָפּשרייבנדיק פון דעם פּינקס פון ד׳ ארצות אין דער צייטשריפט „וואָסכאָד״ (אָקטאָבער 1894) רעכנט אויס רב צבי הירש פון לויצק, רב וואָלף פון לודמיר, רב שמעלקע פון אָסטרע און רב יצחק פון קרעמעניץ — דאָס זענען די פיר ראשי־גליל פון וואָלין.

5. א פאָרשטייער פון לויצק — איינער פון די פיר ראשי־קהילות פון גליל וואָלין

דער גאון רב יו״ט ליפּמאַן־העלער, דער „תוספת־יומטוב״, שרייבט אין זיין ספר „מגילת־איבה״: „און אויפן צונויפקום אין דער ק״ק ווישניצע אין גליל לויצק, ווו ס׳זענען זיך צו־זאַמענגעקומען די פיר ראשי־קהילות פון גליל וואָלין ק״ק לוד־מיר, אָסטרע, קרעמעניץ, לויצק״.

6. דער גאון מהרש״ל פון אָסטרע — דער רבי־הכולל אויך פון לויצק.

דער גאון מהרש״ל, וועלכער איז געווען אָב״ד אין אָסטרע, איז געווען דער רב־הכולל פון גאַנץ מדינת וואָלין לויט דער רעגירונגס־מאַכט, וואָס האָט אים געגעבן דער פינאַנס־מיניסטער (ספר „עיר תהילה״ פון פיינשטיין). און דאָרט ווערט אויך געזאָגט: „און אַזוי איז געמאַכט געוואָרן די צעטיילונג: די קרעמעניצער יידן זאָלן געבן הונדערט פערציק שאָק גראָשן, אָסטרע זעקס הונדערט שאָק, לויצק פינף הונדערט, לודמיר פינף הונדערט שאָק״. פון דאַנען זעען מיר, אַז די אָסטרער קהילה איז געווען די גרעסטע פון די פיר קהילות, און לויצק האָט זיך גערעכנט פון די גרויסע.

7. דער גאון רב משה אבד״ק לויצק

הרב הגאון רב משה איז געווען אָב״ד פון לויצק און האָט דאָרט געגעבן זיין הסכמה אויפן ספר „עמודיה שבעה״ (פּראַג, תל״ד), דערנאָך האָט ער מרביץ־תורה געווען אין אַ סך אַנדערע שטעט. ער איז געווען דער שוואָגער פון דעם ג״מ יונה תאומים דער מחבר פון „קקיון דיונה״, דער איידעם פון דעם ג״מ מאיר ברב שאול וואַל (ווי דאָס ווערט אויפגעקלערט אין ספר „גדולת שאול״). ר׳ משה איז געווען דער זון פון דעם ג״מ רב פּסח כ״ץ, אַן אייניקל פון דעם „שארית יוסף״.

מ. ש. גשורי

שולן און בתי מדרשים אין לויצק

די שולן און בתי־מדרשים האָבן פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין דעם לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לויצק, ווי אין יעדן אַנדערן אָרט, און דערפילט אַ סך אויפגאַבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. די ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע צווישן זיי איז, פאַרשטענדלעך, געווען — דאָס דאַווענען. אַהער פלעגן זיך דאָך פאַרזאַמלען די יידן דאַווענען דריי מאָל אין טאָג, שוין אָפּגערעדט פון שבת און יומטוב. צווייטנס, פלעגן זיי דינען פאַר פייערונגען. דאָ פלעגט מען אויך פירן שמועסן מכוח פּאָליטיק. דאָ איז געווען דער צענטער פון די שטאָט־נייעסן. מען האָט אויך געקאָנט אונטערשיידן די שטאַנדן לויט די שולן און בתי־מדרשים, אין וועלכע די מענטשן האָבן גע־דאַוונט. מענטשן, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען צו האָבן אַן אייגענע שול, האָבן צום וויניקסטן געהאַט אַן אייגענעם „מנין״.

ס׳איז פאַראַן אַ חילוקי־דעות בנוגע דער צאָל בתי־מדרשים אין לויצק. לויט הרב סאָראָטשקין זענען אין שטאָט געווען 45—50 געבעטהייזער, כאָטש ער ווייסט נישט אָנצוגעבן קיין אויספירלעכע רשימה. אָבער לויט מאַקס שטערנפעלד פון מאָנטרעאַל זענען נישט געווען מער פון 34. לאָמיר זיי אויס־רעכענען איינעם נאָך איינעם, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך:

1) די אַלטע היסטאָרישע שול אין „אַלט־לויצק״ האָט פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ פון פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן. זי איז דאָך געווען פאַררעכנט פאַר איינע פון די שענסטע שולן אין גאַנץ פוילן. דאָס איז געווען אַ הויכער און שטאַלטנער בנין אין געשטאַלט פון אַ פעסטונג, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פּרעכטיקן סקולפּטור־געבוי. איר עולם דאַוונער איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער און נישט באַשטענדיקער. ס׳זענען אָבער געווען אין איר באַשטענדיקע חזנים. ס׳איז דאָ זיכער געווען אַ לאַנגע שורה חזנים גרויסע מנגנים, וואָס זייערע נעמען זענען אָבער פאַרגעסן געוואָרן צוליב דעם וואָס די פּנקסים זענען פאַרלוירן געגאַנגען. די גרויסע שול האָט אויך געדינט פאַר אַ פּלאַץ ווו ס׳פלעגן פאָרקומען פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, פאָלקס־פייערלעכקייטן און אויפגענומען ווערן חשובע געסט.

אין דער גרויסער שול איז געווען אַ וועד פון צען מנהיגים־גבאים, און אין זייער שפּיץ איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אַלס פאָרזיצער דער קרוין־רב משה גליקליך, און שפּעטער זיין ברודער אברהם גליקליך. דער סעקרעטאַר — מ. שטערנפעלד. גבאים — רב יצחק קרוין, משה דיק, א. קרישטאַלקע.

אין דער אַלטער שטאָט אַליין, וועלכע האָט זיך געפונען אויפן שטח פונעם „אינדזל״, וואָס איז אַרומגערינגלט דורך טייך סטיר, האָבן זיך געפונען צען בתי־מדרשים, און אין זיי אַלע האָט מען געדאַוונט לויטן ריינעם נוסח־אשכנז, אויסער אין די חסי־דישע קלויזן, אין וועלכע מ׳האָט געדאַוונט לויטן נוסח־ספרד. נעבן דער גרויסער שול האָט זיך געפונען די קלויז פון די טריס־קער חסידים, ווו ס׳איז געווען אַן עמוד, מיט וועלכן די חסידים פלעגן זיך גריסן, אַז ער האָט געהערט צו רב שלמה לויצקער.

און אָט איז דער המשך פון דער רשימה:

2) אין דער גרויסער שול האָט זיך געפונען אויך די קצבי־

שע שול, אין וועלכער ס׳האָבן געדאַוונט די קצבים און די שוחטים, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי זיי. אום שבת פלעגן זיי קומען שיין געקליידט. אָפטער פלעגט דאָ אויסברעכן אַ מחלוקת צוליב „חזקה״ אויף שוחט, וואָלן צו דער קהילה אא״וו, אָבער דאָס פלעגט זיין אַ מחלוקת לשם־שמים, און די ש־ל האָט זיי אַלע פאַראייניקט.

3) נעבן דער בריק האָט זיך געפונען די שניידער־שול, וווּ ס׳פלעגן דאַוונען שבת און יומטוב די שניידערס און די קליינע קירזשנער, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די פויערים פון דער סביבה. די גאַנצע וואָך פלעגן זיי קלאַפּן איף זייערע ניימאַשינען אין זייערע קליינע וואַרשטאַטן און וואַנדערן איבער די דערפער און שטעטלעך צו פאַרקויפן זייער סחורה. אום שבת, נאָך זייערע וואָגלענישן איבער די מרחקים אין רעגנס און שנייען, פלעגן זיי זיך צונויפקומען אַהער, אין זייער קליין־בית־המקדש, זיך אויסדערציילן איינער דעם אַנדערן זייערע פּאַסירונגען און נסיונות, און נאָכן דאַוונען גיין איינער צום אַנדערן מאַכן אַ קידוש.

4) נישט ווייט פון דער אַלטער ש־ל איז געשטאַנען דער גרויסער בית־מדרש, אין וועלכן ס׳פלעגן זיך צונויפקומען הונדערטער מתפללים אום שבת און יום־ט־ב און אויך אין דער וואָכן. דער בנין איז געווען אַ גרויסער מיט גרויסע פענצטער. דאָ איז שטענדיק געווען אַ גרויסער טומל. מענטשן גייען אַריין און אַרויס. אַ סך מנינים האָבן דאָ געדאַוונט איינער נאָכן אַנדערן. אויב דו האָסט פאַרשפּעטיקט איין מנין, האָסטו גלייך אַ צווייטן און אַ דריטן. דאָ זענען געהאַלטן געוואָרן ציוניסטישע רעפעראַטן. מגידים האָבן דאָ געהאַלטן זייערע דרשות. דער עולם דאָ איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער: בעל־מלאכ־ת און קליינע סוחרים, הענדלער, מענטשן אָן באַשטימטע פאַכן און גלאַט כ־ארבייפאַרער.

דער בית־מדרש איז געווען אַ בית־וועד פאַר תלמידי־חכמים, אַ בית־תפילה פאַר יעדן וואָס פאַרנעמט זיך מיט לערנען תורה, אַ רו־הויז פאַר יעדן פון לעבן פאַרמאַטערטן, אַן אַנטרינונגס־הויז פון יעדער צרה און טרויער, אַ שוץ־הויז פאַר אַלטע אָרעמע תלמידי־חכמים, אַן אכסניה פאַר א־רחים בני־תורה, און אַ ביבליאָטעק פאַר ספרים אַלטע און נייע. אין די דאָזיקע ספרים זענען געווען אַ צוציונגס־פונקט פאַר אַ סך.

5) די שטאָט האָט אויך זוכה געווען צו האָבן אַ סטאָליערשול, אויף קאַשציעלנע־גאַס, ווו ס׳פלעגן דאַוונען די האָלץ־אַרבעטער. דאָס רוב מתפללים פלעגן לעבן אין ליבשאַפט און ברידערלעכקייט.

6) נישט ווייט פון דער קאַראַימער־גאַס אין דער דייטשישער קירך האָט זיך געפונען די שול פונעם הפּיִדישן רבין ר׳ שלמה לויצקער דער גרויסער, וועלכער איז געווען פאַרהייליקט פון די חסידים. באַזונדערס פלעגט זי צוציען די חסידים אורחים, וואָס האָבן געוואָלט וויסן וועגן דער פערזענלעכקייט פונעם צדיק און די פרטים פון זיין לעבן אין לויצק.

7) די פעסטונג־שול.

8) דער עשירי־בית־מדרש.

9) און נעבן אים דער בית־מדרש „שומרים לבוקר״ (די בוקר־שול).

10) כ׳האָב שוין דערמאָנט די קלויז פון די טריסקער חסידים, וואָס האָט זיך געפונען נעבן דער גרויסער שול און איז געווען די סאַמע עלטסטע פון אַלע קלויזן פון דער דאָזיקער דינאַסטיע. מען זאָגט, אַז נאָך פאַר דעם מייסד פון דער דאָזיקער דינאַסטיע, רב אברהם דער טריסקער מגיד, איז שוין דאָרט געווען אַ חסידישע קלויז און מיט דער צייט איז זי איבערגעגאַנגען אין רשות פון די טריסקער. מען האָט זי גערופן „דער טריסקער בית־מדרש״. אין דעם בית־מדרש איז געווען אַ תקנה, לויט וועלכער מען פלעגט יעדעס יאָר אויסוויילן אַנדערע צען גבאים, אַזוי אַז אין משך פון עטלעכע יאָר האָט זיך נישט געפונען צווישן די מתפללים קיין איינער וואָס זאָל נישט האָבן זוכה געווען צו זיין א גבאי. דאָס איז געווען „אַ דעמאָקראַטישער שטייגער״.

11) אין צענטער שטאָט איז געשטאַנען דער גרויסער אַלטער בית־מדרש אויף דער פאָרשטאָט. אייך דאָ איז פול געווען מיט מתפללים פון ברעג צו ברעג. דאָ איז אויך געווען דער צענטער פון נייס אין שטאָט. אָנגעטאָן אין די טליתים פלעגט מען שטיין אין פאָליש און שמועסן וועגן וואָכעדיקע שטאָטישע ענינים. דער חזן דאָ איז געווען יעקב ספעקטאָר. אַ לאַנגע צייט איז דאָ געווען דער גבאי רב שלום קאַשקעט, אַ זייגערמאַכער פון פאַך, אַ בר־אוריין, אַ קלוגער און פאַרנינפטיקער. ער איז אויך געווען אַ בורר אין שטאָט, אַ מאַן מיט אַ שאַרפן מוח. און כאָטש ער איז געווען אַ מטופל מיט אַ גרויסער משפחה פון צען קינדער און האָט געהאַט זיינע אייגענע דאגות־משפחה, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט צרכי־ציבור און איז תמיד געווען גרייט צו טאָן אַ צווייטן אַ טובה.

12) אויף דער פאָרשטאָט דאָלינע איז געשטאַנען דער דאָלינער בית־מדרש. דער בית־מדרש איז תמיד פול געווען מיט באַזוכער. די בענק זענען באַזעצט געווען מיט פאַרשידענע חברות: חברה־משניות, חברה־גמרא און אגדה, חברה־תנ״ך און מוסר־ספרים, און אויף די טישן פאַר זיי זענען געלעגן אָפענע ספרים, און אַלע האָבן געלערנט מיט אַ ניגון. ס׳זענען געווען זקנים, וועלכע פלעגן דאָ זיצן און לערנען כסדר די גאַנצע וואָך, וואָך זיין אַלע נעכט און ערשט פרייטיק גיין אַהיים. אויך בעלי־בתים, וואָס ס׳האָט זיי גאָרנישט נישט געפעלט אין זייערע היימען, פלעגן זיצן שפּעט אין בית־מדרש, און ווען ס׳איז נייטיק געווען, פלעגן זיי נעמען אָרעמע בחורים זאָלן מיט זיי לערנען. באַזונדערס פלעגט דער כבוד־התורה אָנפילן דאָס הויז אום ווינטערצייט, אין די לאַנגע שבת־נעכט, און אַלע פלעגן זיצן און לערנען מיט אַ ניגון לאַנגע שעהן.

13) דאָס בית־החיים־שולעכל אויף קראַסנע־גאַס.

14) קאָוואַלסקיס שול.

15) רב אייזיקס בית־מדרש.

16) די תלמוד־תורה־שול.

17) אויף דער ווילקער פאָרשטאָט איז געשטאַנען דער גרויסער בית־מדרש, ווו אַ לאַנגע צייט איז געווען גבאי ר׳ ישעיה לייב באַר, אַ מענטש מיט אַן איידעלער נשמה, דער איידעם פון ר׳ זעליק שוחט ז״ל. ער איז געווען אַ בעל־צדקה אין אַ סוחר צום באַוונדערן. אויב ס׳פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז אין דער בית־מדרש־קאַסע האָט אויסגעפעלט געלט, פלעגט ער קויפן אַ גרויסן סכום האָלץ אויפן אייגענעם חשבון. דאָס איז געווען אַ בית־מדרש פון לייטישע בעלי־בתים לערנערס, און ס׳פלעגט דאָרט אָפט פאָרקומען אַ „שקלא־וטריא״ ביחידות און אין אַ וויכוח צווישן די לומדים.

18) חיים ברוכס שולעכל, אויף סלאָנעטשנע־גאַס.

19) שמאי סקירטשערס שול, אויף ווילקי.

20) אויף דער פאָרשטאָט קראַסנע איז געשטאַנען דער גרויסער נייער בית־מדרש, אין וועלכן ס'זענען געווען די חברות פון ש"ס, משניות, חומש, תהילים, עין־יעקב אָדער מנורת־המאור, וועלכע פלעגן זיך באַמיען צוצושטעלן די ספרים אין פיינע בונדן, און בעת אַ סיום פון אַ מסכתא וכדומה פלעגן זיי איינאָרדענען מסיבות, אויף וועלכע מען פלעגט זיך ווינטשן צו זען ירושלים אַן אויפגעבויטע אויף איר פלאַץ.

21) אויף דער־אָ פאָרשטאָט האָט זיך אויך געפונען דער אַלטער בית־מדרש, וואָס פון זיין כבוד איז נישט געמינערט געוואָרן צוליבן נייעם. אַ לעבן פון תורה און תפילה האָט זיך דאָ געצויגן טאָגטעגלעך. דער נאָמען „אַלטער" האָט אים נאָך צוגעגעבן כבוד, ווי אַ פלאַץ פאַר דער תורה, וואָס זיינע ווענט האָבן איינגעזאַפּט אין די פיל יאָרן פון זיין עקזיסטענץ.

22) די שול פון די חברה־תהילים, ווו מ'האָט צו יעדער צייט געקאָנט הערן זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים מיט השתפכות הלב־והנפש מיט פאַרשידענע ניגונים. זיינע מתפללים זענען געווען פון האַנטווערקער־שטאַנד און פשוטע יידן, וואָס זייער פאַרמעגן אויף דער וועלט באַשטייט בלויז פון זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים מיט דער חברה, אָדער פאַר זיך אַליין.

23) די משרתים־שול.

24) רב אליהו סטאָליערס שולעכל.

25) די געמויערטע שול.

26) די שול פון די קאַראַימער, אויף זאַרעצקי־גאַס. זיי האָבן נישט געהאַט קיין מנין און פלעגן אין די יומטובים און ימים־נוראים מצרף זיין צו אַ מנין זייערע ווייבער און קינדער. די קאַראַימער פון טראָק פלעגן שיקן צו זייערע חברים אין לויצק אַ ספּעציעלן „חזן", כדי זיי זאָלן זיך נישט פונאַנדער־שפּרייטן. די דאָזיקע שול און די תפילות פון די קאַראַימער פלעגן צוציען באַזוכער און זענען געווען אַן ענין פאַר די צייטונגען.

27) אויף דער פאָרשטאָט בידעוו איז געשטאַנען אַ באַזונדערע שול, וועלכע מ'האָט גערופן די נידעווער שול.

און דאָ דאַרף מען באַמערקן, אַז נעבן דעם דאָלינער בית־מדרש, דעם גרויסן בית־מדרש אויף ווילקע און דעם גרויסן און אַלטן בית־מדרש אויף קראַסנע האָבן זיך געפונען עטלעכע מנינים קליינע, וועלכע זענען אויך פול געווען מיט מתפללים.

אַ באַזונדער אָרט האָבן פאַרנומען די קלויזן פון די רביים און די חסידים. אויבן האָב איך שוין דערמאָנט די קלויז פון די טריסקער חסידים וואָס ביי דער גרויסער שול.

28) אויף דער דאָמיניקאַנסקע־גאַס האָט זיך געפונען די שול פון די סטעפּענער חסידים, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ מקדש־מעט אין פאַרגלייך מיטן רבינס הויף און זיין פּאַלאַץ אין סטעפּען.

29) אויף קראַסנער פאָרשטאָט האָט זיך געפונען די שול פון רב נחומציע העשלס.

30) ביים אַריינקום פון דער יאַגעלאָנסקע־גאַס איז געשטאַנען די נייע שול, וואָס איז געבויט געוואָרן אָנשטאָט דער אַלטער שול, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, דורך די חסידים פון סטאָלין־קאַרלין, און דאָרט האָט געדאַוונט דער אדמו"ר רב יוחנציע פערלאָוו, דער זון פון דעם „ינוקא" רב ישראל פון סטאָלין.

31) נישט ווייט פונעם אַלטן בית־עולם, אין דער געגנט פון „נאָווע סטראָיעניע", האָט געוווינט דער אדמו"ר פון קאָרעץ ראַבינאָוויטש, פון די אייניקלעך פון רב פנחס הגדול פון קאָרעץ, וועלכער האָט געפירט רביישאַפט פאַר זיך און געזאַמלט אַרום זיך אַן עולם חסידים. ביי אים איז געווען אַ בית־תפילה, וואָס פלעגט רוישן אין די שבתים און יומטובים פון די חסידים־מתפללים.

32) אין דער גאַס אויפן נאָמען פון דער פוילישער מלכה יאַדוויגע האָט געוווינט דער אדמו"ר פון קאַשיווקע, רב אליעזר סאַפּיאַן (געבוירן אין יאָר 1876), וועלכער איז געווען דער איידעם פונעם קאַשיווקער אדמו"ר און האָט ממלא־מקום געווען רב מרדכין אין לויצק פון זינט דעם יאָר 1916. אויך ער האָט געהאַט זיין בית־תפילה, וואָס האָט גערוישט מיט חסידים און באַזוכער. דעם רבינס זון, יצחק, איז געווען פון די מנהיגים פון די צעירי־מזרחי אין לויצק.

33) אויף קאָשטשעלנע־גאַס האָט זיך געפונען די שול פון די סאָדיגורער חסידים. לויצק איז נישט ווייט געווען פון דער עסטרייך־גאַליצישער גרענעץ, און ס'איז די חסידים נישט שווער געווען צו פאָרן פון מאָל צו מאָל צו זייער רבין קיין סאָדיגור. ס'איז געווען אַ פּערמאַנענטע פאַרבינדונג צווישן די חסידים און דעם הויף פון דעם סאַדיגורער רבין פון דעם הויז פרידמאַן.

34) די טריסקער גרויסע שול אין צענטער שטאָט.

35) אין לויצק האָט געוווינט דער אדמו"ר פון אָליק, רב אלתר דער זון פון ר' שלמה לאַנדע, וועלכער איז געשטאַנען איבער די אָליקער חסידים אין לויצק. אין שטאָט זענען געווען עטלעכע קלויזן פון די אָליקער חסידים.

36) די סטאָלינער חסידים האָבן געהאַט אין שטאָט נאָך אַ קליינע שול.

37) אויף דער ווילקע־גאַס האָט זיך געפונען די שול פון רב יצחק יונגערלייב, דער אדמו"ר פון האָראָכאָוו, אַ שטעטל נעבן לויצק.

38) אין דער גאַס פון די קאַראַימער האָט זיך געפונען אַ קליינע שול פון דעם לויצקער רבין פון דער פאַמיליע קאַצענעלבאָגן, וועלכע איז געבליבן עקזיסטירן אויך נאָך דעם ווי דער רבי איז אַרויסגעפאָרן.

✶

די דאָזיקע רשימה וואָלט מען קאָנען נאָך פאַרלענגערן, אויסרעכענענדיק די קלענערע מנינים, וועלכע זענען ווייניקער באַקאַנט. לויט דעם באַקומט זיך, אַז די השערה פון דעם רב סאָראָטשקין, אַז אין לויצק זענען געווען אַ 45—50 בתי־תפילה איז אַ ריכטיקע.

מ. ש. גשורי

בית הכנסת המבצרי בלוצק

בית־הכנסת המבצרי הגדול שנבנה בלוצק עוד בשנת 1626 על־יד המבצר, שימש לא רק מקום־תפילה, אלא גם עמדת מלחמה ומגן. בימי פורעניות ופרעות נאספה עדת ישראל בבית־התפילה המבוצר והגנה על נפשה בפני אויב ומתנקם. בתי־כנסת מסוג זה היו בכל רחבי מדינת פולין, וכל אחד מהם היה מצבת־זכרון הקשורה במאורעות ומעשים מדורות עברו, וסביבו נרקמו אגדות שסיפרו על חייהם ותלאותיהם של יהודי העיר. כמעט כל בתי הכנסת המבוצרים שבפולין נבנו במחצית השניה של המאה הי״ז, העשירה במצבות־בניה יהודית־דתית, בהתאם להוראות השלטון, שבהן אפשר לקרוא בפירוש: „יש לבצר את בית־הכנסת של היהודים כדי שיוכלו להתגונן במקרה של פלישת הטטרים, או במקרה של שריפה יוכלו להציל את רכושם וחפצי הפולחן שלהם". במאה האמורה קם מכשיר חדש להתגוננות קיבוצית, מכשיר מיוחד במינו בתולדות ישראל, והוא: בית־הכנסת המבוצר.

אשר לבית־הכנסת הגדול (המבצרי) בלוצק יש מקום לשער, שבתחילתו היה אחד מחלקי המבצר שנבנה ע״י הנסיך ויטולד בשנת 1380 לאורך כל העיר. בסוף המאה הט״ו מסר המלך זיגמונט השלישי את בית־החומה לראשוני המתישבים היהודים בלוצק כמקום־תפילה. אחרי כן שינו את הבנין והוסיפו עליו בנין לבנים ועשו בו תיקונים. מבית־הכנסת נמשכת מנהרה מתחת לאדמה לאורך מזרח העיר המתחברת עם הכנסיה הקתו־לית, ארמון לוברט, בית המשפט המחוזי והכנסיה הפרבוסלבית עד בית הוויבודה (שר הגליל). בית־הכנסת הזה נמצא ב„עיר העתיקה" של לוצק, שמקומה באי המוקף מכל צדדיו תעלות מים של הנהר סטיר ומשום כך יכול היה להחזיק מעמד נגד מצור אויבים. לעומת זה הוקם קשר בין האי לבין חוץ־לעיר בעזרת המנהרה שנמשכה מתחת לאדמה ודרכה אפשר היה להביא אספקה ונשק ללא הפרעה. אף המנהרה קיבלה צורה אגדית ושימשה כאתר היסטורי למבקרים בעיר.

מכתובת אחת שהיתה חרותה על מצבה ישנה של האשה בליומה בת ר' פסח, שהלכה לעולמה בשנת שנ״ה (1595), נמצאנו למדים שהיא טרחה הרבה עד שעלה בידה להשיג רשיון מאת השליט לתיקון בית־הכנסת המקומי והרחבתו. עליה היה ללחום בהשפעתם הרבה של הכמרים הקתולים בעיר, שבכל הזדמנות הצרו את רגלי היהודים בעיר, והם שהפריעו אף להרחבת בית־הכנסת היהודי.

לבית־הכנסת הגדול בלוצק — היסטוריה משלו. ידועה השריפה שפרצה בשנת 1869 בפנים הבית ואז היו כל כלי־הקודש למאכולת אש. בית־הכנסת נשאר עומד בחורבנו הרבה שנים, ויד היהודים בעיר קצרה לתקנו ולהשיבו לקדמותו. ורק בשנת 1886 נתעוררו פרנסי הציבור שבעיר לסדר אוסף תרומות ונדבות לשם בדק הבית, לתיקונו ולשכלולו מבפנים וגם מבחוץ.

מה הביא להקמתו של בית־הכנסת המבוצר, ומה הם הגור־מים להופעת סוג זה של בתי כנסת שלא היה כמוהו בתקופות קודמות? יש לדעת, שבתקופת המלחמות של התורכים והטטרים נגד פולין במאה הי״ז סבלה פולין באופן מיוחד בגבולותיה המזרחיים. ולפיכך לא החמיצו שום הזדמנות להקמת ביצורים. בגבולותיה המזרחיים של פולין היו כמה בתי־כנסת שנבנו מלכתחילה לשמש כמבצרים. בניני־אבן של בתי־כנסיות היו צריכים להיבנות כמבצרים מפני האויב התוקף את העיר. ההוראות הללו ניתנו למען חזק את הגנתה של העיר. בהתקרב אויב אל העיר, היה צורך להשמיד את כל הנמצא מחוץ לחומה, ובתי־הכנסת של עץ נשרפו כדי שלא ישמשו כמחסה לאויב. לכן בחרו היהודים לבנות את בתי־הכנסת אבן, ואת הבנינים האלה חיזקו בקירות הגנה ובמעקות חזקים על הגגות. ואופן הבניה הזאת נהפך לאט לאט לחוק שאין לשנות ממנו.

המלך זיגמונט השלישי, אחרי שראה התפתחות מספרית ניכרת בקרב העדה היהודית בלוצק, נתן רשיון לבנות בית־כנסת בלוצק והרשה בחוק מיום 5 לחודש מאי 1626 להקים מלבנים בית־כנסת בתנאי, שעל היהודים לבנותו כמבצר לכל פרטיו, ויעשו למעלה על פני בית־הכנסת הזה מקום מוכשר להעמיד עליו מכל ארבעת העברים כלי־יריה והגנה מפני האויבים, וימציאו להם על חשבונם כלי־תותח, ובשעת ההתנפלות של עובדי הגלולים יעמידו שמה מביניהם אנשים ידועים הדרושים להגנת המקום ההוא, ובזה יהיו שוים כעירונים.

היהודים נזדרזו לגשת אל המלאכה, ועד מהרה הונח הגג על פני אותו הבנין. והנה יצאו הדומיניקנים הלוצקאים במחאה נגד גמר הבנין, באמרם, כי הקימו את בית־הכנסת במקום קרוב יותר מדי אל בית־תפילתם הם, ומלבד זאת בית־הכנסת הוא גבוה יותר מדי, ודבר זה מתנגד להחלטות הסינוד. היהודים הוכרחו להפסיק את בניית בית־הכנסת ולפנות אל המלך. אחרי משא־ומתן ארוך הכיר המלך בצדקת היהודים (יום 5 לאוגוסט 1628): „אחרי שהגיעה אלינו ידיעה ברורה, כי בית־הכנסת הנ״ל אינו מפריע לבית־התפילה של האבות הדומיניקנים במרחק רב שבזה, וכי היא נחוץ להגנת העיר". הרשיון לבנין בית־כנסת מסוג זה היה קשור לפקודה, כי בית־הכנסת — בלי מגדלי ההגנה — אינו צריך להיות גבוה מבית רגיל, והוא צריך להיות למגן במקרה התנפלות האויב. ואמנם הוקם על גג בית־הכנסת הלוצקאי אתיק עם מקומות פנויים וחורים לירות על־ידם, וגם מגדל־הגנה גבוה, או יותר נכון: מצודה בת ארבע קרנות. בנין בית־הכנסת קיבל איפוא צורה של מבצר לכל דבר. בכל ארבעת הצדדים הוקמו קירות־מגן חזקים עם אשנבים לירות מהם ובקצוות מגדלים מיוחדים להעמדת תותחים גדולים. בזמן התקפת הרוסים והקוזקים שימש מבצר זה פעמים רבות להגנת העיר לוצק.

להגנת בתי־כנסת מבוצרים היו היהודים צריכים להעמיד חיילים על חשבונם. בפקודות המלך זיגמונט אנו קוראים, שעל היהודים להעמיד תותחים לפי גודל קבוע מראש על חשבונם על גג בית־הכנסת ומספר ידוע של מגינים עליהם להחזיק על ידם לשם הגנת המקום. אנו מכירים מסמכים מהשנים 1649/48 שלפיהם לקחו היהודים חלק פעיל מאד בהגנת מקום מגוריהם. הם השתתפו בהגנת הערים טולצ׳ין, נמירוב ופולונה.

ואולם, כאילו נתכוון המלך להשבית שמחתם של היהודים, אשר התענגו למראה בית־כנסתם הנהדר, נזכר פתאום, כי בית־הכנסת־של־עץ הישן שלהם, וכן בית־הכנסת־של־עץ של הקראים, עומדים על אדמת המלך. וכדי להדגיש דבר זה, שאסור לקחת את אדמת המלך, הוא מוסר במתנה את שני בתי־הכנסת, ביחד עם הגנים שמסביבם, למזכיר־החצר שלו יאן בנדרמן. אין אנו יודעים אם אמנם עברו בתי־כנסת אלה לרשותו של בנדרמן, או שהענין נגמר כבמקרים אחרים, בפדיון כסף. על כל פנים, עובדה זו אופינית היא לקורות בית־הכנסת של היהודים ושל הקראים אשר בלוצק.

בית־הכנסת הגדול בלוצק היה בנין מפואר שעליו חלו בשעתו הוראות המלך עצמו, נציגו הגלילי או מושלי הערים, וזאת בעיקר ביחס לסידורים ההגנתיים. בזכות יפיו הארכיטקטוני יצא לבנין מבצרי זה שבלוצק מוניטין בעולם האמנות הרחב. לא רק סופרים, אמנים וחוקרים יהודים כאנ־סקי, מאיר בלבן ואחרים, אלא גם אנשי־שם נוצרים התפעלו מאותו בנין נהדר, שיפיו נתגלה בעיקר בתכליתיות צורותיו, החפשית מכל תוספת בנין בלתי קונסטרוקטיבית. בלטה צורתו המרובעת של הבית. הבניה המרכזית הורגשה כאן לא רק בהבלטת הגוש המרובע המונו־מנטלי של הבנין, בעל הממדים הגדולים לערך, שקירותיו העבים הובטחו על־ידי תמיכות ב„שקארפ״ים, אלא גם — ואולי בעיקר — במבנה עמודי התווך, המשענות האדירות של כיפת הקטרים בפנים הבית וריכוזם. בתי־הכנסת המבצריים הצטיינו באדרי־כליותם החיצונית המעוינת, ובעיקר בחומר המעקה סביב הגג, הלא הוא האתיק הנאה. האתיק שימש בפולין דוגמה קלאסית לא רק לקישוטי חוץ של רוב בתי־הכנסת הבארוקיים העתיקים (הטיפוס המבצרי), אלא גם לקישוטי־חזית של בניני־הפאר הפולניים, החילוניים, מתקופת התחיה הקראקובית ולאחריה.

האתיק, אותו קישוט חיצוני נאה של בית־הכנסת המבצרי, המוטיב שלו חוזר ונשנה גם בפנים הבית. וכאן הוא מופיע על כתלי הבית, על פי רוב מתחת לשורת החלונות. יש לציין גם את המבנה האדיר ורב־הרושם של הבימה שעמדה בין ארבעת עמודי התווך, הוא המבנה שאפשר להגדירו כפאר הפנים. בימה זו ציינה יפה את המעבר מטיפוס בית־הכנסת הרנסנסי בעל „בימה־רהיט״ לביהכנ״ס הבארוקי בעל „בימה־מגדל״. מעבר זה הורגש מהתפתחות ה„ארון״, אשר ממבנה קטן לערך בתקופת הרינסנס הגיע למבנה רחב ידים ובעל קונדיגנציות אחדות, עשיר מוטיבים הלקוחים מעולם הצומח, החי ואף הפיגוראלי.

ההיסטוריון סטצקי, מחבר הספר „קורות לוצק״ (בפולנית), מתאר בשנת 1876 את בית־הכנסת בדברים האלה: „עומד הוא על אי מחוץ למבצר התחתון, ובמראהו הוא דומה למבצר בזעיר־אנפין. אל המצודה בעלת שתי דיוטות, שיש בה משקעות לירייה, נשען לשמאלו מגדל גבוה, שעליו נשען בנין נמוך ממנו בעל דיוטה אחת וגג שבור, והתקרה שבפנים הבנין היא בצורת קשת״. תמונת בית־הכנסת הזה נתפרסמה לראשונה בעתון „קלוסי״ בשנת 1872 (עמ׳ 377).

בבית־הכנסת הלוצקי, וגם בבתי־הכנסת המבצריים של קהילות לבוב, ז׳ולקיב, לאנצוט ורישא, יש לציין את הארקדה העוורת הרנסנסית המקשטת את הכתלים הרחבים. הארקדה נקבעה בשטח שבין חלונות הבית בחלק העליון של הקיר לבין האשנבים הקטנים שבחלקו התחתון (אלה קשרו את אולם־התפילה עם „עזרת הנשים״). הכרכוב העליון של הארקדה עובר את כל כותלי בית־הכנסת וכולל את הכותל המזרחי. הארקדה בעלת המבנה הקלאסי בבית־הכנסת עשויה לפי מיטב הדוגמאות של אומני הרנסנס הלומברדיים.

גם מבחינת ציודו בכלי־קדושה לא היה בית־הכנסת הזה בלוצק שונה מבתי־הכנסת האחרים, ששימש גם כעין בית־נכות לחפצים, לרהיטים ולכלים יקרי־ערך מבחינה היסטורית, סגנונית ואתנוגרפית, כגון: ארונות קודש, בימות, פרוכיות, כסאות־אליהו, פמוטים, נברשות, סידורי־תפילה ושאר תשמישי קדושה. בספרו „חורבן יהודי פולין, גליציה ובוקובינה״ מספר הסופר ש. אנ־סקי בין השאר על מעשה ההצלה של אוצרות בית־הכנסת של קהילת לוצק:

„...הקהילה הלוצקאית מסרה לי ארגז גדול ובו חפצים עתיקים יקרי־ערך של בית־הכנסת הלוצקאי הישן. תעודה מן המאה השמונה־עשרה, שתי מנורות־כסף שעליהן מפותחים ציו־רים שונים, מעשה ידי אומן, מסוף המאה השש־עשרה או מתחילת המאה השבע־עשרה, משפך־כסף של לויים, הדס, „יד״־טס — וכולם עשויים כסף. והמלאכה — מלאכת מחשבת עתיקה. שתי פרוכיות, מפת־שולחן עתיקה רקומה זהב ושווים מעשרים עד שלושים אלף רובל. את כל החפצים האלה הבאתי לפטרבורג. בשנת 1918, כשחפצה הממשלה הסוביטית לקחת לעצמה את המוזיאון היהודי, מסרתי את הארגז יחד עם ארבעה ארגזים אחרים מלאים חפצים יקרים השייכים למוזיאון, לפקדון למוזיאון על שם אלכסנדר השלישי, וקבלתי שובר על זה. כל הארגזים מונחים שם עד היום...״. אנ־סקי עצמו הצטער על עבודתו המרובה שהשקיע באיסוף אוצרות עתיקות על מנת להקים מוזיאון אתנוגרפי לעתיקות ישראל, ולבסוף נאלץ לחפש לו מפלט מעבר לשלטון הבולשביקים ולהשאיר בפטרבורג את חמדת אוצריו ללא תמורה.

ברם אנ־סקי לא לקח אתו את כל מחמדי בית־הכנסת הלוצקי. מר מכס שטרנפלד ממונטריאול שבקנדה, יליד לוצק, מספר במכתבו, שהוא היה בשעתו ממונה בלוצק על רכוש בית־הכנסת הגדול, ובחלקו נפל התפקיד לנהל ספר־אינוונטר. וכשניגש לעבודתו מצא אחרי שמחת־תורה בארון־הקודש 72 ספרי־תורה, כי בשמחת־תורה היו מוציאים את כל ספרי־התורה להקפות. וכן הוא מספר כי מנה וארז בארגז מיוחד 60 פרוכיות, ובהן כאלה שהיו בנות למעלה ממאה שנה, ובהן קישטו בהושענא־רבא את כותלי בית־הכנסת. היו אלה עתיקות נדירות. הוא היה מתענג להביט בהן בהרגישו עצמו כאותה בעלת־בית המוציאה מגנזיה את כל כלי־הכסף בשביל לקשט בהם את שולחן־הסדר לליל־פסח, בהם כלי־כסף שעברו אליה בירושה מהוריה ואבות אבותיה. הפרוכיות, אילו היה להן פה, היו יכולות לספר הרבה על אלה שתרמו אותן ועל הנסיבות שבהן נרקמו.

מ. ש. גשורי

בית המדרש על שם „רבי וולף הקדוש"

בלוצק היה בית־מדרש אחד שנשא עליו את השם של „רבי וולף הקדוש". אנשי המשלחת האתנוגרפית מיסודו של הסופר ש. אנ־סקי שביקרו בלוצק, שאלו את תושבי העיר מי היה רבי וולף זה שזכה בלוצק למדרגת „קדוש" ושבית־מדרש ייקרא על שמו — והוליכו אותם אל בית־העלמין העתיק, והמפקח עליו הראה להם מצבת־אבן, שאך בקושי אפשר היה לקרוא עליה:

„ציון מערה לאחד קדוש שמת מיתה אכזרית קבל יסורים אכזריים וקידוש השם המיוחד, התורני יהוז״ה זאב וולף במהור״ר טוביה עלה למרום ביום שבת ודינו קבל במרה כ״ה תמוז תקכ״ב תנצב״ה.

על אותו רבי זאב שמעו אנשי המשלחת כמה אגדות, שונות זו מזו בתכנן, וכולן מסתיימות במוטיב של קידוש־השם. צורת מיתתו — אף היא קשורה ב„יש אומרים".

לפי האגדה נוסח א׳ היה רבי וולף למדן, מאמין וגם בקי גדול בספרים חיצונים. הוא ידע גם כמה שפות. כמרי הנוצרים של לוצק היו מתווכחים אתו בפומבי בעניני אמונה, והוא היה מנצחם בפיקחותו וידענותו הגדולה, והכמרים נשארו תמיד נכלמים ומלאי כעס. נצחונותיו אלה הרגיזו את הכמרים, והם חיפשו הזדמנות מתאימה לנקום בו.

באותו זמן בנו תושביה הנוצרים של לוצק כנסיה חדשה בעיר. לחגיגת חנוכתה נתאספו כמרים ואנשי־דת גבוהים. כמרי לוצק התלוננו בפני הכמרים האורחים על רבי וולף, שאינם יכולים להכריעו בוויכוח והתיעצו אתם, כיצד להתגבר עליו. ואז באו לכלל דעה שיש להזמין את רבי וולף לוויכוח פומבי, והפעם יערכו הכמרים האורחים בחכמתם הגדולה רשימה ארוכה של שאלות קשות וחמורות. נוסף לכך ישתתפו אף הם עצמם בויכוח ויסבבוהו בשאלות מרובות, קשות ומסבכות עד שיבלבלו עליו דעתו ולא יוכל לענות תשובות כהלכה.

כמרי לוצק שמעו לעצת אורחיהם הכמרים, ושוב הזמינו את רבי וולף להופיע אצלם לויכוח פומבי. רבי וולף נענה להם גם הפעם. באמצע השוק הוקמה במת־עץ גבוהה, וביום ראשון אחד, אחרי הצהרים, התכנסו איכרים ואיכרות במספר רב מה־ערים והכפרים שמסביב לעיר, אחרי שכמריהם הידיעום על הויכוח העומד להתקיים.

לזמן הקבוע עלו על הבמה הכמרים־האורחים בלבושיהם היקרים, המעוררים יראה בעיני רואיהם, וישבו בחצי גורן עגולה. גם רבי וולף בא והושב ביניהם באמצע, והויכוח החל. קרב המלים נמשך שעות רצופות. הכמרים מקשים והוא מתרץ ללא קושי. הכמרים עברו מן הקל אל הכבד והיו בטוחים שאחרי שיגיעו לשאלות הקשות יסתבך ויתעייף וסופו שייכנע לפניהם. אך רבי וולף ענה על כל שאלותיהם ללא רתת וללא כל היסוס, ולבסוף יצא גם הפעם מהויכוח כשידו על העליונה, ופני הכמרים חפו. ואף האורחים החשובים נשתתקו אחרי שהוציאו את כל חצי הפולמוס שלהם, ופניהם כוסו כלימה בפני כל עם ועדה. הם, יחד עם כמרי לוצק, החלו לטכס עצה ולחפש דרך לא רק לנקום ברבי וולף, אלא אף לחסלו לגמרי, כדי שלא לסבול עוד ממנו עלבונות וכלימות. הם ישבו והתיעצו ארוכות, עד שמצאו תחבולה.

בימים ההם היה קיים בפולין חוק משונה, שלפיו, אם היו מוצאים חזיר מת בבית אדם שלא היה שייך לו, מחויב היה לתת לבעל החזיר דוחן רב עד שיוכל לכסות את נבלת החזיר כשמעמידים אותו על רגליו האחוריות. ואם קצרה ידו של האשם לספק דוחן במידה הדרושה — יש להושיבו בבית־הכלא, עד אשר יחרצו השופטים דינו ויש בכוח השופטים אפילו לגזור עליו גם עונש מוות. הכמרים החליטו להשתמש בחוק זה נגד רבי וולף, שכן ידעו יפה שרבי וולף עני וחסר אמצעים, ובודאי לא יוכל למלא את תביעות החוק, לספק דוחן במידה הדרושה, ואז יוכלו להושיבו בבית־הכלא, ואף להשפיע על השופטים לחרוץ דינו למוות. וכך עשו. קטלו חזיר גדול ובאישון לילה זרקוהו לביתו של רבי וולף. כשרבי וולף נתעורר משנתו מצא את גבלת החזיר בביתו. ועוד לפני שהספיק לעמוד על המתרחש, באו שומרי־החוק והובילוהו לבית־הכלא, ותבעו ממנו את מלוא המידה של דוחן, לפי החוק. ואחרי שלא היה ביכולתו לספק את התביעה, דנוהו השופטים בהשפעת הכמרים — לתליה. לפני ביצוע גזר־הדין הציעו לו את הברירה, להמיר את דתו באמונת הנוצרים, ואז יישאר בחיים. רבי וולף מסר נפשו על קידוש־השם, ונשמתו יצאה מגופו בקריאת „שמע ישראל".

עד כאן אגדה נוסח א׳. לעומתה מספרת האגדה נוסח ב׳:

פעם אחת העלילו נוצרי העיר עלילת־דם על יהודי לוצק. הנוצרים זרקו לתוך בית־הכנסת הגדול ילד נוצרי מת, והשל־טונות פנו אל היהודים בתביעה להוציא להם במשך חודש ימים את הרוצח, שאם לא כן — ירצחו את כל היהודים. פחד גדול נפל אז על יהודי העיר בגלל העלילה הזו, שכן היו חפים מפשע ולא ידעו דבר וחצי דבר על המעשה הנורא הזה.

יהודי לוצק גזרו תענית, השתטחו על קברי צדיקים וקדו־שים, הרבו להתפלל בכל המקומות הקדושים, אספו כספים והשתדלו אצל השלטונות — אך לשוא. השופטים ובראשם הכמ־רים הצמאים לדם יהודים, עמדו בעקשנות על תביעתם האכז־רית — להוציא להם את ה„אשם". והנה באחד הימים, בתום המועד, ביום ערב־שבת אחד, כשרב העיר וכל עדת היהודים היו בבית־המרחץ, הקיפו אנשי השלטונות את בנין בית־המרחץ, פרצו פנימה ואיימו על היהודים שלא יתנו להם לצאת מן הבנין ויאסרו את כולם כאשמים ברצח הילד, אם לא יודיעו מיד את שם הרוצח ולא יסגירוהו לרשות. המון הנוצרים המוסת שעמד

בחוץ איים להצית את בית־המרחץ מכל צדדיו על כל הנמ־צאים בו.

ואז יצא יהודי אחד מבין המתרחצים — רבי וולף היה שמו — ניגש לשלטונות והודיע, כי הוא האיש שהם מחפשים, והוא שרצח את הילד הנוצרי. הוא נאסר בו במקום בידי השלטונות, ויהודי לוצק ניצלו ממות בטוח. את רבי וולף דנו מיד לתליה לעיני השמש באמצע העיר. ויש אומרים שדנוהו לא בתליה, אלא קשרו את ידיו ורגליו לארבעה ענפי עצים עבותים שכופפום זה לזה באמצעי לחץ, ואחרי זה נפרדו ענפי העצים בבת אחת וגופו של הנדון נקרע לארבעה חלקים. גירסה אחרת אומרת, שהוציאוהו להורג ואת גויתו חתכו לי״ב חלקים שנשלחו למקומות שונים, למען ישמעו וייראו...

שני הנוסחאות האמורים מסתיימים בנוסח אחד, שיהודי לוצק התרגשו מאוד ממאורע זה של קידוש־השם. הם הובילו לקבורה את ר׳ וולף והטמינוהו בבית־העלמין הישן, הכתירוהו בשם „קדוש״ והעמידו על קברו את המצבה שהוזכרה, ובמקום שעמד עץ־התליה (או במקום שהתקיים הוויכוח) הקימו אחר־כך בית־מדרש וקראוהו על שמו לזכר עולם. מקום קבורתו נקרא „קבר רבי וולף הקדוש״, ויהודי המקום היו מספרים את המאורע למבקרי־חוץ ברטט וביראת־כבוד.

אלה הם הנוסחאות העיקריים של „המעשה בקידוש השם״ מסביב לקברו של רבי וולף הקדוש. ברם, כוח הדמיון המפותח מאוד בקרב היהדות הוליד אגדות נוספות, שונות מהראשונות, שעברו אף הן מדור לדור. הנה אחדות מהן:

פעם אחת נזרקה אבן בתהלוכה דתית גדולה של המוני הנוצרים שעברה בחוצות העיר. מושל העיר תלה את הקולר ביהודי המקום ואיים להרוג את כל היהודים אם לא יוציאו אליו את ה„אשם״. היהודים היו נתונים בצרה גדולה והתפללו לרחמי שמים. והנה התנדב רבי וולף, איש לוצק, קיבל עליו את האשמה ונידון למות וגופתו נחלקה לארבעה חלקים. לפי אגדה אחרת היה רבי וולף גבר יפה־תואר ובתו של מושל העיר התאהבה בו. המושל הסכים לקחתו לחתן לבתו, אם ימיר את דתו. אך רבי וולף, שהיה יהודי נאמן וצדיק בכל דרכיו, סירב להמיר את דתו. בת המושל איבדה עצמה לדעת והמושל לא מצא מנוחה לנפשו וציווה להרוג את האיש שגרם למות בתו. האגדה מוסיפה, שעל קברו של רבי וולף, שלפי פקודת הכמרים נחתך גופו לארבעה חלקים, צמח עץ תפוחים, ואחרי שבשלו התפוחים ראו למרבה התמהון, שהם אינם עגולים כתפוחים אחרים, אלא מרובעים, כאות לאופן מיתתו של הקדוש שנקרע לארבעה, והיהודים ראו בזה סמל לצדקת הקדוש. הרב ר׳ זלמן סורוצקין, רב העיר האחרון, סיפר לי, שפעם אחת כינס את יהודי העיר לבית־העלמין בקשר לענין חשוב, והוא נשא לפניהם את דבריו בעמדו על עץ־תפוחים זה למען יגיעו דבריו אל כל הנאספים.

וישנה עוד אגדה אחת האומרת שפעם אחת, בערב יום־הכיפורים, נזרקו אבנים בילדי יהודים על־יד בית־הכנסת, והם לא טמנו ידם בצלחת וזרקו אבנים בחזרה. והנה פגעה אחת האבנים בבנו של מושל העיר, והוא מת. המושל דרש מהיהודים להוציא אליו את זורק האבן, באיימו להחריב את בית־הכנסת ולנקום בישוב היהודי בעיר. ואז יצא רבי וולף מבין המוני היהודים, התיצב לפני המושל וקיבל על עצמו את האשמה. המושל כילה בו את כל חמתו, בצוותו לקשור את רבי וולף לרגלי שני סוסים שסחבוהו עד שגופתו נקרעה לשתים, ואחר זה תלה אותה על עץ למאכל לעוף השמים. קצב יהודי התחפש לחייל, השקה לשכרה את שומר הגופה והביאה לקבר ישראל.

מאורע זה של קידוש־השם לא נשכח, אף שעברו מאז כמאתים שנה. רבים, וביחוד נשים, היו נוהרות לקברו של הקדוש והיו שופכות לפניו את מר לבן. ואף נמצא דואג למצבה, שבמרוצת הזמן שקעה בקרקע, והעמיד במקומה מצבה חדשה. אחת המבקרות הקבועות שהיו פוקדות את הקבר עד לשנים האחרונות היתה האשה חיה־שרה לויפר, שגילתה ענין בגדר שמסביב למצבה וגם במצבה עצמה, שנהרסו בחלקם בימי מלחמת העולם הראשונה, והיא שדאגה לתיקונם. ואכן, הודות לטיפולה של האשה עמדה המצבה על קברו של הקדוש עד לימי שואת הנאצים הגרמנים, בעוד שהמצבות הישנות האחרות שב־בית־העלמין העתיק הלכו ונחרבו מרוב ימים וגם חלו בהן ידי מחבלים שונים שהיו מתנכלים מפעם לפעם לבית־העלמין.

מ. ש. גשורי

לקורות תנועת החסידות בלוצק

א. החסידות בווהלין

יהדות ווהלין־רבתי בגבולותיה האוקראיניים־פולניים ההיס־טוריים, לא זכתה עדיין להיסטוריון שלה שיכתוב ויסכם את מסכת חייה המפוארים והטראגיים כאחד, החל מראשית צמיחתה בווהלין, דרך שלוש תקופות צוררי־היהודים: חמיל, גונטה ופטלורא ימ״ש — וגמור בפרשת החורבן והכליה שהמיט עליה רב־הטבחים הנאצי. קיבוץ יהודים גדול היה מושרש בווהלין במשך דורות רבים (מלפני 900 שנה), ויצר בכל ענפי החיים. בהרבה ישובים, בערים ובעיירות, היו יהודי ווהלין רוב מניין ורוב בניין, חיו בהן דורות על דורות, עשו חיל ורקמי את מסורת חייהם והשפעת גומלין היתה ניכרת ביניהם. על כל פנים ברי, שכבר במאה הט״ו התקיימו קהילות נכבדות בווהלין, ובראשן קהילות לודמיר, לוצק, קרמניץ ואוסטראה, ואחר כך נוספו עליהן דובנה־רבתי, קובל, רובנה, סלאבוטה, זביהיל ואחרות — שמות מפורסמים הקשורים בדברי ימי ישראל ותרבותו. קהילה וקהילה וסגולותיה המיוחדות, אישי המעלה שלה בכל שטחי החכמה והיצירה, ובתי הכנסת והמדרש והישיבות, שמהם ינקה תנועת התחיה שלנו. ווהלין היהודית כתבה דף יפה בתולדות עם ישראל בגולה.

תנועת החסידות, שצמחה רוב־רובה בפודול־ווהלין, העמידה

אישים דגולים, קהל צדיקים וקדושים, שפע דמויות קורנות של ראשי מוסר היהדות, אנשי מופת, גדולי אמונות ודעות, אדירי מחשבה ומעשה. בקדרות קיומה זכתה ווהלין גם למאורות רוחניים בחסידות שהיו משען ומשגב לעם. בימים כתיקנם קבעה לה יהדות ווהלין נוסח־תפילה משלה, ועל גבי הסידורים והמחזורים, הסליחות והקינות מדפוסי ווהלין העתיקים והידועים לשם היה כתוב: „לפי נוסח ווהלין".

התנועה הדתית החדשה, החסידות, קמה בקרב יהודי פולין ורוסיה באמצע המאה הי"ח, ובמשך זמן קצר הגיעה לידי התפשטות רחבה מאין כמוה בתולדות היהדות. בעשרות השנים הראשונות לקיומה היו שחשבו שהתנועה לא תצא מגדר „כת" דתית. אך חיש מהר נוכחו לדעת כי טעו בהערכתם. הכת פרצה את גדריה עד מהרה; בכמה מקומות בפולין וברוסיה עלה מספר חבריה על המתנגדים לה, ובראשית המאה הי"ט כבר הגיע לסיומו הפירוד שבין החסידים וה„מתנגדים" (כך נקראו אלה שנשארו נאמנים לשיטה הרבנית). ואם בליטא הגדולה ובריסן נתקלו החסידים בהתנגדות הפרושים והרבנים — הרי כבשו ללא התנגדות כמעט את כל הקהילות באוקראינה, בגליציה המזרחית ובפולין, ובכללן גם את קהילות נפת ווהלין, פרט לדובנה, שנכבשה לחסידות רק לאחר זמן.

יוצרי החסידות לא נגעו מעולם במסורת הדת ובמנהגיה (פרט לשינויים קלים בסדר התפילות ובכמה מנהגים), ומכל־שכן שלא עלה במחשבתם לכפור בעיקר הלאומיות שביהדות. מטרתם היתה חיובית ולא שלילית: הם באו לחזק ולהבליט את היסוד האישי הפנימי שבדת. לא לגרוע אלא להוסיף באו: לצרף כוונה לכל מעשה דתי, להחזיר חיות למצוות מעשיות שנתרוקנו מתוכן. החסידות באה להגביר את הרגש על השכל, את התורה שבלב על התורה שבספר. החסידות הכריזה על ההתלהבות בשעת העבודה והתפילה, על עבודה מתוך שמחה ועל שמחת החיים בכלל. החסידות הורידה את היהדות מעולם האצילות וסיגלה אותה להשגותיו של כל איש בינוני או אפילו המוני, וכך הצליחה לעורר בקרב החסידים מהפכה נפשית עמוקה, להחיות את רוחם בתקוות ולמלא לבם שמחה. החסידות חשבה לחטא חמור את העצבות, הנזירות והפרישות הקיצונית והשפיעה על המאמינים אומץ רוח וחדוות החיים. ואכן, במשך זמן קצר הצליחה החסידות הצלחה רבה ונפלאה, ובמלחמתה עם הפרו־שים — מלחמת קשה וממושכה — יצאה בנצחון גמור.

הבעש"ט, מיסד החסידות, קבע מושבו במז׳יבוז׳ שבפודוליה, אך מצודתו היתה פרושה על קרוב ורחוק, ואף לערי ווהלין הגיעה. עוד בחיי הבעש"ט היו לו קבוצות חסידים בהרבה מערי ווהלין, פודול וגליציה, ויש מקום להניח שמספרם היה רב ועלה לרבבות. גם רבי יעקב עמדין מאלטונה, המתנגד הגדול לחסי־דות, רשם בהתרגזות: „עתה מקרוב קמו כת חסידים חדשה בווהלין ופידוליה ומעיד על התפשטות הכת". הבעש"ט אהב לנסוע ממקום למקום ולהטיף לחסידות, וכשם שהיה סובב והולך בקהילות גליציה ופודוליה: הורודנקה, קוטוב, נמירוב, שאריגרוד ועוד, כך היה מבקר בערי ליטא: סלוצק ואחרות, ואף ראוהו בערי ווהלין: פולנאה, שדה־לבן, זסלב ועוד. וכן היה מבקר באוסטראה וכל אנשי העיר יצאו לקראתו (מזכרת לגדולי אוסטראה עמ׳ 150). ויש יסוד להניח שהוא ביקר גם בערים הסמוכות לאוסטראה, ובהן גם בלוצק, והודות לביקורו זה הכשיר את העיר לקליטת החסידות ותורתו עד שנעשתה עיר־מרכז לחסידות.

ב. לוצק כמרכז לחסידות

הבעש"ט עצמו ישב בפודוליה, שהיתה המרכז הראשי לחסי־דות, ואליה נהרו תלמידיו וחסידיו המרובים. אך חסידים רבים היו לו אף בערי ווהלין, ושליחיו היו באים מפעם לפעם ומטיפים לחסידות. אין כל ספק שגם בעיר לוצק נמצאו חסידים כבר בדור הראשון לחסידות, וביניהם כאלה שהיו מבקרים במז׳יבוז׳ ונהנים מתורתו והתנהגותו של הבעש"ט.

ואילו מנהיג החסידות בדור השני, אחר פטירתו של הבעש"ט, היה יליד העיירה טורטשין הסמוכה לעיר לוצק. טורטשין היתה קהילה עתיקה בין קהילות ווהלין, מרוחקת עשרים ק"מ מלוצק. כוונתנו לרבי דוב בר ב"ר אברהם, המגיד ממזריטש או „המגיד הגדול". מקודם היה עוסק בעיירתו במלמדות. מטורטשין עבר אחר כך לרובנה. מספרים, שפעם נתאכסן בטורטשין ר׳ יוסקה, בעל „יסוד יוסף", חתנו של הרב ר׳ אהרן מרובנה. בהיותו באכסניה שמע שמעבר למחיצה מתעסק מלמד עם שני נערים. הקשיב לדברי המלמד ונהנה מאוד. לא יכול היה להתאפק, נכנס אליו והקביל פניו. כשחזר לרובנה סיפר לחותנו: מצאתי בטורטשין ת"ח שהוא יחיד בעולם. אמר ר׳ אהרן לחתנו: שלח אליו ונחזיקהו כאן. שלח אחריו לטורטשין. השיב ר׳ דוב שאינו יכול לעזוב את תלמידיו באמצע ה„זמן". אחר כך בא לרובנה. הקצה לו ר׳ אהרן דירה ברחוב הכביש וסיפק לו צרכיו.

אחרי שבנו יחידו של הבעש"ט לא היה ראוי לכהן במקומו, עבר מרכז החסידות לעיר הווהלינית העתיקה מזריטש־גדול, לרבי דוב בר (ת"ע—תקל"ג), שנתקרב לבעש"ט ביותר בימיו האחרונים. מזריטש נעשתה מעתה בירת החסידות, ובמשך שנות הששים למאה הי"ח עבר מרכז התנועה הדתית מפודול לווהלין. כאחד מגדולי התורה בנגלה ובנסתר בדורו אצל רבי דוב בר מריחו על תלמידיו שהסתופפו בבית־מדרשו והפיצו את תורתו גם ברחבי המדינות הסמוכות. עם תלמידיו נמנו אנשים שזכו אחר כך לפרסום גדול: רבי לוי־יצחק מברדיצ׳וב, ר׳ נחום מטשרנובל, ר׳ זאב מז׳יטומיר, הגליצאים רבי אלימלך מליזנסק ואחיו ר׳ זוסיה מאניפולי, ר׳ יחיאל־מיכל מזלוצ׳וב, המוכיח מפולנאה, רב ייבי מאוסטראה, ואנשי ליטא ורייסין — רבי אהרן מקרלין, רבי מנדלי מוויטבסק, ר׳ אברהם מקאליסק ורש"ז מליאדי, האחים רבי שמואל־שמלקי מניקלשבורג ורבי פנחס מפרנקפורט (בעל „הפלאה").

החכם שלמה מימון מוסר בזכרונותיו על המרכז החסידי במזריטש. ואפילו האגדה החסידית יודעת לספר על רוח הנבואה של המגיד, שהיה רואה את הנולד ומשפיע בתפילתו על העול־מות העליונים: „תפילתו ודיבורו היו נשמעים. הקב"ה גוזר והוא מבטל" — מספר תלמידו רבי שלמה מלוצק (בהקדמה לספר „מגיד דבריו ליעקב"). וכן מעיד אותו לוצקאי בהקדמה, כי „...דברי קדשו של מורי המגיד הם דברים העומדים ברומו של עולם, ומילין לצד עילאה ימלל, אשר לאו כל מוחא סביל דא... כידוע לכל שומעי אמרותיו הנעימים למאות ולאלפים מגדולי עולם, ונכנסו דבריו בלבם כאש בוערת ונתלהבה נפשם

לעבודת הבורא". תלמיד לוצקאי זה האמין באמונה שלימה, שהבעש"ט מסר למגיד רזי עולם: "לימד אותו שיחת עופות ושיחת דקלים, סודות שמות הקדושים ויחודים", ושהיה לו "גילוי אליהו" וכיוצא בזה.

רבי שלמה מלוצק היה — כרבי יעקב־יוסף המגיד מפולנאה בשעתו, סופרו ומפיץ דעותיו של הבעש"ט — הסופר של המגיד ממזריטש. הוא שהוציא בשנת תקמ"ד בקוריץ את דרשות המגיד בספר "מגיד דבריו ליעקב" או "לקוטי אמרים", המשמש מקור ראשון לתורת המגיד ממזריטש.

כבר בחיי המגיד נסתדרו מנינים של חסידים באותן הקהילות שמקודם לא נגעה בהן התנועה החדשה: בווהלין, בליטא ובררוסיה הלבנה. ורבי שלמה מלוצק היה נושא דברו בערי ווהלין. רבי דוב בר המגיד היה הראשון ששינה את נוסח התפילה והנהיג נוסח ספרד במקום נוסח אשכנז לכל החסידים, בעוד שהבעש"ט שינה את הנוסח רק לו ולתלמידיו. ור' שלמה מלוצק עשה הרבה לקיים רצון רבו ולהנהיג בתפילה נוסח ספרד. אחרי פטירת המגיד נתפרדה החבורה במזריטש, והתלמידים הלכו איש לארצו ברצון עז להפיץ את תורת החסידות בכל קהילות ישראל, למרות רדיפות הרבנים, ולרכוש לה נפשות נוספות. מזריטש שימשה שנים רבות מרכז לחסידות בווהלין ובפודוליה, ומלבד ר' דוב בר המגיד קבעו בה מושבם רבי נחום קוסובר וצדיקים אחרים, ושם נמצאים כמה אהלי צדיקים, ובהם של רבי זוסיה הצדיק מאניפולי. ברובנה, שבה ישב המגיד שנים אחדות, היו מראים בקלויז הישן את הספסל והעמוד של המגיד שנשאר שם עד הזמן האחרון.

מלבד רבי שלמה מלוצק נמצא בין תלמידי המגיד גם רבי גרשון לוצקר, שהשפעתו היתה חזקה על חסידי זמנו, וחבל שאין למצוא עליו פרטים בספרי החסידות. בעל "סדר הדורות החדש" מונה בין שלשים ותשעת התלמידים המובהקים של המגיד ממזריטש, שרובם נעשו אחרי פטירתו אדמו"רים מובהקים, גם את רבי גרשון לוצקר.

ג. השפעת לוצק בווהלין החסידית

לוצק היתה אחת הקהילות העתיקות בווהלין, שעמדו על תלן במשך מאות שנים והיו בעלות אוכלוסיה יהודית שרשית ויוצרת. הן שימשו מקום לתורה ולחסידות ובתור כאלה יצא שמען הרחק מגבולות פולין. רבי שלמה ורבי גרשון, שניהם מלוצק, השפיעו רבות על עירם, ואין ספק שהודות להם לבשה עיר מולדתם צביון חסידי, והחסידים רכשו להם בה השפעה מכרעת.

כעין סמל לחסידות הווהלינית יש להזכיר את שמו של אחד מגדולי החסידות הבעש"טית — רבי פנחס מקוריץ, או כפי שכונה בפי החסידים "ר' פנחס הגדול" (תפ"ה—תקנ"ז). ליטאי משקלוב, שנתעלה דווקא בקוריץ ונתפרסם כ"הרב הקדוש", למדן שנון־המוח בפלפולים וחילוקים, שהיה שיא הפשטות, הענווה והעממיות הטהורה ושהלך בחסידות בדרכו. רבים נתאספו אליו לקוריץ לשמוע את תורתו ומוסרו. גם אנשים מפורסמים בימים ההם נתחברו אליו, ומהם הנודעים ביותר: ר' רפאל מברשאד, ר' זאב מבאלטה, ר' מרדכי "החזן מזסלב", ר' דוב בר' בונים ור' זאב מזיטומיר. בעקב סיבה בלתי ידועה פרצה מחלוקת בין רבי פנחס ובין ר' שלמה מלוצק שישב אז בקוריץ, ור' פנחס עבר משם לאוסטראה שבה ישב למעלה מעשרים שנה, וגם תלמידיו וחסידיו הלכו אחריו לאוסטראה. בתקנ"א רצה לעלות לא"י, אך בהגיעו לשפטובקה חלה ונפטר לעולמו.

העיירה מלינוב שבפרשת־הדרכים לוצק־דובנה, זכתה ובעפרה נטמן רבי אהרן השני מקרלין (נכדו של רבי אהרן הגדול). על הקבר הוצג "אוהל" שנקרא "ציון" ואליו באו ביום הזכרון גם ממרחקים. יהודי העיר היו כולם חסידים והתיחסו לשושלות: אוליקה, טריסק וסטולין, ועל שמותיהן נקראו שלושת בתי־המדרש שבעיירה, אך רובם היו חסידי טריסק. כשבא האדמו"ר של טריסק העירה, באו גם שאר החסידים לשחר פניו, וכן באו חסידי טריסק ואוליקה לקבל פניו של הרבי מסטולין, שהיה מהשושלת הקרלינית, ואל ה"ציון" של רבי אהרן (בעל "בית אהרן") היו עולים חסידי כל שלוש השושילתות.

רבי דוב בר המגיד ממזריטש הוא גם המגיד מרובנה, שישב קודם בטורטשין ואחר כך בקוריץ. תחילה ישב רבי דוב בר ברובנה, אחר כך קבע את מקומו במזריטש־גדול ושוב בא לעת זקנתו לרובנה. כן ישב ברובנה ר' ליב בר' יוסף, שנקרא בפי העם בשם ליב שרה'ס, על שם אמו שרה (ת"ק—תק"ס), והיה איש מיוחד בצדקתו ובהליכותיו, והאריך ימים אחרי הבעש"ט והמגיד. הוא עצמו היה שתדלן, מתווך ודואג ל"ל"ו הצדיקים הנסתרים". הוא נעשה קדוש, והיו שתלו בו כל מיני מופתים ונסים ואגדות רבות התהלכו עליו בין ההמונים. אשתו החזיקה חנות קטנה ברובנה ופירנסה את נפשה וילדיה, ור' ליב עצמו היה בא לביתו לעתים רחוקות. נפטר בשנת תק"ס ביאלטשיקוב הפודולית.

לעיר **אוסטראה** הנודעת מימים מקדם "כעיר ראשית לגליל ווהלין ואוקראינה" ניתן גם השם "אות־תורה" מפני שהיתה מלאה גאונים וחכמים, צדיקים וחסידים. בעיר שכן הצדיק רבי יעקב־יוסף ב"ר יהודה־ליב ("רב ייבי"), שכיהן כמגיד־מישרים בעיר, ובית־הכנסת שבו התפלל נקרא על שמו "בית־המדרש של ר' יוסיל" (נפטר תקנ"א). כן ישב בה הרב הגאון רבי מאיר ב"ר צבי־הירש מרגליות בעל "מאיר נתיבים", "סוד יכין ובועז", "הדרך הטוב והישר", "כתנות אור", שנחשב לתלמידו של הבעש"ט, והרב הקדוש ר' יונה'לי הטוב (דער גוטער), חבירו של ר' ליב שרה'ס. בית־המדרש שבראשית רחוב טטרסקי נקרא על שמו.

מאנשי **שפטובקה** נתפרסם בחסידות הצדיק רבי יעקב־שמשון, שעלה לא"י והיה רב בטבריה. הוא היה בעל השפעה בזמנו, ואף מיחסים לו ויכוח עם ה"נודע ביהודה" על החסידות. עליו מסופרת אגדה של מעשה הפחה מעכו ודבר נסיעתו בשליחות לטוניס, ועוד.

העיר **זסלב** שתתה מכוס היגונים ברדיפות חמיל ושחיטותיו והדבר הועלה על דפי הספר "יון מצולה". בעיר ישבו אישים גדולים ונודעים, ובתקופה יותר מאוחרת כיהן בה כרב הרה"ג ר' ליבוש בוליחובר מצאצאי הבעש"ט, שהיה גאון ופיקח ובעל השפעה, מחבר הספרים "שם אריה" ו"ערוגות הבושם". במשך ארבעים שנות רבנותו בזסלב פעל הרבה ונתפרסם גם מחוץ לתחומי ווהלין.

שושלת טריסק לבית טברסקי עברה אחרי פטירת מיסדה המגיד רבי אברהם לקובל, מערי המחוז העתיקות בווהלין, והחסידות ששלטה כבר בעיר התגברה עוד יותר עד שתשעים למאה מהאוכלוסיה היהודית היו חסידים. רבי יעקב־לייבלה, בן המגיד מטריסק, שישב בקובל, היה אישיות מקובלת בכל ווהלין ואף מחוצה לה, ואחריו המשיך בנו הצדיק רבי וולוולה שנספה בשואת הנאצים כשהוא זקן מופלג.

העיר לודמיר נתפרסמה בחסידות כמקום מושבו של הקדוש רבי שלמה מלודמיר, ממלא מקומו של רבי אהרן הגדול בחסידות קרלין, שנהרג ע״י קוזק באמצע תפילתו בבית־המדרש. בהיותו שקוע בתפילה לא שם לב לשטף־הדם שיצא מפצעיו, איבד דם רב ונחלש ונשמתו עלתה למרומים בקדושה.

לוצק עצמה, שתפסה מקום נכבד בחיים הדתיים והרוחניים, השתלבה יפה בחיי החסידות, וחסידיה היו מתגאים בצדיקים מגדולי השושילתות הוותיקות שישבו בתוכה.

מ. ש. גשורי

ר׳ שלמה לויצקער

א

ער איז געווען פון אַ באַזונדער מין און באַזונדערן כאַראַקטער, פון די גרויסע תלמידים פונעם רבין רב בער דעם מעזריטשער מגיד און זיין הויזפריינד. ער האָט זיך אינגאַנצן געהייליקט פאַר זעלישער דערהויבונג אין עבודת־הקודש אין תורה און חסידות; איז באַשענקט געווען מיט פאַרשידענע אהבות און האָט דורכאויס געגליט פון אומענדלעכער אהבה: צו דער יידישער תורה, צום פאָלק ישראל און ארץ־ישראל, און אויך צום הייליקן לשון פון ישראל און געהאָפט־געוואַרט אויף ביאת־המשיח. ער איז געווען דער דריטער דור אין חסידות, נאָר נישט באַוווּסט איז דאָס אָרט און דאָס יאָר פון זיין געבוירן. פון די עטלעכע מקומות, ווו ער האָט געוווינט, האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט דער נאָמען פון דער שטאָט לויצק, ווייל די דאָזיקע שטאָט איז אים געווען צום ליבסטן, און באַזונדערס האָט זי געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק צוליב דער אַלטקייט פון איר יידישן ישוב און אירע ווערטן.

דער דאָזיקער תלמיד ותיק פונעם מעזריטשער מגיד האָט זוכה געווען צו ווערטפולע טיטולן: „המאה״ג בנגלה ובנסתר, בוצינא קדישא״[1]), „החסיד האמיתי, קדוש עליון המפורסם״[2]), „נאמן ביתו והמוציא והמביא של כל דברי רבו הגדול״[3]), און „משמש לפני ולפנים בקודש־קדשים אצל הרב המגיד ממזריטש״[4]). ער איז געווען אַ מגיד־מישרים אין סאָקאָל און אין קאָרעץ און זייער געאַכטעט פון די צדיקי־הדור; האָט באַקומען אַ דערלויבעניש פון דעם שטאָט־באַזיצער דעם גראַף אַדאַם טשאַרטאָריסקי אויפצושטעלן אַ דרוקעריי אין קאָרעץ און דרוקן אין איר אַלע קבלה־ספרים. מען האָט אים געפּסלט — לויט די רייד פון זיין רבין דעם מגיד — צו זיין אַ מנהיג פון די מאַסן חסידים, ווייל ער האָט פגע־בכבוד געווען רב מרדכילע ניעסכיזשער. ער האָט אים אָבער פאַראויסגעזאָגט, אַז ער וועט אויפשטעלן אַ תלמיד, וואָס וועט אים פאַרגיטיקן פאַר גאַנצע לעגיאָנען חסידים. דער דאָזיקער תלמיד איז געווען רב שלום רוקח, פון דעם צדיקים־הויז אין בעלז. צווישן די ספרים וואָס ער האָט געדרוקט האָט ער באַזונדערס געשעצט דעם ספר „קלח״ פון רב משה חיים לוצאטו. חיים יוסף דוד אזולאי פון שפּאַניע האָט פירגעהאַלטן דעם דרוקער פון קאָרעץ, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך אָפּצודרוקן און פאַרשפרייטן אַלע קבלה־כתבים, כאָטש די שפּאַנישע געלערנטע האָבן עס נישט דערלויבט. אין דער הקדמה צו זיין ספר „דברת שלמה״ קלערט רב שלמה אויף וואָס ס׳האָט אים באַוויגן אַרויסצוגעבן די אַלטע כתבים, כאָטש די גדולים פון שפּאַניע האָבן זיך נישט געוווּנטשן צו זען נייע אָדער אַלטע כתבים, חוץ די כתבי־האר״י, ווייל אַנדערע באַנוצן זיך מיט די הייליקע שמות, וואָס זענען פאַרשטענדלעך נאָר די מקובלים מובהקים, זענען זיי גורם צו אומפאַרמיידלעכע פאַרגרייזונגען.

פון צווישן די הונדערטער תלמידים פונעם מעזריטשער מגיד האָבן זיך אַרויסגערוקט זיינע ניין און דרייסיק באַגאַבטע תלמידים, און בתוכם באַרימטע גאונים, וואָס ר׳ שלמה לויצקער האָט צווישן זיי פאַרנומען אַן אָרט ווי דער גרעסטער שרייבער, אין דעם מגידס ווערטער זענען פאַר אים געווען ווי אַ גאַנצע תורה, און אין יעדן וואָרט האָט ער געפונען רמזים אויף גרויסע און פאַרהוילענע זאַכן. זיין תורה איז פאַר אים געווען אמתע התגלות. אַלץ וואָס ער האָט געלערנט און געוווּסט איידער ער האָט באַקענט זיין רבין, האָט ביי אים קיין שום ווערט נישט געהאַט. דער מעזריטשער מגיד פלעגט נישט פאַרשרייבן — ווי זיין רבי דער בעש״ט — זיינע תורות אין אַ ספר. אין זיינע דרשות, וואָס ער פלעגט האַלטן „מדי חודש בחדשו ובימי שבת בשבתו״, פלעגט דער מגיד מסביר זיין זיין שיטה און זיין דרך אין חסידות זיינע פיל תלמידים, וועלכע פלעגן זיך פאַרצייכענען זייער רבינס ווערטער. אָבער צום מיינסטן פלעגן „די שרייבער שטאַרק מקצר זיין דעם מגידס כוונה, און טיילמאָל האָבן זיי נישט געהעריק פאַרשטאַנען און געשריבן לויט ווי זיי פאַרשטייען״[6]). נאָר איינער פון זיי, רב שלמה לויצקער, האָט צונויפגעזאַמלט אַ סך אָפּשריפטן פון זיין רבינס רייד ביז אַ גאַנץ ספר, און נאָך דעם ווי ער האָט זיי אָפּגערייניקט פון גרייזן, פאַרגלייכנדיק זיי מיט די אָפּשריפטן פון זיינע חברים, זיי אָפּגעדרוקט. אין אָנהייב האָט זיך דער לויצקער תלמיד נישט דערוועגט צו פאַרשרייבן זיין רבינס הייליקע רייד צוליב דער מורא, טאָמער וועט ער זיי נישט

איבערגעבן מיט דער געהעריקער פינקטלעכקייט. איינמאָל האָט אים דער מגיד געפרעגט, פאַרוואָס ער פאַרשרייבט נישט וואָס ער הערט פון אים. האָט ער אים געענטפערט, אַז ער וויל נישט טאָן ווי זיינע חברים, וועלכע פאַרשרייבן געקירצט, און זיי פאַרשטייען נישט און זענען נישט מדקדק. האָט אים דער מגיד געזאָגט: פונדעסטוועגן איז בעסער, אַז אַלץ זאָל זיין פאַרשריבן, „כדי עס זאָל זיין אַ דערמאָנונג פון דער עבודת־הבורא". אויף זיין תלמידס פראַגע: פאַרוואָס „ער וויל עס און באַגערט עס", האָט ער צוגעגעבן: „צי דען איז דאָס אַ קלייניקייט אין זיינע אויגן, וואָס דוד המלך ע"ה האָט געבעטן: „אגורה באהלך עולמים", ס'הייסט: איןביידע וועלטן?" און פון דעסטוועגן האָט זיך רב שלמה אַ סך יאָרן אָפּגעהאַלטן צו טאָן זיין רבינס ווילן, צוליב די פאַרגרייזטע אָפּשריפטן, וואָס ער האָט געזען, נישט קאָנענדיק זיי פאַרריכטן. און ערשט נאָך דער פּטירה פונעם מגיד, ווען ס'זענען דערשינען די ספרים פון רב יעקב יוסף הכהן „תולדות יעקב יוסף" און „בן פורת יוסף" מיט דעם בריוו פונעם בעש"ט און זיינע פיל זאָגענישן, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַ וועלט־נאָמען אויך זיין גרויסן יורש. פון אַלע אָפּשריפטן האָט ער אָפּגעקליבן דעם סאַמע בעסטן, געשריבן פונעם חסיד רבי זאב וואָלף „מק"ק הורודנה הגדולה במדינת ליטה", אים קאָרעגירט לויט ווי ס'האָט זיך איינגעהיט אין זיין זכרון. דער ספר „מגיד דבריו ליעקב" אָדער „לקוטי אמרים" דינט פאַרן ערשטן מקור פונעם מגידס תורה און איז געדרוקט געוואָרן אין אַ סך אויסגאַבן אין פאַרשידענע דרוקערייען און שטעט: קאָרעץ, זשולקעוו, בערדיטשעוו און אַנדערע [7].

ב

רב שלמה האָט משמעות געלערנט פון זיין רבין אויך אַ פרק ליבשאַפט צו נגינה און געזאַנג, און אין זיין ספר ברענגט ער אין זיין נאָמען עטלעכע אַרויסזאָגונגען וועגן דער וועלט פון שמחה און ניגון. וועגן שמחה זאָגט ער, אַז זי איז דער עיקר אין דעם דינען גאָט. „די שמחה ציט זיך פון דער וועלט פון תענוג, וואָס ער איז אַ רוחני נישט צו באַגרייפן און איז זייער דערהויבן און ווערט אָנגערופן קודש". דער מענטש דאַרף זיך פרייען „און האָבן תענוג בעת ער טוט די מצוות, און דערמיט פאַרבינדט ער אַלע וועלטן צום אייבערשטן, געבענטש זאָל ער זיין". בכלל דאַרף דער מענטש תמיד זיין פריילעך געשטימט, ווייל „עצבות איז אַ גרויסע כניעה צו עבודת־הבורא, און אַפילו אויב ער איז, חלילה־וחס, געשטרויכלט געוואָרן מיט אַן עבירה, זאָל ער נישט צופיל טרויערן און זיין געשטערט אין דער עבודה, נאָר זאָל באַדויערן וואָס ער האָט געטאָן די עבירה און ווידער זיך נעמען פרייען מיטן בורא" [8]). דאָס חסידות האָט, ווי באַוווּסט, געפירט אַ מלחמה קעגן עצבות און פאַר דער פליכט צו זיין אין שמחה, וועלכע האָט געפעלט אויף דער יידישער גאַס, און די שמחה איז זיי בייגעשטאַנען אויפצומינטערן די גייסטער און אַריינברענגען האָפענונג אין די הערצער פון די דערשלאָגענע מאַסן, און זי האָט צוגעגרייט די הערצער אויפצונעמען די קלאַנגען פון געזאַנג און נגינה.

דער חזן און דער עולם — ביידע זענען די טרעגער פון תפילה און פאַר איר פאַרענטפערלעך. אָבער ס'איז גרויס דער אונטערשיד אין דער מאָס פון דער פאַרענטפערלעכקייט צווישן דעם חזן און דעם עולם. ווען ער, פאַרטייטשנדיק שיר־השירים, זאָגט ער, אַז פון איין געזאַנג וואָס עס זינגט איינער אַ ייד מיטן גאַנצן האַרצן, מיטן גאַנצן כוח און מיט דער גאַנצער כוונה, ווערן געבוירן אַ סך געזאַנגען אין אַלע וועלטן [9]). און נישט דווקא ממש געזאַנג, ווייל אויך תפילה ווערט אָנגערופן געזאַנג. איז ממילא ווען אַ ייד שטעלט זיך אַוועק דאַווענען בדחילו־ורחימו, זאָגן דעמאָלט שירה אין אַלע וועלטן אַלע מלאכים און שרפים און אַנדערע כיתות, וואָרן זיי אַלע זענען אין אים אַנטהאַלטן [10]). און אַזאַ תפילה דאַרף געמאַכט ווערן דורך אַ שליח־ציבור, וואָס נישט די נגינה איז ביי אים דער עיקר, נאָר די כוונה. אין דעם ספר וואָס רב שלמה האָט אַרויסגעגעבן, האָט ער פאַרשריבן זיין רבינס ווערטער, וואָס ער אַליין האָט געהערט, און געזאָרגט זי איבערצוגעבן אין אַ ריכטיקער פאָרעם און פולער פּינקטלעכקייט. ער פלעגט אויך זאַמלען זיין רבינס ווערטער־פּערל פון דעם מגידס חברים־תלמידים און אָפּראַטעווען דאָס וואָס זיי האָבן געהערט פון זייער גרויסן רבין. און וואָס ער האָט נישט באַוויזן אַריינצונעמען אין דער אויבנדערמאָנטער זאַמלונג, האָט ער אַריינגענומען אין זיין ספר „דברת שלמה" (דבר"ת איז דער ראשי־תיבות: תלמיד רבינו דוב בר), וואָס זיינע אַרויסגעבער זאָגן אויף דעם עדות אויפן שער־בלאַט, אַז עס איז „אַ וווּנדערלעך ווערק אויף דער תורה, וווּנדערבאַרע דרשות זיסערע פון האָניק, אינגאַנצן טייער און זיס, חידושים און רמזים און טיפע סודות, וואָס יעדער וועט דערינען געפינען, סיי גרויס, סיי קליין, צו לעשן זיין דאָרשט". אָבער דאָס דאָזיקע ספר איז אַנדערש פון דעם פריערדיקן, דערין באַגנוגנט ער זיך שוין נישט מיט געבן בלויז זיין רבינס, דעם מגידס ווערטער, נאָר גיט זיינע געדאַנקען אַ נייעם אויסדרוק, און פאַרפולקאָמט זיינע געדאַנקען מיט נייע אינטערעסאַנטע טענער און מערערע פּרטים, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט נאָר ווי אַ תלמיד וואָס איז איבערגעגעבן און געטריי זיין רבין, נאָר אויך ווי אַ גרויסער תלמיד און זעלבשטענדיקער אָריגינעלער דענקער.

דער גלות האָט אונדז געטראָפן — לויט זיין געדאַנק — „ווי אַ גזרה פונעם אייבערשטן", וועלכע ציט זיך לאַנגע־לאַנגע צייטן, „מחמת דעם באַגיין שלעכטע מעשים" [12]). נישט געקוקט אויף זיין שטרעבן צו שמחה, האָט ער זיך נישט מסיח־דעת געווען פונעם האַרבן גלות, וועלכער דריקט און באַשווערט דער עיקר אין גייסטיקן זין. חורבן און גלות איז נישט קיין שפּילעכל. ביידע האָבן דערפירט דערצו, אַז ישראל איז אַראָפּ פון זיין מדרגה. און אָפּפילנדיק אונדזער שווערן אומדערטרעגלעכן מצב, אונדזערע פיל ליידן און שטאַרקע יסורים, רופט ער אויס, אַז „בעת מיר זענען אין לאַנד פון אונדזערע שונאים, אין גלות, נייטיקן מיר זיך אין דעם אייבערשטנס גרויסע רחמים, ער זאָל אונדז טאָן נסים צו יעדער צייט, ער זאָל דערפילן אונדזערע בקשות" [31]). פון דער צווייטער זייט געפינט ער אויס אַ מעלה אין דעם גלות, אַז „ער איז גורם אַרויסצובאַקומען די ניצוצות". דאָס אַרויסברענגען די ניצוצות, וואָס זענען געפאַנגען אין גלות, איז אָפּהענגיק פון דער גרויסער גייסטיקער צוגרייטונג מצד די יידן, און נאָך מער פון דעם ווילן און שטרעבן פונעם גאַנצן פאָלק צו גאולה. און גלייך ווי ער האָט געשילדערט די פּיין

פונעם גלות און זיינע נעגאַטיווע רעזולטאַטן — אַזוי קומט ער אויך דערמוטיקן. לויט זיין מיינונג טאָר נישט קיין ייד זיך מסיח־דעת זיין פון דער גאולה און דאַרף זי תמיד געדענקען, רעדן וועגן איר און זי באַגערן. די תפילה פונעם צדיק איז משפיע צום דערנענטערן די גאולה און צום אויפבוי פון ארץ־ישראל און ירושלים און דעם בית־המקדש. אָבער דעם צדיקס השפעה אַליין וועט נישט גענוג זיין. ס'איז אויך נייטיק אַ התערותא דלתתא. און ווען דער אייבערשטער, געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען, קוקט צו דעם צער פון די יידן, אַז ער האָט קיין גרענעץ נישט, קאָן ער צואיילן דעם קץ פון דער גאולה, וואָס איר צייט איז יעדער טאָג [14].

אין כסדרדיקן טראַכטן וועגן דעם גלות און דער גאולה האָט ער דערזען די גאולה אין קלאָרע און העלע פאַרבן, אַז זי וועט איבערשטייגן אַלע גאולות, וואָס פאַר איר. ווי קרעפטיק זענען זיינע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט וויזיאָנעריש, אַז „די גלותן ביז היינט זענען נישט זייער לאַנג געווען, און האָבן געהאַט אַ גרענעץ און אַ סוף. אָבער די גרויסע ישועה וואָס דאַרף קומען במהרה בימינו וועט זיין אַ גרויסע אָן אַ סוף און אָן אַ גרענעץ און אַ גענצלעכע, וואָס נאָך איר וועט שוין קיין גלות נישט זיין" [15]. אין דער ביאת־אליהו במהרה בימינו — וואָס זי איז פאַר ביאת־המשיח — האָט ער געזען, אַז „ס'וועלן דערהויבן ווערן אַלע ניצוצות פון קדושה אַפילו די זייער ווייטע" [16] און „אַז משיח צדקנו וועט קומען במהרה בימינו, וואָס ער איז דער עיקר און דער שורש פון יעדער מלכות", וועלן מיר זוכה זיין צו אונדזער מלכות, מיר וועלן לעבן אַ לעבן פון נחת און הרחבה און מער זיך נישט נייטיקן אין קיין נסים, ווייל „די נסים זענען לויט דער געדריקטער צייט, דערפאַר זענען זיי געגליכן צו דער נאַכט, ווייל נאָענט צו דער גאולה און נאָך איר וועט מען קיין נסים און נחמות נישט דאַרפן האָבן [17].

ס'איז טשעקאַווע זיין מיינונג וועגן דער שפּראַך, מיט וועלכער מען דאַרף זיך באַנוצן אין ארץ־ישראל. רב שלמה איז געווען כמעט דער ערשטער צווישן די חסידישע צדיקים, וועלכער האָט באַזונדערס באַנומען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן ארץ־ישראל און אונדזער העברעישער שפּראַך. אין פרשה שלח שרייבט ער צווישן אַנדערן: „ווייל דער עיקר ווערטער און אותיות האָבן זייער וואָרצל אין דעם הייליקן ארץ־ישראל, איז דערפאַר נויטווענדיק, אַז דאָס פאָלק וואָס וווינט דערין זאָל רעדן לשון־קודש, ווייל דאָס איז די הייליקע שפּראַך וואָס דורך איר זענען געשאַפן געוואָרן אַלע וועלטן. און אויב זיי רעדן נישט קיין לשון־קודש — געהערט נישט דאָס לאַנד צו זיי, און ס'איז לייכט זיי אַרויסצוטרייבן פון דעם, אין ס'איז אונדזערס, ווייל מיר רעדן לשון־קודש".

ג

רב יעקב יצחק דער „חוזה" פון לובלין האָט אים זייער געשעצט, און אין זיין הסכמה, וואָס ער האָט געשריבן צום ספר, זאָגט ער: „די וואָס קענען מיך ווייסן, אַז ס'איז נישט מיין שטייגער זיך גרייס צו האַלטן, ובפרט נאָך צו געבן אַ הסכמה אויף אַ ספר. אָבער לכבוד דעם גרויסן מענטשן האָב איך מבטל געווען מיין ווילן, ווייל ס'איז באַקאַנט דער

רבי, דער מגיד־מישרים, דער חריף און בקי אין נגלה און נסתר, דער קדוש־ישראל, זיין נאָמען איז שוין לאַנג באַרימט איבער דער וועלט דורך דער הקדמה צום ספר „לקוטי אמרים" פון מעזריטשער מגיד. און ערשט האָט מען מיר געוויזן נייע כתבים פון זיין תלמיד הרב המגיד, וועלכן מען רופט רב שלמה לויצקער און קאָרעצער, און כ'האָב געזען אין די כתבים אַ סך וווּנדערלעכע חידושים, זיסערע פון האָניק, און זייער הנאה געהאַט פון זיי. און כ'האָב געהערט, אַז ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס ווילן דווקא האָבן אַ הסכמה פון מיר, בין איך געווען געצוווּנגען מבטל צו זיין מיין ווילן און מודיע זיין, אַז זיי זענען זייער ווױלגעפעלן אין מיינע אויגן און זענען ראוי מען זאָל זיי מפרסם זיין, אַז אַ סך זאָלן געניסן פון זיינע געשמאַקע רייד".

ווען דער מגיד ר' שלמה איז אויף זיין עלטער גערודפט געוואָרן פון די תלמידים פון ר' מיכל זלאָטשעווער, איז דער רבי לייב סאַסאָווער אַרויס אים צו שיצן, און אין איינעם פון זיינע בריוו, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר די גדולי־ישראל, שרייבט ער צווישן אַנדערן: איך ווייס זיכער, אַז דיין פאָלק זענען אַלע צדיקים, אַלע זענען געליבטע, אַלע זענען לויטערע, אַלע זענען הייליקע, אנשי־שם, מענטשן פון גוטע און גערעכטע מעשים. ווער בין איך עס, דער שפלער און פאַראַכטעטער, עדות צו זאָגן וועגן קדושת־ישראל. צוליב יראה בין איך מחויב צו ענטפערן, ווייל איך שרעק זיך פאַר די גדולים, די גדולי־הדור, וואָס פון זייער וואָרט לעבן מיר, און זיי זענען די זיילן פון דער וועלט, און ווי וועל איך זיך דערלויבן עפענען דאָס מויל צו רעדן קעגן זיי. נאָר כ'בין געקומען בלויז ווי אַן אָרעמאַן פאַר דער טיר צו בעטן פון אייער תורהס כבוד, איר זאָלט זיך צונייגן אויף דער וועלט מקיים צו זיין „מענה רך משיב חימה" פון מיין פריינד דער באַוווסטער רבי דער חסיד מו"ה שלמה נ"י (געמיינט רב שלמה לויצקער), וועלכער האָט משמש געווען לפני־ולפנים ביים הרב המגיד פון מעזריטש". פונעם אינהאַלט פון בריוו קאָן מען לערנען וועגן זיין צדקות און עניוות, און ער שטעלט זיך איין פאַר דער באַליידיקונג פון דעם סאָקאָלער מגיד, וועלכער האָט געדינט לפני־ולפנים ביים מעזריטשער מגיד.

צוליב אַן אומבאַוווסטער סיבה האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן רב פנחס קאָרעצער און רב שלמה לויצקער, וועלכער האָט אויך געוווינט אין קאָרעץ. רב פנחס, וואָס האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט ווי אַ רודף־שלום און פלעגט אַליין דערפירן צו שלום בין אדם לחברו, האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס דאָזיקע מחלוקת, האָט פאַרלאָזט די שטאָט קאָרעץ און איז אַריבער וווינען אין אָסטראָ.

אין איינעם פון די „שטיבלעך" פון די טריסקער חסידים אין לויצק פלעגט מען אָנווייזן אויפן עמוד, פאַר וועלכן ס'פלעגט שטיין רב שלמה און דאַווענען אָדער לערנען. און דער דאָזיקער עמוד איז געווען פאַרהייליקט ביי די חסידים.

ער איז נפטר געוואָרן י"א שבט, תקע"ג, און זיין גייסטיקער יורש איז געווען זיין זון דער צדיק רב דב־בעריש פון אָלעסק.

---

1) אויפן שער־בלאַט „דברת שלמה". 2) „שם הגדולים החדש", אות ש' מספר ל"ג. 3) „ספר הדורות החדש", פ"ב מספר ל"ס. 4) דאָרט פון „לקוטי רמ"ל". 5) דאָס איז די שטאָט סאָקאָל אין

מזרח־גאַליציע. אין „שם הגדולים החדש", מערכת ספרים, אות ד', מספר ל' איז געשריבן, אַז ער איז געווען מגיד־מישרים אויך אין קאָרעץ. 6) דער רש"ל אין זיין הקדמה צום „מגיד דבריו ליעקב". 7) „מגיד דבריו ליעקב" מיט דער הקדמה פונעם אַרויסגעבער רב שלמה לוציקער דער תלמיד פונעם מגיד, קאָרעץ תקמ"ד און תקמ"ז, זשאָלקעוו תקנ"ב און תקנ"ז, בערדיטשעוו תקס"ח (מיט אַ הסכמה פון רל"י בערדיטשעווער). אין דער בערדיטשעווער אויסגאַבע איז צוגעגעבן אַ בריוו פונעם בעש"ט וועגן עלית־נשמה אין יאָר תק"ז און אַ מעשה „ווי דער מגיד האָט זיך דערנענטערט צום בעש"ט". 8) „מגיד דבריו ליעקב". 9) דאָרט. 10) דאָרט. 11) דאָס ספר „דברת שלמה" איז דערשינען נאָך זיין פטירה אין לעמבערג תרי"ט דורך הרב ישכר בער פון סאָקאָל. 12) „דברת שלמה", שמות. 13) דאָרט, מגילת אסתר. 14) דאָרט, וארא. 15) דאָרט, וארא. 16) דאָרט, בחוקותי. 17) דאָרט, מגילת אסתר.

מ. ש. גשורי

ר' יוחנן פּערלאָוו, דער לויצקער רבי

כ"א כסלו תשט"ז איז אין אַמעריקע נפטר געוואָרן רבי יוחנן פּערלאָוו, דער אדמו"ר פון לויצק. פון אַלע זין צדיקים פון ר' ישראלן, דעם „ינוקא" פון סטאָלין, איז ער איינער אַליין איבערגעבליבן נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה. ער איז נתבקש געוואָרן אין דער ישיבה־של־מעלה, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שום ממלא־מקום פון דער קארלין־סטאָלינער היסטאָרישער דינאַסטיע.

רבי יוחנן, דער יינגסטער פון דעם „ינוקא"ס זין, געבוירן ז' מנחם־אָב תר"ט אין סטאָלין, האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָכן צדיק רבי יוחנן פון ראַכמיטריווקע. נאָך ווען ער איז אַ קינד געווען, האָט מען שוין אַרויסגעזען, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן צו גרויסע זאַכן, און אַלטע חסידים דערציילן וועגן אים וווּנדער נאָך פון זיינע קינדער־יאָרן. ער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט זיינע ברידער אין דעם קוואַרטעט, געשאַפן דורך זייער טאַטן דעם צדיק, וועלכער פלעגט שפּילן פידל. זיינע זין פלעגן שפּילן אויף צוויי פידלען, אַ וויאָלענטשעל און אַן „אַלט" סיי פון דער קלאַסישער מוזיק און סיי פון די חסידישע ניגונים. די נאָטן־שריפט איז זיי נישט פרעמד געווען. אין די שבת־צונאַכטן און מוצאי־יומטובס פלעגן די חסידים מיטן רבין בראש זינגען און שפּילן פּיוטים און תפילות, אין וועלכע ס'ווערט אַרויסגעבראַכט דער כלות־הנפש צום אַוועקגייענדיקן שבת אָדער יומטוב. דאָס געזאַנג איז ביי דעם „ינוקא" געווען אין דער בחינה פון עבודת־הקודש. אַזוי האָט ער אויך געלערנט זיינע קינדער. ער אַליין פלעגט זיי לערנען שפּילן פידל, און פאַרן נעמען די אינסטרומענטן צום שפּילן פלעגן זיי ספּעציעל וואַשן די הענט. זיינע קינדער האָבן געירשנט פון אים זיין מוזיקאַלישן טאַלענט. און רב יוחנן איז באַשענקט געוואָרן מיט אַ טאַלענט צו געזאַנג און מוזיק און האָט זיך דערמיט נישט ווייניק אָפּגעגעבן.

אום זומער תרפ"א האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אדמו"ר רב שמעון שלמה פון אָליק (אַן אייניקל פון דעם „גדולת מרדכי"). נאָך זיין פאָטערס פּטירה, אין יאָר תרפ"ב אין פראַנקפורט א"מ אין דייטשלאַנד, האָט ער איבערגענומען דאָס נשיאות פון קארלין אין לויצק און דאָרט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער עדה פון יראים־ושלמים. וווּנדערלעכע אייגנשאַפטן האָבן כאַראַקטעריזירט זיין פּערזענלעכקייט. ער איז געווען באַקאַנט ווי אַ גדול אין תורה און חסידות, אַ פּקח און דערפאַרענער אין וועלטלעכע ענינים, אַ צדיק און עניו און אַ מאַן פון אויסדערוויילטע מידות, אַ מנהיג מיט אַ קלאָרער און פעסטער שטעלונג, מיט אַ ברייטן שווּנג און מוסטערהאַפטער איניציאַטיוו. ווי איינער פון די אויסגעצייכנטע באַווירקער, האָט ער זייער אַ סך משפּיע געווען אויף זיינע חסידים, מקורבים, דירעקט און אומדירעקט.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די לעצטע גרויליקע וועלט־מלחמה, האָט ער אויסבאַהאַלטן זיין גרויסקייט און זיך געפירט ווי אַ פשוטער מענטש. ער האָט איבערגעטראָגן פיזישע און גייסטיקע ליידן און נישט געוואָלט בלייבן אין שטאָט. ער מיט זיין ווייב און זיינע צוויי טעכטער זענען אַנטלאָפן און פאַרוואָגלט געוואָרן קיין מיטל־רוסלאַנד, קיין קירגיזיע. א סך יסורים האָט ער איבערגעלעבט. דאָרט זענען אים אין איין טאָג געשטאָרבן דאָס ווייב און זיין עלטערע טאָכטער, און מיט די אייגענע הענט האָט ער זיך מתעסק געווען מיט זייער קבורה. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז ער אָנגעקומען מיט זיין טאָכטער צפּורה אין דעם פּליטים־לאַגער פילדינג אין דייטשלאַנד און דאָרט פאַרבליבן עטלעכע חדשים. ער איז דאָרט געווען א נחבא־אל־הכלים און האָט זיך צו קיינעם נישט געלאָזט באַקענען. טאָג און נאַכט איז ער זיך געזעסן אין זיין ווינקעלע און געזאָגט תהילים. און נאָך דעם ווי ער האָט איינמאָל באַקומען די מסכתא „קידושין" איז ער איבער איר געזעסן און געלערנט יומם־ולילה. נאָכדעם ווי מען האָט אים דערקענט און געוואָלט אים באַהילפיק זיין אין באַקומען לעבענסמיטל, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

נאָך יאָרן פון פּיין, אָפּקומענישן און יסורים אין סיביר און אין די פּליטים־לאַגערן האָט זיך אים איינגעגעבן עולה צו זיין מיט זיין איינציקער טאָכטער קיין ארץ־ישראל. ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט א מעכטיק געזאַנג פון „קול רינה וישועה באהלי צדיקים" דורך זיינע חסידים, וועלכע זענען געקומען קיין חיפה מקבל־פּנים זיין זייער חשובן רבין. ווען

ער איז נאָך געווען אין פילדינג האָבן זיי אים באַשטימט פאַר זייער רבין און גייסטיקן מנהיג און געשיקט צו אים א „כתב־התקשרות". אין אייר תש"ו איז ער אָנגעקומען אין לאנד ווי דער רבי פון אלע קארלינער־סטאָלינער חסידים, האָט זיך באזעצט אין חיפה און גענומען אין זיין האנט די אָנפירונג מיט אלע מוסדות פון די חסידים פון דער דינאסטיע. רב יוחננס עליה האָט דערוועקט פרייד און התלהבות אין דעם ציבור פון די קארלינער חסידים אין לאנד. צוויי יאָר איז דער רבי מיט זיין טאָכטער געזעסן אין לאנד. דאָס איז געווען זיין צווייטער באַזוך אין לאַנד, נאָך זיין ערשטן באַזוך אין יאָר תרצ"ח. אַ סך ווערק האט ער אויפגעשטעלט אין לאנד און אין גלות און פאר־פעסטיקט די אלטע.

לויטן באַפעל פון דאָקטוירים און דער דרינגענדיקער בקשה פון די סטאָלינער חסידים אין אמעריקע איז ער ארויסגעפאָרן אהין, ווו ער האָט באוויזן זיך איינצושאפן א סך חסידים און פריינד. ער האט דאָרט געגרינדעט א ישיבה אויפן נאָמען פון זיין טאטן א. נ. „בית־ישראל" ווו ס'ווערן אין איר דערצויגן א געוויסע צאָל אמעריקאנער בחורים אין גייסט פון קארלינער חסידות. די קארלין־סטאָלינער ניגונים זענען דאָרט אויפגע־שטאנען תחיית־המתים, און די תלמידים באנוצן זיך מיט זיי ווי מיט ניגונים צו דער גמרא און פארזיסן מיט זיי די סוגיות וואָס זיי לערנען. אָבער זיין גאַנץ לב־ונפש האָט געשטעקט אין ארץ־ישראל, און ער האט זיך געגרייט אומצוקערן זיך אהין מיט דער צייט. פון אמעריקע האָט ער באפוילן זיינע חסידים אין ירושלים, זיי זאָלן אָנהייבן בויען אַ פּרעכטיקן בנין, וועל־כער זאָל דינען פאר א צענטער פון תורה און פאר א ישיבה פאַר יונגע בחורים. און מען האָט טאַקע גענומען בויען אַ דירה פארן רבין אין ירושלים און אויפשטעלן א מקווה. אין יאָר תשי"ז איז ער געקומען אין לאנד און האט זיך דאָ אויפגע־האלטן עטלעכע חדשים און אויפגעוועקט א רוח־חיים און א נייע התלהבות צווישן זיינע חסידים. ווען ער האט זיך אומגעקערט צוריק אין די פאראייניקטע שטאטן, האָט ער אויסגעדריקט זיין האָפענונג וואָס פריער זיך אומצוקערן און זיך באזעצן אויף שטענדיק.

אין טבת תשט"ו האָט דער רבי באקומען א בלוטאויסגוס אין מוח. די דאָקטוירים האָבן אָנגענומען א סך מיטלען אים צו ראטעווען, און זיין צושטאנד האָט זיך פארבעסערט. אבער סוף זומער האָט ער באקומען א שטארקן הארץ־אטאק און כ"א אין כסליו תשט"ז איז דער רבי נפטר געוואָרן, צום גרויסן ווייטיק פון זיינע חסידים און פארערער.

אין עטלעכע חדשים ארום נאָך זיין פטירה איז ער געבראכט געוואָרן אין לאנד אריין און געקומען צו קבורה אין טבריה.

מ. ש. גשורי

דער ניעסכיזשער רבי און זיינע נאכקומער

א

ר' מרדכילע — דער מייסד פון דער ניעסכיזשער דינאסטיע

די רביאישע דינאַסטיע פון ניעסכיזש האָט געציילט זעקס נאָכאַנאַנדיקע דורות, און צווישן זיי זענען געווען דריי דורות צדיקים, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן לעבן פון לויצק, ווייל זיי האָבן דאָרט געוווינט בקביעות און געפירט רביאישאַפט, און זייער שיטה איז געווען ווי א מאַגנעט פאַרן חסידות.

דער מייסד פון דער דינאַסטיע איז געווען רב מרדכילע (תק"ב—תק"ס) ברב דוב־בער, אָדער ווי די חסידים פלעגן אים רופן „דער אלטער פון ניעסכיזש", וועלכער איז פריער געזעסן אויפן כסא־הרבנות אין עטלעכע שטעט. זיין טאַטע איז געווען פון אַ יחוסדיקער גזע, דער זון פון רב לייבוש אָב־בית־דין אין ניעסכיזש, וועלכער איז געווען אַ שרייבער פון דעם „ועד־ארבע־הארצות", פון דער נאָכקומערשאַפט פון דעם מקובל מחבר פון ספר „מגלה עמוקות" פון קראָקע, פון דעם מהר"ל פון פּראָג, פון רב העשל פון קראָקע, פון רבי דאָן יצחק אברבנאל, פון גאונים און צדיקים אַ דור נאָך אַ דור. און ער איז געווען פון דער גזע פון דוד המלך. רב מרדכי איז געווען אַ תלמיד מובהק פונעם מגיד רב יחיאל מיכל פון זלאָטשעוו, וועלכער איז געווען פון די חסידים פונעם מגיד רב דוב־בער פון מעזריטש. נאָך יונגערהייט איז ער אויפגענומען געוואָרן פּאַר אַ רב אין לעש־נאָוו, און פון דאָרט אַריבער צו זיין רב אין קאָוולע, לודמיר און ניעסכיזש. ווי אַ רב האָט ער עוסק געווען אין דעם ענין פון געפינען אַ היתר פאַר עגונות. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער נישט גערעדט קיין שלעכטס אויף קיין שום יידן. אין זיין ספר „רשפי אש" ברענגט ער אַ טעם דערצו מיט אַזעלכע ווערטער: „מען טאָר נישט רעדן קיין שלעכטס, חס־ושלום, אויף קיין שום יידן, ווייל דורך דעם וועט אים אויסקומען צו ווערן אַ פאַלשער עדות, ווען ס'וועט מקטרג זיין דער רשע, דאָס איז דער יצר־הרע, און וועט אים ברענגען פאַר אַן עדות צו זיינע רייד. און דערפאַר איז אויך ווען מען דאַרף טאַדלען אַ וועלכע־ס'איז שלעכטע מידה און רעדן פון אַ וועלכן בייזן מענטשן, דאַרף מען בפירוש זאָגן, אַז מען רעדט נישט וועגן דעם עצם מענטשן, נאָר וועגן דער שלעכטער מידה".

בעת זיין ווינען אין קאָוולע האָט רב מרדכי געלעבט אין גרויס דחקות, און לויט אַ חסידישער לעגענדע האָט זיך זיין ווייבס משפחה משתדל געווען, זי זאָל זיך גטן מיטן מאַן, ווייל ער איז פאַרטאָן אין עבודת־הבורא און זאָרגט נישט וועגן פרנסה פאַר זיין הויזגעזינד. נאָר אָט איינמאָל אין אַ ווינטערנאַכט איז רב מרדכי געזעסן אין זיין חדר און געלערנט, און די רביצן איז

געזעסן אין איר בעט צווישן די קישנס און איבערבעטן צוליב דער שטאַרקער קעלט און האָט געטאָן איר אַרבעט, ווי פּלוצעם האָט זי דערזען אַז אויפן מאַנס שטערן האָבן אויפגעלויכטן „נצור־צין דנורא" — פייערפונקען. אַ גרויסע אימה איז געפאַלן אויף דער רביצין, און זי האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ צייכן פונעם הימל, און אַז זי דאַרף מקבל־באהבה זיין איר גורל.

דער רבי ר' מרדכי איז געווען איינער פון די גדולים אין תורה און חסידות פון זיין דור, און די גדולים פון זיין דור האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער איז געווען פון אַזאַ הויכן שטאַפּל, אַז תורה און תפילה, עסן און שלאָפן האָבן זיך ביי אים פאַראייניקט אין איין עבודה. צווישן זיינע תלמידים האָבן זיך גערעכנט רב אורי דער צדיק פון סטרעליסק (מחבר פון ספר „אמרי קדוש") און רב קלמן־קלונימוס עפּשטיין (מחבר פון „מאור ושמש") פון קראָקע. איינער פון זיי פלעגט זיצן זיבן יאָר נאָכאַנאַנד, און דער צווייטער — דריי יאָר צו לערנען ביי אים די דרכים פון חסידות און עבודת־השם. מען דערציילט אפילו, אַז דער „חוזה" פון לובלין האָט אָנגעפרעגט אויבן, אין הימל, ווער ס'איז דער גדול־הדור, האָט מען אים געענטפערט: „מורנו הרב מרדכי בן גיטל". ער איז געווען אַ הייליקער און אַ פּרוש, און טויזנטער חסידים, און צווישן זיי צדיקי־הדור, האָבן געפונען שוץ אין שאָטן פון זיין הייליקייט. ער איז באַרימט געוואָרן ווי אַ ישועות־ברענגער, און פון מרחקים פלעגן קומען צו אים קראַנקע און געשלאָגענע פון גורל, כדי געהאָלפן צו ווערן מיט ישועה און רחמים. זיין תלמיד רב אורי סטרעליסקער שרייבט וועגן אים, אַז „רב מרדכי האָט געקאָנט די מעשה־בראשית און דעסגלייכן. ער האָט אויך באַוויזן אַ סך מופתים, אָבער ער פלעגט דערויף חרטה האָבן, און קיינער האָט נישט געוווּסט דערפון. נאָר איך האָב געוווּסט און געזען, אַז ער פלעגט חרטה האָבן". דער „חוזה" פון לובלין פלעגט פאָרן צו אים, און רב שמחה בינם דער פשיסכער ברענגט פון אים תורה אין זיין ספר „קול שמחה". זיינע תורות זענען געזאַמלט געוואָרן אין אַ קליין ספרל, נאָר אַ גרויס אין איכות, מיטן נאָמען „רשפי אש". ער איז אויך געווען פון די צדיקים, וועלכע פלעגן שטאַרק שטיצן דעם חסידישן ישוב אין ארץ־ישראל, און האָט פאַרוועלט צו פאַרנוצן פון די צדקה־געלטער באַשטימטע פאַר ארץ־ישראל אויף יעדער אַנדער הייליקער זאַך.

דער רבי רב מרדכי איז נסתלק געוואָרן ח' ניסן תק"ס. לויט די חסידים דערציילן איז עס געווען ערב שבת, און ער איז פאַרבעטן געוואָרן פון גן־עדן צו הערן קבלת־שבת אין אייבערשטן היכל, העכער פון הויך. האָט רב מרדכי געזען איינעם אַ זקן זיצן אין פּרוזדור. האָט ער אים געפרעגט, פאַרוואָס איז אויך ער נישט פאַרבעטן געוואָרן? האָט ער אים געענטפערט, אַז דאָס איז פאַר אים אַ שטראָף פאַרוואָס ער האָט נישט אָנגעטאָן קיין ווייס העמד לכבוד שבת. האָט רב מרדכי געזאָגט צו דער פמליא־של־מעלה, אַז ער וועט נישט ארויפגיין אין אייבערשטן היכל אין גן־עדן אַז דעם זקן, וועלכער איז באַשטראָפט געוואָרן האַרב פאַר אַ לייכטער עבירה. האָט מען אָנגעפרעגט אויבן, איז געקומען אַן ענטפער, אַז מען דאַרף טאָן רב מרדכיס פאַרלאַנג, טרשט דערמאלט איז ער צוזאַמען מיטן זקן אַרויפגעגאַנגען אינעם אייבערשטן היכל.

ער האָט געלאָזן נאָך זיך דריי זין צדיקים און איין טאָכטער, דאָס זענען: א) רב יוסף קאַצענעלנבויגן דער ראש־אב־בית־הדין אין אָסטילע און לויצק; ב) רב יעקב אריה, וועלכער ווערט גערופן „דער קאָוולער רב" (אַן איידעם פון דעם טריסקער מגיד רב אברהם); ג) רב יצחק ניעסכיזשער (דער „תולדות יצחק"), וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אייניקל פון רב לוי יצחק בערדיטשעווער און איז ביי אים געזעסן אויף קעסט. זיין טאָכטער צערטל האָט חתונה געהאַט מיט רב מאיר שראגע פייוול דעם זאַסלאַווער רב.

ב

רב יוסף קאַצענעלנבויגן דער לויצקער רב

רב יוסף, דעם ניעסכיזשער רבינס עלטסטער זון (געבוירן אין יאָר תקכ"ג), האָט חתונה געהאַט מיט שרה טריינען די טאָכטער פון דעם רבין רב יהודה מאיר שאַפּירא פון שעפּעטאָווקע. ער איז געווען ראש־אַב־בית־דין אין הרובעשאָוו און אָסטילע מיטן גליל, און צום סוף געוואָרן ראש־אַב"ד אין לויצק, ווו די חסידים האָבן אים געקרוינט פאַר אַ רבין. אין איינעם אַ ספר ווערט ער דערמאָנט מיטן טיטל „באַרימטער גאון און צדיק, הייליקער און פרישותדיקער חסיד". זיינע יוגנט־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין הויז פון זיין טאַטן דעם צדיק, וועלכער האָט אים מחנך געווען און געגעבן הדרכה צו תורה און מצוות. וואָס נישט געקוקט אויף זיינע פילע זאָרגן און גרויסער עבודה האָט ער נישט געזשאַלעוועט קיין מי צו דערציען זיין זון צו זיין שפּעטערדיקער מיסיע ווי אַ רב און רבי און די גאַנצע צייט ממש פון אים נישט אָפּגעטראָטן.

אומעטום ווו ער האָט געוווינט, האָט ער מיט אַ סך פלייס פאַרשפּרייט די תורה פון חסידות, ווי ער האָט זי געלערנט ביי זיין טאַטן אין שטוב. זיין הויף אין לויצק האָט תמיד, טאָג און נאַכט, גערוישט מיט חסידים און סתם יידן, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו זייער געערטן און געליבטן רבין, וועלכער פלעגט געפינען אַ שטעג סיי צום האַרצן פון דעם פּראָסטן יידן, סיי צום האַרצן פון דעם למדן. ער האָט קיינעם נישט מדחה געווען. שטאַרק אומגליקלעכע יידן פלעגן זיך פילן ביי אים אין שטוב ווי ביי זיך אין דער היים, שעפּן דערמונטערונג און טרייסט פון זיין פאָטערלעכן בליק וואָס איז פול מיט רחמים, פון זיינע רייד און זיין ברכה. ער פלעגט זאָגן אַ סך תורה, פאַר די וואָס קומען אין זיין בית־מדרש, און ביי אַלעמען האָבן אויסגענומען זיינע שמועסן, און מ'האָט געזען אין זיי אַ קוואַל פאַר דערהייבונג און עבודת־השם. ער פלעגט אויך באַזוכן די נאָענטע און ווייטע שטעט און וועקן דעם עולם מקיים צו זיין די מצוות און לערנען תורה. זיין יעדע דערשיינונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אויף יעדן אָרט אין אַ געשעעניש און אין אַ גאָר שטאַרקער איבערלעבעניש. אין פאַרשידענע שטעט פלעגט מען וועגן אים דערציילן וווּנדער און לעגענדעס, ווי ס'זאָגט עדות דער מחבר פון „מזכרת גדולי אוסטרא" אין זיין ספר (עמוד 287).

ער האָט אַ סך און פלייסיק געלערנט, איז געווען אַ גרויסער למדן און האָט אויך געגעבן הסכמות אויף ספרים, ווי אויפן ספר „עיר יעקב" (דפוס הרובעשויוו) יב' חשון תקע"ח. זיין גרויסקייט אַלס גדול אין תורה האָט אַנטשפּראָכן זיין דערהויבענער פערזענלעכקייט אין אַלע הינזיכטן.

ער האָט חתונה געמאַכט זיין זון רב ברוך מיט דער טאָכטער פון דעם באַרימטן צדיק רב יעקב יוסף פון אָסטרע (אַן

אייניקל פון יעקב יוסף דעם גרויסן, וועלכן מ׳האָט גערופן „רב ייבי״ אויפן נאָמען פון זיין ספר). נאָך פאַר דער חופּה איז ער שלאָף געוואָרן, געבליבן ליגן צו בעט, און אין די שבעת־ימי־המשתה נסתלק געוואָרן, י״ח אלול תק״ץ, אַלט און זאַט מיט יאָרן. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן שענסטן פּלאַץ אויפן הייליקן אָרט אין אָסטרע, און אויף זיין קבר איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע שטיינערנע מצבה, וואָס אויף איר זענען אויסגעקריצט די קומענדיקע שורות:

„כאן קנה מקומו כבוד הרב
המאור הגדול, החסיד המפורסם,
מטע קדושים, גזע ישישים, מו״ה
יוסף בהרב הגאון מו״ה מרדכי
זצלה״ה מבית קצנלנבויגן,
שהיה משמש בכתר הרבנות
בק״ק לויצק ובק״ק אוסטילה
ושאר קהילות קדושות,
נפטר י״ח אלול שנת תק״ץ לפ״ק.

דער רבי רב יוסף פון לויצק האָט געהאַט פיר זין, אַלע רבנים און גדולים אין תורה און מעשים־טובים, און איין טאָכטער, און די זענען זיי: א) הרב פּנחס פון אָסטילע (דער איידעם פון הרב אלכסנדר שמואל פון האָראָכאָוו); הרב מרדכי פון אָסטילע; ג) הרב ברוך פון קאָנסטאַנטין; הרב לוי יצחק פון סטעפּין. די טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר רבי שמואל יחיאל פון באָטאָשאַן, דער זון פון רב דן פון ראַדיוויל, און די דאָזיקע חתונה איז באַרימט געוואָרן אויף דער וועלט אינטערן נאָמען „די אָסטילער חתונה״, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט מער פון הונדערט רביים מיטן צדיק דעם „אוהב ישראל״ פון אַפּט בראש.

רב ברוך, דער איידעם פון רב יעקב יוספן דעם אָסטרער רבין (אַן אייניקל פון „רב ייבין״), האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן ספר פון רב יעקב יוסף דעם גרויסן פון אָסטרע, וועלכער איז געלעגן אין כתב־יד, און האָט אים אָפּגעדרוקט. ער האָט אויך אָפּגעדרוקט דעם ספר „רשפי אש״ פון זיין זיידן רב מרדכי דעם ניעסכיזשער רבין און דערמיט באַרייכערט די חסידישע ליטעראַטור מיט צוויי וויכטיקע ספרים, וועלכע זענען אַ סך פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די חסידים און האָבן אויך זוכה געווען צו עטלעכע אויסגאַבעס.

רב ברוך פון קאָנסטאַנטין, וועלכער איז נפטר געוואָרן כ״ו מנחם־אָב תרנ״ג, האָט איבערגעלאָזן צוויי זין: רב מרדכי פון ביאַלעראָדקע, דער איידעם פון רב צבי אריה פון אָליק, וועלכער האָט אויף דער עלטער עולה געווען קיין צפת און איז דאָרט געשטאָרבן, און רב יעקב יוסף פון קאָנסטאַנטין, און אויך איין טאָכטער.

רב מרדכי פון ביאַלעראָדקע האָט געבוירן רב יוסף דודן פון לויצק און רב פּנחסן פון קאָנסטאַנטין.

ג.

רבי יוסף דוד דער לויצקער רבי

רב יוסף דוד, דער זון פון רב מרדכי פון ביאַלעראָדקע, האָט חתונה געהאַט מיט סאָסלען די טאָכטער פון רב אברהם ספּאַרד דעם רבין פון אָסטרע, און די ניעסכיזשער חסידים אין לויצק האָבן אים באַווירקט, ער זאָל זיך באַזעצן אין לויצק און פירן חסידות. זיין הויז פלעגט זיין ברייט צעעפנט, אין דער בחינה פון „כל דכפין״. ער איז געווען אַ גדול אין תורה און האָט קיינמאָל נישט אַוועקגעלייגט דאָס לערנען, דער עיקר די ספרים פון זוהר און קבלה, ווייל ער איז געווען אַ בעל־מקובל. ער איז אויך געווען באַליבט ביי לייטן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין וווּנדערלעכער פּערזענלעכקייט ווי איינער פון די טייערע און דערהויבענע געשטאַלטן ביי יידן פונעם פריערדיקן דור: אַן אוהב־הבריות און אַן אוהב־המקום. דאָס פייער פון דער דרייפאַכיקער ליבשאַפט: אהבת־התורה, אהבת־ישראל און אהבת־ארץ־ישראל איז געווען זיין „אש־תמיד״.

ר׳ יוסף דוד קאַצענעלבויגן

אַ סך זענען זיי געווען זיינע חסידים און פאַרערער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין זיין שאָטן אין לויצק. איינער פון די לויצקער אין אַמעריקע שילדערט אים: אַ שיינער ייד פון אַ נידעריקן וווּקס, מיט אַ קיילעכיקער בלאָנדער באָרד, מיט אַ לייכטנדיקן הדרת־פּנים, וואָס מען קאָן אויף אים זאָגן, אַז עס רוט אויף אים די שכינה. ער איז תמיד געווען פאַרטאָן אין

תורה־ספרים, אַן ערנסטער און ווייניק־רעדנדיקער. די חסידים פלעגן קומען צו אים על־פי־רוב אין בית־מדרש אַריין, ווו ער פלעגט דאַווענען פון טיפן האַרצן. זיין תפילה פלעגט שאַפן ביי זיי דעם איינדרוק, אַז זיי זענען אַרויס פון וואָכעדיקן לעבן און אַריין אין דער ספערע פון פרייד און יומטוב. מיט אומגעדולד פלעגן זיי וואַרטן אויפן שלש־סעודות. די גייסטיקע שפּייז פלעגט זיין בשפעדיק און פילפאַרביק. אין אָנהייב — די זמירות, וואָס דערוואַרעמען דאָס האַרץ: „בני היכלא דכסיפין", „ידיד נפש". מיט וואָס פאַר אַ מתיקות זיי פלעגן זינגען דעם זמר „אל מסתתר בשפריר חביון". די מערהייט חסידים זענען געווען בעלי־מלאכות, אַרבעטער, וואָס האָבן די גאַנצע וואָך געאַרבעט שווער אויף צו פאַרדינען פרנסה פאַר זיך און די בני־בית זייערע. אָבער זיצנדיק ביים רבינס טיש, פלעגן זיי אויסגלייכן די רוקנס, די קנייטשן פון זייערע פנימער פאַרשווינדן, דער אומעט פאַרגייט, און זיי זעען אויס ווי פּרינצן. אַלע פלעגן זינגען די זמירות מיט דביקות און התלהבות. דער רבי פלעגט זאָגן פאַר זיי תורה, און זיי פלעגן זיך איינהאָרכן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דאָס איז געווען זייער גייסטיקע שפּייז אויף דער גאַנצער גרויער און אויסמאַטערנדיקער וואָך.

מוצאי־שבת, נאָך הבדלה, פלעגט זיך דער רבי פרייען צו דער מלווה־מלכה, דעמאָלט פלעגן זיי זיך מכבד זיין מיט טרינקען אַ גלעזל בראָנפן, און אַלע זענען געווען פול מיט צופרידנקייט. שמחת־תורה פלעגט דעם רבינס פנים זיין נאָך מער פריילעך און פייערלעך, אַן אָנגעטאָנענער אין זיין גלאַנציקער אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט אַ ברייטן גאַרטל אַרום די לענדן, מיטן רביאישן שטריימל אויפן קאָפּ. אָנגעטאָן גלייך ווי יעדן טאָג — און פון דעסטוועגן אויסגעזען פייערלעכער. און זיין פנים האָט געשטראַלט, ווי דאָס פנים פון אַ הייליקן, בעת ער האָט געטאַנצט מיט דער תורה אין די הענט, באַגלייטנדיק דעם טאַנץ מיט פאַרשידענע ניגונים. די חסידים וואָס זענען געגאַנגען הינטער אים מיט די תורות האָבן אים באַגלייט מיט זייער געזאַנג און צוגעפּאַסט זייער טאַנץ צום ריטם פון דעם ניגון.

זיין ווייב, די רביצן, אַ שטאַלטנע, האָט דערמאָנט מיט איר גאַנג דעם טראָט פון מלכים און פירשטן. זי פלעגט זיך באַווייזן אין בית־מדרש אין איר לאַנגן זיידענעם קלייד, מיט אַ שטערנטיכל אויסגעהאַפטן מיט איידלשטיינער און פערל אויף איר ברייטן שטערן, פלעגט אַריינגיין אין עזרת־נשים און פאַרבעטן די קינדער צו קומען צו איר אין שטוב, ווו זי פלעגט זיי טיילן האָניק־קיכלעך. און דער רבי מיט זיינע חסידים פלעגן טאַנצן אין זיין „לויצקער" בית־מדרש ביז אין טאָג אַריין.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער פאַרלאָזט לויצק און אַוועקגעוואַנדערט קיין אָדעס, און אויך דאָרט האָט ער געהאַט אַ סך חסידים און אָנהענגער. ווען אין רוסלאַנד האָבן זיך געביטן די מאַכטן, און זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די באַלשעוויקעס, האָט ער געהאַלטן געוווּנטשן פאַר זיך צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און עולה זיין קיין ארץ־ישראל. ס'איז נישט געווען קיין לייכטער ענין אין יענער שווערער און יסורימדיקער צייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. מיט גרויסע שוועריקייטן און צרות האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַקומען דאָס דערלויבעניש צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. ס'איז אויך פאָרגעקומען ביי אים אַ לעצטע רעוויזיע פון דער נ.ק.וו.ד. — אָדער ווי די יידן פלעגן זאָגן פאַרשטעלט פון די „פיר אותיות" — האַרט פאַרן פאַרלאָזן רוסלאַנד. דאָס איינציקע „טרייפע", וואָס האָט זיך געפונען ביי אים, איז געווען די קמיעות פון זיינע אָבות־אבותינו, וואָס ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט מען זיי ביי אים צונעמען. ווען אַלץ איז אַריבער בשלום, האָט די רביצן, די פרוי פון זיין ר' אברהם ז"ל, אַ זאָג געטאָן: „ווען מען וואָלט אַזוי מורא האָבן פאַרן אייבערשטן, ווי, להבדיל, פאַר די „פיר אותיות" — וואָלט שוין משיח לאַנג געווען געקומען..."

ד

רבי אברהם קאַצענעלנבויגן דער לויצקער רבי

ער איז געבוירן געוואָרן ביי זיין טאַטן דעם צדיק רב יוסף דוד אין דער שטאָט לויצק אין יאָר תרל"ז. איז געוואַקסן און זיך דערצויגן ביי זיין טאַטן, און אין יאָר תר"ס געוואָרן רבי אין לויצק. אין יאָר תרע"ה האָט ער זיך באַזעצט אין אָדעס, און טויזנטער חסידים האָבן זיך געשיצט אין זיין שאָטן. אין יאָר תרצ"ו האָט ער עולה געווען און זיך באַזעצט אין תל־אביב און פאַרטראָטן דעם טאַטן אין רביאישאַפט. פיל־פיל זענען געווען די וואָס פלעגן זיך ווענדן צו אים. זיין בית־מדרש איז געוואָרן אַ בית־ועד פאַר זיינע טויזנטער באַקאַנטע. ער פלעגט זיך אויך פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אַקטיוון עסקן לטובת דעם כלל און דעם פרט. ער האָט



ר' אברהם קאַצענעלבויגן

אַ סך אויפגעטאָן לטובת נויטבאַדערפטיקע, הגם זיין מאַטעריעלער מצב איז געווען אַ שווערער. ער האָט באַקומען אַ נאָמען אויך צוליב זיינע דערהויבענע מידות און זיין גרויס עניוות.

ער האָט געהאַט צוויי זין און אַ טאָכטער: א) רב צבי אריה, דער איידעם פון דעם רבין יעקב יוסף מענדל פון באָהוסלאַוו; ב) רב ברוך, דער איידעם פון דעם רב ישעיה מענדל פון אַרזישטשאָוו.

רב אברהם איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב, יום כ' אָדר ב' תש"ג, צו צוויי און זעכציק יאָר, און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן הר־הזיתים אין ירושלים. דאָס בית־מדרש וואָס הייסט אויפן נאָמען פון דעם „לויצקער צדיק" (אר"י־גאַס 9), עקזיסטירט ביז היינטיקן טאָג און דינט פאַר אַן אָרט פון תורה און תפילה און אַ זאַמלפּלאַץ פאַר חסידים.

מ. ש. גשורי

רביים פון לויצקער חסידות

א. ר׳ אליעזר סאפיאן, דער קאשיווקער רבי

אין אַ ריי שטעט פון וואָלינער קאַנט זענען פאַראַן רביים וועלכע שטאַמען פון קאַשיווקע, אַ וואָלינער שטעטל נאָענט פון באַוווּסטן חסידישן צענטער ניעסכיזש. דער גרינדער פון קאַ־שיווקער הויף איז געווען ר׳ שמואל הלוי, אַ חסיד ותיק, אַ מקורב און ידיד פונעם צדיק ר׳ מרדכילע, דעם שעפער פון דער ניעסכיזשער דינאַסטיע. פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז ר׳ שמואל איז געווען רבי אין קאַשיווקע און דער פאָטער פון אַ זעלבשטענדיקער חסידישער דינאַסטיע, נאָר זי איז פאַרגעסן געוואָרן אפילו אין די חסידישע קרייזן, וועלכע האָבן נישט באַ־וויזן אָדער נישט געוואָלט אָפּמערקן זי אין דער חסידות־ליטע־

דער קאשיווקער רבי ר׳ אליעזר סאַפיאַן

ראַטור. איין פאָרשער פון חסידות (ד״ר זאב ראַבינאָוויטש) שרייבט אין זיין העברעישן ספר וועגן קאַרלין־סטאָלינער הויף און זיינע אָפּצווייגן (אין כתב־יד), אַז ר׳ שמואל איז געווען זעלב־שטענדיקער רבי אין קאַשיווקע און איז געשטאַנען אין פריינד־שאַפטלעכע באַציונגען און אין מחותנימשאפט מיט זיין נאָענטן חבר ר׳ מרדכילע פון ניעסכיזש, און אַז דער יורש פון ר׳ שמואל פון קאַשיווקע איז געווען זיין זון ר׳ מיכל. ער שטעלט אויך פעסט, אַז אין יאָר תרנ״ב (1892), איז זיין אייניקל ר׳ שמואל געווען רבי אין קאַשיווקע (זכרון טוב פון י. לאַנדוי, ז. 94, פיעטריקאָוו 1892). ר׳ שמואל דער ערשטער איז געווען דער פאָטער פון צוויי דינאַסטיעס און חסידות: קאַשיווקע און האַראָדאָק.

אן אָפּשטאַם פון אט דער דינאסטיע האט אויפגעשטעלט א נעסט אין לויצק, אויף דער גאס פון דער קעניגין יאדוויגא, דער רבי ר׳ אליעזר סאַפיאַן (געב. אין יאָר 1876) איז נישט געווען פון ר׳ שמואלס גזע, נאָר דער איידעם פון קאַשיווקער רבין ר׳ מרדכילע אין לויצק, און ער איז געווען זיין ממלא מקום נאָך זיין פּטירה אין יאָר תרע״ו. ער האָט געהאַט אַ שטיבל, וואָס איז תמיד פול געווען מיט חסידים און באַזוכער. ער האט געזאָגט פאר זיי תורה, וואָס איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט לומדות און חריפות. זיינע רייד פלעגט ער תמיד ארויס־ברענגען מיט אַ הייליקן פלאַם, מיט אַ סך טאַלאַנט און זיינע צוהערער זענען נישט מיד געוואָרן צו שלינגען זיין יעדעס וואָרט מיט זשעדנעקייט. ער האָט געפונען צייט פאַר יעדן ענין פון חסידות און ארויסגעוויזן אינטערעס צו יעדער זאַך. בכלל איז ער אומעטום געווען אָנגענומען ווי א מענטש מיט א גוט האַרץ און זיינע באַקאַנטע האָבן אים זייער געשעצט.

דעם רבינס זון, יצחק לייב, איז געווען א נאציאָנאַל־רעליגיעזער עסקן און איינער פון די אָנפירער פון צעירי־מזרחי און לויצק. ער האט געשריבן אין דער רעליגיעזער פרעסע וועגן מצב פון דער רעליגיעזער יידישקייט אין שטאָט און געווען דורכגעדרונגען מיט אמונה אין דער צוקונפט פון יידישקייט.

ב. ר׳ יצחק יונגערלייב, האראכאווער רבי

אויף דער ווילקא־גאַס אין לויצק געפינט זיך די שול פון ר׳ יצחק (איטשעלע) יונגערלייב, דער רבי פון האָראָכאָוו, א שטעטל הינטער לויצק. ער האָט פאַרלייגט דעם „האָראָכאָווער הייף״, הגם ער איז געווען אַ רביאישער זון מכמה דורות. ער איז געווען דער זון פון ר׳ סענדער שמואל יונגערלייב — זון פון ר׳ יאָסעלע פון ראַדוויל; דער איידעם פון ר׳ פנחס פון אָסטילע — זון פון ר׳ יאָסעלע פון אָסטילע — זון פון ר׳ מרדכי הגדול פון ניעסכיזש, און געווען משפּחהדיק פאַרבונדן מיט די גדולי צדיקים פון זיין דור.

ר׳ יצחק האט חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון ר׳ מאיר פעטשעניק, המכונה „דער ראָוונער רבי״, וועלכער איז געווען „א גרויסער מאַן און א צדיק תמים״. אין יאָרן שפּעטער האט ער זיך באזעצט אין לויצק, געעפנט א גרויס בית־מדרש און באקומען חסידים, וועלכע האָבן ביי אים געדאוונט. ער אליין האָט ליב געהאט פאָרן צו די חסידים אין פארשידענע שטעט. מען האט אים געהאַלטן פאר א תלמיד חכם. אויף זיין פּנים האָט תמיד געשוועבט אַ שמייכל.

די פּטירה פון זיין שווער דעם ראָוונער צדיק אין יאָר תרצ״ב האט ארויסגערופן א פּראָבלעם, וואָס איז פאראייביקט געוואָרן

אין ספר „מאזנים למשפט" פון ר' זלמן סאָראָטשקין, לויצקער רב. די חסידים פון נפטר געוואָרענעם רבין האָבן געוואָלט אויפשטעלן אַן אוהל אויף זיין קבר. די שטאָט־רבנים האָבן געגעבן דערויף זייער הסכמה. עס האָבן זיך אבער געפונען קעגנער, וואָס האָבן געטענהט, אַז דאָס וועט זיין אַ פגיעת־הכבוד פון די צדיקים, וועלכע זענען שוין פון לאַנג נפטר געוואָרן און מ'האָט קיין אוהל'ס אויף זייערע קברים נישט אויפגעשטעלט. איצט איז דאָס שוין אוממעגלעך צו טאָן, ווייל די ערטער ארום זייערע קברים זענען שוין פארנומען. ר' זלמן סאָראָטשקין האט זיך פארנומען מיט דעם ענין און אויסגעפונען, אַז אין דער איצטיקער צייט דארף מען ארום א רבינס קבר בויען אַן אוהל נישט בלויז פון כבוד וועגן, נאָר כדי אויסצומיידן, אַז מ'זאָל קובר זיין דערנעבן נישט קיין פאַסיקע מענטשן. צוליב דעם איז נישט פאַראַן קיין שום פגיעת־כבוד פון די ערשטע צדיקים, ווען אט די נויטווענדיקייט איז נישט געווען אזוי שטאַרק. דער לויצקער רב האט מתיר געמאכט צו בויען דעם אוהל, בפרט נאָך דעם ווי עס איז פאַרשפרייט געוואָרן דער מנהג צו בויען אוהל'ס אויף רביאישע קברים אָן שום קעגנער־שאפט. און אפילו אין ראָוונע האָבן דאָך די שטאָט־רבנים דערצו מסכים געווען. (מאזנים למשפט, סימן לז ז.ז. עו—עז).

ג. ר' פנחס ראַבינאָוויטש, קאָריצער רבי

ר' פנחס דער קאָריצער רבי, וועלכער איז שפּעטער, אין רעזולטאט פון א לייכטן סכסוך מיטן ר' שלמה פון לויצק, אַריבער קיין אָסטרע, איז געווען באַוווסט אַלס צדיק נישט בלויז אין וואָלינער געגנט. זיין משפחה האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעצווייגט און פון איר האָבן געשטאַמט אַ סך צדיקים, וועלכע האָבן זיך באזעצט אין פארשידענע מקומות און דאָרט געפּראַוועט רביסטווע. איין אָפּשפּריץ פון איר, אַן אייניקל פונעם גרויסן קאָריצער רבין ר' פנחס, האָט זיך באַזעצט אין לויצק, נישט ווייט פונעם אַלטן בית־עלמין, אין דער געגנט פון באָוואַסטראָיעניע. זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען ראַבינאָוויטש. ער האָט זיך איינגעאָרדנט א בית־תפילה, וואָס איז תמיד פול געווען מיט חסידים און מקורבים, באזונדערס — אין די שבתים און ימים טובים.

א סך חסידים פלעגן קומען צו אים פון שטאָט און פון דער אומגעגנט און דער רבי האָט בפרטות זיך פאַרנומען מיט יעדן איינעם פון זיי. ער האָט געהאט אָפענע אויגן אויף די מעשים פון יעדן חסיד. אויב עמעצער פון זיי האָט זיך דערווייטערט און אויפגעהערט קומען, האָט דער רבי אַלץ געטאָן כדי אים צוריק־צוברענגען צו דער „חבריא" און קיינער זאָל נישט פארשטויסן ווערן פון איר. ער פלעגט צוגעבן ענערגיע זיינע חסידים. אז זיי זאָלן וואָס העכער שטייגן אין תורה און אין מידות. פון דער אַנדערער זייט האָט ער קיינמאָל קיינעם נישט פאַרשעמט. אין זיין התנהגות האָבן א סך מענטשן געפונען די שפּורן פון זיין זיידן דעם גרויסן ר' פנחס, באַזונדערס — אין זיין מלמד זכות זיין אויף יידן און אין זיין אהבת ישראל.

ד. דער „לויצקער רבי" אין תל-אביב

איך האָב שוין געשילדערט די רביים־משפחה פון דעם ניעס־כיזשער הויף, וועלכע איז אין משך פון א ריי דורות געזעסן אין לויצק, און אויך נאָך דעם ווי ער איז איבערגעפאָרן קיין תל־אביב, האָט ער איבערגעלאָזן אין לויצק אַ קלויז, וווּ מ'האָט געלערנט, געדאַוונט און געפירט חסידות לויט דער אלטער טראַדיציע פון ניעסכיזשער הויף. א גרויסן זכות איז באשערט געווען אַט דער קלויז, וועלכע איז אַזוי נאָענט געוואָרן צו ארץ־ישראל און פון תל־אביבער קלויז פלעגט ער פון צייט צו צייט באַקומען גרוסן. דער לויצקער רבי ר' מרדכי יוסף קאַצענעלנ־באָגען האָט נאָך פארשידענע גלגולים עולה געווען קיין ארץ־ישראל און געשאַפן אין תל־אביב (רח' האר"י 9) אַ שול, וועלכע רופט זיך ביזן היינטיקן טאָג „בית הכנסת האדמו"ר מלוצק". נאָך זיין פטירה האָט ממשיך געווען זיין זון הרב ר' אברהם קאַצענעלבויגן, וועלכער איז שוין אויך נסתלק געוואָרן.

גבאים פונעם בית־הכנסת זענען איצט: דער זון פון לעצטן רבין ר' ברוך קאַצענעלבויגן (בעל־הבית און נישט רבי) און ה' שמואל קאצענעלסאָן. אין שול דאַוונט מען בלויז שבתים און ימים טובים אין דריי מנינים.

די לויצקער תלמוד־תורה

דער בנין

תלמידים

די פאַרוואַלטונג

אַ שיעור

אַ כיתה פון דער תלמוד־תורה

מ. ש. גשורי

הרב ר׳ יחיאל יצחק רפפורט

א.

ר׳ יחיאל יצחק רפפורט נולד בלודז בשנת תרנ״ו להורים עניים. עוד בשנות נעוריו נתפרסם לעילוי והוסמך לרבנות. הכול היו מתפעלים מבקיאותו וחריפותו בש״ס ופוסקים. בן י״ז השיאוהו אשה, והוא המשיך בהתמדה רבה ללמוד תורה וגם לימודים כלליים. הוא הצטרף לתנועת המזרחי ועזר הרבה להפצת הרעיון הציוני־דתי בקרב ההמונים הרחבים. היה נואם בחסד עליון. בנאומיו המלאים אהבה לציון הקסים את שומעיו ויצא לו שם כמטיף ברוך־כשרון היודע לכבוש לבבות.

ר׳ יחיאל יצחק רפפורט

כהונתו הראשונה כרב היתה בעיירה אנדז׳יוב בקרבת לודז. ממנה נתקבל לרב בעיר ז׳יבלין. משם היה נוסע על פני ערים ועיירות בכל רחבי פולין ומטיף לטובת הציונות הדתית ומייסד אגודות למזרחי במקומות מרובים. וזכורני יפה אותו ערב כשהגיע לעיירת מגורי בקרבת סוסנוביץ והרצה בבית־המדרש על שאיפות המזרחי ותפקידיו. הוא היה אברך במיטב שנותיו, בעל עינים פקחיות. ואני, שכבר התנסיתי בפעולה ארגונית ציונית, נמשכתי אף אני בקסם דבריו ונתתי את ידי למזרחי שנוסד באותו מעמד בעיר. מאז לא ראיתיו עוד. אבל צורתו ריחפה תמיד לנגד עיני בשנות עסקנותי גם אחרי עלותי לארץ. עקבתי אחרי פעולותיו ומסעיו בערי פולין בגליונות השבועון העברי „המזרחי" שהופיע אז בוורשה, ועד היום אני רואה את עצמי כתלמיד ותיק של הרב רפפורט.

ב.

גם אחרי שנבחר כרב בעיר לוצק והגליל, בראשית שנת תרפ״ב, לא הסתפק בפעולה המקומית. הוא המשיך לפעול כנציג המזרחי, פירסם כמה מאמרים בעתונות התנועה והוכיח כנואם כשרון רב. נאומיו הצטיינו בבהירות מחשבה, בסגנון יפה ומלוטש ובכושר הבעה. היה פעיל גם כמארגן. תוך דפדוף בגליונות „המזרחי" של השנה ההיא אנו מוצאים מודעת־ברכה להרב יחיאל־יצחק רפפורט ליום עלותו על כיסא הרבנות בעיר לוצק והגליל, כאב״ד בלוצק ורב כללי לכל מחוז לוצק, ובשם לוצק חתומים על הברכה: יו״ר הועד של המזרחי — יהושע ברזה, יעקב סימא, אריה פיש, ישראל ויסנברג, שרגא לויט. וכן באו ברכות מהועד המרכזי של הסתדרות המזרחי בפולין וההנהלה הראשית להסתדות צעירי־מזרחי בפולין („המזרחי", ב׳ חשון תרפ״ב). מסתבר שהמזרחי החליט על בחירתו כרב בלוצק במטרה לעשות באמצעותו נפשות למזרחי בכל רחבי ווהלין. עם בחירתו כרב בלוצק קבע בעיר זו את המטה הראשי של הפעולה הציונית־דתית, ומשם היה נוסע בכל ערי הישוב של ווהלין ורוכש נפשות לרעיון המזרחי.

בנפת ווהלין היהודית מצא הרב רפפורט ישובים עתיקים עם רבנים שמצבם הכלכלי היה בכל רע, ולא היה מי שיטפל בהם וישתדל לשפר את מצבם. הרב רפפורט היה היחידי בין רבני ווהלין שהשתתף באורח פעיל בעבודת המזרחי. דרשותיו שבהן היה מופיע בעת מסעיו בערי ווהלין השונות בעניני המזרחי משכו אליו נער וזקן, ואף המתנגדים למזרחי הביעו לו הערכה. תוך עיון בגליונות „המזרחי" אנו רואים את הרב רפפורט מופיע בנאומיו בבתי־כנסיות ובתי־מדרשות בקרמניץ, בדובנה, בלודמיר (ולדימיר־וולינסק), בקובל, באוסטראה, ובנועם מדברותיו הפיח בכל מקום רוח חיים בשורות הזקנים והצעירים ונוסדו אגודות למזרחי וצעירי־מזרחי. יצאו לו מוניטין כרב ועסקן בעל שליחות מיוחדת ואפשרות גדולה לפעול, להשפיע ולהדריך. הוא מילא תפקידו זה בהתמסרות רבה, והקדיש מרץ רב לעבודה החינוכית במקום.

ראשי המזרחי בפולין ראו בו כוח עולה ופורה, ומשכו אותו להנהגת התנועה. חיש מהר נבחר לועד המרכזי של המזרחי בפולין, חתם על קול־קורא מטעם רבני המזרחי למען המזרחי, היה מועמד כציר לקונגרס הציוני הי״ג, ובשנת תרפ״ג הוצגה מועמדותו כציר לסיים הפולני מטעם ה„בלוק הלאומי". הוא ניהל תעמולה גדולה בשעת הבחירות לסיים, ובכל פעולותיו למען התנועה היה תמיד רענן ותוסס. הוא בא אז במגע עם המנהיגים בזירה העולמית של התנועה, כהרב מאיר ברלין, הרב זאב גולד והרב י. ל. הכהן פישמן, ורבה היתה השפעתם האישית עליו. פגישות אלו והעידוד שקיבל מהאישים הדגולים של התנועה דירבנוהו להגביר את פעולותיו, ביחוד בין הנוער, שהיה מוכן להימצא במחיצתו שעות אין ספור. בהיותו איש חביב, נוח לבריות, ידידותי ואדיב, היה מקובל מאד על חברי התנועה. גם בהיותו להם מנהיג, מורה ומדריך, לא נתן להם להרגיש עליונותו, כי אם התנהג עם כל אחד כעם ידיד, כעם תלמיד־חבר. הוא קנה את לבם של הצעירים ונעשה חביב עליהם מאד, וכה חינך לאהבת הארץ חוגים רחבים בתוך התנועה. רבים מחבריו־תלמידיו עלו לארץ ויש מהם התופסים עמדות חשובות בישראל.

ג.

בלוצק, כמו בשאר המקומות בווהלין, מצא הרב רפפורט שהרוח היהודית נתקלת במכשולים חיצוניים ופנימיים החותרים תחת יסודי הדת. והיו שאחזו בכל מיני אמצעים לחתור נגד הקיים ועומד זה דורות, ובלבו של כל יהודי דתי נתעוררה השאלה: מה יהיה עם כנסת ישראל המוקפת מבית ומבחוץ אויבים האורבים לנשמתו ולנשמת ילדיו. וכתוצאה מהמצב הזה החל הרב רפפורט לפעול למען החינוך הדתי.

מצב הרבנים בחבל ווהלין היה בכל רע והשפעתם על הציבור היתה אפסית. הרב רפפורט מצא לנכון לדאוג לתיקון הדבר על ידי סידור כינוס רבנים של ערי ווהלין ובחירת התאגדות שתדאג לשיפור המצב מבחינות שונות. הוא נתן ביטוי למאויו זה גם בכתב במאמרו בשם „לתקנת היהדות בווהלין" (המזרחי, גליון 45 — 142). ומהראוי להביא בזה קטע מן המאמר ככתבו וכלשונו:

„המלחמה האיומה במשך שש שנים רצופות עשתה שמות בכל חלקי היהדות אשר באירופה המזרחית. החורבן הרוחני עוד גדול מן החורבן הגשמי שהמלחמה הביאה בכנפיה. אבל כחורבן היהדות בווהלין לא ראיתי עוד בחבלים אחרים של פולין המאוחדת. במשך הקיץ שעבר בקרתי שורה שלימה של ערים גדולות וקטנות בחבל ווהלין ומצאתי שם שממון רוחני נורא. הרבה קהילות ישנן, שאין בהן כלל בתי תלמוד־תורה, וכל ילדי העניים גדלים ללא כל חנוך שהוא. בקהלות אחרות יש אמנם בתי־ספר עממיים שונים, אבל כולם הם מטיפוסים של האפוטרופסים החדשים שלנו, אשר אף שמשתנים הם זה מזה בתכנית למודיהם, ולא הרי נזקו של האחד כנזקו של השני, הנה בנוגע ליהדות המסורתית — צד שוה לכולם — צד שלילי, וכגורל הילדים כן הוא גם גורל הצעירים. כמעט בכל ערי פולין נמצאים שעורי־ערב לצעירים, אם לתנ"ך והשפה העברית, ואם לגמרא ואגדה. לא כן בערי ווהלין. שם אין זכר לשעורי־ערב כאלה. גם ההשגחה על הכשרות ושאר צרכי הדת לקויה היא בחבל זה."

בלוצק עצמה רכש לו הרב רפפורט ידידים ומעריצים שעמדו לצדו בכל מעשיו, ועל אף עסקנותו ומסעיו בעניני התנועה ושיפור מצב היהדות והרבנות בחבל ווהלין עוד מצא לו זמן לשקוד על לימודיו בתורה ולהשמיע שעורים לבני הנוער בעיר.

בשנת תרפ"א נתקבל הרבה ר' י. י. רפפורט כרב בקרמיניץ. זמן מועט לאחר שהתחיל לשרת בה בקודש כמרא דאתרא כבר הוקירוהו כולם.

אבל לא ארכו הימים והרב רפפורט חלה במחלת לב קשה ובשנת תרצ"א נפטר כשהוא רק בן ל"ה שנים.

מ. ש. גשורי

לקורות החזנות והחזנים בלוצק

א.

עם חורבן בית־המקדש ופיזור ישראל בתפוצות הגולה התחלה תקופה חדשה בהתפתחותה של הנגינה הדתית. בית־הכנסת שנעשה מרכז חיי־הרוח היהודיים בגולה, נעשה גם מרכז היצירה המוסיקלית הדתית. בבית־הכנסת סופחו הפיוט והזמרה הדתית. הוא שימש בית־מועד לתפילה ולעצרת־עם, ולכן נבנו בנינים גדולים ומפוארים, שקושטו בפנים ברוב פאר והדר. עדות ישראל במזרח ובמערב טיפחו בתוך בתי־הכנסת את הנגינה הדתית לסגנונותיה. במשך הזמן נקבעו נוסחאות קבועים לכל התפילות והם נשמרו בכל לפי מבנם המסורתי עד ימינו. לחזן שניהל את סדר התפילות היו בוחרים באדם בעל קול ערב ומיטיב לזמר. לראשונה היו מוטלים עליו תפקידים שונים, אולם במשך הזמן נעשתה החזנות למקצוע. החזן היה פנוי מכל עבודות אחרות ותפקידו היה להשתלם, להכין ולהמציא נעימות חדשות לתפילות ולזמירות. כך נעשה החזן דמות מרכזית בקרב הציבור והיה נקרא „חזן הקהילה" או „חזן העיר". בין החזנים היו זמרים מעולים שהצטיינו ביפי קולם ובתרבותם המוסיקלית. היו ביניהם גם יוצרים מובהקים שהרבו ליצור נעימות חדשות שהתפשטו והושרו בפי המוני העם בכל תפוצות הגולה. במאה הי"ח החלה עליה בהתפתחות מעמדם ואמנותם של החזנים בארצות אירופה. הם החלו מארגנים „מקהלות משוררים" שתפקידן היה לעזור להם בליווי וגם בפרקי זמרה עצמית. ההתחלות היו קטנות, אך בהדרגה גדל מספר המשוררים והגיע להרכב מלא של מקהלה בת ארבעה קולות, בהשתתפות נערים ומבוגרים. אמנות החזנות הגיעה לפריחה במאה הי"ט.

הערים השכנות לעיר לוצק נתפרסמו בחזנים הנודעים שכיהנו בבתי־כנסיות שבהן. העיר רובנה נתפרסמה הודות לחזן הנודע זיידל מרגובסקי או „זיידל רובנר" (1857—1942) שהרעיש עולמות בנגינתו ברוב הישובים היהודיים שבאירופה ואמריקה. וכן יצא שם לעיר דובנה בגלל חזנה המפורסם שלמה קשטן־יינטרויב (1781—1829), שבקולו וסלסולי גרונו, באורח זמרתו והתלהבותו בתפילה היה יחיד בדורו, והמגיד מקוזניץ אמר עליו שבנעם נגינתו הוא יכול להביא את משיח צדקנו. לוצק אמנם לא נתברכה בחזנים „עולמיים", ברם אין כל ספק שמאז הוקם בית־הכנסת הראשון בעיר, הוא בית־הכנסת המבצרי בעיר־העתיקה של לוצק, היו עוברים בו לפני התיבה חזנים שהשמיעו זמרתם בקול נעים לפי הנוסח המקובל בכל תפוצות ישראל. מלבד זה היו באים ללוצק חזנים־אורחים, שהיו עורכים בתקופת חופשתם מסעות על פני ערי המדינה יחד עם להקות משוררים ומשמיעים את זמרתם בימי שבת ומועד.

יש להניח שהיחס לחזנים מצד הקהילה, רבניה ופרנסיה, לא היה שונה בלוצק מאשר בערים הסמוכות אליה, ומשום כך אפשר להביא כאן כמה סעיפים מתוך פנקס הקהל של העיר דובנה שנדפס בספר „דובנה רבתי" מאת ח. ז. מרגליות, רב העדה בעיר דובנה (ורשה, תר"ע). בדף מ"ה ע"ב באה תקנה „שלא ליתן לשום חזן מאיזה קהלה שהיא ממדינת פולין לעבור לפני התיבה בבית־הכנסת הן אם יבוא עם באס והמסייע לו או שבגפו יבוא, לא בשבת ולא ביום־טוב ופשיטא שאינו רשאי להתארח אצל הפרנס־חודש", ועל השמש לא לתת לו לבוא לבית הפ"ח. בדף נ"ז ע"ב דן הפנקס בסעודות שמבזבזין יותר מהומש,

ותיקנו שמי שסכומו גדול הרשות בידו לקרות שני מנינים מלבד הרב והפ"ח וחזן ושמש אחד לפי גורל. בדף מ"ז ע"ב פיטרו ש"ץ ואשת ש"ץ מתשלום מס (טכסי גדולה) לקהילה. בדף צ"ג ע"א: העושה חתונה לבתו מחוץ לעיר מחויב ליתן מעות רח"ש (רב, חזן, שמש). בדף ע' ע"ב מסופר על שליח ציבור שהעבירוהו מכהונתו על שנהג שלא כשורה ונתן בכוס עיניו (י"ב ניסן תקי"ח). ואחרי שהשליח ציבור הודה שמעל בעבודת הקודש כש"ץ הקהילה וקיבל עליו בשבועה להזיר עצמו מן היין ומכל משקה שיש בו כדי לשכר כמו יי"ש או דבש, התירו לו שוב לירד לפני התיבה ולקבל שכרו כמקודם. אף י"א ע"ב: בערב ר"ח ניסן תקכ"ז הוסכם לבטל את כל המנינים שבעיר למשך תקופה מסוימת, וגזרו חרם על הש"ץ שירד לפני התיבה בזמן האיסור האמור. בדף פ"ה ע"א הרחיב ועד הקהלה תשלום מס מלח ודג־מלוח גם על משרתי הקהל: נאמנים, שמשים וחזנים. בדפים י"ב ע"ב וי"ג ע"א באו תקנות בעסקי סעודות, ובין השאר שמי שמשלם שני זהובים ומעלה מותר לו להזמין שני חזנים. ואם שילם פחות מזהוב אינו רשאי להזמין יותר מעשרה אנשים ולומדי תורה ובהם הש"ץ המתפלל בשחרית בבית־הכנסת. על חלק מהתקנות הללו חתום אחד „אברהם במוהר"ר מ"מ ז"ל מלוצק". בדף י"ב ע"א באה תקנה לתועלת בית־הכנסת המקומי שמעטים האנשים הבאים אליו להתפלל, ולכן באו ואסרו להתפלל בשום מגין בקביעות, פרט לכמה מקו־מות יוצאים מהכלל, ובהם גם אצל „הרב מלוצק" שהיה רשאי לעשות מגין בביתו.

ב.

בספר־זכרון לאוסטראה מצאתי בין המצבות שבבית־העלמין גם חזנים אחדים ששמותיהם הונצחו בספר. ייתכן שאילו היו חובבי עתיקות לוצק מפרסמים בספר את הכתובות על המצבות בבית־העלמין הישן אפשר היה למצוא ביניהם גם שמות חזנים עם תוארים. אך קיימא לן שאין צועקים לשעבר, ועל אף כל מאמצינו אין אנו יכו־לים להעלות שמות של חזנים ראשונים. וצדקה עשה עמנו מר מכס שטרנפלד, הבקי במכמני לוצק על אף היותו רחוק ממנה, בקנדה, זה כשלושים שנה, שהזכיר כמה שמות של חזנים והצילם מן השכחה. הראשון בהם הוא משה'לה סורוקה, שכיהן בלוצק כחזן עירוני בבית־הכנסת. לא ידוע באיזה שנים וכמה שנים כיהן בלוצק, וכן אין לנו פרטים על חייו והש־כלתו. ידיעות מפורטות יותר יש לנו על חזן טוב בעל טעם שהגיע ללוצק בשנת 1893 וכיהן כחזן בבית־הכנסת של חסידי טריסק ב„פורשטוט". היה זה יהודי ת"ח בעל הדרת פנים, בעל טנור דרמטי, מוסיקאי טוב שאף חיבר יצירות משלו וזמן רב היה מתפלל בלווית מקהלה, עד שמנהיגי האור־תודוכסיה התנגדו לכך, והוא נאלץ לפזר את המקהלה. שמו היה ר' דוד גאק, וכינויו בפי אנשי העיר היה „ר' דודל חזן".


החזן ר' דוד גאַק

אחרי פיזור המקהלה היה מתפלל בלווית שלושת בניו שכולם היו בעלי כשרונות מוסיקליים. בנו הבכור שמואל גאק היה בן ט"ו כשניצח בבית־הכנסת הגדול על המקהלה אצל חזן העיר אהרן רוזמרין. שמואל למד מוסיקה מפי אביו. בן י"ז כבר הופיע כמנצח בסימפרופול שברוסיה אצל ר' בנדיג החזן. משרתו האחרונה כחזן קיבל בוולאדימיר־ווֹלינסק. רק הבן הצעיר יחזקאל גאק ניצל בנס מטבח הנאצים הגרמנים וחי כעת עם משפחתו כרופא־שיניים במונטריאול שבקנדה. החזן ר' דוד גאק נפטר בלוצק בי"ב בשבט תר"פ.

אהרן רוזמרין החל לכהן כחזן־העיר בלוצק בשנת 1896. עליו לא ארבה לכתוב, כי עבודה זו נעשתה בידי אחרים בספר זה, ברם עלי לציין כי משפחת החזן הזה תרמה תרומה רבה להאדרת החזנות בבירת קנדה — מונטריאול. אהרן רוזמרין הגיע לקנדה בשנת 1924, כשהוא נענה לקריאת בניו שהקדימוהו שם במספר שנים, ושנים מהם — יעקב ואלעזר — כבר היו אקטי־ביים בשטח הנגינה במונטריאול. הבן הבכור יכול היה כבר לזקוף על חשבונו זכויות מיוח־דות בשטח הנגינה היהודית. עם משורריו לשעבר בלוצק נמנו: ליפה בס — זמר־אופירה שנת־פרסם אחר כך בשם סיביריא־קוב, ומוריס שוורץ — המנהל להבא של התיאטרון היהודי האמנותי באמריקה. שמונה שנים עסק אהרן רוזמרין בעבודת יצירה ליטורגית בקנדה, והוא ייצג בכבוד את העמוד בבית־הכנסת „בית יהודה" במונטריאול (אז ביהכנ"ס הנהדר ביותר בסביבה היהודית) עד סוף ימיו. הוא נפטר בשנת 1932. הוא הצליח לחבר שורה ארוכה של לחנים שונים וגם רצ'יטטיבים רבים לחזנים צעירים ומתקדמים.

החזן ר' אהרן רוזמרין

הפרופסור יעקב רוזמרין נולד בסדילקוב בשנת 1892. את השכלתו המוסיקלית הראשונה קיבל מאביו. בן 14 כבר ניצח על המקהלה בבית־הכנסת העירוני בוזניסנסק (פלך חרסון). בשנת 1912 הגיע לקנדה, קיבל משרה באקדמיה למוסיקה במונטריאול, המשיך ללמוד נגינה בפסנתר עם אלפרד לה ליברטי (תלמידו של סקריאבין) ועוגב עם ג'ורג' ברואר. באותו זמן ניהל יעקב את המדור המוסיקלי בתיאטרון היהודי וגם ניצח על מספר מקהלות עירוניות של עמים שונים. הוא הוזמן כמנהל מוסיקלי בכל בתי־הספר העברים והאידיים במונטריאול. אחר־כך הוסיפו לו את הניצוח על המקהלות בבתי־הכנסת: בני יעקב, חברא קדישא, עדת ישורון, בית יהודה ובית דוד. כיום מנצח תמידי על המקהלה בביהכנ"ס „שערי השמים", ומנצח גם על שידור שבועי דתי ברדיו פורטלנד, מיין (ארצות־הברית).

שמשון רוזמרין הוא בוגר הקונסרבטוריה למוסיקה במקגיל. קיבל תואר „בוגר למוסיקה". כנר, פסנתרן ועוגבן מצוין. זה שנים שהוא עומד כמפקח על המקהלה ומנגן בעוגב בבית־הכנסת „שערי ציון". הוא גם מומחה לנגינה בבתי־ספר גבוהים.

לאזאר רוזמרין, בנו הצעיר של אהרן, נולד בלוצק, החל לשיר אצל אביו במקהלה עוד לפני שמלאו לו שש שנים, ואף

שקולו היה עוד חלש נאלץ לעזור בעקב מילוי תפקידו באלטו. שר אלט עד גיל 15 ובן 16 נאלץ כבר לנהל את מדור הבס. ב־1922 הגיע למונטריאול והמשיך בפעולתו בשטח הנגינה. כעת מנצח בביהכנ״ס „בית דוד״ עם החזן יהושע דלין. מר מכס שטרנפלד מציין שלאנשי לוצק שבמונטריאול יש סיפוק רב לבוא לבתי־כנסיות אלה ולשמוע מפעם לפעם הד מבית־הכנסת שבלוצק עם הלחנים החביבים של אביהם אהרן. לא פעם שומעים בבית־הכנסת בית־דוד „אדון עולם״ עם סולו של אלט, והם שרויים בהרגשה שהם יושבים בבית־הכנסת הלוצקאי ושומעים סולו של קראסנר האלט וקריניצקי, שבשעתו היה זמר בחסד עליון וקראוהו בשם „הצפור״.

על בית־הכנסת העירוני עברה תקופת משבר אחרי שר׳ אהרן רוזמרין עזב את בית־הכנסת ונענה לקריאת בניו לבוא אליהם לקנדה. במקומו הוזמן החזן המודרני, הלבוש קצרות, ר׳ יחיאל טייכטייל שעמד במבחן בעברו לפני התיבה באחת השבתות והצליח. הוא היה חזן בעל השכלה מוסיקלית מרובה, בעל קול מצוין ושמואל׳יק גאק שימש אצלו כמנצח על המקהלה. אך השלום לא שרר בין החזן והמנצח, ותמיד היו רבים ביניהם. החזן היה גר בלוצק ברחוב צ׳יצ׳ישבסקי 6, ידע עברית, ובכלל היו לו מעלות טובות. אבל נראה שקשה היה לו לחיות בשלום עם הקרובים אליו ולכן היה נודד ממקום למקום. החזן אף הרגיש במצב זה והוא החל לדאוג בעוד מועד למשרה במקום אחר. הנה נשאר העתק מכתב שכתב בכ״ד בטבת תרפ״ח לועד בית־הכנסת הגדול של וילנה, וזה לשונו:

„הנני מתכבד בזה להודיע לועד הנכבד, שכפי ששמעתי פנויה כעת בעיר וילנה משרת חזן ראשי. וכפי שידוע לכם כשרונותי הגבוהים בתור חזן ראשי מומחה, שהתפללתי לפני שנים אחדות ב„טהרת הקודש״ בוילנה מפרשת שקלים עד אחרי חג השבועות, ושעמדתי למבחן גם בבית־הכנסת הגדול בוורשה (רחוב טלומצקה) ויש לי תעודות מוסיקליות מפרופסור הקונסרבטוריון מבודפשט ממדרגה ראשונה, קולי קול טינור ליריי־דרמטי, נעים ומצלצל, אני בן שלושים ושש שנה ומכהן בתור חזן ראשי חמש־עשרה שנה, וכעת אני מכהן בבית־הכנסת הגדול דעיר לוצק עם מקהלה גדולה זה שלוש שנים, וכל תושבי העיר ליצק באין יוצא מהכלל שבעי רצון ממני. והנני מתכבד בזה לבקש מהועד הנכבד דביהכנ״ס הגדול להזמין אותי למבחן לאיזה יום שבת להתפלל, ואקוה שכל המתפללים יפיקו רצון ממני. ומה שנוגע להוצאות — אקוה, וכמעט בטוח אני שתושבנה לי. אני חפשי לעת עתה בשבתות פ׳ בא, יתרו. בכבוד גדול יחיאל טייכטייל, ש״צ ראשי דבית־הכנסת הגדול דעיר לוצק.״

החזן טייכטייל כיהן בלוצק כשלש שנים, אחרי זה כיהן בכמה מקומות בחזנות, ולבסוף עזב את פולין ועבר לאנגליה. זמן רב היה חזן במנצ׳סטר והוא ממשיך לכהן כחזן באנגליה.

כממלא מקומו נתקבל יעקב קוסביצקי, אחד האחים הנודעים והמקובלים בחזנות, שכיהן אז בלבוב. יעקב קוסביצקי החל לשיר בגיל 7 במקהלה אצל החזן אפרים שליפק בסמורגון, שאצלו כבר שר אז אחיו משה. אחר כך היה משורר במקהלת בית־הכנסת הוילנאי אצל החזן א. ברנשטין, המוסיקאי והמלחין הנודע. בשנות מלחמת העולם הראשונה נמצא ברוסיה; למד ברוסטוב שע״נ דון, ואחר זה נתמנה כחזן בקרמניץ, ששם כיהן כשנתיים, עד שהוזמן לכהן כחזן בלבוב בשנת 1926 במקומו של החזן קאצמן בביהכ״נ סיקסטוסקה, ואחר כך הביא אליו את אחיו דוד קוסוביצקי כמנצח על המקהלה. משם עבר לבית־הכנסת בלבוב „גל־עד״. אחר כך הוזמן ללוצק. הוא עמד למבחן באחת השבתות והצליח. אך אף הוא לא החזיק מעמד בלוצק יותר משלוש שנים, והוא עבר מלוצק ללונדון שאליה הוזמן כחזן באחד מבתי־הכנסת הגדולים ושם כיהן עד 1951. ושוב הוזמן לקנדה לתפוס את כהונת החזנות בבית־הכנסת ראש־פינה שהיקם בעיר ויניפג. אך הוא נמשך למרכז החזני הגדול בניו־יורק ששם כבר נמצאו אז שני אחיו משה ודוד ובשנת 1953 נתקבל כחזן בבית־הכנסת בלונג־איילנד בניו־יורק. לפני כמה שנים מת, והסרונו מורגש מאד בעולם החזנים.

החזן האחרון של בית־הכנסת הגדול בלוצק היה ר׳ שלמה שולמן, בעל טנור מזהיר, שעבר מקרמניץ ללוצק בשנת תרצ״ה.

החזן טייכטייל בעת השבעת החיילים היהודיים בצבא הפולני

היה חבר בארגון החזנים הארצי שמקום מושבו היה בוורשה. עם פרוץ מלחמת העולם האחרונה נמלט מלוצק, וכיום הוא נמצא אי־שם ברוסיה.

בבית־הכנסת של חסידי אוליק כיהן החזן יעקב ווּפניארסקי, אברך בעל טנור לירי יפה, שידע לא רק סולפג׳. הוא השתתף בסיפור בדיחות בעתון החזנים בוורשה. והנה אחת מבדיחותיו (טבת, תרצ״ד): חזן אחד עבר לפני התיבה בתפילת גשם, ושר בקול וברעש גדול, עד שבינתיים החל גשם חזק ניתך ארצה. אחרי התפילה ניגש החזן לגבאי ואמר לו: אתה רואה, גבאי, איך פעלה תפילת גשם שלי וגרמה מיד לירידת גשם... — הנך צודק — ענה הגבאי — חזנים כמוך הביאו פעם את המבול לעולם...

וופניארסקי ידע עברית צחה ואף ניסה כוחו בפיוט ושירה. שמו נזכר בהזדמנויות שונות ב„עתון החזנים״ בוורשה, וכנראה היה פעיל בפעולה המקצועית־ארגונית מטעם הארגון. גם ליובלו החמישים של החזן בבית הכנסת הטלומצקאי, פנחס שירמן, הדפיס וופניארסקי ברכת־שיר לכבודו, עם שם בעל היובל בראשי החרוזים; ולשם הנצחתו הנני מביאו בזה:

פאר החזנים והמנגנים הנך בדורנו,
נעים זמירות וגם הוגה דעות אתה בתוכנו,
חננת בכשרון מדע ורוח אצילות עליך שורה,
סלית לפנינו דרך ומלאת „עולמנו״ (שם העתון) אורה.

שלום וכל טוב ילווך כל ימי חייך,
רצון ישביעך ה׳ וימלא כל משאלותיך,
מקרב לב אני מביע לך לחג יובלך ברכה,
נזר תפארתך תמיד יתנוסס בגאון והצלחה.

וופניארסקי החזיק בכהונתו בלוצק עד פרוץ המלחמה. ביולי 1941 הוציאוהו הנאצים מביתו והוא נספה עם יהודים אחרים בני לוצק בשדמות אוקראינה, יחד עם האדמו״ר האוליקי בלוצק.

בבית־הכנסת בפורשטוט כיהן החזן ר׳ יעקב ספקטור. הוא הגיע ללוצק בשנים 1885—1890. היה יודע ספר, ובלא ספק קיים את „דע לפני מי אתה עומד״. מלבד מה שהצטיין כחזן ובעל־תפילה טוב היה גם סופר סת״ם מוכשר והיה מנגן גדול. בעצמו ניצח על המקהלה. בנו הבכור היה מנצח, ועקבותיו נעלמו אי שם ברוסיה.

הצעיר היהודי מ. קריניצקי שהוזכר לעיל, ששר במקהלת רוזמרין בלוצק, משך אליו את תשומת לבו של ראש העיר לוצק, שר־הצבא ווינזשוק. בעל טנור לירי, והוא היה מקבל סטיפנדיה מתאימה ממועצת העיר בלוצק. מקודם היה תלמידו של המנצח דוד איזנשטדט בוורשה, וכן למד בוורשה לשיר אופירות. אחר כך למד אצל הפרופסור האיטלקי מגנס בוורשה. אחר כך חזר ללוצק ולמד חזנות מפי החזן והמוסיקאי יעקב ווּפניארסקי. בראשון במרץ 1937 שר לפני המיקרופון של הרדיו הפולני בוורשה, ותכניתו הורכבה משירים איטלקיים: א) מאנועלה (שטולץ), ב) מאנדוליגטה (פאגליאפערי), ג) מול ד׳אמור (בוזי פיציה).



החזן ר׳ יעקב ספקטור

את „אל מלא רחמים״ הראשון בלוצק, לנשמת הקדוש שלמה בן־יוסף הי״ד (איש לוצק) שהועלה לגרדום בארץ־ישראל, ערך החזן גרשון סירוטה. ביום תלייתו בידי האנגלים שהה במקרה החזן סירוטה בלוצק והתפלל ערבית בבית־הכנסת הגדול. לפני מעריב ערך את האזכרה הראשונה להרוג־המלכות באותו בית־כנסת הגדול שבן־יוסף (טבצ׳ניק) היה בא להתפלל בו.

במקומות שונים בספרות החזנות נזכר השם אפרים לוצקר (קליגר) כחזן גדול ששימש גם מורה ומדריך לחזנים רבים שלמדו אצלו. ולו בן, שמואל ויינמן, שהיה חזן נודע בסורוקה, טרנופול וערים אחרות. היה מתפלל יפה ובעל טון נהדר. רבים החזנים המתיחסים לאפרים לוצקר כרבם ומדריכם ומספרים עליו שבחים רבים כחזן ולא פחות מזה כמדריך תלמידים. וכן הזכירו לשבח החזן הנודע מאמריקה יהושע וייסר בביוגרפיה שלו.

החזן אהרן ראצמאן היה חזן בלוצק שנים רבות, הצטיין בידיעה רבה בנגינה ואף היה מדריך לחזנים ולזמרי אופירות.

היו גם חזנים ילידי לוצק שלא עסקו במקצוע בעיר מולדתם ויצא להם שם בערים אחרות כחזנים מעולים. ביניהם נמנה משה לויצקר, אחד החזנים הנודעים ובעלי נוסח שהיו בהונגריה וממנו למד חזנות החזן הנודע אלתר יחיאל קרניול באמריקה.

חזנים יותר קטנים שאפשר לקרוא בשמם ולציינם כבעלי־תפילות טובים היו ר׳ יהושע קליגר, ר׳ מוטל קליניצקי, ר׳ דוד קיגל ואחרים. גם בן הדיין עדערמאן מלוצק יצא לו שם כחזן מן המעולים שבאמריקה.

ירושלים, 1960

אהרן וויינשטיין / תל־אביב

לויצקער חזנים

אַ לאַנגע צייט בין איך געווען אַ מיטגליד אין לויצקער שול־כאָר. דעריבער וועל איך קאָנען איבערגעבן אייניקע פּרטים וועגן די לויצקער חזנים, מיט וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען מיטצואַרבעטן.

אהרן וויינשטיין

כ׳האָב אָנגעהויבן צו זינגען אַלס סאָפּראַן אינעם כאָר פון חזן ראָזמאַרין, וועלכער איז קיין לויצק געקומען פון שעפּעטאָווקע, ווו ער האָט געלערנט זיין חזנות — ווייס איך נישט. דאָס איז געווען אַ זשעני פון מוזיק, נישט נאָר ליטורגישער נאָר אויך אייראָפּעישער. ער איז פעיק געווען זיצנדיק ביי אַ גלעזל טיי, אָנצושרייבן אַ קאָמפּאָזיציע פאַר אַ געמישטן כאָר, און ער האָט עס געטאָן מיט אַזאַ לייכטקייט, גלייכצייטיק, גלייך ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט אין אָנשרייבן עפּעס אַ בריוו.

אין יענער צייט איז ביי אונדז געווען אַ געמישטער כאָר, אין וועלכן עס האָבן געזונגען אַלטן, באַסן, סאָפּראַנען און טענאָרן. ביי ראָזמאַרינען האָט זיך געפונען אַ פאַרשידנאַרטיקער רעפּערטואַר, אין גרויסע פּאַרטיטורן פון 100־טער בלעטער, געשריבענע מיט זיין אייגענער האַנט, אויף 4 שטימען. ד. ה. סאָפּראַן, אַלט, טענאָר, 2 טענאָרן, באַריטאָן און באַס. חוץ דעם פלעגט דער גאַנצער רעפּערטואַר זיין צעשריבן אויף באַזונדערע פּאַרטיטורן פאַר יעדער שטימע באַזונדער. אַזוי ווי ער גופא האָט נישט געהאַט קיין שטאַרקע שטימע, פלעגט ער לאָזן דעם כאָר אַליין זינגען זייער פיל און זיך איבערלאָזן נישט קיין סך. געוויינלעך פלעגט ער מער לייגן אַכט אויף אַלט־שטימען. ער פלעגט אַליין צופּאַסן מוזיק צו די ווערטער פון די תפילות, גענומען פון אייגענער פאַרפאַסונג און אויך פון פרעמדע חזנים. אַ סך כוחות האָט ער אַריינגעלייגט אין די תפילות פון די ימים נוראים. דער כאָר איז געשטאַנען צוזאַמען מיטן חזן ביים עמוד און געזונגען אַזעלכע נומערן ווי „ונתנה תוקף", „בראש השנה", „וכול מאמינים" א.א. איבערהויפּט פלעגן מיר זינגען ביי דער „עבודה" פון מוסף. פון אַלע לויצקער שולן פלעגן יידן קומען הערן דאָס געזאַנג.

פאַרשטענדלעך, אַז פונקט ווי אַנדערע חזנים און קאָמפּאָ־

די גבאים פון דער גרויסער שול מיטן חזן א. ראָזמאַרין און די משוררים

זיטאָרן, האָט ראָזמאַרין אויך „געגאַשט“ פון פרעמדער חזנות, אָבער פון אַ פיינעם געשמאַק.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז צו אונדז צוריקגעקומען דוד פּעקער. געווען איז ער אַ לויצקער און צוזאַמען מיט מיר האָט ער אין די פריערדיקע יאָרן געזונגען אינעם כאָר אַלס אַלט, נאָכן קריג האָט ער ביי דער איבערגאַנגס־שטימע געזונגען אַלס באַריטאָן. געוויינלעך פלעגן מיר זינגען פון נאָטן. פּעקער האָט פאַרמאָגט אַ פּענאָמענאַלן באַריטאָן, אַ לירישדראַמאַטישע שטימע, מיט אַן אָבערע „C“. ביי אַ באַריטאָן איז דאָס אַ זייער זעלטענע דערשיינונג. ראָזמאַרין האָט פאַר אים אָנגעשריבן ספּעציעלע זאַכן אויף „סאָלאָ“ און אַנטשפּרעכנדיק אַראַנזשירט דעם גאַנצן כאָר. פרייטיק צונאַכטס נאָכן דאַווענען פלעגט מען ביי אונדז זינגען „יגדל אלוהים חי“. דערפון האָט דער חזן געמאַכט די גאַנצע קאָמפּאָזיציע. און אַז מיר זענען צוגעקומען צו „הנו אדון עולם לכל נוצר, יורה גדולתו“ — האָט ער גענומען פון אַ באַוווּסט נעאַפּאָליטאַניש ליד „סאָלאָמיאַ“ און עס אַריינגעפּאַסט פאַר אַ באַריטאָן־סאָלאָ אין דער באַגלייטונג פון כאָר. דאַן האָט פּעקער פאַרענדיקט מיט אַן אויבערשטער „צ“. דאָס האָט געהאַט אַ זייער גרויסן דערפאָלג. מיר פלעגן זייער פיל זינגען אין שבת שמברכים, פּסח, סוכות, הושענה רבה פון פאַרשידענע קאָמפּאָזיטאָרן ווי דונאַיעווסקי, נאָוואַקאָווסקי, לעוואַנדאָווסקי, הענדעל, זיידל דער ראָוונער א. א. וו. ער פלעגט אויך צופּאַסן סאָלאָס, נעמענדיק נומערן פון בר־כוכבא, שולמית, דיבוק, און אַנדערע. מיר פלעגן שיין זינגען ביי כל־נדרי די „יעלות“. יעדן חנוכה פלעגן מיר געבן קאָנצערטן. צו דעם צוועק פלעגט ער אויך צופּאַסן מוזיק פאַרן אָרקעסטער. ער האָט צוגעפּאַסט נאָטן צו יעדער אַרט כלי פון אָרקעסטער. אַפילו פאַר דער פּויק פלעגט ער אָנשרייבן נאָטן. חנוכה נאָך די ליכטלעך־בענטשן פלעגט דער כאָר געבן אַ קאָנצערט צוזאַמען מיטן אָרקעסטער.

מוזיקער פלעגן זיך נישט איין מאָל וווּנדערן ווי אַזוי אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד קען עס שרייבן נאָטן פאַר אַלע אינסטרומענטן פון אָרקעסטער. נאָכן ערשטן קאָנצערט אין לויצק, נאָכן ערשטן חנוכה־ליכטל, פלעגן מיר מאַכן גאַסטראָלן אויף דער פּראָווינץ. אין אַזעלכע פאַלן האָט דער חזן זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל און מיט אַ שטעקעלע דיריזשירט מיטן כאָר און אָרקעסטער.

אַזוי איז עס געווען ביזן יאָר 1932. צוזאַמען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע איז ער דאַן אָפּגעפאָרן קיין קאַנאַדע, צו זיין זון יעקב, וועלכער האָט דאָרט געהאַט אַן אייגענע מוזיק־שול.ביים חזן איז געווען אַ גאַנץ גרויסע פאַמיליע פון 5 קינדער. זיינע דריי טעכטער זענען געווען באַגאַבטע מיידלעך. די עלטסטע, חנה, האָט חתונה געהאַט אין לויצק פאַר אַ קונסטמאָלער בורסוק. די צווייטע, דינה, איז געווען אַ גוטע פידלערין. זיין זון, משה, האָט צוזאַמען מיט אונדז געזונגען אין כאָר אַלס סאָפּראַן און זיין זון, אליעזר, האָט געזונגען באַס.

פאַרלאָזנדיק פּוילן האָט ראָזמאַרין באַזוכט וואַרשע, בכדי פון דאָרט אָפּצופאָרן אין דער ריכטונג צום פּאָרט. אין וואַרשע האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ לויצקער זינגער חיים לייבל, וועלכער האָט זיינער צייט געזונגען אין אונדזער כאָר און דערנאָך אין וואַרשע — אין כאָר פון דער טלאָמאַצקע־שול. דער דאָזיקער חיים לייבל האָט געוואָלט דעם חזן אָנטאָן אַ פאַרגעניגן און האָט אים, אויף דער נאַכט, מיטגענומען אין דער וואַרשעווער אָפּערע. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז זיין דערשיינען אין אַ לאָזשע, מיט באָרד און פּאות און אין אַ יאַרמלקע, האָט אַרויסגערופן די אויפמערקזאַמקייט פון פיל צושויער אין טעאַטער. ראָזמאַרין איז דאַן ס׳ערשטע מאָל אויסגעקומען צו באַזוכן אַן אָפּערע. דער דאָזיקער אָוונט האָט אויף אים געמאַכט אַ גרויסן רושם. מ׳האָט דאַן געשפּילט „פאַוּסט“. זיין איבערראַשונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין געוויסע מאָמענטן זענען אים טרערן גערונען פון די אויגן. מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיך צוגעהערט צו יעדער אינטאָנאַציע פון אַלע זינגערס און עס ביי זיך באַלד איבערגעחזרט און אויספּרובירט אין דער שטיל מיטן קאַמערטאָן.

ראָזמאַרין האָט קיין גרויסע פּרנסה אין לויצק נישט געהאַט. ער איז שטענדיק געווען אין אַ מאַטעריעלער נויט. אויסער אייניקע קאָנצערטן, וועלכע ער פלעגט געבן אין די בתי־מדרשים אין לויצק און אומגעגנט, האָט ער אויך אָנטיילגענומען מיטן כאָר אין די קאָנצערטן פון די רעליגיעזע כאָרן פון אַלע אָרטיקע רעליגיעס, וואָס די לויצקער וואָיעוואָדשאַפט האָט איינגעאָרדנט יעדעס יאָר אינעם טאָג פון פּוילנס נאַציאָנאַלן יום־טוב,

SALA GMINY ŻYDOWSKIEJ.

Niniejszym mamy zaszczyt zawiadomić P. T. publiczności, iż W ŚWIĘTA WIELKANOCNE MODLIĆ SIĘ BĘDZIE

znany w Łucku D. PEKER znany w Łucku

z wykwalifikowanym chorem pod batutą ZNANEGO DYRYGENTA

Sz. GAKA

w sali gminy Żydowskiej, Sienkiewicza 29.

Zarząd

עונג י״ט | אין זאַל פון דער קהלה. | עונג׳ י״ט

מיר טיילן מיט דעם געערטן לוצקער פובליקום, אז הייליקן פסח

וועט דאַוונען דער טאַלאַנטפולער מנגן.

ה׳ דוד פּעקער

מיט א פארגרעסערטן כאָר אונטער דער ליטונג

פון באַקאַנטן דיריגענט ש. האַק פון באַקאַנטן דיריגענט

אין דער פּרעכטיגער זאַל פון קהלה.

עס וועט געזונגען ווערן די שענסטע יידישע קלאַסישע שלאַגער קאָמפּאָזיציעס.

איינטריטס קאַרטן צו ביליקע פּרייזן שוין צו באַקומען ביים ה׳ ד. פּעקער, סענקעוויטשא 12 און אין ביידע הויפּט קיאָסקן.

מיט אַכטונג די פאַרוואַלטונג

Drukarnia przy czas. „Wolyner Prese“ w Łucku.

דעם דריטן מאי. אַרויסטרעטנדיק אין אַ קאָנצערט מיט אַנדערע כאָרן, פּראַוואָסלאַוונע און קאַטוילישע, האָט ער זייער שטאַרק אויסגענומען ביי די קריסטן.

ביז יענע צייטן איז די איינריכטונג אין דער גרויסער לויצקער שול געווען אַ גאַנץ פּשוטע. די מתפּללים זענען געזעסן אויף פּשוטע בענק. נאָכן אָפּפאָרן פון חזן ראָזמאַרין האָט מען זיך גענומען מאָדערניזירן די שול. לויט דער איניציאַטיוו פון ר׳ אברהם גליקליך ז״ל, אַ לויצקער רייכער ייד, האָט מען געשאַפן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פון מתפּללים, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו מאָדערניזירן דעם אויסזען פון דער גרויסער שיל. מ׳האָט אַריינגעשטעלט שיינע געשניצטע בענק מיט פּאַראַפּעטן.



חזן פון דער אַלטער שול אין קראַסנע ר׳ אפרים קליגער

אין משך פון דער צייט האָבן זיך אַלעמאָל געטוישט די גבאים פון דער גרויסער שיל. צווישן אַנדערע זענען געווען גבאים: ר׳ יצחק קרוין, משה דיק, ר׳ קלמן גאָלדבערג, אברהם גליקליך, מאָטל שטערנפעלד, אליעזר קרישטאָלקע, משה קופּערמאַן, משה גראָפּמאַן, משה גליקליך, מאָטל דיק און נאָך אַנדערע, וועמענס נעמען כ׳געדענק שוין נישט.

מיט דער צייט האָט זיך אַלץ אין דער שול מאָדערניזירט. ס׳איז צוגענומען געוואָרן אַ ספּעציעלער אינקאַסענט, וועלכער האָט ביי די מתפּללים איינגעמאָנט דעם חודשלעכן אָפּצאָל. אויך די לויצקער קהילה האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער שול. די קהילה האָט אַסיגנירט אַ ספּעציעלע סובסידיע פאַרן הויפּט־חזן, דיריגענט און כאָר.

נאָכן אָפּפאָר פון חזן ראָזמאַרין איז דערקלערט געוואָרן אַ קאָנקורס אויף אַ הויפּט־חזן אין דער גרויסער שול. ס׳זענען געקומען פיל קאַנדידאַטן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן עקזאַמענס. לסוף איז אָנגענומען געוואָרן דער חזן טייכטעל, וועלכער האָט געשטאַמט פון אונגאַרן, פון וואָס פאַר אַ שטאָט — ווייס איך נישט. דער דאָזיקער חזן איז געווען אַ קולטורעלער מענטש און געהאַט אַ שיינע טענאָר־שטימע, אָבער נישט פון הויכער מדרגה. אַלס דיריגענט איז צוגענומען געוואָרן שמואל גאַק, וועלכער האָט אין די קינדער־יאָרן געזונגען אינעם כאָר פון אהרון ראָזמאַרין אַלס סאָפּראַן. ער איז געווען דיריגענט אין דער תרבות־שול און אויך אָנגעפירט מיט אַ גרויסן כאָר אין דער קולטור־ליגע. אַליין איז ער געווען אַ זון פון ר׳ דוד גאַק, אַ חזן אין

שמואל גאַק — דיריגענט און חזן

טריסקער שול. ער האָט געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי, ווו ער האָט געשפּילט אינעם מיליטערישן אָרקעסטער אויף אַ קלאַרנעט. ער איז געווען אַ גוטער מוזיקער.

זינט דאַן זענען שוין איבערגעאַנדערשט געוואָרן די מנהגים מיטן כאָר אין דער שול. דער חזן איז געשטאַנען ביים עמוד, אָבער דער כאָר איז געשטאַנען אויף דער בינע. ס׳זענען איינגעלערנט געוואָרן פיל נייע מעלאָדיעס גענומענע פון באַוווּסטע קאָמפּאָזיטאָרן.

צו דער שול־פאַרוואַלטונג איז צוגעצויגן געוואָרן ר׳ מאיר קרוינשטיין, אַ רייכער ייד פון לויצק, וועלכער האָט פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון פאַרבעסערן און פאַרשענערן דעם אויסזען פון דער שול. דער חזן, דיריגענט און כאָר האָבן שוין אָנגעהייבן באַקומען נאָרמאַלן חודשלעכן געהאַלט, פאַר צוויי מאָל דאַווענען אין חודש. פאַר יום־טובים האָבן זיי באַקומען ספּעציעל באַצאָלט. דאָס איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דער גרויסער מאַטעריעלער שטיצע פון נייעם פאַרוואַלטונגס־מיטגליד ר׳ מאיר קרוינשטיין. דער לעצטער איז געווען טויבלעך, אָבער אַ חזקה האָט ער געהאַט יעדן יום־כּיפּור צו דאַווענען נעילה. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט אויסגעזען אַ ביסל קאָמיש, ווייל ער האָט דאָך נישט געהערט, וואָס ער זינגט. דאָך האָט מען דאָס אַלץ מוחל געווען צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, צוליבן טיפן עלטער זיינעם, און צווייטנס, צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ ברייטער נדבן. יעדעס יאָר פלעגט ער פאָרן קיין מאַריענבאַד אויפן מוזיקפעסטיוואַל. דאָס לעצטע מאָל האָט ער מיטגעבראַכט אַלס מתנה פאַרן כאָר גאַנץ זולצערס ווערק און פאַרן דיריגענט אַ ספּעציעל דיריזשיר־שטעקעלע.

נאָך איניקע יאָר צוזאַמענאַרבעט איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן חזן און זיין דיריגענט. דאָס איז געשען צוליב דעם, וואָס דער חזן האָט באַשולדיקט דעם דיריגענט, אַז ער שטעלט אים איין די קאָמפּאָזיציעס אין נישט ריכטיקע טאָנאַציעס. אין דער אמתן איז דער חזן נישט געווען גערעכט. ווייל טראָץ זיינע מוזיקאַלישע פעיקייטן, האָט ער דאָך נישט געהאַט קיין פעסטע שטימע. ער האָט אָבער געוואָלט מיט זיין שטילער שטימע איבערשרייען אַלע כאָריסטן, וואָס דאָס האָט זיך נישט געלאָזט.

די קריגערייען און אַמפּערייען צווישן הויפּט־חזן און דיריגענט האָבן טיילווייז אָנגענומען אַ זייער נישט פריינדלעכן כאַראַקטער. דעם חזן פלעגט זיך אויסדוכטן, אַז פיל בעלי־בתים זענען קעגן אים. האָט ער זיך דעריבער מיט אַלע כוחות געוואָלט אויספיינערן מיט זיינע מוזיקאַלישע קענטענישן. געווען פאַלן, ווי ביי דער קדושה פון מוסף, ווען מיר האָבן געזונגען דינאַיעווסקיס מוזיק, און ביים אָפּשטעל פון „כבודו מלא עולם״ איז פאַראַן אַ רעטשיטאַטיוו מיט שטאַרק הויכע טענער, ווו די גאַנצע צייט פאָדערט זיך צו זינגען אין אַן אויבערלאַגע — איז נישט שטענדיק האָט זיך דעם חזן איינגעגעבן אויפצוהאַלטן דעם דיריגענט, וועלכער האָט נישט געקענט דערליידן אַ פעלשונג פון די טענער. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז אויך מיר, דער כאָר, האָבן געהאַלטן מיטן דיריגענט.

איינמאָל, פאַר די ימים נוראים, האָבן מיר פאַרלאָזט די גרויסע שול צוזאַמען מיטן דיריגענט גאַק און אויפגעשטעלט אַן אייגענעם זעלבשטענדיקן כאָר, וועלכער האָט געדאַוונט די ימים נוראים אין אַ ספּעציעל געדונגענעם זאַל, ביי ר׳ יאָסל

ראַמאַנאָוער, ווו מ׳האָט פאַרקויפט בילעטן. גאַק האָט צוגעגרייט דערצו אַ ספּעציעלן רעפּערטואַר. צוזאַמען מיט אונדז האָט אויך דאַן געזונגען דוד פּעקער אַלס חזן, פאַר וועלכן גאַק האָט צוגע־גרייט אַ ספּעציעלן רעפּערטואַר. די ימים נוראים זענען אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

אין דער זעלבער צייט איז קיין לויצק געקומען דער דירי־גענט זיסקינד. דאָס איז געווען מער־ווייניק אין יאָר 1927—1928. ער האָט געענדיקט קאָנסערוואַטאָריע אין לענינגראַד, געוווינט אין לאָמזשע און געווען דאָרט דיריגענט. אין לויצק איז ער גע־ווען דיריגענט ביי די חזנים טייכטעל און יעקב קאָסאָוויצקי, און אויך פון כאָר „הזמיר״.

דיריגענט משה זיסקינד

זיסקינד איז צוגענומען גע־וואָרן אַלס דיריגענט אין דער לויצקער גרויסער שול. ער האָט אָרגאַניזירט אַ נייעם כאָר פון נייע זינגער.

נאָכן חזן טייכטעל איז געקו־מען דער חזן יעקב קוסעוויצקי, פון די ברידער קוסעוויצקי. גע־ווען איז ער נישט קיין שלעכטער חזן מיט אַ גוטער שטימע און נאָך אַ בעסערער זאָגער פון חזנות. נאָך עטלעכע יאָר האָט ער אונדז פאַרלאָזט און געפאָרן קיין ענגלאַנד. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַרי־בער קיין אַמעריקע, ווו ער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געשטאָרבן.

נאָך קוסעוויצקין איז געקומען שולמאַן — אַ גוטער חזן מיט אַ פיינער שטימע. ער איז שוין געווען חזן אין לויצק ביזן יאָר 1939. ווען די רויטע אַרמיי איז געקומען קיין לויצק איז ער צוגענומען געוואָרן אַלס זינגער אין דער אָרטיקער פילהאַרמאָניע. צוזאַמען מיטן גאַנצן כאָר פון דער פילהאַרמאָניע איז ער אַרומגעפאָרן איבער פיל שטעט פון רוסלאַנד און געגעבן קאָנצערטן. נאָכן קריג איז ער געבליבן אין קיעוו, ווו ער האָט געזונגען אין דער דאָרטיקער אָפּערע א. נ. פון שעווטשענקאָ.

דאָס איז וואָס שייך די חזנים אין דער גרויסער לויצ־קער שול.

אין דער טריסקער שול איז געווען חזן ר׳ דוד גאַק. אַ גוטער חזן מיט אַ זייער פיינער שטימע. זיין זון שמואל איז עס געווען דער דיריגענט פונעם כאָר אין דער גרויסער שול. ר׳ יעקב ספּעקטאָר איז געווען חזן פון דער פאַרשטאָטישער שול; ר׳ יעקב וואָפּניאַרסקי — אין דער אַליקער שול. געקומען קיין לויצק איז ער פון בריסק.

אין לויצק זענען חוץ דעם געווען אונטער־חזנים. דער ערשטער איז געווען ר׳ דוד׳ל דער חזן. ער האָט געזונגען אין דער גרויסער שול. עס פאַרגעסט זיך נישט זיין תפילה פאַר כל־נדרי „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה״. ווען ער פלעגט צוקומען צו די ווערטער: „על דעת המקום ועל דעת השכינה״ האָט זיך אין שול דערפילט אַ יראת הכבודיקע שטימונג, וועלכע האָט די מתפללים אַריינגעפירט אין דער יום־כיפור אַטמאָספער.

נאָך ר׳ דודלען איז אונטער־חזן געווען ר׳ ברוך. דאָס איז געווען דעם טרוביצער רבס אַ זון, אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ קליין שטימעלע, מיט וועלכן ראָזמאַרין האָט איינגעזשיסירט די תורה צו זינגען פון נאָטן. דערנאָך איז ביז 1939 געווען אונטערחזן גראַבשטיין.

אין יעדער שול אין לויצק זענען געווען ספּעציעלע בעלי־תפילות. דער בעסטער פון זיי איז געווען קליניצקי, פון פאָך אַ בוכהאַלטער. אויף ימים נוראים איז ער געווען בעל־תפילה, דוכט זיך, אין דער טריסקער שול. זיין זון מענדל קליניצקי האָט צוזאַמען מיט מיר אין דער גרויסער שול געזונגען, צו־ערשט אַלס אַלט און שפּעטער אַלס טענאָר. ער האָט פאַרמאָגט אַ שיינע שטימע. דער לויצקער בירגערמייסטער זשעלינסקי האָט אים צוגעטיילט אַ סטיפּענדיע אויף לערנען מוזיק. מ׳האָט אים טאַקע געשיקט שטודירן קיין וואַרשע.



יעקב גראַבשטיין

זיין טאָכטער ריווע קליניצקי האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרן מעצאָ־סאָפּראַן. ביים היינטיקן טאָג געפינט זי זיך אין אַרגענ־אַרגענטינער ראַדיאָ. אין לויצק האָט זי געזונגען אין דער פילהאַרמאָניע. אין יאָר 1940 איז זי אַרויסגעפאָרן אויף אַ טורנעע איבער רוסלאַנד. נאָכן קריג האָט זי געשפּילט אין כאַרקאָווער טעאַטער. איר ברודער, מענדל, איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

אויף גאַסטראָלן קיין לויצק פלעגן קומען פיל חזנים. דאָס זענען געווען גרשון סיראָטאַ, משה קוסעוויצקי, העלפאַנד, פּרויקע סליפּפאַק און נאָך אַנדערע.

מיר ווילט זיך דאָ אויסרעכענען די נעמען פון די אָנטייל־נעמער אין לויצקער שול־כאָר.

סאָפּראַנען: אהרן וויינשטיין; בעני באַראַש; ישראל שטערן; זעליק שליף; גאָלדמאַן; משה ראָזמאַרין; איזשיק, דערנאָך באַס; מענדעלמאַן אשר, דערנאָך באַס; געניאַק מענדל, געפינט זיך היינט אין חיפה.

אַלטן: יידל ריוועץ; פעדערמאַן; בניומטשיק; גלעזער, דערנאָך טענאָר; מענדל קליניצקי, דערנאָך טענאָר; צוניק פּעקער; דוד אשכנזי, געפינט זיך היינט אין ישראל, תל־אביב.

טענאָרן: אהרן שטשערבאַטע; וואָלף בעניס, דערנאָך חזן אין דער קראַסנער שול, ווען יצחק גרייף איז געווען גבאי; איציק משה, בוטשאַר.

באַסן: חיים לייבל, געפינט זיך היינט אין ישראל, תל־אביב; יחיאל קרישטאַלקע; דוד פּעקער; אליעזר ראָזמאַרין; אהרן וויינשטיין, געפינט זיך אין ישראל, תל־אביב; בעני באַראַש; איזשיק; אשר מענדעלמאַן; שייקע בעקערינג.

✶

ראָזמאַרין איז נישט נאָר געווען אַ חזן. ער איז אויך געווען אַ לערער פון מוזיק. ער האָט דערצויגן באַוווסטע חזנים און זינגער מיט אַ וועלט־נאָמען. אַזוי איז דוד פּעקער געוואָרן חזן אין לעמבערג אין דער שיינאכא־שול, גדליה וועוורִיק — אין ראָסטאָוו. שמואל גאַק איז געווען דיריגענט אין דער לויצקער גרויסער שול און דערנאָך חזן אין לודמיר, וואָלף בעניס — חזן אין דער שול אויף קראָסנע אין לויצק.

דער חזן ר׳ וואָלף בעניס

דער באַוווסטער זינגער סיביריאַקאָוו איז אויך געווען כאָריסט אין ראָזמאַרינס כאָר. דאָס איז נאָך געווען פאַר מיין אַריינטריט אין כאָר. וועגן דעם פלעגט אונדז נישט איינמאָל דערציילן ראָזמאַרין. און ווען סיביריאַקאָוו איז געקומען קיין לויצק אויף אַ קאָנצערט, האָט ער אונדז, דעם כאָר, צוזאַמען מיט ראָזמאַרינען, איינגעלאַדן אין טעאַטער־זאַל אויפן קאָנצערט.

דער חזן וועוורִיק איז געווען אַ לויצקער. ווען ער איז געקומען אויף אַ באַזוך צו זיינע קרובים, האָבן מיר אַלע אײנ־איינעם געגעבן אַ קאָנצערט אין לויצקער טעאַטער.

דער חזן פּעקער איז צוערשט געווען חזן אין קרעמעניץ. ווען מ׳האָט פאַרעפנטלעכט אַ קאָנקורס אויף אַ חזן אין לעמבערג, אין דער שיינאכא־שול, האָב איך אים צוגערעדט, אַז ער זאָל זיך אויך צושטעלן צום קאָנקורס. זיין פרוי האָט אויך געשטאַמט פון אַ חזנישער משפחה און געווען אַ גוטע זינגערין. צוזאַמען זענען מיר אַלע דריי געפאָרן קיין לעמבערג. פרייטיק צו נאַכטס האָט ער געדאַווענט און געענדיקט מיט אַ רעטשיטאַטיוו „מגן־אבות”. ער איז דערפאַר באַשענקט געוואָרן מיט אַ „יישר־כוח” פון אַלע זייטן. אייניקע קאָרעספּאָנדענטן האָבן אים באַוואָרפן מיט פראַגן: ווו ער האָט געלערנט, אין וועלכע קאָנסערוואַטאָריע, ווער זענען געווען זיינע פּראָפעסאָרן א.א.וו. זיין ענטפער איז דאַן געווען, אַז זיין לערער און רבי איז געווען ראָזמאַרין.

מ. ש. גשורי

דער לויצקער אַלטער און דער נייער בית־עולם

צווישן די איבערבלייבענישן פון פאַרצייטנס, מיט וועלכע לויצק האָט שטאָלצירט, און ס׳האָט איף זיי מיט אַ הייליקן ציטער געקוקט יעדער געשיכטע־פאָרשער, איז געווען אויך דער אַלטער בית־עולם — אַ הייליקער גלאַנץ פון זקנה האָט גע־שוועבט איבער אים, און ער איז טייער און חשוב געווען פאַר דעם געשיכטע־פאָרשער, ווייל ער האָט אין אים געפונען חומר ולבנים פאַר זיין אַרבעט. זיינע אַלטע מצבות האָבן עדות געזאָגט וועגן די טויטע נפשות און זייער הויכן גייסט, וועגן באַרימטע לייט, וואָס האָבן געווינטשן גוטס זייער פאָלק און מקריב געווען פאַר אים זייער לעבן.

אויף אַ צווייט אָרט האָב איך געשריבן וועגן דער מצבה פון דעם „הייליקן רב וואָלף”, וואָס געפינט זיך אויפן בית־עולם, אַז זי האָט געוועקט אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירטקייט מצד דער יידישער עטנאָגראַפישער עקפּעדיציע מיטן שרייבער ש. אַנסקי בראש. און זיי האָבן עס דערציילט אין זייערע זכרונות, אַז דער לויצקער קברן האָט זיי געוויזן נאָך אַלטע מצבות, וואָס אויף אייניקע פון זיי האָט מען געקאָנט זען די יאָרן תכ״ב (1662), תכ״ח (1668) און תפ״ב (1672). דער קברן האָט זיי איך געפירט צום „אוהל” פון די צוויי ברידער צדיקים, די זין פון דעם צדיק רב ברוך, רב יצחק אייזיק, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ו (1726) און רב יהושע העשל, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תיר״א (1851). אינעווייניק אין חדר איז נאָך געשטאַנען דער עמוד, אויף וועלכן רב יצחק אייזיק פלעגט זיך אָנשפּאַרן בעתן לערנען. דער קברן האָט דערציילט די עקספּעדיציע־לייט עטלעכע מעשיות וועגן די צוויי צדיקים. ס׳איז קיין שום ספק נישט, אַז די סאַמע עלטסטע מצבות זענען צעשטערט געוואָרן אין די קאַטאַסטראָפע־טעג, אָדער איינגעזונקען געוואָרן אין באָדן. די לויצקער געלערנטע אין איפגעקלערטע האָבן נישט געהאַנדלט ווי די געלערנטע פון די נאָענטע אָסטרע און דובנע, וועלכע האָבן אַראָפּגעשריבן צים פאַראייביקן די שטאַרק אַלטע מצבות, אָדער פון חשובע פערזענלעכקייטן.

יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז נאָך אין דער תקופה ווען דער פאַרצייטישער יידישער ישוב איז געווען קאָנצענטרירט אין „אַלט־לויצק”, אין סוף פין זעכצנטן יאָרהונדערט, האָבן די יידן שוין געהאַט אַ באַזונדער בית־עולם, און אין אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונדערט איז שוין אין לויצק געווען אַ שול. יעדע חברה־קדישא פון יעדן יידישן ישוב האָט געהאַט אַ באַזונדער פּנקס, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר דעם פּנקס פון דער קהילה, אין וועלכן ס׳זענען געוואָרן פאַרשריבן און באַשטעטיקט בקשות פין די חברים, תקנות לטובת דעם ציבור, חרמות און שמתות, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף געזעץ־ברעכער, ווי אויך יעדע געשעעניש און פּאַסירונג אין לעבן פון דער קהילה, וועלכע איז כדאי צו פאַרשרייבן. נישט אומזיסט פלעגט אַזאַ פּנקס

דער אַלטער בית־עולם

געהאַלטן ווערן פאַר אַ וויכטיקן און היסטאָרישן דאָקומענט.

דער לויצקער בית־עולם איז געווען זייער אַן אַלטער און אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקן, איז אַלט געווען אַזויפיל וויפל דאָס יידישע לויצק. ער האָט פאַרנומען אַ שטח פון אַ האַלבן קילאָמעטער קוואַדראַט. ווען ער איז פאַרלייגט געוואָרן, איז ער געווען אַ קילאָמעטער צוויי ווייט פון דער אַלטער שטאָט. מען דערציילט, אַז רב שלמה לויצקער פלעגט אַרויפקומענדיק אויפן אַלטן בית־עולם, אַ זאָג טאָן מיט התפעלות: „אוי, אַ ליכטיקער בית־עולם״, ווייל ס׳זענען אויף אים געווען אוהלס פון קדושים וטהורים. ווען די שטאָט איז זיך צעוואַקסן און האָט אַריבערגעשפּאַנט דאָס „אינדזל״, האָט זי אָנגעהויבן פאַרכאַפּן גרויסע שטחים, זיך צעשפּרייט אויף אַלע זייטן, און דער בית־עולם האָט זיך שוין געפונען אין מיטן שטאָט, אין איר צענטער, און הייזער האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען אַ דאָרן אין די אויגן פון שונאים, און נישט איינמאָל האָבן זיך די באַאַמטע פון דער מאַכט באַמיט צו פאַרשמעלערן אים. און אויב אין דער תקופה פון די רוסן פלעגט מען מיט כאַבאַר אָפּרופן אַלע גזרות, און ער איז געווען אַן אויסגעפּרוווט און זיכער מיטל אָפּצוווענדן אַלע בייזע כוונות און אָפּהיטן דעם בית־עולם זאָל קיין בייז נישט געשען, — איז נאָכדעם ווי די פּאָליאַקן האָבן איינגענומען דעם וואָלינער קאַנט און אים אָנגעשלאָסן צו דער זעלבשטענדיקער מדינה פּוילן, האָבן די לויצקער יידן געמוזט שטיין אין קאַמף קעגן די בייזע כוונות פון דער מאַכט, וועלכע איז תמיד אַרויסגעטרעטן מיט טענות קעגן דעם בית־עולם. נישט איין מאָל האָבן די פּאָליאַקן געוואָלט ליקווידירן דעם בית־עולם אין צענטער שטאָט און דאָרט אויפשטעלן אַ גימנאַזיע. און איינמאָל, אום שבועות, האָבן די פּאָליאַקן געוואָלט עס אָפּטאָן אייגנוויליק, טראַכטנדיק, אַז די יידן וועלן זיך נישט דערוועגן זיי צו שטערן אין אַ יום־טוב־טאָג. זיי האָבן אָנגעפירט אַ מאַסן געהילץ און ציגל פאַרן פּאַרקן פון בית־עולם און זיך געגרייט אויסצופירן זייער פאַרטראַכט נישט געקוקט אויף דעם ווידערשטאַנד פון די יידן. אָבער די יידן זענען איילִיק געקומען פון אַלע שולן און בתי־מדרשים, שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך פון אַלע עקן שטאָט, און האָבן צוזאַמען אויסגעדריקט זייער אַנטשלאָסענעם פּראָטעסט קעגן דעם בייזן באַגער פון די פּאָליאַקן. מ׳האָט געמאַכט ווענדונגען צו געזעלשאַפטלעכע טוער און די יידישע דעפּוטאַטן פון פּוילישן סיים, און סוף־כל־סוף איז די גזרה בטל געוואָרן.

שפּעטער, ווען הרב זלמן סאָראָטשקין איז געזעסן אויף דעם לויצקער כסא־הרבנות, האָט זיך ווידער געשטעלט דאָס בית־עולם־פּראָבלעם אין זיין גאַנצער שאַרפקייט. דער שטאָטראַט האָט באַשלאָסן דורכצופירן אין שטאָט אַן אַלגעמיינע קאַנאַליזאַציע, און די וואָס זענען דערויף געשטעלט געוואָרן האָבן איינגעפונען, אַז מען דאַרף די קאַנאַליזאַציע־רערן דורכלייגן דורך דעם אַרומגעצוימטן בית־עולם. הרב סאָראָטשקין האָט זיך גענומען פאַר דער זאַך מיט דער פולער אחריות און זיך געווענדעט צום אָרטיקן ביסקופּ, וועלכער האָט צו טאָן מיט הייליקייטן און אים אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן דער הייליקייט פון דעם אָרט אויסער זיין היסטאָרישן ווערט. ער האָט קיין תשובה נישט באַקומען. צום סוף, אַז דער רב האָט געזען, אַז „די

טעקסט פון דער ספעציעל פארפאסטער תפילה

„רבון כל העולמים, אדון כל הנפשות, אתה אחד ושמך אחד, אל גדול ונורא, מאציל, בורא ויוצר הכל בדיבור ואמירה, יוצר אור וחושך, בוחן ליבות וכליות ושם בטוחות חכמה מפוארת, יודע מחשבות ונסתרות ולפניו חשכה כאורה, ממית ומחיה, מוחץ ורופא ונותן תשועה ועזרה.

אתאנו לפניך ה׳ אלקינו ואלקי אבותינו בשברון רוח, באימה וביראה, וברתת ובזיע, להתודות לפניך רבון העולמים על כל מה שחטאנו, עוינו ופשענו לפניך ובפרט על מה שגרמנו בעונותינו הרבים שיתבזו עצמות המתים הקדושים, השוכנים פה וכמו שאמרו חז״ל בעון חיים, מתים מתחטטים. אוי נא לנו, שבימינו, שבעירנו עלתה כך לפתוח את קברי אבותינו הקדושים, נוחי נפש ולהוציא את עצמותיהם ויחד עם זה באנו לבקש סליחה מאת עצמות הקדושים, השוכנים בשדי הקברות הזה, כי יראה ורעד באו בנו ותסמר שערות ראשינו בהעלות על ליבנו — אולי לא השתדלנו כל צרכנו להציל אתכם מבזיון וטלטול; אבל מה נעשה וסכנת הריסות כל שדי הקברות הכריחה אותנו להסכים על חפירת ביב סביב לגדר, ולא על עצמינו אנו מתודים ומבקשים מחילה, רק בעדינו ובעד כל קהל ישראל, יושבי העיר הזאת וכל אחד מבני קהלתנו אומר לכם: נעניתי לכם עצמות קדושות, השוכנות בשדי הקברות הזה, כי חטאנו לה׳ אלקי ישראל ולכם יכל מה שפעלתי ודברתי ועשיתי והרהרתי, או כל מה אשר התרשלתי מעשות לכבודכם הי׳ הכל אצלנו כשגגה היוצאת בדעת מוטעת וכל אשר עשיתי שלא כהוגן אני מתחרט עליו בחרטה גמורה והנני מבקש מכם ומנפשכם ורוחכם ונשמותיכם מחילה וסליחה וכפרה ותענו: סלחתי. ותעמדו לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה בתפלה לרחם על שארית־הפליטה של עם ישראל הנתונים בצרה ובשבי ובפרט לרחם על יושבי העיר הזאת ועל יושבי ארצנו הקדושה, להציל אותנו מחרב וביזה ומחלאים רעים ולהטריפם לחם חוקם מתחת ידו המלאה, ובלע המות לנצח ומחה ה׳ דמעה מעל כל פנים, ובא לציון גואל ויקיצו וירננו שוכני עפר במהרה בימינו אמן!״

גזרה איז שוין אַ באַשלאָסענע״ און מען קאָן זי נישט אָפּווענדן, האָט ער געבעטן ביי דער אָרטיקער מאַכט אַ דערלויבעניש פאַר די מענטשן פון דער יידישער קהילה זיך צו פאַרזאַמלען אויף אַ געוויס אָרט, אָפּריכטן אַן אזכרה און בעטן מחילה ביי די טויטע. די דערלויבעניש איז נישט לייכט געגעבן געוואָרן, ווייל די פוילישע באַאַמטע האָבן נאָך געדענקט דעם ווידער־שטאַנד פון די יידן מיט עטלעכע יאָר צוריק, אום שבועות, ווען ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן צו־נישט־מאַכן זייערע בייזע כוונות. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די יידן קאָנען זיי שטעלן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. אָבער דער רב האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רו, און אַז זיי פאַרלאַנגען בלויז מקיים צו זיין דעם מנהג אין אַזאַ לאַגע און בעטן מחילה ביי די מתים פאַרן שטערן זייער רו.

די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן, און דער רב האָט צוזאַמענגערופן די גאַנצע שטאָט אויפן בית־עולם. ס׳האָבן זיך צונויפגעזאַמלט מענער, פרויען און קינדער, און ער האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ דרשה וועגן דעם דאָזיקן שווערן און ביטערן נסיון. דאָס אָרט צו שטיין האָט זיך דער רב אָפּגעקליבן דעם בוים, וואָס איז געוואַקסן אויפן קבר פון דעם „הייליקן רב וואָלף״, און פון דאָרט האָט ער גערעדט וועגן דעם צוואַנג וואָס מען פירט אויס איבער אונדז דורכצופירן קאַנאַליזאַציע דורך דעם בית־עולם. און פאָרט האָט זיך דער רב נאָך אַלץ נישט מיאש געווען. ער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט איינעם פון די פוילישע אינזשינערן, וועלכע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פאַרווירקלעכן די קאַנאַליזאַציע, און נאָך שווערע און אויס־מאַטערנדיקע פאַרהאַנדלונגען איז אים געלונגען צו ווירקן אויפן אינזשינער מען זאָל דורכפירן די רערן נישט אינמיטן דעם בית־עולם צווישן די קברים, נאָר פאַזע דעם פאַרקן און וואָס מער אויסמיידן צו פאַרטשעפּען די קברים אַליין. און די חברה־קדישא, מיטן גבאי פון ועד־הקהילה און דער חברה־קדישא, רב יחיאל טעסליער בראש, האָבן נאָך עפּעס גרעסערס געטאָן: ס׳איז זיי געלונגען אַראָפּצוגנבענען אין דער נאַכט־פינצטערניש נאָך דריי מעטער פאַר דעם בית־עולם און אַריבערטראָגן דעם פאַרקן אויסער דער אַלטער גרענעץ און אַזויאַרום באַוואָרענען די גאַנצקייט פון די קברים.

ב. ה.

מ׳בעט איבערלייענען קודם קריאת־התורה

צו דער יידישער באַפעלקערונג אין לויצק!

מיט אַ ווייטיק אין האַרצן זענען מיר אייך מודיע, אַז אַלע אונדזערע באַמיונגען אָפּצוראַטעווען אונדזער אַלטן בית־עולם, ווו ס׳רוען די הייליקע עצמות פון אונדזערע עלטערן, האָבן זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל און דער מאַגיסטראַט טרעט צו מאָנטיק, פרשת דברים, ד׳ מנחם־אב תרצ״ח, דורכ־צופירן אַ קאַנאַליזאַציע־רער דורכן בית־עולם. ס׳איז דערביי מעגלעך, אַז ס׳וועלן געעפנט ווערן אייניקע קברים און מיר וועלן זיין געצוווּנגען מקבר צו זיין די עצמות הקדושים אין פרישע קברים לויטן יידישן דין.

אַזעלכע געשעענישן זענען זייער זעלטענע אַפילו אין דער געשיכטע פון עם בזוי ושסוי און וואַנדער־פאָלק. מיר רופן די יידישע באַפעלקערונג זיך צו פאַרהאַלטן רויק און ווירדיק און מקבל זיין באהבה די גזירה מן השמים. מיר מוזן אָבער מחילה־בעטן ביי די קברים פון אונדזערע הייליקע עלטערן, איידער מ׳וועט זיי עפענען. מיר מוזן זיי דערציילן, אַז מיר האָבן געטאָן אַלץ, כדי צו לאָזן זייערע עצמות הקדושים רוען אין זייער אייביקער רו. ליידער האָבן מיר געמוזט איינגיין אויף אַ טיילווייזער עקסהומאַציע, כדי צו ראַטעווען דעם גאַנצן בית־עלמין. אגב וועלן מיר אויפן הייליקן אָרט מעורר־רחמים זיין אויף דער לאַגע פון די יידן אין גלות און אין ארץ־ישראל.

זונטיק פרשת דברים 7 אַזייגער פרי קומען זיך אַלע צוזאַמען (מיטנעמען אַ מענה־לשון און אַ תהילים) אויפן הייליקן אָרט, ביי דער קהילה. כוהנים וועלן בלייבן שטיין אויפן קהילה־הויף. דאָרט וועט מען מתפלל־זיין ברוב עם די תפילות: אשר יצר אתכם בדין, תפילה ד, ו, מ, ה (אין לשון רבים), די קאַפּיטלען: יענך ה׳ ביום צרה, יושב בסתר ק״ב, ק״ג, ק״ד, פטום הקטורת, אנא בכח און אַ ספּעציעל־פאַרפאַסטע תפילה: בעטן מחילה די מתים פאַר פינוי העצמות.

צו דער תפילה מוז מען קומען ניכטערהייט. חסידים ואנשי מעשה פאַסטן ביז נאָך האַלבן טאָג.

מ׳בעט קומען פונקט 7 אַזייגער פרי.

והוא רחום יכפר עון ובלע המות לנצח ומחה ה׳ דמעה מעל כל פנים ובא לציון גואל בב״א.

ועד הרבנים דלוצק ועד הקהילה דלוצק

די חברה־קדישא, אָדער גמילות חסד של אמת

אויף וויפל די דאָזיקע חברה איז געווען טייער און באַליבט און באמת הייליק אין די אויגן פון די יידן קאָן מען זען דערפון, וואָס אַ סך יידן פלעג מקדיש זיי זייערע זין און אייניקלעך, ווען זיי זענען נאָך קינדער געווען, און אַמאָל אַפילו צו זייער ברית, זיי זאָלן באַדינען די חברה־קדישא ביזן טאָג פון זייער חתונה. ס׳זענען אויך געווען פאַלן, אַז חשובע ווייבער זענען אַנגענומען געוואָרן אין דער חברה און האָבן געהאַט די זעלבע רעכט פון אַלע מיטגלידער, חוץ דעם זכות אויסגעוויילט צו ווערן, „ווייל די וועלט פירט זיך נישט אַזוי״.

די חברה־קדישא, וועלכע מ׳האָט אויך גערופן גמילות חסד של אמת, איז געווען אַ מין אַלגעמיין פאָלקישע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט נישט נאָר רבנים, אב־בית־דינס, ראשי־ישיבות און די חשובסטע מענטשן אין שטאָט, נאָר יעטוועדער ייד האָט עס געהאַלטן פאַר אַ הייליקן חוב פאַר זיך „צוצוטרעטן פאַר דעם לויטערן טיש, די פירער פון דער חברה־קדישא״ און זיי פאַרלייגן „ווי גרויס ס׳איז זיין האַרצנס פאַר־לאַנג״ אויסצופירן אַלע שווערע באַדינגונגען, ווי פליכט־דינסט אין משך פון דריי יאָר, באַצאָלן איינשרייב־געלט וויפל מען וועט אויף אים אַרויפלייגן, און מקיים זיין די איבעריקע תקנות, אַז ער זאָל האָבן די זכיה אָנגענומען צו ווערן אין דער הייליקער חברה־קדישא.

יאָר איין, יאָר אויס, אום הושענא־רבה, פלעגן זיך זאַמלען די בוררים ביי דער קלפי און אויסוויילן זיבן גבאים (שבעה טובי העיר), וואָס זעקס פון זיי האָבן אָנגעפירט מיט דער חברה אין משך פון יאָר, יעדער גבאי צוויי חדשים (פרנס־חודש), און דער זיבעטער, וועלכן מ׳האָט גערופן „במקום כולם״, האָט פאַרטרעטן יעדן איינעם אין אַ פאַל פון קראַנקייט אָדער אַן אַנדער סיבה. חוץ די גבאים פלעגט אויסגעוויילט ווערן איינער פון די חשובי־העיר ער זאָל זיין דער „נאמן״ פון דער חברה, וועלכער האָט זיך אונטערשיידט פון דעם קאַסירער בלויז דערמיט וואָס זיין פליכט איז געווען צו דעקן יעדן סכום געלט לויט אַ שריפטלעכן באַפעל פון דעם פרנס־חודש, אויב אַפילו קיין מזומן געלט איז אין קאַסע נישט געווען, מיטן באַדינג עס צו באַקומען צוריק ביז ס׳ענדיקט זיך די צייט פון זיין התמנות.

אויסער די דירעקטע אויפגאַבן פון יעדער חברה־קדישא, האָט די חברה באַדאַרפט באַזאָרגן אַלע באַדערפענישן פון דער שטאָט, אָנהייבנדיק פון שכירות פאַר די כלי־קודש ביז דעם אונטערהאַלטן די שטאָטישע אַנשטאַלטן פאַר תורה און צדקה און ביז צופעליקע אויסגאַבן, ווי: אַ געוויסע געלט־שטיצע פאַר יעדן רבין, דרשן אָדער לייטישן אָרעמאַן וואָס איז געקומען אין שטאָט אַריין, פדיון שבויים, קבורת־קדושים, מתנות פאַר די שטאָטישע מושלים, מעות־חטים אויף פסח און אַזוי ווייטער.

נאָך אין די ערשטע צייטן איז ביי דער לויצקער חברה־קדישא געווען אַ תקנה איינצואָרדנען אויך דעם ענין פון ביקור־חולים. ווי נאָר דער גבאי פון דער חברה פלעגט זיך דערוויסן, אַז איינער אַ חבר איז קראַנק געוואָרן, האָט ער געפילט פאַר זיין חוב צו שיקן צוויי מענטשן, לויט אַ גורל, אויף נעכטיקן ביים קראַנקן, און אויב ווער קאָן נישט גיין אַליין, האָט ער דאָס רעכט צו דינגען אַ מענטשן און אים שיקן אויף זיין אָרט.

נאָך דעם ווי דער אַלטער בית־עולם איז פול געוואָרן, האָבן די מענטשן פון דער חברה־קדישא, צוריק מיט הונדערט פופציק יאָר, אויפגעבויט אַ נייעם בית־עולם; אין אים האָט זיך געפונען אַן אָפּטייל פאַר דער קאַראַימישער עדה. דער נייער בית־עולם האָט זיך געפונען אין עק שטאָט, אין דער פאָרשטאָט ווילקע.

די עסקנים פון דער חברה־קדישא האָבן געאַרבעט איבערי געגעבן, און אַ סך פון זיי האָבן גאָר פיל אויפגעטאָן אַוועק־צושטעלן די אינסטיטוציע אויף דער געהעריקער הייך. פון צווישן זיי האָבן זיך אַרויסגעטיילט יחיאל טעסליער (איינבינ־דער), יואל כאַראַק — פון די אַלטע גבאים, ראובן עליע לייבו־שעס, דער גרויסער עסקן חייקל ווייץ, דער וועלכער האָט צוזאַמען מיט די שטאָט־עסקנים אַ סך זיך באַמיט אין דעם קאַמף קעגן פאַרשוועכן דעם אַלטן בית־הקברות דורך אויפשטעלן אויף אים אַ פוילישע גימנאַזיע.

אויף די מצבות פון דעם בית־עולם זעט מען די באַקאַנטע סימבאָלן וואָס אויף די בית־עולמס אויף דער גאַנצער וועלט, ווי: דער קרוג פון די לויים און די אויסגעשטרעקטע האַנט־פלאַכן פון די כהנים. פון צווישן די שיינע מצבות האָבן אַרויס־גערופן אויפמערקזאַמקייט די מצבות פון די משפחות גליקליך און קרוינשטיין.

מצבות פון אַלטן בית־עולם

דיוקנאות
והווי

שטייגער
און
טיפּן

יוסף פינקלשטיין

די הויכע נשמה פון דער שטאָט לויצק

(לעגענדע)

איינמאָל, ווען ר׳ לייב שרה׳ס איז געווען אין טיף רוסלאַנד, האָט ער פּלוצעם דערפילט, אַז אויף וואָלין, אין דער שטאָט לויצק, געפינט זיך אַ נשמה, וואָס וואַרט מ׳זאָל זי דערהייבן צו איר הויכער מדרגה...

נאָך הבדלה האָט ר׳ לייב געהייסן זיין אַנטרייבער שפּאַנען די פערד צו אַ ווייטער נסיעה. דער משרת האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען דער רבי האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „נסיעה", און דערצו נאָך „ווייטע", וועט געוויס זיין — „קפיצת הדרך".

און אַזוי פלעגט זיך שוין ר׳ לייב שרה׳ס נוהג זיין: ווען ער פלעגט זיך אַריינזעצן אין וואָגן, האָט זיין אַנטרייבער געטריבן די פערד נאָר ביז הינטער דער שטאָט, און ווי נאָר זיי זענען געקומען מחוץ־לעיר, האָט ר׳ לייב אַליין גענומען די לייצעס אין זיינע הענט און דעם אַנטרייבער האָט ער באַפוילן זיך זעצן מיטן רוקן צו די פערד.

אָפטמאָל פלעגט דעם אַנטרייבער באַפאַלן אַ מוראדיקער שלאָף, אָדער ער פלעגט גאָר טויב ווערן... אַלץ האָט ער געזען מיט זיינע אויגן, אָבער גאָרנישט געהערט מיט די אויערן.

ר׳ לייב שרה׳ס האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן, געצויגן די לייצעס און אַרויסגעזאָגט דעם „שם" פון „קפיצת הדרך" — און די פערד זענען געפלויגן פייל־אויס־בויגן. אָבער אין דער אמתן איז די ערד אַקעגנגעלאָפן די רעדער...

מ׳האָט געזען אַדורכשוועבן פעלדער, וועלדער, שטעט און דערפער, טייכן און ימים, סטעפּעס און מדבריות... אַזוי פלעגט עס זיין, ביז די פערד זענען געקומען צום געווינטשענעם אָרט און האָבן זיך אַליין אָפּגעשטעלט.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען מחוץ־לעיר. דאַן האָט ר׳ לייב שרה׳ס אויפגעוועקט זיין פורמאַן — אים איבערגעגעבן די לייצעס אין די הענט, באַפוילן זיך אומקערן מיטן פּנים צו די פערד און ווייטער טרייבן — גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען.

*

געקומען זענען זיי אין דער שטאָט לויצק, וואָס אין וואָלין, אין דער פרי. באַלד נאָכן דאַווענען איז ר׳ לייב געגאַנגען שפּאַצירן, ביז ער איז געקומען מחוץ־לעיר. דאָרט האָט ער דערזען אַן אַכט־יאָריק יינגל, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, האַלב נאַקעט — און ער פּאַשעט גענדז.

אָט דאָס איז געווען די הויכע נשמה וואָס ר׳ לייב האָט אַזוי ווייט דערפילט.

דאָס אָרעמע יינגל האָט אים דערציילט, אַז זיין מוטער איז אַן אלמנה און ער האָט ר׳ לייבן געזאָגט איר נאָמען.

באַלד איז ר׳ לייב געגאַנגען צו דער אלמנה און ביי איר געבעטן, זי זאָל אים געבן איר זון פאַר אַ משרת, און ער, דער סוחר, וועט פון אים מאַכן „אַ לייט". אויך האָט ר׳ לייב געגעבן דער אלמנה אַ סכום געלט און זי איז מרוצה געוואָרן.

ר׳ לייב שרה׳ס האָט דאָס יינגל, מיט דער הילף פון „קפיצת הדרך", אָפּגעפירט קיין ניקעלשבורג, צום צדיק ר׳ שמעלקע...

— אָט דאָס האָב איך צו אייך געבראַכט — האָט ר׳ לייב שמייכלענדיק געזאָגט צו ר׳ שמעלקען פון ניקעלשבורג — אַ הויכע נשמה, אַ הייליקע פון היכל השירה, פונעם הימלישן געזאַנג — פון די ווייטע געגנטן אין וואָלין. און איך גיב אייך אָט די נשמה איבער אין אייערע הענט, בתנאי — איר זאָלט זי דערהייבן צו איר מדרגה... ר׳ לייב שרה׳ס האָט זיך געזעגנט און באַלד אָפּגעפאָרן.

*

איז געוואַקסן דער אָרעמער לויצקער פּאַסטעך ביים צדיק ר׳ שמעלקע אין ניקעלשבורג. מיט דער צייט איז ער מפורסם געוואָרן אַלס גרעסטער מנגן, דער באַוווּסטער אייזיק פון לויצק, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט די טייערסטע ניגונים פון דער „קליפּה" און „סיטרא־אחרא" און זיי אומגעקערט צו זייער הייליקן שטאַם, ווו זיי זענען געשאַפן געוואָרן מראשית יצירה...

אָט דער הייליקער צדיק, וואָס אַלע גדולי הדור האָבן אים

סתם גערופן „דער הייליקער פון לויצק״, פלעגט זיך נוהג זיין כל ימיו צו גיין אַלע טאָג אין וואַלד אַריין, דאָרט זיך צוהערן צו די זיס־געשמאַקע געזאַנגען פון די פאַסטעכער, וואָס זיי פלעגן אויסשפּילן אויף זייערע פייפלען — און זיי אומקערן צום שטאַם פון דער הייליקער שירה און נגינה.

— ווייל אַלע ניגונים, — פלעגט ר׳ אייזיק לויצקער זאָגן — אַלע ניגונים שטאַמען פונעם „היכל־השירה״. די טומאה איז דער קוואַל פון אומעט און טרויער. דורך איר איז אדם הראשון אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון זינד... דאָס מיינט מען די קליפה און סיטרא אחרא...

אָבער גאָר אַנדערש זענען די הייליקע ניגונים, זיי זענען די „הייליקע פונקען״. און צוזאַמען מיט זיי — אויך די פונקען פון געזאַנג.

די אויפגאַבע פון צדיק פון לויצק איז געווען אומצוקערן צו דער הייליקייט, צו זייער שורש, די נגינה מיט זייער שמחה און חדווה, פון וועלכע ס׳האָט געברויזט בלויז אייביקע פרייד... אומצוקערן די הייליקע פונקען, וואָס וואַנדערן אין עולם התוהו, וואָס ריכטן אָפּ גלות און בעטן אַ תיקון.

און נישט נאָר דאָס קול פון נגינה האָט ר׳ אייזיק לויצקער אומגעקערט צו זייער הייליקן שורש, נאָר אויך זייער שפּראַך...

איינמאָל האָט דער צדיק, דער הייליקער מנגן ר׳ אייזיק, זיך צוגעהערט, ווי אַ פּאַסטעך אין פעלד האָט געשפּילט אויפן לאַנגן פייפל אַ נגינה און שפּעטער צוגעזונגען פאָלגנדיקע ווערטער:

וואַלד, וואַלד ווי לאַנג ביסטו!
רויז, רויז ווי ווייט ביסטו!
ווען דער וואַלד וואָלט קלענער זיין,
וואָלט די רויז נאָענט זיין...
וואָלט מען פונעם וואַלד אונדז אַרויסגענומען
וואָלטן מיר ביידע צונאַנד געקומען...

ר׳ אייזיק פון לויצק האָט זיך אָפּגעזונדערט אויף אַ שטיין הינטערן בוים, זיך אַוועקגעזעצט און אויסגעזונגען מיט אַ ביטער געוויין דעם זעלבן ניגון מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

גלות, גלות, ווי לאַנג ביסטו!
שכינה, שכינה, ווי ווייט ביסטו!
וואָלט דער גלות קלענער זיין,
וואָלט די שכינה נאָענט זיין,
וואָלט מען פונעם גלות אונדז אַרויסגענומען
וואָלטן מיר ביידע צונאַנד געקומען...

ווען דער צדיק און גאון פון ראָפּשיץ האָט צום ערשטן מאָל דאָס זיסע געזאַנג מיט דער געשמאַקער נגינה דערהערט — האָט ער פאַרחלומט געשלאָסן די אויגן און געזאָגט:

— אין דער שעה, ווען דער לויצקער זינגט אויס דעם ניגון מיט די ווערטער — ווערט אַ רעש אין די עולמות העליונים און ס׳עפנט זיך דער שער־הרחמים און גאַנצע מחנות מלאכים גייען מקבל פנים זיין דעם צדיק ר׳ לייב שרה׳ס אין הימלישן היכל און מיט געזאַנג לויבן זיי און זאָגן:

— געבענטשט זאָלסטו זיין, לייב שרה׳ס, וואָס דו האָסט אונדז אַזאַ טייערע, זינגענדיקע נשמה געגעבן...

לויצק, 1938

אַ פאַרשוווּנדענער דור

עס זיצן פון רעכטס: מאיר קראַנשטיין, חיה רעכל קראַנשטיין, יוסף קראַנשטיין, ליפּע דינער, יואל באַרזאַך, מאיר קופּערשטיין.
עס שטייען פון רעכטס: אברהם לענדער, לייב קראַנשטיין, שמאי ווינטרויב׳ מרדכי קאַצענעלבאָגען, שלום גאָלדבערג, ל. ליבערמאַן.

י. צ. גאַלפּערין

מיינע מלמדים

(זכרונות פון די חדר־יאָרן)

אומעטיק איז געפלאָסן אונדזער קינדהייט. אָנשטאָט אין די שיינע רעסאָרן־וועגעלעך, האָבן מיר זיך געכאָוועט אין קיטיקע, שטרויענע הענג־וויגלעך; אָנשטאָט די שפּאַצירן אונטער זון און אויף דער לופט, זומער ווי ווינטער, האָט מען אונדז געהאַלטן אין פאַרמאַכטע שטיבער־קאַסטנס, געטוליעט אין שמאַטעס און קאָלדרעס, גאַנצע וואָכן נישט געלאָזט אונדז קומען אין באַרירונג מיטן דרויסן, צוליב מורא, אַז מ׳זאָל זיך נישט צוקילן. דאָס לערנען איז פאָרגעקומען אין ענגע, ס׳ריב שמוציקע חדרים, אָן אַ ברעקל זון און שפּור פון פרייהייט. שטענדיק האָט איבער אונדז געוואַכט דער שטרענגער בליק פון בייזן רבין, דער אומבאַגרענעצטער הערשער איבער אונדזער נשמה און גוף...

ר׳ משה מלמד ז״ל

נישט אַלעמען איז באַקאַנט, אַז די מאַנטשנע־גאַס האָט אַמאָל געטראָגן דעם נאָמען — „מצרים־גאַס“.

צי האָט מען זי אַזוי גערופן דערפאַר, ווייל יעדן פרילינג פלעגן זיך צונויפגיסן ביידע טייכן — דער גלושעץ מיטן סטיר — און פאַרטרינקען דאָס געסל ווי בשעתו דער נילוס אין מצרים, צי פשוט צוליב דער זעקסטער מצרים־מכה — חושך, וואָס האָט דאָרט כסדר געהערשט? — דאָס איז נישט באַקאַנט.

אויף דער דאָזיקער „מצרים־גאַס“, אין איינציקן געמויערטן הויז, וואָס שטייט נאָך ביז היינט, האָט דאַן „געקעניגט“ דער דרדקי־מלמד ר׳ משה ע״ה — אַ ייד אַן עלטערער, איינגעהויקערטער, מיט אַ בלאַס פאַרצאָרנט פּנים, אַ שרעקלעכער קפּדן, אַ שרייער און שלאָגער. ער פלעגט אויף אונדז, פּיצעלעך, אָנוואַרפן אַ מרה־שחורה מיטן בלויזן קוק זיינעם.

שוין גאַנץ פרי, ווען מיר פלעגן נאָך אין די בעטן שפּינען דעם גאָלדענעם חלום פון זאָרגלאָזע קינדערישע פרימאָרגנס, פלעגט זיך אַריינרייסן דער באַהעלפער, דעם רבינס פליגל־אַדיוטאַנט, און אָן שום צערעמאָניעס אָנהייבן טאָרמאָשען פון שלאָף, אַראָפּנעמען פון די בעטן, תיכף הייסן אָפּגיסן נעגל־וואַסער, אָפּזאָגן מיט אונדז מודה אני, כאַפּן דעם איבערבייס, וועלכער פלעגט מערסטנטייל שוין בלייבן ביי אים (מיר האָבן געמוזט מאַכן אַ שווייג), און אויף די אַקסלען — היידא, אין חדר אַריין.

אין דרויסן כישופט אַ פרילינגס־זון, אַ קיל מחיהדיק ווינטעלע גלעט אין צערטלט, קיצלט די קינדערישע צעשפּילטע פאַנטאַזיע און רופט אַרויס דעם הייסן פאַרלאַנג צו בלייבן אַ ביסעלע אויפן גאַס, אַ שפּיל טאָן זיך אומגעשטערט אויפן זוּמערדיקן דרויסן. אָבער דער מגושמדיקער באַהעלפער טאַסקעט אַהין — אין חדר אַריין.

אין חדר איז ענג. ס׳געפינען זיך שוין דאָרטן ביי אַ דריי צענדליק קינדערלעך, וואָס אַ שטאָט מיט טאַטעס האָט איבערגעגעבן דעם מלמד צו לערנען אַ שייטל עברי און מדריך זיין. זיצט מען אַזוי צוזאַמענגעפּרעסט, ווי געגנדז אין אַ שטייג. אַרום אונדז דרייט זיך אַרום דער רבי, אין זיינע הענט מיט די פאַרגעלטע פון טאַבאַק פינגער — דער קאַנטשיק, וואָס איז ביי יעדער קלייניקייט גרייט זיך אַראָפּצולאָזן אויף דער פּלייצע... אָבער משה מלמד האָט נישט געהאַלטן פון דער פּלייצע, אים האָט געשמעקט אַן אַנדער „אָרט“... פלעגט ער, בכדי זיך איינצושפּאָרן צייט אין מאָמענט פון כעס־אויסברוך, וואָס פלעגט ביי אים זייער אָפט טרעפן, באַפאַלן די קינדער, ווי נאָר זיי זענען געקומען, אַראָפּלאָזן די תחתונימלעך. זאָלן זיי זיין גרייט, ווי ס׳מאַכט זיך...

און ס׳האָט זיך טאַקע געמאַכט. ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט טועה זיין. „אַרבעט“ איז געווען אַ סך. דאָ האָט אַ קינד נישט נאָכגעזאָגט דעם „אָ“ צום קמץ־אלף אַזוי גיך; דאָ האָט זיך אַ קינד פּלוצעם גאָר פאַרקוקט אויף דער זלידנער פליג, וואָס וויל נישט אויפהערן קריכן איבערן פאַרפעטסטן סידור; דאָ האָט זיך עמעצן פאַרגלוסט סתם אַזוי אַרויסלאָזן אַ הויך וואָרט, אָדער גאָר אַ לאַך טאָן. זינדיק האָט מען שוין נישט געדאַרפט זיין. דער קאַנטשיק האָט געאַרבעט איבערן „גוטן אָרט“.

חוץ דעם קאַנטשיק האָט ר׳ משה מלמד, דעם ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, געהאַט נאָך אַ שטראָף־מיטל, וואָס האָט גאַנץ גוט געווירקט אויפן קליינוואַרג: „אָט גייט ער אויפבינדן דעם אינדיק מיטן קופּערנעם פּיסק, וואָס געפינט זיך אויפן בוידעם“... אַז מיר האָבן דערהערט „אינדיק מיטן קופּערנעם פּיסק“ — איז אין אונדז אָפּגעשטאָרבן יעדער אבר און מיר פלעגן בלייבן אויף אַ ווײַלע שטום און אָפּהענטיק.

אַזוי פלעגט זיך ציען, מאָנאָטאָן און גרוי, אַ זמן נאָך אַ זמן.

ר׳ מאָטל ווישעווער ז״ל

אין איינעם אַזאַ בין הזמנים — איך בין שוין אַ ביסעלע אונטערגעוואַקסן און געקענט דאָס שייטל עברי — האָבן טאַטע־מאַמע באַשלאָסן אַריינגעבן דעם „בחור“ צו מאָטל ווישעווער, דעם גמרא־מלמד.

די גדולה איז געווען אין לשער. אַ קלייניקייט: פּטור ווערן פונעם קאַנטשיק מיטן „אינדיק“ — אָבער ס׳זענען אַריבער נאָר עטלעכע טעג, ווי כ׳האָב פאַרזוכט דעם נייעם חדר — און ס׳איז געקומען אַ ביטערע אַנטוישונג. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פריערדיקער מלמד ר׳ משה איז אין הלכות „דערציונג“ (דאָס מיינט: קאַטעווען די קינדער) טאַקע ווי אַ דרדקי קעגן אַ גמרא־קענער. ר׳ מאָטל ווישעווער, זאָל מיר מוחל זיין, איז געווען אַ ייד בטבע אַ בייזער און אַ כעסן, וואָס

האָט פשוט געפּילט אַ באַדערפעניש מקיים פּסק צו זיין דאָס קליינוואַרג. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען: פראַנצוזקע קניפּן... דאָס זענען אַזעלכע דריבנע קניפּעלעך, וואָס מ׳געדענקט וואָכנלאַנג און מ׳קאָן זיך צום אָרט נישט צורירן. דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַ ספּעציעלן רימען, מיט וועלכן ער פּלעגט זיך „צעלאָזן", אַז פונקען זענען געפלויגן פון די אויגן.

מיר פּלעגן פאַר אים ציטערן אימת מות, זיך היטן אַפילו מיט אַ שאָרך, אָבער גיי האַלט איין שנעקעס. איבעריקנס, האָט מען דען געדאַרפט אַ סך אויף צו פאַרזינדיקן זיך? ס׳איז רעכט געווען, אַז איינער זאָל געבן אַ גיס, נישט אַזוי ווי דעם רבין געפעלט — און ס׳איז באַלד געקומען דער פּסק.

עד היום קאָן איך נישט פאַרגעסן פאָלגנדיקע סצענע:

איינער פון די תלמידים איז איינגעשלאָפן ביים לערנען. צי איז ער געווען מיד פונעם שבתדיקן פרייען טאָג, צי סתם עפּעס נישט מיט אַלעמען. האָט דער רבי זיך אויפגעהויבן פון טיש און זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום תלמיד, שטיל, פּאַוואָליִנקע, אויף די נעגל, ער זאָל זיך חלילה נישט אויפכאַפּן, דער קרבן. אַז ער האָט אים נישט געקאָנט דערגרייכן מיט דער האַנט, האָט ער זי אויסגעצויגן און אים דערלאַנגט אַזאַ זעץ איבערן פּנים, אַז יענער האָט אָנגעהויבן שרייען, ווי פון שלאָף, געוואַלד און געוואַלד. לכתחילה האָט זיך דער רבי אַפּנים דערשראָקן, וואָס איז געווען קענטיק פון זיין בלאַס ווערן, געמיינט, אפשר אים חלילה שלעכט דערלאַנגט, אָבער ווען ער האָט זיך אָריענטירט, אַז מיט אים איז קיין שלעכטס נישט געשען, האָט ער אים ערשט גענומען אויפן רעכטן אמת שלאָגן מכות רצח, שרייענדיק:

— וואָס רעוועסטו ווי אַ געקוילעטער אָקס?!...

דאָ איז נאָך אָנגעקומען פון קיך די רביצין. פון רחמנות אויף איר „האָרעווענדיקן" מאַן, וועלכער שטייט אַ שווער סאַפּענדיקער צוליב זיין אַסטמע און קאָן זיך גאָרנישט אָפּרייסן פון זיין „קרבן", איז זי אַרויס מיט איר מענה לשון:

— ווי אַזוי האָט עס אַ תלמיד נישט קיין רחמנות אויף אַזאַ שוואַכן ייד, ווי דער רבי? זעט ער דען נישט, דער אכזר, אַז דער רבי אָטעמט קוים? ווי אַזוי האָט מען עס אַזאַ האַרץ פון אַ טאַטער? ער האַלט זיך דאָך קוים אויף די פיס!

און צום רבין נעמט זי איינטענהן:

— מאָטל, האָב שוין אַמאָל רחמנות אויף דיין געזונט, מישטיינס געזאָגט. מילא, נחמהקע האָט שוין ביי דיר לגמרי קיין ווערט, אָבער צי ווייסטו דען נישט, אַז ווען אַפילו דו דערהרגעסט אים, דעם תכשיט, וועסטו אים שוין נישט איבערמאַכן?

דער רבי דרייט זיך אויס און ענטפערט איר האַסטיק מיט רוגזה:

— ניין, דאָס וועסטו שוין ביי מיר נישט פועלן! איך וועל אים נישט לאָזן וואַקסן קיין פרא אדם... שפּעטער וועט זיין טאַטע זאָגן, אַז מאָטל גיט נישט אַכטונג אויף זיינע תלמידים... ניין, נחמהקע. איך מוז אים מאַכן פאַר אַ מענטש...

און מיט פרישע כוחות האָט ער זיך ווידער געוואָרפן אויף אים און געשלאָגן.

אַזאַ איז ער געווען, מאָטל וויזשעווער.

ס׳איז אָבער באַשערט געווען, אַז מיר קינדער זאָלן אויך אַמאָל דערלעבן אַ שטיקל נקמה אין אים. מאַכט זיך, אַז ביים לערנען רש״י, ווען ס׳איז געקומען צום זאַץ „דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור", פאַרגלוסט זיך איינעם אַ תלמיד, דוד האָט ער געהייסן — אַ טייטש טאָן „דבר אחר לדור"... אומגערעכט איז אַפילו דודל נישט געווען מיט אַזאַ אויסטייטשן, ווייל צי געפינט זיך דען נישט אין אַ דור מער ווי איין דבר אחר?... אָבער דודל האָט געבעך גישט געוווסט פון אַזעלכע חכמות, און דעם רבין איז ווידער, אַפּנים, דער „הויכער" פשט נישט איבעריק געפעלן. אַ סימן, אַז ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף דודל, אים אַ פרעג געטאָן, ווו האָט ער עס געפּאַקט אַזאַ וואַזשנעם פשט, און — אָט אָט הויבט זיך עס שוין אָן... אָבער דאָ איז געשען עפּעס אומדערוואַרטס, אויסטערלישס: דער קליינער דוד האָט אַ רוק געטאָן דעם טיש מיט די חומשים, אַ כאַפּ געטאָן אַ ברענענדיקן לאָמפּ און אויסגעשריגן:

— רבי, אייער טויט אויפן אָרט, אויב איר דערנענטערט זיך צו מיר...

דער רבי איז בלאַס געוואָרן און אַרויס פון חדר, געוואָרן אַ האָז...

מילא, אונדזער שטימונג דעמאָלט איז נישט צום באַשרייבן. אַזאַ נקמה! און אַ דאַנק אָט דעם קליינעם דודל... דער דרך־ארץ צו אים איז שטאַרק געוואַקסן. אין אונדזערע אויגן איז ער געווען ווי יענער דוד, וואָס האָט בייגעקומען גליתן. אויך דער רבי האָט פאַר אים אַ באַזונדער אָפּשיי געקריגן און אַפילו די איבעריקע קינדער איניקע טעג נישט געטשעפּעט.

מיר האָבן שוין אָנגעהויבן זיך איינרעדן, אַז דער רבי האָט זיך געביטן, אַז מיר וועלן קאָנען אויפהויבן אַ ביסעלע דעם קאָפּ. די פּאַסירונג, וואָס איז אָבער באַלד געשען, האָט אונדז אַרויסגעפירט פון אָט דער איינרעדעניש.

אינמיטן לערנען האָט אַ תלמיד געזאָגט דעם רבין, אַז ער דאַרף אַרויסגיין אין דרויסן אויף אַ נאַטירלעכער באַדערפעניש. אויפן גאַס שטויסט ער זיך אָבער אָן אויף אַן אומגעריכטער מציאה: אויף אַ פאַרבלאָנדזשעט לאָשעקל, וואָס האָט זיך אַפּנים אָפּגעטשעפּעט פון דער מאַמען און פאַרבליבן עלנט אויפן פּלאַץ. אַ דערפרייטער פון דער ווילדער מציאה, פאַרגעסט ער, דער קונדס, דעם אייגנטלעכן ציל פון זיין קומען אין דרויסן, לויפט צו צום לאָשעקל און פירט עס אַראָפּ צום קאַמער. דאָרטן בינדט ער עס צו צום ווענטל און מיט דער בשורה — אַריין אין חדר צו די חברים. מיטאַמאָל מעלדן זיך עטלעכע תלמידים צום רבין, אַז זיי מוזן נייטיק אַרויסגיין... דער רבי קוקט אויף זיינע תלמידים מיט פאַרדאַכט. עפּעס דערמאָנט ער זיך נישט, אַז אין משך פון זיין מלמדישער פּראַקטיק זאָל אויסברעכן אַן עפּידעמיע פון אַזוי פיל אַרויסגייער... דאָך שאָקלט ער מיטן קאָפּ אויף יאָ, אָבער ווען אין אַ פּאָר מינוט אַרום מעלדעט זיך צו אים נאָך אַ גרופּע אַרויסצוגיין, כאַפּט זיך דער רבי, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיק. ניין, די געשיכטע הייבט אים אָן נישט צו געפעלן. צי שטעקט דאָ נישט עפּעס אַ ניי שפּיצל פון תנא דוד?... ער גיט צו די תלמידים אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ און באַשליסט צו זיין אויף דער וואַך...

שוין באַלד אַ האַלבע שעה און קיינער פון די תלמידים באַווייזט זיך נישט אויף צוריק. אַזוי גאָר? — טראַכט זיך דער רבי, אַרויסזאָגנדיק אויפן קול וואָס ער מיינט — וויל מען שוין אויך מאָטלען פירן ביי דער נאָז? — און ער לאָזט

זיך אַרויס אין דרויסן אויפזוכן זיינע פאַרשוווּנדענע, כּלומרשט אויפן מאָגן געכאַפּטע תּלמידים. אין דרויסן האָבן זיך צו אים דערטראָגן פון דער קאַמער קולות און קוויטשערייען, און אויב ער האָט קיין טעות נישט, הערט ער אויך אַ הירזשען פון אַ לאָשעקל. ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין און הערט זיך צו: יאָ דאָס זענען זיי, אָבער ווי האָט זיך עפּעס גענומען אַ לאָשעקל? דורך דער אָפענער טיר באַמערקט ער, דער רבי, ווי זיינע תּלמידים שטייען פאַרזאַמלט אַרום דעם לאָשעקל און זיי האָדעווען אים פון אַרבל אַרויס...

די חברה, פאַרטיפטע מיט זייער „ליבן גאַסט", וועלכער שמעקט זיי זיכער בעסער ווי דאָס חדר מיטן רבין צוזאַמען, באַמערקן גאָרנישט, ווער עס שטייט הינטער זיי. דער רבי, בבחינת רואה ואינו נראה, הערט אויס די אַלע פּראָיעקטן און פאָרשלאָגן ווי אַזוי זיינע תּלמידים האָבן בדעה איינצואָרדענען דאָס לאָשעקל... ער שטייט און גלייבט נישט זיינע אייגענע אויגן. עפּעס פילט ער זיך, ווי ס'האָט זיך געדאַרפט פילן משה רבינו, ווען ער האָט דערזען ווי יידן טאַנצן אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב...

דער רבי האָט מער נישט אויסגעהאַלטן און אַ דונער געטאָן:

— ברוך הבא! איז שוין אַ לאָשעקל אויך דאָ! נו, קומט אַריין, תּנאים אין חדר, וועלען מיר צוזאַמען זיך משמח זיין לכבוד דעם לאָשעקל...

דאָס פּלאַצן פון אַ באָמבע רופט נישט אַרויס ביי די אַרומיקע אַזאַ שרעק און פּאַניק, ווי די דונערדיקע שטים פון רבין. אַנגסטן האָבן באַגאָסן דאָס קליינוואַרג. ווי שווער פאַר־אורטיילטע, מיט הכנעה, איז דער עולם אַריין אין חדר, גרייטנ־דיק זיך צו אַלץ...

אַריינקומענדיק אין חדר, האָט דער רבי נישט גענומען זיך תּיכף צו דער עקזעקוציע. לאַנגזאַם, בהדרגה האָט ער אַלץ געמאַכט ווי ער זאָל האָבן אַ ספּעציעלע הנאה דערפון. דער עולם זעצט זיך אויס אַרום טיש, ער אויך — און ס'פאַלט אַ באַפעל:

— חומש מיט רש"י.

מיר קינדער פילן, אַז ס'איז פאַר אַ שטורעם און וואַרטן אַז אָט אָט זאָל ער אויסברעכן. מ'עפנט אויף די חומשים, מ'נעמט לערנען. דער רבי גייט צו צום תּלמיד, וואָס איז דער ערשטער געכאַפּט געוואָרן ביים לאָשעקל, און שטעלט אים אַ פראַגע:

— וואָס איז די באַדייטונג פון צהר תּעשה לתּיבה?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, ענטפערט ער פאַרן תּלמיד:

— מאַכט רש"י — אַ לאָשעקל... — און ער דערלאַנגט דעם תּלמיד אַ פּראַסק, אַז ער דערזעט קראָקע מיט לעמבערג.

פון ערשטן שאָס צעוואַרעמט זיך דער רבי, לויפט איבער צו אַלע תּלמידים, שניידט אויף רעכטס און אויף לינקס, שרייענ־דיק: „מאַכט רש"י — אַ לאָשעקל"... בלוט, נישט קיין טרערן, האָבן זיך געגאָסן פון די אויגן פון די צעמימתטע תּלמידים...

אַ צוויי וואָכן האָט זיך געצויגן די „לאָשעקל־תּקופה". אַז מיר זענען פון דאַן נישט געבליבן קיין קאַליקעס, דאַרפן מיר דאַנקבאַר זיין דעם, וואָס לעבט אייביק.

אָבער דאָס לאָשעקל וועלן מיר געדענקען אויף קינדס־קינדער...

ר' שלמה טעפּער ז"ל

געוועזן נאָך אַ דריטער מלמד: ר' שלמה טעפּער, אָדער קאַרלינער, ווי מען האָט אים גערופן, הגם זיין פאַמיליע־נאָמען איז גאָר געוועזן פרידבוים.

זיין חדר איז שוין געוועזן פון אַ העכערער מדרגה. אַ מין „אוניווערסיטעט". אַריין צו שלמה טעפּער אין חדר אַריין, האָט געהייסן, אַז מ'איז אַ בחור מיט אַ „מאַטורע". האָט טאַקע ביי אים געלערנט די „סמעטענע" פון שטאָט. אָבער אפשר מיינט איר, אַז פאַר דער „סמעטענע" האָט דאָס חדר אַנדערש אויסגע־זען? אַ טעות! דער חדר איז געווען אין דער ווייבערישער אַפּטיי־לונג פון דער סטאָלינער שול. דאָרטן, ביי אַ לאַנגן טיש, מיט בענק אַרום, האָט ער געקנעלט מיט די שוין דערוואַקסענע תּלמידים, וועלכע האָבן אויך נישט געהאַט קיין חשק צו לערנען. איך דערמאָן זיך, אַז אין מיין צייט האָט זיך איינער אַ תּלמיד אויסגעצייכנט מיט געפינען מיטלען און אופנים ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון לערנען. אַזוי האָט ער געכאַפּט מייזלעך איבער די שטענדערס, געלעגן אויף דעם בוים, וואָס איז געווען בשכ־נות, אַפילו געצונדן פּאַפּיר אין בית־הכּסא, אַבי נישט צו לערנען. און אַז דער דאָזיקער תּלמיד איז אַמאָל אַריין מיטן גאַנצן פּיס אין דער אומריינקייט פון בית־הכּסא, אַז מ'האָט אים קוים אַרויסגעשלעפּט, האָבן זיך אַלע תּלמידים מיטן רבין כּמעט ווי אַ וואָך צייט פון אים אָפּגערוקט, ווייל מ'האָט נעבן אים נישט געקאָנט זיצן. ער אָבער איז גאָר געווען אויפן זיבעטן הימל, וואָס ר'איז פּטור פון לערנען...

ר' שלמה טעפּער האָט אָבער אויך געקאָנט אַמאָל שלאָגן, נישט ערגער פון פריערדיקע מלמדים, כאָטש ער איז געווען אַ ייד אַ חלוש.

מ'דאַרף אים אָבער נאָכזאָגן אַ שבח, אַז אין שלאָגן איז נישט שולדיק געווען אַזוי ער, ווי דאָס חינוך־סיסטעם, וואָס האָט אין יענער צייט געהערשט. דאָס באַווייזט דער פאַקט, אַז פאַרן טויט זיינעם האָט ר' שלמה טעפּער געשיקט רופן זיינעם אַ תּלמיד, וועלכן ער האָט באַזונדערס שטאַרק געהאַלטן אין ציים און געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין:

— זיי מיר מוחל, קינד מיינס, פאַר מיין שווערן באַהאַנדלען דיך. גאָט איז מיין עדות, אַז איך בין נישט דער שולדיקער. דער פאָטער דיינער האָט ביי מיר דורכויס געפאָדערט דיך באַזונדערס שטרענג מחנך צו זיין...

גבריאל ווייסמאַן

לויצק

(געווידמעט די קדושים פון לויצק)

איבער ימען ליגט מיין שטעטל
לויצק, אַ, ליבע היים!
ס׳איז מיין וויגל דאָרט געשטאַנען,
כ׳קען דאָרט יעדן שטיין.
כ׳זע די גרויסע שול מיט טורעמס
יאָר דריי הונדערט אַלט;
כ׳זע די יוגנט גיין שפּאַצירן
צו דעם שלאָס ליובאַרט.

רעפריין:
כ׳וועל געדענקען לויצק מיין שטעטל
אין חלום און אין וואָר;
קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן
דיינע טעג און יאָר.

אויף די „גרעבליע" נאָך דעם שול-פּלאַץ,
יעדער וועג און שטעג,
רופט אַרויס ביי מיר אין דמיון
אַלע מיינע טעג:
זומער אויפן סטיר זיך שיפן
מיט אַזאַ געזאַנג;
יעדער וואָס געהערט דעם ניגון —
וועט געדענקען לאַנג.

רעפריין:
כ׳וועל געדענקען לויצק מיין שטעטל...

איצטער זעסטו דאָרט קיין יידן —
ס׳שטעטל וויסט און הויל;
מער נישטאָ קיין שוועסטער, ברידער —
כאַפּט אַרום אַ גרויל.
הינטער גנידעוו, אין פּאָלאָנקע —
איצט אַ הייליק אָרט;
אַכצן טויזנט לויצקער קדושים
אין דעם קבר דאָרט.

רעפריין:
כ׳וועל געדענקען לויצק מיין שטעטל...

סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג / ניו־יאָרק

איציק פּרצס — דער דרדקי־מלמד

איציק פּרצעס, וואָס אין זיין חדר האָבן זיך געלערנט די קינדער פון די נגידישע און שיינע בעלי־בתים, איז געווען דער בעסטער דרדקי־מלמד אין לויצק. ער פלעגט אָנווענדן אַן אייגנאַרטיקע מעטאָדע פון דערציונג. זי איז נישט באַשטאַנען אין דעם, וואָס קיין קינדער זאָל מען נישט שמייסן, הגם אומעטום פלעגט מען עס יאָ טאָן. פונדעסטוועגן איז אויך ביי אים געהאָנגען דער קאַנטשיק, אַלס סטראַשידלע, קעגנאיבער דעם גרויסן טיש מיט די לאַנגע בענק, אַרום וועלכע די קינדער זענען געזעסן. ווי איינער רעדט: וועסטו לערנען — איז גוט, אויב נישט — איז דאָ דער קאַנטשיק!

סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג

ווען ס׳האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז אַ יינגל האָט זיך פאַרשפּילט מיט זיין נייעם קניפּעקל און געמאַכט אַנדערע יינגלעך אַרויסקוקן פון חומש, האָט דער רבי זיך אויפגעהויבן צום קאַנטשיק. אַ שרעק פלעגט דאַן באַפאַלן די יינגלעך. ס׳איז געוואָרן שטיל. דאָ פלעגט זיך אַריינמישן די גוטע רביצין, חנה־ביילע, אַ הויכע יידענע, אַ דאַרע, מיט אַ שיינעם הויכן שטערן, קלוגע אויגן און אַ גוטמוטיקן שמייכל, און אַ זאָג טאָן צום יינגעלע: משהלע, אָדער לאָזערל, בעט דעם רבין, אַז ער זאָל דיר דאָס מאָל מוחל זיין. זאָג צו, אַז דו וועסט דאָס מער נישט טאָן, און, זיך ווענדנדיק צום מאַן: איציק, לאָז צורו ס׳קינד, ער וועט מער אַזעלכע נאַרישקייטן נישט טאָן! וואָס זאָגסטו? — דאָס יינגעלע פלעגט מיט בעטנדיקע אויגן זאָגן: נישט מער, און דער רבי מיטן תלמיד פלעגן שלום מאַכן אַדאַנק דער גוטער רביצין.

איציק פּרצעס איז געווען געבענטשט מיט אַ שיינער לירישער שטימע, וועלכע ער פלעגט באַנוצן ביים מעביר־זיין די סדרה. באַזונדערס פלעגט ער זיך אויסצייכענען ביים לערנען שיר־השירים ערב פּסח. דורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין, אַז שיר־השירים ווערט געהאַלטן פאַרן הייליקסטן געזאַנג ביי יידן, פלעגט ער זיך דאַן אָנטאָן יום־טובדיקער ווי אַלע מאָל און מיט געפיל אויפזינגען: שיר־השירים — דאָס געזאַנג, וואָס שלמה המלך האָט געזונגען, איז געווען שענער און בעסער פון אַלע געזאַנגען. אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען אַ חכם, און דאָס געזאַנג האָט געזונגען אַ חכם בן חכם; אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען אַ נביא, און דאָס געזאַנג האָט געזונגען אַ נביא בן נביא; אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען אַ מלך, און דאָס געזאַנג האָט געזונגען אַ מלך בן מלך. שיר־השירים איז בעסער און שענער פון אַלע געזאַנגען!

די קינדער פלעגן פאַרכאַפּט ווערן פון דער שיינעם, הייליקן און זיסן ניגון; פון דעם שיינעם ראָמאַנטישן אינהאַלט, און זייערע מעלאָדישע שטימעלעך פלעגן זיך צוזאַמענגיסן מיט די זיסע טענער פון דעם רבינס קול און אָנפילן דעם חדר מיט פרייד.

אַזוי אַרום האָט איציק פּרצעס איינגעפלאַנצט אין זייערע הערצער ליבע צו דעם תנ״ך, וועלכן די קינדער פלעגן חזרן מיט ספּעציעלע התמדה און התלהבות...

ביי איציק פּרצעס פלעגט אַרבעטן אַ באַהעלפער מיטן נאָמען ברוך. זיין אויפגאַבע איז געווען צו ברענגען קינדער פון די היימען אין חדר אַריין. ער פלעגט זיי אָנטאָן, אָפּגיסן די נעגל און זאָגן מיט זיי ברכה. אין חדר פלעגט ער אַרויסהעלפן דעם מלמד מיט לערנען די קינדער.

ערב־שבועות פלעגט ער לערנען מיט די קינדער אקדמות, אויסזינגענדיק אים מיט זיין זעלטן־שיינער לירישער שטימע. פיל מענטשן פלעגן זיך אָפּשטעלן ביי די אָפענע פענצטער און זיי פאַרכישופט זיך צוהערן.

איינמאָל איז געקומען אין זיין גאַס אַ סאַניטאַרע קאָמיסיע מיטן נאַדזיראַטעל אין דער שפּיץ.

ר׳ איציק פּרצעס

ס׳זענען געשריבן געוואָרן פּראָטאָקאָלן. דערביי האָט מען אויך רב איציק פּרצעס מכבד געווען מיט אַ פּראָטאָקאָל. דער מלמד, אַ קנאַפּער רוסיש־קענער, האָט איבערגעלאָזט די קינדער זינגען דעם אקדמות און מאַכנדיק מיט די הענט און קראַצנדיק זיך די באָרד, זיך גענומען אויסטענהן:

—ס׳טייטש, ס׳איז דען אינגאַנצן מיין מיסט? איר פאַרשטייט, יאַ סיפּו, אָן סיפּיט, טי סיפּיש, אַנאַ סיפּיט (איך שיט, ער שיט, די שיטסט, זי שיט). פּאַניע, גלויב מיר, איך בין נישט שולדיק!

אַלע לאַכן. דער נאַדזיראַטעל טוט אַ פרעג: ווער זינגט דאָס ביי דיר אַזוי שיין? — דאָס זענען מיינע „אוטשעניקעס”, פּאַניע נאַדזיראַטעל! — כאָראָשי יעוורעי! — גיט אים דער נאַדזיראַטעל אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע — אַז דו קענסט אַזוי שיין אויסלערנען זינגען דיינע „אוטשעניקעס” — וועל איך דיר צערייסן דעם פּראָטאָקאָל.

אַדאַנק דעם שיינעם ניגון פון אקדמות איז טאַקע דער פּראָטאָקאָל בטל געוואָרן.

אין יאָר 1920 איז איציק פּרצס מיט זיין פאַמיליע געקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין ברוקלין — ניו־יאָרק. פיל פון זיינע געוועזענע תלמידים, וועלכע האָבן שוין

געהאַט קינדער צו גיין אין חדר, זענען איצט געקומען זעןְ דעם באַליבטן רבין זייערן. איינער פון זיי איז געווען אַ רב — הרב לעווין, אַ זון פון שלום לעווין, אַ הורטאָווניק אין לוציק. דער רב לעווין איז געווען באַליבט ביי זיינע בעלי־בתים פאַר זיינע באַלערנדיקע רעדעס, פאַרן לערנען מיט די יידן פון שול, און ווי אַ מחבר פון אַ ספר. הרב לעווין האָט צווויסן געטאָן זיינע מענטשן פון שול, אַז זיין רבי איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט מען אים געבעטן איינצולאַדן אויף אַ שבת דעם רבין זיינעם. ווען איציק פּרצעס איז געקומען אין שול און געזען די ליבע און כבוד, וואָס מ׳ווייזט אַרויס זיין תלמיד און מיט וואָס פאַר אַ כבוד מ׳נעמט אים אַליין אויף, האָט ער שוין מורא געקריגן, אַז ער וועט דעם עקזאַמען נישט אויסהאַלטן.

ענדלעך ווערט דער רבי פאַרגעשטעלט פאַרן עולם. אַלע דריקן אויס אַ ווילן, אַז דער רבי זאָל עפּעס זאָגן. און דער רבי מיטן תלמיד זענען דאַן אַרויס פון דער שול שטאַרק צופרידענע.

אַזאַ מלמד איז געווען איציק פּרצעס!

סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג

ערב שבת

שוין דאָנערשטיק אין דער פרי האָבן די ווייבער אָנגעהויבן אַריינברענגען דעם שבת אין שטוב אַריין.

קודם־כל האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט איבער די קלייטן באַטראַכטן דאָס מעל; זיי האָבן עס גענומען צווישן די פינגער, באַנעצט, געריבן און געוואָלט דערגיין וואָסער מעל איז דינער און ווייסער. און אַז עס איז שוין געפעלן, איז מען ערשט געגאַנגען אין אַנדערע קלייטן — אפשר איז דאָרט מיט אַ האַלבן גראָשן ביליקער.

עס שטייען מיר פאַר די אויגן אָט די אַלע מעל־פאַרקויפע־רינס. איינע פון זיי, חנה אברהם אַבושעס, מיין באָבעס אַ חברטע, איז געווען אַ קליינע, דאַרע פרוי, מיט אַ פאַרמעטן, צעקנייטשט פּנים. זי איז געווען ציכטיק אָנגעטאָן און רעדן האָט זי גע־קאָנט — ווי אַן אמתע סוחרטע.

אַ צווייטע איז געווען סאסע איצי יאַילעכעס, מיט איר מאַן שמאי. ער האָט אויסגעזען ווי אייביק ברוגז. ער האָט נישט גערעדט קיין סך: קויפט יאָ, קויפט נישט. דערפאַר האָט סאסע, זיין ווייב — אַ הויכע, ברייטע, שיינע פרוי — זיך אָוועקגע־שטעלט איינרעדן דעם קונה מיט אירע גוטע רייד און זיסן שמייכעלע.

נאָך איינע געדענק איך — אַסנה רויזעס, אַ שיינע פרוי. פאַר מיין צייט איז זי געווען אַן אלמנה. אויך זי האָט שיין צוגערעדט אַ קונה צו נעמען דאָס מעל: „איר וועט זען, ס׳וועט אויפגיין, ס׳וועט זיין שפּאָרעוודיק״.

חנה־סלאַווע אָבער האָט נישט געדאַרפט צורעדן. איר האָבן די פרויען אָן דעם געגלייבט. ערשטנס, האָט איר מאַן יענקל געאַרבעט ביי פינטשוקן אין מיל; צווייטנס, האָט זי זיך גע־האַלטן מיט ווירדע. זי איז געווען אַ הויכע, אַ שטאָלצע. און אַלע האָבן צו איר אַרויפגעקוקט מיט גרויס רעספּעקט. ביי ווייבער איז איר וואָרט געווען גוט.

אין איין וועגס האָט מען שוין איינגעהאַנדלט פיש. ס׳איז נישט געווען אַזוי גרינג ביי יענקל זינדעלעס פיש צו קויפן. אַ הויכער מאַן מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, איז ער געשטאַנען מיט זיינע בנים ביי די באַליעס פיש, און אויב אַ פרוי האָט זיך דערלויבט אַ פישל אָנרירן, האָט ער ביי איר אַרויסגעריסן דאָס פישל פון האַנט און איר געגעבן דערמיט איבערן פּנים.

דאַן האָט מען אויך איינגעקויפט הייוון און צימערינג, און

סלאַווע בידניק און חנה גייער

דאָס אַלץ, צוזאַמען מיטן מעל אין אַ זעקל, האָט מען געטראָגן אויפן בויך.

דאָס מעל האָט מען איבערגעזיפּט. אַלץ אַרום איז געוואָרן ווייס. דער מאַמעס פעך־שוואַרצע האָר זענען געוואָרן ווייס ווי שניי. מיר האָבן זיך געשטופּט נענטער און אויך געוואָלט ווערן ווייס.

דערנאָך האָט מען דאָס מעל אָפּגעטיילט: אויף חלה, אויף פּלעצל־לאַטקעס, פּאַפּאַליקעס, קנישעס מיט קאַשע אָדער באַבקעס, קיכלעך. אויף ברויט איז געווען קאָרענע מעל. מען האָט דאָס פאַרקנעטן אין אַ דייזשע און איבערגעדעקט מיט אַ קישן — עס זאָל בעסער אויפגיין. די חלה האָט מען פאַרקנאָטן אין אַ מילטער, דערנאָך אַרויסגענומען דאָס טייג און איינגעוויקלט אין אַ ווייס טישטעכל, האָט מען עס אַרונטערגערוקט אונטער דער פּערענע אין בעט. דאָרט, איז מען געווען זיכער, וועט זיין וואַרעם גענוג, אַז דאָס טייג זאָל אויפגיין.

פרייטיק זענען מאַמעס און באָבעס אויפגעשטאַנען פאַרטאָג. אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער. מען האָט געוואָלט אָפּבאַקן נאָך איידער די קינדער שטייען אויף, כדי זיי זאָלן זיך נישט פּלאָנטערן הינטער די פיס און שטערן אין דער אַרבעט.

אויפגעשטאַנען, האָט מען צוערשט איינגעהייצט דעם אויוון. דערנאָך האָט מען גענומען חלה, געמאַכט אַ ברכה „להפריש חלה" און דאָס שטיקל טייג געוואָרפן אין פייער. אין הויז איז נאָך געווען שטאָק פינצטער, די לאָדנס — פאַרמאַכט; אַ קליין פאַרקאָפּטשעט לעמפּל האָט געוואָרפן אַ שוואַכן שיין איבערן צימער.

ווען דאָס הויז־געזינד איז אויפגעשטאַנען, האָט מען שוין געפונען פאַרטיק אַ מולטער מיט חלות, קנישעס, פּלעצלעך, קיכלעך מיט ציבעלעס, געוויקלטע קיכלעך, אייער־קיכלעך, מאָן־קיכלעך, פּאַפּאַליקעס, אַ גרויסע שיסל מיט געפּרעגלטע רעטשענע לאַטקעס.

עס איז נאָך איבערגעבליבן צו באַקן דאָס ברויט פאַר אונדזער גרויסער פאַמיליע. עס איז נישט געווען אַזוי גרינג אויסצומאַכן אַזויפיל ברויטן פאַר דער גאַנצער וואָך. עס איז אָבער געווען צום באַוווּנדערן ווי געשיקט די ווייבער האָבן די אַרבעט געטאָן, געשאַרט מיט דער לאַנגער קאָטשערע די קוילן איבערן אָנגעגליטן אויוון. אויך די לאָפּעטע האָט טריי געדינט ביי דער אַרבעט: מיט איר האָט מען גערוקט אין אויוון די חלות און די ברויטן, דעם טשאָלנט מיט די פעטע קישקעס און קוגלען.

דער ריח פון די געשמאַקע שבתדיקע מאכלים האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן אויפגערוימטן ריינעם הויז. די מיידלעך האָבן זומער־צייט זיך אויסגעזעצט אין דרויסן רייבן די מעשענע לייכטער, די סאַמאָוואַרן, די מעשענע שיסלען, די קופּערנע קוואָרט צום וואַשן זיך פאַרן עסן. געריבן די כלים האָט מען מיט סאלעס — אַזאַ שטאַרקער עסיק, וואָס רייניקט אָפּ פון זשאַווער — מיט אַ וויעכעטש און מיט זאַמד. און פּלוצעם האָט פון חדר, נישט ווייט פון אונדז, זיך דערהערט דאָס מעביר זיין די סדרה פון די יינגלעך.

עס האָבן זיך באַוויזן די אָרעמעלייט, וואָס גייען איבער די הייזער. דער וואָס האָט געטראָגן אַ שענערע קאַפּאָטע — האָט באַקומען נישט ווייניקער ווי אַ גאַנצע קאָפּיקע; די וואָס זענען געווען אָרעמער געקליידט, האָבן גענומען ווייניקער — אַ גראָשן. אַנדערע האָבן גענומען אַ קיכל, אַ פּלעצל, אַ שטיקל חלה. פאַרן וואַסער־טרעגער האָט מען צוגעגרייט אַ שייבע, גרויסע חלה.

דער שבת־קודש האָט זיך דערנענטערט. שיע־משה, דער שמש פון דער גרויסער שול, האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין מאַרק מיט אַ שטעקן אין האַנט, געקלאַפּט אין די קלייטן־טירן און געשריגן: „באַלעבאַטים, אין באָד אַריין!".

בעת די מענער זענען געווען אין באָד, האָבן די ווייבער אויפגעזאָטן דעם סאַמאָוואַר, פאַרשפּרייט דעם טיש מיט אַ ריינעם ווייסן טישטעך, געשטעלט די לייכטער, איינגעשמאָלצן די ליכט און צוגעדעקט די חלות מיט אַ שיין ווייס טישטעכל. די געפילטע פיש זענען שוין געשטאַנען אויפן טיש, אויסגעלייגט מיט מייערלעך אויף יעדן שטיקל באַזונדער.

די באָבע איז שוין געווען אָנגעטאָן שבתדיק, אין איר זיידענער פאַטשיילע, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעקוקט דאָס שיינע טשיפּעקל; די מאַמע — אין איר שבתדיק קלייד און ווייסן שאַל, גרייט צו בענטשן ליכט.

מיט מיין חברטע בין איך געלאָפן צו יחיאל פון די סעמעטשקעס, וועלכער איז געשטאַנען מיט גאַנצע זעק דינקעס, סעמעטשקעס, און באַניע־קערן. עס האָט פּשוט געהערט צום שבת דאָס קנאַקן קערלעך נאָכן עסן.

און אָט באַווייזן זיך שוין די יידן מיט די פאַרשוויצטע פּנימער. דאָס וואַסער רינט זיי נאָך פון די פּאות. פאַרסאָפּעטע לויפן זיי אַריין אין הויז, מען טוט זיך אָן הענדום־פּענדום אין די שבתדיקע בגדים און מען לויפט אין שול אַריין.

אבא קליגער / מיין קראסנער פורים

ליבער פורים, קינדער־יום־טוב, מיט דיין זאָרג און מיט דיין נחת,
ווי דו טרייסטט מיך און דערפרייסט מיך אַלע שונאים אויף להכעיס.

האָסט דעם כמורנעם בייזן ווינטער פון מיין טאַטנס שטוב פאַרטריבן — —
אויסער דיר איז פון מיין עבר גאָרניט מער אין לויצק געבליבן.

כ׳זע דיך הוליען ליבער פורים ביי דער קראַסנער שול אין בלאָטע
אין מיין טאַטנס אַלטע שטיוול, טלית־קטן און קאַפּאָטע.

הער מיט פרייד „שושנת יעקב״ און די מעשיות פון פאַרצייטן —
יידן זענען תמיד יידן, וואָס קען יידישקייט פאַרבייטן?

ייד איז ייד אַפילו דעמאָלט, ווען זיין עלנט איז דער גרעסטער...
איז אַ המן אויפגעשטאַנען, איז געווען אויך אַ אסתר;

איז געווען אויך אַ מרדכי מיט זיין גייסטיק־ריינער גבורה,
האָט געקענט אַ שונא ביישטיין און אים קוקן פריי אין צורה.

אַלץ געווען... דער „ויהי״ איז לאַנג צערויעט שוין פון ווערים — —
קראַסנע — פול מיט יידיש לעבן — איז אַ מאַרק איצט פאַר חזרים.

איי, דער פורים מיט זיין רעש׳ן: ברוך מרדכי, אָרור המן,
ניס, מאַראַנצן, האָמענטאַשן, מיט אַ שבח „זיין ליבן נאָמען״

פאַר די גראַגערס, שלח־מנות, זאַפראַן קוילעטשן און פישן — —
ווער מיר המן, וואָס מיר המן — מרדכי קעניגט ביי די טישן.

ווער מיר גלות, וואָס מיר גלות, יידן זענען תמיד יידן — —
„ישנו עם ודתם שונים״ וואָס איז אַנדערש און פאַרשידן,

וואָס איז פרעמד זיי, די מוזשיקעס, די כאָכאָלן — זיינע שכנים,
ניט זיי ווייסן וואָס אַ ייד איז, ניט זיי ווילן גאָר פאַרשטיין אים.

יענע לויצקער ליבע יידן און בפרט די ליבע קינדער
לעבן איצט אין מיין זכרון, אַלע זע איך קלאָר אַצינדער.

איך, דעם חזנס בן־זקונים מיטן חסידישן קאַשקעטל —
נאָר געשפּילט זיך, נאָר געהברט מיט די פרומסטע פונעם שטעטל.

מיטן טאַטן, מיט מלמדים איבער תורה בלויז געזעסן,
פורים אָבער, טאַטע זיסער, ווי איך האָב דאָס אַלץ פאַרגעסן!

מער קיין פרומער, שטילער יינגל, אָן אַ רבין, אָן אַ חדר,
בין אַ קונדעס ווי די קינדער פונעם שמש, פונעם בעדער.

בין אַ יינגל און מיט יינגלעך פאַר אַ „מרדכי״ זיך פאַרשטעלן,
ר׳ אפרים, ער אַפילו פלעג פון זינעלע אַנקוועלן.

אויך משפּחה האָט געשמייכלט, פלעגן צערטלען מיך און טוליען —
פורים לעבן איז אַ מצווה אַז די קינדער זאָלן הוליען.

ס׳איז דאָך פורים, ליבער פרילינג און צו פסח ניט קיין סך איז,
לעב איך אייביק, האָף איך אייביק אַלע המנס אויף להכעיס.

ניו־יאָרק, 1955

סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג

יידישע יום־טובים

יום־כיפור

מיין באָבע דבורה־האָדל איז אַרומגעגאַנגען אַ שטילע, אַ טרויעריקע. אַ גאַנצע וואָך פאַר יום־כיפור זענען ווייבער פון דער גאַנצער שטאָט געקומען צו מיין באָבען מיט געלברוינעם וואַקס און פאָדעם. די ווייבער האָבן געוווסט, אַז מיין באָבע וועט פון דעם וואַקס און פאָדעם מאַכן די שענסטע ליכט פאַר די נשמות פון זייערע פאַרשטאָרבענע קרובים. מיין באָבע האָט געטאָן די אַרבעט אויף איר באַזונדערן אופן, פּינקטלעך און געשיקט.

מיין באָבע ווייסט שוין יעדער פּרויס ביטער האַרץ. זי ציט אַרויס אַ פאָדעם און זאָגט דערביי: „דאָס קנייטל איז פאַר דיין זיידן אברהם, ער זאָל גיין און בעטן פאַר אַ גוטער פּרנסה, אַז דו זאָלסט דיך נישט דאַרפן אַזוי מאַטערן". זי ציט אַ צווייטן פאָדעם און זאָגט: „דאָס איז פאַר דיין באָבע חיה־דוואָשע, זי זאָל זיין אַ גוטע מליצה און אויסבעטן אַ רעכטן זיווג פאַר דיין עלטסטער טאָכטער שרה־טריינע". זי רעכנט אויס די נעמען פון אַלע פאַרשטאָרבענע פון דער פּרויס משפּחה, אַריינרעכנדיק די אבות, אַז אויך זייער זכות זאָל איר ביישטיין. די פרוי זאָגט נאָך און וויינט אויפן קול.

פאַרטיק געוואָרן מיטן לייגן די קנייטלעך האָט מען אַלע טיכעלעך מיט וואַקס אַריבערגענומען אין דעם הויז פון מיין מומע חנה־ביילע (דער באָבעס טאָכטער). דאָרט זענען געווען אויסגעשטעלט לאַנגע בענק, און אויף זיי — טיפּע שיסלען מיט הייס וואַסער. דאָרט אַהין האָט מען אַריינגעוואָרפן שטיקלעך וואַקס. צו יעדן טיכעלע מיט וואַקס איז געווען צוגעטשעפּעט אַ קוויטעלע מיטן נאָמען פון דער באַלעבאָסטע. דעם וואַקס האָבן מיר, די אייניקלעך, צעקוועטשט און די באָבע האָט קונציק אויסגעגלייכט דעם ווייכן וואַקס אויפן ברייטן טיש, אַריינפּאַסנדיק אין אים די קנויט. דער פעטער איציק און מיין טאַטע יחיאל פלעגן אויף די ליכט צוטשעפּן די קוויטלעך מיט די נעמען און שיקן די קינדער אָפּטראָגן די ליכט. יעדעס קינד איז אַוועק אין אַן אַנדער גאַס. מיין קוזינע העניע־רבקה און איך, שוין גרעסערע אייניקלעך, האָט מען איבערגעגעבן די ווייטערע געסלעך. פאַרן ברענגען די ליכט האָבן מיר באַקומען עטלעכע קאָפּיקעס. איין באַלעבאָסטע — אַזאַ געדענק איך באַזונדערס גוט — דאָס איז געווען אסתר־איטע פון גאָסטיניצע. ווען מיר זענען געקומען, פלעגט זי אַרויסרופן איר שיינע בלאָנדע טאָכטער חייקע. זי האָט עס פון אונדז אָפּגענומען די ליכט, און דערביי פלעגט זי ביי מיר נאָכפרעגן אויף מיין עלטערן ברודער אלטער.

געענדיקט דאָס ליכט־מאַכן, האָבן זיך די באָבע מיט דער מאַמען גענומען גרייטן צו כפרות. אַ קלייניקייט, אַזוי פיל כפרות! אַזוי לייכט איז צו קריגן ווייסע כפרות פאַר די קינדער? נו, און שלאָגן כפרות, זאָגן „בני־אדם" מיט די קינדער איז יאָ געווען לייכט? אַמאָל איז דאָס קינד אַנטלאָפן און אַמאָל איז דאָס עוף אַנטלאָפן — עס האָט זיך געווענדט וועמען פון זיי עס האָט זיך פריער דערשראָקן. היינט וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען די פרוי האָט פאַרביטן דעם האָן אויף אַ הון, און דער מאַן איז דערגאַנגען דעם טעות — דעמאָלט האָבן די געשרייען פון מאַן און דאָס קרייען פון די הענער אונטערן טיש זיך צוזאַמענגעמישט, אַז איר האָט נישט געוווסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איר זענט.

דער טאַטע איז אַוועק אין שול, די באָבע האָט זיך אָנגעטאָן אין גאַנצן אין ווייסן. זי האָט געהייסן פאַרמאַכן די לאָדנס און זיך געשטעלט ביים טיש, אָנגעצונדן צוערשט דאָס גרויסע וואַקסענע ליכט. זי האָט מיט אַ טרויעריקער שטימע און געוויין אַ זאָג געטאָן: „רבונו של עולם! ווער בין איך, שוואַכע פרוי"? און באַלד האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרק געוויין. זי האָט אָנגעהויבן בעטן אַלע אירע עלטער־זיידעס, עלטער־באָבעס, פעטערס, מומעס, זיידעס, באָבעס, שווער און שוויגער, אַלע פאַרשטאָרבענע קרובים האָט זי אָנגערופן ביים נאָמען — און געבעטן זיי מיט רחמים, זיי זאָלן זיך צוזאַמענעמען, גיין צום כסא הכבוד און בעטן פאַרן לעבן פון אירע קינדער און קינדס־קינדער.

מיר, די עלף אייניקלעך, זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך און שטאַרק באַווירקט פון איר האַרציק געבעט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיר זענען שטאַרק פאַרזינדיקטע, שוין צום טויט פאַרמשפּטע, און בלויז איר האַרצרייסנדיק געבעט וועט אונדז אויסלייזן. מיר האָבן מיט איר מיטגעוויינט.

ווען די באָבע האָט געענדיקט דאָס ליכט־בענטשן, האָט זי אונדז צוגערופן. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט מיט געבויגענע קעפּ און זי האָט אירע ווייסע הענט אַוועקגעלייגט אויף אונדזערע קעפּ און אונדז געבענטשט. מיר האָבן כליפּענדיק געענטפערט אמן.

מיינע קוזינעס עני־רבקה און מנוחה, מיין שוועסטער שרה און איך זענען אויך אַוועק אין דער גרויסער שול. אַ ים פון מענטשן האָט געשטראָמט פון אַלע עקן שטאָט, כדי צו הערן דעם „כל נדרי" פון אונדזער לויצקער חזן ר׳ אהרעלע ראָזמאַרין. און אין שול איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן דאָס קלאַפּן פון האַרצן. דער חזן האָט אָנגעהויבן זאָגן „כל נדרי" און די משוררימלעך האָבן אונטערגעהאַלטן מיט זייערע זיסע שטימען.

חנוכה

ווען מיין מוטער האָט די דאָפּלטע פענצטער אַרונטערגענומען פון בוידעם און מ׳האָט אַריינגעקאַטשעט דאָס פאַס מיט וואַסער אין קיך נעבן דער טיר — האָבן מיר קינדער זיך שוין אָנגעהויבן ריכטן אויף חנוכה־געלט.

די פרעסט זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער, און אין די פענצטער האָט מען אויסגעשפּרייט קאָלירטע וואַטע. מ׳האָט צוגעפּאַסט די דאָפּלטע פענצטער, וועלכע האָבן זיך, טראָץ דעם, גאַנץ גוט פאַרפרוירן און באַבלימלט. מיר זענען געשטאַנען שעהנווייז

און צוגעלייגט צו די שויבן קאָפּיקעס, אַראָפּגענומען און ווידער צוגעלייגט — ביז די פענצטער זענען געווען פול מיט די קאָפּיקע־פּאָרמעס.

די שפּאַרעס אַרום טיר און שוועל האָט מען פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס, כדי קיין ווינטעלע, חלילה, זאָל זיך נישט אַריינגנבענען אין הויז. דערזען דעם ערשטן שניי, איז ביי אונדז געוואָרן ששון ושמחה. מיין באָבע האָט די מיידלעך אַרויסגעשיקט אָפּוואַשן די פּנימער מיטן ערשטן שניי — אַ סגולה צו זיין שיין. מיין שוועסטער, איך און די שכנישע מיידלעך זענען אַרויס אין דרויסן. מיר האָבן זיך באַוואָרפן מיט שניי, זיך געקייקלט אין אים, געוואַשן די פּנימער, און עס האָט זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן. אָבער באַלד האָט מען אונדז גערופן אין שטוב. דאָרט האָט מען מורא געהאַט, אַז מיר זאָלן נישט צופיל געניסן פון דער קאַלטער לופט...

וואָס ייִנגער מ'איז געווען, אַלץ מער האָט מען די קינדער געהאַלטן פאַרשפּאַרט״אין הויז, נישט געלאָזט אָנקוקן די ליכטיקע שיין. אָבער מיינט נישט, אַז זייענדיק פאַרשפּאַרט איז אונדז געווען לאַנגווייליק. דאָ האָט די באָבע געבראַכט רויטע עפּעלעך און געטיילט. דאָ האָט די מאַמע געבראַכט האַרטע צוקערקעס פון פאַרשידענע קאָלירן און מען האָט נישט געוווּסט וועלכן קאָליר פריער צו עסן. און אַז אַמאָל אין אַן אָוונט האָט דער טאַטע געבראַכט כאַלווע פון „וואַרקאָוויצקין דעם הורטאָווניק״ — איז גאָר געווען אַ פרייד.

נאָך גרעסער איז געווען די פרייד, ווען מיר האָבן דערזען אַריינברענגען די געגנדז, וועלכע האָבן געשריגן און געפּאַטשט מיט די פליגל. מיר האָבן געוווּסט, אַז פאַר אונדז קומען אָן גוטע טעג: מיר וועלן עסן גריוון, מאַכן פון די געגנדזענע גערגעלעך פייפעלעך, וואָס פאַרהילכן דאָס הויז.

מיר פלעגן זיך אָפט קריגן צוליב אַ פּלאַץ ביי דער הרובעוואַנט. דאָרט פלעגט זיין זייער באַקוועם צו שטיין, אָדער זיצן אויף אַ שטול און זיך וואַרעמען די פּלייצע. איר האָט שוין געמעגט זען ווי די וואַנט האָט אויסגעקוקט!

עס דערמאָנט זיך מיר אַ שבת־צונאַכט, ווען מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען ביי אונדז אין הויז. מען האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ שיסל מיט געבראָטענע קאַרטאָפל און זויערקרויט, אָדער זויערע אוגערקעס, הייסע טיי. מען האָט דערציילט פאַרשידענע געשיכטעס פון אמתן לעבן, און פון נסים וואָס רביים האָבן באַוויזן. אין דרויסן איז דער פראָסט געווען שטאַרק, דער שניי — טיף. די לבנה און די שטערן האָבן העל געלויכטן. דעמאָלט פלעגן די גרויסע ייִנגלעך און מיידלעך זיך צוזאַמענקומען אויף דער פאַרשטאָט און געדונגען עטלעכע שליטעלעך. מען האָט זיך וואַרעם אָנגעטאָן, איינגעשלאָסן זיך איינער אין צווייטן און אַריינגעזעצט זיך אין די שליטעלעך. דער קוטשער האָט גוט איינגעדעקט די פּאַסאַזשירן, אַ נעם־געטאָן די לייצעס אין די הענט און אַ כוואַשטשע געטאָן אין דער לופט מיט דער בייטש. מיר, די קלענערע קינדער, האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט פון הינטן אויף די שליטנס. די פערד האָבן גאַלאָפּירט איבער ווייסן סקריפּעדיקן שניי, די גלעקלעך האָבן געקלונגען, יונגוואַרג האָט זיך צעזונגען. איבער די ווייסע פעלדער האָבן זיך געטראָגן די לידער „העי, דאַ טראָיקאַ״, „יאַמשטשיק, ניע גאַני לאָשאַדעי״...

די ייִנגערע ייִנגלעך זענען נישט געווען אַזוי פריי ווי די מיידלעך. די קלענערע ייִנגלעך פלעגט דער באַהעלפער קומען אָנטאָן און געטראָגן זיי אויף זיינע פּלייצעס אין חדר אַריין, די גרעסערע ייִנגלעך פלעגן גיין אין חדר אין שניי, אין רעגן, אין די גרעסטע זאַווערוכעס. אַלע זענען געווען שטאַרק צופרידן אין אָוונט צו פאַרלאָזן די חדרים און גיין אַהיים מיט די לאַמטערנעס אין די הענט. אַז עס איז קיין ווינט נישט געווען האָט דאָס גראַשענע ליכטעלע זיך נישט פאַרלאָשן. מ'האָט זיך באַוואָרפן מיט שניי, געמאַכט מענטשעלעך פון שניי, געלאַכט און געשטיפט.

אין טעג פון זאַווערוכעס פלעגט ביי אונדז אַלעמאָל אין הרובע שטיין אַ גרויסער קופּערנער טשייניק מיט טיי און אַ טאָפּ מיט פיש־קאַרטאָפליעס. איז אַן אָרעמאַן אַריינגעקומען צו אונדז אין הויז, האָט מען אים געהייסן זיך וואַשן, געגרייט צו טיש מיט ברויט, זאַלץ און מעסער און אַוועקגעשטעלט אַ שיסל מיט קאַרטאָפל. מען האָט אויך דערלאַנגט עטלעכע גלעזער זיסע טיי און אַ קאָפּיקע דערצו. דער אָרעמאַן איז אַוועק אַ צופרידענער און געהאַלטן אין איין ווינטשן און דאַנקען. אויך גבאיטעס פלעגן אין אַזעלכע טעג אַריינקומען — בעטן פאַר דער אָדער יענער אַ ביסל האָלץ, אַ ברויט. כאָטש כ'האָב מורא געהאַט פאַרן בוידעם און קיינמאָל נישט געוואָלט אַרויפגיין אַהין, בין איך אין אַזאַ פאַל אַרויף אויפן בוידעם, אַראָפּגעוואָרפן האָלץ און גענומען פון שאַפע אַ ברויט.

מיר האָבן געהאַלטן אין איין ציילן די טעג צום ערשטן חנוכה־ליכטל.

ענדלעך איז געקומען דער אויסגעוואַרטער טאָג. די ייִנגלעך האָבן פריי פאַרלאָזט דעם חדר, יעדער מיט אַ דריידל אין קעשענע. מען איז אַריין אין הויז טומלדיק. דער טאַטע האָט פאַרמאַכט די קלייט פריער פון אַלע מאָל. ער איז אַריין אין הויז מיט אַ ברייטן גוט יום־טוב, זיך אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, די נייע קוטשמע, זיך אַרומגעגאַרטלט און גענומען מאַכן קנייטלעך פאַר דער חנוכה־לאָמפּ. פאַר דעם „שמש״ האָט מען גענוצט אַ גראָשן־ליכטעלע, וואָס דער שמש פון שול פלעגט פאַרקויפן צו די באַלעבאַטים. מיר האָבן דעם טאַטן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און געוואַרט אומגעדולדיק אויפן בענטשן חנוכה־ליכט.

דער טאַטע האָט געהויבן אויסזינגען די ברכה „להדליק נר של חנוכה״. מיר אַלע ענטפערן „אמן״ און זינגען מיט דעם „הנרות הללו״.

די באָבע און די מאַמע שטייען שיינענדיקע, פאַרפלאַמטע פון פּרעגלען די לאַטקעס. דער געשמאַקער ריח צעטראָגט זיך איבערן הויז און רייצט אַלעמענס אַפּעטיט.

עס האָט זיך געעפנט די טיר און די מומע חנה־ביילע, דער פעטער יצחק מיט די קינדער זענען אָנגעקומען. מען האָט זיך אויסגעזעצט ביים גרויסן טיש. דער בליי־לאָמפּ האָט יום־טובדיק באַלויכטן דאָס הויז, ווי ער וואָלט וועלן זיך פאַרמעסטן מיט די קלייניקע קנייטלעך, וואָס דערמאָנען אין די גרויסע העלדישקייטן פון די חשמונאים.

מען האָט אָנגעהויבן טיילן חנוכה־געלט. פריער די באָבע, און דערנאָך דער טאַטע און דער פעטער. די קינדערישע הערצלעך האָבן זיך דערפרייט. מען האָט געגעסן לאַטקעס, געשפּילט אין דאָמינע, אין קאָרטן. די מענער האָבן געשפּילט אין קוויטלעך, וואָס מען האָט אויף זיי אַליין אָנגעשריבן דעם אלף־בית. די ייִנגלעך האָבן געשפּילט אין דריידלעך. די פרויען זענען געזעסן ביי אַ גלעזל טיי מיט וואַרעניע און געשמועסט וועגן קאָכן און באַקן. נאָך דעם האָבן מיר, קינדער, זיך איינגעפּענטעט

אין די וואַרעמע פּאַלטנס, מיט באַשליקלעך אויף די קעפּ, און מיט לאַמטערנס אין די הענט האָט מען זיך ארויסגעלאָזט איבער די גאַסן, אויפן סקריפּנדיקן שניי — צו די פעטערס און מומעס נאָך חנוכה־געלט.

מיר זענען געגאַנגען פון איין אָרט צום אַנדערן. אומעטום האָט מען אונדז געגעבן גרויסע, שווערע צענערס, אָדער נייע, בליאסקענדיקע זעקסערס. מיר האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיטן חנוכה־געלט, נאָר אַ ביסל מורא געהאַט צו גיין איבער די צוג־שטילע גאַסן. אַ ביסל איבערגעשראָקענע, פאַרפרוירענע, מיט פאַרטערטע אויגן פלעגן מיר זיך אומקערן אַהיים. דאָרט האָט מען אונדז געכאַפּט שנעל אויסטאָן, געריבן די הענטלעך, גע־הויכט און אַלץ געטאָן אונדז צו דערוואַרעמען. עס האָט זיך אפילו געוואָלט וויינען צוליב די „שפּאַרעס” אין די פינגער, אָבער דערמאָנענדיק זיך אין דעם באַקומענעם חנוכה־געלט, האָט מען זיך געשטאַרקט און דערשטיקט אין זיך דאָס געוויין.

וואָכן־לאַנג זענען מיר נישט מיד געוואָרן צו ציילן דאָס חנוכה־געלט. יעדער יום־טוב האָט אונדז קינדער געבראַכט אַ סך פרייד, אָבער די אַכט טעג חנוכה זענען פאַר אינדז געווען די טומלדיקסטע און די פריילעכסטע.

פּורים

אָ, ווי מיר פלעגן זיך פרייען מיט דעם יום־טוב פּורים, ווי מען האָט דאָס געוואַרט אויף די שלח־מנותן — כאָטש פּורים איז כמעט אַלע מאָל געפאַלן אַ רעגנדל, אָדער אַ נאַסער שניי, און די בלאָטע איז געווען אַזוי טיף, אַז ווען מ׳האָט אַריינגע־שטעלט איין פוס, איז שוין דער צווייטער מיטגעגאַנגען... די אָרעמע קינדער, וואָס פלעגן צעטראָגן די שלח־מנותן אין די צעריסענע שיכלעך, האָבן קיין לייכטע אַרבעט נישט געהאַט.

ביי אונדז אין הויז האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו פּורים נאָך מיט וואָכן פריער. מיין באָבע, דעם פאָטערס מוטער, איז געווען די שטאָט־באָבע, די „אקושערקע”. אין אַלע עקן פון לויצק האָט מען גוט געקענט „דבורה־האדל די באָבע”. פלעגט זי דערפאַר דאַרפן יעדן שיקן שלח־מנות. האָט מען גענומען באַצייטנס באַקן לעקעכלעך, מאַנדל־בייגעלעך. מען האָט איינ־געקויפט פאַרשידענע צוקערוואַרג־שפּילעכלעך און סתם שיינע צוקערקעס. די אַלע זאַכן פלעגט מען איינטיילן אין פאַפּירענע זעקעלעך. אויף יעדן זעקעלע איז געווען אָנגעשריבן אַ נאָמען. לויטן נאָמען האָט די באָבע געוווּסט וויפל אין וואָס זי דאַרף אַריינלייגן.

אָרעמע מאַמעס מיט האַלב־באָרוועסע, האַלב־נאַקעטע קינ־דער זענען געקומען בעטן מיין באָבען, אַז זי זאָל רחמנות האָבן און געבן זיי צו טראָגן די שלח־מנותן.

די באָבע האָט שוין געוווּסט ווי און ווו צו שיקן די קינ־דער. די שטאָט איז געווען צעטיילט אויף פאַרשידענע געגנטן: ווילקע, קראַסנע, נידעוו, פאָרשטאָט, דאָלינע, יאַרוויצע, שול־גאַס, קאַראימסקע־גאַס, קצבים־גאַס, באָלניטשנע־גאַס. אַז מען האָט שוין געהאַט באַשטעטיקט די שלח־מנות־טרעגער, האָט מען פריער אָפּגעטעמט.

מיר וואַרטן אויף דעם טאָג נאָך פון פאַר אסתר־תענית. מיר ווילן אויך פאַסטן ווי די גרויסע. אַז מען פאַסט, ווערט מען שוין באַטראַכט פאַר אַ מענטש און מען טראָגט אַנדערש אונ־טער דאָס עסן.

פּורים האָט זיך אָנגעהויבן מיטן מגילה־לייענען. מיר, מייד־לעך און יינגלעך, פלעגן זיך מיט די גראַגערס אַוועקשטעלן ביי מיין פעטער יצחק פּרצעס אין הויז, ווען ער, מיין פעטער, מיט דער שיינער באָרד און מיטן זיסן שמייכל, האָט זיך אַוועקגע־שטעלט ביים גרויסן טיש מיט דער אויסגעשפּרייטער מגילה. מיר האָבן געהיט זיין יעדע באַוועגונג, כדי חלילה נישט פאַר־פעלן צו שלאָגן המנען מיט זיינע זין.

מיין פעטער פלעגט לייענען וואָרט ביי וואָרט. נישט כאַפּנ־דיק, ווי אַנדערע האָבן דאָס געטאָן. ה־מ־מ־ן האָט ער אויס־געצויגן, און מיר פלעגן אים מיט אַזאַ ענטוזיאַזם שלאָגן — ווער מיט אַ שטעקן, און ווער מיט אַ גראַגער. מיט יעדן קלאַפּ האָבן מיר גענומען נקמה אין המנען.

אויפצומאָרגנס איז מען אויפגעשטאַנען גאָר פרי. די מאַמע איז געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן די יום־טובדיקע געשמאַקע מאכלים. מער פון אַלץ האָב איך ליב געהאַט די קרעפּלעך. ווי נאָר די מאַמע האָט זיך פאַרקוקט, פלעג איך אַרויסכאַפּן אַ פולע האַנט מיט קרעפּלעך.

די באָבע ע״ה האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן ביים טיש, ווו עס האָבן זיך געפונען אַלע שלח־מנותן. מיין עלטערער ברודער האָט געפירט פאַר איר דאָס בוך: די שלח־מנותן וואָס מ׳האָט אַרויסגעשיקט, און די וואָס זענען צוריקגעקומען.

איך האָב געהאַלטן אַן אויג אויף די צוריקגעקומענע שלח־מנותן. כ׳פלעג אַרויסנעמען די בעסטע טייגלעך, די געשמאַק־סטע מאַנדלען און המן־טאַשן — נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר מיינע פריינד. און פּורים האָב איך געהאַט מער פריינד ווי אַלע מאָל. אָבער ווער האָט דאַן צייט געהאַט אויף מיר זיך אומצוקוקן? עס האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. קינדער זענען אַרויס מיט פּעק שלח־מנותן, און אַנדערע זענען צוריקגעקומען מיט שלח־מנותן. די טיר האָט זיך נישט צוגעמאַכט. קינדער אַרויס, קינדער אַריין. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי גייען נישט, נאָר זיי פליען אין דער לופטן, פּונקט ווי דער שניי. זיי האָבן, נעבעך, נישט געפילט די נעץ אין זייערע האַלב־אָפענע שיך, און די קעלט — דורך זייערע צעריסענע פאַלטנדלעך.

זיי זענען געלאָפן, ווי פייל־פון־בויגן, קנעטנדיק די געדיכ־טע בלאָטעס. די פּנימער ביי זיי האָבן געשטראַלט פון פרייד. פון יעדער באַקומענער מטבע איז זיי אַ שטיק געזונט צוגעקומען. די אויגן האָבן ביי זיי אויפגעלויכטן יעדעס מאָל ווען זיי זענען געקומען און מען האָט זיי געשיקט מיט נייע שלח־מנותן.

און אַזוי האָט די טיר זיך נישט פאַרמאַכט פון אינדערפרי ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט.

אין אָוונט איז דער טאַטע געקומען פון שול מיט צוויי אורחים. די באָבע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן שיינעם, מיט גוטן זילבער געדעקטן טיש, דעם גרויסן געפלאָכטענעם קוילעטש, די זילבערנע לייכטער מיט די גרויסע ליכט האָבן פאַרשענערט דעם יום־טוב.

די באָבע, די עלטערן, די שוועסטער און ברידער, די אורחים — אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם שיינעם טיש מיט די גוטע מאכלים. אָרעמעלייט האָבן אָנגעהויבן קומען נאָך נדבות און פּורים־שפּילער האָבן זיך געפלייסט אונדז צו מאַכן לאַכן. און אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט פריילעך, זינגענדיק און לאַכנדיק. באַזונדערס האָט געשיינט מיין באָבע. אירע בעקעלעך האָבן זיך גערויטלט אין דער זיידענער פאַטשיילע,

פון וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעזען איר שניי־ווייסער טשיפּיק מיט דער שיינער קרוזשעווע.

שבועות

די פרויען זענען געווען פאַרטאָן מיט באַקן גוטע געבעקסן: חלה מיט זאַפרען, פיינקוכנס, קנישעס מיט קעז, בלינצעס, לאַטקעס מיט זויער־מילך. באַזונדער האָבן זיי זיך געפּאָרעט ביי די מילכיקע פיש, וואָס זיי האָבן געדאַרפט זיין בעסער און געשמאַקער פון אַלע פיש פון אַ גאַנץ יאָר. זיי האָבן טאַקע געהאַט טעם גן־עדן.

מ׳האָט געוואַשן די פענצטער, אויפגעהאָנגען שיינע פאָרהענגלעך, פאַרבעט די בעטן מיט זומערדיקע דעקן און אַרויפגעלייגט גרויסע קישנס. די קישנס האָבן געהאַט שיינע ווסטאַווקעס און אויסגענייטע גרויסע איניציאַלן.

אָבער דאָס וויכטיקסטע איז געווען די פּאָדלאָגע. און דערפאַר טאַקע האָט מען מיט אַלע כוחות זי געריבן מיט אַ בעזעם, מיט שטרויענעם וויעכעטש, געוואַשן מיט עטלעכע וואַסערן — ביז זי איז אַרויסגעקומען געל, ווי ס׳געלעכל פון אַן איי.

יינגלעך און מיידלעך האָבן מיט באָרוועסע פיס זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער פּאַשע, פאַרקאַטשעט די הויזן און קליידלעך און געשניטן לעפּעכע אויף צו פאַרשפּרייטן אויף דער פּאָדלאָגע.

די פּאַשע איז געווען אַ זומפּ, אַ בלאָטע מיט גרין גראָז באַוואָקסן. אָפּט, ווען מ׳איז אַריין אין איר מיט אַ פוס, איז אַ גרינע זשאַבע אַקעגנגעשפּרינגען. די מיידלעך פלעגן זיך צעקוויטשען הויך אויפן קול, אָנכאַפּן זיך אין אַ יינגל. ס׳פלעגט אַמאָל אויך טרעפן, אַזביידע זאָלן זיך אַ וואַקל טאָן און זיך איבערקערן.

האָט אַ יינגל געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט אַ מיידל, זי זאָל אים האָבן צו געדענקען, האָט ער זי איבערגעקערט אין דער גרינער בלאָטע מיט די קוואַקנדיקע זשאַבעס.

כאָטש מ׳האָט זיך צעשטאָכן די הענט ביי די קליינע ביימעלעך אין וואַסער און זיך צעבלוטיקט די פיס אין די שטיינדעלעך און גלאָז, וואָס איז דאָרט געווען, האָט מען באַוויזן אָפּצושניידן בינטלעך לעפּעכע. מען האָט זיי צונויפגעבונדן, גענומען אויף די פּלייצעס און געלאָזט זיך מיטן פּאַק איבער די גאַסן.

מיט דער לעפּעכע איז מען אַריין אין הויז צופרידענע און שיינענדיקע פון גליק, גלייך ווי מען וואָלט דעם גרעסטן אוצר געבראַכט.

ווען מ׳האָט די לעפּעכע צעוואָרפן איבער דער פּאָדלאָגע, האָט איר ריח, געמישט מיטן שטאַרקן אַראָמאַט פון דער שבועותדיקער ציקאָריע, זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטוב. דאָס האָט געגעבן ס׳געפיל, אַז מען איז אויפן באַרג סיני, נאָר אָנשטאָט די לוחות באַקומט מען גוטע און געשמאַקע מאכלים, וואָס האָבן טעם גן־עדן.

שכנים וואָס האָבן נישט געהאַט קיין לעפּעכע, האָט מען אַריינגעשיקט אַ ביסל, ווייל אָן איר האָט מען נישט געפילט דעם שיינעם יום־טוב שבועות.

די יינגלעך פלעגן אַרומגיין זון האַלטן אין איין איבערחזרן דעם „אקדמות״. די טאַטעס פלעגן זאָגן תיקון־שבועות.

איינמאָל האָב איך אונטערגעהערט אַ שמועס פון צוויי קליינע יינגלעך אין מיין עלטער. איינער האָט זיך באַרימט, אַז זיין טאַטע איז געזעסן זייער שפּעט און געזאָגט תיקון־שבועות. האָט ער פלוצעם דערזען ווי דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן, און עס זענען געפאַלן פון דאָרטן גוטע זאַכן, וואָס נאָר מ׳האָט געוואָלט. זאָגט דער צווייטער, אַז ער לויפט שוין צו זיין פאָטער אים בעטן, אַז ער זאָל אויך זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט, און ווען דער הימל וועט זיך שפּאַלטן, זאָל ער אויסבעטן אַ פערדעלע אַזאַ ווי קאַרטשאַלקעס יינגעלע האָט.

דערהערנדיק דאָס בין איך אויך געווען אַ בעלן זיך איבערצוצייגן דערין. כ׳הב זיך אַוועקגעזעצט אין דרויסן אויף אַ טרעפּל, פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל.

ווי לאַנג כ׳בין אַזוי געזעסן — ווייס איך נישט. כ׳האָב דעם הימל נישט געזען זיך שפּאַלטן, אָבער דער קאָפּ האָט זיך מיר יאָ געשפּאָלטן און דער האַלדז האָט זיך נישט געקאָנט קיין דריי טאָן.

תשעה באב

ווי מאָדנע האָט דער טאָג פון תשעה באב אויסגעזען ביי אונדז קינדער. איז עס יאָ, צי נישט קיין יום־טוב? קיין סך מאכלים האָט מען נישט געקאָכט ווי געוויינלעך אין אַנדערע יום־טובים, געבאַקן אויך נישט, דאָך זעט עס נישט אויס וואָכעדיק, און יום־טובדיק — אַוודאי נישט.

מיין באָבע דבורה־האָדל איז אַרומגעגאַנגען אַ שטילע, אַ פאַרכמורעטע און צו קיינעם אין שטוב נישט גערעדט. בלויז מיט דער מאַמען האָט זי זיך געעצהט ביים לאָקשןברעט, ווו זיי האָבן געגרייט די ברייטע לאָקשן צום פאַרפאַסטן. מיר, קינדער, האָבן זיך געטומלט אין דרויסן. די מיידלעך פלעגן זיך אַריינכאַפּן פון צייט צו צייט איינע צו די אַנדערע, זען וועמענס מאַמע עס שניידט ברייטערע לאָקשן. די יינגלעך, זייענדיק פריי פון חדר, האָבן זיך צוזאַמענגענומען אויפן שול־הויף און אָנגעריסן פולע קעשענעס מיט באַזשעקעס, נישט קוקנדיק וואָס די קראָפּעווע אַרום האָט געבריט די הענט.

שטיל איז געווען ביי אונדזער שכן הערשל פּאָלישוק, דעם דאַמען־שניידער, ביי וועמען עס האָבן געאַרבעט אַ סך אַרבעטער. די מאַשינען פלעגן רוישן פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט און דאָס געזאַנג פון די אַרבעטער, יינגלעך און מיידלעך, האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַס. אָבער איצט איז דאָרט געווען אַ טויטע שטילקייט.

די קלייטן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרמאַכן. פאַרנאַכט האָט מען זיך געזעצט צום טיש און אונדז קינדער אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל זיך אָנעסן צו זאַט, ווייל מיר וועלן דאַרפן פאַסטן אַ גאַנצע נאַכט — אַפילו קיין טרונק נישט קריגן ביז אין דער פרי. קיין אַפּעטיט האָט אונדז קיינעם נישט געפעלט. מיר האָבן גרויס הנאה געהאַט פון די ברייטע לאָקשן: מ׳האָט זיי דאָך געגעסן איין מאָל בלויז, ערב תשעה באב.

נאָכן עסן זענען די טאַטעס מיט די יינגלעך אַוועק אין די שולן. דאָרט האָט מען זיך אויסגעטאָן די שיך, איבערגעקערט די שטענדערס. מיט חלבנע ליכט אין די הענט האָט מען מיט אַ טרויעריקן ניגון געזאָגט די קינות. אַלע האָבן געוויינט אויפן חורבן בית־המקדש.

עטלעכע פּרויען, שכנות, האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין איין הויז און מ׳האָט געזאָגט קינות פון איין טייטש־חומש.

ביי אונדז אין שטוב האָט מיין באָבע, איינע פון די בעסטע זאָגערינס אין שול, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע אין ווייסע זאָקן. אַרום איר איז געזעסן איר טאָכטער, חנה־ביילע, מיט אירע צוויי מיידלעך, העניע־רבקה און מנוחה, און מיין מוטער, די שנור בתיה, מיט מיר און מיין יינגערער שוועסטער שרה. אין הויז איז געווען טונקל; די לאָדנס — פאַרמאַכט. די לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ שוואַכע שיין איבערן צימער. זיפצנדיק האָט די באָבע אַן עפן געטאָן איר גרויסן טייטש־חומש און אויפגעמישט די קינות. אויף די בלעטלעך זענען נאָך געווען סימנים פון חלבנע ליכט און טרערן פון פריערדיקע יאָרן, און אפשר נאָך — פון איר באָבעס טרערן. איך בין געזעסן נעבן איר און געהאַלטן דאָס ליכטל איבערגעבויגן איבערן טייטש־חומש. זי האָט געזאָגט און שטאַרק געוויינט, ווען זי איז געקומען צום אָרט, ווו מ׳לייענט, אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן איבער קמצא און בר קמצא; צוליב אַ הון און אַ האָן איז חרוב געוואָרן די שטאָט טור מלכה, און צוליב אַן אַקס פון אַ וואָגן איז חרוב געוואָרן די שטאָט ביתר. נאָך גרעסער איז געוואָרן דאָס געוויין ביי דער געשיכטע מיט חנה׳ס זיבן זין, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון יידישן גלויבן און אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן. מיר, די קינדער, האָבן זיך געביטן מיטן האַלטן דאָס ליכטל און געקוקט איינע אויף די אַנדערע צי מען וויינט.

ווען די באָבע האָט געענדיקט זאָגן קינות, האָבן די מיידלעך געכאַפּט פּאַטשיילעס איבער די קעפּ און אַוועק צו מלכה־רחלס פּריזבע. דאָרט איז שוין געווען פאַרזאַמלט דאָס יונגוואַרג. יינגלעך האָבן באַוואָרפן די מיידלעך מיט באַזשעקעס, געצילט צו טרעפן אין די האָר, ווו די באַזשעקעס האָבן זיך אַזוי אַריינגעפּלאָנטערט, אַז מ׳האָט עס געהאַט צו געדענקען ביזן אַנדערן תשעה־באב. אַמאָל האָט מען געמוזט אַרויסנעמען די באַזשעקעס צוזאַמען מיט די האָר. אויך די יידן מיט די בערד האָבן געהאַט אויסצושטיין צרות פון די באַזשעקעס, וואָס די יינגלעך האָבן געוואָרפן.

כאָטש די מיידלעך האָבן געליטן פון אויספּלאָנטערן די מיאוסע שטעכיקע באַזשעקעס איז אונדז דאָך דאָס אַלץ געווען ליב און טייער.

סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג

„שלא עשני אשה"

ווען איך בין געווען אַ יונג מיידל, האָב איך מקנא געווען די יינגלעך און פלעג זיך אַפילו איבערטאָן פאַר אַ יינגל. נישט אומזיסט — האָב איך געטראַכט — מאַכן די מענער אַ ברכה „שלא עשני אשה" — „איך דאַנק דיר גאָט, וואָס איך בין נישט באַשאַפן געוואָרן קיין פרוי".

און וואָס איז דער חידוש? ווען מען וואָלט איצט געזען אַזאַ מין פרוי, ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק אין לויצק — און געוויס אויך אין אַנדערע שטעט — וואָלט מען אויף די מאַנסבילן נישט געדאַרפט האָבן קיין פאַראיבל.

אָט וועל איך אייך דאָ שילדערן איין פרוי אַזאַ: די האָר צעפּאַטלט, דעם בוזעם — צעכראַסטעט. איין קינד אין בויך; אויף דער האַנט אַ קינד; ביי ביידע זייטן פינעם קליידל האַלטן זיך צוויי באָרוועסע יינגעלעך, די העמדלעך אַרויסגעשטעקט פון די הייזלעך. פון פאָרנט פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס אַ מיידעלע מיט אַ פאַרסמאַרקעט נעזל; פון הינטן — אַ צווייט מיידעלע מיט שוואַרצע שיכלעך און ווייסע בענדלעך. זי שלעפּט דער מאַמען ביי אַ פּאָלע. ביי יעדן טראָט פון דער מוטער טוט זי אַ קוויטש, וואַרפט זיך אויף דער ערד. און וויל נישט מיטגיין: זאָל מען זי אויך נעמען אויף די הענט...

דאָס איז געווען די פרוי אין גאַס.

און אין הויז?

זי שטייט אויף גאַנץ פרי, ווען אַלע שלאָפן נאָך. צוערשט „מאַכט זי פייער": נעמט אַראָפּ דאָס האָלץ פון בוידעם, לייגט אַריין אין אויוון שייטן האָלץ און קליינע שפּענדלעך; זי לייגט אונטער פּאַפּיר און באַגיסט עס מיט נאַפט. זי צינדט דאָס אונטער מיט אַ שוועבעלע און בלאָזט מיטן מויל און פאָכעט מיטן ברייטן פאַרטעך. און אַז גאָט האָט געהאָלפן און עס ברענט שוין דאָס פייער, דאַרף מען אָנגיסן דעם סאַמאָוואַר. בייגט זי זיך איבערן פּאַס, שלעפּט אַ שווערע קופּערנע קוואָרט מיט וואַסער, איין קוואָרט נאָך דער אַנדערער, ביז דער סאַמאָוואַר ווערט פול. דעמאָלט טוט זי אַריין הייסע קוילן פון אויוון, נאָכדעם קאַלטע קוילן, און ערשט דעמאָלט נעמט זי דעם מאַנס אַ שטיוול און הויבט אָן פאָכען מיט דער כאַלעווע.

אַזוי הייבט זיך אָן אַ טאָג אַרבעט: אָנטאָן די קינדער, געבן זיי עסן, וואַשן די וועש אין די גרויסע באַליעס. אַלץ הייסט וואַשן! מען וואַרעמט טעפּ מיט וואַסער, מען גיסט אָן די באַליע, מען שלעפּט די טעפּ אַרויף, מען שלעפּט די טעפּ אַראָפּ. נאָכדעם — רייבן די וועש, קאָכן די וועש, טראָגן די וועש אויף דער פּלייצע צום טייך, ווו מען קלאַפּט די וועש מיטן „בראַטש" אויף אַ שטיין. צום סוף שווענקט מען דאָס דורך עטלעכע מאָל אין וואַסער. און אַז די וועש איז שוין טרוקן, קאַטשעט מען דאָס מיט אַ ריבליק. דערנאָך דאַרף מען צערעווען די זאָקן, די זעקעלעך, לאַטען די הייזלעך מיט די קליידעלעך, און אַמאָל — נאָך אויפנייען נייע זאַכן.

און ווו איז עפּעס ערב שבת? קנעטן די דייזשעס ברויט, קנעטן די מולטערס חלה, פלעכטן חלות, אויסמאַכן די ברויטן, אַריינזעצן אין אויוון, אַרויסנעמען דעם טשאָלנט, פאַררוקן די קיך, אויסשמירן די פּאָדלאָגע מיט פרישן ליים.

אַזוי האָט אַמאָל אויסגעזען די פרוי. איז וואָס זשע דער וווּנדער, אַז איך פלעג מקנא זיין די יינגלעך?

א. לוצקי

רובע טרובאטש אין לויצק

ווער איז רובע טרובע באַם?
פון אַ שלעפּערישן קלאַס,
אומגעשלייכט פוסט און פּאַס,
ערגעץ אין „מצרים" גאַס.

נישט קיין „ייד" און נישט קיין „לאַט"
ווערט ביי פּאַניען אַ סאָלדאַט.

רייסט די מאַמע זיך דאָס העמד:
וויי, מיין זונדל אין דער פרעמד!

דינט ער יאָרן אין אירקוטסק
און ער קומט צוריק קיין לוצק —
רובע טרובאַטש מוזיקאַנט,
ווי די קלעצער יעדע האַנט.

אויסגעוואַקסן אוי, אוי, אוי,
קאַנאַנאָרע ווי אַ גוי.
מיט אַ פּלייצע, מיט אַ קאָפּ,
טאַקע ווי אַ פאָלנער כלאָפּ.

טרומבאַ, אומבאַ, אומבאַ, באַ!
נאָר די מאַמע, דיק אַליין,
גלעט איר זונדל מיט געוויין:
ביסט געווען פון מיר אַוועק,
אוי, מיין קינדעלע, מיין שנעק...

רובע טרובאַטש רעדט קיין וואָרט.
„סמירנאַ" שטייט ער אויף אַן אָרט,
כאָטש ער וויל איר זאָגן: אוי,
איך צו דיר געבענקט אַזוי.

רובע טרובאַטש פון אירקוטסק
דינט ביי פּאַניען איצט אין לוצק.
זיצט געריטן אויף אַ פערד
און דער פערד גאַלאָפּט די ערד.

דער אָרקעסטער שפּילט אַ שטיק,
רובע טרובאַטש האַצקעט גליק...
מוזיקאַנט דראַגונסקי פּאָלק,
גרוים ראָסיאַ, רוסיש פאָלק!

טרומבאַ, אומבאַ, אומבאַ, באַ!

רובע טרובאַטש טראָגט דעם באַס,
בליאַסקעט־אויף די גאַנצע גאַס.

באַס, — אַ בייגל אויף זיין האַלדז,
האָט אים רובע — האָט ער אַלץ.
בלאָזט ער: טרומבאַ, אומבאַ, באַ!
בילט זיך רובע: הו — וואַ וואַ!...

סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג

עפּיזאָדן און טיפּן

דער נס מיט פּנחס קאַזיאַל

כ'בין נאָך דאַן געווען אַ יונג קינד. אַ קורצע צייט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין לויצק זענען געווען איינקוואַטירט רוסישע סאָלדאַטן. צוויי פאָלקן, דער אָכאָטסקער און קאַמטשאַטסקער, האָבן סטאַציאָנירט אין די קאַזאַרמעס אויף יאַרוועיצע, נישט ווייט פון לויצקער וואָקזאַל. די דראַגונער סאָלדאַטן האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף קראַסנע, ווו ס'איז געווען דער מיליטערישער שפּיטאָל.

אַלס קאָמערציעלע שטאָט האָט לויצק געהאַט אַ סך יידישע סוחרים. אייניקע פון זיי זענען געווען פּאָדריאַטשיקעס, וואָס האָבן דעם מיליטער צוגעשטעלט פּראָוויאַנט, ווי האָבער, היי, פלייש א.א. פּראָדוקטן. איינער פון אָט די פּאָדריאַדטשיקעס, וואָס האָט צוגעשטעלט דאָס פלייש צו דער ארמיי, איז געווען אַן אָנגעזעענער קצב אין לויצק. מען האָט אים גערופן פּנחס קאָזיאָל, פון ווילקע.

ויהי היום, קומט קיין לויצק אַראָפּ אויף אַן אינספּעקציע אַ מיליטערישער אינספּעקטאָר פון אַ הויכן ראַנג, אַ שונא ישראל, גענעראַל פּאָגאַווצאָוו.

האָט אָט דער דערמאָנטער גענעראַל אויסגעקלערט אַ בלבול, אַז דער קצב קאָזיאָל שטעלט צו דער רוסישער ארמיי פלייש פון געפּגרטע בהמות, וואָס קאָן שאַדענען דאָס געזונט פון צאַרבאַטיושקאַס סאָלדאַטן.

קאָזיאָל איז גלייך אַרעסטירט געוואָרן און מ'האָט אים פאַרשפּאַרט אין דער גרויסער לויצקער טורמע, ביז די אויספאָרשונג וועט זיך פאַרענדיקן און אַלע נויטיקע דאָקומענטן וועלן צוגעשטעלט ווערן דעם מיליטערישן געריכט.

די שטאָט איז ווי איינגעהילט געוואָרן אין אַ שווערן טרויער. אַדוואָקאַטן און פאַרשידענע שתדלנים האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון אַרעסטירטן יידן. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן.

קאָזיאָל׳ס פרוי איז אַוועק צום סאַסעווער צדיק. אַריינקו־מענדיק צום רבין איז זי געפאַלן צו זיינע פיס און אויסגעבראָכן אין אַ האַרצרייסנדיק געוויין:

„רבי, ס׳איז געשען אַן אומגליק. מ׳האָט געמאַכט אַ בלבול אויף מיין מאַן! רבי, ער איז אומשולדיק! גאָט אין הימל איז אַן עדות״.

דער צדיק איז געבליבן זיצן אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך און פאַרטראַכט. פּלוצעם האָט ער אויפגעוואַכט און מוטיק, מיט בטחון אין זיין קול, געהייסן דער פרוי אַהיימפאָרן, צוגעבנדיק:

„השם יתברך וועט העלפן, דער אמת וועט מנצח זיין! דער שונא וועט נישט דערלעבן צו באַווייזן דורכצופירן זיינע בייזע פּלענער. געדענקט און זאָגט עס אייער מאַן: בטחון״.

אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט מען דעם אַרעסטירטן פּנחס קאָזיאָל געפירט, אַ געשמידטן אין קייטן, איבער דער שטאָט, אויפן וועג קיין זשיטאָמיר, מיטן עטאַפּ צום משפּט.

די קלייטן זענען פאַרמאַכט געוואָרן. שניידערס, שוסטער, קאָוואַלעס א.א. האָבן פאַרלאָזט זייערע וואַרשטאַטן און אַ שטראָם מיט מענטשן איז נאָכגעגאַנגען דעם מיליטערישן קאָנוואָי מיט געבויגענע קעפּ. ווען מ׳האָט דערגרייכט דעם פּלאַץ וווּ ס׳האָט זיך געפונען די „זשענסקע גימנאַזיע״, איז קאָזיאָלס ווייב מיט איר טאָכטער לאה אַלעמען אַנטקעגנגעקומען און זיך געריסן די האָר, שרייענדיק: מענטשן, וויינט אויף אונדזער בראָך! בעט גאָט פאַר אונדזער אומשולדיקן מאַן און פאָטער! — און אַלע האָבן מיט זיי מיטגעוויינט.

פּלוצעם איז געשען אַ נס. ס׳האָט זיך אָנגעיאָגט אַ שליח, אַ סאָלדאַט, רייטנדיק אויף אַ פערד און צווישן געגעבן דעם נאַטשעלניק פון מיליטערישן קאָנוואָי, אַז דער גענעראַל האָט באַקומען אַ האַרצשלאַק.

פּנחס קאָזיאָל איז ריינגעוואַשן געוואָרן פון עם בלבול.

חיה רעכעלע קרוינשטיין

עס האָט געשמט אין לויצק די נגידיסטע חיה־רעכעלע. כמעט אַ פערטל שטאָט הייזער איז געווען איר אייגנטום. זי איז געווען אַ זייער שטרענגע בעל־הבית׳טע. פאַר נישט־צאָלן דירה־געלט צו דער צייט, פלעגן אירע אויפזעער אַרויסוואַרפן פון דער דירה. זי איז אָבער געווען איינע פון די גרעסטע פילאַנטראָפּן אין שטאָט, האָט אויסגעהאַלטן די ישיבה, הכנסת־אורחים און נאָך אייניקע אינסטיטוציעס.

איז זי, די מיליאָנערשע, געווען אַ טאָג־טעגלעכע טעמע ביי יעדן לויצקער אין מויל. האָט מען איינעם געשאַצט אין גרויסן געלט, פלעגט מען אויסרופן: אויף חיה־רעכעלען געזאָגט געוואָרן! האָט איינער זיך באַקלאָגט אויף זיין אָרעמקייט: נישט מער זאָל חיה־רעכעלע פאַרמאָגן! א.א.וו.

האָט טאַקע חיה־רעכעלע ביי אַ געלעגנהייט, געזאָגט: איך האָב אַ סך פון די קליינע ביסעלעך, וואָס יעדער איינער ווינטשט מיר צו האָבן...

אַמאָל האָט פּאַסירט, אַז חיה־רעכעלע קרוינשטיין האָט צוגענומען אַ יונגן בחור פאַר אַ שיק־ייִנגל. זיין נאָמען איז געווען ביק — אַן אָנשטענדיקער און פון אַ פיינער פאַמיליע, געאַרבעט געטריי. ער האָט טאַקע, אין אַ קורצער צייט אַרום, געקראָגן איר פולסטן צוטרוי. איינמאָל, אין אַ יריד־טאָג, האָט זי אים געשיקט אויפן וואָקזאָל איבערצוגעבן אירס אַן אָנגע־שטעלטן הונדערט רובל. אויפן יריד פלעגן זיך אַרומדרייען פיל קעשענע־גנבים, נישט נאָר לויצקער, נאָר אויך פון אַנדערע ערטער. און ס׳מאַכט זיך, אַז מ׳האָט ביים שיק־ייִנגל אַרויס־געגנבעט דאָס געלט. ער האָט עס באַלד נישט באַמערקט, נאָר ווען ער איז צוגעקומען צום וואָקזאַל, האָט ער באַמערקט ווי די קעשענע איז איבערגעדרייט און דאָס געלט איז נישטאָ. דאָס ייִנגל איז געפאַלן אין חלשות. מ׳האָט אים דערמונטערט און געבראַכט צו חיה־רעכעלען מיט דער נייעס. זי האָט אים חושד געווען און בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן, אַז מ׳האָט אים באַגנבעט. דער בחור האָט זיך ביי איר געבעטן און צוגע־זאָגט אָפּצואַרבעטן פאַרן צוגעגנבעטן געלט. זי איז אָבער דורכ־אויס געשטאַנען דערויף, אַז ער זאָל אָפּגעבן אַ שבועה ביי אָנגעצונדענע שוואַרצע ליכט...

אין שטאָט איז געוואָרן אַ מהומה. ווו מ׳איז געגאַנגען און וווּ יידן האָבן זיך נאָר געטראָפן האָט מען אַלץ גערעדט וועגן דער שבועה מיט די שוואַרצע ליכט. חשובע בעלי־בתים האָבן זיך אַריינגעמישט אינעם ענין און געוואָלט חיה רעכעלען איבער־צייגן, אַז זי זאָל נישט פאָדערן פון אַן אומשולדיקן בחור אַזאַ זאַך. דאָס נגידישע האַרץ איז אָבער געבליבן פאַרשטיינערט. דער טאָג פון דער שבועה איז געקומען. די שול האָט זיך אָנגעפילט מיט פרויען און מענער בייצוזיין דעם שרעקלעכן מאָמענט... אַלע פנימער האָבן אויסגעדריקט שרעק. די הערצער האָבן האַסטיק געקלאַפּט, ווען מ׳האָט אויפן באַלעמער דערזען דעם רב, דעם דיין, דעם בעל־קורא, דעם שמש און אַנדערע חשובע בעלי־בתים און כלי־קודש. אין אַ זייט איז געזעסן חיה־רעכעלע רייך געקליידט. מ׳האָט געקוקט אויף איר און געוואַרט. די שוואַרצע ליכט האָבן שוין געברענט ביים עמוד. און אָט איז אָנגעקומען דער בחור. ער איז ערשט געווען אויפן קבר פון זיין פאָטער, ווו ער האָט יאָמערלעך געוויינט און געשריגן: טאַטע, כ׳בין אומשולדיק! דעם טאָג האָט ער געפאַסט און איז געווען זייער בלאַס. די אויגן רויט פון וויינען. מיט וואַקלדיקע טריט האָט ער זיך דערנענטערט צו די שוואַרצע ליכט, וועלכע האָבן מרה־שחורהדיק געווונקען.

דער עולם האָט אָנגעהויבן מורמלען קעגן דער נגידיסטע. אין לעצטן מאָמענט האָט זי זיך געבראָכן און רעזיגנירט פון איר פאָדערונג צו שווערן. ווען זי איז אַרויס פון שול, האָבן נאָך די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין דרויסן, דערפון נישט געוווּסט. מ׳האָט זי באַגלייט מיט קללות.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי קראַנק געוואָרן. די לויצ־קער דאָקטוירים האָבן איר געראָטן צו פאָרן קיין אויסלאַנד. נאָך אַ צייט קורירן זיך איז זי דאָרט געשטאָרבן. איר קערפּער איז געבראַכט געוואָרן קיין לויצק, אין אַ הילצערנעם קאַסטן, וואָס ס׳איז געווען דאַן אַ נייעס ביי יידן. אינעם הילצערנעם קאַסטן איז געווען אַ צווייטער, אַן אייזערנער, ווו איר קערפּער איז געלעגן.

זי איז באַגראָבן געוואָרן אין לויצק. איר לוויה איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. די גאַנצע שטאָט האָט זי באַגלייט. די



די לוויה פון חיה רעכעלע קראָנשטיין

גאַס פאַרן בית־עולם איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. אַלע קלייטן און וואַרשטאַטן זענען געווען געשלאָסן. דער ארון, באַדעקט מיט שוואַרצער קרעפּע, איז געטראָגן געוואָרן דורך חשובע מענטשן פון שטאָט. נאָך דער מיטה זענען נאָכגעגאַנגען דער שטאָט־חזן, רב אהרעלע מיטן כאָר און ישיבה־קינדער האָבן געזונגען קאַפּיטלעך תהילים.

אַזוי האָט געלעבט און אַזוי איז געשטאָרבן די לויצקער נגידיסטע חיה־רעכעלע קרוינשטיין.

די באַרימטע לויצקער „באָבע"

דבורה־האָדל איז באמת געווען אַ קינסטלערין אין איר פאַך. אַ פרוי מיט גאָלדענע הענט. זי האָט איבערגעשטיגן מיט איר פּראַקטיק אַלע געענדיקטע דאָקטוירים און אַקושערקעס. אפילו דאָקטוירים פלעגן זי אָפט רופן צוהילף, ווען ס׳האָט זיך געמאַכט אַ געוויסע קאָמפּליקאַציע ביי אַ געווינערין. ד"ר מיל־טשעווסקי האָט געהאַט דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר איר געשיקטער אַרבעט און זי זייער אָפט גערופן אויף באַראַטונגען.

איינמאָל איז דער גרעסטער דאָקטאָר אַבראַמסקי געקומען צו איר אויף זיין עקיפּאַזש: „דבורה־נודעל (אַזוי האָט ער זי, אין שפּאַס, גערופן), גיכער קום מיט מיר און באַווייז, וואָס דו קאָנסט"! ווי אַ פייל אויס בויגן איז זי אויף דער גיך אַריין אין עקיפּאַזש מיטן רענצעלע אין האַנט. אַריינגעקומען צו דער געווינערין איז זי צו איר שטיל צוגעגאַנגען. צערטלעך אָפּגעווישט מיט אַ נאַס טיכעלע דעם קאַלטן שוויס פון איר שטערן און די טרערן פון די אויגן. זי האָט איר צוגעזאָגט, אַז אויב זי וועט זיך שטאַרקן, וועט לאַנג נישט נעמען און זי וועט אויפגעבונדן ווערן. זי האָט גלייכצייטיק אָנגעהויבן שעפּ־טשען אין דער שטיל אַ תפילה. די געווינערין האָט איר נאָכגעזאָגט און דאָס האָט געהאָלפן דער פרוי זיך אַ ביסל צו באַרויקן. זי האָט שוין פרייער אָפּגעאָטעמט. די „באָבע" האָט מיט איר געשיקטקייט איבערגעדרייט אין בויך דאָס קינד, וואָס איז געגאַנגען אָנשטאָט מיטן קאָפּ — מיט די פיסלעך, און דער נס איז געשען. זי האָט דאָס קינד גיך און בשלום געבוירן. דער גרויסער דאָקטאָר איז געווען גענוג באַשיידן אַ זאָג צו טאָן: „דבורה־נודעל, כ׳בין שטאָלץ מיט דיר"!

דבורה־האָדל איז דערצו געווען אַ האַרציקע פרוי. אַ קליינגעוויקסיקע, האָט זי אָבער געהאַט אַ גרויס האַרץ פול מיט רחמנות צו די באַעוולטע און אָרעמע. 52 יאָר האָט זי אָפּגענומען די ניי־געבוירענע קינדער ביי די געווינערינס. זי איז נישט געגאַנגען אין קיין שום אַקושערקע־שול. די תורה האָט זי באַקומען בירושה, אָנהאַלטנדיק די חזקה פון עטלעכע דורות נאָכאַנאַנד. איר נאָמען האָט געשמט. זי איז געווען אַ ציכטיקע מיט רויטע בעקעלעך, דינע ליפּן און אַ שיינער לענגלעכער נאָז. זי פלעגט גיין צו די קימפּעטאָרנס אין אַ ווייסן פאַרטעך און אַ זיידענער ווייסער פאַטשיילע, דורך וועלכער עס פלעגט אַרויסקוקן, ביים שטערן, אַ שיינע קרוזשיווקע פון טשיפּעקל, וואָס האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן. זי פלעגט גיין מיט דראָבנע טריטעלעך און גראַציעז־שנעל זיך באַוועגן מיט איר רענצעלע אין האַנט.

אירע פּאַציענטן זענען געווען פרויען פון רייכערן קלאַס, וועלכע פלעגן שעצן איר אַרבעט און באַצאָלן אַן אָנגעזעענעם האָנאָראַר מיט גרויס כבוד.

מאַכט זיך אַמאָל אַ ווינטער־נאַכט. אויף דער גאַס — אַ שרעקלעכער פראָסט, אַ שניי, אַ זאַוויערוכע. דער ווינט וואָיעט אין קוימען מיט משונהדיקע קולות. ס׳דאַכט זיך, אַז פאַרבלאָנדזשעטע נשמות בעטן זיך אַ תיקון. אויפן מענטשן פאַלט אָן אַ מורא. פּלוצעם דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין לאָדן און אַ פּעסטע מענלעכע שטימע רופט: „דבורה־האָדל, מיין ווייב גייט צום קינד"! און אין אַ ווילע שפּעטער — אַ קלאַפּ אין טיר און אַ קוים־הערבאַרע שטים: „דבורה־האָדל, מיין ווייב"!

דבורה האָדל

ווען מ׳עפנט די טיר באַווייזן זיך צוויי מענער אויף דער שוועל. איינער אַ ייד, אַ גביר, גלייכט זיך אויס אין זיין פולער הויך: „שנעלער דבורה־האָדל, איר ווייסט דאָך, מיין פרוי... ס׳ערשטע קינד"...

דער צווייטער, אַ קבצן, נעבעך, קאַרטשעט זיך איין, לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ און זאָגט אַ פאַרשעמטער: „דבורה־האָדל, שוין ווידער... מיין ווייב, אַ רחמנות נעבעך"...

דבורה־האָדל איז אַ מינוט אין אַ פאַרלעגנהייט, אָבער באַלד טוט זי אַ זאָג צום גביר: „איר, זייט מוחל, גייט נאָך פּאַניע די אַקושערקע. זאָגט איר, אַז איך האָב זי געהייסן גיין"! און אַ נעם־טוענדיק דעם אָרעמען יידן: „קומט". נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט זי אָפּגענומען דאָס קינד, און פאַרן אַוועקגיין, שוין אַ שטאַרק מידע, נאָך איבערגעלאָזט אונטערן קישן עטלעכע רובל פאַר דער אָרעמער פרוי אויף צוצופּילעווען זיך.

דבורה־האָדל איז אויך געווען אַן אשת־חיל. ס׳זענען באַרימט געווען אירע געבעקסן אויף די בריתן: האָניק־לעקעך, פלאָדנס, שטראָדלס, מאַנדל־ברייטלעך און דער עיקר אירע מאַקאַראָנעס און פּאַלטשיקלעך. ס׳איז שווער צו וויסן וויפיל

שאָקן אייער זי האָט אין איר לעבן אויסגענוצט פאַר באַקן אויף די בריתן און קריאַת־שמע־לייענען.

דבורה־האָדל איז אויך געווען אין דער ווייבערישער שול אַ זאָגערקע. באַזונדערס פלעגט זי זיך אויסצייכענען אין די ימים־נוראים. זי פלעגט זיצן ביי דער מזרח־וואַנט אויף איר חזקה־שטאָט... די ווייבער פלעגן זי אַרומרינגלען פון אַלע זייטן און זיך צוהערן צו איר דאַווענען. זי האָט שוין געוווּסט ווען מ׳דאַרף וויינען און שרייען און זיך אויסטענהן מיטן רבונו של עולם וועגן די צרות און קריוודעס פונעם פאָלק ישראל. די ווייבער פלעגן דאַן פאַרגלאָצן די אויגן צו דער סטעליע, נאָכזאָגן און איר נאָכשרייען.

דבורה־האָדל איז געווען באַליבט און געשעצט ביי אַלעמען. און ווען זי האָט, אין יאָר 1921, געמוזט אָפּפאָרן קיין אַמעריקע מיט איר שנור און 5 אייניקלעך צו איר אייניציקן זון, ווו ס׳איז שוין אויך געווען איר איינציקע טאָכטער מיט דער פאַמיליע — האָט איר די גאַנצע שטאָט באַגלייט צום וואָקזאַל. אַלע איזוואָשטשיקעס זענען דאַן געווען פאַרנומען. טייל מענטשן האָבן געוויינט: דבורה־האָדל, וואָס וועלן מיר טאָן אָן אייך!

ווען זי איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט זיך די נייעס בליץ־שנעל צעטראָגן איבער פיל שטעט און שטעטלעך: די „באַבע" דבורה־האָדל איז געקומען!

אין יאָר 1928 איז דבורה־האָדל געשטאָרבן אין עלטער פון 86 יאָר. פיל זענען געקומען איר אַרויסבאַגלייטן צו דער אייביקער רו.

זי פלעגט אַלעמאָל זאָגן: „ווען איך שטאַרב אין לויצק — וואָלט די גאַנצע שטאָט מיך אַרויסבאַגלייט"! זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך לויצק ביזן לעצטן טאָג פון איר לעבן.

סענדערל קאַראַמאַנשטשיק

אין לויצק האָבן געשמט דריי קעשענע־גנבים. פריער זענען געווען צוויי: טייוועלע און מיכולציע. ביידע פון פיינע פאַמיליעס.

צו זיי איז צוגעקומען נאָך איינער אַ סענדערל. אַ יונגערמאַן אַ העלד, אַ שיינער, בראַווער יונג, שטענדיק נעט און מיט געשמאַק געקליידט, מיט פּרעטענסיע אויף אַ בעסערן מענטש. סענדערל האָט אויך געהאַט אַ שיינע פרוי מיט קינדער האָט ער טאַקע פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער לויצקער האַלבער וועלט... אַלס אַ געוועזענער ישיבה־בחור האָט ער זיך געקענט האַלטן אין. געזעלשאַפט און מאַכן אַ גוטן איינדרוק. האָבנדיק אַ געניט הענטל צום גנבענען, האָט ער ווי אַ גוטער כירורג גלענצנדיק געאַרבעט אויף די ירידים צווישן די רייכערע פּייערים־פּריצים וועלכע זענען געקומען מיט פערד, קי, קונציק אַרויסגעצויגן ביי זיי דאָס קניפּל מיטן געלט, און באַלד נישט געסטייעט.

אָבער סענדערל קאַראַמאַנשטשיק האָט זיך נישט באַנוגנט מיט בלויז גנבענען פון די קעשענעס. ער האָט געהאַט אַ באַנדע פריינד, וועלכע האָבן אויך געגרייניקט גרויסע געשעפטן און געבראַכט צו אים, און ער מיט זיין ישיבה־קעפּעלע האָט שוין געוווּסט ווי אויפּרוימען די סחורה, אַזוי אַז מען זאָל זיי נישט כאַפּן.

נאָר ווי גייט דאָס ווערטל: דער וואָלף כאַפּט אַזוי לאַנג, ביז מען כאַפּט אים. עס איז געקומען אַ טאָג ווען מען האָט אים געכאַפּט אַרויסשמוגלען אַ גנבה. ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף אַ לענגערער צייט אין אַ טורמע ווייט פון לויצק.

מען האָט שפּעטער דערציילט אַן אַנעקדאָט. אַז פאַר דער צייט וואָס ער איז געזעסן אין תפיסה האָבן זיינע חברים אָנגעהאַלטן די פריינדשאַפט מיט זיין שיינער פרוי און זיך געטיילט מיט איר מיט די פאַרדינסטן. אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט האָט זי אויך געבוירן אַ קרענקלעך קינד. אין דעם טאָג פון זיין באַפרייונג איז ער אַריין אין הויז און האָט געפונען אַלע זיינע פריינד און די פרוי זיצן שבעה נאָך דעם קינד. ער האָט גענומען אַ שנאַפּס און גערעדט פון זייערע געשעפטן. האָבן די פריינד אים געראָטן, אַז ער זאָל זיך זעצן שבעה. דאָך אַ קינד. האָט ער זיי געפאָלגט. נאָך עטלעכע איבעריקע כוסות, שוין זייענדיק גוט פאַרשניאָשקעט האָט ער זיך אָנגערופן: „הערט, רעביאַטא, איך בין שוין אין מיין לעבן נישט איין מאָל געזעסן אין חד־גדיא, אָבער אַזוי אומשולדיק ווי איך זיץ היינט (שבעה) בין איך נאָך קיינמאָל נישט געזעסן..."

איינמאָל יום־כיפור האָט אים דער גבאי געטראָפן אין שול דאַווענען, מיט כוונה זיך קלאַפּן אין האַרצן ביים על־חטא. האָט דער גבאי זיך צעשמייכלט און אים געפרעגט: „סענדערל בראַטקע, וואָס אַ שטייגער בעטסטו ביים השם־יתברך?" האָט סענדערל לאַנג נישט געטראַכט און באַלד געענטפערט: „איך בעט ביי גאָט, אַז טאָמער איז באַשערט איינעם באַגנבעט צו ווערן, זאָל איך זיין דער שליח."

שלום־לייב גאַרבאַזש

שלום־לייב גאַרבאַזש איז געווען אַ הויכגעוויקסיקער מאַן מיט אַ גלייכער שטאָלענער פיגור. זיין שיין ליכטיק פנים איז געווען באַדעקט מיט אַ שוואַרץ בערדל. פון אונטער די געדיכטע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט זיינע קלוגע אויגן. ער איז געווען תמיד עלעגאַנט געקליידט — געאַרבעט אַלס אויפזעער אין אַ ברויערײ פון קראַסנע. אַ סאַדעגורער חסיד — איז ער דאָך געווען גענוג וועלטלעך: געלייענט אַ צייטונג און געווען באַהאַוונט אין פּאָליטיק. גערעדט האָט ער ווייניק, אָבער געטאָן זייער פיל פאַר מענטשן. אָט די מעלות זיינע האָבן גורם געווען, אַז ער איז געוואָרן איינשטימיק אויסגעוויילט אין אַ ריי העכערע אַנשטאַלטן פון לויצק, ווי די „אופּראַווע", מאַגיסטראַט, פאָלקס־באַנק.

ביי זיך אין שטוב איז שלום לייב געווען אַ קנאַפּער רעדער. צום אָפטסטן איז ער געזעסן ביי אַ טישל פאַרטיפט אין אַ ספר. זיין פרוי פריידע איז געווען אַ פרייד פאַר אַלעמען אין שטוב און פאַר שלום־לייבן בפרט. זי איז געווען אַן אמתע אשת־חיל, געהאַלטן איר מאַן בכבוד און באַראַטן זיך מיט אים שטיל וועגן די קינדער, וועגן מסחר וואָס זי האָט געפירט.

עס זענען אָנגעקומען שטורמישע צייטן. אין תשעה באב פון 1914 איז אין שטאָט געוואָרן אַ טומל. די עסטרייכער האָבן מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט געיאָגט די רוסן. קאַזאַקן זענען אַריין מיט די פערד אין די קלייטן און געראַבעוועט. זיי האָבן געשניטן בערד מיטן פלייש צוזאַמען. די פרויען האָבן זיך באַהאַלטן אויף די ביידעמער און אין די קעלערס. שלום־לייב

האָט דעמאָלט געהייסן דעם עולם זיך צוזאַמענגעמען אין זיין מויער. די בעטן האָט מען אַוועקגעגעבן די קינדער און פאַר די עלטערע האָט מען אויסגעבעט אויפן דיל. פריידע איז אַרומגעגאַנגען און אַלעמען באַרויִקט.

שלום־לייב האָט אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט צוזאַמענגענומען ביי די קרעמער שטיוול, בראָנפן, ברויט, מאַכאָרקע און פּאַפּיראָסן. די אַלע זאַכן האָט מען פונאַנדערגעלייגט אויף לאַנגע טישן נעבן שלום־לייבס הויז. שלום־לייב, צוזאַמען מיט די אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט, זענען אַנטקעגנגעקומען די צעיושעטע קאָזאַקן, געפרעגט וואָס זיי פאַרלאַנגען, און יעדן איינעם געגעבן וואָס ער האָט געפאָדערט. מערסטנס האָבן זיי פאַרלאַנגט בראָנפן און מאַכאָרקע. אַ סך פון זיי זענען געווען באָרוועס און געדאַנקט פאַר די באַקומענע שטיוול. דער קאָזאַקן־עלטסטער איז געווען איבעראַשט פון אַזאַ קבלת־פּנים — ער האָט העפלעך געדאַנקט און אַ באַפעל־געטאָן: „אָטסטופּאַיס׳ מיראָם״! (טרעט אָפּ רויק) און לוציק איז אַרויס אומבאַשעדיקט...

נאָך דער רעוואָלוציע זענען יעדן טאָג אויפגעקומען נייע מאַכטן. אין לוציק, ווי אין אַנדערע ערטער, זענען די יידן אויסגעשטאַנען געברענטע צרות פון פּעטליורעז, פון קערענסקין, פון די באָלשעוויקעס און פון די פּאָליאַקן — יעדער פון זיי האָט געזוכט דעם ייד אַלס קרבן. אין יענער פאַרצווייפלטער צייט איז שלום־לייב געווען דער געוווּנטשענער מענטש מיט זיין באַהערשטקייט און מיט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן. ווען אַנדערע האָבן זיך פאַרלוירן און אומפעיִק געווען צו טראַכטן, איז שלום־לייב געווען דער, וואָס האָט געפונען די ריכטיקע עצה און דעם געלונגענעם איינפאַל. אַלע לוציקער וואָס האָבן אים געקענט וועלן אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

פראָפ. יעקב ראָזמאַרין / מאָנטרעאָל

זכרונות

אַלט זייענדיק 5 יאָר בין איך שוין אַליין געגאַנגען אין חדר אַריין צו יצחק משה דעם מלמד. די מאַמע (אסתר ע״ה) האָט מיר מיטגעגעבן אין חדר צוויי שטיקלעך ברויט, באַשמירט מיט שמאַלץ. ווי איך בין אַזוי געגאַנגען מיין וועג, האָט אַ חזיר דערשמעקט, אַז כ׳טראָג מיט זיך אַ גוטע זאַך און האָט אַריינגעכאַפּט אין זיין מויל מיין הענטל, אין וועלכן ס׳איז געלעגן דאָס ברויט מיטן שמאַלץ. ער האָט מיך געשלעפּט אין די בלאָטעס, ביז מענטשן האָבן דאָס דערזען, געמאַכט אַ געוואַלד: אוי, אַ חזיר שלעפּט יענקל דעם חזנס! און מיך אַרויסגעראַטעוועט פון זיין מויל.

פראָפ. יעקב ראָזמאַרין

אַן אַנטוישונג

ברוך־לייב (דער אַלט) מאַכט איינמאָל שבת אַ טעות אין זיין סאָלאָ פון יהי רצון (אין ראש־חודש־בענטשן). מיין פאָטער האָט מיך שפּעטער ביים עסן איבערגעפרעגט, צי איך האָב זיך געכאַפּט אויפן דאָזיקן טעות — דערצייל איך אים דעם אמת, אַז אייגנטלעך בין איך נישט געווען ביים דאַווענען, ווייל אין דער זעלבער צייט בין איך געגאַנגען הערן אַ פּאַריזער אָרגאַניסט, וועלכער האָט געשפּילט אין פּוילישן קאָשטשאָל. מיין טאַטע האָט דערויף גאָרנישט רעאַגירט, נאָר כ׳האָב באַמערקט אַ בלאַסקייט אויף זיין הדרת־פּנימדיקן געזיכט...

מיין איבערראַשונג

איינמאָל שבת־צונאַכטס נאָך דער הבדלה, ביי דער אָנוועזנהייט פון צוויי געהויבענע געסט: חזן ברוך קינסטלער און לעאָ קאָפּף (דיריגענט), האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז אַזוי ווי מיר האָבן 4 גוטע נאָטן־פרעסער, זאָלן מיר לעזן פון מיין פאָטערס אַ פּאַרטיטורע — אַ קאָמפּאָזיציע (קוואַרטעט). אָבער אין דער זעלבער רגע האָט מיך לעאָ קאָפּף געגעבן אַ צי ביים רעקל, איינרוימענדיק מיר אַ סוד, אַז ר׳ ברוך קינסטלער איז טאַקע אַ גוטער חזן און קאָמפּאָזיטאָר, נאָר זייער אַ שוואַכער נאָטן־לעזער. דער סוף איז געווען, אַז מיר דריי האָבן געזונגען פון דער פּאַרטיטורע און ר׳ ברוך האָט זיך צוגעהערט צו אונדזער געזאַנג און דערפון הנאה געהאַט, אויסדריקנדיק דערביי זיין פאַרוווּנדערונג, וואָס אַזאַ קליין ייִנגעלע, ווי איך, וועלכער איז דאַן אַלט געווען קוים עלף יאָר, קען שוין גוט לעזן נאָטן.

צוויי זינגערלעך

שמואליק און אייזיק — צוויי סאָפּראַנען ביים טאַטן. שמואליק לייענט און שרייבט גוט נאָטן. אייזיק דאַקעגן האָט אַ שענערע שטימע פון שמואליקן. דערפאַר איז שמואליק דער פירער פון דער גאַנצער סאָפּראַנאָ־גרופּע און אייזיק איז דער סאָליסט פון די סאָפּראַנען... אַלץ איז גוט און ווויל ביז... ביז אייזיק און שמואליק פאַרליבן זיך ביידע אין חזנס טאָכטער. דער שלום צווישן זיי ווערט אַ ביסל צעשטערט...

דער הונגעריקער פּריטיק, אָדער גדליהו וועווריק

געווען אין אונדזער כאָר אַ טענאָר און געהייסן האָט ער גדליהו. אַ בחור אַ געזונטער און אַ שיינער, מיט אַ גוטער שטימע און אַ גוטער נאָטן־לייענער. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער ווערן אַזוי הונגעריק, אַז עס איז נישט געווען קיין האָפֿענונג אים אָנצוזעטיקן. דאָס פֿלעגט ביי אים געשען זייער אָפֿט פֿרייטיק. אין אַזאַ פֿאַל פֿלעגט ער אַריינקומען צו מיין מוטער ע״ה און אויסרופֿן: חזנטע, האָט רחמנות, איך האָב היינט דעם הונגעריקן פֿרייטיק! די מאַמע האָט שוין זעט אויס פֿאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט. פֿלעגט זי אים באַלד געבן אַ פֿרישע בולקע, אַ פּוכיקע, פֿון ווייסן מעל געבאַקן, מיט אַ ביסל ראָסלפֿלייש. ערשט דאַן פֿלעגט ער זיך אָנזעטיקן.

אַ טויבער, וואָס הערט!

ר׳ יצחק מאמעט, דער הויפּט־פֿידלער פֿון דער לויצקער קאַפּעליע (אָרקעסטער בלע״ז), איז געווען טויב אויף ביידע אויערן. אַפֿילו ווען מען פֿלעגט אים אַריינשרייען אין די אויערן — איז אים אויך שווער געווען צו הערן. אָבער ווען ער האָט אָנגעפֿירט מיטן אָרקעסטער, אָדער ווען ער פֿלעגט אַליין שפּילן אַ וויעניאַווסקי־קאָנצערט, איז זיין געהער געווען אויסערגעוויינלעך גוט. ביזן היינטיקן טאָג קאָן איך נישט פֿאַרשטיין אַזאַ פֿענאָמענאַלע דערשיינונג. ווייל ווי אַזוי איז עס געמאָלט, אַז מ׳איז טויב און מ׳הערט נישט דאָס, וואָס מ׳רעדט צו מענטשן, און ביי דער מוזיק איז פּונקט פֿאַרקערט: דאַן איז זיין געהער אויסערגעוויינלעך גוט!

1960

סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג

אורטשיק טרעגער

ביים וואָקזאַל און אויף דער בירזשע אין לויצק, נעבן די הורטאָווניעס, זענען געשטאַנען די טרעגערס פֿון דער שטאָט אָנגעטאָן אין פֿאַרפּאַטשקעטע, פֿאַרשמאַלצעוועטע, פֿאַרמעליקטע און ברודנע בגדים. און באַצירט זענען זיי געווען מיט גראָבע געפֿלאָכטענע שטריק אַרום די לענדן, מיט וועלכע זיי פֿלעגן אַרומבינדן אַ שווערן קאַסטן קאַווע, אָדער זעקל מעל, אַ זעקל זאַלץ און אַפֿילו אַ פֿאַס הערינג, גרינג פֿאַרוואַרפֿן אויפֿן רוקן און עס ברענגען צום באַשטימטן פּלאַץ, ווי ווייט עס זאָל נישט זיין.

זיי פֿלעגן פֿירן אַ שווער האָרעפּאַשנע אָרעם לעבן. די היים איז געווען קלאָגעדיק, קוים באַהייצט, די קינדער האַלבנאַקעטע און גאַנץ־באָרוועסע. זיי פֿלעגן זיך באמת מוטשען און אין גאַס זיך קריגן אַמאָל איבער אַ פּעקל און דאָך האַלטן איינער פֿאַרן צווייטן.

צווישן די טרעגערס האָט זיך געפֿונען איינער מיטן נאָמען אורטשיק — דער באָרעץ. אַ ייד אַ בעל־גוף און הויך געבויט. אַ ברייטפּלייציקער, מיט די סאָלדאַטסקע הויזן, הויכע שטיוול און געפֿלאָכטענע שטריק, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ קעניג פֿון די טרעגערס. אַלע קאָנפֿליקטן ביי די טרעגערס פֿלעגן אָנקומען צו אורטשיקן. אַלע טענות און מענות פֿלעגן דורכגיין דורך זיין האַנט. האָט ער אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, איז עס געווען אַ געזעץ. קיינער האָט נישט געוואַגט זיך אַקעגנשטעלן אורטשיקן.

אָט דער פּראָסטער טרעגער האָט פֿאַרמאָגט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און אַ הויכע נשמה. ער איז שטענדיק גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פֿאַר אַ יידיש קינד. ווען די „גנאָוואָבראַנצעס" פֿלעגן קומען אין שטאָט אַריין זיך שטעלן צום פּריזיוו, פֿלעגן זיי זיך איזדיעקעווען איבער די יידן, ראַבעווען ביי די מאַרקיידענעס, באַרויבן די אָרעמע קליטקעס. זיי פֿלעגן דאַן ברעכן שטאַכעטן, מאַכן פֿייערן אין מאַרק, אָוועקנעמען טרעפּ פֿון די טירן און אָנמאַכן צרות אויף לאַנג צו געדענקען.

ברענגט איינמאָל אורטשיק אַ פּעקל טאַראַניעס צו דער קלייט פֿון בתיה דבורה־האָדלס שנור, און זעט ווי די קלייט איז באַלאַגערט מיט שקצים. אורטשיק לאָזט אַרונטער דעם פּאַק און נעמט אַרבעטן מיטן גראָבן שטריק איבער דער באַנדע. שטעקט אַריין צוויי פֿינגער אין מויל, טוט אַ סווישטש, און באַלד באַווייזן זיך נאָך טרעגער און מען צעברעכט די שקצים די ביינער. כאָטש זיי זענען נאָך געווען עטלעכע וואָכן אין שטאָט, האָט מען מער אַזעלכע אָנפֿאַלן נישט געהאַט. דאָס האָט מען געהאַט צו פֿאַרדאַנקען אורטשיקן דעם טרעגער.

אורטשיק באַווייזט זיין גבורה און ראַטעוועט די ערע פֿון אַ יידישער טאָכטער

די פּאָליאַקן נעמען אָפּ לויצק. די צעבושעוועטע סאָלדאַטן גיבן זיך אַ לאָז איבער דער שטאָט, ראַבעווען, שענדן און שיפּן אויף יעדן איינעם אין גאַס, אָן אַ פֿאַרוואָס. די פּאַניק איז גרויס, אַלע באַהאַלטן זיך אין די הייזער, פֿאַרריגלען די טירן, פֿאַרמאַכן די לאָדנס. די פּויערים פֿאַרזאַמלען זיך אויפֿן מאַרק מיט די

גרויסע זעק, גרייט צו עפענען די בודקעס. דאָס דערזעענדיק, האָט אורקע טרעגער אָרגאַניזירט שטאַרקע יונגען: שלאָסער, סטאָלאַרעס, קצבים, שניידערס, שוסטערס, יעדן פון זיי באַזאָרגט מיט שטיקער האָלץ, מיט קאָטשעלקעס, אייזנס — און זיי האָבן זיך פאַרשטעקט אין זייטיקע געסלעך, וואַרטנדיק צו נעמען נקמה.

ס׳בושעווען פון די סאָלדאַטן איבער די הייזער האָט נאָכ־נישט אויפגעהערט. אין איינעם אַ הויז האָט אַ מאַמע זיך געשטעלט פאַרטיידיקן אירע צוויי טעכטער און זי איז שטאַרק פאַרווונדעט געוואָרן. איינע פון די טעכטער איז דורך אַ הינטער־טיר בליץ־שנעל אַרויס פון הויז רופן מענדל פעלדשער צו ראַטעווען איר ליבע מוטער. אין גאַס איז קיין מענטש נישטאָ. ס׳איז שטיל. זי הערט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ, איר פּנים ברענט, די באַקן פלאַמען. די פיס שלעפּן זיך קוים. זי איז שוין אין מאַרק — אָט־אָט, און זי איז שוין ביי מענדל פעלד־שער אין הויז. פּלוצעם באַווייזט זיך אַ באַנדע שקצים. דער־זעענדיק די יידישקע האָבן זיי ווילד אויסגערופן: „זשידוווקאָ, סטוי!" און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר, רייסנדיק פון איר די קליידער. אירע געשרייען האָט מען נישט געקאָנט הערן. נאָר אורקע טרעגער, וועלכער איז געווען אויף דער וואַך, האָט איר יאָמערלעך קול יאָ דערהערט. זיין האַרץ האָט אַ טיאָכקע געטאָן. די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. ווי אַ ווילדער טיגער האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום פּלאַץ.

דערזעענדיק די יידישע כשרע נשמה זיך ווערן קעגן די בויאַנעס, האָט ער אַ פייף געטאָן אַזוי שטאַרק, אַז ס׳האָט דורכגעשניטן די לופט... ער האָט מיטן שטעקן געפאָכעט איבער זייערע קעפּ. דערזעענדיק, אַז מען קומט אויף זיין רוף, האָט ער קונציק פאַרוואָרפן איבער זיי דעם שטריק, ענלעך ווי אַ הונט־שלעגער פאַרציט אַ פעטליע איבער הינט, און געהייסן די אָנגעקומענע, אַז זיי זאָלן מיטן שטריק אַרומנעמען די באַנדע. אַליין האָט ער מיט זיינע גראָבע הענט צוגעדריקט ס׳מיידל צום האַרצן און געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט געראַטעוועט אַ כשרע נשמה פון טמא ווערן.

ניסן פירער

ווי אזוי די באבע ביילע האט געקעמפט מיט די כאפונעס

דערווישקאָווער זיידע ר׳ נחום ע"ה איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1826 און איז געווען דער מיטלסטער זון פון פאַרמעג־לעכע און פרומע עלטערן. אַ נאָמען האָט מען אים געגעבן נישט נחום נאָר אליהו ברב מאיר. זיין מאַמע, די עלטערבאָבע ביילע, האָט שוין צו יענער צייט געהאַט אַן עלטערן זון, וועמען מיר געדענקען אַלס דעם פעטער יעקב טשאַק. נאָכדעם איז געבוירן געוואָרן אַ דריטער זון — דער פעטער וואָלף „יאַראָוויצער" — ריוועץ.

דער עלטערזיידע מאיר ריוועץ איז יונג געשטאָרבן און איבערגעלאָזט די באָבע ביילע אַלס יונגע אלמנה, מיט דריי קליינע בחורימלעך און אַ מיידל.

דער באָבע ביילע איז נישט באַשערט געווען קיין רויק לעבן. זי איז געווען אין אַ שטענדיקע מורא, אַז די „כאַפּונעס" וועלן איר צונעמען אירע ביידע געראָטענע עלטערע זין און אַוועקשיקן אין די ניקאָלאַיעווסקע קאַנטאָנען, ווו מ׳האָט געמוזט דינען פון קינדווייז אָן 25 יאָר. אַ סך מאָל האָט זי געמוזט, פאַר שווערע געלטער, אויסקויפן אירע זין פון די „כאַפּונעס". אָבער דאָס איז געווען בלויז אויף אַ שטיקל צייט, און באַלד האָט זי ווידער געפילט די געפאַר איבער די קינדערס קעפּ. איינמאָל האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן צום ניעסוויזשער רבין זיך באַראַטן, וואָס ווייטער צו טאָן. ווי פאַר יענע צייטן, איז זי נישט געווען קיין צו הייסע אַנהענגערין פון די צדיקים, נאָר וואָס טוט מען נישט פאַר קינדער? נאָך דערצו אַן אלמנה, וואָס האָט נישט מיט וועמען זיך צו עצהן און געפינען אַן אויסוועג אין דער צרה.

זי האָט געמאַכט אַלע הכנות צו דער רייזע און וועגן דעם קיינעם נישט דערציילט. אין אַ ווינטערדיקן טאָג האָט זי גע־הייסן דעם אָנטרייבער איינשפּאַנען די פערד און אים אפילו נישט געזאָגט גענוי וווהין ער דאַרף פאָרן, נאָר אים געוויזן מיט רמזים. זי האָט די דריי יינגלעך מיטגענומען מיט זיך אויפן שליטן, עטלעכע מאָל אָפּגעזאָגט „שמע ישראל" ווי עס פּאַסט פאַר אַ כשרער יידישער טאָכטער, אַ קוש געטאָן די מזוזה און געהייסן דעם אָנטרייבער פאָרן פאַר זיך. נאָך אַ לאַנגער נסיעה אין טיפע שנייען, ווו מ׳האָט נישט איינמאָל געמוזט אַוועקטרייבן פון זיך די הונגעריקע וועלף — איז זי אין אַ שפּעטן פרימאָרגן אָנגעקומען צום רבין אויפן הויף.

מיט ביטערע טרערן האָט זי פאַרן רבין אויסגעגאָסן איר האַרץ. זי האָט אים דערציילט וועגן דער שרעק, וואָס זי לעבט אַדורך, זינט איר מאַן, מאירל, האָט זי איבערגעלאָזט אַ פינצטערע אלמנה מיט קליינע קינדער, די אייביקע שרעק טאָמער וועט מען איר, חס וחלילה, אַוועקכאַפּן די קינדער און אַוועקשיקן צו די סאָלדאַטן, ווו זיי קענען נאָך ר"ל אָפּגעשמדט ווערן. זי האָט נישט קיין רו נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט. דער "כאַפּון" זלמן „זשידיטשענער" ווערט אַלץ מער און מער חוצפּהדיקער.

ער וויל זיך שוין נישט באַגנוגענען מיט געלט אַליין. זי האָט נישט מיט וועמען זיך צו ראַטן און ביי וועמען צו זוכן אַן אויסוועג אין איר לאַגע. דערפאַר ווענדעט זי זיך צום רבין מיט דער פראַגע: וואָס זאָל זי טאָן?

דער רבי האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך באַרויִקן, דערווייל צוריקגיין אין דער אכסניה און קומען צומאָרגנס נאָכן דאַווענען. זי איז אַרויס פונעם רבינס חדר און געהאַלטן אין איין וויינען, אָבער דאָס איז שוין געווען אַן אַנדער וויינען — זי האָט שוין געוויינט מיט אַ לייכטער געמיט.

אויפן צווייטן טאָג, גאַנץ פרי, האָט זי אויפגעוועקט די קינדער, זיי אָפּגעוואַשן און אָנגעטאָן. די עלטערע צוויי זין האָבן זיך גענומען צו דער גמרא, און זי אַליין מיטן קלענסטן יינגל, וואָלף, האָבן זיך גענומען זאָגן תהילים... און ווי נאָר זי האָט באַמערקט, אַז חסידים גייען שוין פון דאַווענען, איז זי אַוועק צום רבין און מיטגענומען מיט זיך די צוויי עלטערע זין.

ביים רבין האָבן שוין געוואַרט ביי אַ מנין מענטשן. דער שמש האָט אַריינגערופן ביידע יינגלעך צום רבין, וועלכער האָט זיי רויִק דערקלערט, אַז אין עטלעכע מינוט אַרום וועלן זיי שוין נישט זיין קיין ברידער; זיי וועלן פאַרשריבן ווערן אַלס געשטאָרבענע און זיין צעשיידט איינער פון צווייטן אַ לאַנגע צייט. ס׳הייסט אָבער נישט, אַז זיי וועלן שטאַרבן, ניין, חס וחלילה. זיי וועלן נאָך לאַנג־לאַנג לעבן. דאָס טוט מען נאָר דערפאַר, אַז ביי דער מוטער זאָל זיין פאַרשריבן בלויז איין זון, דער קלענסטער. באַלד איז דער מנין יידן אַריינגערופן געוואָרן אין רבינס חדר. די יינגלעך האָט מען איינגעוויקלט אין טליתים און יעדן איינעם געגעבן אַנדערע נעמען. דעם עלטערן האָט מען אַ נאָמען געגעבן „יעקב טשאַק״, נאָך אַ יינגל פון אַ דאָרף לעבן טראַוועץ, וועלכער איז געווען אַן איין־און־איינציקער זון ביי די עלטערן, נאָר ער איז, נעבעך, מיט אַ קורצער צייט צוריק געשטאָרבן. דעם יינגערן ברודער ד. ה. דעם זיידן, האָט מען אַ נאָמען געגעבן „נחום פירער״, אויך נאָך אַ יינגל, אַן איין־און־איינציקער ביי זיינע עלטערן, וואָס איז מיט אַ האַלב יאָר צוריק געשטאָרבן. אַזוי אַרום האָבן ביידע יינגלעך באַקומען די רעכט פון „פּיערוויעלגאָטי״ און זענען געווען באַפרייט פון מיליטער. זיי האָבן באַקומען אַ שטרענגן אָנזאָג צו פאַרגעסן זייערע אַלטע נעמען און פאַמיליע־נעמען און קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן. דער באָבעביילע האָט ער אָנגעזאָגט, אַז קומענדיק אַהיים זאָל זי מעלדן, אַז אירע ביידע עלטערע זין זענען אויפן וועג געשטאָרבן. וואָלף, דער קלענסטער, זאָל בלייבן ביי איר און ווי אַ בן יחיד וועט ער זיין פריי פון מיליטער.

און אין דער זעלבער צייט האָבן 2 בעלי עגלות צעפירט ביידע קינדער צו די באַשטימטע נייע היימען. די צוויי משפחות, צו וועלכע די קינדער זענען איבערגעפירט געוואָרן, זענען פשוט אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דער באבען מיט פרנסה.

די זין האָבן דאָרט אָפּגעלעבט זייערע יאָרן און אין טיפן עלטער דאָרט געשטאָרבן.

אַ געוויסע צייט האָט די באבע ביילע געוווינט צוזאַמען מיט איר קלענסטן זון וואָלף. און ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט דער מיוחסת רחלע, דעם לויצקער רבינס טאָכטער, האָט זי איר מאַיאָנטעק אַוועקגעגעבן דעם פעטער וואָלף און אַליין זיך איבערגעטראָגן קיין טאָרטשין, צו דער טאָכטער חנה. ווען חנה איז געשטאָרבן אין עטלעכע יאָר אַרום איז די באבע געקומען וווינען צום זון נחום, ווו זי איז געווען ביזן לעצטן טאָג פון איר לעבן.

לויט אונדזערע אויסרעכנונגען איז זי געבוירן געוואָרן אין יאָר 1798; געשטאָרבן איז זי אין יאָר 1904. ס׳הייסט, אַז זי האָט געלעבט 106 יאָר. ווען זי האָט שוין געהאַט זיך באַפרייט פונעם עול פרנסה און די קינדער אירע זענען שוין געווען זעלבשטענדיק, איז זי געווען ביי איר זון נחומטשע, דעם ווישקאָווער זיידן, וועלכער האָט זי ערלעך געהאַלטן און געשעצט. אין איר טיפן עלטער איז זי שוין גאַנצע טעג און נעכט געשלאָפן. אַרום מיטוואָך, אָדער דאָנערשטיק פלעגט זי זיך אויפכאַפּן און דאַן רופן איר זון: „נחומטשע, נחומטשע, ס׳איז שוין ערב שבת, מ׳דאַרף בענטשן ליכט״! אונדזער זיידע פלעגט זי דאַן נעמען אויף די הענט, זי צוטראָגן צום שבת־געדעקטן טיש, און זי האָט געצונדן די שבת־ליכט. זי פלעגט דאַן יעדן איינעם פון אונדז בענטשן און מיט הייסער ליבשאַפט אַלעמען זאָגן: גוט שבת.

דמויות
ואישים

געשטאלטן
און
פערזענלעכקייטן

אהרון קאַרלין / ניו־יאָרק

א. לוצקי

באַלד ווי אהרון צוקער (שפּעטערדיקער א. לוצקי) האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשט ליד אין אַמאָליקן „טאָגבלאַט", האָט ער זיך באַוויזן אין קאַפע־הויז, וווּ יידישע שרייבער פלעגן זיך צוזאַמענגעקומען. דאָס איז געווען אין יאָר 1917. אברהם רייזען, וועלכער איז דאַן געזעסן אין קאַפע־הויז צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע שרייבער, האָט אים צוגערופן און באַקאַנט מיט זיינע חברים. ער האָט דערביי געלויבט זיין אָפּגעדרוקט ליד. זייט דאַן האָבן מיר געשלאָסן אַ באַקאַנטשאַפט, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיין לעבן.

א. לוצקי

אהרון צוקער האָט דאַן געוווינט אַלס „באָרדער" ביים דיכטער י. אַדלער, וועלכער האָט דאַן מיטגעאַרבעט אין „פאָרווערטס". אַלס בחור, האָב איך זיך אויך אַריינגעצויגן צו אַדלערן.

אויף דער געמיינזאַמער וווינונג פלעגט אהרון צוקער פאַרלייענען פאַר אונדז זיינע לידער. איינמאָל האָט אַדלער גענומען זיינע אייניקע לידער און זיי געוויזן דעם דעמאָלטדיקן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אב. קאהאַן, וועלכער האָט, אַדורכלייענענדיק זיי, אויסגעדריקט דעם ווונטש צו זען פערזענלעך דעם מחבר פון די לידער.

פונעם ערשטן געשפּרעך צווישן זיי איז אַנטשטאַנען דער פּסעוודאָ: א. לוצקי, ווייל, ווי האָט געזאָגט אב. קאהאַן, דער „פאָרווערטס" דרוקט נישט קיין נאָמען פון אַ שרייבער, וואָס האָט זיך געדרוקט אין אַן אַנדער צייטונג. אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן זיין נייער פּסעוודאָ.

יעדן שבת פלעגט אין „פאָרווערטס" דערשיינען אַ ליד פון א. לוצקי און יעדן זונטיק — פון אברהם רייזען. זיי זענען, אָבער, חלילה, נישט געווען צווישן זיך קיין קאָנקורענטן. א. לוצקי איז געווען אַ צו גרויסער פאַרערער פון אברהם רייזען, בכדי צו זיין איפערזיכטיק. פאַרקערט, זיי זענען געוואָרן צווישן זיך גוטע פריינד.

א. לוצקי האָט אָבער נישט געהאַט קיין גרויס נחת פון זיינע דעמאָלטדיקע לידער, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס". בכלל גענומען האָט מען זיך נישט באַצויגן צו די „יונגע" דיכטער מיט קיין איבעריק גרויסער סימפּאַטיע. מ'האָט אים, לוצקין, פאָרגעוואָרפן, אַז זיינע לידער זענען נאָכגעאַפירט פון אברהם רייזען, כאָטש דער לעצטער האָט זיך באַמיט אים צו פאַרטיידיקן און פאָרויסזאָגן אַ צוקונפט פון אַן אָריגינעלן דיכטער.

אין יאָר 1918 איז לוצקי מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. פאַרן אָפּפאָר פון ניו־יאָרק קיין איראָפּע האָט לוצקי איבערגעגעבן זיין פריינד רייזענען אַ פּעקל לידער און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי אַרויסגעבן אין אַ בוך־פאָרם. דאָס איז אָבער קיינמאָל נישט געשען. אברהם רייזען האָט טאַקע געטאָן אַלץ, וואָס אין זיינע מעגלעכקייטן, בכדי זיי זאָלן דערשיינען אין בוך. ס'קאָן מעגלעך זיין, אַז דערין איז אויך שולדיק לוצקי אַליין, וועלכער האָט פון איראָפּע געשריבן, אַז אין דער איצטיקער צייט דאַרף מען שרייבן אַנדערע לידער, ווי די, וואָס ער האָט געגעבן רייזענען צום דרוק. אַזוי, אַז צוריקקומענדיק פון איראָפּע האָט ער זיי צוריקבאַקומען אין אַ האַלבאויסגעזעצטער פאָרם, אָבער נאָכנישט פאַרטיקע צום דערשיינען.

לוצקי האָט שוין דאַן אָנגעהויבן צו שרייבן גאָר אַנדערע לידער.

אין יאָר 1919 האָב איך, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע יונגע דיכטער, געגרינדעט דעם זשורנאַל „די פעדער". איך בין געווען רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל. מיינע מיטאַרבעטער האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע אַספּיראַציעס. זיי האָבן נאָר געוואָלט געפינען אַ טריבונע, וווּ צו פאַרעפנטלעכן זייער ליטעראַרישע שאַפונגען. איך אָבער האָב געהאַט די אַמביציע צו פאַרוואַנדלען די אויסגאַבע אין אַ וויכטיקן ליטעראַרישן זשורנאַל. האָב איך דעריבער זיך באַמיט צוצוציען פיל שרייבער, עלטערע און יונגע. אויך לוצקין האָב איך איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן. זיינע נייע לידער האָט דער „פאָרווערטס" און אַנדערע צייטונגען נישט געוואָלט דרוקן, אָבער פאַר דער „פעדער" זענען זיי געווען ווי צוגעפּאַסט. זיי האָבן טאַקע אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי יידישע שרייבער און דיכטער. אויך פון די נייע לידער האָט ער נישט געהאַט

קיין גרויס נחת. די יונגע גרופּע דיכטער, וואָס האָט זיך אָנגערופן „אינזיכיסטן", האָט אים ניט געוואָלט אָנערקענען. זייער רוגזה קעגן לוצקין איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין קאַפע „יוראָפּ" האָבן זיי אין טיש געקלאַפּט און געשריגן, אַז „מען טאָר אַזעלכע לידער, ווי זיינע, נישט דרוקן אין קיין ליטעראַרישן זשורנאַל".

לוצקי האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש. אַן אָנדייטונג וועגן דעם האָב איך געפונען, ווען כ'האָב זיך געגריבלט אין זיינע מאַטעריאַלן, ביים אַרויסגעבן זיין לעצט בוך לידער, איידער ער איז פון אונדז אַוועק. אין אַ נאָטיץ שרייבט לוצקי: „די יונגע פּאָעטן האָבן געהאַלטן מיינע לידער פון פאַר דער מלחמה פאַר צו אַלט און די לידער פון נאָך דער מלחמה פאַר צו יונג, צופיל ניי. עפּעס שרייב איך נישט ווי מ'שרייבט — האָבן זיי געטענהט. וואָס הייסט, אַ בחור דערלויבט זיך אַזעלכע אַנדערשקייטן?"

אָבער טאַלאַנט ווערט דאָך, סוף־כל־סוף, אָנערקענט.

אונדזער זשורנאַל „די פעדער", ווו ס'האָבן זיך געדרוקט די לידער פון לוצקין, האָט באַקומען אַ בריוו פון בעל־מחשבות, אַדרעסירט צום י. ל. פּרץ ־פאַראיין אין ניו־יאָרק, אין וועלכן ער האָט, צווישן אַנדערן, אויך געשריבן:

„גיט איבער אַ גרוס דעם וווּנדערלעכן דיכטער א. לוצקי, וועמען איך לייען אין „די פעדער". דער דאָזיקער בריוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַלע טעגלעכע צייטונגען פון ניו־יאָרק און געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און גלייכצייטיק איינגעשטילט די אַטאַקעס פון די „יונגע" אויף לוצקין. דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו דרוקן אין פאַרשידענע זשורנאַלן, ווי „צוקונפט", „שריפטן" א. א. וו.

צום שבח פון לוצקין דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז טראָץ די ליבגעזאַנגען אויף זיין חשבון, האָט ער בכלל פון זיך נישט געבלאָזן, ווי ס'האָבן געטאָן אַנדערע דיכטער, וועלכע האָבן דעביוטירט אין „די פעדער". לוצקי האָט נישט איבערגעריסן מיט „די פעדער" דעם אָנגעבונדענעם קאָנטאַקט און אין איר מיטגעאַרבעט זיין גאַנץ לעבן.

אין זיינע פאַרצייכענונגען האָב איך געפונען אַ זייער אינטערעסאַנטע נאָטיץ, לויט וועלכער מ'קאָן זיך אָנשטויסן, אַז ער האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז עמעצער אַנדערש און נישט ער, וועט דאַרפן פאַרענדיקן צום דרוק זיין בוך לידער. און אָט וואָס ער שרייבט:

„צוצושטעלן צו אהרן קאַרלינס פּאָרטרעט אין סאַמע אָנהויב: אהרן קאַרלין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געוואָגט אויף זיין אייגענע מבינות צו דרוקן מיינע נייע לידער, ווען כ'בין צוריקגעקומען פון די „טרענטשעס" אַלס סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי".

נישט אַלע דיכטער האָבן געהאַט דעם מוט זיך אויסצודריקן וועגן זייערע ערשטע געדרוקטע לידער אין „די פעדער", ווי דאָס האָט געטאָן א. לוצקי.

זייער ווייניק מענטשן האָבן געוווּסט, אַז לוצקי איז געווען בלינד אויף איין אויג. און געשען איז עס ווען ער איז שוין אַהיימגעפאָרן אויף דער שיף, פון אייראָפּע. ער האָט, צוליב עפּעס, באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ פון זיין סערזשאַנט אין אויג, וואָס איז אינגאַנצן בלינד געוואָרן. ער האָט אַפילו וועגן דעם אָנגעשריבן אַ ליד, וואָס האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „די פעדער".

ער האָט זיך פאַר קיינעמען נישט פאַרקלאָגט און אפילו זיך נישט געווענדעט צו דער רעגירונג וועגן אַנטשעדיקונג.

אין זיין ליד, צי אימפּראָוויזאַציע, וועגן די פּאַסאָליעס, וואָס קאָכן זיך אין טאָפּ, איז געשילדערט די מלחמה, ווי ער, לוצקי, האָט זי געזען. זיינע מלחמה־איבערלעבענישן האָבן אים באַוויגן צו שרייבן גאָר אַנדערע לידער, ווי די דיכטער, וועלכע האָבן די דאָזיקע מלחמה נישט אַדורכגעמאַכט. אויך דער אַמעריקאַנער דיכטער וואָלט וויטמאַן האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אַנדערע לידער נאָכדעם ווי ער האָט אַדורכגעמאַכט די מלחמה צווישן די פאַרשידענע שטאַטן. דאָס האָבן די קריטיקער פון לוצקי פון אויג אַדורכגעלאָזט. זיי האָבן אויך זיך נישט געוואָלט גריבלען אין לוצקיס אַרט לעבן און אין זיינע פרנסה־קוועלן א. א. וו.

נאָכן אומקערן זיך פון די „טרענטשעס" איז לוצקי געווען אָן מיטלען צום לעבן. ער האָט קיין פאַך נישט פאַרמאָגט און נישט געוואָלט האָבן. האָט ער אָנגענומען אַן אַרבעט אין אַ פירמע, ווו ער האָט אָנגעפילט פלעשלעך מיט כשרן אייל און זיי פאַרקויפט אין די יידישע שפּייז־קראָמען. דערנאָך האָט ער אָנגענומען אַ שטעלע אין אַן אַרבעטער־רינג, ווו ער האָט מיט קינדער געלערנט שפּילן פידל.

נאָכדעם ווי לוצקי האָט זיך אָנגעפאַרטיקט מיט זיינע פּראָפעסיאָנעלע באַשעפטיקונגען פלעגט ער קומען אין קאַפעהויז, ווו ס'האָבן זיך טאָגטעגלעך געפונען די יידישע שרייבער און דיכטער. ער פלעגט זיך אַוועקזעצן ביים טיש נעבן אברהם רייזען און זיך נעמען מאָלן פאַרשידענע קרעאַציעס. רייזען פלעגט אים דערביי צוגעבן מוט אין זיין מאָלעריי. אַזוי זענען אומבאַמערקטערהייט געבוירן געוואָרן אַזעלכע קאָמפּאָזיציעס, ווי „ביים רבינס טיש", „אַ חתונה אין שטעטל" א. א. וו. מ'האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען „אימפּראָוויזאַציעס".

איינמאָל איז איינגעפאַלן אַ יידן, וואָס פלעגט ליב האָבן זיך צוצושפּאַרן צום טיש ווו לוצקי איז געזעסן און געפּראַוועט זיינע „שטיק", אַז מ'דאַרף לוצקיס טאַלאַנט מפרסם זיין. געזאָגט און געטאָן. מ'איז אַוועק אין בראָדוויי סענטראַל־האָטעל, דאָרט געדונגען אַ גרויס צימער, איינגעלאַדן די פּרעסע־מענטשן, קינסטלער און מ'האָט אַלעמען געוויזן זיינע צייכענונגען און בילדער.

אין דער פּרעסע זענען דערשינען פיל אָפּשאַצונגען, וועלכע האָבן געלויבט לוצקיס טאַלאַנט צו מאָלן טיפּן און סיטואַציעס. ד"ר מוקדוני האָט לוצקין, אין אַן אַרטיקל אין „מאָרגן־זשורנאַל", באַצייכנט אַלס אימפּראָוויזאַטאָר. און ביי דעם נאָמען איז ער געבליבן. זיינע שאַפונגען זענען אָנגערופן געוואָרן אימפּראָוויזאַציעס.

אַ נאָך גרעסערן ליוב האָט לוצקי פאַרדינט ביי די אָנגעזעענע אַרטיסטן, ווי רודאָלף שילדקרויט, גרעטאַ מייער, דזשענני וואַליער, יעקב אַדלער, מאָריס שוואַרץ א. א. זיי האָבן אים פּשוט מקנא געווען פאַר זיינע אַרטיסטישע זשעסטיקולאַציעס. קיין אַקטיאָר איז אָבער לוצקי נישט געוואָרן, ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט נאָכצורעדן עמעצן אַנדערשס ווערטער. ער האָט נאָר ליב געהאַט צו אימפּראָוויזירן זיינע אייגענע ווערטער.

ווען לוצקי פלעגט דאַרפן אויפטרעטן מיט זיינע אימפּראָוויזאַציעס, פלעגט ער אויסליידיקן זיינע קעשענעס פון אַלע גשמיותדיקע זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען ווי צ. ב. ש. דאָס ביסל קליינגעלט, ס'זייגערל, די פעדער א.א.וו. — גלייך

ווי ער האָט זיך געוואָלט אויסטוען פון אַלע גשמיותדיקייטן און זיין ריין נאָר פאַר רוחניות. די אַלע זאַכן פלעגט ער איינוויקלען אין אַ טאַשנטיכל און עס איבערגעבן זיינס אַ ידיד, וועלכן ער פלעגט שטענדיק מיט זיך מיטנעמען צו יעדן אַרויסטריט. יענעם פלעגט ער צאָלן פאַר דער רייזע־הוצאה מיט פולשטענדיקער אויסהאַלטונג. אַזוי האָט ער זיך געפירט ווען ער פלעגט דאַרפן אַרויסטרעטן אויף אַ קאָנצערט, אויף אַ שמחה ביי אַן אַרבעטער־רינג ברענטש, צי אַ צווייג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. איבערהויפּט האָט לוצקי ליב געהאַט צו האָבן אַרום זיך פאַרערער, וואָס זאָלן מיט אים מיטגיין.

לוצקי האָט געהאַט פאַרערער נישט נאָר צוליב זיין טאַלאַנט, אַלס דיכטער און אימפּראָוויזאַטאָר, נאָר אויך אַלס מענטש. ער פלעגט שטענדיק ליב האָבן עמעצן אַרויסהעלפן אין אַ נויט. אין פיל פאַלן האָט ער יענעמס נויט אַרויסגעפילט בחוש. ער פלעגט דאַן שטילערהייט יענעם אַריינלייגן אין טאַש אַ פּאָר דאָלאַר. אַזוי אַרום האָט לוצקי צעטיילט צווישן פאַראָרעמטע שרייבער מער געלט ווי אַלע אַנדערע שרייבער, חוץ פאַרשטייט זיך, פון רייזענען.

לוצקי האָט זייער ליב געהאַט זיך איינצוקויפן פאַרשידענע צאַצקעלעך, זיך מיט זיי שפּילן. און אויב האָט ער באַמערקט, אַז עמעצער פון די שרייבער האָט אַ חשק צו אַזאַ צאַצקעלע, האָט ער עס אים גערנווייליק אַוועקגעגעבן. צו דעם צוועק פלעגט ער זייער אָפט באַזוכן די גרויסע „דעפּאַרטמענט־סטאָרס” און דאָרט איינקויפן פאַרשידענע אַדרעסן־ביכלעך, פּעדערס, ביכעלעך אויף צו שרייבן נייע לידער, לעדערנע טאַשעלעך א. א. וו.

לוצקי איז געווען אַן אמתער באָהעם־מענטש. ער פלעגט אין די קאַפע־הייזער, וווּ ס׳פלעגן זיך פאַרזאַמלען שרייבער, אָפּזיצן טעג און נעכט. לוצקי איז שטענדיק געווען רויק און קאָרעקט, אַפילו ווען עמעצער פלעגט אויף אים, צוליב וואָס ס׳זאָל נישט זיין, אָנפאַלן. ער פלעגט אויך דאָ בלייבן רויק, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט אויף יענעמס נאַרישקייטן.

געוויינלעך פלעגן זיך אַרום לוצקין פאַרזאַמלען פיל שרייבער און סתם פאַרערער, בכדי צו הערן פון אים זיינע גייסטרייכע געדאַנקען און זיך איינקוקן אין זיינע וווּנדערלעכע אימפּראָוויזאַציעס. ליידער איז שוין היינט דער קאָנצערט געבער לוצקי נישטאָ צווישן אונדז!

איבערגעדרוקט פון בוך: פון אַלדאָס גוסס, פון א. לוצקי. אַרויסגעגעבן פון א. לוצקי־בוך־קאָמיטעט, פאַרלאַג „די פעדער” 1958.

א. לוצקי

כבוד דעם געוועזענעם

אַמאָל האָט ער געפירט.
אַמאָל האָט ער גערוישט.
אַמאָל.

אמת איז — ער איז נאָך דאָ.
נאָר ער פירט שוין נישט.
נאָר ער רוישט שוין נישט.

מיט אים איז שאַ.

אַזוי ווי איינמאָל נישט.
אַזוי ווי קיינמאָל נישט.

— רופט אים אויף!
דערמאָנט אים!
זעצט אים אויבנאָן!
זאַמלט זיך צוזאַמען!

בלעטערט אויף זיין יוגנט
מיט אַ ווערטער־פעכער
העכער העכער!

„אַמאָל האָט ער געפירט”!
„אַמאָל האָט ער געשפּילט”!
„אַמאָל האָט ער גערוישט”!

דער אַלטער וועט עס הערן,
וועט ער מיינען ס׳איז נאָך היינט...

זיין פּנים וועט אייך ווייזן
ווי די יוגנט אויף אים שיינט.

דאָס געשאַלן וועט אים שטראַלן,
ווי נביאות טיף אין זיך:
דער אַמאָל איז נישט פאַרפאַלן!
איך — בין נאָך איך!...

מ. שטערנפעלד / קאַנאַדע

זכרונות פון דער אַלטער היים

ס׳טויכן אויף אין מיין זכרון טייערע בילדער פון אונדזער אומפאַרגעסלעכער היימשטאָט לויצק. ס׳שוועבן פאַרביי געשטאַלטן פון מענטשן וואָס לעבן שוין נישט ס׳רוקן זיך פאַרביי מיין פאַנטאַזיע גאַנצע גאַסן און געגנטן, וואָס זענען אַזוי טיף איינגעבאַקן אין מיין געמיט. אָט זע איך די גרויסע מסירות־נפש פון דער פאַרשידנאַרטיקער פליאַדע טוער אין כלערליי וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, ווי לינת־הצדק, הכנסת־אורחים, בית־לחם א. א. דער פשוטער אַרבעטס־מענטש, וועלכער איז אַליין נישט געווען איבעריק סיטואירט, האָט דאָך געהאַט אַ מאָראַלישע פליכט זיך צו זאָרגן וועגן די יעניקע שכנים און שטאָט־איינוווינער, וועמענס מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אין לשער און מ׳האָט זיי געמוזט אַרויסהעלפן אין אַן עת צרה. דאָס איז געווען אין די וואָכעדיקע טעג און, על אחת כמה וכמה אין די שבתדיקע טעג. וואָס קען זיין טייערער, ביי אַ יידן, ווי דער ענוג־שבת אין קרייז פון דער אייגענער משפחה? און דאָך, מיט וואָסער מסירות־נפש האָט מען זיך פאַרנומען מיט באַזאָרגן אָרעמע יידן מיט אַ שטיקל ברויט, אָדער פרישער חלה אויף שבת און יום־טוב? אָט גייען יידן אַהיים פון דאַוונען, יעדער איינער צו זיין משפחה, בכדי צו פאַרברענגען אין רו דעם הייליקן שבת. געווען אָבער יחידים, וואָס האָבן זיך נישט אומגעקערט אַהיים, נאָר אָנגעהויבן צונויפזאַמלען ביי יידן ברויט און חלה, בכדי עס איבערגעבן די, וועלכע זענען נישט געווען בכוח צו קויפן אויף שבת די דאָזיקע פּראָדוקטן. זיי האָבן גענומען די אָנגעגרייטע קאָשיקעס אויף די פּלייצעס און געזאַמלט ביי יידן, וואָס איינער איז נאָר געווען בכוח צו געבן. און יידישע פרויען האָבן פון זייערע שבת־ און יומטוב־געבעקסן ספּעציעל צוגעגרייט אַ געוויסע טייל פאַר. אָרעמע לייט און מיט פרייד אַנטקעגנגעטראָגן די, וואָס זענען צו זיי געקומען צונויפצוזאַמלען די דאָזיקע נדבות. און ווען מ׳האָט שוין, ווי ס׳איז פאַרזאָרגט די אָרעמעלייט מיטן מינימאַלסטן — האָט מען שוין געקאָנט גיין אַהיים און אָפּעסן ביי זיך די שבתדיקע, אָדער יום־טובדיקע סעודה.

מ. שטערנפעלד

איז זיך געווען אין לויצק אַזאַ באַשיידענער ייד, ווי יחיאל איינבינדער ע״ה. פון פאַך אַ סטאָליער, אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט און צוגעקומען צו אַן אייגן מעבל־געשעפט אויף יאַגעלאָנסקע־גאַס. דער דאָזיקער ייד קאָן אונדז דינען ווי אַ מוסטער פון אַן עסקן העוסק בעניני ציבור שלא על מנת לקבל פרס. אַ לאַנגע צייט געווען דאָזאָר אין קהילה, פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון סוחרים פאַראיין אין לויצק, מיטגעאַרבעט אין דער געזעלשאַפט „גמילת חסד כללי״. ער האָט זיך איינגעשאַפן אין לויצק, ספּעציעל צווישן די גבירים, פיל שונאים, ווייל אויב ס׳איז געשטאָרבן אַ ייד, אַ גביר, וועלכער האָט ביים לעבן נישט געוואָלט זיך לאָזן קאָסטן פאַר עניני ציבור, האָט ער שוין דערפאַר באַצאָלט, מיט אַ צולאָג, נאָך זיין טויט.

יחיאל איינבינדער פלעגט נישט איין מאָל פאַרנאַכלעסיקן זיינע אייגענע געשעפטן און זיך פאַרנעמען מיט קהלס ענינים. צוזאַמען מיט אברהם יידל שאַפּירא איז ער אַוועקגעפאָרן אין אַ דעלעגאַציע, בכדי אַראָפּצוברענגען קיין לויצק דעם לעצטן רב הכולל הרב זלמן סאָראָטשקין שליט״א.

ווילט זיך דערמאָנען די אַלע מיט וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צוזאַמען צוצולייגן אַ שטיין נאָך אַ שטיין צום געזעלשאַפטלעכן בנין, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען יידיש לויצק. אַזאַ ייד איז געווען משה קיפּערמאַן, וועלכער איז געווען טעטיק אין פיל יידישע אינסטיטוציעס, ווי ער האָט אויסגעפירט זיין שליחות בשלימות און מיט דער גרעסטער עקשנות. דאָס איז געווען אין סוחרים־פאַראיין, אין „באַנק קופּיעצקי״ אין „לינת הצדק״, און אַלס איינער פון די איבערגעגעבנסטע טוער אין דער גרויסער שול פון לויצק.

דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן נחום קלעפּקע ע״ה, וואָס איז געווען אַן עוסק בתורה ימים ולילות און נאָך פיל, פיל ערלעכע און אויפהיכטיקע יידן, ווי למשל: די „ליטוואַקעס״ — צוויי ברידער שמואל און נחמיה גאָלדבערג, יצחק קרוין, קלמן גאָלדבערג, משה גליקליך, מאיר קרוינשטיין, משה ביק, יצחק משה באַטשאַר א.א.וו. צוזאַמען האָבן מיר מיטגעאַרבעט אין דער שול־פאַרוואַלטונג. מיר האָבן דאַן צוגעגרייט אַן אינווענטאַר־בוך פונעם פאַרמעגן פון דער שול. 72 ספרי־תורה זענען דאַן געווען אינעם פאַרמעגן פון דער שול מיט זייערע 60 פּרוכתן, טייערע אַנטיקן, צווישן וועלכע אַ טייל איז געווען פון מיט העכער 100 יאָר צוריק. מיט אָט די פּרוכתן האָט מען הושענה רבה באַצירט די ווענט פון דער שול. דאָס איז געווען אַ באַשיינונג פאַר דער יידישער קהילה אין לויצק — ענלעך צו אַ צירונג, וואָס ווערט אויסגעפּאַקט לכבוד אַ גרויסער שמחה. און פונקט ווי צירונג, וואָס אַ יידישע פרוי האָט באַקומען בירושה פון אירע עלטערן און זיידע־באָבע, דערציילט וועגן דער רייכער און שיינער פאַרגאַנגענהייט פון אירע עלטערן און אורעלטערן — אַזוי אויך האָבן די באַצירטע פּרוכתן אונדז דערציילט וועגן אַ רייכער און הערלעכער פאַרגאַנגענהייט פון אַ יידישער קהילה אין פּוילן. זיי האָבן דערציילט פון זייער אָפּשטאַם און גרויסן יחוס.

געווען איז דאָס שוין לאַנג, ווען לויצק האָט געדינט ווי אַ רייכער האַנדלס־צענטער. די אַרומיקע פּריצים זענען געשטאַנען אין גוטע האַנדלס־באַציונגען מיט די אַרומיקע יידישע

תבואה־סוחרים. די אַטמאָספער איז נאָכנישט געווען אַזוי פאַרסמט מיט אַנטיסעמיטיזם, ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן און יידן האָבן געהאַט פּרנסה בשפע. אין יענער תקופה האָבן זיך אין פאָדערגרונט פון יידישן לעבן אין לויצק אַרויסגערוקט אַזעלכע עסקנים ווי קלמן פרישבערג, לאַזער דאַל, יוסף זשיטין. פרישבערג איז אַ לאַנגע צייט געווען פרעזעס פון דער יידישער קהילה; זשיטין האָט זיינע טעג און נעכט געווידמעט דעם יידישן שפּיטאָל אין לויצק; וועגן לאַזער דאַל האָט מען געזאָגט, אַז „צאַלע מיאַסטאָ נאַ מאָיעי גלאָוויע" (די גאַנצע שטאָט איז אויף מיין קאָפּ).

ד"ר אליהו בראַנבערג

אין יענער צייט זענען פאָרגעקומען וואַלן צום סענאַט. ס'זענען געווען צוויי קאַנדידאַטן: דאַל און ד"ר בראָנבערג. ווען דאַל איז נאָך אַ העפטיקן וואַל־קאַמף אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דער איינציקער סענאַטאָר פון וואָלין, האָט מען אין געוויסע קרייזן געטראַכט, אַז די דאָזיקע שליחות קומט אים, ער איז טאַקע — לויט מיר — געווען אַ ווירדיקער פאָרשטייער פון די וואָלינער יידן..

ווילט זיך מיט וואַרעמע ווערטער דערמאָנען דעם רעדאַקטאָר פון דער „וואָלינער פרעסע" שמואל כאַזאַן ז"ל, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיין־יידישע ענינים אין לייצק. אַדאַנק זיין אומדערמידלעכער ענערגיע האָט ער באַוויזן צונויפצוזאַמלען אַרום זיך אַ באַדייטנדיקע גרופּע יידישע יונגע־לייט, וועלכע האָבן מיט ראַט און טאַט, מיט אַן עצה און ערלעכער קריטיק אויפגעשטעלט אַ טריבונע, פון וועלכער מ'האָט געהערט יעדע וואָך די שטימע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. האָט זיך טאַקע „די וואָלינער פרעסע" פאַרוואַנדלט אין אַן אַדרעס פאַר די אַלע לויצקער, וואָס זענען געווען געצוווּנגען אויסצוּוואַנדערן פון דער היימשטאָט. די דאָזיקע צייטונג איז געוואָרן די בריק, וועלכע האָט פאַרבונדן די ברידער פון מעבר לים מיט דער אַלטער היים.

וועגן שמואל כאַזאַן האָט זיין אייגענער פאָטער, זעליק שוחט ע"ה, זיך געהאַט אויסגעדריקט — ווען מ'האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיין זון לאָזט זיך נישט וואַקסן קיין באָרד — ס'שאַט נישט, אפילו אָן אַ באָרד וועט ער אויך זיין אַ גוטער ייד, ער שטאַמט פון אַ גוטער זרע!

ווען איך בין אין יאָר 1932 אָפּגעפאָרן פון לויצק קיין פּאָרטוגאַל, האָט כאַזאַן מיך געבעטן, אַז כ'זאָל שרייבן פון דער פרעמד. כ'האָב עס טאַקע געטאָן. מיינע רייזע־באַשרייבונגען און קאָרעספּאָנדענצן פון דער פרעמד זענען אָפטמאָל געדרוקט געוואָרן אין דער „וואָלינער פרעסע". דערמיט האָב איך אַ לאַנגע צייט אָנגעהאַלטן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דער אַלטער היים.

די אַלע, וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן פריצייטיק, אָדער נאָרמאַל געשטאָרבן אין זייערע בעטן, אָבער וועלכע זענען שוין נישטאָ צווישן אונדז — זיי אַלע זענען נאָך ביים היינטיקן טאָג אַ לעבעדיקער ביישפּיל פון אומדערשראָקענער און איבערגעגעבענער עקשנותדיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט לטובת הכלל.

דער עברית־לערער חיים חלף



חיים חלף

חיים חלף אויף אַ לעקציע אין דער פּוילישער גימנאַזיע.
אין צענטער פון דער ערשטער ריי — פיניע קאַרטין (אנדזשיי שמידט)

אבא קליגער

דער דור פון מיין טאַטן

אַפּט בליצן אָן שעה׳ן געציילטע און ווייניק
וואָס גיבן מיין קיום אַ טעם און אַ סיבה,
אין זיי האָט דער עניו געלעבט ווי אַ קעניג —
דער ייד פון די יידן, דער ליבער פון ליבע.

איי, ווו זענען איצט יענע פלאַמיקע יידן
מיט שטערנס פאַרקנייטשטע פון טיפע מחשבות,
וואָס וואָגלען אַרום איבער פרעמדע יאַרידן
און ריכטן אַפּ גלות אויפן וועג צו די אבות.

אויף שטויביקע שליאַכן, אין בלאָטעס פאַרזונקען,
די קרענקלעכע גופים מיט צער אַנגעגאָסן,
נאָר חסידיש באַפליגלט און אויגן וואָס טרינקען
דעם ווייטן חזיון פון שבת־שבתון.

אָט זע איך זיי קומען אויפגעלויכטן אין חלום —
קאַפּאָטעס פאַרגאַרטלט, מיט שטריימלעך, קאַשקעטן —
די שררות און פרינצן פון דובנערס משלים
אין חדר־מיוחד צום מלך פאַרבעטן.

געטובלט אין ריחות פון אַלטע מקורות,
זיי קומען דורך וועלדער וואָס דרימלען אויף דף׳ן
פון הייליקע כרכים וואָס קנעלן מיט דורות
ביי פלעמלעך וואָס קוקן פאַרחידושט און גאַפן...

געמיטער דערנערטע פון ליכטיקע בשורות,
צעוויגט אין די שאָטנס פון קלויז מיט התמדה.
אין שטילן געזאַנג פון די סוגיא׳ס און סברות
צעזינגען זיך עולמות ביז דער העכסטער נקודה.

פונוואַנען דאָס פייער אין בלודנע נפשות ?
די כוחות, יניקה אין נאַקעטע שטאַמען ?
באַהיט זאָל מען ווערן צו שטעלן די קשיות
אַ פלאַמיקן חסיד, אַ יידן — אַ מאמין.

נאָר שבת מיט יום טוב, קיין חול ניט פאַראַנען
אין קלויז סאַדעגערער מיט חסידים אַ מנין — —
אַ זמר, ווי בוימל אויף גליאיקע פאַנען,
גיט תוך מיט נשמה פאַר אַ וויכטיקן ענין.

אַ רעיון, אַ מאמר, אַ רמז פון רבין — —
און שטאַרק איז דער ווייַן פונעם צדיק׳ס שיריים...
באַלד פליסטערט אַ ניגון לכבוד „זאָל לעבן"
און ס׳פאָכן פאַטשיילעס עד שערי שמים.

מיטן חמץ פאַרראַמט איז טאָגטעגלעכער אומעט,
קיין שמץ פון שרעק פאַר די פחדים אין לויער.
ווער דאגה׳ט אין אָנבליק אַנטקעגן נר־תמיד
וואָס פינקלט פאַרבאַרגן אויף יענער זייט טויער.

פרום־גלויביקע יידן, זיי זען און דאַכטן...
אָט שאַלן דאָרט פלייטן מיט „ברוכים הבאים" !
און ווייט איז דאָס עצבות פון עולם התחתון
אין היכל וואָס שימערט מיט פלאי פלאים.

אין שפּאַן פון די יאַכן פאַרעקשנט, מגושם,
געשלעפּט האָבן בעטלער די טאַרבעס חיונה,
און הינטער די טראַנטעס, מיט גייסטיקע חושים,
געוויקלט די לייבער אין בגדי־כהונה.

אין שטילער התלהבות האָבן תפילות געכליפּעט,
געפלאַטערט ווהין מיט צעלאָזטע כאַלאַטן,
און בליציק באַלויכטן וויאַזוי ס׳האָט געזיפּעט,
געלעבט און געטאַנצט דער דור פון מיין טאַטן.

ניו־יאָרק, 1955

א. בן־אברהם

ר׳ זלמן סאַראָטשקין — דער לעצטער לויצקער רב

הרב ר׳ זלמן סאַראָטשקין, דער לעצטער לויצקער רב, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרמ״א (1880) אין זאַכאַרינע, מאָהילעווער גובערניע (ווייסרוסלאַנד) און געווען דער זון פון אָרטיקן רב ר׳ ישראל יפה, מקובל און מחבר פון ספר „אור ישראל״. ער האָט געלערנט אין די ישיבות פון סלאָבאָדקע און וואָלאָזשין און שפּעטער באַקומען מאַטורע אַלס עקסטערן. ער איז געוואָרן איידעם פון רב הגאון ר׳ אליעזר גאָרדאָן, דעם גרינדער פון דער באַרימטער טעלזער ישיבה.

אין יאָר 1910 איז ר׳ זלמן סאַראָטשקין אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין וואָראָנאָווע, ווילנער גובערניע, אין קורץ דערנאָך (1912) — אין זשעטל, גראָדנער גובערניע. אין 1915 קומט ער אַלס פּליכטלינג אין מינסק, וווּ ער ווערט באַקאַנט אַלס געזעלשאַפטלעך־רבנישער טוער. ער אַרבעט אין קאָמיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די טויזנטער יידישע פּליטים אין מינסק און אומגעגענט; פאָרט אָפּט קיין פּעטערבורג אין רבנישע דעלעגאַציעס צו דער צאַריש׳ער, און שפּעטער — קערענסקי־רעגירונג, כדי אויסצופּועלן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידישע רבנים לגבי די גייסטלעכע פון אַנדערע אמונות בנוגע דעם באַפרייען זיי פון מיליטער־דינסט (דאָס איז סוף כל סוף דערגרייכט געוואָרן).


הרב זלמן סאַראָטשקין

נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע נעמט ער אַ פירנדיקן אָנטייל ביים אָרגאַניזירן די אָרטאָדאָקסישע יידן פון רוסלאַנד אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, וועלכע זאָל שטיין אויף דער וואַך פון די רעליגיעזע אינטערעסן און כאַראַקטער פון די פּלאַנירטע קהילות. אין נאָמען פון דער „אגודת ישראל״ אין ווייסרוסלאַנד ווערט ער אויסגעקליבן אַלס דעלעגאַט אויפן אַלרוסלענדישן יידישן צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט געזאָלט אויסאַרבעטן די קאָנסטיטוציע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פרייען רוסלאַנד.

אין דער זעלבער צייט ווערט ער איינגעלאַדן אַלס רב הכולל פון סיביר מיטן זיצאָרט אין אירקוטסק. אָבער ער נעמט נישט אָן דעם פאָרשלאַג, און מיטן אויסברוך פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש — קערט ער זיך אום קיין זשעטל צו זיין פריערדיקער רבנות. צוזאַמען מיט דער זשעטלער קהילה מאַכט ער דורך די מלחמות און מהומות בעת די באָלשעוויקעס און פּאָליאַקן, ווען די שטאָט איז אַריבער מיד ליד.

נאָך דער מלחמהברייטערט ער אויס זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין לאַנד־מאַסשטאַב. ער ווערט אויסגעוויילט אַלס מיטגליד אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, און אַלס פאָרזיצער פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי דער הויפּט־פאַרבאַנד פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג, סאַניטאַר־מעדיצינישע אָרגאַניזאַציע ביים דזשאָינט, פאַרבאַנד פון די קאָאָפּעראַטיווע בענק אויף די „קרעסן״ (צפון־מזרח־טייל פון פּוילן) א.ד.גל. ער ווערט אויסגעקליבן אין אַלע אינסטאַנצן פון די רבנישע אָרגאַניזאַציעס און פירנדיקע פּאָזיציעס און ווערט באַקאַנט אַלס פאַרטרויונגס־מאַן פון די העכסטע רבנישע אויטאָריטעטן פון דור, ווי דער „חפץ חיים״ און הגאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי.

אין יאָר 1928 קאַנדידירט ער צום פּוילישן סיים אויף דער ליסטע פון רעליגיעזן אגודיסטישן בלאָק, אָבער צוליב דער אַנטיסעמיטיש־צוגעשניטענער וואַל־אָרדינאַציע האָט קיין איין ייד פון די „קרעסן״ נישט געקאָנט אַריין אין סיים.

אין יאָר 1929, בעת עס זענען געוויילט געוואָרן די ערשטע יידישע קהילות אויף די געוועזענע רוסישע געביטן אין פּוילן, האָט די לויצקער יידישע קהילה באַשלאָסן אויפצונעמען אַ הויפּט־רב. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון די רעליגיעזע קהילה־ראַטמענער האָט באַזוכט עטלעכע רבנישע פּערזענלעכקייטן, כדי פון דער נאָענט זיך צו באַקענען מיט זייער אַרבעט און השפּעה. אין אָט דער דעלעגאַציע האָבן זיך באַטייליקט ישראל ווינטרויב, יחיאל איינבינדער און אברהם יידל שאַפּירא. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קאַנדידאַטור פון זשעטלער רב ר׳ זלמן סאַראָטשקין, וועלכער האָט צו יענער צייט באַקומען אַ כתב רבנות אויך פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק. די דעלעגאַציע האָט זיך צוריקגעקערט קיין לויצק און נאָכן אָפּנעמען איר באַריכט, האָט די קהילה איינשטימיק אויסגעוויילט דעם הרב סאַראָטשקין אַלס לויצקער הויפּט־רב און אב בית־דין. דער רב איז געבעטן געוואָרן צו קומען אין שטאָט אויף אַ באַזוך, כדי צו באַקענען זיך קעגנזייטיק און פעסטשטעלן דעם טערמין פון איבערנעמען דאָס רבנות.

די שטאָט לויצק האָט איר נייעם רב איינגעאָרדנט אַ גרויסאַרטיקן קבלת פּנים. טויזנטער יידן האָבן אים אָפּגעוואַרט ביים וואָקזאַל. הרב סאַראָטשקין איז גלייך פאַרפאָרן אין דער גרויסער שול, וועלכע איז געווען איבערפולט מיט מענטשן. די דרשה פונעם רב, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די בעסטע רבנישע רעדנער, האָט איבערגעלאָזט אין שטאָט אַן אויסערגעוויינלעכן רושם. די קהילה האָט אויך געמאַכט אַ באַזונדערן פייערלעכן קבלת פּנים פאַרן רב מיטן אָנטייל פון די חשובסטע בעלי־בתים, פאָרשטייער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס. דאָרט האָט דער רב געהאַלטן זיין פּראָגראַמאַטישע רעדע און צום סוף האָט ער דערקלערט, אַז נאָך דעם ווי ער האָט פאָרגעלייגט זיין „אני מאמין״, איז די שטאָט פריי פון איר וואַל, וואָס זי האָט געמאַכט אויסקלויבנדיק אים אַלס רב. די פאַרזאַמלונג האָט אים איינשטימיק אויסגעדריקט צוטרוי און געווונטשן מזל־טוב.

אין עטלעכע חדשים אַרום איז דער רב געקומען קיין לויצק

און איבערגענומען דעם אַמט· פון די איינצלנע מורי הוראות און רבנים האָט ער געשאַפן אַ צענטראַלן ראַבינאַט, וואָס זאָל אַמטירן טעגלעך ביים מסדר זיין גיטין וקידושין, ביי דער השגחה איבער דער שחיטה און כשרות און אויספירן אַנדערע רעליגיעזע פונקציעס. ער האָט עקזאַמינירט אַלע שוחטים און יעדן איינעם פון זיי צוגעטיילט זיין פונקציע און אַרבעטס־געביט; רעאָרגאַניזירט די תלמוד־תורה און די ישיבה, געבראַכט נייע מלמדים און אויפגעהויבן דעם ניוואָ פון די לימודים; געשאַפן אַ „בלאַט גמרא" (אַ שיעור פאַר בעלי־בתים אויף לערנען טאָג־טעגלעך אַ בלאַט גמרא), אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט קרוב צו הונדערט צוהערער. זיין בית־דין־שטוב איז תמיד פול געווען מיט מענטשן, וועלכע זענען געקומען מיט זייערע סכסוכים אויף אַ דין־תורה צום רב און גערנוויליק אָנגענומען די פסקים — אָן יעדן צוואַנג. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אין שטאָט האָט מען דערפילט, אַז ס'איז דאָ אַן אַדרעס פאַר יעדן ענין וואָס שטייט אויפן סדר־היום.

לויצק ווערט אַ צענטער פאַר די רבנים און קהילות פון גאַנץ וואָלין און הרב סאָראָטשקין — דער אויטאָריטעט פאַר רעגולירן אַלע סיכסוכים און פּראָבלעמען צווישן די קהילות פון וואָלין מיט זייערע פרנסים און רבנים. דער וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן רופט אַרויס טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען וועגן גזירות און שיקאַנעס, עקסצעסן און רדיפות אויף קהילות, גרופּן און יחידים. מיט ווירדע און שטאָלץ, און דערביי מיט רבנישער פּקחות און טאַקט, פאַרטיידיקט הרב סאָראָטשקין די יידישע אינטערעסן פאַר דער מאַכט אין לויצק, און ווען נייטיק — אויך פאַר דער צענטראַלער מאַכט אין וואַרשע. ער איז אַן אָפטער באַזוכער ביים וואָיעוואָדע און ביי אַנדערע הויכע באַאַמטע אין וואָיעוואָדשאַפט אין ענינים פון פאַרשידענע גזירות און אויף אינטערווענצן פאַרן כלל און פאַר יחידים. דאָ איז אַן ענין מיט „סטראַגאַנעס": די מאַכט וויל זיי אַראָפּנעמען כדי כלומרשט צו פאַרשענערן די שטאָט — און אַזוי אַרום צונעמען די פרנסה ביי צענדליקער יידישע משפחות; דאָרט איז אַ „קליינער פּאָגראָם": אין סענקעוויטשוווקע האָבן יידן מורא אַרויסצוגיין אין גאַס; דאָ וויל מען אַרויסשיקן אַ רב קיין סאָוויעט־רוסלאַנד צוליב אַ מסירה, אַז ער איז געבוירן אין רוסלאַנד; דאָ קאָנען נישט די קרובים פאָרן צו זייערע נאָענטסטע משפחה־מיטגלידער אין אויסלאַנד, ווייל זייערע דאָקומענטן זענען נישט אין אָרדענונג — אין די אַלע פאַלן לויפט הרב סאָראָטשקין, ער בעט און פאָדערט, און ווען נייטיק — דראָט ער, ביז סוף כל סוף שרייט ער אָפּ די גזירה, אָדער עס געלונגט אים זי אָפּצולייגן אויף שפּעטער. דאָס געזעץ פאָדערט, אַז רבנים מוזן קענען די פּויליש שפּראַך אין וואָרט און אין שריפט — אַנדערש, ווערן זיי נישט באַשטעטיקט אַלס קהילה־רבנים. עלטערע רבנים מוזן זיך „ברעכן די ציינער" און לערנען פּויליש, הרב סאָראָטשקין ווערט עקזאַמינאַטאָר פון פּויליש, צוזאַמען מיט צוויי באַאַמטע פון וואָיעוואָדשאַפט — און אין אַ קורצער צייט אַרום „קענען" אַלע רבנים פּויליש. ווי אַזוי? דאָס איז זיין סוד... לויצק ווערט אַ צוצי־פּונקט פאַר רבנים פון גאַנץ פּוילן צו „עקזאַמינירן" זיך אויף פּויליש...

אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַשליסט דער מאַגיסטראַט — מיט דער הסכמה פון דער וואָיעוואָדשאַפט — דורכצופירן די שטאָטישע קאַנאַליזאַציע־רערן דורכן אַלטן יידישן בית־עולם, און אַזוי אַרום אים ליקווידירן און מחלל זיין די קברים פון דורות לויצקער יידן· די גאַנצע שטאָט איז געוואָרן אויפגערודערט. אַלע השתדלותן און באַמיונגען האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ וואַנט פון רשעות, טעמפּקייט און שנאה צו יידן· עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון אָנהייבן די אַרבעטן אויפן שטח פון בית־עולם און די לויצקער יידן האָבן באַשלאָסן זיך קעגנצושטעלן מיט כוח קעגן דער פאַרשוועכונג פון די קברים פון זייערע עלטערן און אורעלטערן. הרב סאָראָטשקין האָט אָנגעווענדעט אַלע זיינע איינפלוסן אין לויצק און אין וואַרשע, און אויך זיין פריינדשאַפט מיט די קאַטוילישע גייסטלעכע און מיטן לויצקער בישאָף. אין דער לעצטער מינוט איז די גזירה אָפּגעשריגן געוואָרן און די אַרבעטן אויפן בית־עולם זענען נישט צושטאַנדגעקומען.

הרב סאָראָטשקין איז טעטיק אויך אויפןווירטשאַפטלעכן געביט. ער שאַפט אינסטיטוציעס צוהילף דעם אָרעמען סוחר און בעל־מלאכה. ער גרינדעט אַ „גמילות חסד כללי", אין וועלכן קליינהענדלער און האַנטווערקער באַקומען אַ אָנפּראָצענטיקן קרעדיט, אַ „גמילת חסד" אויף אויסצוצאָלן אין קליינע ראַטעס און אין לאַנגע טערמינען. ווען די לויצקער קאָאָפּעראַטיווע בענק ליקווידירן זיך צוליבן קריזיס און די שטאָט בלייבט אָן אַ יידישער קרעדיט־אינסטיטוציע, איז ער מסכים אויפן תנאי פון דער צענטראַלער יידישער קרעדיט־אָרגאַניזאַציע ביים פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע בענק אין פּוילן איבערצונעמען די אויפזיכט און דעם פאָרזיץ פון דער נייער „ווירטשאַפט־באַנק", וואָס איז אַנטשטאַנען אין לויצק אויף די חורבות פון די אונטערגעגאַנגענע בענק.

הרב סאָראָטשקין אָרגאַניזירט די וואָלינער רבנים אין אַ „אגודת הרבנים בוואָלין" און שטייט בראש פון דער אָרגאַניזאַציע. ער באַטייליקט זיך אין פאַרשידענע רבנישע דעלעגאַציעס צו מיניסטאָרן, צוו. אַנד. — צוזאַמען מיטן „חפץ חיים" ביים פּוילישן פּרעמיער פּראָפ. באַרטעל וועגן צענז פאַר מלמדים און וועגן רעגירונגס־פּראָגראַם פאַר די תלמוד־תורהס. אין יאָר 1931 ווערט ער באַשטימט דורכן בילדונגס־מיניסטעריום — צוזאַמען מיט די סיים־דעפּוטאַטן הרב ר' מאיר שפּירא (לובלינער רב) און הרב ר' אהרן לעווין (ריישער רב) אַלס מיטגליד פון דער „רבנים־קאָלעגיע" (אַ קאָמיסיע פון 3 רבנים אויף צו קוואַליפיצירן די רבנים צום באַשטעטיקן זיי אַלס קהילה־רבנים דורכן רעליגיע־מיניסטעריום). נאָכן טויט פון הרב ר' מאיר שפּירא ווערט הרב סאָראָטשקין באַשטימט אַלס פאָרזיצער פון דער „רבנים־קאָלעגיע".

אין יאָר 1934 ווערט הרב סאָראָטשקין אויסגעקליבן אַלס הויפּט־רב אין שעדלעץ און ער נעמט אָן דעם אַמט. די ידיעה וועגן דעם רופט אַרויס אין שטאָט אַ שטאַרקע באַוועגונג. אַ דעלעגאַציע פון איבער 50 בעלי־בתים פון אַלע שולן באַזוכט דעם רב און די קהילה, און ענדלעך געלונגט זיי צו פּועלן ביים רב, אַז ער זאָל בלייבן אין לויצק.

אַלס מיטגליד פון דער אַלוועלטלעכער „אגודת ישראל"־דעלעגאַציע באַזוכט הרב סאָראָטשקין אין יאָר 1935 ארץ־ישראל און טרעט אַרויס אויף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין ירושלים און אין אַנדערע צענטערס. די דעלעגאַציע באַמיט זיך צו קאָאָרדינירן די אַרבעט פון די רעליגיעזע יידן אין ארץ־ישראל פאַרן אויפבוי פון לאַנד און אויף שאַפן מעגלעכקייטן פאַר אַ רעליגיעזער עליה פון פּוילן· צוזאַמען מיט די אַנדערע מיטגלי־

דער פון דער דעלעגאַציע (הרב ר׳ יצחק מאיר לעווין, שפּעטער מיניסטער פאַר סאָציאַלע הילף אין דער ישראל־רעגירונג, און ד״ר יצחק ברויער, רעליגיעזער דענקער און פירער פון דער דייטשער אָרטאָדאָקסיע) ווערט ער אויפגענומען דורכן הויך־קאָמיסאַר גענעראַל אַרטור וויקאָפּ. די דעלעגאַציע פאָדערט אין נאָמען פון דער אַלוועלטלעכער אָרטאָדאָקסיע אַ פרייע עליה קיין ארץ־ישראל. דער פוילישער קאָנסול אין ירושלים אָרדנט איין פאַר דער דעלעגאַציע אַ פייערלעכע אויפנאַמע אין ירושלים. נאָכן אומקערן זיך קיין לויצק גיט דער רב אָפּ אַן עפנטלעכן באַריכט וועגן זיין נסיעה פאַר טויזנטער יידן אין דער גרויסער שול. ער שילדערט די מעגלעכקייטן פאַרן מיטלשטאַנד איינצואָרדענען זיך אין ארץ־ישראל און ער רופט די יידן עולה צו זיין.

אין יאָר 1937 נעמט הרב סאָראָטשקין אַ פירנדיקן אָנטייל אין 3־טן וועלט־קאָנגרעס (כנסיה גדולה) פון „אגודת ישראל״, וועלכער קומט פאָר אין מאַריענבאַד. פאַרן קאָנגרעס זענען געשטאַנען, צווי. אַנד., אויך די פראַגע וועגן דער שטעלונג פון „אגודת ישראל״ צום „פּיל פּראָיעקט״ פון שאַפן אַ יידישע מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל. דער קאָנגרעס האָט איבערגעגעבן דעם ענין צו דער „מועצת גדולי התורה״ — די העכסטע אינסטאַנץ פון „אגודת ישראל״, וועלכע איז צונויפגעשטעלט פון די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן. הרב סאָראָטשקין, וועלכער איז אין מאַריענבאַד געוויילט געוואָרן אין דער דאָזיקער הויכער אינסטאַנץ און תיכף פאַרנומען אין איר אַ חשוב אָרט (ער איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן צו פאַרלייענען די רעזאָלוציעס פון „מועצת גדולי התורה״ פאַרן קאָנגרעס), האָט דעמאָלט צווישן אַנדערע געזאָגט:

„עס קאָן אפילו נישט קומען אויפן געדאַנק, אַז מיר זאָלן, חלילה, עטוואָס טאָן קעגן אַ יידישער מדינה. מיר קאָנען אַרויסזאָגן אונדזער קעגנערשאַפט קעגן דעם אָפּרייסן פון אַ גרויסן חלק פון אונדזער לאַנד... מיר דאַרפן אַלץ טאָן אַז ארץ־ישרא[ל] זאָל זיין רעליגיעז און נישט מורא האָבן, אַז דאָס וועט נישט געלונגען... אויב די יידישע מאַסן גייען קיין ארץ־ישראל דאַרפן מיר מיט זיי מיטגיין און ווירקן אויפן אָרט, און נישט פון וייטן.״

גרויס מסירת־נפש האָט אַרויסגעוויזן הרב סאָראָטשקין בעת דער באַוווּסטער „שחיטה־קאַמפּאַניע״, ווען די טרויעריק באַרימטע דעפּוטאַטין פּריסטאָראָווא האָט אונטערן מאַנטל פון „צער בעלי חיים״ אַריינגעטראָגן אין סיים אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן פאַרבאָטן, אָדער לכל הפחות באַגרענעצן, די יידישע שחיטה אין פוילן. מיט לייב און לעבן האָט הרב סאָראָטשקין זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פאַרטיידיקונג־אַקציע פאַר דער יידישער שחיטה. ער איז געווען פאָרזיצער פון הויפּט־קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן די יידישע שחיטה אין פוילן און ער האָט אָרגאַניזירט די גאַנצע פאַרצווייגטע אַרבעט פון קאַמף אויפן פּאַרלאַמענטאַרישן געביט, אין דער פּרעסע און אין דער יידישער געזעלשאַפט — ביזן אָרגאַניזירן דעם באַרימטן שטרייק פון נישט עסן קיין פלייש במשך פון 17 טעג דורך דער גאַנצער, העכער 3־מיליאָניקער, יידישער באַפעלקערונג אין פוילן.

נאָכן פונאַנדערפאַל פון דער פוילישער מלוכה סוף 1939, ווען לויצק איז געוואָרן סאָוויעטיש, האָט לכתחילה זיך אויסגעדוכט, אַז אונטערן סאָוויעטישן רעזשים וועט מעגלעך זיין צו פירן אַ געוויסע טעטיקייט אויפן רעליגיעזן געביט און אין קהילה־לעבן. פון געוויסע רבנישע קרייזן איז אויסגעאיבט געוואָרן אַ דרוק אויף הרב סאָראָטשקין, אַז ער זאָל אין לויצק אָנפירן מיט דער רעליגיעזער אַרבעט פון דעם גאַנצן געביט וואָס איז געוואָרן פאַרנומען דורך די סאָוויעטן. עס האָט אָבער שנעל זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ געדאַנק איז נישט מער ווי אַן אילוזיע. די סאָוויעטישע מאַכט האָט אָנגעהויבן ליקווידירן אַלע יידישע אינסטיטוציעס און יעדע רעליגיעזע טעטיקייט. פון אַ גוטן פריינד האָט דער רב זיך דערוווּסט, אַז ער געפינט זיך אויף אַ רשימה פון פּערזאָנען, וועלכע דאַרפן ווערן אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין רוסלאַנד. אין אַ פינצטערער נאַכט, באַגלייט פון עטלעכע פריינד, פאָרט ער פאַרשטעלטערהייט צו דער באַן. אויפן וועג אַהין ווערט די פינצטערניש באַלויכטן פון אַ שריפה, וועלכע איז גראָד אויסגעבראָכן אין שטאָט. די גוטע פריינד זאָגן צום רב: „לויצק ברענט. מיט אייער אַוועקגיין ברענט אונדזער שטאָט. ווער ווייסט וואָס פון אונדז וועט ווערן...״

הרב סאָראָטשקין קומט אָן קיין ווילנע, און נאָך אים — זיין פאַמיליע. נאָך לאַנגע גלגולים געלינגט אים אָנצוקומען, סוף 1940 קיין ארץ־ישראל. דאָרט שאַפט ער, לויטן מוסטער פון ווילנער „וועד הישיבות״ (ווו ער איז געווען אַ פירנדיקער מיטגליד) אַ פאַרבאַנד פון אַלע ישיבות אין ארץ־ישראל, וועלכער טראָגט אויך דעם זעלבן נאָמען „וועד הישיבות בארץ־ישראל״, פון וועלכן ער שטייט בראש ביזן היינטיקן טאָג. דער פאַרבאַנד איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין אַן אינסטיטוציע, וועלכע פאַראייניקט אין זיך העכער הונדערט ישיבות מיט קרוב 9 טויזנט תלמידים און מיט אַ בודזשעט פון איבער אַ מיליאָן פונט אַ יאָר.

הרב סאָראָטשקין פאַרנעמט גיך אַ פירנדיקן אָרט אין רעליגיעזן און אין פּאָליטישן לעבן פון ארץ־ישראל. אַ געוויסע צייט איז ער פאָרזיצער פון „אגודת ישראל״ אין ארץ־ישראל. בעת דער באַלאַגערונג פון ירושלים אין יאָר 1948 פליט ער קיין ניו־יאָרק כדי צו אָרגאַניזירן שנעלע הילף פאַר די ישיבות אין [א]רץ־ישראל אין דעם שווערן מלחמה־פּעריאָד. ער רופט אַ רבנים־[קאָ]נפערענץ און אָרגאַניזירט אַ גרויסע הילף־אַקציע פאַר די [ת]ורה־אינסטיטוציעס אין ישראל. ער באַטייליקט זיך אין דער [ז]יצונג פון דער אַלוועלטלעכער עקזעקוטיווע פון „אגודת ישראל״, וועלכע באַשליסט, אַז די באַוועגונג זאָל אַנטיילנעמען אין דער ערשטער ישראל־רעגירונג. צוריקקומענדיק קיין ישראל ווערט ער אויסגעקליבן אַלס ממלא מקום פון פאָרזיצער פון דער „מועצת גדולי התורה״, און נאָכן טויט פון פאָרזיצער הגאון רבי איסר זלמן מעלצער, ווערט ער אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון אָט דער הויכער רבנישער אינסטיטוציע, וועמענס וואָרט עס איז הייליק פאַר אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק אין ישראל און אין גלות. דעם דאָזיקן אַמט פאַרנעמט ער ביזן היינטיקן טאָג.

מיטן איינפירן דעם „חינוך ממלכתי״ באַשליסט די „מועצת גדולי התורה״ צו דערהאַלטן די זעלבשטענדיקייט פונעם אגודיסטישן שול־וועזן און עס ווערט געשאַפן דער „חינוך עצמאי״. הרב סאָראָטשקין נעמט אויף זיך דעם עול פון אויפשטעלן און דערהאַלטן די שול־נעץ. ער איז דער רוח החיים און פירט אָן מיט דער גאַנצער אַרבעט אַלס פאָרזיצער פון דירעקטאָריום פון „חינוך עצמאי״.

הרב סאָראָטשקין איז דער מחבר פון וויכטיקע רבנישע ספרים און פון אַ פירוש אויף דער תורה א.נ. „אזנים לתורה״, וועלכער איז אָנערקענט אַלס אַ קלאַסישער ספר פונעם דאָזיקן געביט אין אונדזער דור. דאָס ערשטע ספר זיינס „הדעה והדיבור״

(געדרוקט פריער אין וואַרשע און שפּעטער איבערגעדרוקט אין לאָנדאָן) איז דערשינען אין יאָר 1937, בעת ער איז געווען רב אין לויצק. דער צווייטער חלק פון ספר „הדעה והדיבור" איז דערשינען אין ירושלים אין יאָר 1955. הרב סאָראָטשקין פאַרענדיקט איצט דעם לעצטן באַנד פון זיין פירוש אויף דער תורה „אזנים לתורה", וועלכער האָט באַקומען דעם „פרס הרב קוק" (פּריז אויפן נאָמען פון הרב קוק) פון תל־אביבער שטאָטראַט.

בן־יהודה

דער קאַשיווקער רבי

צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע הייזקעס אין די ענגע שמאָלע געסלעך פון רימאַרסקע גאַס, איז זיך געשטאַנען אַ שטיבל וווּ עס האָט געוווינט אַ גוטער ייד. מען האָט אים גערופן דער קאַשיקאָווער רבי.

דעם וועג צו דעם שטיבל האָב איך קענענגעלערנט אין פאַרשידענע צייטן. אין טריבע, נאָגנדיקע, אסיענדיקע טעג, ווען דער מענטש האָט זיך נישט וווּ אַהינצוטאָן; אין מאָנאָטאָנע, קורצע ווינטער־טעג, ווען די נאַכט פאַלט באַלד צו.

הינטערן הייזל לויפט דער טייך סטיר און ערגעץ נישט־ווייט הערט מען בייטאָג דאָס קלאַפּן אין אַ קוזשניע. ווילסטו — איז עס יאושדיקע עק־וועלט, ווילסטו — שטייט עס אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער גאַס. ס'איז אָפּהענגיק אין וואָסער שטימונג דו געפינסט זיך, ווען דו גייסט צום רבין.

וואָס האָט מיך געצויגן צו דעם שטיבל? נישט דאָס וואָס דאָרט וווינט אַ רבי. קאַרג רביים זענען פאַראַן? אָבער דער קאַשיווקער רבי איז אַ גאַנץ אַנדערער מין רבי. ער זוכט נישט דעם עפעקט — נישט אין יחוס, נישט אין מופתים. כאָטש זיין יחוס איז זייער אַ גרויסער און פיל מענטשן דערציילן וועגן אים מופתים.

ער אַליין אָבער איז דאָס, וואָס זיין פּנים זאָגט, אַ פּנים, אויף וועלכן ס'ליגט אויסגעקריצט: פשטות און עניוות אין אַזאַ מאָס, ווי איך האָב עס נאָך נישט געזען ביי קיין שום מענטש. דערציילסטו אים דיינע פּערזענלעכע ליידן, הערט ער דיך אויס מיט אַ טיף־פרומער עניוות, אַז דו פילסט זיך נישט געפאַלן ביי דיר. און אויב ער גיט דיר צו מוט, גלויבן, איז עס נישט דערפאַר ווייל ער האַלט זיך פאַר אַ גרויסן בעל־מופת — ניין. נאָר ווייל ער גלויבט אַזוי שטאַרק אין גאָטס הילף, און זיין גלויבן גיט ער דיר מיט.

דאָס איז זיין כוח.

ער בעט דיך: קומט צו גיין, קומסטו אַהין צו מיטאָג, עסטו מיטאָג. אויב דו ביזט צעבראָכן, צעוואָרפן מיט זיך, מיט דער וועלט, היימלאָז — גיי אַהין צום רבין און טרינק אַ גלאָז טיי אין אַן אַלט יידישער שטוב, אין דער סביבה פון אַן אמת פרומען ייד — און וועסט ווערן שטאַרק, פעסט, געזונט.

איך דערמאָן זיך אַן אָוונט, איינעם פון די שווערסטע אין מיין לעבן. מיר איז געוואָרן שווער, נישט צום איבערטראָגן. בין איך אַריבערגעגאַנגען צום קאַשיווקער רבי, האָט ער מיר געהייסן דערלאַנגען אַ שטול און זיך זעצן לעבן אים. און וואָס האָט ער געטאָן? ער איז געזעסן און מיטן גאַנצן האַרצן זיך געפרייט און געשפּילט מיט אַ קליין קינד. אַ ליכטיקע הימלעכקייט האָט געשיינט אין אַלע ווינקעלעך און ס'איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען ווי אַן אַנטפּלעקונג: אויף וואָס פאַר אַן איינפאַכן אופן מ'קאָן גליקלעך זיין?

קיין גרויסער רעדער איז ער נישט, נישט קיין דערציילער, נישט קיין בעל־מנגן.

— וואָס דען זענט איר, רבי? — האָב איך אים אַמאָל געפרעגט.

— וואָס זאָל איך זיין? איך גלויב אין גאָט.

און דאָס איז אמת. מ'טרעפט גאָרנישט עפעקטפולס אין זיין סביבה און נישט אין אים.

אָבער דו טרעפסט דאָרט דאָס, וואָס ס'איז שווער צו געפינען: אַ מענטש, אַ טיף, טיף דורכגעדרונגענעם, אַ פרומען ביז אין אַלע אברים. פשוט, עלעמענטאַר, געבויגן פאַר גאָט אין יעדער רגע פון זיין פירונג: אין זיין גיין און שטיין, זיין עסן, זיין רעדן מיט מענטשן. ווי ער קוקט אַ מענטש אין די אויגן; ווען ער שטייט אין אַ זייט און דאַוונט; ווען ער בענטשט מזומן — אַן אומאויסדרוקבאָרע דאַנקבאַרקייט פאַרן פאָטער אין הימל, וואָס שפּייזט אַלעמען, ליגט פּאָרכטיק אויף זיין פּנים. ווען ער נעמט אַ גלאָז טיי און בײדע הענט און איז אויך מחיה אַ צווייטן מענטש מיט אַ וואַרעם גלאָז טיי, פילסטו, אַז עס נעמט דיך אַרום זיין אויפשטראַלונג פון גאָטספאָרכטיקן אמת, פרומקייט און ליכטיקן בטחון. דאָס איז די עמאַנאַציע, וואָס שטראַלט פון אים, וואָס ער טיילט אַנדערע וואָס קומען אין זיין נאָענט.

דאָס איז זיין כוח.

לויצק, 1938

י. שטערנפעלד

ר׳ זעליג שו״ב

(דעם פעטער — אַ מצבה)

ר׳ זעליק שוחט איז געווען פון דער טרייער כיתה טריסקער חסידים.

אַליין אַ ייד אַ למדן, אַ ירא שמים, אַ תמים, האָט ער איבער 70 יאָר ערלעך און געטריי געדינט די הצטרכותן פון דעם יידישן רעליגיעזן ציבור בדחילו ורחימא.

אין קהל האָט ער זיך נישט געשטופּט, ער איז געווען אַ יושב אוהל און די פרייע צייט — פאַרבראַכט ביי דער גמרא, ביי פוסקים. אָבער דאָך, אַז ס׳זענען אָפּטמאָל געקומען פון די נאָענטע שטעטלעך רבנים אָדער שוחטים מיט אַ דבר מצווה וועגן הכנסת כלה, אָדער פדיון שבוים, האָט זיך ר׳ זעליק שוחט אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע מיט דעם סאַמעטענעם היטל קאַשקעט און זיך געלאָזט איבער דער שטאָט צו די שבעה טובי העיר נאָך דער נייטיקער נדבה. ליידיק איז שוין דער אַלטער ר׳ זעליק קיינמאָל נישט געקומען. מיט זיין שבת־יום־טובדיקן אויסזען, מילדע קלוגע אויגן און מיט זיין שיינער ווייסער פּאַט־ריאַרכאַלישער באָרד, האָט ער שטענדיק אַרויסגערופן צו זיך אַ שטילן, הייליקן יראת־הכבוד.

פאַרטאָג, אַזוי שבת און אינדערוואָכן, איז שוין דער אַלטער ר׳ זעליק געווען אויף די פיס און געלערנט, טרויעריק און שטיל, ווי יענע טויב אויף די ווענט פון בית המקדש, ער זאָל חלילה קיינעם פון די בני בית נישט אויפוועקן. פון דאָרטן — אין בית המדרש צו די טריסקער אויף דער פאָרשטאָט. און עלף אַזייגער — נאָכאַמאָל אין בית־מדרש, ווו ער האָט זיך שוין געהאַט זיין באַזונדערן מנין פון ר׳ שמואל קלמן, ר׳ איציע עליעס, ר׳ אליה סליעפּ, ר׳ גרשון צוויטמאַן און אַנדערע — אַלע שוין אויפן עולם האמת.

ר׳ זעליק שוחט האָט איבערגעלאָזט זין, אייניקלעך און איר־אור־אייניקלעך, צעזייט און צעשפּרייט איבער שבעה ימים. אַלע געגעבן אַ חסידישע דערציונג, פאַר שוחטים געמאַכט. האָט אָבער דער גורל געוואָלט, אַז גראָד זיין מיזיניק, זיין ייננסטער זין, וואָס טראָגט זיין נאָמען נאָכן גרויסן קאַשיווקער רבי, שמואל, זאָל פון דעם וועג אַוועקגיין, זיך פאַרנעמען מיט ביכלעך און בילדונג און שפּעטער גאָר ווערן אַ שרייבער און דער רעדאַקטאָר פון דער „וואָלינער פּרעסע״. דער גוטער געטרייער טאַטע האָט אָבער שטאָלצירט מיט דעם, און פלעגט אויף אים, דעם זון, מלמד זכות זיין: „שמואל בדורו כיפתח בדורו״.

אָפט איז דער אַלטער טיף רעליגיעזער ר׳ זעליק נישט געווען איינשטימיק מיטן מיזיניק, אָבער ביינאַכט פלעגט דער אַלטער פאָטער אַראָפּגיין פון בעט, אַ קוק טאָן צי דער זון ליגט גוט איינגעדעקט און זיך צוגעהערט ווי אַזוי ער אָטעמט. און סוף כל סוף — שלום געמאַכט מיט אים.

ר׳ זעליק שוחט איז אויך געווען אַ בעל־תפילה. אָן פּרעטענזיעס און אָן שכירות.

אַזוי ראש השנה, יום כיפור, אַזוי אַ גאַנץ יאָר, פון דער פריסטער יוגנט, האָט ער דעם עמוד נישט פאַרלאָזט. די לעצטע יאָרן האָט ער שוין געהאַט זיין שטענדיקן בית המדרש ביי די „שומרים לבוקר״, ווו ער האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון חזן. דערצו האָט ער געהאַט אַ באַזונדערע הנאה, ווען ער פלעגט אויך בין מנחה למעריב לערנען מיט די דאָרטיקע עמך־יידן אַ פרק משניות.

די ערשטע ראשי־הקהל

אברהם לענדער

אברהם לענדער

פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לויצק. פּרעזעס פון דער ערשטער דעמאָקראַטיש־געוויילטער קהילה אין לויצק. פאָרזיצער פון געוועזענעם אַמעריקאַנער דזשוינט־קאָמי־טעט (ד.ד.ק.). אַלס פאָרזיצער פון אַמעריקאַנער קאָמיטעט, פלעגט ער פּערזענלעך אַנטייל נעמען ביים אַרויסגעבן פּעקלעך די אָרעמעלייט. פון דער נאָענטער באַרירונג מיט זיי האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט טיפוס, פון וואָס ער איז געשטאָרבן אין 1921.

סענ. אליעזר דאַל

אליעזר דאל

געבוירן אין יאָר 1876. אוניווערסיטעט־בילדונג פאַרענדיקט אין קיעוו אין יאָר 1900. אין יאָר 1905 באַקומט ער די קאָנצע־סיע אויף זיין אַפּטייק, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז 1939.

זיין טעטיקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן הייבט ער אָן פון יאָר 1910.

ער האָט פאַרנומען פאָלגנדיקע אַמטן: פּרעזעס פון סוחרים־פאַרבאַנד אויף וואָלין, פּרעזעס פון סוחרים־באַנק, דירעקטאָר פון דער שטאָטישער עלעקטראָוניע אין משך פון 6 יאָר, 3־טער פּרעזעס פון דער יידישער קהילה־פאַרוואַלטונג, וויצע־פּרעזעס פון דער האַנדל־אינדוסטרי־קאַמער אין לובלין־לויצק. אין 1928 ווערט ער אויסגעוויילט אַלס סענאַטאָר פון דער פּוילישער רע־פּובליק. דעם אַמט דערפילט ער אין די יאָרן 1928—30. מיטגליד פון שטאָטראַט פון יאָר 1933 אָן. דערמאָרדעט דורך די דייטשן.

קלמן פרישבערג

קלמן פרישבערג

געבוירן אין יאָר 1885 אין לויצק ביי אַן אַלטער סוחרישער פאַמיליע, וועלכע האָט זיך באַזעצט דאָ נאָך אין 13־טן יאָר־הונדערט. געענדיקט די רוסישע גימנאַזיע אין לויצק און שפּע־טער שטודירט יורי אין קיעווער אוניווערסיטעט. קיין דיפּלאָם האָט ער אָבער נישט באַקומען צוליב זיין אַנטייל אין דער דעמאָלדיקער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ער פאַרנעמט פאָל־גנדיקע אמטן: פּרעזעס פון דער יידישער קהילה. לאַנג־יאָריקער פּרעזעס פון סוחרים־פאַרבאַנד אין לויצק. מיטגליד אין דער אַדוואָלאַוועטשע־קאָמיסיע ביי דער פינאַנץ־קאַמער, מיט־גליד פון וואָיעוואָדישן ראָט, מיטגליד פון שטאָטראָט אין אַלע קאָדענצן. פּרעזעס פון דער גימנאַזיע־געזעלשאַפט, פּרעזעס פון שפּיטאָל־קוראַטאָריום.

יידישע ראַטמענער אין לויצקער שטאָטראַט

דוד בערגער

געבוירן אין יאָר 1894 אין האָליטש (קליין־פּוילן), דאָרט באַזוכט אַ מיטלשול, שפּעטער געענדיקט אין ווין אַ העכערע האַנדלסשול (2־יעריקע האַנדלס־אַקאַדעמיע). נאָכן ענדיקן די שול, געאַרבעט דאָרטן אין אַ דעפּאָזיטן־באַנק, שפּעטער — אין דער מינעראַלן־אינדוסטריע. געדינט אין מיליטער און דורכגעמאַכט די מלחמה. אין יאָר 1921 ווערט ער דורך דער זעלבער פירמע דעלעגירט קיין קאַטאָוויץ, ווו ער באַזעצט זיך. נעמט אָנטייל אין דאָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַרבעט מיט אין דער באַקאַנטער פּלעביסציט־קאָמיסיע אין אויבערשלעזיע.

קיין לויצק קומט ער אין די צייטן פון וואָיעוואָדע מעף. האָט חתונה פאַר דער טאָכטער פון באַקאַנטן תבואה־סוחר יעקב באַווערמאַן און שטעלט דאָ אויף זיין פאַמיליע־נעסט. פון יאָר 1929 נעמט ער גאָר אַ טיכטיקן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר אין ל.אָ.פּ.פּ. אייניקע יאָר, אין ים־ליגע, אָרגאַניזירט און פירט אָן מיט דעם וואָלינער האַנטווערקער־פאַראיין, איז פרעזעס פון קרייז קליינהענדלער־פאַראיין, פרעזעס פון „לינת הצדק״ און אַמבולאַטאָריום און אַ געזעלשאַפטלעכער אַפּוטראָפּוס. קאַנדידירנדיק אַלס ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט, באַקומט ער די גרעסטע צאָל שטימען. זיין נאָמען איז געווען פּאָפּולער אויסער לויצק אויך אין די אַנדערע שטעט פון וואָלין.

ער איז דריי מאָל אויסגעצייכנט געוואָרן מיט פּוילישע פאַרדינסט־קרייצן פאַר זיינע לייסטונגען אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט.

צפורה האָוסמאַן

געבוירן אין פּלאָנסק, דערצויגן אין אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער ספערע. געלערנט עקסטערן אין וואַרשע.

אויף וואָלין פון יאָר 1927. צוערשט אין ראָזשישטש און שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר אין לויצק.

צפורה האָוסמאַן

זי ווערט גלייך אַריינגעצויגן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אַלס ראַטמאַן אין ביידע קאַדענצן: אין יאָר 1931 און 1934.

איינצייטיק נעמט זי איבער די אָנפירונג אין דער לאָקאַלער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג אַלס פאָרזיצערין פון הצה״ר, שפּעטער פאָרזיצערין פון דער וואָלינער צענטראַלע. דעם אַמט פון פאָרזיצערין פון לאָקאַלן הצה״ר פאַרנעמט זי ביזן אויסברוך פון קריג. נאָמינירט דורך די דייטשן אין לויצקער יודענראַט. אין אויגוסט 1942 ווערט זי גענומען אַלס ערובניק און ווערט דערמאָרדעט.

דוד כאַיט

פּראָוויזאָר. געבוירן אין לויצק אין יאָר 1882, ביים קאַזיאָנער רב איבערן באַצירק, דעם ערשטן בילדונגס־פּיאָנער אויף וואָלין. נאָכן פאַרענדיקן דעם מיטלען און העכערן שטודיום, פאַרלייגט ער אַן אַפּטייק אין קיווערצי. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט הייבט ער אָן אין די גאָר פריע יאָרן, אַרויסווייזנדיק גרויס רירעוודיקייט. אַזוי האָט ער נאָך אין יאָר 1911 זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש אויף איינצופירן אַ שטאָטישע אויטאָמאָבילן־קאָמוניקאַציע. אָבער איידער וואָס־ווען, איז אונטערגעקומען די מלחמה און ער ווערט פאַרוואָרפן אַלס „בעזשעניעץ״ אַזש קיין ראָסטאָוו אויפן דאָן. אויך דאָרט איז ער אַקטיוו געזעלשאַפטלעך. פון דאָרטן ווערט ער מאָביליזירט אַלס פּראָוויזאָר

דוד כאַיט

אין דער רוסישער אַדמיי און אין דער ראַנגע פון קאַפּיטאַן מאַכט ער דורך די מלחמה. שפּעטער קומט ער קיין לויצק, ווו ער רוקט זיך אַרויס אויף איינעם פון די ערשטע ערטער אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער אָרגאַניזירט דעם וואָלינער הויזאייגנטימער־פאַרבאַנד, שטעלט אויף די אויפבוי־באַנק, אַרבעט אַלס ראַטמאַן אין אַמאָליקן שטאָטישןווירטשאַפטלעכן קאָמיטעט און פון יאָר 1931 איז ער מיטגליד פון שטאָטראַט.

ברוך שרייער

געבוירן אין יאָר 1892 אין לויצק. געענדיקט די 4־קלאַסיקע „גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע״ און דערנאָך געלערנט עקסטערן.

פון יאָר 1928 פירט ער אָן מיט דעם קליינהענדלער־פאַראיין אַלס ביוראָ־לייטער. מיטגליד פון שטאָטראַט פון יאָר 1934.

נפתלי גארטיבעל

געבוירן אין לויצק אין יאָר 1901. געלערנט אין חדר, דערנאָך עקסטערן, און שפּעטער געענדיקט דאָס גימנאַזיום אין לויצק.

פון דער פריסטער יוגנט — אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, פאַרנומען אַ פירנדיקן פּלאַץ אין דער „התאחדות״־באַוועגונג און אַ ריי יאָרן געווען אַ מיטגליד פון פּאַרטיי־ראַט פון „התאחדות״ אין פּוילן.

אין די לעצטע צוויי קאַדענצן — שטאָט־ראַטמאַן פון דער ציוניסטישער ליסטע.

דערמאָרדעט דורך די דייטשע היטלעריסטן.

רעד. שמואל כּאַזאַן

געבוירן אין 1901 אין אַ פֿאַמיליע פֿון שוחטים. באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציונג, גרייטנדיק זיך צו דער ירושה־דיקער מלאכת הקודש, אָבער — זיך אַרויסגעבראָכן „לתרבות רעה", און נאָך 9 יאָר לערנען אין די ישיבות — זיך איבער־געוואָרפֿן צו וועלטלעכער בילדונג, באַזוכנדיק גימנאַזיאַל־קורסן און לערנענדיק עקסטערן.

מיט געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט זיך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען זייער פֿרי, פֿון יאָר 1918, אַלס אָנפֿירער פֿון אַ יוגנטלעכן לעגאַליזירטן „הילפֿס־קאָמיטעט פֿאַר אָרטיקע קינדער און יתו־מים", שפּעטער אַלס לייטער און אינסטרוקטאָר פֿון דער האַנט־ווערקער־באַוועגונג אויף וואָלין.

איינצייטיק זיך פֿאַרנומען מיט זשורנאַליסטיק, פֿריער אַלס קאָרעספּאָנדענט פֿון דער טעגלעכער פּרעסע, דערנאָך אַלס פּובליציסט אין די וואָלינער וואָכנבלעטער. געווען אויך איינער פֿון דער אָנפֿירנדער גרופּע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „שפּראָצונגען".

אין יאָר 1926 פֿאַרלייגט ער די ערשטע לאָקאַלע צייטונג „וואָלין", און פֿון יאָר 1928 — רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פֿון „וואָלינער פּרעסע", קאָרעספּאָנדענט פֿון „מאָמענט", „ראַדיאָ" און פֿון דער „פּ.אַ.ט."־אַגענטור.

פֿאַרנומען פֿאָלגנדיקע אַמטן:

פֿאַרוו.־מיטגליד פֿון וואָלינער אַלגעמיינעם זשורנאַליסטן־פֿאַרבאַנד, וויצע־פּרעזעס פֿון „חשמונאי", פּרעזעס פֿון אַמבולאַ־טאָריום־ראַט ביים „לינת הצדק", סעקרעטאַר פֿון „צענטאָס" און סעקרעטאַר פֿון „אָרט".

אין שטאָטראַט געוויילט אין יאָר 1934.

שׂמחה שלייפֿשטיין

געבוירן אין יאָר 1888 אויף וואָלין אין שטעטעלע דעראַזשנע ביי שטרענג־אָרטאָדאָקסישע עלטערן און באַקומען אַן אָרטאָדאָק־סישע־נאַציאָנאַלע דערציונג. אין יאָר 1902 באַזעצט זיך די משפּחה אין לוצק. אין יאָר 1906 לערנט ער אין אָדעס אַלס עקסטערן. גאַנץ יונג ווערט ער אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פֿאַרנעמענדיק כסדר אַן אָנגעזען אָרט. שרייבט אויך קאָרעספּאָנדענצן אין דעם רוסיש־ציוניסטישן זשורנאַל „ראַזסוויעט".

אין יאָר 1909 באַזעצט ער זיך אין וואַרשע, ווו ער באַטיי־ליקט זיך אויך אין דער ציוניסטישער אַרבעט, וואָס איז דורכ־געפֿירט געוואָרן אין דעם לעגאַליזירטן לאָקאַל פֿון די „חובבי־שפֿת עבר". מיטן אויסברוך פֿון דער מלחמה קומט ער צוריק קיין לוצק. אין יאָר 1915 אַנט־לויפֿט ער מיט דער פֿאַמיליע קיין לודמיר. אין 1919 באַזעצט ער זיך ווידער אין לוצק און ווידמעט זיך ווייטער דער ציוניסטישע און גע־זעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. ער ווערט געוויילט אַלס מיטגליד פֿון ועד, אַרבעט אַקטיוו אין דער „פֿאָלקס־באַנק". סוף יאָר 1924 גרינדעט ער אין לוצק דעם ערשטן קליינ־הענדלער־פֿאַראיין, וועלכער ווערט דורך אים אָדער אונטער זיין השׁ־גחה אָנגעפֿירט.

שמחה שלייפֿשטיין

אין יאָר 1928 שטעלט ער זיך אין די רייען פֿון די רעוויזיאָ־ניסטן. ער ווערט געוויילט אַלס מיטגליד פֿון פּאַרטיי־ראַט און אַלס מפקד הגליל. ווערט נאָמי־נירט דורכן פּוילישן וואָיעוואָדע מעך אַלס ראַטמאַן אין דעם אַזוי גערופֿענעם „מיעיסקי ספּאָלעטשני קאָמיטעט גאָספּאָדאַרטשי" און ווערט געוויילט אין דעם ערשטן שטאָטראַט. אין יאָר 1929 לייגט ער זיין מאַנדאַט אַלס ראַטמאַן און ווערט נאָמינירט אַלס שטאָט־אינטענדענט, דעם אַמט פֿאַרנעמט ער ביז סוף 1933. אין יאָר 1933 ווערט ער ווידער געוויילט אין שטאָטראַט.

אָנהייבנדיק פֿון יאָר 1925 אַרבעט ער מיט כמעט אין אַלע צייטונגען, וואָס דערשיינען אויף וואָלין. באַזונדערס אַרבעט ער אַקטיוו אין „וואָלינער פּרעסע", ווו ער איז אַ מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע.

אומגעקומען אין לוצקער געטאָ.

יוסף וייץ

דודי

לא דמעה תרד עיני, וקולי לא ישמיע נהי... חרש, חרש אשקע בתהום יגונות ושם אתיחד עם דמות־דיוקנו הנאצלת...

מאימתי אזכרהו? עם הפצעת קרני־הכרתי הראשונות מדמדם קלסתר־פניו לפני... בזכרונות ילדותי, בחויות בחרותי ושחרותי הוא משזר, וצעד בצעד בכל דרכי־חיי, צמיחתי וגידולי, הוא מלווני.

...עודני תינוק אי־שם בכפר לא אדע עתה לכנותו בשם. על אזני ילחש. שעה אחת של ערוב יום ששי אזכורה. שבת מלכתא עומדת על מפתן הבית הנקי למשעי, וסבא בקפוטה של אטלס מתכונן לקבלה. והנה שב גם הוא, הדוד, מדרכו. הוא מחבקני; פתאום ראה כי צפרני אינן כשורה והוא ממהר לעשותן, בכוונה ובטיפוח, ואגב יספר משהו מלבב ומושך...

ה. וייץ

גדלתי, והנני בעיירה בורימיל. הדוד גר עתה בביתו הוא, אבל מדי שבת בשבתו הריני אורחו לשעה שאחרי צהרים. הוא בראש השולחן ואני לצדו, והספר „שיחות מני קדם" ליעב"ץ לפנינו. אנו קוראים בו. האח, מה מיטיב הדוד לקרוא ולהסביר! האגדות חיות בפיו המחייך, בעיניו הצוחקות ובקולו המרנן. אני מביט פעם אל הספר ופעם אליו, ואיני יודע מי קורא ממי — הדוד מהספר או הספר מהדוד? והשורות נחקקות בלבי, והתמונות מצטיירות בדמיוני, ועוד מעט וגם אני משיח...

ואהיה לבר־בצוה ויקחני הדוד אליו לעסקי־הריחיים. ריחיים היו על צוארו בליפא הכפר, ויושיבני שם להציב ציוני־מספרים לעגלות החיטים ולמוכריהן, לשקי־הקמח ולקוניהם. השכב גונח והרכב חורק והגלגלים מנסרים ותמרות אבק עולות ומכסות את החלונות ואת הסורגות, את הטוחן הפולני ואת עוזרו היהודי, שזקנו השחור היה מלבין שם בכל יום, וה„ערלים" מקשקשים ומפטפטים, ואף היהודי השותף, מין בעל־גוף, רוטן ומגמגם. הדוד שוקע כולו באבק של קמח, ואני במספרים, והכל מאובק ונאלח. אבל בחוץ נחל שט, מַזרים מימיו בלחש, מטפח על שתי גדות מוריקות קני־סוף מעלי־רשרוש, ודגי־כסף מרצדים בתוכו, וצפרים מקננות בסבך ענפי־הערבות המשתקפים בו בירק פז. ובהעיף הדוד עינו בעולם־יה זה — והנה פרח האבק הלבן, חדל הקשקוש המטריד, עיניו הוארו ובת־צחוקו ברוכת־הטוב והחסד משתפכת על פניו. ויוציא מצקלונו את חוברת „השלוח" האחרונה וישימנה לפני על הפנקס, גדוש המספרים המאובקים, והריהו מתהלך בחדר וקורא בקול ובהטעמה:

אֲנִי יוֹדֵעַ יַעַר, וּבַיַּעַר
אֲנִי יוֹדֵעַ בְּרֵכָה צְנוּעָה אַחַת:
בְּצִבְעֵי־הַחֹרֶשׁ, פְּרוּשָׁה מִן הָעוֹלָם,
בְּצֵל שֶׁל־אַלּוֹן רָם, בְּרוּךְ־אוֹר וּלְמוּד־סַעַר,
לְבַדָּהּ תַּחֲלֹם לָהּ חֲלוֹם עוֹלָם הָפוּךְ.
וְתִדְאַג לָהּ בְּחַשַׁאי אֶת דְּאַג־זָהָבָהּ
וְאֵין יוֹדֵעַ מַה־בִּלְבָבָהּ...

והתמונה מופיעה חיה, בכליל שלימותה. אני רואה את היער ואת הבריכה. ממש. אני מהלך בצל אילנותיו, ובריכה צנועה זו מתגלית לפני מתוך עיניו הבהירות של הדוד, ואת הגיגי היער אני מאזין מתוך קולו הרך של הדוד, והוא כולו עטור שכינת השירה, כאילו הוא הוא המשורר המדובב את היער ואת הברכה אשר —

לְבַדָּהּ תַּחֲלֹם לָהּ חֲלוֹם עוֹלָם הָפוּךְ...

ונדמה לי, שהוא מדובב גם אותי, כי הנה גם נפשי התחילה לומר שירה...

הנני בחור חולם חלום שיבת־ציון, וידו אינה זזה מידי; כי חלום זה הוא חלומו וממנו ינקתיו. נשמת המשורר שבו, שקיננה במעמקי־הויתו ודרשה ממנו את ביטויה ואת ניבה, כאילו מצאה את תיקונה בחלום־ציון, בשאיפה לחיי שדה וכרם שטופי־אור וזוהר רב אשר יהיו בארץ־האבות. הוא ראה הכל בעיני הוזה, שהדמיון והמציאות משמשים אצלו בערבוביא, ומי שעמד במחיצתו לא יכול היה שלא לקבל ממנו השפעת הזיה, עד כדי לנסות להגשימה ולהפכה למציאות.

ואני נסיתי. וכשהדוד העניק לי ברכותיו לדרכי היו עיניו מבריקות בהוד נאצל. נשמתו, שטבלה במעין־השירה, צהלה מתוך חלום הזוהר — שאליו ערג... אבל הוא נשאר שם, בעולם המציאות העכורה...

מרחקי־ימים ושנים הפרידו בינינו, אבל מכתביו היו ספוגים הדי־לבבו הפועם מתוך הזיה ושירה. בהם מצאה לה ביטוי נשמת המשורר, החולם, העורג ונכסף כיסופי־יופי אל מרחבים, שדות פורחים ושמים תכולים. תחילה תכופים המכתבים, ואחר הויה בהם יד הזמן והם מתמעטים והולכים, אבל בלבי נשארת תמונת הדוד, המשורר, החולם, העורג ונכסף כיסופי־יופי, מרחבים, שדות פורחים ושמים תכולים.

ח. ויץ בצעירותו

ושוב פגשתיו. אחרי שתי עשרות שנות פרידה. ולא כאן בארץ הזוהר ורקיע התכול, אלא שם בעירה הנאלחה והמדוכאה. בבוקר סגריר ונוטף קדרות, שעמום, וחוסר־ישע, נשקף אלי דרך חלון־הקרון — וראהו. נצבט הלב. הפנים — פניו קומטו, אבל כשהבטתי בעיניו — ורווה. אותן העינים הצוחקות. וראה פלא: בבין־השפתים שוכנת בת־הצחוק ברוכת הטוב והחסד, הנדיבות והסליחה...

עוד העינים מדובבות חלום, אבל הוא שקע במ״ט שערי שטרות ועסקים, דאגות־בית וטרדות־חוץ. הגב שח מעול המעמסה, והעינים! אך העינים חולמות. מה? מהו החלום המשתקף עתה בהן?

באותם הימים הספורים שהתהלכתי שוב במחיצתו והקשבתי אל שיחתו והתבוננתי אל עיניו, נצנץ אלי פעם הפתרון: באחד הבקרים שמעתיו כאילו הוא מלחש לעצמו:

...וּבַיַּעַר

אֲנִי יוֹדֵעַ בְּרֵכָה צְנוּעָה אַחַת...

לְבַדָּהּ תַּחֲלֹם לָהּ חֲלוֹם עוֹלָם הָפוּךְ...

וְאֵין יוֹדֵעַ מַה־בִּלְבָבָהּ...

האם לא בבחינת הבריכה הצנועה הזאת — הדוד? חי הוא בעולם זה, עולם העסקים, הדאגות המכבידות, הטרדות המעיבות, בעולם חסר אור ומרחב, בעולם של מדמנה למטה ושמים טעונים חשרת־עבים למעלה, אבל לבדו יחלום לו חלום עולם הפוך...

וְאֵין יוֹדֵעַ מַה־בִּלְבָבוֹ...

לא זה העולם המוחש הוא עולמו, אלא העולם ההפוך ממנו, העולם שאליו תכמה נפשו, ועל כן כה עצוב הנהו — — —

— — — ושוב הגיעה שעת פרידה. בין עשרות אנשים קרובים שבאו ללוותי מתהלך הדוד לצדי. הוא שחוח. ואין פלא. תמיד השמים שם כה נמוכים, רובצים כה בקדרותם. גם בוקר זה סגריר הוא. הדוד מעונה ומדוכא. אני מביט בעיניו. ניצוץ החלום איננו. כבה. לוקח אני את ידו לפרידה ולוחש לו.

— דודי, דוד. אני רוצה לראותך עוד פעם, אבל שם, שם בעולם ההפוך, בעולם חלומותיך... הבריק הניצוץ, אך דוק לח כיסה עיניו, שנינו בכינו. האם ניבא הלב משהו רע?

וכעבור שנתים — ודודי איננו...

לא דמעה תרד עיני וקולי לא ישמיע נהי. חרש, חרש אני שוקע בתהום־יגונות, ושם אני מתיחד עם דמות־דיוקנו הנאצלה...

ירושלים, כסלו תרצ״ג

דער רב ר׳ מעכעלע

איינע פון די שענסטע און איידלסטע געשטאַלטן פון דער רבנישער וועלט בכלל און פון לויצק בפרט, איז, בלי ספק, געווען רב מעכעלע דער רב. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, יום ולילה געזעסן על התורה ועל העבודה, פאַרטיפט אין ספרים, קייענדיק די שפּיצן פון זיין זיידענער באָרד. ער האָט געלערנט מיט אַ זעלטענער שיינער שטימע און מיט התלהבות. פון אונטער זיינע דיקע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט צוויי קליינע אויגן, וואָס האָבן געשטראַלט מיט חכמה. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע זיידענע קאַפּאָטע, איפן קאָפּ אַ שטריימל, קורצע שיך אין ווייסע, לאַנגע זאָקן.

גייענדיק שבת אַהיים פון דער טריסקער שול, אין באַגלייטונג פון פיל חסידים, פלעגט ער וועקן אַכטונג ביי אַלע אַרום.

רב מעכעלע פלעגט זיצן אין זיין חדר ביז האַלבער נאַכט ביי זיין שרייב־טיש און שרייבן חידושי־תורה און דעמאָלט האָט ער באמת אויסגעזען ווי אַ מלאך. ער האָט מחבר געווען אַ ריי ספרים.

די רביצין, אַ הויכע שטאָלצע שיינע פרוי, מיט אַ ליבן שמייכל אויפן איידעלן געזיכט, פלעגט בנעימותדיק אויפנעמען די מענטשן, אָדער די קינדער, וועלכע פלעגן קומען מיט אַ שאלה צום רב. זי פלעגט יעדן אויספרעגן וועגן דער פאַמיליע און דערנאָך צוגיין צום רב און פאָרשטעלן: דעמס און דעמס קינד, אָדער אייניקל, איז געקומען מיט אַ שאלה. דער רב פלעגט דאַן זיינע אויגן פון ספר נישט אַרויסנעמען, זאָגן דער רביצין, זי זאָל איבערפרעגן ס׳קינד, וואָס און ווי אַזוי ס׳האָט פּאַסירט, און נאָך אַ צייט פלעגט ער, רעדנדיק צו דער רביצין, זאָגן: רביצין, ס׳איז כשר, אָדער: רביצין, ס׳איז טריפה.

ס. באַרדיטש־גאָלדבערג

יעקב גראָבשטיין

יעקב גראָבשטיין איז זייט יאָר 1924 געווען דער צווייטער חזן פון דער גרויסער שטאָט־שול. די לויצקער יידישע באַפעלקערונג האָט אים זייער גוט געקענט אַלס ערלעכן און אָנשטענדיקן מענטשן. מענטשן פלעגן אָפט קומען צו אים נאָך אַן עצה. ער פלעגט זיך שטענדיק פאַרנעמען מיט העלפן די נויטבאַדערפטיקע. כמעט אַלע טאָג פלעגן קומען צו אים סוחרים, ער זאָל זיי אויסגלייכן אין זייערע סיכסוכים.

נישט געקוקט דערויף, וואָס זיין אייגענע פּרנסה האָט נישט געהערט צו די איבעריק וואַזשנע, איז פאַר אים קיינמאָל נישט שווער געווען זיך אָפּצוגעבן מיט כלל־טועריי פאַר נויטבאַדערפטיקע יידן.

ער איז געווען אַ ייד אַ פרומער, אַ למדן, אָבער נישט קיין פאַנאַטיקער. ער האָט געהאַט אַ געזונטן חוש פאַרן לעבן, איז שטענדיק געווען אַ פריילעכער לוסטיקער מענטש, אַ מענטש מיט אַ נישט־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זיין לעבנס־שטייגער האָט מיר געגעבן זייער פיל מוט אויסצוהאַלטן אַלע מיינע שווערע ליידן און איבערלעבונגען אין די היטלעריסטישע לאַגערן. סיי יונג און סיי אַלט האָבן גערן מיט אים געוואָלט זיצן און פירן אַ געשפּרעך. זיינע געשפּרעכן זענען געווען אינטערעסאַנטע, טיפע לויטן אינהאַלט. ער איז שטענדיק געווען פול מיט לעבן און הומאָר. ס׳איז באמת שווער צו געפינען ביים היינטיקן טאָג אַזעלכע מענטשן!

ליידער ווייס איך נישט ביזן היינטיקן טאָג אין וועלכן טאָג און חודש ער איז אומגעקומען פון די היטלער־מערדער.

משה גראָבשטיין

יעקב סימאַ

צווישן די אָנגעזעענסטע געשטאַלטן פון ציוניסטיש־רעליגיעזן לאַגער אין לויצק האָט פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט יעקב סימאַ.



יעקב סימאַ

נאָך אין יאָר תרפ״א — 1921 איז ער געווען פון די איניציאַטאָרן און גרינדער פון דער מזרחי־באַוועגונג אין שטאָט. אין יאָר תרצ״ג — 1933 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון „מזרחי״. אָט דעם אַמט האָט ער אויסגעפירט ביז דער ליקווידאַציע פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין 1939, ווען די סאָוויעטן זענען אַריין קיין לויצק.

יעקב סימאַ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס בקיאות סיי אין די הייליקע ספרים און סיי אין דער נייער העברעישער ליטעראַטור. אויב זיין וויסן פון תלמוד האָט ער באַקומען אין חדר — האָט ער די וועלטלעכע העברעישע שאַפונגען און די ציוניסטישע ליטעראַטור געלערנט אַליין און בסוד — דאָס איז דאָך געווען טריף־פּסול ביי פרומע יידן. אויך צו די קענטענישן פון רוסיש און פויליש איז ער דערגאַנגען ווי אַן אויטאָדידאַקט. עס איז געווען באַוווסט זיין פּערפעקטע קענטעניש פון דער העברעישער שפּראַך.

דאָס בעסטע פון זיין צייט און פעיקייט האָט ער אָפּגעגעבן פאַר דער ציוניסטיש־רעליגיעזער באַוועגונג. ער האָט זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט אין אַ ריי לאַנד־קאָנפערענצן פון „מזרחי״. ער איז געווען אַ שטילער מענטש און אַן עניו און אויסגעמיטן כיבודים, אָבער ער איז תמיד גרייט געווען אָנצונעמען די אויפגאַבעס, וואָס זענען אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט.

ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין קאָמיטעט פון דער גמילת־חסדים־קאַסע, אין אויפזיכטס־ראַט ביי דער תלמוד־תורה א. א.

יעקב סימאַ האָט געהאַט אַ בכבודיקע און פעסטע פּאָזיציע

ביים כלל סוחרים אין שטאָט, נישט אַזוי צוליבן אומפאַנג פון זיינע געשעפטן, נאָר צוליבן אָפּהיטן די פּרינציפּן פון ערלעכקייט, פּינקטלעכקייט און צוטרוי. אין זיין מסחר־טעטיקייט האָט ער זיך נישט באַנוצט מיט געשריבענע אָפּמאַכן און וועקסלען, נאָר בלויז מיט זיין וואָרט, וואָס ער האָט תמיד פּינקטלעך אויסגעפירט. צוליב אָט דער אייגנשאַפט האָט ער גענאָסן אין שטאָט פון אַן אומבאַגרענעצטן קרעדיט.

זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר יעדן, וואָס האָט זיך גענייטיקט אין הילף אָדער אין אַן עצה. ער האָט בייגעשטייערט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן און פאַר די פאַרשידענע הילפסאינסטיטוציעס, און געטאָן האָט ער עס שטענדיק מיט אַ ברייטער האַנט.

זיינע קינדער האָט ער דערצויגן אין טראַדיציאָנעלן גייסט און אין דער שטרעבונג עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. אין משך פון יאָרן האָט ער זיך געגרייט עולה צו זיין מיט דער משפחה קיין ארץ־ישראל, אָבער דער חורבן איז געקומען פריער. צוזאַמען מיט זיין פרוי און עלטסטער טאָכטער איז ער אומגעקומען אין לויצק.

זיין לויטערע געשטאַלט לעבט אין אָנדענק פון די לויצקער יידן.

יונה פרידמאַן

יונה פרידמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1894 ביי רייזע און יעקב פרידמאַן. ווען זיינע עלטערן זענען געשטאָרבן אין פריען עלטער איז יונה געבליבן נישט בלויז פירער פון געשעפט, נאָר אויך דער יועץ און אַפּוטרופּוס פון דער גאַנצער משפחה.

זיין מאַטעריעלע מערכה האָט ער זיך דערוואָרבן נישט צוליב אַ מזלדיקן צופאַל, אָדער פאַרדעכטיקע טראַנזאַקציעס, נאָר דווקא צוליב זיין ערלעכקייט און ענערגיע. יונה פרידמאַן איז געווען באַקאַנט ווי אַ מענטש, וואָס איז גרייט מקריב צו זיין זיינע פּערזענלעכע און מאַטעריעלע נוצן לטובת דעם פּרינציפּ פון יושרדיקייט.

יונה פרידמאַן

צוליב אָט דער פּערזענלעכער מעלה זיינער איז יונה פרידמאַן געווען אָנגעזען און באַליבט נישט בלויז ביי דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך ביי דער פּוילישער מאַכט אין שטאָט. אין יאָר 1933, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן אַלץ שטאַרקער אַרונטערצורייסן די עקאָנאָמישע באַזע פון יידן און צו דערשטיקן זיי מיט דער הילף פון אומבאַגרינדעטע שטייערן, איז יונה פרידמאַן געווען איינער פון די געציילטע אָנערקענטע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן יידן, באַדראָטע פון מאַטעריעלן חורבן. ער איז נישט געווען קיין שתדלן און תחנונים־בעטער, נאָר ער האָט אויפגעוויזן דער מאַכט, אַז זייער פּאָליטיק וועט ברענגען עקאָנאָמישן שאָדן דעם גאַנצן לאַנד און נישט בלויז דער יידישער מינדערהייט. און מיט זיין אייזערנער לאָגיק איז אים נישט איין מאָל געלונגען איבערצוצייגן די פּוילישע מאַכטהאָבער.

אין יענע טעג פלעגן אָפט קומען צו אים פאַרדאגהטע און פאַרווייַנטע יידן, זיי זענען אָבער אַוועקגעגאַנגען דערמונטערטע נאָך זיין אַרויסגעוויזענער הילף. זיינע אינטערווענצן פאַר יחידים האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קאַמף פאַר דער אונטערדריקטער יידישער מינדערהייט אין פּוילן.

ער האָט נישט געדרשנט פאַר אַנדערע, נאָר אַליין געטאָן וואָס ער איז געווען ביכולת. ער האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט פאַר אַלע צדקה־אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטלעכע פאָנדן און ער האָט באַקומען אַ שם אַלס נדבן מיט אַ ברייט האַרץ. אָט דער שטריך איז אויך געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה.

אָבער נישט בלויז מיט אַרויסווייזן מאַטעריעלע הילף האָט זיך אויסגעצייכנט יונה פרידמאַן. צו אים פלעגט מען קומען זיך באַראַטן אין פאַרשידענע ענינים און מיט בקשות אויסצוגלייכן מחלוקתן.

ער איז געווען בטבע אַ באַשיידענער מענטש. אַ לאַנגע צייט האָט ער אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג צו ווערן דער ראש־הקהילה אין שטאָט. ערשט בעתן קריזיס אין די יאָרן 1933—1934 האָט ער בלית ברירה מסכים געווען צו שטעלן זיך בראש פון דער ציוניסטישער ליסטע. דער דערפאָלג איז געווען אַ גרויסער: די מערהייט יידן — ציוניסטן און נישט־ציוניסטן, רעליגיעזע און פריידענקער — האָבן געשטימט פאַר אים. אָבער צוליב די נישט ערלעכע מאַנעווורעס פון זיינע קעגנער אין די וואַלן, איז ער געצוווּנגען געווען צו רעזיגנירן.

זיין מאַטעריעלער ווױלשטאַנד האָט אים קיינמאָל נישט פאַרבלענדט די אויגן און ער האָט תמיד געחלומט זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל, און דווקא אויפן דאָרף, כדי צו פאַרנעמען זיך מיט פראַצע פון די אייגענע הענט. ער האָט אָבער נישט פאַרויסגעזען באַצייטנס דעם אויסברוך פון דער מלחמה. זיין פרוי בעלאַ און די זין ישעיהו און יעקב געפינען זיך איצט אין ישראל, אָבער ער אַליין האָט דערצו נישט זוכה געווען. ער איז אומגעקומען ערגעץ־ווו אָן צו קומען צו קבר ישראל.

זיין אָנדענק וועט בלייבן טייער פאַר אַלע די, וואָס האָבן אים געקענט און פאַרערט.

יהושע בערגער

די גרעסטע פאַרדינסטן אויפן פעלד פון העברעישן שול־וועזן אין לויצק דאַרפן פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון דעם ציוניסטישן עסקן יהושע בערגער, וועלכער איז געווען דער פאַקטישער גרינדער פון דער תרבות־שול, נישט נאָר אין לויצק, נאָר אין פיל שטעט פון וואָלין.

נאָך ווייט פאַר דער מלחמה, אין יאָר 1903, ווידמעט ער זיך שוין, לויטן אויפטראַג פון דער ארץ־ישראלדיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַקאַנט אַלס אָדעסער קאָמיטעט, דער געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלער אַרבעט. אין יענער צייט האָט ער געגרינדעט די עלעמענטאַרע העברעישע שול אין לובאַטשעווקע (וואָלין).

אין 1907 ווערט יהושע בערגער דעלעגירט, דורך דעם צענטראַלן ציוניסטישן קאָמיטעט אין ווילנע, אויף וואָלין אַלס איר פאַרטרויענס־מאַן און אין יאָר 1914 באַזעצט ער זיך אויף סטאַביל אין לויצק, וווּ ער אַנטוויקלט אַן אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע און אינטענסיווע ציוניסטישע טעטיקייט. אין יאָר 1919 ווערט ער באַפולמעכטיקט דורך דער אוקראַיִנישער מאַכט צו אָרגאַניזירן די יידישע קהילה אין לויצק. אין דער דאָזיקער קהילה פאַרנעמט ער דעם אַמט פון וויצע־פּרעזעס (ביזן יאָר 1926).

אין יאָר 1918 גרינדעט י. בערגער די תרבות־שול, וואָס האָט עקזיסטירט ביזן אויסברוך פון קריג. דער שול־אַרבעט ווידמעט זיך י. בערגער מיטן גאַנצן ברען — און ווען ס'ווערט לעגאַליזירט אין פוילן די „תרבות"־געזעלשאַפט, גרינדעט ער, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע טרייע עסקנים, די גאַנצע נעץ פון תרבות־שולן איבער פיל שטעט פון וואָלין.

י. בערגער האָט געהערט צו די טיכטיקסטע יידישע כלל־טוער אויף וואָלין. ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון פאַרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לויצק, פּרעזעס פון „תרבות", פּרעזידיום־מיטגליד פון קרן־קימת און קרן־היסוד אין לויצק, מיטגליד פון דער וואָלינער „צענטאָס"־צענטראַלע אויף וואָלין, מיטגליד פון ציוניסטישן פּאַרטיי־ראַט און פון הויפּט־ראַט פון דער „תרבות"־געזעלשאַפט אין פוילן.

געבוירן איז ער אין יאָר 1888 אין שטעטל לובאַטשעווקע אויף וואָלין. זיין יודאַיִסטישע און אַלגעמיינע בילדונג האָט ער באַקומען אין אָדעס.

יהושע בערגער, זיין פרוי דינה — אַ לערערין פון תרבות־שולע — און זיין יינגערער זון חנניה זענען אומגעקומען אין געטאָ לויצק.

חיה רחל קרוינשטיין

געווען זייער טעטיק אויפן פילאַנטראָפּישן געביט און געהאָלפן פיל אָרעמעלייט. אַדאַנק איר איניציאַטיוו איז אויפגעבויט געוואָרן די תלמוד־תורה מיט מאָדערנע איינריכטונגען. זי האָט ספּעציעל געבראַכט שניצערס פון ווילנע אויף אויסצושניצן דעם ארון־קודש פאַר דער שול. ביי דער דערעפענונג פון דער תלמוד־תורה האָט זי געטיילט מתנות פאַר אַלע קינדער.

אליעזר פּטיץ (אבר"י)

אליעזר בן ר' יצחק פּטיץ איז געווען דער מחבר פון „תולדות היהודים בלוצק", וואָס איז איינגעשריבן געוואָרן אין פּנקס פון דער גרויסער שול אין יאָר 1886. ער איז פון אָנהייב געווען אַ משכיל פון מענדעלסאָנס שול, אַ לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון „המליץ", וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע אַרבעטן אונטערן נאָמען אבר"י (ראשי־תיבות פון אליעזר בן יצחק).

אליעזר פּטיץ

מיט גרויסע שוועריקייטן אָבער מיט אַן אומגעהויערער עקשנות האָט אליעזר פּטיץ דערוואָרבן זיין בילדונג און געזעלשאַפטלעכע מערכה. ער האָט זיך דערצויגן ביי זיין פרומען זיידן אין ראַדזשיווילאָוו, וועלכער האָט נישט דערלאָזט אַז זיין אייניקל זאָל לייענען די אַפּיקורסישע וועלטלעכע ביכער. נישט געקוקט אויף די שטערונגען איז אליעזרן דאָך געלונגען צו באַקומען דאָס סאַמע נויטיקע וויסן און ער איז געוואָרן אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון משה מענדעלסאָנס פרייע אידעען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געווען אַ הייסער ציוניסט און העברעיסט.

באַקאַנט איז אליעזר פּטיצס איבנדערמאַנטע אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין לויצק. ווען אליעזר פּטיץ איז אַלט געווען 18 יאָר זענען צו אים געקומען די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים פון שטאָט מיט דער בקשה, אַז ער זאָל אייגנהענטיק אַריינשרייבן אין פּנקס פון דער גרויסער שול אַ גרעסערן פּראַגמענט פון זיין אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון לויצק און פון דאָרטיקן יידישן ישוב. צוליב דער מורא, אַז די ערשטע זייטלעך פונעם פּנקס קאָנען פאַרניכטעט ווערן — האָט מען די אַרבעט פאַרשריבן אין מיטן פון פּנקס. דאָרט איז זי געוואָרן פאַרהיט אין משך פון 53 יאָר, ביז דער פּנקס איז אומגעקומען — צוזאַמען מיט דער שול — אין יאָר 1942. אין יאָר 1933, צו דער יאָרצייט פון אליעזר פּטיצס טויט, איז די אַרבעט דערשינען אין אַ פּוילישער איבערזעצונג.

אַן אויספירלעך אַרטיקל וועגן דעם לעבן און דער טעטיקייט פון א. פּטיץ, ווי אויך וועגן דער באַדייטונג פון זיין געשיכט־

לעכער אַרבעט — האָט אָנגעשריבן דער עטאַטאָוועד רב פון דער שטאָט לויצק משה גליקליך. דער אַרטיקל איז געווען פאַר־עפנטלעכט אין דער לויצקער ליטעראַרישער צייטשריפט „זניטש" און אויך אין אַנדערע וואַרשעווער ליטעראַרישע צייטשריפטן.

צוליב די פאַרגרעסערטע דאגת פרנסה אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען אליעזר פּטיץ איז געוואָרן אַ מטופּל פון אַ גרויסער משפחה — איז ער געוואָרן איינער פון די ערשטע אינדוסטריע־לער אין שטאָט. ער האָט אויסגעבויט אַ מיל ביי דער קראַסנער בריק און געווען אַ פּיאָנער פון מיל־וועזן אין לויצק.

ווי אַ מוסטערהאַפטער פאָטער האָט ער געזאָרגט, אַז אַלע זיינע קינדער זאָלן באַקומען אַ גוטע דערציונג און הויכע ביל־דונג. פון אַלע קינדער איז געבליבן בלויז אַרכיטעקט מיכאל פּטיץ, וועלכער לעבט איצט אין ישראל. אַלע איבעריקע זענען אומגעקומען.

דער עלטסטער זון, סטאָמאַטאָלאָג ד"ר עמנואל פּטיץ אין פּראָג, דער צווייטער זון, רענטגענאָלאָג ד"ר דוד פּטיץ אין לויצק, דער דריטער זון יעקב און די איינציקע טאָכטער סאָניע — זענען צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

יעקב קאַטליאַר

יעקב בן ר' אלכסנדר קאַטליאַר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אַקטיווער און איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער טעטי־קייט, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן אין יאָר 1916. דעמאָלט האָט ער צוזאַמען מיט י. גיטערמאַן אָרגאַ־ניזירט און אָנגעפירט אַלס וויצע־פּאַרזיצער דעם הילפס־קאָמיטעט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געליטן פון די מל־חמה־געשעענישן. (די טעטיקייט פון דעם־אָ קאָמיטעט ווערט גע־נוי באַשריבן אויף אַן אַנדער אָרט אין דעם ספר). יעקב קאַטליאַר האָט זיין אויפגאַבע אויסגעפירט מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט. כמ־עט אין יעדן פאַל האָט ער זיך פּערזענלעך פאַרבונדן מיטן נצרך, וואָס האָט זיך געווענדט נאָך הילף צום קאָמיטעט. אַ סך צייט האָט ער אויך אָפּגעגעבן פאַר דעם יתומים־הויז, וואָס דער אויבנדערמאָנטער קאָמיטעט האָט געשאַפן.

יעקב קאַטליאַר

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען ס'איז איבער־געריסן געוואָרן די הילף פון רוסישן יידנטום, האָט יעקב קאַטליאַר, צוזאַמען מיט אַ גרופּע מיטגלידער פונעם קאָמיטעט, געווענדט זיין טעטיקייט אין אַן אַנדערער געזעלשאַפטלעכער ריכטונג. ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון די גמילת־חסדים קאַסעס ביי די שולן און בתי־מדרשים. אָט די ג"ח־קאַסעס האָבן אַרויסגעגעבן אָנפּראַצענטיקע הלוואות צו די קליינהענדלער און האַנטווערקער. אין יענע עקאָנאָמיש שווערע צייטן איז דאָס געווען אַ באַדייטנדיקע הילף פאַר אָט דעם שיכט פון דער לויצקער יידישער באַפעל־קערונג. אויף דעם דאָזיקן געביט איז יעקב קאַטליאַר געווען טעטיק ביז ער איז נפטר געוואָרן — אין יאָר 1932.

יעקב קאַטליאַר ז"ל וועט אויף שטענדיק פאַררעכנט ווערן אַלס איינער פון די איידלסטע און שענסטע געשטאַלטן, וועלכע דאָס יידישע לויצק האָט אַרויסגעגעבן.

כבוד זיין אָנדענק!

ד"ר פרידמאַן פעמאָוו

איינער פון די פּאָפּולערסטע דאָקטוירים און געזעלשאַפט־לעכע טוער אין לויצק. אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן אין קיעוו, וווּ ער האָט געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. די ערשטע וועלט־מלחמה מאַכט ער דורך אַלס מיליטער־דאָקטאָר אין דער אַרמיי. אין יאָר 1916 קומט ער אָן מיט זיין מיליטערישער טייל קיין לויצק, ווו ער ווערט אַקטיוו אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער אַרבעט אַלס דאָקטאָר אין דאָן אַנטשטייענדיקן פּרויען־פאַראיין און אין דער אַמבולאַטאָריע פון „אָזע". ווערט געוויילט אַלס וויצע־פּרעזעס פון דער ערשטער דעמאָקראַטיש־געוויילטער קהילה, און שפּעטער — אַלס פּרעזעס. ער איז אויך מיטגליד אין דעמאָלטדיקן אַמעריקאַנער קאָמיטעט אויף העלפן די יידישע נויטבאַדערפטיקע.

זינט דער גרינדונג פון יידישן שפּיטאָל אַרבעט ער דאָרט אַלס אָרדינאַטאָר, און פון יאָר 1929 ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען הויפּט־דאָקטאָר פון דעם שפּיטאָל.

ד"ר פרידמאַן פעמאָוו

ד"ר פעמאָוו איז אויסער דעם געווען שטענדיקער דאָקטאָר פון דער יתומים־געזעלשאַפט, אָנפירנ־דיקער מיטגליד אין דאָקטוירים־פאַרבאַנד, ראַט־מיטגליד פון דער לובלינער דאָקטוירים־קאַמער, פּרעזעס פון דער צענטראַלער ליי־באַנק, ערשטער פאַרזיצער פון „אָרט", פּרעזעס פון „צענטאָס" אין לויצק און מיטגליד פון דער וואָלינער צענטאָס־צענטראַלע.

אברהם גליקליך

ר׳ אברהם בן שמעון גליקליך איז געווען אַ פאַרמעגלעכער אינדוסטריעלער און געווען זייער טעטיק לטובת דער יידישער באַפעלקערונג אין לויצק. געווען מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג ביי דער גרויסער שול, און שפּעטער — איר פּרעזעס. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון באַנייען די שול. עס זענען געמאַכט געוואָרן נייע שיינע בענק און עס איז איינגעמויערט געוואָרן אויף דער וואַנט אַ מאַרמאָר־טאָוול מיט דער אויפשריפט, אַז די געביידע איז דער יידישער קהילה געשענקט געוואָרן אויף אַ שול דורך דעם קעניג זיגמונט דעם דריטן.

ר׳ אברהם גליקליך איז אויך געווען צווישן די גרינדער און אַקטיווער טוער פון יידישן שפּיטאָל.

אברהם גליקליך

ד״ר מ. ראפאלאווסקי

איינער פון די גרינדער פונעם יידישן שפּיטאָל אין לויצק. געווען אויך צווישן די גרינדער פונעם ספּאָרט־קלוב „חשמונאי״.

משה גליקליך

ציוויל־ראַבינער. פיל יאָרן מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון דער גרויסער שול. איינער פון די גרינדער פון דער יידישער גימנאַזיע אין לויצק. אָפט פאַרטרעטן די יידישע באַפעלקערונג ביי דער מאַכט. געשריבן אַרטיקלען אין דער פּרעסע.

משה גליקליך מיט זיינע קינדער אורי און ליובע

משה קיפּערמאַן

עסקן. פיל יאָרן געווען פּרעזעס פון לינת־הצדק און פון הכנסת־אורחים אין לויצק. אָפּגעגעבן אַ סך צייט און מי פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

וואָלף שניידער

אייגנטימער פון איינציקן יידישן בראָוואַר אין לויצק. נאָמינירטער מיטגליד אין שטאָטישן ווירטשאַפטלעכן קאָמיטעט, מיטגליד פון די וואַל־קאָמיסיעס צו די סיים־וואַלן.

מיטגליד פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, מיטגליד פון שפּיטאַל־קוראַטאָריום. געשטיצט אַ ריי יידישע אינסטיטוציעס אין שטאָט, אַרויסגעוויזן אינטערעס און געהאָלפן דער ספּאָרט־געזעלשאַפט „חשמונאי" און דער אָרטיקער פּרעסע.

יעקב באַקשט

נאָכן ענדיקן דעם יורידישן פאַקולטעט פון קיעווער אוניווערסיטעט הייבט ער דאָרט אָן פּראַקטיצירן אַלס אַדוואָקאַט. קיין לויצק קומט ער אין יאָר 1921. פאַרנעמט די אַמטן פון וויצע־פּרעזעס אין דער קהילה, יוריסקאָנסולט פון הויזאייגנטימער־פאַראיין, ראַטמאַן אין שטאָטראַט און אַקטיווער מיטגליד אין אַ ריי אַנדערע אינסטיטוציעס פון לויצק.

געשטאָרבן אין יאָר 1937.

אהרון מייזער

ער איז געווען אַ גוטער און האַרציקער מענטש, פריינדלעך ווי אַ ברודער צו יעדן איינעם, אַ פריילעכער מיט אַ שטיפעריש געמיט. ער האָט אומעטום געזען דאָס ליכטיקע און ער איז פול געווען מיט פּקחות און פאַרשטאַנד. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי צו אַנטפּלעקן דאָס לעכערלעכע און צו באַווייזן עס אויף אַ זייער געלונגענעם אופן. ער האָט פאַרמאָגט די וווּנדערלעכע פעיקייט צו פאַראייניקן ערנסטקייט און ישוב־הדעת מיט אומשולדיקער קינדערישער שטיפערישקייט.

ער איז געווען אַ מענטש פון געוואָגטער איניציאַטיוו, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אויך אין האַנדלס־ענינים. ווען ער האָט געהאַט מזל אין מסחר (ער איז געווען פון די גרויסע וואַלד־סוחרים אין דער געגנט) איז ער נישט געווען קיין איינרייסער, נאָר ער האָט צוגעצויגן צו זיינע געשעפטן נאָך אַנדערע מענטשן, אין וועלכע ער האָט אייגנטלעך זיך נישט גענייטיקט. ער האָט זיך באַצויגן מיט פריינדלעכער פּשטות צו אַלע זיינע אָנגעשטעלטע און געווען ביי זיי זייער באַליבט. ער האָט אַ סך מענטשן געהאָלפן מאַטעריעל — מערסטנטייל אויף אַ באַהאַלטענעם, שטילן אופן.

מרים באַרזאַך

מיין קוזינע מרים־ביילע איז געבוירן געוואָרן אין לובלין. אירע עלטערן, חיים־נחמן און שרה ליבערט, האָבן געהערט צו די מיוחסדיקע משפּחות פון דער שטאָט. זי האָט באַקומען אַ טיף רעליגיעזע דערציונג. אין זייער הויז האָט אויך געהערשט אַ ציוניסטישע אַטמאָספערע. די עלטערן פלעגן אַ סך שפּענדן פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן.

מרים־ביילע האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע. אויסער דעם האָבן איר די עלטערן געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיפן אין דער יידישער טראַדיציע. זי האָט געהאַט אַ ספּעציעלן לערער אויף תנ״ך און עברית. שוין אין די יונגע יאָרן נעמט זי אָן אַקטיוון אָנטייל אין דער געזעלשאַפטלעך־ציוניסטישער טעטיקייט. זי דערלערנט גרינטלעך די העברעישע שפּראַך און זי קען פריי אַרויסטרעטן אין עברית אויף פאַרזאַמלונגען.

זי פאָרט אַרויס אין דער שווייץ שטודירן אין אוניווערסיטעט, דאָרט באַקענט זי זיך מיט ד״ר בערעזאַק און צוזאַמען מיט אים אַנטוויקלט זי דאָרט אַ לעבהאַפטע ציוניסטישע טעטיקייט. נאָכן פאַרענדיקן די אוניווערסיטעט קומט זי צוריק קיין

פוילן און נאָך איר חתונה מיט ד״ר בערעזאַק גייען זיי איבער וווינען אין לויצק.

צוזאַמען מיט איר מאַן איז זי טעטיק אין „וויצא״. אין יאָר 1936 איז פאָרגעקומען אַ וועלט־קאָנפערענץ פון וויצא־אָרגאַניזאַציעס אין ישראל. מרים־ביילע איז געקומען אויף דער קאָנפערענץ אַלס דעלעגאַטין. דאָס לאַנד איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן, זי האָט אויסגעדריקט איר ווילן צו קומען זיך צו באַזעצן. ליידער האָט דער קריג צונישט געמאַכט זייערע שטרעבונגען צו קומען קיין ישראל. זיי האָבן וואָרשיינלעך געהאַט 2 קינדער. אַלע זענען זיי אומגעקומען. ליידער איז אונדז נישט איבערגעבליבן פון זיי קיין אײן בילד, אויסער דער אַלגעמיינער פאָטאָגראַפיע פון דער גאַנצער משפחה — בעת איר זיין אין ישראל.

יואל באַרזאַך און זיין פרוי גיטל

צום אנדענק פון צוויי ארבעטער־טוער

אין פילפאַרביקן לעבן פון דער יידישער שטאָט לויצק, האָט זיך מיט אַ באַזונדערער בולטקייט אָנגעזען די טעטיקייט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. געבוירן אין די ערגסטע באַדינגונגען, נישט באַוויזן צו באַקומען קיין געהעריקע מענטשלעכע דערציונג און פון פריסטע יאָרן אָן געצוווּנגען צו פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט — האָבן זיך פיל יחידים באַוויזן צו דערהויבן צו אַ גאָר הויכער מדרגה. די דאָזיקע יחידים־אידעאַליסטן, אַרויסגעוואַקסענע פון דער אָרעמער יידישער געדיכטעניש, זענען, ווי נאָר זיי זענען געקומען צום שׂכל, צוגעפאַלן צום קוואַל פון וויסן, פון וועלכן זיי האָבן געשלונגען מיט אַ גיריקער דורשטיקייט.

ס׳ווילט זיך דערמאָנען צום גוטן צוויי אַרבעטער־טוער פון אויבן־אָנגעצייכנטן טיפּ.

יעקב בארנשטיין

ער און זיין שוועסטער זענען פון די פריסטע יאָרן געווען יתומים און זיך אויפגעהאָדעוועט אין גרעסטער נויט. ווי נאָר ער איז געקומען צום שׂכל, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין ברען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, געהערט צו דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דער לינקער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין וואָס האָט זיך געפונען אויף קאָנאַרסקע גאַס, איז געווען זיין אמתע היים און אים געגעבן די משפחה־וואַרעמקייט, וועלכע ער האָט נישט באַקומען אין זיינע קינדער־יאָרן.



יעקב באָרנשטיין

צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט איז ער געפאַלן אויפן אויג פון דער לויצקער דעפענסיווע (געהיים־פּאָליציי), פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען בראש דער טרויעריק באַרימטער זאַרעמבאַ.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין איז ער אַרעסטירט געוואָרן און מער שוין נישט צוריקגעקומען. אויף צומאָרגנס איז ער נישט געקומען צו דער אַרבעט, דאָסזעלבע — אויף איבערמאָרגן. דאָס איז געוואָרן פאַר די חברים אויפפאַלנדיק. זיי האָבן דאַן אָפּגעזוכט זיין איינציקע שוועסטער, וועלכע האָט ערגעץ געאַרבעט אַלס דינסטמיידל אין אַ יידישער היים און איר דערציילט, אַז איר ברודער איז פּלוצים פאַרשוווּנדן. זי איז דאַן אַריבער אין דער פּאָליציי, וועלכע האָט פאַררעגיסטרירט אירע טענות, געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, נישט מאַכנדיק זיך וויסן, אַז ער איז שוין דאַן נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. פאָרמעל האָט די פּאָליציי צוגעזאָגט דער שוועסטער אויפצוזוכן איר ברודער.

אין אייניקע טעג אַרום, אַ זייגער 4 פאַרטאָג, האָט די פּאָליציי אויפגעוועקט די שוועסטער און זי גערופן צו דערקענען

איר דערהרגעטן ברודער. מ׳האָט זי געבראַכט צום ברעג פון טייך, נישט ווייט פון דענעס „קאָפּאַלניעס“, ווו מ׳האָט איר געוויזן דעם קערפּער פון אַ געהרגעטן. אין אַ זאַק איז געלעגן דער צעקאַליעטשעטן קערפּער פון יעקבן. זיינע הענט און פיס זענען געווען צעבראָכן און צעפלאָנטערט מיטאײנאַנדער און אַריינגעשטופּט אין אַ זאַק. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז ס׳איז איבער אים אויסגעפירט געוואָרן אַ מאָרד ביי געהיימנישפולע אומשטענדן און די פּאָליציי האָט דעם זאַק מיטן טויטן קערפּער געפונען ביים ברעג פון טייך. די זאַרעמבאַ־באַנדע האָט געוואָלט דערמיט פאַרטושן איר באַגאַנגענעם פאַרברעכן.

זיינע חברים האָבן אָבער גאַנץ גוט געוווּסט, ווער ס׳האָט אָפּגעטאָן דאָס דאָזיקע מיאוסע און בלוטיקע שטיקל אַרבעט.

שלמה צימרינג

אַ חבר פון יעקב. צוזאַמען מיט יעקבן האָט ער געאַרבעט ביי שלום קאַרעסניק אין קראַסנע. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו פרעגן קלאָץ־קשיות און פירן אומאויפהערלעכע וויכוחים. ער האָט אויפריכטיק געגלייבט צו געפינען יושר און גערעכטיקייט אין זיין באַוועגונג. נאָכן מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך האָט ער געהאַט פיל טענות צו זיין פּאַרטיי. דעריבער האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ טראָצקיסט. ווען די רויטע ארמיי איז געקומען קיין לויצק איז ער אַרעסטירט געוואָרן און, זעט אויס, דערשאָסן געוואָרן דורך נ.ק.וו.ד. אַלס קאָנטררעוואָלוציאָנער.

זלמן קאַניש

לויטן אויסזען זיינעם האָט זלמן קאַניש זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. דאָס איז געווען אַ „ייד פון אַ גאַנץ יאָר“, אַ זייער באַשיידענער און שטילער מענטש.

צוזאַמען מיט זיין פרוי האָט ער געהאַט אַן אויפס־קלייטל און דערפון געצויגן זיין באַשיידענע חיונה און דערצויגן קינדער. טראָץ זיין שווערער האָרעוואַניע פון די פריסטע שעהן ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער נישט געקאָנט צוקומען צו אַן אייגענער דירה. זיינע אַלע יאָרן האָט ער געוווינט ביי זיינע שווער און שוויגער (וויסאָצקיס). פון זיין שווערער אַרבעט האָבן זיך זיינע שוואַכע פּלייצעס איינגעבויגן, גלייך דער שווערער עול פון לעבן וואָלט זיי אומאויפהערלעך געדריקט.

זלמן קאַניש איז זיין גאַנץ לעבן אַדורך ווי אומבאַמערקט פאַר דער יידישער לויצקער געזעלשאַפטלעכקייט. ער איז קיין איין מאָל אין זיין לעבן נישט אַרויסגעטראָטן עפנטלעך מיט זיינס אַ מיינונג. אויך אין דער פּרעסע האָט ער נישט פאַרעפנטלעכט קיין איין געדאַנק. און דאָך איז אין זיין פּערזענלעכקייט געווען אַ גרויסע דאָזע פון ספּעציפישקייט.

זלמן קאַניש איז געווען אַ לינקער פּועלי־ציוניסט. ער איז געווען אַ שטאַרק באַלעזענער יונגערמאַן. זיינע אַרומיקע פלעגט ער נישט איין מאָל באַאיינפלוסן מיט זיין גרויסער איבערצייגונגס־קראַפט. נישט געווען קיין איין געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג אין לויצק אויף וועלכער ער זאָל זיך נישט אָפּרופן. ער איז געווען דורכגענומען מיט אַ גרויסער פרייד, ווען אין לויצק איז אַנטשטאַנען דער ביוראָליסטן־פאַראיין. דאָס זעלבע איז נוגע אויך אַנדערע אינסטיטוציעס. ער פלעגט זיך אינטערעסירן מיט דער טעטיקייט פון דער „קולטור־ליגע“, אין וועלכער ער האָט אַרויסגעוויזן פיל בקיאות. אין זיין קלייטל פלעגן זיך אָפט פאַרזאַמלען אין די אָוונטן צענדליקער יוגנטלעכע מיט וועלכע ער האָט געפירט לעבהאַפטע געשפּרעכן אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע טעמעס און זיי גערופן צו זעלבסטבילדונג.

ז. קאַניש איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן.

סאַלאַמאַן פּינוס

סאָלאָמאָן, איינער פון די באַקאַנטסטע אין לויצק אויפן ספּאָרט געביט, איז געבוירן אין ראָוונע אין יאָר 1912. זיין פאָטער, משה פּינוס, אַ תבואה־סוחר און אַ יידישער געזעלשאַפטלעכער עסקן, האָט אים געגעבן אַ יידיש־נאַציאָנאַלע דערציונג. ער האָט געלערנט אין דער יידישער גימנאַזיע אויפן נאָמען פון מ. גליקליך. פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן האָט סאָלאָמאָן זיך פאַראינטערעסירט מיט ספּאָרט. אַלט ווערנדיק 16 יאָר איז סאָלאָמאָן אַריינגעטראָטן אין ספּאָרט־קלוב „חשמונאי“, ווו ער איז, אין אַ גאָר קורצער צייט, געוואָרן ליבלינג פונעם פּובליקום. ער האָט רעפּרעזענטירט די לויצקער פוטבאָל־מאַנשאַפט אויף אַלע צווישנשטאָטישע מעטשן. סאָלאָמאָן האָט אפילו געשפּילט אין טשעכאָסלאָוואַקיי בעת אַן אינטערנאַציאָנאַלן טורנעע.

סאלאמאן פינוס

ער האָט פאָרגעזעצט זיין ספּאָרט־טעטיקייט אינעם ספּאָרט־קלוב „חשמונאי“ ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאַן פאָרט ער אַריבער קיין לעמבערג, ווו ער פאַרבלייבט ביזן אָנהייב פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה. ער גנבעט זיך אַרויס פון געטאָ און האַלט זיך אויף מיט אַרישע פּאַפּירן. די געסטאַפּאָ האָט אים אָבער געפונען און אומגעבראַכט. די אינטערווענצן פון ד״ר ראַזאָווסקי (פונעם לעמבערגער יודענראַט) ביי דער געסטאַפּאָ, האָבן נישט געהאָלפן און ער האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע אונדזערע קדושים.

יואל פּערעל

צום אנדענק פון זלמן עלבירט (זעני)

אין סאַמע מיטן בלי,
ווי אַ בוים — פאַרשניטן.
דער גורל פון דיין פאָלק
האָט דיך נישט אויסגעמיטן.

ווי אַ העלד האָסט די געקעמפט
אַקעגן גוואַלד און שקר —
מיט דיין ווונדער־פען אין האַנט,
מיט געווער אַנטקעגן העקער.

אַן אויסערלעכן גלאַנץ —
דיין האַרץ און דיין געדאַנק,
האָסט דעם אַרבעטס־מענטש געשענקט,
ווי פייגל — זייער געזאַנג.

דו ביסט אוועק פון פריינד;
וווהין, אין וועלכן אָרט?
געבליבן איז דיין ליד,
דיין קלוג און ערלעך וואָרט:

— קינדער, וואָס שלאָפט איר?
איינס, צוויי, דריי, פיר.
קינדער, וואָס שווייגט איר?
איינס, צוויי, דריי, פיר.
ס'איז שוין צייט שחרית צו דאַוונען.
איינס, צוויי, דריי, פיר.

נישט קיין שחרית, נישט קיין מוסף,
נישט קיין מנחה, נישט קיין מעריב —
מיט וואָס־זשע וועלן מיר קומען
אויף יענער וועלט...

פּיניע קאַרטין - אַנדזשעי שמידט

דער לעגענדאַרער פּאַראַשוטיסט אין וואַרשעווער געטאָ

אַנדזשעי שמידט, אָדער פּיאָטר קאַרסקי, איז אין וואַרשעווער געטאָ געווען דער פּסעוודאָנים פון פּיניע קאַרטין. געוווסט האָט מען וועגן אים, אַז ער איז דער „לעגענדאַרער פּאַראַשוטיסט פון מאָסקווע”, און אין די אונטערערדישע קרייזן פון וואַרשע האָט מען זיך איבערגעגעבן פון מויל צו אויער וועגן דאָזיקן העלד.

ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1912 אין לויצק. געלערנט צוערשט אין דער גימנאַזיע פון משה גליקליך, און שפּעטער — אין דער פּוילישער מלוכהשער גימנאַזיע, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט אין יאָר 1933. אין זיין יוגנט (1928־29) האָט ער געהערט צום השומר הצעיר אין קבוצת „יהודה”. זייענדיק אין גימנאַזיע האָט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע פאַראינטערעסירונגען פאַר געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. ערשט נאָכן אַריבערפאָרן קיין וואַרשע, ווו ער האָט שטודירט כעמיע, איז ער אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דאָרט געוואָרן שטאַרק אַקטיוו.

מיטן אויסברוך פון דער שפּאַנישער קאָנטער־רעוואָלוציע באַשליסט פּיניע צו מאָביליזירן זיך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע צום פאַרטיידיקן דאָס רעפּובליקאַנישע שפּאַניע קעגן גען. פראַנקאָס אָנגריף. ער נעמט אָנטייל אין פיל קאַמפן און באַקומט אַ ראַנגע פון אַן אָפיציר אין דער בריגאַדע אויפן נאָמען פון יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי. נאָכן פאַלן פון דער שפּאַנישער רעפּובליק קומט קאַרטין קיין פראַנקרייך, וווּ ער ווערט אינטערנירט אין אַ לאַגער פאַר שפּאַנישע פרייהייטס־קעמפער. ווען עס ברעכט אויס די מלחמה פון 1939, ווערט קאַרטין דורך דער סאָוויעטישער מאַכט געבראַכט קיין מאָסקווע, אויפן סמך פון אָפּמאַך וועגן אויסטויש פון קריגס־געפאַנגענע צווישן ראַטנפאַרבאַנד און דייטשלאַנד.

נאָכן היטלעריסטישן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד שטעלט זיך פּיניע קאַרטין פרייוויליק צום קאַמף קעגן נאַצישן שונא. זיין געזונט־צושטאַנד איז דאַן ווייט נישט געווען קיין באַפרידיקנדיקער, אָבער פּיניע טרעט אַריין אין אַ קורס פאַר פּאַראַשוטיסטן און באַשליסט צו קעמפן קעגן שונא אין סאַמע האַרץ פון פּוילן און פון פּוילישן יידנטום — אין יידישן וואַרשע.

ער מאַכט אין יענער צייט אַדורך אַ קורס פון ראַדיאָטעלעגראַפּיסטן און נאָך אַנדערע.

סוף דעצעמבער 1941 ווערט ער אַראָפּגעוואָרפן דורך אַ סאָוויעטישן אַעראָפּלאַן אין די אָקופּירטע פּוילישע געביטן. נאָכן אַנטשטיין פון דער פּ.פּ.ר. (יאַנואַר 1942) ווערט פּ. קאַרטין באַשטימט אַלס אָרגאַניזאַטאָר און קאָמענדאַנט פון דער פאָלקס־גוואַרדיע (אונטערערדישע מיליטערישע איינהייטן פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) אין וואַרשעווער געטאָ.

צום באַדויערן זענען כמעט נישט געבליבן קיין דאָקומענטן פון יענער תקופה. ווי עס גיט איבער בער מאַרק, דערציילן עדי ראיה וואָס פאַר אַ שטאַרקן איינדרוק עס האָט געמאַכט אין געטאָ דאָס באַווייזן זיך פון אַזאַ דערפאַרענעם מענטש. אַלע וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט אים אין געטאָ באַצייכענען קאַרטינען ווי אַ טיף־אידעישן מענטש, וואָס איז געווען מסירות־נפשדיק ביזן העכסטן שטאַפּל. קאַרטין־שמידט האָט זיך אויסגעהאַלטן אין געטאָ פון געבן פּריוואַטע לעקציעס און געלעבט אין גרויס דחקות. ער האָט פאַרקויפט זיין איינציקן מאַנטל, כדי איינצוקויפן די נויטיקע זאַכן פאַר דער טעכניק פון דער אָרגאַניזאַציע.

ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסער פּערזענלעכער צוציונגס־קראַפט. קאַרטין־שמידט האָט באַוויזן במשך פון אַ קורצער צייט צו זאַמלען אַרום זיך אַ גאַנצע פּלעיאַדע איבערגעגעבענע מענטשן, קאָמוניסטן און אַנטיפאַשיסטן, און זיי דערציען אין גייסט פון ווידערשטאַנד.

צום באַדויערן איז קאַרטין־שמידט נישט געלונגען זיין אַרבעט צו פאַרענדיקן. דעם 30־טן מאַי 1942 פאַלט ער אַריין — צוליב אַ מסירה פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַ געוועזענעם ווייס־גוואַרדייער קיסיעליעוו — אין די הענט פון געסטאַפּאָ. צוזאַמען מיט אים פאַלן דאַן אַריין אַדאַם מערעטיק און דוד וולאַסקאָ. זיי ווערן אַרעסטירט אין מאָמענט ווען זיי דאַרפן איבערגעבן די חברים פון דער אַרישער זייט אַ פולשטענדיק איינגעאָרדנטע האַנט־דרוקעריי. ווען מען האָט געכאַפּט קאַרטינען אויף עק זאַמענהאָף און גענשע, אין מיטן העלן טאָג, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן דעם געסטאַפּאָ־אַגענט און גענומען לויפן. מען האָט אים אָבער געכאַפּט און צוזאַמען מיט די חברים אָוועקגעפירט אין דער פּאַוויאַק־תפיסה. דאָ איז שמידט אומגעקומען נאָך לאַנגע טאָרטורן. ער האָט נאָך באַוויזן איבערצוגעבן אַ „גריפּס" די חברים אויף דער פריי.

דעם פּראָוואָקאַטאָר קיסיעליעוו האָט די פאָלקס־גוואַרדיע פאַרמשפּט צום טויט און דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן אין דער וווינונג פון פּראָוואָקאַטאָר אויף דזשעלנע־גאַס.

פּיניע קאַרטין, דער העלד פון יידישן ווידערשטאַנד קעגן דייטשן פאַשיזם, איז געווען ביז גאָר פאַרבונדן מיט לויצק און מיט זיין משפּחה. זייענדיק אין מאָסקווע האָט ער איבערגעשיקט גרוסן דער משפּחה אין לויצק און זיי פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיך מיט זיי אין גיכן טרעפן. דער איבערפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויף ראַטנפאַרבאַנד אין יוני 1941 האָט אָבער אַ סוף געמאַכט צו די האָפענונגען פון פּיניען זיך צו טרעפן מיט זיין משפּחה און מיט זיינע חברים אין דער היימשטאָט לויצק.

אין ישראל געפינען זיך פּיניעס אַ שוועסטער (פינקלשטיין) און זיין ייִנגערער ברודער בוזיע.

מ. ה.

יוחנן קאַרנבליט

געבוירן אין 1908 אין ראָזשישטש אויף וואָלין. בעת דער וועלט־מלחמה אין יאָר 1918 קומט ער מיט זיינע עלטערן קיין לויצק, וווּ ער בלייבט ביז 1927. צייכנט און האָט ליב צו מאָלן פון די פריסטע קינדער־יאָרן אָן. די ערשטע לערע אויפן געביט פון מאָלעריי קריגט קאָרנבליט ביי זיין לערער פון צייכענען אין דער לויצקער יידישער גימנאַזיע, וועלכע ער האָט דאַן באַזוכט. אין 1927 קומט קאָרנבליט קיין וואַרשע און טרעט אַריין אין דער וואַרשעווער מאָלער־שול, וווּ ער אַרבעט עטלעכע יאָר אונטער דער אויפזיכט פון די פּראָפעסאָרן קאַוזיק און קאָוואַלעווסקי. פון 1931 נעמט ער אָנטייל אין אַ גאַנצער ריי עפנטלעכע קאָלעקטיווע אויסשטעלונגען און סאַלאָנען אין וואַרשע ביי דער קונסט־געזעלשאַפט און אויף דער פּראָווינץ. אין 1931 נעמט ער אויך אָנטייל אין דעם מלוכהשן אינסטיטוט פאַר קונסט־פּראָפּאַגאַנדע און אין אַ גרויסער אויסשטעלונג אין לויצק, איינגעאָרדנט דורך דער וואָלינער לאַנדקענטעניש־געזעלשאַפט אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון וואָיעוואָדע יוזעווסקי. דער דעמאָלט נאָך גאָר יונגער קאָרנבליט באַקומט דאַן די ערשטע אויסצייכענונג אין דער פאָרם פון אַן ערן־דיפּלאָם.

אין 1937 אָרדנט ער איין מיט דער מיטהילף פון באַקאַנטן עסקן נח פּרילוצקי די ערשטע אינדיווידועלע אויסשטעלונג אין וואַרשע. שפּעטער קומען די אויסשטעלונגען אין לויצק, ראָוונע. קאָרנבליט באַווייזט זיך פאַר זיין היימאָרט מיט זיין קונסט, אין וועלכער מ׳זעט אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו וואָלין.

אין 1938 מאַכט קאָרנבליט אַ רייזע איבער אַ ריי אייראָפּעישע לענדער, בעיקר אָבער שטעלט ער זיך אָפּ אין איטאַליע און אין פראַנקרייך. באַקענענדיק זיך נענטער מיט די איטאַליענישע קלאַסיקער און מיטן פראַנצויזישן אימפּרעסיאָניזם, קומט ער אַן אויפגעמונטערטער צוריק קיין וואַרשע, וווּ ער באַזעצט זיך אויף שטענדיק.

ד״ר טאַניאַ קוניצאַ־גאָלדשטיין

יידישע דאָקטוירים

אין יאָר 1939 זענען אין דער שטאָט לוציק געווען טעטיק 60 דאָקטוירים. דערפון איז אַ העלפט געווען יידן און אַ העלפט פּאָליאַקן. אָבער ווען ס׳איז געקומען צו אַן אָפּשטימונג, האָבן די יידן געהאַט מיט איין שטימע מער, און אַז מ׳האָט געדאַרפט אַדורכפירן עפּעס וויכטיקס פאַר יידן — האָט די איינע שטימע געראַטעוועט. פּרעזעס פונעם אַלגעמיינעם דאָקטוירים־פאַרבאַנד איז געווען דער אַלטער דאָקטאָר וווייניטש. פּרעזעס פונעם יידישן דאָקטוירים־פאַרבאַנד איז געווען דער כירורג ד״ר מינינזאָן — דער סעניאָר פון אונדזער פאַרבאַנד. איך בין געווען סעקרעטאַר־יוניאָר.

ד״ר ט. קוניצאַ־גאָלדשטיין

די מערהייט יידישע דאָקטוירים האָט געלעבט פון פּריוואַטער פּראַקטיק. אַלע מלוכהשע פּאָסטנס זענען געווען פאַרנומען דורך פּאָליאַקן. אויסנאַמען זענען געווען: ד״ר באַקשט, וועלכע האָט אַלס פאָרשטייערין פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג געאַרבעט אין געזונטהייט־צענטער („אָשראָדעק זדראָוויאַ״), איך האָב אַלס פאָרשטייערין פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג געאַרבעט אַלס דאָקטאָרין פון די אַלגעמיינע שולן און פון דער געזעלשאַפטלעכער השגחה, ד״ר סעגאַל און ד״ר צוקערמאַן — אין דער קראַנקן־קאַסע, און ד״ר קאַטשקאַ — אַלס ראַיאָן־דאָקטער.

די מערהייט יידישע דאָקטוירים האָט געאַרבעט אומזיסט אין די יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. אין יידישן שפּיטאָל האָבן געאַרבעט די דאָקטוירים: פּעמאָוו, באַקשט, ראַפּאַלאָווסקי, ראָזענקראַנץ, גריפּעל, גאָלדבערג, טאַניאַ קוניצאַ; אין „לינת הצדק״ האָט געאַרבעט ד״ר גריפּעל; אין „טאָז״ האָבן געאַרבעט די דאָקטוירים: גאָלדבערג, קוניצאַ און דאַל; מיט די חלוצים פון קיבוץ־הכשרה האָבן זיך פאַרנומען די דאָקטוירים פּאַדענהעכט, גריפּעל און קוניצאַ; מיטן יתומים־הויז — ד״ר פּעמאָוו.

די יידישע דאָקטוירים האָבן מיט שטאָלץ אונטערגעשטראָכן זייער יידישקייט. ס׳איז נישט געווען קיין פאַל, אַז אַ יידישער דאָקטער פון לוציק זאָל אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע וועגן נאַציאָנאַל־פּוילישער אָנגעהעריקייט. די יידישע דאָקטוירים זענען נישט געווען אַסימילירט, זייערע שטובן זענען געווען יידיש־טראַדיציאָנעלע. זייער געזעלשאַפטלעך לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אינעם קלוב פון דער יידישער אינטעליגענץ. זייער קולטור־ און וויסנשאַפטלעך לעבן — אין די פּריוואַטע שטובן פון די דאָקטוירים, צום אָפטסטן אין הויז פון ד״ר מינינזאָן.

אַן אויסדרוק פון זייער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין איז געווען זייער אָנגעהעריקייט צו אַ גאַנצער ריי ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי צו פּועלי־ציון, אַלגעמיינע ציוניסטן און רעוויזיאָניסטן. זעלטן ווער פון די דאָקטוירים האָט אונטערגעשטיצט דעם לינקן פליגל און דעם „בונד״.

ערגער, כמעט האָפענונגסלאָז, איז געווען די לאַגע פון די יונגע יידישע דאָקטוירים. אַריינבאַקומען זיך אויף אַן אוניווערסיטעט אין פּוילן איז פאַר אַ ייד געווען כמעט אוממעגלעך. אויף 115 יידישע סטודענטן אין לוציק, אין די יאָרן 32־1931 האָבן אין פּוילן שטודירט מעדיצין 3 (ד״ר ראָסאָלאָווסקי אין ווילנע, ד״ר קאַטשקאַ און ד״ר שאַליט־פּעמאָוו אין וואַרשע) — ווייניקער פון 3 פּראָצענט. ערשט שפּעטער האָט מען אָנגענומען אויפן אוניווערסיטעט דעם זון פון ד״ר גריפּעל און ראַפּאָפּאָרטן. די מערהייט יידישע סטודענטן האָבן געלערנט אין טשעכאָסלאָוואַקיי, פראַנקרייך און בעלגיע. אַ טייל פון זיי האָט שטודירט אויף די פרייע הויכשול (וואָלנאַ ווּשעכניצאַ) אין וואַרשע און אין גדאַנסק.

די לוצקער גימנאַזיע האָט ביזן יאָר 29־1928 נישט געהאַט קיין מלוכה־רעכט. כדי צו באַקומען מאַטורע האָט מען געדאַרפט פאָרן קיין ווילנע. דאָרט האָט מען נאָך אין די יידישע גימנאַזיעס אָנערקענט אונדזערע צייגענישן. צווישן די ערשטע לוצקער שילער, וועלכע האָבן באַקומען מאַטורע, זענען געווען: וו. שירזשיק, קאַטשקאַ, קוניצאַ און פיש.

נאָכן פאַרענדיקן די שטודיעס אין אויסלאַנד האָט מען געמוזט דעם דיפּלאָם נאָסטריפיקירן אין פּוילן. ביים אָפּגעבן אַ ביטע אויף נאָסטריפיקאַציע האָט מען געדאַרפט ביילייגן אַ מאַטורע־אַטעסטאַט. די מערהייט איז דעריבער געווען געצווונגען, שוין נאָכן באַקומען דעם דיפּלאָם אין אויסלאַנד, אַרויסקזעצן זיך און מאַכן מאַטורע.

אָבער די באַגרענעצונגען פאַר יידן ביים אָננעמען אויף נאָסטריפיקאַציע זענען אויך געווען זייער גרויסע. אין יאָר 1934 האָט מען אָפּגעשטופּט די נאָסטריפיקאַציע פאַר יידן. צווישן די יונגע דאָקטוירים, וועלכע האָבן נאָך באַוויזן צו נאָסטריפיקירן דעם דיפּלאָם, זענען געווען ד״ר ס. מאַנעלזאָן, ד״ר פּערעל־דאַל און ד״ר קוניצאַ.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1937. אין זאַל פון דאָקטוירים־פאַרבאַנד האָט מען אויפגעהאָנגען דעם פּאָרטרעט פון ד״ר ראַנץ — אין מונדיר פון אַ רוסישן גענעראַל — צו זיין 70־יאָריקן יוביליי. אויף דער אַלגעמיינער דאָקטוירים־פאַרזאַמלונג האָט פּרעזעס ד״ר וווייניטש אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל דעם פּאָרטרעט באַזייטיקן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביסענער קאַמף. די יידישע דאָקטוירים האָבן געדראָט מיט אַרויסטרעטן פון פאַרבאַנד, אויב דער פּאָרטרעט וועט ווערן באַזייטיקט. מיר האָבן דעם קאַמף געוווּנען — דער פּאָרטרעט איז געבליבן.

רשימה פון יידישע דאָקטוירים אין לויצק ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

1. אַרנאָלד — אומגעקומען
2. פרוי באַקשט — ״
3. פריילין באַקשט — ״
4. בערענבלום — (ישראל)
5. צוקערמאַן — אומגעקומען
6. דאַל — (ישראל)
7. עלבירט — אומגעקומען
8. פאַדענהעכט — ״
9. פעפער — ״
10. גאָלדבערג ד. — ״
11. גאָלדבערג — ״
12. יונגפער — ״
13. קאַטשקא — ״
14. ט. קוניצאַ — (ישראל)
15. קאָנקעט — אומגעקומען
16. קלימבורד — (ישראל)
17. מינינזאָן ל. — אומגעקומען
18. מינינזאָן ״
19. פעמאָוו ״
20. פלאָן ״
21. פטיץ ״
22. פינוס י. — (אַמעריקע)
23. פינוס ר. — (ישראל)
24. פרוי פעמאָוו — (אַמעריקע)
25. ראָזענצווייג — אומגעקומען
26. ראָנץ — ״
27. פרוי ראָנץ — נישט פראַקטיקירט
28. ראַפּאַלאָווסקי
29. ראָזאָווסקי פ.
30. ראָזענשטראָם פ.
31. שטערן — (ישראל)
32. סעגאַל — (פוילן)
33. זעלצער — (קאַנאַדע)
34. סאפיאַן — (אַמעריקע)
35. וויסאָצקי י. — (ראטן־פאַרבאַנד)
36. וויערניק
37. זשיטין
38. שאַץ
39. יוניטשמאַן — (ישראל)
40. דעסנער ט. — (אַמעריקע)
41. דעסנער — (ישראל)
42. גריפעל — (ישראל)

מען דאַרף נאָך אָפּמערקן די נעמען פון דריי יידישע דאָקטוירים, וועלכע זענען געשטאָרבן נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער זיי האָבן געאַרבעט לאַנגע יאָרן און געווען זייער פּאָפּולער אין לויצק. דאָס זענען: ד״ר ראַפּאַלאָווסקי — דער פאָטער, ד״ר אַבראַמסקי און ד״ר ביילין.

פון די 42 יידישע דאָקטוירים אין לויצק זענען 24 אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

פיר פאַרדינסטפולע טוער פון יידישן שפיטאל

פיר זענען זיי געווען, וואָס האָבן אויסגעטראָגן די גאַנצע שווערקייט פון יידישן שפיטאַל כמעט אויף זייערע פּלייצעס.

די ערשטע צוויי, פרישבערג און זשיטין, זענען געווען גוטע פּאַרוואַלטער, וואָס האָבן געפירט די אַרבעט אַזוי, אַז אין די שווערסטע קריזיס־יאָרן האָבן זיי געוואַגט אויסצובויען אַ פּרעכטיקע געביידע פאַר געווינערינס, און דער שפּיטאַל איז אַרויסגענומען פון דער ריי פילאַנטראַפּישע אַנשטאַלטן, וואָס קלאַפּן אין די פּושקעס און לעבן אויסשליסלעך פון געשענקטן גראָשן.

ד״ר יוסף מינינזאָן

די אַנדערע צוויי — דאָס זענען געווען די דאָקטוירים פעמאָוו און מינינזאָן, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ צוגעבונדנקייט צום שפּיטאַל, אַז אין דעם שפּיטאַל זענען אויך געגאַנגען קריסטלעכע קראַנקע.

✶

15 יאָר זענען זיי געשטאַנען ביי דער אַרבעט. 15 יאָר טאָג־טעגלעך, און אין פאַל פון נויטווענדיקייט — אויך ביינאַכט.

די דערמאָנטע צוויי דאָקטוירים פעמאָוו און מינינזאָן האָבן געהאַט אַ גרויסע סאַטיספּאַקציע, ווען ליפּן פון געראַטעוועטע האָבן געשעפּטשעט דאַנקבאַרקייט־ווערטער פריער צו דעם, וואָס לעבט אייביק, און דערנאָך צו די דאָקטוירים.

די פּאַרוואַלטער פרישבערג און זשיטין האָבן איבערגענומען די פירונג פון שפּיטאַל אין יאָר 1923 נאָכן פאַרשטאַרבענעם עסקן אברהם גליקליך. זיי זענען געשטאַנען פאַר ריזיקע אויפגאַבן: מ׳האָט קודם געדאַרפט דעם אַלטן „ביקור חולים״, וואָס שמעקט מיט פילאַנטראָפּיע, פאַרוואַנדלען אין אַ שפּיטאַל אין מאָדערנעם באַגריף פון וואָרט, צופּאַסן אים אַז ער זאָל קאָנען אויפנעמען אַ גרעסערע צאָל קראַנקע, א.א.וו. דאָס אַלץ האָבן זיי געמאַכט. באַזונדערס זענען ווערט אונטערצושטרייכן די פאַרדינסטן פון ה׳ יוסף זשיטין, וועלכער איז ראשו ורבו געווען אַריינגעטאָן אין שפּיטאַל און ביז צום סוף האָט ער געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף אַלע שרייפלעך פון דער ווירטשאַפט און פון דער אַדמיניסטראַציע־מאַשין ביים שפּיטאַל.

זייערע פאַרדינסטן זענען טאַקע אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך דער קהילה־פאַרוואַלטונג און ס׳איז פייערלעך באַשלאָסן געוואָרן אַלס צייכן פון אָנערקענונג אויסצוויילן ה׳ קלמן פרישבערג אַלס ערן־פּרעזעס און ה׳ יוסף זשיטין אַלס וויצע ערן־פּרעזעס פון יידישן שפּיטאַל, און דעם פייערלעכן באַשלוס צו פאַראייביקן אין פּראָטאָקאָל־בוך פון דער קהילה.

זה חלקם מכל עמלם.

י. שטערנפעלד

ד״ר שבתאי אבראַמסקי

ד״ר אַבראַמסקי איז געווען טעטיק אין דער שטאָט לויצק כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט און האָט געהאַט פאַר איר אַ סך פאַרדינסטן.

געשטאָרבן איז ד״ר אַבראַמסקי אין טיפן עלטער פון 80 יאָר. כמעט ביז די לעצטע טעג האָט ער געאַרבעט און געלערנט. אויף זיין טיש האָט מען שטענדיק געקאָנט געפינען די לעצטע מעדיצינישע פאָרשונגען און דערפינדונגען. שטענדיק ערנסט, פאַרטראַכט, פלעגט זיין גרויער קאָפּ מיט די גרויסע געדיכטע ברעמען און זיין שטענדיק גלייכע פיגור אַרויסרופן דרך־ארץ צו זיך. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַטריאַרכאַלישער ייד, אַ תלמיד־חכם.



ד״ר שבתאי אַבראַמסקי

מ׳האָט געזאָגט אַז ד״ר אַבראַמסקי האָט בחורוויז געלערנט אין אַ ישיבה. איך ווייס נישט אויף וויפל דאָס איז ריכטיק, אָבער אַז אים איז נישט געווען פרעמד דער תלמוד, איז געווען קלאָר פאַר אַלע, וועלכע האָבן זיך מיט אים געטראָפן. זיינע שאַרפזיניקע טרעפלעכע גלייכווערטלעך האָבן אָפט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג.

ס׳איז אַ גרויסער שאָד, וואָס ד״ר אַבראַמסקי האָט נישט געשריבן קיין מעמואַרן. וואָלטן אַזעלכע געווען, וואָלטן זיי געקאָנט געבן אַ געוויסע אָפּשאַצונג פון דער יידישער פּאַציענטור, וועלכע איז אַ גאַנץ באַזונדערע און מ׳טרעפט נישט אַזעלכע ביי קיין שום אומה. שלום עליכם האָט עס נאָך אָנגעוויזן אין איינעם פון זיינע ווערק. דאָרטן קלאָגט זיך אַ יידישער פּאַציענט אויף אַ דאָקטאָר: „וואָס קומט מיר אַרויס פון אייער טאַפּן, וואָס איר טאַפּט, פון קלאַפּן וואָס איר קלאַפּט? הערט מיך בעסער אויס.״ אַ יידישער פּאַציענט, אַז ער קומט צום דאָקטאָר, וויל ער אַז דער דאָקטאָר זאָל אים אויסהערן. ער, דער פּאַציענט, וויל זיך פאַרן דאָקטאָר סתם אויסרעדן דאָס האַרץ. און ד״ר אַבראַמסקי האָט מיט זיין גאַנץ וועזן געקעמפט קעגן דעם אַרט רעדן, ער האָט געקעמפט קעגן דער נישט געהעריקער אויפמערקזאַמקייט, קעגן די אָפט נאַרישע זאַבאַבאָנעס מצד די קראַנקע. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו די סתם פּלוידערייען. ס׳האָט געקאָנט טרעפן, אַז דער פּאַציענט זאָל איבערפרעגן: „וואָס הייסט עס — נישט עסן קיין שאַרפע זאַכן?״ און דער דאָקטאָר זאָל ענטפערן: „נישט קיין גלאָז, קיין מעסערס, טשוועקעס, בריטוועס״... אָדער אויף דער פראַגע: „דאָקטאָר, אויף וואָס זאָל איך נעמען די תרופות?״ — זאָל ער ענטפערן: „אויף אַ לאָפּעטע״... ווען דער פּאַציענט איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָקטערס קאַבינעט, האָט ער ערשט זיך גענומען קלאָגן פאַר די היימישע: „ער לאָזט דען אַ וואָרט רעדן, לאָזט ער דען?״

ד״ר אַבראַמסקי איז בטבע געווען זייער אַ גוטער מענטש, טרערן האָבן אויף אים אָפט געווירקט, אָבער נאָר אויפריכטיקע. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין פאַך, און דערפאַר האָט געקאָנט טרעפן, אַז ביי קאָמפּליצירטע קראַנקייטן זאָל ער קומען צ׳ם קראַנקן יעדן טאָג און דערביי נישט וועלן נעמען קיין געלט פאַרן וויזיט.

ד״ר אַבראַמסקי איז געווען שטאַרק עמפינדלעך פאַר באַשיידנקייט, אינטעליגענץ. ער איז געווען אַ מבין אויף זיינע פּאַציענטן. און צו יעדן פון זיי האָט ער געהאַט אַ באַזונדערע שפּראַך. און אַז ס׳איז געקומען צו אים אַ ייד גלייך פונעם יריד מיט אַ פּאָר פאַרבלאָטיקטע שטיוול און אין אַ בורקע, אַריין אָן אַ גוט מאָרגן און גלייך אַ געשריי געטאָן:

— דאָקטער, איך וויל איר זאָלט מיר באַטראַכטן...

האָט ד״ר אַבראַמסקי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט זיינע קלוגע אויגן פון אונטער די ברעמען און געענטפערט: באַטראַכטן? גייט אַרויף אויפן טיש...

יענער איז געבליבן שטיין געפּלעפּט.

— נו, אָט האָט איר אַ בענקל, קריכט אַרויף אויפן טיש.

האָט זיך שוין דער ייד אינגאַנצן פאַרלוירן:

— מיינע שטיוול זענען דאָך מיט בלאָטע...

— אַזוי, מיט בלאָטע? טאָ גייט זשע אַהיים, וואַשט זיך פריער אַרום, און דערנאָך זאָלט איר קומען צו מיר.

*

אַז ד״ר אַבראַמסקי איז געקומען צו אַ חולה אין שטוב אַריין, האָט ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און מיט איין בליק אַרומגענומען דעם קראַנקן און די אַרומיקע. דערפילנדיק שוין גוט די שטימונג אין שטוב, האָט ער זיך באַמיט די שטימונג צו ענדערן. אויסצוגעפינען דערצו אַ מיטל, איז ער געווען אַ קינסטלער. באַלד האָבן שוין אַלע אָדער געלאַכט אָדער גערעדט. מען האָט זיך דערפילט מיט אים היימיש, געמיטלעך, ווי מיט אַ גאָר נאָענטן מענטשן. ערשט דעמאָלט האָט ער דעם חולה באַטראַכט. ער איז אויך געווען אַ קינסטלער צו ענדערן נישט נאָר די שטימונג ביים קראַנקן, נאָר אויך די פּסיכיק ביי די געזונטע, אויסרייסן מיטן וואָרצל זייערע יאָרן־לאַנגע איינרעדענישן און פאָראורטיילן. ער איז איינמאָל געקומען צו אַ קראַנקן און ווען ער האָט יענעם גענומען באַטראַכטן, האָט ער באַמערקט אויפן חולהס לייב אַ קאָמפּרעס און אונטערן קאָמפּרעס — אַ האַרט איי, האָט ער רויק געפרעגט:

— צו וואָס איז דאָס?

האָט מען אים געענטפערט, אַז דאָס איז אַזאַ סגולה, אַז אַ „גוטער ייד״ האָט אַזוי געהייסן טאָן... ד״ר אַבראַמסקי האָט געעפנט אַלע טירן און האָט דאָרט אויפגעשפּילט אַזאַ סצענקע, אַז אַלע אַרומיקע האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק, און דער קראַנקער — אויך.

ד״ר אַבראַמסקי האָט שטאַרק באַקעמפט די פאַרשידענע סגולות, אָפּשפּרעכונגען און אַנדערע באַבסקע רפואות. ווי ער האָט נאָר געקאָנט, פלעגט ער פון זיי אָפּשפּעטן און אָפּחוזקן.

ד״ר אַבראַמסקי איז אין זיין פּראַקטיק געווען אַ דרייסטער און אַ מוטיקער. ער האָט אָפט געשטעלט אויף זיך און טאַקע, אין רוב פאַלן, געווען אַ מוצלח. אַזוי למשל האָט זיך ביי עמעצן געטראָפן, אַז טוענדיק אַ שטאַרקן געגעץ האָט זיך נישט געקאָנט צומאַכן זיין מויל, איז מען געלאָפן נאָך ד״ר אַבראַמסקי. איז ער געקומען, באַטראַכט און נישט קלערנדיק לאַנג אַריינגעלאָפן אין קיך, אַרויסגעכאַפּט פון אויוון אַ ברענענדיק שטיק האָלץ און געלאָפן מיט דעם גלייך צום קראַנקנס אָפענעם מויל. יענער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט תיכף צוגעמאַכט דאָס מויל. נאָך אַזאַ מין דרייסטקייט האָט ד״ר אַבראַמסקי באַוויזן ביי אַ יידענע, וואָס האָט זיך געקלאָגט אויפן האַרץ. קיין שום דאָקטער און קיין שום רעצעפּטן האָבן איר נישט געהאָלפן. זי האָט נישט געגעסן, נישט געשלאָפן און אַרויס פון די כוחות. האָט מען גערופן ד״ר אַבראַמסקי. ער האָט זי באַטראַכט, זיך אויסגעפרעגט, צוגערופן דעם מאַן און זיך געהייסן דערלאַנגען אַ שטעקן. ווען ער האָט עס באַקומען, איז ער צו צו דער קראַנקער פרוי און זי ממש אַרויסגעטריבן פון בעט מיטן שטעקן. די יידענע איז טאַקע געזונט געוואָרן, פאַרגעסן אין איר האַרצווייטיק — און דערלעבט אַ טיפע עלטער.

ד״ר אַבראַמסקי האָט אויך נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז דער קראַנקער זאָל מיינען דאָס גראָד ביי אים איז אַזאַ מחלה אשר לא כתובה בתורה. ווען אַ יונגערמאַן האָט אים אַמאָל געפרעגט :

— דאָקטער, וואָס איז דאָס ביי מיר פאַר אַ קראַנקייט ? איז דאָס כאָטש ביי מיר נישט קיין אויסערגעוויינלעכס ?

האָט אים ד״ר אַבראַמסקי געענטפערט :

— אַן אויסערגעוויינלעכע קראַנקייט וואָלט געווען, למשל, ווען איר טראָגט... האָבן זיך די אַרומיקע שטאַרק צעלאַכט און דער קראַנקער האָט זיך באַרויקט.

ד״ר אַבראַמסקי האָט אויך געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. ביז דער מלחמה האָט ער געאַרבעט אין דער יידישער „ליי־און שפּאַר־קאַסע״ אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד. ער האָט אויך געווידמעט פיל צייט און ענערגיע דעם יידישן שפּיטאָל. די לעצטע יאָרן פלעגט ער אויפנעמען יעדן טאָג אומזיסט קראַנקע אין אַמבולאַטאָריע פון „לינת הצדק״.

די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה האָט ער דורכגעמאַכט אין לויצק. אין ערשטן וועלט־קריג איז ער געווען נע ונד. נאָך דער מלחמה איז ער געקומען קיין לויצק.

ד״ר אסתר ביילין

ד״ר בן־ציון ביילין

ד״ר בן־ציון ביילין איז געבוירן געוואָרן אין סלאָנים און געוווינט דאָרט ביז 13 יאָר. זיינע עלטערן, זייער אינטעליגענטע מענטשן, האָבן אים געגעבן אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרענדיקן די בעסטע שולן. חוץ דעם האָבן זיי מיט אים, זינט זיין פערטן לעבנסיאָר, געלערנט תלמוד, און דאָס האָט געגעבן אַזעלכע רעזולטאַטן, אַז אַלס צוועלף־יאָריקער ייִנגל האָט ער אַריינגעבראַכט אין התפעלות די לומדים, צווישן זיי — דעם אין ליטע באַקאַנטן רב ר׳ בנימין ביאַלאָוס (ד״ר ביילינס זיידע), מיט זיין אויסערגעוויינלעכער בקיאות אין תלמוד און אין יידישקייט.

דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט מיטן אַרויספאָרן פון דער פאַמיליע קיין קורסק. דאָרט איז ער אַריינגעטראָטן אין דער מלוכהשע גימנאַזיע, ווו ער האָט דאָסגלייכן זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אינטעליגענץ. ער האָט געענדיקט די קורסקער גימנאַזיע מיט אַ „גאָלדענעם מעדאַל״.

נאָכן באַקומען מאַטורע איז ער אַוועק אויף דעם קיעווער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט פאַרענדיקט מעדיצין. דאַן האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין טאָרטשין, לויצקער פּאָוויאַט. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעגעבן לטובת דער באַפעלקערונג נישט בלויז ווי אַ דאָקטאָר, נאָר אויך אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער. ד״ר ביילין איז געווען דערשטוינט פון דער שרעקלעכער מענטשלעכער גויט, וועלכע האָט דאָרט עקזיסטירט. טעג און נעכט האָט ער אַוועקגעגעבן אויף הייבן דעם היגיענע־מצב (דער עולם איז געווען זייער צוריקגעשטאַנען). ער האָט צוגעצויגן די בעסטע מענטשן אויף צו העלפן אים רעאַליזירן זיינע פּלענער — אַרויסרייסן די באַפעלקערונג פון די העסלעכע באַדינגונגען, אויפהייבן דעם געזונט־צושטאַנד פון די קינדער און דערוואַקסענע (ער האָט געבויט ברונעמער, ברוקירט גאַסן). זיין גרעסטער אויפטו איז געווען דאָס שאַפן און אַנפירן אַ שול, וועלכע איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר גרעסערע שטעט. פון די קינדער אין דער שול זענען שפּעטער אַרויסגעקומען נישט איין דאָקטאָר אָדער אינזשיניער.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אַ תל געמאַכט פון די גרויסע דערגרייכונגען, אָבער די אַרבעט פון ד״ר ביילין האָט געגעבן פרוכט. נאָך דער מלחמה, ווען ד״ר ביילין האָט זיך באַזעצט אין לויצק, האָט טאָרטשין שוין פאַרמאָגט גענוג באַוווסטזיניקע מענטשן, וועלכע האָבן קאָנטינויִרט די אַרבעט פון פאַר דער מלחמה.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט שטאַרק חרוב געמאַכט די אַזוי־גערופענע מזרח־קרעסן, וועלכע זענען אין משך פון 3 יאָר כסדר איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. צום מייסטנס האָט, פאַרשטייט זיך, געליטן די יידישע באַפעלקערונג. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז לויצק געווען איין בילד פון נויט און פאַרצווייפלונג — די באַפעלקערונג האָט בוכשטערבלעך געהונגערט, דער פלעק־טיפוס האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעלקייט און אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן, אַז זייער אָפט איז פון אַ 7—8 פּערזאָניקער משפחה געבליבן נישט מער ווי איינער. די געפאַר פון אָנשטעקן זיך איז פאַר די דאָקטוירים געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיקע. אָבער ד״ר ביילין האָט וועגן דעם אפילו נישט געטראַכט. ער האָט כסדר געזוכט וועגן, ווי אַזוי צו שאַפן אַנדערע, בעסערע מאַטעריעלע און וווינונגס־

באַדינגונגען, אַז מענטשן זאָלן נישט ווױנען אין אַזאַ ענגשאַפט, וועלכע איז אַזוי גינסטיק פאַרן פאַרשפּרייטן זיך פון דער עפּידעמיע. ער האָט איזאָלירט די קראַנקע, גענומען זיי אין שפּיטאָל אַריין, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט (פאַר אַ ייִד גיין אין שפּיטאָל אַריין איז געווען אַ חרפּה און ווי געזעגנט זיך מיטן לעבן).

וויפל אומאָנגענעמלעכקייטן, וויפל פאַרדרוסן, וויפל שלאָפלאָזע נעכט — אָבער ד״ר ביילין איז געווען אַנטשלאָסן. ער האָט נישט אָפּגעטראָטן און אויפגעקלערט אַלעמען, אַז בלויז דאָס איז דער איינציקער וועג צו ראַטעווען דעם טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכע איז נאָך נישט אָנגעשטעקט. ער האָט געקעמפט ביז צום סוף, ביז די עפּידעמיע איז געוואָרן ליקווידירט.

ס׳איז נישט געווען קיין געגנט אין שטאָט, וואָס ד״ר ביילין זאָל זי נישט קענען. ער האָט געפּאָרשט דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג, באַזונדערס פון דער ייִדישער, און ער איז געקומען צום אויספיר, אַז לאָזן עס ווייטער אין אַזאַ מצב איז בשום אופן נישט מעגלעך. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרבינדן זיך מיט דער וועלט — ער האָט געשריבן, איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען, געווענדעט זיך צום אַמעריקאַנער, ענגלישן און פראַנצויזישן ייִדנטום, אַליאַרמירט נאָך הילף פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג, כדי אַרויסצורייסן זי פון דער נויט און דערפירן זי צו אַ מצב, אַז זי זאָל קאָנען לעבן מיט אייגענע כוחות. דערביי דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז ד״ר ביילין איז געווען אַ קעגנער פון פילאַנטראָפּיע און בלויז אין אויסנאַם־פאַלן האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר איר — אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז אויב מ׳וועט ליקווידירן די קראַנקייטן, וועלן מענטשן זיך קאָנען נעמען צו אַן אַרבעט. די יוגנט וועט קאָנען גיין לערנען זיך אין די האַנטווערקער־שולן (וועלכע ער האָט געשאַפן מיט גרויס מי און פאַר אייגן געלט). די עלטערע, וואָס קאָנען שוין נישט לערנען זיך אַ פאַך, דאַרף מען דערמעגלעכן איינאָרדענען זיך ביי האַנדל אָדער אַנדערע פּרנסות. כדי דאָס אַדורכצופירן איז ער נישט איין מאָל געפאָרן קיין וואַרשע, ווו מען האָט זיך צוגעהערט צו יעדן איינעם וואָרט פון דעם מענטשן, וואָס האָט געוואָרפן זיין מעדיצינישע פּראַקטיק, פאַרנאַכלעסיקט די אייגענע ענינים, אַלץ — כדי ראַטעווען די, וועלכע קאָנען זיך אַליין קיין עצה נישט געבן.

אין יענער צייט האָט ד״ר ביילין אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די דאָקטוירים און אָנשליסן זיי אין דאָקטוירים־פאַרבאַנד פון דער פּוילישער מלוכה (ז.ל.פּ.פּ.), כדי איינצושטעלן מער־ווייניקער נאָרמאַלע אַרבעטס־באַדינגונגען פאַר די דאָקטוירים. ד״ר ביילין איז געוואָרן אויסגעוויילט אין דער וואַרשעווער הויפּט־פאַרוואַלטונג, אין געריכט פון דאָקטוירים־פאַרבאַנד אין לובלין און אין פּרעזידיום פון דער פאַרוואַלטונג אין לויצק. וויפל שלאָפלאָזע נעכט האָט ד״ר ביילין אָפּגעגעבן פאַר אָט די אינסטיטוציעס, וויפל האָפענונג האָט ער אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט, גלייבנדיק, אַז די פאַראייניקונג וועט הייבן די עטישע מדרגה פון די דאָקטוירים און גלייכצייטיק נאָרמאַליזירן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די דאָקטוירים און פּאַציענטן.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן אַנטוישונג ד״ר ביילין האָט איבערגעלעבט אין יענעם מאָמענט, ווען די ייִדישע דאָקטוירים זענען געווען געצוווּנגען, צוליב פאַרשידענע טעמים, אָפּצוזונדערן זיך און אָרגאַניזירן אַ ייִדישן דאָקטוירים־פאַראיין.

דאָס געפיל פאַר אמת און גערעכטיקייט איז ביי אים געווען אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט, אַז צייטנווייז האָט אָט דער זייער קלוגער און אַלזייטיק־געבילדעטער מענטש אויסגעזען ווי אַ נאַיוו קינד, אין הינזיכט פון צופּאַסן זיך צום טאָגטעגלעכן לעבן. ער איז נישט בכוח געווען צו פאַרטיידיקן זיינע פּערזענלעכע ענינים — צופיל איז ער געווען קאָנצענטרירט אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

בעת דער אוקראַיניש־פּוילישער מלחמה, ווען מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס, איז ד״ר ביילין נישט אַרויס פון שפּיטאָל, ווו די קראַנקע און פאַרוווּנדעטע האָבן אויסגעפילט נישט בלויז די זאַלן, נאָר אויך אַלע קאָרידאָרן. ד״ר ביילין האָט אַזוי הויך געשעצט דאָס מענטשלעכע לעבן, אויסער זיין אייגן לעבן, אַז ער איז נישט אַראָפּ אין שפּיטאָל־קעלער אפילו דעמאָלט ווען אַ באָמבע איז אַריינגעפאַלן אין אָפּעראַציע־זאַל, ווו ער האָט באַהאָפטן די צעבראָכענע ביינער פון די פאַרוווּנדעטע. צוויי שפּיטאָל־צימערן זענען געוואָרן שטאַרק באַשעדיקט, אָבער ד״ר ביילין האָט געבעטן דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל נישט צו פאַרלירן זיך און בלייבן אויף דער אַרבעט. און מ׳דאַרף מודה זיין, אַז ער האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקע סוגעסטיע־קראַפט. די מענטשן האָבן אים געפאָלגט, ווייל ער איז תמיד געגאַנגען דער ערשטער אין פייער.

וועגן ד״ר ביילין וואָלט מען נאָך געקאָנט זייער אַ סך שרייבן. דאָס איז געווען אַן אומגעוויינלעך־אינטערעסאַנטער מענטש און ווער ס׳האָט געהאַט דאָס גליק צו פאַרברענגען מיט אים לאַנגע יאָרן, קאָן בלויז זאָגן איינס: די וועלט וואָלט געווען אַ סך שענער און בעסער, ווען די מענטשן וואָלטן געהאַט כאָטש איין פּראָצענט פון זיין גוטן ווילן, איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט.

אויף זיין מצבה, וועלכע איז טיילווייז צעשטערט געוואָרן דורך די נאַצישע מענטשן־פרעסער, זענען איבערגעבליבן די ווערטער: „קעמפער פאַר יושר״. דאָס איז די וועזנטלעכע באַצייכענונג פאַר ד״ר ביילינס פּערזענלעכקייט.

שמחה ליפין

שמחה ליפין איז געווען זייער פּאָפּולער אין אונדזער שטאָט. ער האָט תמיד קאָנצענטרירט אַרום זיך פיל מענטשן, יידן און קריסטן, וועלכע זענען געווען להוט נאָך זיינע וויצן און גלייכווערטלעך. נישט איין מאָל איז געשען, אַז ווען ער האָט זיך נאָר באַוויזן אויף דער יאַגעלאָנסקע־גאַס, האָט זיך באַלד אַרום אים פאַרזאַמלט אַן עולם פון קרעמער און סתם ליידיק־גייער, וועמען ער האָט געוויילט מיט זיין לעבעדיקן און פאָלקס־טימלעכן הומאָר.

ס'איז דעם דאָזיקן מענטש געווען צו באַוווּנדערן. נישט קוקנדיק אויף די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע ער מיט זיין גרויסער פאַמיליע האָט זיך געפונען, האָט ער אין זיך פאַרמאָגט אַ שפע לעבעדיקייט און פריילעכקייט, מיט וועלכער ער האָט אַלעמען אָנגעשטעקט.

כדאי צו דערמאָנען, אַז טראָץ זיין גרויסער אָרעמקייט האָט

שמחה ליפין

ער נישט איין מאָל אַרויסגעוויזן אַ טיפע מענטשלעכקייט און זיך געטיילט, אין פאַל פון אַ נויט, מיטן לעצטן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

נישט געווען קיין מאָמענט, אין וועלכן ער זאָל האָבן אָנ־געווירן זיין לעבנס־הומאָר. שטענדיק האָט ער אַלץ פאַרגלעט מיט אַ גלייכווערטל און אַ וויץ.

אין דער צייט פונעם ערשטן וועלט־קריג האָט זיך „פּאַניען" פאַרגלוסט אים צו מאָביליזירן אין דער רוסישער אַרמיי. זיין פרוי, רחלע, איז צוליב דעם געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. מיר, זיינע נאָענטע פריינד און באַקאַנטע, האָבן געוואָלט אַלץ טאָן בכדי אָפּצושרייען די גזרה. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ער אַליין, שמחה, האָט דאַן געזאָגט צו זיין פרוי: ס'שאַט נישט, רחלע, כ'וועל נאָך צוריקקומען אַ לעבעדיקער און דערצו אַ פאָל־נער גענעראַל.

צוריקגעקומען איז ער טאַקע, נאָר אינעם אוניפאָרם פון אַ פּשוטן סאָלדאַט. אָבער דערפאַר האָבן מיר אַ לאַנגע צייט געהאַט פון אים צו הערן פאַרשידענע מעשיות וועגן זיינע זעלנערישע טעג. ספּעציעל האָט ער באַפּעפּערט מיט געהעריקע אויסדרוקן און טרעפלעכע באַצייכענונגען זיינע רעקרוטן־טעג אין דער שטאָט באָבראָוו, וואָראָניעזשער גובערניע, ווו ער האָט דורכגעמאַכט זיינע סאָלדאַטסקע איבונגען.

זיינע ביים לעבן געבליבענע צוויי זין האָבן רעכט צו זיין שטאָלץ אויף אַזאַ טאַטן, זכרונו לברכה.

איטשע מאיר בעספּריאַזניק

אויב וועט די דאָזיקע שורות איבערלייענען אַ סטאָלינער חסיד פון לויצק — וועט זיך אים זיכער דערמאָנען דער אַלטער איטשע מאיר. מיר איז פיל מאָל אויסגעקומען צו פאַרהאַלטן דעם אַלטן איטשע מאיר, ווען ער פלעגט גיין פון דאַווענען פון דער סטאָלינער שול, בשכנות פון וועלכער מיין קלייט האָט זיך געפונען.

ער פלעגט ליב האָבן צו דערציילן פאַרשידענע מעשיות פון חסידישן און נישט־חסידישן לעבן. ס'האָט זיך מיר איינמאָל פאַרגלוסט אים צו מאַכן אַ קאָמפּלימענט, זאָגנדיק: „ר' מאיר, זיגט כ'געדענק אייך זענט איר גאָרנישט עלטער געוואָרן!" ער האָט מיר גלייך אויפן אָרט, נישט לאַנג טראַכטנדיק, גע־ענטפערט:

„הערסט, מיין קינד, היינט־צו־טאָג זענען קיין אַלטע בכלל נישט בנמצא, און אויב מ'טרעפט אַזעלכע זענען זיי אַן איבער־בלייבעניש פון די אַמאָליקע צייטן".

דער דאָזיקער טרעפלעכער ענטפער האָט זיך מיר איינגע־קריצט אין זכרון. ספּעציעל קאָן מען נישט פאַרגעסן דעם דאָזיקן יידן צוליבן פריילעכן פּורים, וואָס ער פלעגט יעדעס יאָר איינאָרדענען אין לויצק. פון דער סטאָלינער שול פלעגט ער, אין אַ פריילעכן צושטאַנד, אַרויסרייטן אויף אַ פערד, אָן אַ זאָטל, די קאַפּאָטע נישט צוגעקנעפּלט — און זיך אַוועקלאָזן אין אַ גאַלאָפּ איבער דער יאַגעלאָנסקע־גאַס. קיין בייטש האָט ער נישט באַנוצט, נאָר זיין שטעקן, מיט וועלכן ער פלעגט פריילעך פאָכען איבערן קאָפּ פון פערד.

לייבוש קאָטליאַר

סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג

גערעטעוועט יידן פון אַ פּאָגראָם

די דאָזיקע שילדערונג ווידמע איך מיין פאָטער

ס'איז געווען אין יענע שווערע, פינצטערע צייטן פון בייליס־פּראָצעס, ווען אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד און אוקראַינע האָט געבושעוועט אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען. די גויים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע „סאָיוזן" (פאַרבאַנדן), וועלכע זענען באַשטאַנען מערסטנס פון „טשאַרנאָסאָטניקעס" (שוואַרצמאהניקעס). אונטער דער פאָן פון כלומרשטן פּאַטריאָטיזם פאַרן פאָטערלאַנד, קעגן די זשידאָווסקע רעוואָלוציאָנערן, האָבן זיי געבושעוועט מיטן לאָזונג: שלאָג די יידן — ראַטעווע רוסלאַנד!

דאָס פייער האָט שנעל אַרומגעכאַפּט די שטעטלעך און די דערפער. און אָט איז געקומען די ריי אויף לויצק.

עס איז געווען נאָך שניט־צייט. די גערעטעניש איז געווען אַ מאָגערע און די פּויערים, צערייצט פון זייער שווערער דאָליע, האָבן זיך אָנגעכאַפּט, ווי אין אַ רעטונג, אין „סאָיוז", מיט וועלכן ס'האָט אין דער לויצקער געגנט אָנגעפירט דער באַקאַנטער אוקראַאינישער „העלד" איוואַן באַראַטשוק, פון דאָרף ראַדעמישל.

ער האָט אָרגאַניזירט די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער ווי: לאַווראָוו, באַקעוויץ, ראַדעמישל, מיליש א.א. צו זיי זענען צוגעשטאַנען ערדלאָזע און אָרעמע פּויערים. זיי האָבן זיך איינגעקויפט געווער: לאַנגע מעסערס, שפּיזן, שווערדן, און געוואַרט אויפן שוואַרצן טאָג פון רויב, בלוט און הפקרדיקע וואַקכאַנאַליע.

באַשטימט האָט מען די בלוטיקע הוליאַנקע אין אַ מאַרק־טאָג, ווען די סוחרים און הענדלער פון לויצק האָבן אין די געוועלבער סחורה פון כל המינים. פאַרנאַכט, נאָך אַ טאָג לייזעכץ וועלן זיי, לויט אַ געגעבענעם סיגנאַל, ווען די צערקווע וועט פּלוצעם אַ קלונג־טאָן, זיך צעטיילן איבערן מאַרק־פּלאַץ מיטן באַהאַלטענעם געווער אין די זעק און טאָרבעס. דערביי וועלן זיי פריער אַרויסשיקן פלינקע שקצימלעך, וואָס זאָלן איבערקערן עטלעכע ביידלעך מיט סחורות און ווען די קרעמער וועלן זיך אַקעגנשטעלן אָדער אַפילו גאָר אָנקלאַפּן איינעם פון זיי — דאַן וועלן די פּויערים אַרויס מיט אַ געוואַלד, אַז די יידן שלאָגן און מאָרדן זייערע קליינע קינדער און מ'וועט אָנהייבן רויבן ס'יידישע האָב און גוטס.

כדי זיך צו מאַכן שטימונג און מוט, זענען די אָרגאַניזירטע פּויערים, נאָכן פאַרקויפן זייערע געבראַכטע פּראָדוקטן, כאַפּטעס־ווייז אַריין אין די שענקן כאַפּן אַ טרונק בראָנפן, מיטן איסרייד: אַ קאָזאַק טרינקט אויפן חשבון פון דעם, וואָס וועט קומען!

דער עלטסטער, איוואַן באַראַטשוק, איז שוין געווען היפּש פאַרשנאָקעט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך נישט איינגעקויפט אַהיים קיין הערינג, מאַכאָרקע און סמאַראָווידלע. אַ וואַקלדיקער איז ער אַריין צו ר' יחיאל באַרדיטש אין דער באַקאַליינע קליטקע באַשטעלן די פּראָדוקטן. אָבער וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג — איז ביי אַ שיכורן אויפן צונג. אַ קלינג־טוענדיק מיטן באַהאַלטענעם מעסער אין זאַק, האָט ער זיך אָפּגערופן מיט גדלות: „יאָקעל (אַזוי האָבן די גויים גערופן ר' יחיאלן) אַליע בודע סעוואָדניאַ ריזניאַ, אי זשידאָווסקאַ קראָוו פּאָטעטשע" (אָבער וועט דאָס היינט זיין אַ שחיטה און יידיש בלוט וועט רינען).

ר' יחיאל באַרדיטש, אַ ייד אַ לערנער און אַ סטאָלינער חסיד, איז געווען אַ גאַנצער פּאַן־בראַט מיטן נאַדזיראַטעל און מיט די גאָראָדאָוואָיעס. ער פלעגט אָפט צונישט מאַכן די אַרעסטן פון בעלי־בתים, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּזיצן אין דער „כאַזייס־קער טורמע" אויף ווילקע, פאַר פּראָטאָקאָלן צוליב אַ ביסל מיסט, אָדער דערפאַר, וואָס דאָס ווייב האָט די פאָמיעניצע אַ גאַס־געטאָן צו אַן אַנדערער שכנה. יחיאל האָט דורך זיין פּראָטעקציע אויך אַרויסגעהאָלפן פּריזיוויניקעס, וועלכע מ'האָט געשיקט אין „וואָיעננע שפּיטאָל" אויף קראַסנע.

איצט האָט ער מיט זיין פלינקן חוש דערפילט די געפאַר, און נישט וואַרטנדיק קיין מינוט האָט ער געכאַפּט אַ קעסטל, אַריינגעלייגט אַהין 2 היטלעך צוקער, אַ פונט טיי, אַ פּאָר שאַכטלען סיגאַרעטן פון בעסטן סאָרט, און דער עיקר — אַ ליטער 90־ער בראָנפן, און שנעל אַריינגעטראָגן צום נאַדזיראַטעל, וועלכער האָט דאַן געוווינט ביי חנה־איטע דאַוו, מיט דער הבטחה, אַז דאָס איז בלויז אַ „פּאָטשאַטאָק" אויפן חשבון פון גרויסן „פּאָדאַראָק", וואָס וועט ערשט קומען, וואָס ער וועט צוזאַמענעמען פון די אַנדערע קרעמער. דערפאַר וויל ער, אַז דער נאַדזיראַטעל — מיט דער הילף פון די גאָראָדאָוואָיעס און זשאַנדאַרמען — זאָל דערשטיקן דעם פּויערים־אויפשטאַנד.

דעם נאַדזיראַטעל, ווי נאָר ער האָט דערזען די מתנה מיטן ליטער וואָדקע, האָט דאָס בלוט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ, און אין געציילטע מינוטן אַרום איז שוין געווען מאָביליזירט די פּאָליציי, די זשאַנדאַרמען און די דראַגונער סאָלדאַטן, אויף זייערע פערד, באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן, שווערדן און שפּיזן.

ווי נאָר מען האָט אין צערקווע אַ צי־געטאָן די שטריק אין די גלאָקן האָבן זיך צעהוידעט, האָט די טייוולאָנישע שפּיל זיך אָנגעהויבן. באַלד האָבן זיך באַוויזן אויפן מאַרק קליינע באַנדעס יונגע שקצים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אומוואַרפן די שטעלעס און וואַרפן שטיינער אין פענצטער פון די שניט־קראָמען. ווען די יידן האָבן רעאַגירט מיט אַ פּאָר קלעפּ דעם קליינוואַרג, האָבן די שקצים אָנגעהויבן צו געוואַלדעווען אויף קיל־קולות און ליאַרמען, אַז די זשידעס האָבן זיי געשלאָגן און געשלעפּט אין קעלער, כדי צו נעמען זייער בלוט אויף פּסח... אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן די „סאָיוזניקעס" מיט איוואַן באַדאַטשוק אין דער שפּיץ.

אָבער אין זעלבן אויגנבליק האָט דעם מאַרק, מיט בליץ־

שנעלקייט, פאַרפלייצט אַ כוואַליע פון פּאָליציי, זשאַנדאַרמען און דראַגונעס, וועלכע האָבן אַרומגעריגלט די פּאָגראָמשטשי־קעס פון אַלע זייטן. ווען די פּויערים האָבן אַרויסגעכאַפּט זייערע לאַנגע מעסערס, שפּיזן און קאָסעס — האָט דער פּאָל־קאָווניק באַפוילן נוצן הייס געווער. דער מאַרק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכט־פעלד אָן יידן...

אַ סך פון די „סאָציוזניקעס" זענען געוואָרן פאַרווּנדעט, אַנדערע האָט מען אַרעסטירט און צונויפגעשטעלט קעגן זיי אַ פּראָטאָקאָל פאַר אַ בונט קעגן צאַר און מ'האָט זיי פאַרשפּאַרט אין דער לויצקער גרויסער טורמע.

אַזוי אַרום האָט ר' יחיאל באַרדיטש, דבורה־האָדלס זון, געראַטעוועט די שטאָט פון אַ פּאָגראָם.

א. וואַקסמאַן

נפתלי גארטיבעל

דער יונגער, אינטעליגענטער נפתלי גארטיבעל איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דער ציוניסטישער אידעע. ער האָט געהערט צו די ליכטיקסטע געשטאַלטן אין דער לויצקער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. רעדט און שרייבט פלייסיק עברית. באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער חלוצישער באַוועגונג פון לויצק. אַ גרויסער בקי אין ציוניסטישער געשיכטע — געהערט ער צו די לאַגיש־דענקענדיקע טוער פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג אין לויצק. יעדעס וואָרט זיינס איז געווויגן און געמאָסטן. ער צייכנט זיך אויס מיט זיין גרויסן טאַקט בין אדם לחברו.

ס'האָט זיך ביי מיר פאַרהיטן זיינער אַ בריוו, דאַטירט דעם 31־טן מאַי 1927, אין וועלכן מיר לייענען אויס דעם פולן באַריכט פון דער „התאחדות"־קאָנפערענץ אין וואַרשע מיט דער באַטייליקונג פון אליעזר קאַפּלאַן ע"ה פון ארץ־ישראל (ערשטער פינאַנס־מיניסטער אין ישראל). ס'איז צו שטוינען פון זיין פּינקטלעכער און געזונטער אויפפאַסונג, פון זיין אַלזייטיקער באַלויכטונג פון די אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ. מיט גרויס ווייטיק שרייבט ער דאָן, נאָך מיט יאָרן צוריק, וועגן די שטרויכלונגען וואָס דווקא „גוטע ציוניסטן", פון פאַרשידענע פּאַרטיי־קלייזלעך, וואַרפן אויפן וועג פון די חלוצישע פּיאָנערן, וועלכע פאַרלאָזן זייערע גוט־סיטואירטע היימען און פאָרן אַוועק בויען דאָס לאַנד מיט זייער בלוט און שווייס. דאָס אַלץ איז געשריבן אין אַ פערלדי־קער עברית־שפּראַך.

ער האָט מיט מיר צוזאַמען געאַרבעט אַ לאַנגע צייט אַלס סעקרעטאַר אין לויצקער פּאַלעסטינער־קרייז־אַמט. ער איז געווען אויך איינער פון די אַקטיווסטע אַנטיילנעמער אין אַלע ציוניס־טישע „קומזיצן", ווו מ'האָט אין לידער און ווערטער אויס־געשעפּט די בענקשאַפט פון אַלע חלומות. אָפטמאָל, אין די בין־השמשותן, ווען ס'איז שווער געווען אויפן האַרצן, האָט ער ליב געהאַט צו זיצן ביחידות אין אַ ווינקל און אונטערברומען ביאַליקס ליד:

„זריתי לרוח אנחתי וירווח החול דמעת עני".

אַ סך שווערע צייטן האָט ער דורכגעמאַכט במשך פון זיינע יונגע יאָרן. זיין חלום איז געווען, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווי נאָר ס'וועט זיך שאַפן עפּעס אַ מעגלעכקייט פון אַ מינימאַלער עקזיסטענץ אין לאַנד, זאָל ער עולה זיין קיין ישראל. ליידער איז ער צום לאַנד פון זיין טרוים נישט דערגאַנגען!

ב ש נ ו ת ה ש ו א ה

יאָרן פֿון חורבן


שטח פון געטא לוצק
פון יולי 1941
די בריקען
די גרעניץ פון געטא
די גרויסע שיל
די קאטעדרע
די קאראימער קענאסע
די צערקווע
די קירכע
קראסנע
שטיר

קאַלענדאַר פון פּיין, ווידערשטאַנד און אומקום

צוזאַמענגעשטעלט פון נ. שרון (שטראַכמאַן)

1 סעפּטעמבער 1939.

אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. היטלערס אַרמייען באַפאַלן פּוילן.

17—3 סעפּטעמבער 1939.

לויצק ווערט באָמבאַרדירט דורך דער דייטשער אַוויאַציע. עס פאַלן אַ סך קרבנות, יידישע און נישט־יידישע.

17—10 סעפּטעמבער 1939.

מאַסן פּליטים פון די צענטראַלע פּוילישע געגנטן קומען קיין לויצק. לויצקער יידן אָרגאַניזירן הילף פאַר די אַנטלאָפענע. אַלע בתי־מדרשים זענען פאַרפולט מיט פּליטים. אין פיל יידישע הייזער ווערן זיי ברידערלעך אויפגענומען.

17 סעפּטעמבער 1939.

די רויטע אַרמיי טרעט אַריבער די פּויליש־סאָוויעטישע גרענעץ. וואָלין ווערט איינגעשלאָסן אין דער אוקראַינישער סאָוויעטישער רעפּובליק. לויצק ווערט די הויפּט־שטאָט פון דער וואָלינער געגנט (אָבלאַסט) פון דער אוקראַינישער סאָוויעטישער רעפּובליק.

אָקטאָבער—דעצעמבער 1939.

די סאָוויעטישע מאַכט נאַציאָנאַליזירט די פּריוואַטע אונטערנעמונגען. מיטן פאַרמלוכהשן דעם האַנדל, פאַרלירן פיל יידישע משפחות זייערע געשעפטן און זייער מאַטעריעלע באַזע. עס ווערן ליקווידירט אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי — אויך די יידישע. אַלע שולן ווערן פאַרוואַנדלט אין סאָוויעטיש־מלוכהשע שולן מיט אוקראַיניש אַלס לערן־שפּראַך.

אין רעזולטאַט פון דער סאָוויעטישער פּאַספּאָרטיזאַציע, באַקומען הונדערטער יידישע משפּחות, דער עיקר געוועזענע סוחרים, אַ באַפעל צו פאַרלאָזן לויצק און אַריבערטראָגן זיך אין די קליינע שטעטלעך און אין די דערפער. אין זייערע פּאַספּאָרטן ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז זיי איז נישט דערלויבט צו וווינען אין קיין שום גרעסערער שטאָט.

עס ווערן אויפגעשטעלט סאָוויעטישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. פון מזרח קומען קיין לויצק טויזנטער באַאַמטע צום אָרגאַניזירן דאָס נייע לעבן, צווישן זיי פיל יידן. עס ווערט באַנייט דער קאָנטאַקט מיט די רוסישע יידן. די יידישע יוגנט ווערט אַריינגעצויגן אין די נייע עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס.

נאָוועמבער 1939.

וואַלן צו דער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין לוואָוו. לויצקער יידן שטימען פאַר די קאַנדידאַטן פון די סאָוויעטן. צווישן די אויסגעוויילטע דעלעגאַטן געפינען זיך אויך עטלעכע לויצקער יידישע קאָמוניסטן.

יאַנואַר 1940.

עס ווערן אַרויסגעפירט קיין סיביר משפחות פון געוועזענע גבירים, צווישן זיי — פיל יידן.

יוני 1940.

אַרעסטן צווישן דער ציוניסטישער יוגנט; די סאָוויעטישע נ.ק.ג.ב. אַנטדעקט די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע פון „גורדוניה" און אַרעסטירט אירע אָנפירער.

הונדערטער יידן אין מיליטער־עלטער ווערן מאָביליזירט איז דער רויטער אַרמיי — אין שייכות מיט דער מלחמה־שפּאַנונג.

23 יולי 1940.

עס ווערן דעפּאָרטירט אין די ווייטע געגנטן פון ראַטנפאַרבאַנד פּליטים, וועלכע האָבן זיך רעגיסטרירט צום אומקערן קיין צענטראַל־פּוילן. טויזנטער יידישע פאַמיליעס ווערן אַרעסטירט אין מיט פראַכט־צוגן אַוועקגעפירט אויפן ווייטן סיביר.

אַפּריל—מאַי 1941.

הונדערטער יידישע יוגנטלעכע אין מיליטער־עלטער ווערן מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי און צו מיליטערישע בוי־אַרבעטן.

22 יוני 1941.

היטלערס אַרמייען באַפאַלן ראַטנפאַרבאַנד. לויצק ווערט מערדעריש באָמבאַרדירט.

26 יוני 1941.

נאַצי־אַרמיי פאַרנעמט לויצק. יידן, פון 10 יאָר אָן, דאַרפן טראָגן ווייסע אַרעמבענדער.

29 יוני 1941 — מאָנטיק.

די דייטשן אָרגאַניזירן אַן אוקראַינישע מיליץ. די אוקראַינישע מיליציאַנטן און די געסטאַפּאָ נעמען אַרויס פון די הייזער קרוב צו 2.000 יידן, ס'רוב מענער אין מיטעלן עלטער, און דערמאָרדן זיי אין אַן אומבאַקאַנט אָרט. די לויצקער האָבן די ערשטע 2.000 קדושים גערופן — „די מאָנטיקדיקע", ווייל די רציחה אין פאָרגעקומען מאָנטיק.

2 יולי 1941 — דאָנערשטיק.

עס ווערט פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל: יידן — מענער, אין עלטער פון 16 ביז 60, זאָלן זיך שטעלן שבת, דעם 4־טן יולי, „צו אַרבעט" אין ליובאַרט־שלאָס.

4 יולי 1941.

קרוב צו 3.000 יידן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין ליובאַרט־שלאָס זענען דאָרט אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַ דייטשער מיליטערישער איינהייט. די גרופּע קדושים איז שפּעטער גערופן געוואָרן — „די דאָנערשטיקע".

קרוב צו 5.000 יידישע פאַמיליעס זענען פאַריתומט געוואָרן פון זייערע פאָטערס און ברידער. דער יידישער לויצקער קיבוץ האָט פאַרלוירן זיינע באַשיצער קעגן היטלעריסטישן שונא.

10 אויגוסט 1941.

עס ווערט פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל, אַז אַלע לויצקער יידן מוזן טראָגן אַ שאַנד־צייכן: אַ ווייסן באַנד מיט אַן אויסגענייטן בלויען מגן־דוד אויפן אָרבל פון דער רעכטער האַנט.

1 סעפּטעמבער 1941 — ערב ראש־השנה.

נייע גזרות: יידן דאַרפן טראָגן געלע לאַטעס; יידן דאַרפן זיך נייגן פאַרן דייטש; יידן טאָרן נישט גיין אויפן טראָטואַר. פאַר עובר זיין אויף די געזעצן דראָט טויט־שטראָף.

19 אָקטאָבער 1941.

די דייטשן גרינדן אַ לאַגער פון יידישע פאַכמענער. מיטן לאַגער פירן אָן די היטלעריסטן פייערטאַג און היינקע.

11 דעצעמבער 1941.

טויזנטער יידן ווערן במשך פון געציילטע מינוטן אכזריות־דיק אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען און ווערן געיאָגט אין דער ריכטונג פון באַזיליאַנסקי־גאַס. דאָרט ווערן זיי פאַרשלאָסן אין יידישן געטאָ. זקנים און קראַנקע וואָס זענען געבליבן הינטערשטעליק אינעם טראַגישן מאַרש צום געטאָ, זענען אויפן אָרט דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע און אוקראַינישע באַגלייטער.

12 דעצעמבער 1941.

די דייטשן טרייבן אין געטאָ די יידן פון קראַסנע.

יאַנואַר—מאַי 1942.

די דייטשן לייגן אַרויף אויף דעם געטאָ פאַרשידענע קאָנטריבוציעס. יידן מוזן אָפּגעבן גאָלד, זילבער, מעש, פוטערס, מעבל, בעטגעוואַנט א.א.וו. אַלע יידן פון 6 יאָר אָן זענען געטריבן געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעטן. די קראַסנער יידן ווערן פאַרטריבן אין געטאָ נומער 1. אויפן וועג ווערן 28 דערשאָסן.

15 מאַי 1942.

די דייטשן באַפעלן, אַז אַלע יידן זאָלן זיך שטעלן אויפן באַזיליאַנסקער פּלאַץ, ווו זיי ווערן סאָרטירט לויטן עלטער, געשלעכט און באַשעפטיקונג. ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס געווען די גענעראַל־פּראָבע צו דער שפּעטערדיקער ליקווידאַציע פון געטאָ.

זומער 1941.

אַ גרופּע יוגנטלעכע אַנטלויפט פון געטאָ מיטן ציל צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ פּאַרטיזאַנישער איינהייט. זיי ווערן דערמאָרדעט דורך אוקראַינער. געציילטע פון זיי געלונגט צו פאַרבינדן זיך מיט סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער פון גענעראַל קאָוופּאַקס אַרמיי, ווו זיי קעמפן און נעמען נקמה.

7 יולי 1942.

די דייטשן לייגן אַרויף אויפן געטאָ אַ גרויסע קאָנטריבוציע און דערקלערן, אַז אויב די יידן וועלן זי נישט אַריינטראָגן, וועט דאָס געטאָ ליקווידירט ווערן.

13 יולי 1942

די היטלעריסטן אַרעסטירן אַלס זאַקלאַדניקעס (ערובניקעס) דעם פאַרזיצער פון יודענראַט ד"ר קאַרטשעמני, די מיטגלידער פון יודענראַט געבעט, ד"ר האָפמאַן און פרוי האָוסמאַן.

17 יולי 1942.

די היטלעריסטן באַשטימען נאָך איין קאָנטריבוציע: 1.000 ק"ג זייף, 500 ק"ג ליכט, 200 קופּאָנען שטאָף פאַר דאַמען־מאַנטלען, הונדערטער קילאָגראַמען קנאָבל. פאַר די יידן ווערט קלאָר, אַז די לעצטע קאָנטריבוציע איז נישט מער ווי אַ חוזק און אַן אויסרייד צו אָרגאַניזירן די „אויסזידלונג".

23—19 יולי 1942 ד' אלול תש"ב

די דייטשע מערדער ליקווידירן דעם לויצקער געטאָ. במשך פון 2 טעג ווערן אין פּאָלאַנקאַ־גורקי אויסגעמאָרדעט העכער 17 טויזנט יידן.

אויגוסט 1942.

די מערדער יאָגן זיך נאָך באַהאַלטענע ייִדן. טייל ווערן אויפן אָרט דערשאָסן, אַנדערע ווערן קאָנצענטרירט אין געטאָ מיטן צוזאָג, אַז זיי וועט מען שוין נישט רירן מער.

ערב ראש־השנה תש״ג.

די דײַטשן רינגלען אַרום די פּאָר הונדערט לעבן־געבליבענע ייִדן, פירן זיי אַרויס קיין פּאָלאַנקאַ, וווּ זיי ווערן דערשאָסן.

12 דעצעמבער 1942.

די דײַטשע מערדער ליקווידירן די לעצטע 500 לויצקער ייִדן, פאַרשפּאַרטע אין לאַגער פאַר „ספּעציאַליסטן" — אין בנין פון דער ייִדישער גימנאַזיע (געוועזענער בנין פון פּינטשוקס מיל).

אויפשטאַנד פון די פאַרשפּאַרטע. אומגלײַכער קאַמף קעגן די דײַטשע און אוקראַינישע באַוואָפנטע רוצחים. געציילטע ייִדן ראַטעווען זיך פון טויט. אַלע איבעריקע קומען אום אין לעצטן העראָישן קאַמף.

4 פעברואַר 1944.

די רויטע אַרמיי באַפרייט לויצק פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. פון די בונקערס און באַהעלטענישן קומען אַרויס ביי 150 ייִדן. דאָס אַלץ איז פאַרבליבן פון דעם 20 טויזנט־קעפּיקן ייִדישן ישוב אין לויצק.

1960.

אין לויצק לעבן 5 ייִדן — תושבים פון פאַרמלחמהדיקן ישוב.

ד״ר מ. גריפּעל / ישראל

לויצקער איכה

יוני 1941. אַ שווערע קאַנאָנאַדע וועקט מיך אויף פון שלאָף. עס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו טאָגן. איך לויף אַרויס אויף דער גאַס און הער דאָס קראַכן פון אײַנגעפאַלענע הײַזער. דאָס באָמבאַרדירן הערט נישט אויף. מלחמה!

ד״ר מ. גריפּעל

מען דערציילט וועגן געהרגעטע און שווער פאַרוווּנדעטע אויף ווילקע. מען פירט שוין אײַנצלנע פאַרוווּנדעטע אין שפּיטאָל. עס ווערט אויף אַ שטיקל צײַט רויק. אָבער באַלד קומען ווידער אָן גרופּעס עראָפּלאַנען און מען הערט ווידער דאָס קראַכן פון באָמבעס און אײַנגעפאַלענע הײַזער. מענטשן לויפן אַראָפּ פון די העכערע הײַזער. מען לאָזט איבער האָב־און־גוטס, מען לויפט אין די קעלערס.

מען רופט מיך צו אַ פאַרוווּנדעטן אויף שענקעוויטשע־גאַס. איך גיב אים די ערשטע הילף און שיק אים אָפּ אין ייִדישן שפּיטאָל. גייענדיק צוריק, ווער איך פּלוצעם אַנידערגעשלײַדערט פון דעם דרוק פון דער לופט. איך ליג אין מיטן גאַס. אַ פינצטערניש הילט מיך אַרום. איך הייב זיך אויף, אָבער זע נישט גאָרנישט. איך פיל נאָר אַ שטיקנדיקע לופט. דאָס דויערט נישט לאַנג. ס׳ווערט העלער, און פאַר מײַנע אויגן — דאָס אײַנגעפאַלענע הויז נעבן געוועזענעם קינאָ „מאָדערן"; עפּעס אַ האַטעל אין דעם שמאָלן געסעלע; נאַקעטע מענטשן, אין די נאַכטהעמדער בלויז, לויפן אַרויס פון דעם אײַנגעפאַלענעם הויז, און איינער שרײַט: „דאָרט ליגט מײַן פרוי אונטער די בעלקעס... זי לעבט... מענטשן, ראַטעוועט!". מיט שוועריקייטן האָט מען זי אַפּגעשלעפּט און אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל.

אַזוי דויערט עס עטלעכע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט. עס ברענט גאַנץ ווילקע, אָנהייבנדיק פון דער וואָיעוואָדזשטווע, פון ביידע זײַטן באַלעסלאַוואַ פּרוס ביז צום רוסישן בית־הקברות פון איין זײַט, און פון דער צווייטער זײַט כמעט ביז ענדע דער שטאָט. בײַנאַכט שאַפט דאָס פײַער אַ שרעקלעך בילד: דער הימל איז רויט, דאָס פײַער פון די ברענענדיקע הילצערנע הײַזער באַלײַכט די וועגן אין דער ריכטונג פון פּאַרק. מען זעט לויפנדיקע מענטשן מיט קליינע קינדער אויף די הענט, וועלכע זוכן אַן אָרט וווּ זיך צו באַהאַלטן.

אין אָוונט פלעגט די קאַנאָנאַדע זיך אײַנשטילן. די לויצקער ייִדן ליגן אין די קעלערס. זעלטן ווער עס קערט זיך אום אין זײַן הויז. מען וויל ראַטעווען דאָס לעבן. די צאָל פאַרוווּנדעטע און טויטע מערט זיך פון טאָג צו טאָג. דער שפּיטאָל איז איבערפילט.

אין שרעק און צרות זענען אַוועק דריי־פיר טעג. נאָר אײַנצלנע איז געלונגען אין דער צײַט צו פאַרלאָזן לויצק און אַנטלויפן אויף מזרח. מען זעט נישט קיין מיליטער. די גאַסן ווי יאַגעלאָנסקע ביי דאַלס אַפּטייק זענען דורכגעשניטן מיט

טיפע גריבער פון דער שווערער באָמבע — דער גרוב ציט זיך פון דאַל׳ס אַפטייק ביז דער יידישער גימנאַזיע אויף דער צווייטער זייט גאַס אַ 8—10 מעטער טיף. אַזעלכע גריבער זענען אויך דאָ אויף ווילקע.

דער פיינט האָט מיט די באָמבעס געצילט אוממעגלעך צו מאַכן דאָס אַנטלויפן סיי פון דער באַפעלקערונג סיי פון דעם מיליטער.

ס׳איז מיטוואָך 4—5 אַ זייגער באַכמיטאָג. מען הערט נאָך ווי די שווערע אַרטילעריע שיסט איבער דער שטאָט אויף קראַסנע, און שוין קומען אַריין אין די קעלערס דייטשע סאָלדאַטן מיט אַ ווילד געשריי: מענער, הערויס!

מען שלעפּט פון זאַלעסקיס קעלער. צווישן אַנדערע — זיינוול לערער. איך באַגעגן ד״ר פעמאָוו. ער דערציילט מיר, אַז מען האָט זיין זון אַוועקגעשלעפּט אין זאַמעק. גרופּעסווייז שלעפּט מען מענער און מען זאַמלט זיי אויף דעם פּלאַץ נעבן דער קהילה. אָן אַ טראָפּן וואַסער האַלט מען זיי לאַנגע שעהן און מען פירט זיי אָפּ שפּעטער אין טורמע. דאָרט האָבן זיי זייער לעבן פאַרענדיקט.

עס הייבן זיך אָן אָנפאַלן אויף די הייזער. דעם אַדוואָקאַט ד״ר פּרעטשעפּ פירט אַ געסטאַפּאָ־אָפיציר, — מער האָבן מיר אים שוין נישט געזען. די פאַרבליבענע יידישע הייזער, ווי אויך מאַגאַזינען ווערן איינצלווייז אונטערגעצונדן דורך ספּעציעלע מיליטערישע פּאַבלייט. זיי פרעגן דערביי, צי דאָס איז אַ יידיש הויז. אַזוי צינדן זיי אונטער פאַר מיינע אויגן באַקאָביעצקיס מאַגאַזין, אַ הויז אין דעם זייטן־געסל ביי ד״ר בראָנבערגס הויז.

שרעקלעך זעט אויס אונדזער אַמאָל שיינע שטאָט, די גאַסן מיט די איינגעפאַלענע הייזער. נאָר קוימענס סטאַרטשען אַרויס. די גאַסן — לער, מען זעט נישט קיין מענטש. ווי אַ פאַרלאָזענער בית־הקברות.

די דייטשן פאַרנעמען די שטאָט. נאָך הערט מען אויף מזרח די אַרטילעריע־דונערן. אָבער לאַנגזאַם ווערט שטילער. מיט אַ טרויעריק געמיט קערן מיר זיך צוריק אין די פאַרבליבענע גאַנצע הייזער. מען שלאָפט נישט. גאַנץ פרי גיי איך אַרויס אין גאַס. מענטשן לויפן אין דער ריכטונג פון דעם ליובאַרט־שלאָס. איך באַמערק אויף די ווענט און אויף די סלופּעס קליינע צעטעלעך מיט דער מעלדונג, אַז אַלע יידן פון 16—60 יאָר זאָלן מיטנעמען מיט זיך לאָפּעטעס און אויף אַ טאָג עסן און קומען אין זאַמעק. ווער ס׳וועט נישט קומען, ווערט דערשאָסן. די מעלדונג איז אין 2 שפּראַכן — דייטש און אוקראַיניש. אָבער מערקווירדיק — קיין שום אונטערשריפט. דאָס איז מיר פאַרדעכטיק. איך באַשליס שוין אויף דער באַזיליאַנסקער בריק אָפּצושטעלן מערערע יידן, און דערקלער זיי וואָס איך מיין: „גייט נישט. קערט זיך צוריק אַהיים". אַ טייל פאָלגן מיר. איך לויף אַריין צו ד״ר שמוליק גאָלדבערג און פרעג אים צי ער ווייסט וועגן דעם. אויך ער וויל גיין מיט אַלע פון זיין הויז. אַלע זענען איבערגעשראָקן. ס׳איז מיר געלונגען צו איבערצייגן, אַז קיינער טראָגט נישט פאַר דער מעלדונג קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ס׳איז אַ פּאַסטקע.

דעם זעלבן דאָנערשטיק, 5 אַזייגער אין אָוונט, אומקערנדיק זיך אַהיים פון יידישן שפּיטאָל, באַגעגן איך אַ גאַנצן צוג (100) דייטשע זעלנער אין שטאָל־העלמען און אין פולער באַוואָפענונג. ווי צו אַ שווערן קאַמף אויפן פראָנט מאַרשירן זיי אין דער ריכטונג פון דעם ליובאַרט־שלאָס. אַ האַלבע שעה שפּעטער הערט מען יעדע 8—10 מינוט פון דער ריכטונג פון דעם שלאָס אַ סאַלווע פון 25—30 ביקסן. עס ציטערט אויף מיין האַרץ: אַהין זענען געגאַנגען אונדזערע קינדער, אונדזערע ברידער. די סאַלוועס חזרן זיך איבער פּינקטלעך אַלע 10 מינוט. אַזוי דויערט עס ביז האַלב צען אַזייגער אין אָוונט. ווידער גייט אַריבער אַ שרעקלעכע נאַכט. אין דער פרי לויפן די מאַמעס און ווייבער פרעגן אין דער קהילה (דאָס אָרט פון דער דייטשער קאָמאַנדע) ווו עס זענען זייערע מענער און קינדער. „אויף אַרבעט האָט מען זיי געשיקט" — איז דער ענטפער פון די פאַרברעכער.

מיט אַ טאָג שפּעטער באַגעגן איך אַ דייטשן זעלנער אויף דער לאָנקע הינטער דער שטאָט. ער מיינט, אַז איך בין אַ קריסט און רופט אויס מיט אַ צופרידענער שטימע: — געסטערן האָבן וויר דאָרט (ווייזט מיט דער האַנט צום זאַמעק) 3000 יודען ערלעדיגט.

די בעסטע און איידלסטע קינדער — די יוגנט פון אונדזער שטאָט איז אויף אַ שוידערלעכן אופן דערמאָרדעט געוואָרן. ווי ס׳האָבן דאַן קריסטן, וועלכע וווינען ביים זאַמעק, דערציילט, האָבן זיך די קינדער געוואָרפן צו די שטיוול פון די דייטשע באַרבאַרן און געשריגן: שענקט אונדז דאָס לעבן — מיר זענען נאָך יונג און אומשולדיק.

*

ס׳זענען קוים אַריבער עטלעכע טעג, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פּייניקן די פאַרבליבענע יידן. די דייטשע אָקופּאַנטן שאַפן אַ יודענראַט. מען רופט אים צום אָבערשטאַבסלייטער, אַ געוויסער לינדנער (פון פאַך אַ פריזירער, ווי ס׳האָט שפּעטער דערציילט דער דייטשער אָבערשטאַבסאַרצט ד״ר רינגעל), און דאָרט האָט

זיך עס אַנגעהויבן מיט פאָלגנדיקע ווערטער: פאָלק ישראל, אללעס ווערט איהר מאַכען וואָס איך באַפעהלע, אַללעס האָבט איהר צו זאַמלען אונד הער צו ברענגען. דיע מינדעסטע פּאָרוויגערונג ווירד מיט דעם טאָדט בעצאַהלט, אונד דאַמיט איהר אַללעס גענאַו דורכגעפירט, ווערדעט איהר יעצט געשמיססען...״

נעבן אים איז געשטאַנען איינער פון דער געסטאַפּאָ אין אַ שוואַרץ העמדל. אויף דעם טיש איז געלעגן אַ גומענע בייטש מיט אַן אייזערנעם דראָט. צו דער צייט איז אַריינגעקומען אין צימער פייערטאַג, אויך אַ געסטאַפּאָ־אָפיציר, און ביים אַרויסגיין ווינטשט ער דעם לייטער: — פיעל פאַרגניגען.

יעדער פון די אַנוועזנדיקע לויצקער יידן ווי: ד״ר פּטיק, ד״ר ראָזענקראַנץ, פרישבערג און אַזוי ווייטער (אַחוץ לייזער דאַלן און פּרוי האוסמאַן) האָבן געמוזט זיך אַנידערלייגן אויף אַ טאַבורעטע און אויפהייבן דעם מאַנטל איבערן קאָפּ... דערביי האָט דער שוואַרצער שלעגער געפרעגט דעם דייטשן לייטער וויפל קלעפּ ער דאַרף געבן. מיט די פינגער האָט יענער אים געוויזן (3—4—5). איך מיין, אַז דער שוואַרצער שלעגער איז געווען אַן אַסימילירטער דייטשער אוקראַינער.

מיט דער גאַנצער קראַפט האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אייזערנע בייטש איבער דעם רוקן פון די לויצקער יידן און מיט „יודען הערויס״ פאַרענדיקט די שפּיל מיט די פאָרשטייער פון דער לויצקער יידישער באַפעלקערונג.

טאָג־טעגלעך גייען נייע גזירות:

א) יידן טאָרן נישט גיין אויף די טראָטואַרן;

ב) יידן מוזן אַראָפּנעמען פאַר יעדן דייטשן אָפיציר דאָס היטל.

ג) יידן טאָרן נישט קויפן אויפן מאַרק נאָר אין געוויסע שעהן — פון 10—12.

ד) יידן מוזן טראָגן אַ געלע לאַטע אויף דער ברוסט און דעם רוקן.

ה) יידן מוזן אָפּגעבן יעדעס געלט וואָס זיי האָבן.

ביי די פאַרמעגלעכע יידן האָט מען צוגענומען דאָס שענסטע מעבל, פיאַנינעס, פוטערס און אַלע ווערטפולע זאַכן. מיט לאַסטאויטאָס האָט מען די זאַכן אָפּגעפירט צו דער באַן.

יעדן טאָג האָט מען גערופן פרישבערגן אָדער אַן אַנדערן פון יודענראַט צום געביטסקאָמיסאַר, און דאָרט האָט מען אַרויסגעגעבן פאַרשידענע באַפעלן. צווישן אַנדערע: צושטעלן ווינטער־וועש, יעגער־העמדער, קאָלדרעס, פוטערס, זילבער, קופער, מעשענע לייכטער און אַז. וו.

★

ס'איז געקומען אַ באַפעל, אַז עס ווערט געשאַפן אַ געטאָ. דעם 12־טן דעצעמבער 1941 האָט מען אַלע פאַרבליבענע יידן אַרויסגעטריבן פון זייערע הייזער. יעדער האָט מיטגענומען אַ קליין פּעקל, נאָר וואָס ער האָט געקאָנט טראָגן. אַ מאַמע, וואָס האָט געהאַט אַ קליין קינד, איז דאָס געווען דאָס פּעקל, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אין געטאָ.

עס איז געווען אַ שטאַרקע בלאָטע, און אַלטע לייט, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אַזוי גיך גיין האָט מען געשלאָגן איבערן רוקן און געפייניקט. קענענדיק די דייטשן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך האָב אַלס עסטרייכישער אָפיציר האָט ביי האָנט מיט זיי געקעמפט, האָב איך עס נישט געקאָנט

מען פירט די לויצקער יידן אין געטאָ

באַגרייפן. איז דאָס גאַנצע פאָלק זייערס די לעצטע יאָרן אַזוי פאַרדאָרבן געוואָרן? איך האָב צוזאַמען מיט זיי געלערנט אין בערלין. ווו זענען זייערע אידעלע? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט.

די גזירות האָבן אויף קיין איינציקן טאָג נישט אויפגעהערט. דאָס געטאָ איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן, מ'האָט נישט געטאָרט פון דאָרט אַרויסגיין.

דער יודענראַט האָט געמוזט צושטעלן יעדן טאָג מענטשן צו פאַרשידענע אַרבעטן. גאַנץ פרי זענען זיי גרופּנווייז דורך יידישער פּאָליציי אַרויסגעפירט געוואָרן און אָוונטצייט זענען זיי צוריקגעקומען. מיט דעם שטיקל ברויט, פון דעם געטאָ אַרייסגעטראָגן, האָבן זיי שווער געאַרבעט דעם גאַנצן טאָג. אַ גרעסערע גרופּע פּאָבלייט האָט מען אַוועקגעשיקט קיין מזרח. זיי האָבן זיך שוין נישט צוריקגעקערט. מען האָט געשאַפן אַ לאַגער אויף קראַסנע, פון וועלכע ס'איז קיינער ביים לעבן נישט געבליבן.

דער הונגער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין געטאָ. אין אַן איינציק צימער זענען געלעגן צו 30—40 מענטשן אויסגעלייגט אויפן באָדן און צוזאַמענגעפּרעסט ווי הערינג אין אַ פאַס. דער הונגער, די קעלט און די ענגשאַפט האָבן אַריינגעבראַכט דעם טיפוס. טאָג־טעגלעך פלעגט מען אַרויסלייגן טעלכע אויסגעדאַרטע טויטע קערפּערס אויף אַ קליינעם וואָגן, וועלכן ס'האָט געשלעפּט מיט לאַנגזאַמע טריט אַן אויסגעדייוועטע שקאַפּע איבער דער שטאָט צום בית־הקברות.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן אויך די אומגעקומענע רוסישע זעלנער, וועלכע מען פלעגט טאָג־טעגלעך, 9 אַזייגער אינדערפרי, אַרויספירן אויף 2־3 גרויסע מיליטער־וועגן, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר געזונטע דייטשע פערד, פון דער טורמע אין דער ריכטונג אויף גנידעווו. ווי קלעצער האָלץ זענען זייערע נאַקעטע

אויסגעדאַרטע קערפּערס געלעגן איינער אויף דעם אַנדערן אין אַ צאָל פון 25—20 אויף איין וואָגן. חדשים־לאַנג, פון דעצעמבער 1941 ביז יאַנואַר־פעברואַר 1942, האָט מען געזען זיי פירן. זיי זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער, טיפוס און דיזענטעריע, — לויט ס׳האָט מיר דערציילט אַ דאָקטאָר, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט.

סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע

אין די ערשטע טעג פון דעם געטאָ, האָבן מיר, לוצקער יידן, געגלייבט, אַז אין דעם פאַרמאַכטן, אָפּגעשלאָסענעם אָרט וועלן מיר געפינען רו. אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אילוזיע.

יעדן טאָג האָט מען פאַרלאַנגט פון דעם יודענראַט פרישע סומעס. אַלצדינג וואָס דער ייד האָט פאַרמאָגט האָט מען צוביסלעכוויז אַרויסגעצויגן. ווען דער ייד האָט נישט געגעבן, טענהנדיק אַז ער האָט שוין נישט מער, האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין דעם קעלער פון קלמן גאָלדבערגס הויז, ווו עס איז געווען דער יודענראַט.

פון טאָג צו טאָג זענען די פּנימער פון די פאַרשפּאַרטע יידן געוואָרן בלאַסער. אַ געלקייט האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיי. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, הונגעריק, זענען זיי אַרומגעגאַנגען אין די געסלעך פון דעם געטאָ. די פון הונגער געשוואָלענע פיס האָבן מיט גרויסע שווערקייט קוים געטראָגן דעם געשוואָלענעם קערפּער. זיי פלעגן זיך אָפט אָפּשטעלן און אַנידערזעצן אויף די שטיינער.

דאָס לעבן איז מיט יעדן טאָג געוואָרן נמאוסער. פיל האָבן זיך געווונטשן דעם טויט. „דאָקטער, — האָבן זיי צו מיר געזאָגט — ווען וועט שוין נעמען אַן ענדע? מיר קאָנען שוין נישט מער...״

און דער טאָג איז געקומען: פון אַלע ערטער, ווו די יידן האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ, האָט מען זיי אַריינגעשיקט אין געטאָ און געזאַמלט. ביי זלאָצקיס אַפּטייק האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ציווילער דייטש, גערעכנט און געשריבן אויף אַ בלאָק. עפּעס האָט ער געוואָלט וויסן, וואָס עס לאָזט זיך דאָ אויפטאָן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער גרייט עפּעס צו. עס האָט זיך דאַן אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט מיט דייטשער פּינקטלעכקייט אויסגעמאָסטן מיט דעם פאַרברעכערישן אויג וויפל מענטשן מען קאָן אויף דעם פּלאַץ פאַרזאַמלען.

דעם זעלבן אָוונט האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַ 150 מענטשן הינטער פּאָלאַנקע, און זיי האָבן ביי דער ליכט פון שייגוואָרפער געגראָבן גריבער. „מאַכט גוטע טרעפלעך אַראָפּצוגיין״ — האָט אויסגערופן דער ס.ס.־מאַן — „דאָס איז פאַר אייערע ווייבער און קינדער, זיי זאָלן קאָנען לייכט אַראָפּגיין״. און אייגעם אַ פרימאָרגן, האָט מען אָנגעהויבן טרייבן די מענטשן פון אַלע געסלעך אויף דעם באַזיליאַנסקע פּלאַץ ביי דעם יודענראַט. איך האָב זיך דורכגעשלאָגן דורך דער מענטשן־מאַסע און באַטראַכט דאָס בילד. די וועגן אויף יאַגעלאָנסקע און אַנדערע געסלעך זענען געווען אַרומגעשטעלט מיט באַרוועסע אוקראַאינער אַלע פּאָר מעטער מיט ביקסן אין די הענט, און צווישן עטלעכע אוקראַאינער, וועלכע זענען געווען ציוויל אָנגעטאָן, זענען געשטאַנען איינצלנע דייטשע עלטערע זעלנער ס.ס.־מענער. עס איז מיר געלונגען צוצוקומען אין דעם פאַרמאַכטן געסל ביים פּוילישן קלויסטער. דאָרט האָט איך געזען אַ 10—15 ס.ס.־אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט צו דער אַקציע, וואָס לינדנער, זייער געביטסלייטער, פירט דורך איבער די אומגליקלעכע יידישע פרויען, קינדער און עלטערע לייט. צווישן די ברוינגעקליידטע ס.ס.־אָפּיצירן האָבן זיך געלאָזט באַמערקן איינצלנע פרויען.

אויף אַ ברוין שיין פערד איז געריטן דער געביטסלייטער לינדנער אַליין. ער איז שטיין געבליבן ביי דער ענדע פון דער בריק, וועלכע פירט אויף גנידעווו, און צוגעקוקט ווי מען טרייבט די אומגליקלעכע יידן. „ווו נעמט מען אַ ביקס — האָב איך אַ קלער געטאָן — זיין קאָפּ אַראָפּצונעמען... איך האָב דאָך אַמאָל באַקומען אַן אויסצייכענונג פאַר שיסן אין ציל״.

אויף בערקאָ־יאָסעלעוויטשאַ־גאַס האָבן צוויי יונגע שוועסטער זיך געוואָרפן אויף די העלדזער און מיט אַ וויינענדיק קול געשריען: „שוועסטער מיינע, פאַרוואָס זאָלן מיר אַזוי יונג גיין צום טויט?״

עס האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג אַן אוקראַאינער מיט אַ ביקס אין דער האַנט. „קודאַ (וווהין)?״ — האָט ער געפרעגט. כ׳האָב אים אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין די אויגן און בין אַריבערגעשפּרונגען איבער זיין פאַלנדיקן קערפּער צווישן דער מענטשן־מאַסע און אַרונטער אונטער דער בריק. איך בין אַריין צו דעם טשעך אַלברעכט אין הויז, ווו מיין פרוי איז געווען. מיין פרוי האָט מיר דערציילט, אַז ווען זי האָט געוואָלט אַריינגיין צו דעם אַלברעכט, האָט מען זי נישט געלאָזט, אָבער די קינדער האָבן געבעטן פאַר איר: ס׳איז דאָך רינאַס מאַמע. דאַן האָט איר אַלברעכט אַ זאָג געטאָן: קריך אַרויף אויפן בוידעם.

פון דעם טשעכס בוידעם, ליגנדיק אין היי, האָב איך דורך אַ שפּאַרונע זיך צוגעקוקט וואָס עס קומט דאָ פאָר:

ס׳איז געווען שטיל. ס׳האָט אַזוי געדויערט אַ שטיקל צייט. פּלוצעם הערן מיר ווילדע געשרייען. דאָס זענען אוקראַאינער מיט דייטשן. שלאָגנדיק מיט די קאָלבעס איבער די קעפּ און רוקנס, האָבן זיי אַרויסגעטריבן די אומגליקלעכע יידן פון דעם קאַרטאָפל־פעלד, ווו זיי זענען געלעגן באַהאַלטן. אויף דער בריק זענען געשטאַנען עטלעכע דייטשן און אוקראַאינער. מיט אַ קינד אויף דער האַנט, צודריקנדיק עס צום קערפּער, איז

אַריינגעשפּרונגען אין סטיר וויסאָצקיס טאָכטער; מיט איין האַנט איז זי געשוווּמען. די דייטשן שיסן צו איר, און מען הערט איר קול: — באַנדיטן, איר וועט מיט אַן ערגערן טויט שטאַרבן!

די ערשטע קוילן טרעפן נישט. מען הערט איר ראַנגלען זיך אין וואַסער, און באַלד זינקט זי אין דער טיפעניש פון דעם סטיר, געטראָפן פון אַ קויל אין קאָפּ.

לאַסטוועגן, אָנגעפילט מיט מענטשן, פאָרן אַלע פּאָר מינוט אַריבער דער בריק אין דער ריכטונג פון פּאָלאָנקע.

עס קומען ווידער אַריין עטלעכע דייטשן און אוקראַינער צום טשעך אַלברעכט אין הויף, נישטערן און פרעגן אויף באַהאַלטענע יידן. דער שוואַרצער הונט, וועלכער איז צוגעבונדן אויף אַ לאַנגער קייט צום שטאַל, וואַרפט זיך אויף זיי און מיט אַ שרעקלעך בילעריי טרייבט ער זיי דורך, די גיבורים.

דעם גאַנצן טאָג פירט מען לאַסטוועגן אָנגעפילטע מיט יידן אויף פּאָלאָנקע צו די צוגעגרייטע גריבער, 150 מעטער לאַנג און 6 מעטער ברייט.

ווי עס האָבן איבערגעגעבן פּויערן, האָט מען די יידן געהייסן זיך אויסטאָן, וואַרפן די קליידער אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ, אַראָפּגיין מיט די טרעפּלעך אין די גריבער און זיך אויסלייגן איינער נעבן אַנדערן, אין אַ ריי ווי האָלץ, מיטן פּנים צו דער ערד, און פון אַ האַנט־מאַשין־געווער האָט מען אין זיי אַריינגעשאָסן.

✶

קומענדיק אין יאָר 1944 צוריק פון וואַלד, האָבן מיר, עטלעכע יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט, אַרומגעגראָבן אַ ראָוו און די ערד אָנגעשיט אין מיטן בית־הקברות אַ 6—8 מעטער די הויך און אַ 12 מעטער די ברייט. שמואל וואַרקאָוויצקי האָט אָנגעשריבן אויף אַ טאָוול: „דאָ ליגן באַגראָבן 18 טויזנט יידן, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן”.

✶

צוריקקומענדיק פון די וועלדער, האָב איך געטראָפן די שטאָט אַ פאַרברענטע און ליידיקע פון יידן. דאָס איז געווען פרילינג 1944. פּלוצעם האָב איך אין מיטן גאָס באַמערקט די פרוי וואַרקאָוויצקי איינע אַליין. ס'האָט אַ ציטער געטאָן מיין האַרץ. דער פראָנט איז געווען ביי טאָרטשין, און דאָס דונערן פון קאַנאָנען האָט זיך פון צייט צו צייט געלאָזט הערן. זי האָט מיר דערציילט, אַז איין טאָכטער לעבט, און אַז עס זענען דאָ נאָך איינצלנע יידן, וועלכע זענען די טעג געקומען פון די דערפער. איך האָב זיי אויפגעזוכט, און מיר האָבן באַשלאָסן זיך איינצואָרדענען. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך געטראָפן ד״ר קוניצאַ־גאָלדשטיין מיט איר מאַן, שמואל וואַרקאָוויצקי. די ערשטע אַרבעט אונדזערע איז געווען — באַהאַלטן די טויטע, וועלכע זענען נאָך נישט געווען באַגראָבן. אַזוי האָבן מיר געפונען דעם קינדער־דאָקטער בלון, וועלכער איז געלעגן אין זיינע יומטובדיקע קליידער אונטער אַ הויפן מיסט אין אַ הויף אויף קראַסנע. מיר האָבן אים געטאָן זיין רעכט.

דאַן האָבן מיר פון די קעלערס און ביידעמער צונויפגעזאַמלט די ביינער פון די פון הונגער אויסגעגאַנגענע יידן, געמאַכט עטלעכע קאַסטנס, אין וועלכע מיר האָבן זיי אַריינגעלייגט, און מיט אַ מיליטער־לאַסט־אויטאָ אָפּגעפירט אויף דעם בית־החיים אויף ווילקע. שריט ביי שריט האָבן מיר, 16—17 געראַטעוועטע לויצקער יידן, מאַרשירט דורך דער יאַגעלאָנסקע־גאַס, פירנדיק אונדזערע טויטע צו אייביקער רו. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך צוגעקוקט מיט שטוינונג צו אונדזער מאַרש, וועלכער האָט זיי דערציילט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז נישט אונטערגעגאַנגען. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן פּסח, און די פרויען ד״ר קוניצאַ־גאָלדשטיין, וואַרקאָוויצקי, שרה גריפּעל אין אַנדערע האָבן געקנעטן טייג און געבאַקן מצות.

נאָך אַ לענגערע צייט איז די שטאָט באָמבאַרדירט געוואָרן, עס זענען געפאַלן פיל קרבנות. איינע פון די באָמבעס איז אַריינגעפאַלן אין דער קאַטוילישער קאַטעדרע. אַ גרויסער עולם איז דאָרט געווען באַהאַלטן און אַ 60—70 מענטשן זענען געהרגעט געוואָרן.

מען האָט זיך לאַנגזאַם אויך צו דעם צוגעוווינט, אַזוי אַז מען פלעגט שוין נישט אַנטלויפן פון די שטיבער ביים באָמבאַרדירן. עטלעכע וואָכן האָט געדויערט דאָס לעבן אין שרעק. מען האָט געמיינט, אַז די דייטשן קומען ווידער אַריין אין שטאָט. אָבער אין איינעם אַ פרימאָרגן איז אָנגעקומען אַ גרעסערער טראַנספּאָרט מיליטער, מען האָט אָנגעהויבן ווייטער צו טרייבן די דייטשן, און מיר האָבן אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט.

דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו נאָרמאַליזירן. פון רוסלאַנד זענען געקומען עטלעכע יידן ווי אויף אַ רפואה. עטלעכע אונדזערע משפּחות, ווי וואַרקאָוויצקי, קוניצאַ און נאָך אַנדערע האָבן באַשלאָסן צו זוכן אַ וועג צו אַנטלויפן קיין ארץ־ישראל. נישט גרינג איז אונדז אָנגעקומען דער וועג. יאָרנלאַנג האָבן מיר זיך געוואַלגערט אין פרעמדע לענדער, אין פאַרשידענע לאַגערס, ליידנדיק צייטנווייז הונגער אפילו אין די יאָרן פון 1946 ביז 1948.

מיט איינער פון די ערשטע שיפן („מעדעקס”, אַ גריכישע שיף) זענען מיר אין דעצעמבער 1948 אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

עין־כרם, 23.11.1959

דוד ספאַרד / וואַרשע

כ׳שליס די אויגן צו

כ׳שליס די אויגן צו און טראַכט:
און אפשר איז עס פּאָרט אַ חלום בלויז,
אַ וויסטער חלום פון דער נאַכט,
און אויף דער וואָר איך שלאָף איצט אין מיין הויז,
די יונגע סאָסנעס וויגן שטיל זיך פאַר מיין טיר,
די אַקאַציעס דרימלען פויל,
און אַלע מיינע נאָענטע רוען נעבן מיר
און אַנען נישט דעם גרויל,
וואָס האָט מיין בייזער חלום צוגעטראַכט פאַר זיי.

איך האַלט די אויגן צו און זע:
ס׳איז פרי פאַרטאָג,
אין שטומער שטויננונג בלאַסן זיך די ווענט,
פון געלעגער גייט דער טאַטע קרעכצנדיק אראָפּ,
קוקט אַ ווײַלע אין זיך אין מיין שלאָפנדיק געזיכט
און זיינע אויגן ווערן פול מיט ליכט.
אַ שמייכלענדיקער גייט ער צו דאַן צו דער שאַנק,
נעמט אַ ספר שטיל ארויס —
און באַלד פאַרשפּינט דאָס גאַנצע הויז
זיין טרויעריק געזאַנג.

ערשט דעמאָלט ציטערן לייכט אויף דער מאַמעס ברעמען,
און האַלב אין חלום, האַלב אין וואָר,
זי מורמלט ווערטער איינציקע נישט קלאָר.
רופט די קינדער אַלע ביי די נעמען,
די טרייע טאָכטער חנה,
וואָס וואָכן־לאַנג איז שוין קיין בריוו פון איר נישטאָ,
דעם זון דעם איינציקן, אַ וויי.
וואָס איז אַרויס לתרבות רעה
און ווערטער אָפּגעריסענע דערמאָנען
די ווייטע ברידער פון טשיקאַגאָ און ראָסיי,
די אייניקלעך די טייערע פון קיסעלין —
און אין אירע גרויע האָר
צינדן זיך די ערשטע שטראַלן פון באַגין.

איך האַלט די אויגן צו און טראַכט:
און אפשר איז עס פּאָרט אַ חלום נאָר,
אַ וויסטער חלום פון דער נאַכט?

שמואל שאַרגעל / פתח תקוה

פון כעלם ביז לויצק

צום אָנדענק פון מיין ייִנגסטן ברודער אפרים און זיין פרוי מוסיע געלמאַן פון לויצק, וועלכע זענען אומגעקומען בעת דער דייטשער אָקופּאַציע.

ווי אַן איוב־בשורה האָט זיך צעטראָגן די ידיעה, אַז לויטן אָפּמאַך ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו וועט די נייע גרענעץ צווישן נאַצי־דייטשלאַנד און די סאָוויעטן זיין די ביי די טייכן פּיזע, נאַרעוו, בוג.

די כעלעמער ייִדן און די ייִדן פון אַנדערע שטעט, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין כעלם, זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שווערן פחד־געפיל פאַר דעם אומבאַוווּסטן און אומבאַשטימטן מאָרגן. אין די גאַסן האָבן זיך געזאַמלט הונדערטער ייִדן מיט אומרויִקע פּנימער און פרעגנדיקע בליקן: צי איז עס אמת? און וואָס וועט ווייטער זיין? די שטאָט־אָנפירונג, וואָס איז דעמאָלט געווען אין די הענט פון ייִדישע קאָמוניסטן, האָט געפּרווּט באַרויִקן; זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ מיטינג ביים ראָטהויז און פאַרזיכערט, אַז די רויטע אַרמיי וועט שוין קיינמאָל כעלם נישט פאַרלאָזן. אָבער טראָץ די פאַרזיכערונגען, איז די אומרויִקייט געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. צו דער העכסטער שפּאַנונג איז געקומען אין אַ שבת־צונאַכטס סוף סעפּטעמבער 1939. אַ לאַסט־אויטאָ מיט רויטאַרמייער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים צייטווייליקן דענקמאָל פאַר די סאָוויעטישע אָפיצירן, וועלכע זענען געפאַלן ביים אַריינמאַרשירן אין כעלם. די רויטאַרמייער האָבן פאַרטריבן די שטייענדיקע ייִדן און באַפוילן זיי אַהיימגיין שלאָפן.

אָבער קיינער איז שוין יענע נאַכט נישט געשלאָפן; מען איז געשטאַנען פאַרטייעט אין די הינטערגעסלעך אין אין די הייף, און אָפּגעוואַרט ביז די רויטאַרמייער זענען אַוועקגעפאָרן, מיטנעמנדיק מיט זיך די אויסגעגראָבענע טויטע אָפיצירן.

אַלע האָבן זיך צוריק אַ לאָז־געטאָן צו דער הויפּטגאַס, אָבער שוין מיט אַ פעסטן באַוווּסטזיין, אַז מען דאַרף שוין אַהיימגיין — נישט שלאָפן — נאָר פּאַקן די פּעקלעך און זיך לאָזן אין וועג אַריין אויף מזרח — ווער קיין לובאָמל, ווער קיין קאָוועל און ווער קיין לויצק.

נאָך איידער ס׳האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג, האָט מען שוין געזען ווי טויזנטער מענטשן פאַרלאָזן די שטאָט, ווער צופוס און ווער אויף וועגעלעך. אַ סך האָבן געפירט מיט זיך די קליינע קינדער אין שפּאַציר־וועגעלעך. אַלץ האָט געצויגן אויף מזרח. זיי זענען אַרויסבאַגלייט געוואָרן פון טויזנטער בליקן און ווּנטשן פון עלטערן און קרובים, וואָס האָבן קיין כוח און קיין מוט נישט געהאַט צו פאַרלאָזן די איינגעזעסענע היימען.

צווישן די טויזנטער, וואָס האָבן אין יענעם גרויען פאַרטאָג פאַרלאָזט די שטאָט, האָבן זיך אויך געפונען איך מיט מיין פרוי און אונדזערע טעכטערלעך, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע אייגענע און חברים. אין קעגנזאַץ צו אַ סך אַנדערע, וועלכע האָבן נישט געוווּסט וווּהין זיי גייען, האָבן מיר געהאַט אַ באַשטימטן אַדרעס — ל ו י צ ק. דאָרט האָט מיין ברודער אפרים, דינענדיק אין דער פּוילישער אַרמיי, זיך באַקאַנט מיט דער טאָכטער פון יצחק געלמאַן אויף זאולעק קרענטי 3.

דער וועג קיין לויצק האָט געפירט דורך סווערזש, לובאָמל, קאָוועל, די וועגן זענען פול געווען מיט אָפּטרעטנדיק סאָוויעטיש מיליטער, און מען האָט געמוזט פאָרן מיט אומוועגן און סטעזשקעס. דערצו האָט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געהאַלטן אין איין רעגענען און די בלאָטע איז געווען נישט צום באַשרייבן. אויסגעמאַטערטע זענען מיר אין אָט דעם רעגנדיקן פאַרנאַכט אַריבער דעם בוג און אַריין אין איינעם פון די דאָרפישע הייזלעך. פאַר אַ טייערן פּרייז האָבן מיר זיך קוים איינגעבעטן, אַז מען זאָל אונדז אַריינלאָזן כאָטש איבערנעכטיקן.

נאָך עטלעכע טעג וואַנדערונג זענען מיר אָנגעקומען קיין ליבאָמל. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַלע בתי־מדרשים און שולן פאַרפולט מיט היימלאָזע; אַ סך האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן און גערטנדלעך. עטלעכע נעכט זענען מיר, זעכצן פּערזאָן, געשלאָפן צוזאַמען אויף אַן ערדענער פּאָדלאָגע אין אַ קליין אַלקערל פון אַן אָרעמער ייִדישער שטוב.

אין קאָוועל איז נאָך ערגער געווען. דאָ האָט די גרויסע אונטערערדישע באַן־סטאַציע נישט געקאָנט שוין אויפנעמען די אַלע פּליטים. ס׳איז אפילו נישט געווען ווו איבערצושטיין די נאַכט.

אין אַ פראָסטיקן האַרבסט־פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין לויצק. די באַן־סטאַציע אין די אַרומיקע גאַסן זענען געווען פיין אויפגערוימט און צוגעקערט. אין דער שטאָט האָט זיך אָנגעזען אַ גרעסערע באַוועגונג, אַ סימן, אַז ס׳זענען דאָ אַ סך פרעמדע. אָבער דער גרעסטער טייל מענטשן וואָס מיר האָבן באַגעגנט האָבן אויסגעזען אויסגערוטע, אָפּגעוואַשענע און מער ווייניק מענטשלעך אָנגעטאָן — אָן די פּעק און רוקזעק.

מיר האָבן זיך דערפרעגט צו דער פאַמיליע געלמאַן, וואָס האָט געוווינט אין אַ קליין נידעריק הייזל נעבן דער אַלטער לויצקער שול. האַרציקע פריינדלעכע מענטשן זענען פון דאָרט אַרויסגעקומען און אונדז אַריינגעפירט אין די ענגע קליינע צימערלעך, וועלכע האָבן אונדז אויסגעזען ווי די שענסטע און

גרעסטע פּאַלאַצן. די פרייד אונדזערע פון טרעפן דעם ברודער אַ צוריקגעקומענעם פון פּוילישן פראָנט אַ געזונטן און גאַנצן — איז געווען זייער גרויס. די וואַרעמע אויפנאַמע פון דער משפחה געלמאַן, און זייער פאָרשלאַג אָפּצוגעבן איין צימערל מיט דעם גאַנצן מעבל צו אונדזער דיספּאָזיציע האָט אונדז ממש גערירט.

דאָ, אין דער שטוב פון לויצקער בעל־מלאכה און פאָלקס־מענטש, האָט זיך געפילט אַ שלווהדיקע רויקייט און אַ טיפער גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן. דאָ האָט מען נישט געפיבערט און געציטערט איבער דער אָנקומענדיקער דעוואַלואַציע פון געלט — ווייל ס׳איז קיין געלט נישט געווען; דאָ האָט מען נישט שפּעקולירט מיט די אָנגעקויפטע סחורות פון די „אָטשערעדן״ — דאָ האָט מען גערעדט וועגן זוכן אַרבעט, און דער ראש־המשפחה איז געזעסן און געאַרבעט. אין אַזאַ אַטמאָספערע האָט מען זיך נישט געקאָנט פילן ווי אַ היימלאָזער, נאָר ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, און כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן געפינען אַרבעט. באַלד צומאָרגנס איז דער גאַסטפריינדלעכער בעל־הבית אַוועק מיטן מעלדונגס־בוך אין שטאָטישן קאָמיסאַריאַט און אונדז איינגעמאָלדן.

דאָס האָט דערמעגלעכט אָנגענומען צו ווערן אויף אַרבעט. איך האָב גאַנץ שנעל געקריגן אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ רעסטאָראַן. דער פאַרוואַלטער איז געווען אַ לויצקער ייד, שמואל שיפּמאַן, אַ זייער סימפּאַטישער מענטש. עס זענען דאַן געווען טעטיק אַ 10 אָדער 11 אַזעלכע רעסטאָראַנען, וואָס האָבן אַרויס־געגעבן פאַר די טויזנטער היימלאָזע מיטאָגן, פרישטיקן און אָוונט־ברויטן פאַר אַ גאַנץ ביליקן פּרייז.

אין שטאָט זענען געווען טעטיק אַלע פאָלקס־שולן, אָוונט־שולן און קינדער־גערטנער, אין וועלכע עס זענען אויך אויפגע־נומען געוואָרן קינדער פון די פּליטים. אויך מיין טעכטערל איז אויפגענומען געוואָרן אין איינער פון די קינדער־היימען. אומעטום האָבן די קינדערלעך געקריגן אַ וואַרעמען פרישטיק.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן געפירט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט; ביי דער אַרבעטערשאַפט און אָרעמקייט האָט גע־הערשט אַן אויפגעהייטערטע שטימונג. און הגם דער ווינטער איז צוגעפאַלן מיט שטאַרקע פרעסט און קעלטן, איז אין די אָרע־מע נישט באַהייצטע שטיבער געווען וואַרעם פון גלויבן און האָפן, אַז מיט דער צייט וועט מען באַקומען באַהייצונג וויפיל מען וועט נאָר דאַרפן, אַז בכלל וועט מען באַקומען בעסערע וווינונגען — און ס׳וועט ווערן לייכטער צו לעבן.

אַ זייער געדריקטע שטימונג האָט געהערשט אין די הייזער פון די געוועזענע סוחרים און קרעמער. קודם זענען אַלע סוחרים אויפגעצוווּנגען געוואָרן אויסצופאַרקויפן זייערע סחורות ביזן לעצטן צענטימעטער; און דאַן האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן מאָרגן: צו וואָס וועט מען זיך נעמען? ווּהין זאָל מען זיך אַהינטאָן? ווו זאָל מען אַנטרינען, איידער די מאַכט־אָרגאַנען וועלן זיך נעמען בודק־זיין יעדן איינעמס סאָציאַלע אָפּשטאַמונג? און אויב דער גורל וועט שוינען און מען וועט שוין בלייבן אין לויצק אין דער אייגענער דירה — איז פון וואָס וועט מען לעבן?

ווי שאָטנס האָבן די יידן זיך אַרומגעשלייכט אין זייערע פאַר־שלאָסענע היימען מיט די פאַרהאָנגענע פענצטער. ביי יעדן קלאַפּ אין טיר האָט אויפגעציטערט דאָס האַרץ. עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דער פּוילישער זלאָטע איז געוואָרן שטאַרק חשוב. אויפקוי־פערס האָבן געצאָלט פאַר 1 זלאָטע — 1 רובל מיט 40 קאָפּיקעס.

מען האָט פאַרשפּרייט ידיעות, אַז די ענגלענדער זענען פאַראינ־טערעסירט אינעם אויפקויף פון די פּוילישע זלאָטעס, און אַז דער, וואָס וועט פאַרמאָגן אַ סך פּוילישע זלאָטעס, וועט אפשר אויך זוכה זיין אַרויסגעפאָדערט צו ווערן קיין ענגלאַנד. און אַזוי איז יעדן טאָג דער זלאָטע געשטיגן אַלץ העכער און העכער, ביז מען האָט שוין געצאָלט פאַר אים 1 רובל מיט 85 קאָפּיקעס. מענטשן האָבן אויסגעביטן זייער גאַנץ פאַרמעגן אויף פּוילישע זלאָטעס. אָבער אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אין אַלע פּאָסט־אַמטן, בענק און רעסטאָראַנען אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אַ מעל־דונג, אַז דער פּוילישער זלאָטע איז געוואָרן אומגילטיק! אַ סך לויצקער יידישע משפחות זענען אינגאַנצן רויִנירט געוואָרן נישט געהאַט אפילו פאַר וואָס צו קויפן אַ ברויט. אָבער לויצקער יידן האָבן נישט פאַרצווייפלט. טייל האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף פּאָסטנס ביי מלוכהשע אַנשטאַלטן און אין שטאָטישע אונטערנע־מונגען; אַנדערע האָבן געשאַפן אַרטעלן. יידן האָבן אויך פאַר־נומען פּאָסטנס פון בוכהאַלטערס און דירעקטאָרן.

די שווערע אויפטרייסלונג האָט זיך אָנגעהויבן איינשטילן, אָבער נישט אויף לאַנג. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע פון אַרויסשיקן די געוועזענע רייכע יידן. נאָך האַלבער נאַכט, ווען די לויצקער גאַסן זענען שוין געווען אָפּגעליידיקט פון מענטשן, האָט זיך באַוויזן אַ לאַסט־אויטאָ וואָס איז גאַנץ שטיל אַרומגע־פאָרן פון טיר צו טיר. צומאָרגנס האָט מען איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן אויפן אויער, אַז דעם און דעם האָט מען די נאַכט אַרויסגעפירט...

אַ ציטער און אַן אויפשוידער איז אַדורך איבער די לייבער פון אַ סך לויצקער יידן. איידער נאָך מ׳האָט באַוויזן זיך איינ־צושטילן און באַרויקן, האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע פון כאַפּן די איינצלנע מענטשן פון צווישן די היימלאָזע־פּליטים, די אַזוי־גערופענע „כאַלאָסטיאַקעס״.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע פון ווערבירן אַרבעטער פאַר דער סאָוויעטישער אינדוסטריע און אויף וואַלד־אַרבעט. פיל פון די היימלאָזע האָבן זיך ווערבירט און אַוועקגעפאָרן פון לויצק. די איבעריקע באַמיען זיך איינצואָרדענען אויף אַרבעט און אַרויסצובאַקומען סאָוויעטישע פּעסער. טייל פאָרן אפילו אַרויס פון לויצק אין אַנדערע שטעטלעך פון דער אומגעגענט, כדי לייכטער זיך איינצואָרדענען און צו באַקומען דעם פּאַס.

ס׳איז אַוועק דער שווערער ווינטער מיט די פרעסט און קעלטן, מיט דעם ציטער און פּחד. פרילינגס־ווינטלעך, זאַרגלאָזע און פריילעכע, האָבן אָפּגעפרישט די פאַרמרהשחורהטע פּנימער. די לויצקער יידן האָבן זיך ענערגיש גענומען צו אָרגאַניזירן די מצה־בעקערייען. מען קאָן מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז ס׳איז נישט געווען קיין איין יידישע שטוב אין לויצק, וואָס זאָל נישט האָבן איינגעלאַדן צו די סדר־נעכט געסט פון צווישן די יידישע פּליטים.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער 1־טער מאַי און די גאַסן פון לויצק זענען אויסגעצירט געוואָרן מיט אַ סך ליכט און פּלאַקאַטן. אויך די אָרעמע יידישע געסלעך האָבן, אפשר צום ערשטן מאָל, באַקומען אַ יומטובדיקן אויסזען. די רעסטאָראַנען האָבן באַקומען אַן אָפּיציעלן באַפעל צוצוגרייטן אַ סך פאַרשידנ־אַרטיקע יומטובדיקע מאכלים און געטראַנקען.

אין דער מאַי־דעמאָנסטראַציע האָבן זיך באַטייליקט אַ סך טויזנטער יידן, פּאָליאַקן, רוסן און אוקראַינער. אַלע זענען גע־

גאַנגען האַנט ביי האַנט און געזונגען רעוואָלוציאָנערע און אַר־בעטער־לידער.

אָבער גאָר שנעל זענען פאַרשוווּנדן די יום־טובֿדיקע שטימונ־גען און ווידער האָבן די פּנימער זיך איבערגעצויגן מיט אַ גרוי־ען וואָכעדיקן פראַגע־צייכן. עפּעס אַן אומרויִקייט האָט געשוועבט אין דער לופטן.

ס׳איז אָנגעקומען דער באַרימטער יוני־טאָג פון יאָר 1940. די הערשער זענען אַרומגעלאָפן פון שטוב צו שטוב, פון גאַס צו גאַס, דורכגענישטערט יעדן פרייען פלאַץ כדי צו כאַפּן די פּליטים און אָפּשיקן זיי אין די שוין פון פריער פאַרגרייטע עשאַ־לאָנען — קיין סיביר. פיל לוצקער יידישע משפּחות האָבן אויס־באַהאַלטן אין זייערע היימען די היימלאָזע יידן. גאַנץ לוצק, אַלט און יונג, האָט מיט טיפן מיטגעפיל און טרויעריקער אַרויסבאַגלייט די געכאַפּטע היימלאָזע יידן. אַ סך לוצקער יידן האָבן די אַרויס־געשיקטע מיטגעגעבן פּעקלעך שפּייז און מלבושים.

אויך מיך האָט דער גורל נישט אויסגעמיטן. ווען איך בין אין יענעם פרימאָרגן אַריין צום נאַטשאַלניק פון דער שטאָטי־שער באַשפּייזונג־צענטראַלע צו זוכן ביי אים שוץ און הילף קעגן דער פאַרשיקונג — האָט ער מיך אַריינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט, ווו עס האָבן זיך שוין געהאַט אויפגעזאַמלט נאָך יידן פון מיינס גלייכן, און דערקלערט, אַז אָט באַלד וועט ער מיט אונדז אַריבערגיין אין דער שטאָטישער מיליציע און אויספּועלן פאַר אונדז פּאַספּאָרטן, וואָס זאָלן זיין גילטיק אין לוצק. אָבער געטאָן האָט ער דאָס פאַרקערטע: ער האָט גערופן נ.ק.וו.ד. און אונדז אַלעמען געהייסן אַראָפּפירן צו דער באַן־סטאַציע. אַ סך זענען געוועזן דערשטוינט פון אַזאַ האַנדלונג. טייל האָבן זיך אפילו צעוויינט. ביי דער סטאַציע, פאַרן אַריינלאָדן אונדז אין די וואַגאָנעס, האָב איך אינטערוועניִרט ביי אַ העכערן באַאַמטן פון נ.ק.וו.ד. און געפּאָדערט, אַז ער זאָל אונדז, דער גרופּע באַאַמטע און בוכהאַלטערס, דערלויבן מיטצונעמען די משפּחות און די זאַכן.

דער ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער. מען האָט אונדז צוריק אַרויפגעזעצט אויף דעם זעלבן לאַסט־אויטאָ און מיט אַ פאַרגרעסערטער וואַך זענען מיר צוריק געפאָרן אין שטאָט אויפ־צוקלויבן אונדזערע משפּחות. ביי יעדער שטוב האָבן אונדז אַרומ־גערינגלט צענדליקער לוצקער יידן מיט זייערע משפּחות, ווייבער און קינדער. יעדער האָט צוגעהאָלפן אַרויפדערלאַנגען אויף דעם לאַסט־אויטאָ. טייל זענען געלאָפן אין נאָענטסטן געוועלבל קויפן עסנוואַרג — מיטצוגעבן די געכאַפּטע היימלאָזע יידן. טייל האָבן געפרעגט צי מען נייטיקט זיך נישט אין עפּעס געלט אויפן וועג. איין עלטערער ייד האָט אונדז געטרייסט, אַז מיר זאָלן נישט זיין דערשלאָגן, און דערביי האָט ער צוגעגעבן: ווער ווייסט צי מיר וועלן אייך נישט דאַרפן מקנא זיין...

און ווען אין ווייטן סיביר זענען דערגאַנגען צו מיר די אָפּ־געריסענע קלאַנגען וועגן שוידערלעכן לופט־אָנגריף, וואָס די היטלער־מערדער האָבן איינגעאָרדנט אויף דער גאַסטפריינד־לעכער שטאָט לוצק — האָט דאָס מיך שטאַרק אויפגעטרייסלט. וואָכן־לאַנג האָב איך זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען און געטרויערט נאָך מיין צווייטער היימשטאָט — ל ו צ ק.

1959

וואָיעוואָדישע היסטאָרישע קאָמיסיע
ביאַליסטאָק, 27־טן יאַנואַר 1946

אַן אוקראַינער דערציילט

פּראָטאָקאָלירט דורך רפאל נאכאָוויטש, גע־בוירן און געלעבט אין בריסק; פאַרן אָקופּירן בריסק דורך די דייטשן, אַריינגעטראָטן אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. געקעמפט אויפן 3־טן ווייסרוסישן פראָנט, פאַרוווּנדעט געוואָרן ביי קעניגסבערג. אין שפּיטאָל אויף אוראַל, אין ניזשני־טאַגיל, זיך געטראָפן מיט אַן אוק־ראַינער פון לוצקער קאַנט, וועלכער האָט איבערגעגעבן אָט וואָס:

אין לוצקער קאַנט, ראַיאָן סענקעוויטשווקאָ, אין אַ נאָענטן דאָרף, ווו עס האָט געוווינט וואַסיל פּיאַדאָראָוויטש קאָוואַלטשוק, האָבן די היטלעריסטן, אַריינקומענדיק, צוגענומען ביי די יידן די פּי און אַוועקגעטריבן אין ראַיאָן, נאָר די יידן אַליין דערווייל נישט געטשעפּעט. די יידן האָבן געאַרבעט אין געוווינט יעדער אויף זיין אָרט.

אין אַ צייט אַרום האָט מען גענומען זיי צונויפקלייבן פון די דערפער און פון אומעטום אין ראַיאָן אַריין. דאָרט האָט מען זיי אָנגעטייט אַ געלע לאַטע מיט אַ „מגן־דוד” און איינגעאָרדנט פאַר זיי לאַגערן און אַ „געטאָ” — גאַסן אַרומגעצוימט מיט דראָט. אין די עקן גאַסן איז געשטאַנען אַ וואַך, וועלכע האָט קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט פון דאָרטן און קיין פּויערים נישט אַריינגעלאָזט אַהין. ס׳איז געווען פאַרזאָגט, אַז קיינער זאָל נישט האָבן קיין פאַרקער מיט די יידן, נישט קויפן ביי זיי און נישט פאַרקויפן זיי, און נישט אַריינגעבן זיי קיין שפּייז.

זיי האָבן אַרויסגעגעבן פאַר די יידן צו 25 דעקאָ ברויט אויף אַ מענטשן. נאָר מיר און אַנדערע איינוווינער האָבן נישט געקוקט אויף דעם. און ביינאַכט פלעגן מיר פאַר זיי אַריינפירן אַלץ וואָס מיר האָבן געקאָנט: ברויט, מעל, גרויפּן און פאַר־שידענע פּראָדוקטן. ביי אַ סך יידן איז געווען פאַרשידענע מאַ־נופאַקטור־סחורות און אַנדערע זאַכן, קליידער און פאַרשידענע ווערט־זאַכן, אַזוי, אַז די יידן האָבן נאָך געהאַט פאַר וואָס צו

קויפן, און אין די פאַרשלאָסענע גאַסן איז נאָך אויך נישט געוועזן אַזוי שלעכט.

אין אַ צייט אַרום האָבן די דייטשע היטלעריסטן אָנגעהויבן אַרויסצופירן די יידן פון די לאַגערן און פון די „געטאָ־גאַסן" און אַוועקגעפירט זיי ווייטער הינטער לויצק. דאָרט האָבן זיי אָנגעהויבן אומצוברענגען די יידן פון דער גאַנצער אומגעגנט, וועלכע זענען געוועזן אין די לאַגערן און אין די געטאָ־גאַסן אויף אַזאַ אופן: אָנגעזעצט פולע אויטאָ־מאַשינעס מיט די אומשולדיקע יידן נעבעך און זיי צוגעפירט צו דעם גרוב. ער איז געוועזן דריי מעטער די טיף און זייער לאַנג און ברייט. ביי דעם גרוב האָבן זיי אויסגעטאָן די יידן אינגאַנצן נאַקעט, אפילו אָן אונטערוועש, נאָכדעם אַריינגענומען די יידן אין גרוב אַריין און אויסגעלייגט מיטן פנים אַראָפּ. און אַז זי איז שוין געוועזן פול פאַרלייגט, האָט דער היטלעריסטישער תלין, וועלכער איז געשטאַנען אין גרוב אָנגעטאָן אין גומענע שטיוול, גומענע הענטשקעס און אַ גומענעם פאַרטעך, און האָט געטראָטן אויף די קערפּערס, געשאָסן פון אויטאָמאַט אין די ליגנדיקע יידן אין דער הינטערשטער טייל פון קאָפּ. אַז די גאַנצע ריי איז שוין געוועזן צעשאָסן, האָט ער גענומען פאַרלייגן אויף דער ריי נאָך אַ ריי יידן און אויפן זעלבן אופן זיי אומגעבראַכט. און אַזוי אַ דריטע און אַ פערטע ריי, ביז דער גאַנצער גרוב איז געוואָרן אָנגעפילט. דאַן האָבן זיי פאַרשאָטן דעם גרוב און אין עטלעכע טעג אַרום, אַז די ערד פון דעם גרוב האָט זיך אַראָפּגעזעצט, האָבן זיי דעם גרוב פאַרגאָסן מיט צעמענט און אָנגעשריבן אויף אַ ברעטל וויפל מענטשן אין אים געפינען זיך.

ביים אַריינגיין אין גרוב צו דער שחיטה האָט זיך יעדער מענטש אונטערגעשריבן זיין נאָמען און פאַמיליע, כדי זיי זאָלן וויסן וויפיל זיי האָבן שוין אומגעבראַכט און וויפיל עס געפינען זיך נאָך לעבעדיקע, כדי אויפצוזוכן זיי, אפשר איז עמעצער אַנטלאָפן אָדער זיך באַהאַלטן. זיי האָבן אומגעבראַכט אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער, אַלע צוזאַמען אין דעם זעלבן גרוב. אַזוי ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, פריינד למשל, אָדער באַקאַנטע, אַזוי זענען זיי נעבעך אומשולדיקע אומגעקומען צוזאַמען.

גיין אַהין צוצוקוקן די סצענע איז קיינער נישט געגאַנגען, און צוגעזען די סצענע ווי אַזוי עס שפּילט זיך אָפּ, האָב איך און אַנדערע פאַרבייגייענדיק. איך בין געוועזן אַזוי צעטראָגן, אַז איך האָב טעג נישט געקאָנט עסן. און איך האָב נישט געקאָנט אַליין גלייבן מיינע אייגענע אויגן, וועלכע האָבן צוגעזען די טרויעריקע אומברחמנותדיקע סצענע, אַז אַזוינס קאָן פאַרקומען!

דאָרטן, הינטער לויצק — דערציילט ער — האָבן זיי אומגעבראַכט 17 טויזנט יידן אין עטלעכע גריבער אויף אַזאַ אופן.

דער זעלבער דערציילט:

אין דער צייט ווען מען האָט גענומען אַרויספירן די יידן פון די לאַגערן און די געטאָ־גאַסן, האָט זיך איינגעגעבן איינער אַ יידיש מיידל, גראָד פון מיינע באַקאַנטע יידן, צו אַנטלויפן פון לאַגער. זי איז אַנטלאָפן גייענדיק מיט די ביכער אונטערן האַנט. זי איז געוועזן אַ געלערנטע, אַ גימנאַזיסטקע, זייער אַ שיינע. נו, איך זאָג אייך אַ שיינהייט פון דער וועלט! ווען דער היטלעריסט האָט זי געזען דורכגייענדיק, האָט ער אַ געשריי געטאָן: „האַלט! קאָם היר". איז זי צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט זי געפרעגט וווהין זי גייט. זי האָט אים געענטפערט, אַז אין שול. איז ער נישט פויל געוועזן צו גיין אין שול און פרעגן צי אַזעלכע לערנט דאָרט. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי לערנט זיך נישט אין יענער שול, האָט ער זי פאַרנומען. דאָס מיידל האָט געשריגן און יאָמערלעך געוויינט. זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, און אַלע געבעטן אירע, ער זאָל זי אָפּלאָזן, האָבן נישט געהאָלפן. ער האָט זי אַרויפגעזעצט אויף אַן אויטאָ און מען האָט זי אויך אָפּגעפירט אַהין.

און נאָך פיל פאַלן זענען געוועזן מיט יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין סקירדעס היי, אין גריבער און אין אַנדערע ערטער, אויסגעדאַרטע, אויסגעמאָגערטע און אויסגעמאַטערטע, און ווען זיי זענען אַריינגעפאַלן אין די היטלעריסטישע הענט, זענען זיי זיך מיט זיי מערדערלעך באַגאַנגען און אויך אָפּגעשיקט אין די לאַגערן.

די יידן האָבן נישט געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן ביי די פּויערים, ווייל עס איז געוועזן זייער שטרענג פאַרבאָטן, און עס איז געוועזן אַ באַפעל, אַז ביי וועמען עס וועט זיך געפינען אַ ייד, וועט יענער ליידן און אויך זיין ווירטשאַפט. און אַזוי איז טאַקע געוועזן. ביי איינעם פון די פּויערים האָט זיך געפונען אַ ייד, האָבן די היטלעריסטן אים אַרויסגעפירט און געשאָסן, און זיין גאַנצע ווירטשאַפט פאַרברענט.

ער דערציילט ווייטער:

ווען עמעצער פון זיינע באַקאַנטע יידן (ער האָט זיי אָנגערופן מיט די נעמען און פאַמיליעס), וועלכע זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער זיך אויסצובאַהאַלטן פון די היטלעריסטישע מערדערס, איז געקומען ביי נאַכט, ווייל ס'האָט זיי אויסגעפעלט פּראָדוקטן צום עסן, האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, האָט ער זיך באַלד נישט אָנגערופן, ווייל ער האָט געמיינט, אַז דאָס זענען היטלעריסטן אָדער פּאָליאַקן. ערשט ווען דער ייד האָט זיך אָנגערופן: „וואַסיל, עפן", האָט ער אים דערקענט אין קול און אים באַלד געעפנט. אַריינקומענדיק אין שטוב בלייך און פאַרחושכט פון שרעק, האָט ער נישט געקאָנט רעדן. ווען ער האָט אים אַ פרעג געטאָן צי ער וויל עסן, האָט דער ייד קוים געענטפערט: „פרעג נישט, גיב וואָס דו האָסט". מיין פרוי האָט אים באַלד געגעבן צו עסן און אָנגעלייגט אין זעקל ברויט און פּראָדוקטן, פאַר אים און פאַר די איבעריקע יידן, וועלכע זענען געוועזן אין די וועלדער אויסבאַהאַלטן.

דער ייד איז נאָכדעם אַוועק פון אים, ווייל ער האָט געזאָגט: „איך וויל נישט דו זאָלסט צוליב מיר ליידן, דעריבער גיי איך אַוועק פריער".

אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי זענען די היטלעריסטן זיך באַגאַנגען מיט די נישט־יידישע איינוווינער, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אויך שלעכט.

און ער האָט גענומען דערציילן:

ווען די דייטשן זענען אַריין צו אונדז און האָבן גענומען איינפירן זייערע אָרדענונגען, האָבן זיי דאָס מיליטער אָפּגעפירט צום פראָנט, און ביי אונדז אין די ראַיאָנען און אין די דערפער האָבן זיי גענומען מאַכן פּאָליציי פון די אייגענע איינוווינער. דאַן האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז יעדער ראַיאָן דאַרף געבן אַ געוויסע צאָל פּאָליציי. צום געגעבענעם טערמין, ווען די „פּאָליציאַנטן" האָבן זיך געדאַרפט יאַווען אין ראַיאָן, איז קיינער נישט געקומען, ווייל מען האָט נישט געוואָלט גיין אין דער פּאָליציי. דאַן האָבן די דייטשן געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז פון

יעדער פאַמיליע, ווו עס זענען דאָ דריי דערוואַקסענע מענער, מוז איינער גיין אין פּאָליציי. דאַן זענען זיי אָן חשק אַוועקגעגאַנגען אין ראַיאָן אין פּאָליציי און אין אַנדערע ערטער אויף פּאָסטנס.

נישט לאַנג האָבן אָבער די געצוווּנגענע דאָרפישע פּאָליציאַנטן געדינט דער דייטשער מאַכט, און אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען די דייטשן האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָבן זיי קיינעם פון די דאָרפישע פּאָליציאַנטן נישט געטראָפן אויף זייערע פּאָסטנס, זיי זענען אַנטלאָפן מיטן געווער אין וואַלד אַריין.

עדות און פּראַטאָקאָלאַנט — **רפאל נחוביץ**
פאַרזיצער פון דער וואָיעוו. היסט. קאָמ. אין ביאַליסטאָק. (פון „יד־ושם" אַרכיוו)

מען לערנט גמרא

יחזקאל גאַק, איינער פון די וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם געטאָ, (היינט אין מאָנטרעאָל — קאַנאַדע) דערציילט:

איך בין אַמאָל אַריינגעקומען צו ר׳ זבולון פּערקאַל (געוווינט האָט ער אין געטאָ ביי ר׳ אליהו שטיינדל) האָב איך געטראָפן אייניקע יידן זיצן און לערנען גמרא, מסכתא „שבת". פרעג איך זיי — וואָס עפּעס גראָד מסכתא „שבת"? ענטפערט מיר ר׳ נחום קלעפּקאָ: היות מיר האָבן איצט תש״ב לבריאת העולם און אין גימטריא מאַכט דאָס „שבת", האָבן מיר באַשלאָסן צו לערנען די דאָזיקע גמרא.

געלערנט דאָרטן האָבן פאָלגנדיקע יידן: ר׳ נחום קלעפּקאָ, ר׳ זבולון פּערקאַל, ר׳ ברוך יהודה, ר׳ ברוך ערלעכגערעכט, ר׳ ישראל בעראַש. אַלע זענען זיי פאַרן קריג געווען פאַרמעגלעכע בעלי־בתים. איצט זענען זיי געווען געשוואָלן פון הונגער. טראָץ דעם, איז אויב ס׳איז נאָר געווען שטיל אין געטאָ, האָבן זיי דריי מאָל אַ וואָך געלערנט צוזאַמען גמרא.

היסטאָרישע קאָמיסיע באַד רייכענטאַל

גביית־עדות פון לייזער צירולניק

אויפגענומען און באַאַרבעט פון צבי ראָזענבוים

...פיר טאָג נאָכן אויסברוך פון קריג צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, איז לוצק אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. מיטוואָך דעם 26 יוני, 6 אַ זייגער אין אָוונט, האָבן אַריינמאַרשירט די ערשטע דייטשן. גלייך איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין יידישן לעבן. יידן זענען געזעסן אין די הייזער, מורא האָבנדיק אפילו צו אַ שכן אַריבערצוגיין.

דעם 30־טן יוני איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג: אַלע יידן מוזן דעם זעלבן טאָג זיך פאַרזאַמלען אויף אַרבעט (מיט לאָפּעטעס אין די הענט) ביים אַלטן היסטאָרישן שלאָס. „זאַמעק ליובאַרטאַ". דאָרט, אין דעם זאַמעק, האָבן שוין געוואַרט אַ גרופּע ס.ס.־לייט צוזאַמען מיט אוקראַאינער. זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן סאָרטירן אַ קליינעם טייל פאַכלייט, ווי שוסטער, שניידער און סטאָליער, וועלכע זענען אָפּגעלאָזן געוואָרן אַהיים. אַריבער דריי טויזנט האָט מען פאַרהאַלטן אין דעם זעלבן טאָג זענען זיי שוידערלעך אומגעקומען. גרופּנווייז האָט מען זיי צוגעפירט צו די אויסגעגראָבענע גריבער אין דעם זעלבן שלאָס, באַפוילן אַראָפּגיין אויף די טרעפּלעך, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן — און גלייך האָט זיך אויף זיי אַ שאָט געטאָן אַ האָגל קוילן פון ביקסן און אויטאָמאַטן. ווער ס׳איז געפאַלן טויט און וועמען די קוילן האָבן שלעכט געטראָפן, אַלע האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל. דער היסטאָרישער שלאָס האָט איינגעשלונגען אַריבער דריי טויזנט אומשולדיקע יידישע לעבנס.

ס׳נעזען אַדורך עטלעכע טעג. דאָנערשטיק, דעם 2 יולי, איז אַרויס דער זעלבער באַפעל. דאָס מאָל האָבן זיך פאַרזאַמלט אַן ערך צוויי טויזנט יידן. דאָרט האָט מען זיי אויסגעשטעלט אין איין ריי און אונטער אַ שטרענגער וואַך פון ס.ס. און אוקראַאינישע זשאַנדאַרמען האָבן זיי אָפּגעמאַרשירט צו דער שטאָטישער בוינע. דאָרט האָט מען אַלעמען אויסגעטאָן נאַקעט, צוגעפירט צו די צוגעגרייטע גריבער און גרופּנווייז אויסגעשאָסן. דאָרט איז צווישן די דערשאָסענע פאַרשיט געוואָרן אויך אַ גרויסער טייל לעבעדיקע.

נאָך די צוויי בלוטיקע אַקציעס איז דאָס גאַנצע יידישע לעבן איינגעהילט געוואָרן אין אַ גרויסן טרויער.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז אַרויס אַ באַפעל, אַז יידן ווערט

פֿאַרבאָטן דאָס גיין אין די הויפּטגאַסן פֿון שטאָט, ווי שעווטשענקאָ און אַנד. גלייכצייטיק איז געזאָגט געוואָרן אין באַפֿעל, אַז פֿון דעם טאָג אָן מוזן יידן טראָגן אַ שאַנדצייכן: אַ בלויווייסן אָרעמבאַנד מיט אַ מגן־דוד אינדערמיט. יידן איז פֿאַרבאָטן צו גיין אויפֿן טראָטואַר, מעגן גיין נאָר אויפֿן שאָסיי. אָבער אין דער זעלבער צייט זענען יידן מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן פֿון דייטשע אָפֿיצירן פֿאַר גיין אויפֿן שאָסיי, ווייל זייערע פֿערד גייען דאָרט.

ס'איז אַדורך אַ חודש צייט אָן שום פֿאַראָרדענונגען. אין אַכטן חודש איז אין הויז פֿון משה אובערניק געשאַפֿן געוואָרן אַ יודענראַט מיט סאַשאַ פֿינטשוק בראש.

גלייך פֿון ערשטן טאָג פֿון דער אַנטשטייונג פֿון יודענראַט האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע קאָנטריבוציעס. די ערשטע קאָנטריבוציע האָבן יידן געמוזט צושטעלן אין גאָלד, זילבער און אַנדערע ווערטפֿולע זאַכן. די צווייטע איז באַשטימט געוואָרן פֿון פֿוטערס. ביי וועמען מען האָט שפּעטער באַמערקט אַ פֿוטער, דער איז גלייך דערשאָסן געוואָרן. גלייכצייטיק האָט דער יודענראַט געמוזט צושטעלן אַלע טאָג אַ נאָרמע מענטשן צו טאָן די שמוציקסטע אַרבעטן פֿון דער שטאָט. אויך האָבן יידן געאַרבעט אויף פֿאַרשידענע פּלאַצוווקעס, ביים געביטס־קאָמיסאַר, שוץ־פּאָליציי, ביים רייניקן די קאַשאַרן א.א. אַ גרופּע פֿון 75, בלויז געזונטע יונגטלעכע, האָבן מיר געאַרבעט ביי שוואַרצע אַרבעט אין דער ראַדיאָ־סטאַציע, וואָס פּוילן האָט נישט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן אין יאָר 1939. אין דער זעלבער צייט איז אין לויצק געשאַפֿן געוואָרן אַן אַרבעטס־לאַגער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ס.ס.־מאַן פֿייערטאַג.

דעם 20־טן אָקטאָבער האָט דער ס.ס.־מאַן פֿייערטאַג גענומען אַ גרופּע מיליטערלייט און אָרגאַניזירט אַ געיעג אויף די פּלאַצוווקעס, פֿאַרכאַפּנדיק אַלע יידן וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט גלייך אין לאַגער אַריין. אויך די ראַדיאָ־סטאַציע איז אַרומגענומען געוואָרן פֿון מיליטער. די דייטשן האָבן אונדז אָנגעהויבן טרייבן. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן גלייך פֿון אָרט צו אַנטלויפֿן. מיר זענען געווען דריי חברים, וואָס האָבן זיך כסדר געהאַלטן צוזאַמען: איך, מיין ברודער משה און אַ געוויסער פֿריימאַן אליהו. גלייך ווי מיר האָבן אָנגעהויבן לויפֿן, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן שיסן אין דער לופֿטן. מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. די זעלבע דייטשן וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט ביי דער ראַדיאָ־סטאַציע האָבן אונדז געכאַפּט און פֿאַרשפּאַרט אין אַ קעלער מיטן ציל אונדז איבערצוגעבן אין די הענט פֿון ס.ס.־מאַן פֿייערטאַג. מיר האָבן זיך זיי געוואָרפֿן פֿאַר די פֿיס, און זיי האָבן אונדז אָפּגעלאָזן צוריק אַהיים.

אין דער זעלבער צייט איז קיין לויצק אַראָפּגעקומען דער רייכסמיניסטער פֿון אוקראַינע קאָך צוזאַמען מיטן געביטס־קאָמיסאַר גליק ספּעציעל צו שאַפֿן אַ געטאָ. ס'איז באַשטימט געוואָרן דאָס אָרט פֿון געטאָ: פֿון דער בריק באַזיליאַנסקי ביז גנידאָוואַ און אַ טייל פֿון דער גאַס קראַסנאַיאַ. צוויי טעג פֿאַר חנוכה 1941 איז געשאַפֿן געוואָרן דאָס געטאָ. גלייך ווי דער באַפֿעל איז אַרויס, איז אָנגעמערקט געווען אַז אין אַ באַשטימטער שעה מוזן די יידן פֿאַרזאַמלט זיין אין געטאָ. אַ גרויסע צאָל יידישע פֿאַמיליעס האָבן נישט באַוויזן צו דער באַשטימטער צייט זיך איבערציען, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַ גרופּע ס.ס.־מענער צוזאַמען מיט אוקראַינישע פּאָליציי און געעפֿנט אַ פֿייער פֿון ביקסן און אויטאָמאַטן. מענטשן זענען דערשאָסן געוואָרן ביי זיך אין די הייזער. הונדערטער קרבנות האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן. די קולות און געשרייען זענען דערגאַנגען עד לב השמים. יידן זענען אַנטלאָפֿן איבערלאָזנדיק אַלץ. אין איין העמד איז מען געקומען צו לויפֿן אין געטאָ אַריין, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער יודענראַט באַקומען אַ דערלויבעניש אָפּצורוימען די גאַסן פֿון די הרוגים. צווישן די הרוגים האָבן זיך געפֿונען פֿיל שוואַנגערע פֿרויען, קליינע קינדער. מען האָט זיי קובר געווען אויף דעם יידישן בית־עולם.

גלייך ביי דער אַנטשטייונג פֿון געטאָ האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן פֿאַרשידענע עפּידעמיעס. דער סאַניטאַרער צושטאַנד איז געווען שרעקלעך. אין אַ קליין שטיבל האָבן געוווינט פֿינף אָדער זעקס פֿאַמיליעס. דער טיפֿוס האָט זיך יעדן טאָג אַריינגעכאַפּט אין אַ פֿריש הויז. די צאָל קראַנקע איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג. פֿיל מענטשן זענען געשטאָרבן, ווייל קיין שום מעדיקאַמענט איז נישט געווען. די עקאָנאָמישע, ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען זענען געווען שרעקלעך. איינצלנע יידן האָבן געפּרוווט אויסטאָן דעם שאַנד־צייכן, זיך אַריינשמוגלען אין שטאָט, אָבער דאָס האָט באַלד דערשמעקט די אוקראַינישע פּאָליציי, און צענדליקער יידן זענען דערשאָסן געוואָרן בעת זיי האָבן שוין געהאַט באַקומען דאָס שטיקל ברויט פֿאַר זייערע קינדער.

אַזוי האָט זיך דאָס לעבן געצויגן. איין טאָג איז געווען ענלעך צום צווייטן. דער יאוש און די פֿאַרצווייפֿלונג האָט אַלעמען אַרומגענומען. די יידן האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי שאָטנס. קיין סאָציאַלע געזעלשאַפֿטלעכע הילף האָט מען נישט באַקומען. אַלץ האָט געטרוקנט און געדאַרט. אַזוי האָט זיך דאָס לעבן געצויגן אַכט חדשים צייט. ביז ס'איז געקומען דער טאָג, ווען די בלוטדורשטיקע נאַצי־מערדער האָבן געמאַכט יודענריין די שטאָט לויצק.

דעם 18.8.42 גאַנץ פֿרי איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון ס.ס. און אוקראַינער, און מיטאָמאָל האָט מען גענומען אַרויסטרייבן די יידן צום פּלאַץ באַזיליאַנסקי. דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז אַלע די מענטשן ווערן איבערגעזידלט אויף אַרבעט. איינצלנע האָבן געפּרוווט בלייבן, אָבער נאָכן ערשטן קרבן, וואָווע טינע, איז דאָס גאַנצע געטאָ ריין געבליבן. אויפֿן פּלאַץ האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַן ערך 14 טויזנט יידן. אַלע זאַכן וואָס מען האָט מיטגענומען, האָט מען געהייסן צונויפֿזאַמלען אויף איין אָרט. דאַן איז פֿאָרגעקומען אַ סאָרטירונג — פֿאַכמענער באַזונדער, סתם יונגע מענטשן באַזונדער און עלטערע אויך באַזונדער.

דעם 20־טן האָט מען אָנגעהויבן פֿירן אויף גרויסע לאַסטאויטאָס צום וועלדל גורקע־פּאָלאָנקע, דריי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. מיט אַ פּאָר טעג פֿריער האָבן יידן דאָרט געגראָבן גריבער פֿון פֿאַרשידענע מאָסן, לאַנגע און שמאָלע, קורצע און טיפֿע — פֿאַר עלטערע און ייִנגערע. דערביי האָבן די דייטשן צו זיי געשריגן: אַרבעט שנעלער, דאָ דאַרפֿן ליגן אייערע ברידער. דעם זעלבן טאָג, דעם 20־טן אויגוסט, איז פֿאָרגעקומען די גרעסטע בלוטיקע אַקציע. גרופּנווייז האָט מען

צוגעפירט צו די גריבער און באַפוילן אַראָפּגיין אויף די טרעפּלעך און געשאָסן מיט ביקסן און אויטאָמאַטן. די מענטשן זענען געפאַלן טויט אין גרוב. קינדער ביז פינף יאָר האָבן די מוטערס געמוזט טראָגן אויף די הענט. נאָך פינף יאָר — איז געווען אַ באַזונדערע גרופּע, וועלכע מען האָט געוואָרפן לעבעדיקערהייט אין גרוב.

ביים ברודער־קבר אין פּאַלאַנקע

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך געקאָכט גרויסע קעסלען סמאָלע און ס.ס.־לייט זענען אַרומגעגאַנגען אין געגאָסן קאָכיקע סמאָלע אויף די מענטשן, וואָס די קוילן האָבן זיי שלעכט געטראָפן און זיי האָבן זיך געוואָרפן אין די גריבער. אויך די קינדער זענען באַגאָסן געוואָרן מיט דער סמאָלע, ווייל פאַר זיי איז אַ שאָד געווען קוילן.

דערנאָך איז אַרויס אַ באַפעל: אַלע יידן, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס, זאָלן אַרויס אויף דער פריי; מיט זיי וועט קיין שלעכטס גאָר נישט פּאַסירן. דאַן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן פון די קעלערס און פון די בונקערס אַן ערך צוויי טויזנט יידן. זיי האָבן באַקומען די אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען אַלע זאַכן וואָס זענען געבליבן אין געטאָ, אַוועקפירן אין פאַרשידענע זאַמלערטער. אין דער זעלבער צייט איז געשאַפן געוואָרן דאָס קליינע געטאָ, אויף דער דאָמבאַ־גנידאָווסקאַ. אָבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט.

דעם 3.9.1942 האָט מען זיי צונויפגענומען, אָפּגעפירט אין דער זעלבער ריכטונג און צעשאָסן.

נאָך די אַלע אַקציעס איז לויצק נאָך אַלץ נישט געווען „יודענריין". ס'האָבן זיך נאָך געפונען הונדערטער יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן. טאָג־טעגלעך זענען זיי געגאַנגען אויף אַרבעט אונטער אַ שטרענגער וואַך פון שוץ־פּאָליציי. אָבער דער טראַגישער גורל האָט זיי נישט אויסגעמיטן. נישט געקוקט דערויף וואָס יידן האָבן זיך געמאַטערט ביי די שווערסטע באַדינגונגען, אַרבעטנדיק צוועלף שעה ביי דער באַשפּייזונג פון 100 גר. ברויט אַ טאָג מיט אַ ביסל וואַסער, האָט דאָס אַלץ זיי נישט געראַטעוועט פון טויט. דעם 14־טן סעפּטעמבער, ווען זיי זענען געגאַנגען אויף אַרבעט, זענען זיי פּלוצעם אַרומגערינגלט געוואָרן פון ס.ס.־לייט און מען האָט זיי אַוועקגעפירט אויף גורקע־פּאָלאַנקע, וווּ מען האָט זיי אויף דעם זעלבן אופן אומגעבראַכט.

אַ צווייטער לאַגער, וווּ יידן האָבן געאַרבעט, איז געווען ווילקע, אין פינטשוקס אָפּגעברענטער מיל. דעם 12.12.42 איז געקומען דער טראַגישער גורל אויף זיי. אָבער דאָ האָבן די יידן פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זיין זייער לעצטער וועג, און זיי האָבן געענטפערט מיט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד. אַ געוויסער בראָנשטיין פון דאָלינע האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און אָנגעהויבן שיסן. ליידער האָבן די קוילן קיינעם נישט דערגרייכט. ס'איז געוואָרן אַ גרויסער פּאַניק. די יידן האָבן גענומען וואַרפן מיט פאַרשידענע אַרבעטסגעצייגן. די ס.ס.־לייט האָבן געעפנט אַ ווילד פייער. אַ גרויסער טייל יידן איז געפאַלן אויפן אָרט, און אַ טייל האָט מען אַוועקגעפירט אין דער זעלבער ריכטונג, און דאָרט האָט מען זיי אויפן שוידערלעכסטן אופן פאַרמאַטערט.

✶

דער בלינדער גורל האָט געוואָלט, אַז אויך לויצק זאָל האָבן לעבעדיקע עדות פון איר נאַצי־גהינום. דעם 18־טן מערץ 1942 האָט מען אונדז, אַן ערך 2000 יידן, אָפּגעטראַנספּאָרטירט אויף דער רוסישער אָקופּירטער זאָנע. דער וועג איז געווען שרעקלעך. מען האָט אונדז אַריינגעפּאַקט אין לאַסטוואַגאָנען. מיר זענען געפאָרן דריי טעג. קיין עסן האָבן מיר נישט באַקומען. דער צוג האָט זיך געשלעפּט זייער לאַנגזאַם און גאָר פּלוצעם איז ער שטיין געבליבן. מיר האָבן באַמערקט, אַז מיר געפינען זיך אויף דער סטאַציע קאַזאַטין. דאָרט זענען מיר געשטאַנען דריי שעה צייט. מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט, ווי מען הייבט אָן אויפבלאָמבירן די פאַרדראָטעוועטע וואַגאָנען. מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר וועלן דאָ באַקומען עסן, אָדער מען וועט אונדז אויף דער סטאַציע אַראָפּנעמען. באַלד זענען אַריין צו אונדז אַ גרופּע ס.ס.־לייט מיט אוקראַאינישע שוץ־פּאָליציי און האָבן אונדז באַפוילן מיר זאָלן זיך גרופּירן אַלע אין איין ווינקל פון וואַגאָן. זיי האָבן זיך צעשטעלט אויף צוויי זייטן און יעדער פון אונדז האָט געמוזט צווישן זיי אַדורכגיין. יעדער פון אונדז האָט געקריגן פון זיי געקיילט מיט קאָלבעס און פּאָליאַנעס האָלץ און איז געוואָרן צעבלוטיקט. דער גאַנצער וואַגאָן האָט זיך געטונקען אין בלוט. און פּלוצעם האָט דער צוג אָנגעהויבן רירן פון אָרט, און מיר זענען ווייטער געפאָרן.

דעם 21־טן מערץ זענען מיר אָנגעקומען קיין וויניצע. דעם זעלבן טאָג האָט מען אונדז איבערגעפירט אין אַ לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ סאָרטירונג. מענטשן פון אַלע נאַציעס, אַ חוץ יידן, זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אויף אַרבעט. די יידן האָט מען אַרויסגענומען אויפן פעלד און דערשאָסן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונדזער גורל איז געחתמעט.

אָבער אַנטלויפן איז געווען אוממעגלעך, ווייל דאָרט איז געווען דער זאַמלפונקט פאַר קריגס־געפאַנגענע און דער גאַנצער אַרום איז באַוואַכט געווען פון ס.ס. וואוהין צו לויפן איז אויך נישט געווען, די גאַנצע געגנט איז אונדז געווען פרעמד. זענען מיר געזעסן אין די שטאַלן און דערוואַרט דעם טויט. אָבער פלוצעם איז געקומען אַ באַפעל פון דער אָרגאַניזאַציע „טאָט״, זי ברויכט דרינגענדיק אַרבעטער. האָט מען אונדז איבערגעפירט מיט אַ שטרענגער וואַך אין אַזעלכע קריגס־קאַזאַרן, וווּ ס׳איז געווען אַן אַרבעטסלאַגער אונטער דער אָנפירונג פון ברעסטעל. דאָרט האָבן מיר געאַרבעט, באַקומענדיק 100 גר. ברויט מיט אַ ביסל שיטערע זופּ אויף אַ גאַנצן טאָג. די אַרבעט איז געווען אומדערטרעגלעך שווער. מיר האָבן געפילט, אַז לאַנג אויס־האַלטן וועלן מיר נישט. דער הונגער האָט געפּייניקט. מיר פלעגן פּרווון גיין צו דער דייטשער קיך צונויפקלויבן עטלעכע ביינער, אָבער דאָס איז אויך נישט דערלויבט געווען. האָט מען וועמען געכאַפּט, איז דער געשלאָגן געוואָרן מכות־רצח. דורך אַ קורצער צייט זענען מיר אַלע געשוואָלן געוואָרן פאַר הונ־גער. אויף דער אַרבעט האָט מען געמוזט אַרויסגיין יעדן טאָג. ווער ס׳איז קראַנק געוואָרן און געבליבן אין באַראַק, איז גלייך אַראָפּגעפירט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן קעלער, און ווען ס׳האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע מענטשן, האָט מען זיי אַרויסגע־פירט אויפן פעלד און דערשאָסן.

דעם 18.8.42 גאַנץ פרי איז פלוצעם אַרומגענומען געוואָרן דאָס אָרט ווו מיר האָבן זיך געפונען דורך אַ גרופּע ס.ס. זיי האָבן אונדז צונויפגענומען אויף איין אָרט. דעם גרעסטן טייל האָבן זיי אַוועקגענומען, איבערלאָזנדיק בלויז 25 מענטשן. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז מען פירט זיי אויף אַ צווייטער בוי־שטעלע אין אַ צווייטן לאַגער. און מיר זענען געבליבן אַרבעטן ווייטער ביז ענדע 1942.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אין דער אומגעגנט אָנגע־הויבן אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנער־גרופּן אונטער דער אָנפירונג פון אוקראַינער קאָלאָשניקאָוו. ערשט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר־בעסערן אונדזער לאַגע. די אוקראַינער פלעגן זיך אָפּט אַריינ־גנבענען און באַזאָרגן אונדז מיט אַרישע דאָקומענטן (אין גרעסטן טייל פון קאַראַימער). זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט מען אויסגעשאָסן אַ גרופּע יידן אין נאָענטן וועלדל טיבראָוו; דאָס זענען געווען די יידן וואָס מען האָט געזאָלט איבערפירן אין צווייטן לאַגער. די ידיעה האָט אויף אונדז שטאַרק געווירקט, און מיר האָבן כסדר געלעבט אונטער דעם איינדרוק, אַז אָט־אָט קומט דער זעלבער גורל אויף אונדז. אָבער אַנטלויפן איז אוממעגלעך געווען. אַזוי האָבן מיר געהאָרעוועט כמעט אַ גאַנץ יאָר.

עטלעכע טעג פאַר ניי־יאָר 1943, ס׳איז געווען מאָנטיק פאַרנאַכט, אין דרויסן האָט געברענט אַ פראָסט מיט אַ ווינט. און מיר זענען געזעסן אין אַן עס־זאַל. פלוצעם איז געוואָרן אַ גערעג און מען האָט אונדז אָנגעהויבן כאַפּן. מיר האָבן פאַר־שטאַנען, אַז דאָס דאַרף זיין אונדזער לעצטער וועג. אין דעם זאַל האָט זיך געפונען אַ פאַרקלאַפּט פענצטער, דורך וועלכן מען פלעגט אַרויסגעבן דאָס עסן. האָב איך מיט נאָך דריי חברים (סאַמועל קלאָץ, ישראל דאָמב און פנחס גאָלדשטיין) מיטן לעצטן כוח עס אויפגעבראָכן און זענען אַרויס אויף דער גאַס. מיר זענען אַריין צו אַן אַלטער אוקראַינקע, און זי האָט אונדז אויסבאַהאַלטן אַכט טעג אויף אַ בוידעם. נאָך די אַכט טעג האָט די אוקראַינקע צווויסן געגעבן אַ געוויסן אוקראַינישן איוואַן. ער האָט אונדז אַוועקגעפירט קיין רומעניע און דער־קלערט, אַז די דייטשן האָבן אָפּגעגעבן איינצלנע שטעט צו פאַר־וואַלטן די רומענער און דאָרט לעבן יידן אויך. (דאָס זענען געווען די שטעט טיווראָוו, מאראפא, שארגאראד). מיר זענען אָנגעקומען אין שטעטל מאראפא. מיר זענען גלייך אַוועק צום יודענראַט. מען האָט אונדז וואַרעם אויפגענומען, אויספרעגנדיק פון וואַנען מיר קומען.

אָפּזייענדיק 8 טעג, זענען מיר דורך דער רומענישער זשאַנדאַרמעריע אַוועקגעפירט געוואָרן אויף אַרבעט אין לאַגער טאָלצין. דאָרט האָבן מיר געאַרבעט אין טאָרף־גרובן. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געשטאַנען אין אַ וואַסער און געגראָבן דעם טאָרף; עסן האָט מען באַקומען זייער ווייניק. נאָך אַ קורצער צייט זענען מיר אַלע געשוואָלן געוואָרן. מיר האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן — 6 יידן (דריי רומענישע, איין רוסישער און איך מיטן חבר קלאָץ). דעם זעלבן טאָג נאָך זענען מיר אַנטלאָפן, אָבער צום אומגליק געכאַפּט געוואָרן אין אַ וואַלד. מען האָט פון אונדז אַראָפּגענומען די פאַסקעס פון די הויזן, פאַרבונדן די הענט און געבראַכט צופירן צוריק אין לאַגער. יעדער פון אונדז האָט באַקומען 25 שמיץ פאַר נישט וועלן אויסזאָגן ווער ס׳האָט אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן. מען האָט אונדז דערקלערט, אַז ביי אַ צווייט מאָל פּרווון אַנטלויפן וועט מען דערשאָסן ווערן. אין זעקס טעג אַרום האָבן מיר ווידער באַשלאָסן אַנט־לויפן (די זעלבע זעקס). דאָס מאָל איז אונדז געלונגען און מיר זענען געקומען אין דעם שטעטל מאראפא. דאָרט האָט אונדז אויסבאַהאַלטן אַ יידישע פרוי, וועלכע האָט געלעבט אויף אַ קריסטלעכן נאָמען מאַנקאַ מאַטאַסיעוויטש. נאָך צוויי וואָכן האָבן מיר געמוזט גיין אויף אַרבעט צו די פּויערן — שניידן האָלץ, טראָגן וואַסער א. א. וו.

אָנפאַנג 1944 איז אונדזער לאַגע געוואָרן ערנסטער. די רויטע אַרמיי האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן און באַפרייען רומעניע. האָט מען דאַן אָנגעהויבן שטאַרק קאָנטראָלירן יעדע פּערזאָן. איך בין אַוועק צו אַ געוויסן בוכהאַלטער טראַכאַנטשו, וועלכער האָט מיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער. אין דעם קעלער בין איך געלעגן ביזן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי, דעם 19־טן מערץ 1944. דעם זעלבן טאָג בין איך באַפרייט געוואָרן.

(פון „יד־ושם״־אַרכיוו)

היסטאָרישע קאָמיסיע אין האָפּגייסמאַר

גביית־עדות פון פּאַניע פּאַשט

אין געטאָ האָבן אַלע געמוזט אַרבעטן, סיי מענער סיי פרויען. די מענער זענען געטריבן געוואָרן צו פאַרשידענע שווערע אַרבעטן און די פרויען האָט מען געשיקט צו באַדינען די דייטשן און צו אַנדערע פאַרשידענע אַרבעטן. יעטוועדן פרימאָרגן פלעגן זיך אַלע מוזן פאַרזאַמלען אין הויף פון יודענראַט און פון דאָרט פלעגט די יידישע פּאָליציי זיי פירן צו דער אַרבעט. יעדער אַרבעטנדיקער האָט באַקומען אַ שיין, מיטן נאָמען, פאַמיליע, ווו ער אַרבעט, און וועלכער צייט ער דאַרף גיין און צוריקקומען פון דער אַרבעט. אָבער גיין אַליין האָט ער סיפוּרי נישט געטאָרט, ווייל ווען מען פלעגט טרעפן אין גאַס, פלעגט ער גלייך דערשאָסן ווערן. צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט פלעגט מען פירן דורך די לאַנקעס, ווייל דורך די גאַסן איז פאַר יידן געווען פאַרבאָטן דורכצוגיין.

די מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן זייער אַ שווערע. די „ראַציאָנען”, וואָס מיר האָבן באַקומען איז געווען אַזאַ: פאַר אַרבעטנדיקע 150 גר. ברויט אַ טאָג, פאַר נישט־אַרבעטנדיקע 75 גר., פאַר קינדער 30 גר. דערצו זעלטן אַ זופּ אָדער אַ ביסל קאַשע. פון הונגער, נויט, שמוץ, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ טיפוס־עפּידעמיע און פיל מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן.

אין געטאָ איז אויך געווען אַ שפּיטאָל, אַ קיך ביים יודענראַט, וועלכע פלעגט אַמאָל העלפן מיט אַ זופּ, אָבער דאָס האָט זיך אָנגעזעען ווי אַ טראָפּן אין ים, ווייל דער הונגער איז געווען זייער גרויס.

קיין ספּעציעלע אַקציעס זענען אין געטאָ נישט פאָרגעקומען, נאָר ס׳האָט פאַסירט ווען די בריגאַדעס פלעגן קומען פון דער אַרבעט, פלעגט זיי שוין אָפּוואַרטן די זשאַנדאַרמעריע און יעטוועדן רעווידירן. פאַר געפינען עפּעס ביי וועמען פלעגן זיי שיסן אויפן אָרט. אַפילו צוליב אַ שטיקל האָלץ אַריינברענגען זענען געווען קרבנות.

דעם 19־טן אויגוסט 1942 איז געקומען אין געטאָ אונדזערער אַ באַקאַנטער פּויער מיט אַ פורל, בכדי אונדז אַרויסצופירן פון געטאָ אין שטאָט, ווו מיר זאָלן קענען זיך אויסבאַהאַלטן. נישט וועלנדיק ריזיקירן אַלע מיט איין מאָל, האָב איך באַשלאָסן פאַרלויפיק אַליין צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ און אויספאָרשן די מעגלעכקייטן אויפן אָרט. איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאַטעס, אָנגעטאָן אַ פּויערישע פאַטשיילע אויפן קאָפּ און בין אַרויף אויף דער פור, איבערלאָזנדיק די מוטער, צוויי ברידער און אַנדערע משפחה־מיטגלידער. אַרויספאָרנדיק אין אָוונט פון געטאָ, האָב איך באַמערקט פיל אוקראַאינישע פּאָליציי, דייטשע זשאַנדאַרמעריע, עס־עס און געסטאַפּאָ. ס׳איז מיר אָבער נישט איינגעפאַלן ספּעציעלס צו טראַכטן וועגן דעם. אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך מיטן זעלבן פּויער צוריקגעקומען צום געטאָ. די אוקראַאינישע פּאָליציי מיינענדיק, אַז איך בין אַן אוקראַאינקע, האָבן מיר געמאָלדן, אַז אין געטאָ אַריינפאָרן קאָן מען נישט, ווייל ס׳דאַרף דאָרט עפּעס פאָרקומען.

ווי איך האָב זיך טאַקע גלייך דערוווסט, האָט מען דעם זעלבן פרימאָרגן באַפוילן, אַז אַלע יידן זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין הויף פון יודענראַט. אַ גאַנצן מעת־לעת זענען די יידן געשטאַנען אין הויף, נישט וויסנדיק וואָס עס דערוואַרט זיי. אַפילו די מיטגלידער פון יודענראַט האָבן אויך נישט געוווסט וואָס דאָ קומט פאָר. ערשט פרייטיק אין דער פרי, ד.ה. דעם 21.8, זענען אָנגעקומען מאַשינען אין געטאָ, און לויט אַ באַפעל האָט מען גרופּנווייז אויפגעלאָדן די יידן אויף די מאַשינען און אַוועקגעפירט אין וואַלד, 3 קלמ. הינטער דער שטאָט צו די גריבער, וועלכע די יידן פון לאַגער האָבן די גאַנצע צייט צוגעגרייט.

צוויי טאָג צייט האָט געדויערט דאָס אויסמאָרדן 18.000 יידן פון אונדזער שטאָט, צוויי טעג צייט האָט מען לעבעדיקערהייט געוואָרפן יידן אין די גריבער און דערנאָך מיט מאַשינענגעווער דערשאָסן. קיינער האָט זיך נישט געראַטעוועט פון דעם מבול, אַלץ איז אומגעקומען, אַפילו דער יודענראַט און די יידישע פּאָליציי.

האָבנדיק אַלץ פאַרלוירן און נישט וויסנדיק וואָס מיט מיר וועט געשען, בין איך שוין געבליבן ביים פּויער. זיין נאָמען איז געווען לאַוורא‌וו. זייער אַן אָרעמער פּויער איז דאָס געווען, קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט, האָט געוווינט אויף אַ כוטאָר ווו קיינער אַרום האָט נישט געוווינט. איך בין געווען באַהאַלטן ביי אים אויפן פּיעקעליק.

דעם 24־טן דעצעמבער 1942, אַרום 3 ביינאַכט, איז דער פּויער צו מיר אַרויף און מיך געהייסן גלייך פאַרלאָזן זיין שטוב. „גענוג, זאָגט ער, איך וויל מער נישט ריזיקירן מיט אונדזער לעבן צוליב דיר.” ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן, קיין וויינען. אַלץ איז, הייסט עס, פאַרלוירן. איך מוז טיילן דעם גורל פון מיינע עלטערן, ברידער און נאָענטע.

אַ פאַרצווייפלטע און שוין גלייכגילטיק צו אַלעם בין איך, אַ פאַרשמוציקטע, האַלב אָפּגעריסן, אַוועק זיך איבערגעבן דער אוקראַאינישער פּאָליציי, זייענדיק איבערצייגט, אַז סיי ווי בין איך פאַרלוירן. נאָר נישט וויסנדיק גענוי ווו דער פּאָליציאַנט וווינט, האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקעט פון פאַרטאָג ביז אָוונט. ווען איך בין צוגעקומען צום הויף פון שוצמאַן איז שוין געווען 8 אָוונט, ווינטערצייט. די הינט זיינע זענען מיך באַפאַלן, האָבן מיך צעביסן און אָפּגעריסן פון מיר דאָס אַזוי אויך שוין צעריסענע קליידל. דאַן איז אַרויס דער אוקראַאינער און מיך געפרעגט, וואָס איך וויל. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיך אַריינלאָזן אין שטוב. דאַן האָב איך אים אַלץ דערציילט און געבעטן ער זאָל מיך שיסן, ווייל סיפוּרי האָב איך שוין נישט קיין אַנדערן אויסוועג.

„שיסן וועל איך דיר נישט, אָבער האַלטן קאָן איך דיך אויך נישט ביי מיר. איך וועל דיך אָבער איבערפירן אין שטאָט, ווו דו וועסט געפינען גוטע מענטשן, וועלכע וועלן דיך אויסבאַהאַלטן”.

ער האָט מיר געגעבן וואַסער אַרומצווואַשן זיך, ריינע פויערישע קליידער איבערצוטאָן זיך און אויך צו דער זאַט עסן. אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך שפּאַצירט מיט אים ווי אַן אוקראַאינקע ביז דער שטאָט. פאַרבייגייענדיק דאָס וועלדל, האָט ער מיר געוויזן די גריבער פון אונדזערע אומגעקומענע קדושים. געקומען אין שטאָט, האָבן מיר זיך געזעגנט, איך האָב אים האַרציק געדאַנקט פאַר זיין מענטשלעכער האַנדלונג. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער הייסט טימאַנישין. נאָך דער באַפרייונג האָבן מיר זיך געטראָפן.

אַ באַקאַנטע רוסישע פאַמיליע האָט מיך אויפגענומען און אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין שטוב דריי מאָנאַטן. אין מערץ 1943 האָב איך געמוזט פון דאָרט אַוועק, ווייל שכנים האָבן מיך באַמערקט. מיינע באַלעבאַטים האָבן מיך אַוועקגעפירט צו אַן אוקראַאינער אַן עוואַנגעליסט. ביי אים בין איך געווען באַהאַלטן אין קעלער. ביי אים אין שטוב איז אויך געווען אויסבאַהאַלטן אַ יידיש יינגעלע פון אַכט יאָר.

אין יוני מאָנאַט האָב איך פלוצעם דערהערט אַ שיסעריי אין הויז. דער פויער איז גלייך אַראָפּ צו מיר און געזאָגט, אַז איך מוז שוין אַנטלויפן, ווייל זשאַנדאַרמעריע איז געקומען זוכן ביי אים תבואה, האָבן זיי גאָר געטראָפן אַ יידיש פאָרפאָלק אויפן בוידעם... וואָס מיר האָבן בכלל נישט געוווּסט איינער פון צווייטן.

דורך אַ פענצטערל איז מיר געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך פון קעלער אויף דער גאַס. אין שטאָט האָט אַ פוילישע פרוי דערקענט, אַז איך בין אַ יידישע, און מיר געזאָגט, איך זאָל זיך נישט אַרומדרייען אין שטאָט, ווייל די געסטאַפּאָ פירט אַדורך גרויסע אַבלאַוועס. זי האָט מיך אַריינגענומען צו זיך און באַהאַלטן אין אַ שטייג פון הינער, וואָס איז געשטאַנען אין פעדערהייזל. דער מאַן אָבער האָט מיר פּראָפּאָנירט, איך זאָל זיך שמדן; לויט זיין מיינונג וועל איך פּטור ווערן פון אַלע רדיפות. ווילנדיק-נישט-ווילנדיק האָב איך געמוזט מסכים זיין. ער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן גלח פון שטאָט און ער האָט אים באַפולמעכטיקט אַליין צו שמדן, כדי עס זאָל זיך קיינער נישט דערוויסן.

אין אָנהייב יולי 1943, אין אַ געוויסן פרימאָרגן, האָט מיך דער קריסט אַריינגערופן אין שטוב, צוגעפירט צום בילד פון דער הייליקער מאַריאַ, מיך געבענטשט און אַ נאָמען געגעבן מאַריאַ טערעסאַ. נאָך דער צערעמאָניע בין איך צוריק אַריין אין שטייג.

נאָך דריי מאָנאַטן האָט מיך ווידער באַמערקט אַ שכן, און איך האָב ווידער געמוזט אַנטלויפן. דער פּאָליאַק האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַ פוילישער פאַמיליע, ווו עס געפינען זיך נאָך יידן באַהאַלטן. איך בין צו זיי אַוועק, זיי האָבן מיך אויפגענומען און באַהאַלטן צוזאַמען מיט אַ גאַנצער יידישער משפחה. דאָרט האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז דעם 12־טן דעצעמבער 1942 האָט מען אויסגעשאָסן אַלע יידן פון לאַגער.

דעם 4־טן פעברואַר 1944 האָט די זיגרייכע רויטע אַרמיי פאַרנומען אונדזער שטאָט און מיר זענען אַרויס פון די באַהעלטענישן.

גלייך נאָך דער באַפרייונג האָבן מיר געשטעלט אַ דענקמאָל פאַר אונדזערע קדושים. אין שטאָט איז געבליבן אַן ערך 20 מענטשן.

(פון „יד־ושם“־אַרכיון)

ז. אשרר / ישראל

דער בוים פון גבורה

(אין דעם גניזה־פּנקס אויפן הר־ציון איז די זאַך פאַרשריבן אין נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטן ייד, וועלכער שטעלט זיך פאָר פאַר אַ מענטש, וואָס גיט זיך אָפּ מיט פאַראייביקן דעם אומקום און די קהילות)

אום י׳ טבת, וואָס איז דער אַלגעמיינער קדיש־טאָג, גייען טויזנטער מענטשן אַרויף אויפן הר־ציון צו דעם קעלער פון אומקום, וואָס איז דער אומבאַקאַנטער קבר, זיך מתיחד צו זיין מיטן זכר פון די קדושים און באַזוכן די אַלע ערטער, וואָס זענען מיט די קדושים פאַרבונדן. פאַר צוויי־יאָרן י׳ טבת בין איך אַרויפגעגאַנגען אויפן הר־ציון און אָנטייל גענומען אין דעם גאַנג פון די באַזוכער. בעתן שמועסן האָב איך געהערט מענטשן רעדן וועגן אַ „בוים פון גבורה“, וואָס זאָל זיך געפינען אויפן באַרג.

פון נאַטור אַ נייגעריקער, האָב איך אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן ביי די מענטשן פון באַרג וועגן יענעם בוים און ווי מען גייט צו אים. אָבער זיי האָבן זיך געקווענקלט און געשטאַמלט, נישט געענטפערט קיין קלאָרע דיבורים, גערעדט מיט האַלבע ווערטער וועגן עפּעס אַ בוים, וואָס איז אַהער געבראַכט געוואָרן פון לויצק — אַ בוים, אויף וועלכן מען האָט אויפגעהאָנגען יידן.

צי זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט, אָדער נישט געוואָלט מיר ענטפערן? זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט און מיך געפירט צום משגיח.

אויך דער משגיח האָט אונטערגעשוויגן. ער איז נישט זיכער — האָט ער געזאָגט — צי ס'איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אַזאַ בוים, אָדער נישט. ער האָט בלויז געהערט וועגן דעם, גלייך ווי אַנדערע, נישט מער. איך האָב געזען, אַז עפּעס־וואָס

וויסט ער, נאָר וויל נישט דערציילן און רעדן וועגן דעם.

לויט מיין נאַטור האָב איך פון דעם ענין נישט אָפּגעלאָזט און בין געוואָרן אַ מין אויסשפּירער צו דערגיין די זאַך. און איך בין געוואָר געוואָרן אַ מעשה־נורא, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אויפן הר־ציון און וואָס דער משגיח וויל זי פאַרהוילן פונעם ציבור.

ס'איז אַ מעשה מיט אַ בוים פון גבורה, וואָס איז פאַר־פלאַנצט געוואָרן דורך צוויי לויצקער לעבנגעבליבענע יידן אויף זייער אייגענער אחריות.

און די מעשה, ווי ס'האָט דערציילט דער ייד, וואָס איז ניצול געוואָרן פונעם לויצקער געטאָ, האָט פּאַסירט אַזוי:

איינער אַ רב לייזער, פון בראַצלאַווער חסידים מובהקים אין דעם קאַנט, איז בעתן אויסברוך פון דער מלחמה אַנטלאָפן פון פוילן, וואָס איז איינגענומען געוואָרן פון די נאַצי־רשעים, קיין ראָוונע, וואָס איז איינגענומען געוואָרן פון די רוסן. רב לייזערן איז קיין נפקא־מינה נישט געווען — צי די נאַציס, צי די רוסן. די השגחה פּרטית געפינט זיך אומעטום. נאָר ער איז אַנטלאָפן קיין ראָוונע און פון דאָרט קיין לויצק, וואָס איז אויך געווען אין די הענט פון די רוסן, אין דער האָפענונג, אַזויאַרום זיך צו דערשלאָגן קיין אומאַן — צום קבר פון דעם רבין רב נחמן בראַצלאַווער, זכרון צדיק לברכה.

רב לייזער האָט געוואָלט געניסן, ווי מען זאָגט, פון דעם בייזן.

אין צווישנצייט איז געוואָרן אַ צעמישעניש אין די מדינות, און די נאַצי־רשעים זענען אָנגעפאַלן אויפן קאַנט פון ראָוונע און לויצק, האָבן אים איינגענומען מיט גרויליקן שטורעם און אויסגעגאָסן זייער צאָרן אויפן קאָפּ פונעם הייליקן פאָלק: געהרגעט, גערויבט, געפּלינדערט און אויפגעשטעלט געטאָס און טויט־לאַגערן.

רב לייזער איז פאַר אַ קורצער צייט באַקאַנט געוואָרן אין לויצקער געטאָ ווי אַ ווונדערלעכער צדיק. ער פלעגט טאָן חסדים, האָט דערמונטערט, געהאָלפן און נישט איין מאָל זיך געשטעלט אין סכנה. ער האָט בכלל נישט געטראַכט וועגן זיך, נאָר זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן זיינע ברידער.

זיין נאָמען איז געוואָרן מפורסם ווי פון אַ צדיק און הייליקן. אָבער די רשעים, וואָס קאָנען נישט סובל זיין קיין ליכט, האָבן זיך צו אים צוגעטשעפּעט. זיי האָבן אים איינמאָל געכאַפּט בעת ער איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין טלית־און־תפילין און געדאַוונט, האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ גרויס געלעכטער און אים מכבד געווען מיט שרעקלעכע קלעפּ. און היות זיי האָבן געפונען ביי אים אַ ביסל עסנוואַרג, וואָס ער האָט פאַר־גרייט פאַר קראַנקע, האָבן זיי אים געשלעפּט, אין אָנהייב מיט געלעכטער און דערנאָך מיט ערנסט קלאָמפּערשט, צו אַ „משפּט". און די אייגענע רשעים האָבן אויך דורכגעפירט דעם „משפּט" און אַרויסגעטראָגן אויף אים, קייכנדיק פון געלעכטער, אַ גרוי־ליקן פּסק־דין: תליה.

מ'האָט געכאַפּט יידן אין די גאַסן, זיי זאָלן אים שלעפּן אויף אַ שטריק צו אַ בוים, וווּ מען וועט אים אויפהענגען. אין אָנהייב האָבן די יידן זיך אָפּגעזאָגט און זיך געוואָלט אַרויסדרייען, אָבער די רשעים האָבן גענומען זיי שלאָגן און דראָען מיט זייערע רעוואָלווערן. פאַרוווּנדעטע און אָפּגייענדיק מיט בלוט, האָבן זיי זיך נאָך אַלץ אָפּגעזאָגט, ביז רב לייזער איז צו זיי צוגעשטאַנען און זיי געבעטן, געחלשט פאַר זיי, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן דעם באַפעל פון די רשעים.

באין־ברירה האָבן זיי אים געפאָלגט און געשלעפּט מיט שטריק, אונטער דעם געלעכטער פון די רשעים, און איבער־געגעבן אין די הענט פון די שטענדיקע תלינים פון דער געסטאַפּאָ. און יענע האָבן אים גענומען אויפהענגען אויף דעם בוים וואָס ביי דער זייט גאַס, וועלכע האָט אַמאָל געהייסן „דריטער מאַי". די רשעים האָבן געלאַכט, און די יידן, להבדיל, געוויינט. דאָס געלעכטער האָט זיך אויסגעמישט מיטן געוויין. ווען רב לייזער האָט צוגעזען דעם צער פון די יידן, האָט ער זיי דערמוטיקט און געשטאַרקט, און געזאָגט אַזוי:

„אונדזער הייליקער רבי, רב נחמן, זכרון צדיק לברכה, האָט מבטיח געווען יעדן יידן, וואָס וועט קומען אויף זיין קבר, אַז ער וועט אים פאַר זיינע פּאות אַרויסציען פון גיהנום. און איך הקטן בין אייך מבטיח, אייך משמח צו זיין צוליב צער, וואָס איך האָב אייך גורם געווען".

ער האָט אויסגעשריגן: „שמע ישראל!" און איז נסתלק געוואָרן אין די הימלען אַריין.

פון דעמאָלט אָן — האָט דער לויצקער דערציילט — פלעגט מען קומען צו דעם תליה־בוים און שעפּן דערמונטערונג. ווען ער איז אַוועק פון לויצק, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, און ער האָט מיט זיך גענומען אַ וואָרצל מיט אַ פלאַנצל פון דאָזיקן בוים לזכרון.

די גאַנצע צייט פון זיינע וואַנדערונגען האָט ער אָפּגעהיט דאָס פלאַנצל עס זאָל נישט איינטריקענען, זיך באַראַטן מיט גערטנער און פאַכלייט און דערויף אַכטונג געגעבן. ווען ער איז סוף־כל־סוף, מיט גאָטס הילף, געקומען קיין ישראל און גע־הערט וועגן דעם קעלער פון דעם אומקום אויפן הר־ציון, וועלכער איז דער אומבאַקאַנטער קבר פון די זעקס מיליאָן, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרפלאַנצן דאָס פלאַנצל נעבן דעם קבר אויפן הר־ציון.

ער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג און גערעדט מיטן משגיח, אַ זון פון וואַרשעווער רב, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַראייביקן דעם אומקום. יודעי־דבר האָבן אים געהאַט געזאָגט, אַז דער משגיח וועט זיך אָנכאַפּן דערין, ווייל ער שעצט דאָס סימבאָלישע און דערהויבענע, אָבער דאָס מאָל האָבן זיי אַ טעות געהאַט. דער משגיח האָט זיך גאָר דער־שראָקן פאַר דעם געדאַנק. ער האָט באַוווּנדערט זיין דרייסטע און דערהויבענע האַנדלונג, אָבער זיך געקווענקלט ממלא צו זיין זיין פאַרלאַנג. ס'איז אַ חשש פון פאַרגעטערן דעם בוים, פון מעשה „אשרה". ער האָט אים געזאָגט, אַז אַרום די הייליקע ערטער זענען תמיד געוואַקסן ביימער, וועגן וועלכע ס'זענען דערציילט געוואָרן אַ סך אגדות און מעשיות, און פונדעסטוועגן האָט מען קיין איינעם פון זיי נישט אויפגעהיט. מען האָט נישט געהאַלטן אין חשיבות קיין ביימער. נאָר אַזויווי אין אונדזערע צייטן איז נישטאָ קיין חשש־„אשרה", האָט ער אים געגעבן אייגענע טעמים אין אַן אגדה־נוסח, דערציילט אַ מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אברהם אבינוס בוים „אלוני ממרא", וואָס איז געשטאַנען נעבן חברון.

דער דאָזיקער בוים — האָט דער משגיח געזאָגט — איז געשטאַנען אַ סך יאָרן. מען האָט אים תמיד געהאַלטן אין

שטאַרקער חשיבות, ווייל אונטער אים איז געזעסן און געגעסן אברהם אבינו מיט די מלאכים. און וואָס דאַרף מען שוין מער דערפון? פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט אָנגענומען און נישט איינגעהיט, דער דאָזיקער בוים.

אמת, די גויים האָבן אים באַוואַכט און אָפּגעריכט אַרום אים תפילות און אזכרות, אָבער די יידן — נישט. און דער טעם דערפון איז — ער ווערט געבראַכט אין ספרים — ווייל אויפן דאָזיקן פּלאַץ, וואָס האָט אַמאָל געדינט פאַר אַ יאַריד־פּלאַץ אין חברון, האָט מען אין דער צייט פון חורבן בית־שני פאַרקויפט עפנטלעך די געפאַנגענע יידן פאַר שקלאַפן און, לויטן מנהג פונעם אָרט, זיי צוגעבונדן ווי פּי צו דעם בוים. און פון דעמאָלט אָן איז זיין חשיבות געמינערט געוואָרן. אַ בוים, וואָס האָט מסכים געווען, מען זאָל צו אים צובינדן יידן, איז אַ בוים ווי אַלע ביימער און פאַרמאָגט נישט קיין גרעסערע חשיבות.

„און וואָס איז דאָס חשיבות פון דעם בוים, — האָט געפרעגט דער משגיח, — וועלכער האָט מסכים געווען, אַז רב לייזער זאָל אויף אים אויפגעהאָנגען ווערן?"

דער משגיח האָט זיך געקווענקלט און נישט געגעבן דערויף זיין הסכמה. אָבער רב יצחק, וועלכער האָט דאָס פּלאַנצל געבראַכט, האָט מיט אים נישט מסכים געווען, איז געבליבן ביי זיין דעה און, נישט אָנפרעגנדיק זיך, אַרויפגעגאַנגען אין איינעם אַ פאַרנאַכט מיט זיינעם אַ חבר, און זיי האָבן פאַרפלאַנצט דאָס פּלאַנצל.

די מעשה איז באַוווּסט געוואָרן ערשט שפּעטער בלויז דורך אַ צופאַל.

ד"ר ט. קוניצאַ־גאָלדשטיין / ירושלים

אקופאציע, געטא, אומקום

(זכרונות)

ס'איז זייער שווער זיך אומצוקערן צו יענע צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, פון געטאָ און ליקווידאַציע. עס ווילט זיך אַזוי דערין פאַרגעסן. דאָס איז אָבער אַ חוב פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט דעם חורבן איבערגעלעבט, אַ פליכט לגבי די אַלע אומגעקומענע, וועמענס לעצטער ווונטש פאַרן טויט איז געווען, אַז די געבליבענע זאָלן גאָרנישט באַהאַלטן. וועל איך פּרוּוון שילדערן אָט די טרויעריקע צייט, הגם ס'איז שווער צו געפינען אין דער מענטשלעכער שפּראַך די ווערטער אויף צו שילדערן דאָס דורכגעלעבטע.

די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה

די נאַכט פון 21־טן אויפן 22־טן יוני 1942 איז געווען אַ הייסע און אַ דעמפּיקע. עפּעס אַ מאָדנער אומרו איז געהאָנגען אין דער לופט. ווען 12 אַזייגער ביינאַכט איז געקומען צו מיר ה' ק. כדי צו באַזוכן זיין קראַנק קינד און מיר זענען אַדורכגעגאַנגען דעם שטאָטישן פּאַרק — זענען מיר אויפמערקזאַם געוואָרן אויף אָט דער שווערער שטילקייט, אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם.

אין די לעצטע טעג האָט מען אַ סך גערעדט וועגן אַ קאָנצענטראַציע פון דייטש מיליטער אויף דער מזרח־גרענעץ און הגם מיין מאַן האָט כסדר געטענהט, אַז דייטשלאַנד קאָנצענטרירט איר מיליטער נישט אומזיסט — האָט מען דאָס באַטראַכט ווי בייזע, נישט באַגרינדעטע נביאותן. די אָפּטימיסטן האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז בלויז אַ טאַקטישער מאַנעווער מצד די דייטשן, כדי נאָך עפּעס אויסצודינגען ביי די סאָוויעטן. אָבער ווען פינף פאַרטאָג האָבן אונדז אויפגעוועקט די דעטאָנאַציעס פון דער באָמבאַרדירונג, האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר שוין געזען דורכן פענצטער אַ דראָזשקע מיט פאַרוווּנדעטע, וועלכע מען האָט אָפּגעפירט אין פּאָוויאַט־שפּיטאָל. אַפילו ווען די ערשטע באָמבעס זענען שוין געפאַלן, האָבן זיך נאָך געפונען אַזעלכע, און צווישן זיי — אַ הויכער סאָוויעטישער אָפיציר, וואָס האָט געוווינט ביי אונדז אין הויז, וועלכע האָבן געגלייבט, אַז דאָס זענען בלויז מאַנעווערס. אָבער אָט די אילוזיעס זענען געוואָרן צעשטרייט בעת מאָלאָטאָוו האָט אָפּגעגעבן זיין דערקלערונג, אַז דייטשע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט די אָפענע שוצלאָזע שטעט פון ראַטנפאַרבאַנד.

אַלזאָ — מלחמה! מלחמה מיט דייטשלאַנד! אַ שרעק און אַ פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָט. דאָס איז שוין נישט געווען יענע שטימונג פון יאָר 1939, ווען די מערהייט האָט דערוואַרט, אַז די מלחמה וועט זיך שנעל ענדיקן. איצט האָט מען שוין גוט געוווּסט צו וואָס די דייטשן זענען פעיק, מען האָט שוין געהערט וועגן זייערע מעשים.

אין דער ערשטער ריי האָט די פּאַניק אַרומגעכאַפּט די מענער. אין יענער צייט האָט מען נאָך געגלייבט, אַז די פרויען געפינען זיך אין אַ קלענערער געפאַר. דאָ און דאָרט האָט מען געזען מענער מיט רוקזעק, וועלכע זענען אַוועק אויף מזרח, באַגלייט פון מאַמעס, פרויען און קרובים. די, וואָס האָבן גע־

אַרבעט אין רעגירונגס־אַמטן האָבן געהאַפּט, אַז מען וועט זיי אין דער געהעריקער צייט עוואַקוירן צוזאַמען מיט די אינסטיטוציעס.

איך מיט מיין מאַן, ביידע דאָקטוירים, האָבן דערוואַרט, אַז מען וועט אונדז מאָביליזירן אין דער אַרמיי. מיר האָבן צוגעגרייט צוויי קליינע וואַליזקעס מיט די פּערזענלעכע זאַכן און יעדער פון אונדז איז אַוועק אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ. מיר האָבן אָפּגעשמועסט, אַז מיר וועלן זיך טרעפן 5 אַזייגער אין אונדזער נייער וווינונג אויף באָלעסלאַוו כראָברי־גאַס.

אָבער צו דער באַגעגעניש איז שוין קיינמאָל נישט געקומען! פאַר 5 אַזייגער האָב איך פאַרלאָזט מיין מוטערס הויז, וואָס האָט זיך געפונען נעבן „באַנק פּאָלסקי” און איז דערפאַר געווען אויסגעשטעלט אויף אַ גרעסערער געפאַר באָמבאַרדירט צו ווערן, איידער מיין וווינונג אויף באָלעסלאַוו כראָברי. איך בין געגאַנגען דורך דער לאָנקע כדי צו באַוויזן קומען ביז 5 אַזייגער אַהיים, ווו איך האָב זיך געדאַרפט טרעפן מיט מיין מאַן. אויפן וועג האָב איך געטראָפן ה׳ קאַרטין מיט וועמען איך האָב אַ ווײַלע געשמועסט און דאָס האָט דעצידירט וועגן מיין לעבן.

מער־וויניקער אין אַ צען מינוט אַרום (אַזױפיל האָט געדאַרפט דויערן, אַז איך זאָל באַוויזן אַהיים צו קומען) האָט דער הימל זיך באַדעקט מיט אַ ריזיקער צאָל דייטשע אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די שטאָט. דער הימל איז געוואָרן שוואַרץ. מיר זענען געלאָפן אויף דער לאָנקע אין דער ריכטונג צום טייך. אין דער זעלבער ריכטונג האָבן אויך מאַסנוויז אָנגעהויבן אַנטלויפן די מענטשן פון די הייזער. די דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק און גענומען באַשיסן די אַנטלויפנדיקע באַפעלקערונג. די לאָנקע איז געוואָרן באַדעקט מיט פאַרוווּנדעטע און געהרגעטע. מיטן וואַסער־קאַנאַל צווישן די געוויקסן האָב איך זיך דערשלאָגן צום טייך. דאָרט האָב איך זיך באַהאַלטן צווישן טשערעט ביז די באָמבאַרדירונג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

געדויערט האָט דאָס אַ שעה־צוויי. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַן אייביקייט. ווען איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָב איך דערזען פון דער ווייט, ווי די גאַנצע באָלעסלאַוו כראָברי־גאַס איז אין פלאַמען, דאַקעגן מיין מוטערס הויז ביים „באַנק פּאָלסקי” שטייט גאַנץ. איך בין שנעל אַרויסגעקראָכן פון מיין באַהעלטעניש און איך האָב דערהערט ווי מען רופט: טאַניאַ, טאַניאַ... דאָס האָבן מיך געזוכט מיין מאַן און אַנדערע משפּחה־מענטשן. זיי זענען געווען זיכער, אַז צו דער באַשטימטער צייט בין איך געווען אין שטוב. און היות אונדזער הויז איז געוואָרן באָמבאַרדירט און אַלע איינוווינער זענען אומגעקומען, בין איך דאָך אויך געוויס צווישן זיי. זיי האָבן מיר געזוכט צווישן די הרוגים אין הויז און ווען זיי האָבן מיך נישט געפונען, האָבן זיי זיך משער געווען, אַז אפשר בין איך אַנטלאָפן אויף דער לאָנקע.

די ערשטע ווערטער פון מיין מאַן זענען געווען: „טאַניאַ, מיר האָבן שוין נישט קיין וווינונג, נישטאָ מער וווּהין זיך אומצוקערן”. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיך. מיר האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן דאָס צונויפנעמען די פאַרוווּנדעטע און אָפּפירן זיי אין שפּיטאָל. דאָס שפּיטאָל איז געווען איבערפולט.

אויף נאַכט זענען מיר אַוועק אין שפּיטאָל. אין שטאָט איז געווען פינצטער. אויפן וועג האָבן זיך געוואַלגערט איבערגעריסענע טעלעפאָן־דראָטן, אומגעוואָרפענע טעלעפאָן־סלופּעס, שטיינער און ציגל. אין דער לופט האָט זיך געפילט דער ריח פון אָפּגעברענטס און פון בלוט. אין שפּיטאָל האָבן מיר געאַרבעט אָן אַן אָטעם־פּויזע. יעדער פאַרוווּנדעטער איז דאָך געווען אַ באַקאַנטער, אַ סך זענען דאָך געווען אויך נאָענטע פריינד. ביים ליכט פון אַ נאַפט־לאָמפּ און פון שטיקלעך וואַטע געטונקענע אין אַלקאָהאָל — האָבן מיר אָפּערירט, געניית, אַמפּוטירט. ס׳איז נישט וויכטיק, וואָס מיר זענען נישט קיין קוואַליפיצירטע כירורגן. מיר מאָביליזירן אין זיך דאָס גאַנצע וויסן, וואָס מיר האָבן זיינער צייט באַקומען אויפן אוניווערסיטעט, כדי צו ראַטעווען מענטשן פון טויט און צו לינדערן דעם ווייטיק.

און די באָמבאַרדירונג דויערט ווייטער. מיר האָבן דאָס געפיל, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט דאָס גאַנצע שפּיטאָל איינפאַלן. אָבער מיר אַרבעטן ווייטער. און פאַרוווּנדעטע ברענגט מען אַלץ נייע און נייע. אָט האָט מען געבראַכט דעם ה׳ י. רויטער, וועלכער האָט באַקומען אַ קויל אין בויך בעת ער איז געשטאַנען אין אַ ריי נאָך ברויט. מען מוז אים תיכף אָפּערירן, הגם קיין גרויסע האָפענונג אים צו ראַטעווען איז נישטאָ.

דערווייל ליידיקט זיך אויס די שטאָט. די סאָוויעטן עוואַקוירן זיך, און צוזאַמען מיט זיי — יענע גליקלעכע, וועלכע זענען זוכה צו קריגן אַן אָרט אין זייערס אַן אויטאָ. די דירעקטאָרקע פון אונדזער שפּיטאָל, אַ סאָוויעטישע, איז מסכים צו נעמען מיט זיך עטלעכע דאָקטוירים, אָבער די, וואָס האָבן דערווייל באַקומען מאָביליזיר־צעטלען עצהט זי צו מעלדן זיך אין דער הויפּט־קאָמענדע. טיף אין האַרצן בין איך צופרידן, וואָס איך פאָר נישט מיט זיי, וואָרים ווען די קראַנקע האָבן דערזען, אַז די דאָקטוירים פאַרלאָזן זיי, זענען זיי אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. פון אַלע זייטן האָב איך געהערט שטימעס: „טאָניע, דו וועסט אונדז נישט איבערלאָזן!”. איך האָב זיי נישט איבערגעלאָזט. איך בין געבליבן מיט מיין מאַן און מיט נאָך אַ יידישן דאָקטער פּ. — אַ גינעקאָלאָג. אויפן גאַנצן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל זענען מיר געווען בלויז דריי יידן. די אַטמאָספער איז געוואָרן אַ געדיכטע און אַן אומאָנגענעמע.

אַ פלוצעמדיקע שטילקייט האָט אונדז אויפגעוועקט פון אָט דעם געשפּאַנטן צושטאַנד, אַ שטילקייט, וואָס אָנשטאָט צו באַרויקן, האָט זי אונדז אָנגעפילט מיט פּחד. די דייטשן האָבן אויפגעהערט באָמבאַרדירן. די סאָוויעטן זענען אַנטלאָפן. די שטאָט שטעלט נישט מער קיין ווידערשטאַנד.

ס׳איז איינס אַזייגער אין דער נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך, דעם 24־טן יוני 1941. די קראַנקע שלאָפן נאָכן נאַרקאָז. צוזאַמען מיט מיין מאַן גיי איך אַרויס פון שפּיטאָל, כדי זיך צו דערוויסן, וואָס עס הערט זיך ביי די עלטערן און וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. מיר האָבן פריער געהערט, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט מערסטנס זיך באַהאַלטן אין דער קאַטעדרע און אין סאָבאָר. גייען מיר אין דער ריכטונג פון דער קאַטעדרע. דאָס בילד, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז, לאָזט זיך נישט באַשרייבן. די שטאָט ברענט. מיר מוזן גיין אינמיטן ברוק, ווייל פון ביידע זייטן שטרעקן זיך די פייערדיקע צונגען. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן. פון דאָ און דאָרט הערט

זיך דאָס וואָיען פון היימלאָזע און די אויפרייסן פון די פאַר־לאָזטע ברענענדיקע סאָוויעטישע טאַנקען.

נאָך אַ סך מי דערשלאָגן מיר זיך צו דער קאַטעדרע. דער סכראָן (בונקער) פון דער קאַטעדרע איז פאַרגאָסן מיט וואַסער. אויף די אַריבערגעוואָרפענע ברעטלעך שטופּן זיך מענטשן מיט קינדער אויף די הענט און אויף די פּעק. די קינדער וויינען און די זקנים קרעכצן. מען נעמט אונדז אויף זייער וואַרעם. אַלע פרייען זיך, וואָס מיר זענען נישט אַוועק־געפאָרן, נאָר געבליבן מיט זיי. דער לייגט אונדז פאָר אַ ביסל הייסע טיי פון טערמאָס, אַן אַנדערער טרעט אונדז אָפּ אַ שטיקל אָרט, ווו זיך אַוועקצוזעצן און אָפּרוען. מען פילט זיך ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אָט דער מענטשן־מאַסע. איך פריי זיך וואָס איך בין נישט אַוועקגעפאָרן, וואָס איך בין מיט זיי.

ליידער האָב איך דאָ די עלטערן נישט געטראָפן. מסתמא זענען זיי אין סאָבאָר. איך קלייב זיך אַהין, הגם אַלע וואָרענען, אַז איך זאָל עס נישט טאָן. איך מוז דאָך פאַרטאָג אומקערן זיך אין שפּיטאָל, און דאָס איז דאָך אוממעגלעך, איידער כ׳וועל זיך זען מיט דער משפּחה, וועלכע ווייסט נישט וואָס מיט מיר איז געשען.

אין סאָבאָר האָבן מיר אָנגעטראָפן אויפן זעלבן בילד פון פּיין און פאַרצווייפלונג. איך האָב דאָרט געפונען אונדזער משפּחה, וועלכע איז צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע געלעגן אין אַ ווינקל אויפן דיל, אין איין שרעק, אַז איידער נאָך די דייטשן וועלן זיי געפינען, וועלן די אוקראַינער זיי אויסשעכטן. די אַטמאָספער איז אַ געשפּאַנטע און אַן אומזיכערע. שעפּטשענדיק שטיל צווישן זיך כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד ביי די אוקראַינער, דעצידירן די מערהייט יידן צו פאַרלאָזן די באַ־העלטעניש. קודם כל האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן די יונגע מענער, וועלכע זענען מער באַדראָט ווען די דייטשן וועלן זיי דאָ געפינען. אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי פשוט אַדורכ־צופירן. ביי די הויפּט־איינגענג זענען געשטאַנען אוקראַינישע באַנדעס, וועלכע האָבן קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט פון סאָבאָר. אָבער אונדז האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען זיך דורכן הינטערשטן אַריינגאַנג. שטילערהייט, טאַפּנדיק אין דער פינצ־טער, זענען מיר אָנגעקומען צו מיין מאַמעס שטוב, וועלכע איז געווען נאָענט פונעם סאָבאָר.

אַלץ איז דאָרט געווען איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע אין דער פינצטערניש, און אַזוי זענען מיר געבליבן ביז ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. פאַרטאָג זענען די דייטשן שוין געווען אין לויצק. זינט יענעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די בהדרגהדיקע ליקווידאַציע און דער חורבן פון אונדזער לעבן אין לויצק.

דאָס אנטשטייַן פון געטאָ אין לויצק

דעם 11־טן דעצעמבער 1941 האָבן די דייטשן געשאַפן אַ געטאָ אין לויצק. דאָס געטאָ איז געוואָרן ליקווידירט דעם 20־טן אויגוסט 1942. צו וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעשלעפּט אַכט חדשים כדי צו ליקווידירן די 12 טויזנט יידן — וועלן מיר זיך קיינמאָל נישט דערוויסן. איך האָב געהערט, אַז שוין אין 1941 איז געווען פאַרטיק דער פּלאַן פון ליקווידירן די לויצקער יידן, און דער פּרימיטיווער אופן מיט וועלכן זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין גורקע־פּאָלאָנקע האָט דאָך זיכער נישט געצייטיקט זיך אין אַן 8־חדשימדיקער צוגריי־טונג.

אַ געוויסע צייט נאָך פאַרן אַנטשטיין פון געטאָ האָבן

FACHARBEITERAUSWEIS Nr. 1738

Der ... geb. 1914 ...

Familienstand: ... Kinderzahl: ... wohnhaft ...

ist von Beruf: ... gehoert als Solcher zum Facharbeiterstamm des Arbeitsamtes Luzk und darf nicht ohne Zustimmung des Arbeitsamtes anderweitig angesetzt werden.

Der Gebietskommissar Arbeitsamt Luzk

Der Deutsche Leiter

אַ דאָקטאָר־באַשטעטיקונג

אָנגעהויבן אַרומגיין קלאַנגען, אַז די דייטשן גרייטן צו שאַפן אַ געטאָ אין לויצק. פון באַקאַנטע פּאָליאַקן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס געטאָ דאַרף וואַרשיינלעך זיך געפינען נאָך דער באַזיליאַנישער בריק. אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז דאָס געטאָ וועט זיין אויף ווילקע — זיי האָבן שוין אַפילו געזען ווי מען האָט אַדורכגעפירט די אויסמעסטונגען. די יידן האָט מען באַרויקט, אַז דאָס מאַכט מען פאַר זייער טובה וועגן — די פּאָליאַקן און יידן וועלן זיי מער נישט קאָנען מאָרדן, ווי זיי האָבן דאָס ביז איצט געטאָן. די פּאָליאַקן און אוקראַינער ווידער האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז לטובת זיי — אַז די יידן זענען פאַרלייזיקט, אַז מצד זיי דראָט די סכנה פון אַ טיפוס־עפּידעמיע. דערפאַר איז בעסער צו איזאָלירן זיך פון זיי.

צווישן די יידן איז געווען אַ פּאַניק. אַ סך האָבן באַקומען וווינונגען אויף גנידעוו, אַנדערע נאָך דער באַזיליאַנער בריק. ווולקע האָט באַשלאָסן צו וואַרטן אויף מער זיכערע ידיעות. אָבער כאָטש מיר האָבן געוווינט אויף ווולקע, האָב איך זיך דעצידירט אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פון אַ באַקאַנטער פאַ־מיליע אויף גנידעוו — אַז איך וועל באַקומען ביי זיי אַ צימער אַלס לוין פאַר דער הילף וואָס איך וועל זיי געבן — אויב מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה — ביים אויספירן אַ פּלאַס־טישע אָפּעראַציע פאַר אַ טאָכטער (זי האָט געהאַט אַ רויטן פלעק אויפן פּנים). ווי ווייט זענען מיר דעמאָלט געווען מיטן געדאַנק דערפון וואָס ס׳איז שפּעטער געשען! איך האָב שוין אַפילו איבערגעשיקט דער פאַמיליע צוויי זעק קוילן אויף באַהייצונג (אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג פאַר יענע צייטן) און אין די נאָענטסטע טעג האָבן מיר געדאַרפט אַהין זיך אַריינקלייבן.

דאָס איז געווען דעם 11־טן דעצעמבער 1941. ס׳איז געווען אַ פראָסט. 6 אין דער פרי האָט מען מיך גערופן צו אַ קראַנק קינד אין אַ פּוילישער פאַמיליע און ווי אַ צוגאָב צום האָנאָראַר האָב איך באַקומען אַ האַלבן קילאָגראַם חזיר־פעטס. גליקלעך

מיט דער וויכטיקער מתנה האָב איך געאיילט אַהיים, כדי אויפסניי זיך צו דערוואַרעמען אונטער דער פּערענע. אין דעם איז אַריינגעפאַלן ה׳ גאַמזאַן — דער באַלעבאָס פונעם הויז, ווו איך האָב געוווינט נאָכן באָמבאַרדירן מיין וווינונג — און געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך שנעל אָנטאָן, ווייל אין גאָס איז זייער אומרויק. מיר האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזען, אַז יידן מיט פּעק און מיט קינדער אויף די הענט ווערן געטריבן דורך דייטשן אויף פערד אין דער ריכטונג פון שטאָט. ווייזט זיך אַרויס, אַז אָנהייבנדיק פון „נאָווע סטראַיעניע״ זענען די דייטשן אַריין אין יעדער יידישער שטוב, אַרויס־געטריבן פון דאָרט די איינוווינער און שפּעטער זיי געיאָגט פאַרויס. די דירות נאָך זיי האָט מען פאַרהתמעט.

מיר האָבן אָנגעהויבן שנעל זיך אָנטאָן. די רוקזעק מיט די וויכטיקסטע זאַכן זענען שטענדיק געווען גרייט. ווידער איז אַריינגעקומען גאַמזאָן און איבערגעגעבן, אַז אים איז געלונגען צו באַקומען אַ פור מיט אָ פערד. מיר קאָנען דאָס אויך אויסנוצן און אפשר וועט זיך אונדז איינגעבן צו אַנטלויפן נאָך איידער די דייטשן וועלן קומען אַהער. אָבער ווען מיר האָבן שוין געדאַרפט רירן פון אָרט, איז אַריינגעפאַלן אַ גרופּע דייטשן. זיי האָבן פאַרהאַלטן די פור און אָנגעהויבן שלאָגן די מענער מיט נאַהייקעס. אונדז האָט זיך דאָך איינגעגעבן אַרויסצורייסן זיך פון זייערע הענט, און איבערלאָזנדיק אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, זענען מיר דורכן הויף אַנטלאָפן אין פעלד אַריין. דאָרט האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די געלע לאַטעס און די ווייסע אָרעם־בענדער מיטן מגן־דוד און מיר זענען אַוועק צו דער באַאַמטן־קאָלאָניע, וואָס איז געווען באַוווינט דורכאויס פון פּאָליאַקן.

מיין מאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ אין דער געגנט וווינט זיינער אַ פּאַציענט, וועלכן ער האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק אויסגעהיילט פון אַ שווערן טיפוס. מיר זענען אַהין אַריין.

די פרוי פון דעם פּאַציענט, ווי נאָר זי האָט אונדז דערזען, איז זי בלייך געוואָרן. זי האָט שנעל פאַרקלאַפּט טיר און פענצטער און די ערשטע פראַגע אירע איז געווען, צי קיינער האָט אונדז נישט באַמערקט אַהער אַריינגיין. מיר האָבן זי באַרויקט, אַז מיר וועלן דאָ לאַנג נישט זיין. מיר בעטן בלויז, אַז זי זאָל אַרויסגיין אין שטאָט און זיך דערוויסן וואָס די דייטשן טוען מיט די יידן און וווהין זיי טרייבן זיי. צי האַנדלט זיך טאַקע אין אַ געטאָ, אָדער זיי טוען מיט די לוצקער יידן דאָס זעלבע, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט עטלעכע חדשים צוריק אין ראָוונע, ווו זיי האָבן אויסגעמאָרדעט טויזנטער יידן.

זי האָט אונדז פאַרמאַכט אויפן שלאָס און אַוועק. אינגיכן איז זי צוריקגעקומען מיט אַ ידיעה, אַז וואַרשיינלעך טרייבט מען די אַלע יידן אין דער ריכטונג פון דער באַזיליאַנער בריק. וואָס עס קומט ווייטער פאָר — ווייסט קיינער נישט. זי האָט אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן וואָס שנעלער פאַרלאָזן איר וווינונג. מיר זענען אַוועק.

וווהין זאָלן מיר איצט גיין? מיר זענען צו פּאָפּולער אין לוצק און יעדע מינוט דראָט אונדז דער טויט פאַר אַרומגיין אָן דער געלער לאַטע. מיר זענען אַריין צו אַ באַקאַנטן פּאָליאַק, דעם ד״ר י. מיט אַ צייט צוריק האָבן מיר אים איבערגעגעבן צום באַהאַלטן געוויסע חפצים, וועלכע זענען געווען פאַרבאָטן פאַר יידן צו באַזיצן נאָך איידער דאָס געטאָ איז אַנטשטאַנען. זיין פרוי, אויך אַ דאָקטאָרין, וועלכע איז פון פאַר דער מלחמה באַקאַנט געווען מיט אירע ליבעראַלע אָנשויונגען, האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון שרעק, אַז מיר זאָלן, גאָט באַהיט, צו לאַנג ביי איר נישט בלייבן. זי האָט אונדז געעצהט, אַז מיר זאָלן זיך אַריינבאַקומען אין פּאָוויאַט־שפּיטאָל, ווו איך האָב פריער געאַרבעט.

דאָס איז אויך נישט געווען קיין פשוטער ענין. דורך אַ פאַרפרוירן טייכל, דורך פעלדער, און אין דער כסדרדיקער געפאַר, אַז מען זאָל אונדז נישט דערקענען, זענען מיר אָנגע־קומען אין שפּיטאָל. דירעקטאָר פון שפּיטאָל איז דאַן געווען ד״ר זאַלעסקי, אַן אוקראַינער, געוועזענער דאָקטאָר פון קראַנקן־קאַסע. פאַר דער מלחמה איז ער געווען זייער פּאָפּולער ביי יידן. איך האָב אים אָפן געזאָגט, אַז מיר אַנטלויפן פון די דייטשן און מיר ווייסן נישט וואָס ווייטער צו טאָן. צוליב דעם וואָס דער דירעקטאָר האָט נישט באַקומען קיין שום אָפיציעלע פאַראָרדענונג וועגן אַרויסגעבן די יידן — האָט ער מיר דער־לויבט צו בלייבן צייטווייליק אין שפּיטאָל, אָבער דעם מאַן מיינעם קאָן ער בשום אופן נישט דערלויבן דאָ צו זיין. ער דאַרף אַוועק אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ ביי דער באַן, ווו ער האָט געאַרבעט אין דער באַן־אַמבולאַטאָריע אַלס דאָקטער. און אַזוי אַרום בין איך געבליבן אין שפּיטאָל אַליין, אָפּגעשניטן פון מאַן, פון דער פאַמיליע און פון יידן.

איינע פון די שפּיטאָל־שוועסטער האָט מסכים געווען צו גיין אין שטאָט געוואָר ווערן וואָס עס הערט זיך, און אויב דאָס וועט מעגלעך זיין — פאַרשטענדיקן זיך מיט מיין פאַ־מיליע, וועלכע האָט געוווינט נעבן „באַנק פּאָלסקי״. זי איז צוריקגעקומען מיט טרויעריקע ידיעות. מיין מוטערס שטוב

איז געווען פּוסט. צוזאַמען מיט די אַנדערע יידן זענען מיינע נאָענטע געטריבן געוואָרן אין דער ריכטונג פון דער באַזיליאַנער בריק.

פאַרוואָס בין איך אַנטלאָפן? פאַרוואָס האָב איך זיך אָפּגעריסן פון מיין פאַמיליע? וואָס איז געשען מיט זיי? וואָס איז מיטן מאַן, מיט דער מאַמע? און וואָס וועט זיין מיט מיר ווען די דייטשן וועלן אַריין אַהער אין שפּיטאָל? — אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד האָב איך געמוזט אַרבעטן און מאַכן אַן אָנשטעל, אַז כ׳בין רויק. דאָס שפּיטאָל איז געווען פול מיט אוקראַינער און איך האָב געמוזט אויספירן די פונקציעס פון רוב פּוילישע און אוקראַינישע דאָקטוירים, וועלכע זענען אַוועק אין שטאָט זיך צוקוקן צום ספּעקטאַקל. עפּעס אַזוינס קאָן מען דאָך זען בלויז איין מאָל אין אַ יאָרהונדערט!

און מיטאַמאָל דערזע איך דורכן פענצטער ווי די דייטשן גייען אין דער ריכטונג צום שפּיטאָל. עס גייען אַהער די געסטאַפּאָ־לייט מיט די הינט און מיט נאַהייקעס אין די הענט. ס׳איז פיר אַזייגער נאָכמיטאָג. אין שפּיטאָל איז נישטאָ קיין איין פּוילישער דאָקטאָר. די הויפּט־שוועסטער, אַן אוקראַאינערין, האָט זיך פאַרלוירן און שנעל מיך באַהאַלטן אונטערן ליילעך, מיט וועלכן ס׳איז געווען איבערגעדעקט די גינעקאָלאָגישע שטול. אויף דער פראַגע: „האַבען זי היער יודען?” האָט זי געענטפערט בעגאַטיוו. אַלזאָ, ס׳איז געשען. די פּאָסטקע האָט זיך פאַרקלאַפּט. איצט בין איך אין זייערע הענט; אָפּהענגיק פון זייער גוטן ווילן. צו וואָס האָב איך דאָס געטאָן? וואָס וועט זיין מיט מיין מאַן, מיט מיין משפחה? וואָסער גורל דערוואַרט די געטריבענע יידן?

אָבער מען מוז בלייבן רויק, מען טאָר נישט וויינען, מען דאַרף שפּילן. די קראַנקע פּויערן פון די שכנותדיקע דערפער האָבן נישט קיין אַנונג וועגן מיין יידישקייט. מען דאַרף רויק און מיט ווירדע אויספירן די פליכטן פון אַ דאָקטער.

עס פאַלט צו די נאַכט. אַ שטילקייט. מען הערט נישט פון ערגעץ קיין שיסעריי. דאָס איז גוט. די פּוילישע דאָקטוירים זענען נאָכן אָוונט־וויזיט אַוועק אַהיים. ווי גוט איז דאָס, וואָס אַ יידישער דאָקטאָר קאָן פאַר זיי אויספירן דעם נאַכט־דיזשור. פּלוצעם דערהער איך אַ קלונג און עס קומט אַריין מיין מאַן, אַ בלייכער און אַ באַגאָסענער מיט שווייס, הגם אין דרויסן איז אַ שטאַרקער פראָסט. זיין נאַטשאַלניק, אַ פּאָליאַק, האָט אים נישט דערלויבט בלייבן אין דער אַמבולאַטאָריע און אינמיטן נאַכט האָט ער אים באַפוילן פאַרלאָזן דעם בנין, אין וועלכן עס געפינט זיך די אַמבולאַטאָריע. כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט ביי די קראַנקע און ביי די סאַניטאַרן האָב איך אַוועקגעלייגט מיין מאַן אין דער אָפּטיילונג אַלס קראַנקן אויף אַ שווערן אַפּענדיציט.

אין דער פרי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אויף יענער זייט באַזיליאַנער בריק האָט מען געמאַכט אַ געטאָ, וואָס ווערט באַוואַכט פון אוקראַינער און דייטשן. די יידן איז נישט דערלויבט אַרויסצוגיין פון געטאָ. בלויז די פּאָליאַקן, וועלכע וווינען נאָך דאָרט, האָבן באַוועגונג־פרייהייט. זיי שטעלן מיט זיך אויך פאָר דעם איינציקן קאָנטאַקט פון די יידן מיט די אַנדערע טיילן שטאָט. אַז דאָ און דאָרט איז עמיצער אומגעקומען, אַז מען האָט וועמען דערוויל דערשאָסן — דאָס רעכנט זיך נישט. דער קאָמיסאַר לינדער — אַ געוועזענער קאַסירער פון ביעדלין, איז אין אַ גוטער שטימונג צוליב די זעקלעך מיט גאָלדענע פינגערלעך, וועלכע זענען פאַר אים צונויפגעקליבן געוואָרן אין געטאָ דורכן יודענראַט מיטן אַדוואָקאַט העניג בראש.

10 אַזייגער אין דער פרי איז געקומען ד״ר זאַלעסקי. ער וויל אונדז, חס וחלילה, נישט אַרויסטרייבן, אָבער ער קאָן אויך נישט אונדז דאָ איבערלאָזן. מען דאַרף אַוועק אין געטאָ, אָבער ווי אַזוי?

פון דעם מאָמענט אָן האָט עקזיסטירט פאַר מיר בלויז איין פאַרלאַנג: פאַרלאָזן וואָס שנעלער דעם שפּיטאָל און אַריינבאַקומען זיך אין געטאָ, זיין מיט אַלע צוזאַמען און טיילן זייער גורל. קיין שום זאַך האָט אונדז נישט אָפּגעשראָקן. די ערגסטע ידיעות זענען געווען בלייך לגבי דער אומגעהויערער בענקשאַפט צו זיין ווידער צווישן אייגענע — צווישן יידן.

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר וועלן זיך קאָנען אָנשליסן צו אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וועלכע קערן זיך אום אין געטאָ אונטער דער וואַך פון יידישע פּאָליציאַנטן. אויף אַזאַ אופן זענען מיר אין איינעם אָן אָוונט אַריבער די באַזיליאַנער בריק, וועלכע איז געווען באַוואַכט דורך דייטשן.

ביים אַריינקומען אין דעם אַזוי גערופענעם געטאָ האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ מאַסע מענטשן אין גאַס. אַ טייל פון זיי האָט דערוואַרט דעם אומקער פון די משפחה־מיטגלידער, וועלכע איז אין דער פרי אַוועק אויף אַרבעט אויסערן געטאָ. נישט וויכטיק, וואָס זיי האָבן זיך אומגעקערט הונגעריקע, פאַרמאַטערטע און שמוציקע — דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס זיי זענען צוריקגעקומען, וואָס זיי לעבן. אַנדערע ווידער זענען אַרויס פון די שטיבער, פּשוט ווייל דאָרט איז געווען דושנע, ענג און שמוציק.

אין משך פון נישט קיין גאַנצן טאָג האָט מען איבערגעוואָרפן אין צוויי שטאָט־קוואַרטאַלן אַ מאַסע פון 18 טויזנט פּערזאָן! נישט אַלעמען איז געלונגען צו באַקומען אַ דאָך איבערן קאָפּ. די היימלאָזע זענען איינלאָקירט געוואָרן אין שולן, אין געוועזענע געוועלבער און סקלאַדעס. דאָרט זענען זיי אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט.

די יידן זענען געווען אָפּגעטיילט פון דער שטאָט מיט אַ מויער פון אוקראַינער און דייטשן. זיי זענען געווען אָן שפּייז־מיטלען (הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג האָט מען צוגעטיילט אויף איין פּערזאָן), אָן זייף. זיי זענען כסדר פול געווען מיט פּחד, צי דער משפּחה־מיטגליד, וואָס איז אַרויס אויף אַרבעט, וועט צוריקקומען. זיי זענען געווען אויסערן געזעץ. פאַר דער קלענסטער איבערשרייטונג פון געזעץ, פאַר דער מינדסטער עבירה — טויט. איבעריקנס, האָט דער טויט געדראָט יעדן איינעם אַפילו אָן דער מינדסטער שולד.

ס׳איז אפשר שווער צו גלייבן, אָבער איך האָב זיך געפרייט וואָס איך בין מיט זיי צוזאַמען, וואָס איך מוז נישט מער זען די פּנימער פון די אוקראַינישע און פּוילישע „פריינד”. מיין פאַמיליע האָב איך אָפּגעפינען אין אַ האַלב־איינגעפאַלן הויז, וואָס איז שוין פון לאַנג נישט געווען באַוווינט. בערך 10 פּערזאָן האָבן געוווינט אין איין צימער. אַלע האָבן געוויינט, אָבער גלייכצייטיק האָט מען זיך געטרייסט. דער עיקר, אַז מיר זענען דאָ, אַז מיר לעבן. קאָלעגן דאָקטוירים זענען געקומען אונדז באַזוכן. איך געדענק נאָך ווי ד״ר ראָזענשטראָם האָט

מיך געטרייסט, אַז איך זאָל זיך נישט איבערנעמען דערמיט, וואָס כ׳האָב אַלץ פאַרלוירן; אַז ער האָט עפּעס מיטגעבראַכט אין געטאָ און ער וועט זיך טיילן מיט אונדז.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל פון לעבן אין לויצקער געטאָ, אַ קאַפּיטל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט צוזאַמען מיט דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

בילדלעך פון לעבן אין לויצקער געטאָ

דעם גרעסטן טייל פון טאָג האָבן די מענטשן פאַרברענגט אין גאַס. אַז מ׳האָט געוואָלט עמעצן זען, איז גענוג געווען אַרויסצוגיין אויפן קאַטעדרע־פּלאַץ. דאָרט האָט מען געטראָפן אַלעמען — חוץ יענע, וואָס מען האָט גענומען אין דער פרי אויף אַרבעט אויסערן געטאָ.

אָבער ווי נאָר ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט איז דאָס לעבן אין גאַס אָפּגעשטאָרבן. פּאָליציי־שעה. די יידן איז נישט דערלויבט, אַפילו אין געטאָ, צו פאַרלאָזן זייערע וווינונגען, זייערע לעכער. ס׳איז שטיל און פּוסט. מען הערט בלויז דאָס טופּען פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע, וועלכע פּאַטראָלירט פאַרנווייז איבער די גאַסן.

אין די הייזער איז דאָס לעבן נישט אָפּגעשטאָרבן. צווישן איין הויז און דעם צווייטן עקזיסטירט ווייטער אַ קאָנטאַקט דורך די הייף, דורכגענג, מיט דער הילף פון ספּעציעלע צייכנס. יעדע ידיעה וועגן אַ סכנה פאַרן געטאָ ווערט בליץ־שנעל פונאַנדערגעטראָגן. נישט איין מאָל ווערט אַזאַ ידיעה פאַרשפּרייט מיט סכנות נפשות.

אין איינעם אַ ווינטערדיקן אָוונט איז זיך פונאַנדער־געגאַנגען אַ ידיעה, וועלכע איז געבראַכט געוואָרן דורך דער יידישער מיליץ — אַז עס גרייט זיך עפּעס אויף דער אַרישער זייט. מ׳האָט, ווייזט אויס, מאָביליזירט די אוקראַינישע מיליץ און נעבן דער דייטשער זשאַנדאַמעריע איז קאָנצענטרירט אַ גרויסע צאָל אויטאָמאָבילן.

אין יענער נאַכט איז קיינער נישט געשלאָפן. אַלע זענען געווען אָנגעטאָן, געשפּאַנט, דענערווירט און איבערגעשראָקן. אויף צו מאָרגנס איז געווען אַ בלאָטע. ס׳איז געפאַלן אַ שניי מיט אַ רעגן. די גאַנצע יידישע מיליץ איז געווען מאָביליזירט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טייל געטאָ וואָס געפינט זיך אויף קראַסנע, דאַרף ווערן תיכף ליקווידירט. אַלע יידן פון דאָרט דאַרפן, ווי זיי שטייען און גייען, תיכף אַוועק אין געטאָ פון גנידעוו. קיין וועג צווישן קראַסנע און גנידעוו איז נישטאָ און די יידן מוזן גיין דורך די פעלדער, וועלכע זענען נאָכן רעגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין זומפּ. און דורך אָט די בלאָטעס דאַרפן זיי גיין פעסט צוזאַמען. יעדער איינער וואָס פאַרהאַלט זיך, פאַרטשעפּעט זיך אָדער פאַלט — ווערט דערשאָסן אויפן אָרט. אַ סך קראַנקע, זקנים און שוואַכע זענען דעמאָלט אומגעקומען.

די אוקראַינישע מיליציע איז געשטאַנען אויפן בערגל און אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל, חלילה, נישט שוינען קיין איינעם וואָס האָט נישט קיין כוח צו גיין. זיי האָבן זיך געמאַכט דערפון אַ פאַרווײַלונג. יעדער איינער פון זיי האָט זיך גערימט, אַז די צאָל פון די יידן וואָס ער האָט דערהרגעט איז גרעסער ווי בײַ אַ צווייטן. דאָ איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז די יידישע מיליציאַנטן האָבן צוגענומען די קינדער פון די זקנים אין פרויען און אַזוי אַרום פאַרלייכטערט זיי דאָס גיין. זיי האָבן דערבײַ אײַנגעשטעלט דאָס אייגענע לעבן. איך געדענק די גליקלעכע פּנימער פון אָט די מיליציאַנטן, וואָס זיי האָט זיך אײַנגעגעבן צו ראַטעווען אַזויפיל און אַזויפיל קינדער, זקנים און פרויען; וואָס אַדאַנק זיי זענען אָט די אומבאַהאָלפענע מענטשן אָנגעקומען לעבעדיק. מען האָט דעמאָלט נישט געטראַכט וואָס עס וועט מאָרגן מיט זיי זיין, פון וואָס זיי וועלן לעבן, ווו זיי וועלן שלאָפן; אַז אויב זיי זענען נישט איצט אומגעקומען פון די רוצחישע הענט, וועלן זיי אומקומען פון הונגער, קעלט און טיפוס. וועגן דעם האָט מען איצט נישט געדאַרפט טראַכטן. איצט האָט מען געדאַרפט ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. און מאָרגן? גאָט מיינער! קיין מאָרגן איז סיי ווי נישטאָ...

אין פרילינג 1942 האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אַ ידיעה, אַז אין שטאָט מחוץ דעם געטאָ ווערט מאָביליזירט די אוקראַינישע מיליץ, און אַז עס זאַמלען זיך ווידער אַ סך אויטאָס בײַ דער דייטשער זשאַנדאַמעריע. זייער שנעל האָבן אַלע אין געטאָ פאַרשטאַנען, אַז עפּעס גרייט זיך. ווידער איז מען נישט געשלאָפן בײַנאַכט, נאָר אָנגעטועטע געוואַרט אויף דעם וואָס דאַרף קומען. משפחות און פריינד האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין אָפּגעוואַרט דעם פרימאָרגן. אין דער פרי האָט אין געטאָ אַרײַנמאַרשירט די זשאַנדאַרמעריע און אַרויסגעגעבן דורכן יודענראַט אַ באַפעל, אַז אַלע מענער זאָלן זיך צונויפזאַמלען אויפן קאַטעדרע־פּלאַץ ביים בנין פון יודענראַט.

וואָס טאָן? נישט גיין? באַהאַלטן זיך? אַנטלויפן? וווהין? יעדער האָט געוווּסט וועגן דער קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדט. יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט נישט זיין אויפן פּלאַץ, וועט דערפאַר זיין פאַראַנטוואָרטלעך די גאַנצע משפחה — די פרוי, די קינדער, די עלטערן. דערפאַר האָט מען זיך דעצידירט אַהין צו גיין. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס אים דערוואַרט. צי זיי וועלן דערהרגענען אויפן אָרט, צי זיי וועלן אַרויספירן, אָדער דורכפירן אַ סעגרעגאַציע. און יעדער האָט זיך געזעגנט מיט זיין משפּחה אַזוי, ווי ער וואָלט זי שוין קיינמאָל מער נישט געדאַרפט זען.

איך בין נישט אַרויס פון שטוב. ס׳איז שווער צו באַשרײַבן דאָס געפיל פון אַ מענטשן וואָס איז דעמאָלט געבליבן אין שטוב. ער איז געווען אַזוי שרעקלעך אויסגעמאַטערט, אַז ער האָט אַפילו נישט פאַרצווייפלט. דאָס קאָן מען אַפילו נישט אָנרופן אַפּאַטיע. ער האָט פּשוט נישט געלעבט — ער האָט געאָטעמט, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, אָבער אַלדאָס איבעריקע איז געווען אָפּגעטויט. איך ווייס נישט ווי לאַנג דער צושטאַנד האָט געדויערט, אַ שעה־צוויי, אָדער אַן אייביקייט. ענדלעך האָט די טיר זיך געעפנט און עס זענען אַרײַן מיין מאַן, די ברידער, די שכנים און באַקאַנטע — אַלע געזונטע און גאַנצע. מען האָט נישט סעגרעגירט, מען האָט נישט געשלאָגן. מען האָט פּשוט אַלעמען צונויפגענומען, איבערגעציילט, קאָנטראָלירט די אָנוועזנהייט און געהייסן זיך פונאַנדערגיין.

דאָס איז געווען די דייטשע פּערפידיע! זיי האָבן קיינמאָל נישט איבערגעחזרט דעם זעלבן אופן צוויי מאָל. זיי האָבן

געהאַלטן, אַז דער גייסט אין געטאָ איז נאָך נישט איינגאַנצן געבראָכן. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דאָרט שטעקט נאָך אַ געוויסער ווידערשטאַנד, אַ געוויסע קראַפט. אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי דעצידירט אַדורכצופירן אַזאַ שפּיל כדי צו דעזאָריענטירן די יידן. און דאָס האָט זיך זיי איינגעגעבן.


Abschrift
Luck, den 24.12.1941

אין אָנהייב אויגוסט 1942 איז ווידער אויסגעבראָכן אַ פּאַניק אין געטאָ. מען האָט אָנגעהויבן שמועסן, אַז די דייטשן גרייטן עפּעס. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס געטאָ דאַרף ווערן פונאַנדערגעטיילט אויף „א" און „ב" — ווי אין קאָוועל. אין געטאָ „א" דאַרפן ווערן קאָנצענטרירט די יונגע און געזונטע מענטשן, וועלכע באַזיצן אַ „באַשעפטיקונגס־אויסוייז", און די איבעריקע וועלן זיך געפינען אין געטאָ „ב". ס'איז געווען נאָך אַ ווערסיע, אַז דאָס געטאָ לויצק וועט בכלל נישט ווערן ליקווידירט. אין אַלע שטעטלעך אַרום ליקווידירט מען טאַקע סיסטעמאַטיש די געטאָס, אָבער געטאָ לויצק וועט בלייבן, ווייל דאָ אַרבעט מען גוט, די דייטשן זענען צופרידן. אָט די ווערסיע האָבן פאַרשפּרייט די דייטשן גופא. ס'איז אָבער אויך געווען אַ סברה, אַז אין לויצק וועלן די דייטשן טאָן דאָס זעלבע וואָס אין ראָוונע, און יעדער איינער דאַרף זיך ראַטעווען ווי אַזוי ער קאָן. יעדן טאָג איז געקומען אַן אַנדער ידיעה פון אַ „זיכערן קוואַל". אָט די קלאַנגען זענען מיט אַ כיוון פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די דייטשן כדי אַרויסצורופן אַ כאַאָס און אַ פּאַניק. אויך די פּאָליאַקן האָבן נישט פאַרזוימט צוויסן צו טאָן זייערע פריינד־יידן, אַז זיי זאָלן זיך ראַטעווען, ווייל עס גרייט זיך עפּעס שלעכטס.

דערווייל האָבן די דייטשן צוגעשיקט אין יודענראַט אַ באַגרענעצטע רשימה פון פאַרשידענע פאַכלייט, וועלכע זענען זיי נייטיק. דער יודענראַט גופא האָט געדאַרפט אויסקלייבן די מענטשן אין געטאָ. דערמיט האָבן די דייטשן געצילט אַרויסצורופן אַן אינערלעכע מלחמה צווישן די יידן אין געטאָ פאַרן רעכט אַריינצוגיין אין דער רשימה. און דאָס איז זיי געלונגען. מענטשן האָבן אָנגעהויבן קעמפן מיט אַלע מיטלען כדי זיך אַריינצובאַקומען אין דער רשימה. מען האָט זיך באַנוצט מיט פּראָטעקציע, באַקאַנטשאַפט און שוחד, אַבי צו באַקומען דאָס פּאַפּירל.

איך האָב דעמאָלט באַגעגנט סאָניע פּטיץ, וועלכע האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַרישע פּאַפּירן. אויך זי האָט אָוועקגעגעבן דאָס לעצטע גאָלדענע זייגערל כדי מען זאָל זי אַרייננעמען אין דער רשימה פון אינזשעניערן. זי איז געווען אַזוי גליקלעך דערמיט. מעגלעך, אַז ווען דאָס וואָלט זיך איר נישט איינגעגעבן, וואָלט זי אַרויס פון געטאָ אויף אירע אַרישע פּאַפּירן און זי וואָלט געבליבן לעבן. אָבער ווער האָט דעמאָלט געקאָנט וויסן וואָס איז גוט און וואָס — שלעכט.

אַ גרופּע יוגנטלעכע האָט געפּרוווט זיך פאַראייניקן מיט די פּאַרטיזאַנער, אָבער יעטוועדער אַזאַ פּרווו אַנצובינדן מיט זיי אַ קאָנטאַקט האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. דער, וואָס האָט זיך אַרויסבאַקומען אין די וועלדער, איז שוין מער נישט צוריקגעקומען, איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די אוקראַינישע באַנדעראָווצעס. אַ ריי מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שום אויסזיכטן אַריינצוגיין אין דער רשימה פון די „גליקלעכע" און האָבן אויך נישט געהאַט גענוג געלט אויף קויפן זיך אַרישע פּאַפּירן אָדער אַ מקום מקלט ביי פּאָליאַקן — האָבן זיך אויסגעגראָבן בונקערס און באַהעלטענישן אין געטאָ גופא — אין די אונטערערדישע קאַנאַלן. די מענטשן זענען געווען אַנטשלאָסן צו פאַרטיידיקן זיך ביזן סוף. אָבער דאָס איינציקע געווער זייערס איז געווען אָדער אַ האַק, אָדער אַ פלאַש שוועבל־זויער. און דאָס צו באַקומען איז אויך געווען זייער שווער, עס האָט געקאָסט אַ מאַסע געלט.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געיעג נאָך פאַלשע אַרישע פּאַפּירן. זיי האָבן געקאָסט זייער טייער און צאָלן האָט מען געמוזט בלויז מיט גאָלדענע פינפרובלס. דערביי זענען די דאָקומענטן אויך נישט געווען אינגאַנצן זיכערע. זייער וויכטיק איז געווען אַ „גוטער אויסזען" — די ענלעכקייט צו אַן אַרישן טיפּ. פרויען האָבן געפאַרבט און טלעגירט די האָר כדי ענלעך צו זיין צו אַריערינס. מענער האָבן זיך פאַרלאָזט וואָנצעס, געביטן די פריזורן, געקויפט זיך יעגער־קאַפּעלושן — אַזעלכע, וואָס די פּוילישע שליאַכטע האָט געטראָגן. עלטערע גרויע פרויען האָבן זיך געפאַרבט די האָר, כדי אויסצוזען יינגער.

איך האָב געקוקט אויף דעם אַלעם און מיר האָט זיך געוואָלט וויינען. איך האָב דאָך זיי נישט געקאָנט זאָגן, אַז מיט די שוואַרצע געפאַרבטע האָר זענען זיי אויס נאָך עלטער, אָדער אַז די יידישע פּנימער ־האָבן אויך מיט די טלעגירטע האָר נישט פאַרלוירן פון זייער סעמיטישן אויסזען. דאָס איז דאָך געווען דער לעצטער פונק פון האָפענונג און מען האָט אים נישט געטאָרט דערשטיקן.

פאַר אַ דאָזע ציאַנקאַלי האָט מען גענומען נאָר גאָלד. מען האָט געזוכט קריסטן, וואָס זאָלן גרייט זיין פאַר געלט אויסבאַהאַלטן יידן. דאָס איז געווען ריזיקאַליש, אָבער צוליבן פעלן פון אַן אַנדער אויסוועג האָט מען ריזיקירט. מענטשן האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן. די קריסטן האָבן אָפט אַלץ צוגענומען און שפּעטער האָבן זיי אויסגעגעבן די יידן צו די דייטשן. זייער ווייניק יידן האָבן זיך אויף דעם וועג אָפּגעראַטעוועט.

אין אָט דעם כאַאָס, אין דעם גיהנום פון געראַנגל פאַרן לעבן, איז פּלוצעם אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די דייטשן האָבן אַרעסטירט פיר פאָרשטייער פון יודענראַט, צווישן זיי ד״ר קאָרטשעמני, געכט, פרוי האוסמאַן, געוועזענער ראַטמאַן אין מאַגיסטראַט. די דייטשן האָבן דערקלערט, אַז די יידן וועלן בלייבן ווי ערובניקעס ביז מען וועט געבן אויסקויף־געלט, וואָס האָט געדאַרפט ווערן צוגעשטעלט אין משך פון אַ קורצער צייט. דאָס איז געווען די פּאָליטיק פון די דייטשן אַרויסצוציען וואָס מער פון געטאָ ערב זיין ענדגילטיקער ליקווידאַציע. אָבער די יידן האָבן דעמאָלט וועגן דעם אַלעם נישט געוווסט. ס׳איז אַפילו קיין צייט נישט געווען צו טראַכטן — 4 אָנגעזעענע יידן דראָט אַ געפאַר און מען דאַרף זיי ראַטעווען פאַר יעדן פּרייז.

די מערהייט האָט פאַרגעסן וועגן די דאָקומענטן און באַהעלטענישן און מיטן ביסל געבליבענע ענערגיע געוואָרפן זיך צונויפזאַמלען די געפאָדערטע קאָנטריבוציע. אַ סך האָבן פרייוויליק געבראַכט זייער פאַרמעגן, ביי אַנדערע האָט מען גענומען מיט כוח. איך געדענק אַ פרוי פון גנידעוו, וועלכע איז געקומען אין יודענראַט אַ פאַרשוויצטע און פאַרמאַטערטע און אַרויסגענומען פון בוזים אַ פּאָר זיידענע זאָקן. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען איר לעצטע מעגלעכקייט צו באַקומען אַ ביסל שפּייז, אָבער זי האָט דאָס אַוועקגעגעבן די זאַמלער פון אויסקויף־געלט ביים יודענראַט.

אָבער פון אָט דעם גאַנצן אָנשטרענג איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. די דייטשן האָבן דערהרגעט די ערובניקעס באַלד אין ערשטן טאָג פון זייער אַרעסט. זיי האָבן בכלל נישט געוואַרט אויף אויסקויף־געלט. אָבער מיר האָבן זיך וועגן דעם דערוווסט שוין נאָך אַלעמען. ערשט דעמאָלט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז עס קומט דער סוף. די דייטשן האָבן געעפנט די קאָרטן, אויפגעהערט מאַכן אָנשטעלן, ווייל אַלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, האָבן זיי שוין אויסגעקוועטשט פון געטאָ. די מענטשן איז באַפאַלן אַ שרעקלעכע פּאַניק. מען האָט זיך געכאַפּט פאַר יעדער מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. יעדע ווילע איז אַן אַנדערער פאַרשווונדן פון געטאָ. מען האָט אויך געהערט וועגן פאַלן פון זעלבסטמאָרדן.

די באַהעלטענישן זענען געוואָרן באַזאָרגט מיט וואַסער אין אויך מיט העק און זאַלצזויער. צו מיר האָט זיך געווענדט סאַשע פינטשוק — אין שליחות פון יודענראַט פלעגט ער צושטעלן יידן אויף אַרבעט אויסערן געטאָ. ער האָט מיר דערקלערט, אַז היות איך מיטן מאַן פיגורירן נישט אויף דער „גליקלעכער" קאַנדידאַטן־ליסטע פאַרן געטאָ „א", דאַרפן מיר זיך באַמיען כאָטש אויף עטלעכע טעג זיך באַהאַלטן ביי פּאָליאַקן אויסערן געטאָ. ער ווייסט פון זיכערע קוואַלן, אַז עס וועט פאָרקומען אַ סעגרעגאַציע. ווען עס וועט שוין עקזיסטירן דאָס געטאָ „א" וועט ער זיך באַמיען אונדז אַהין אַריינצופירן.

ער האָט קיין איין מינוט נישט געצווייפלט, אַז ער וועט בלייבן לעבן, די דייטשן האָבן אים דאָך צוגעזאָגט! און אומגעקומען איז ער צוזאַמען מיטן גאַנצן יודענראַט און מיט דער יידישער מיליץ באַלד אין ערשטן טאָג פון דער ליקווידאַציע פון לייצקער געטאָ — דעם 20־טן אויגוסט 1942.

אויגוסט, 1959

ד״ר ראובן פינוס / ישראל

מיין קאַמף פאַרן לעבן

ד״ר ראובן פינוס

שוין אין עטלעכע טעג נאָכן אויסברוך פון דער סאָוויעטיש־דייטשער מלחמה אין יוני 1941, איז לויצק געשטאַנען אין פלאַמען. די דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן נידעריק געקרייזט איבער די הייזער און זיי באַוואָרפן מיט אויפרייס־ און צינד־באָמבעס. דאָס הילכן פון די קראַכנדיקע הייזער האָט געריסן די אויערן, וואָלקנס רויך און שטויב האָבן זיך געטראָגן איבער די גאַסן. מען האָט שוין געזען געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע — די ערשטע קרבנות פון די אָנפאַלן.

צום מיינסטן האָט פון די באָמבאַרדירונגען געליטן די באַלעסלאַוו כראָברי־גאַס, וועלכע איז געווען געדיכט באַוווינט פון יידן. דער יידישער שפּיטאָל, אין וועלכן איך האָב דאַן געאַרבעט אַלס דאָקטאָר, איז באַלד אינעם ערשטן טאָג פון די אָנפאַלן געוואָרן איבערפולט מיט פאַרוווּנדעטע.

די ידיעות וועגן די דייטשע רציחות האָבן געוועקט אַ גרויל אין יידישע הערצער. מען איז געלאָפן ווי מען האָט געקאָנט. דורך דער גנידעווער בריק, איבערן סטיר, זענען געלאָפן מאַסן יידן, וועלכע זענען באַשאָסן געוואָרן דורך די נידעריק־פליענדיקע דייטשע אַעראָפּלאַנען. די יידן זענען געלאָפן אין דער ריכטונג פון ראַטנפאַרבאַנד. אַבי שנעלער, אַבי ווייטער פון די דייטשן. אין די דירות האָט עס אויסגעזען ווי אויף אַ וואָקזאַל: אומעטום זענען געלעגן אָנגעוואָרפן זעקלעך און פּעקלעך, וווהין מען האָט שנעל אַריינגעשטופּט די סאַמע נייטיקסטע זאַכן. די מענטשן זענען געווען אַרומגענומען פון פיבער און אויפרעגונג.

בעת אַנדערע האָבן זיך געגרייט צום אַנטלויפן האָב איך מיט ווייטיק און ביטערניש געקוקט אויף מיינע קוליעס. פון מיין קינדהייט אָן האָב איך געליטן אויף אַ מאַכטלאָזיקייט פון רעכטן פוס. ביז איצט האָבן די קוליעס מיך דרייסט געטראָגן דורכן לעבן, אָבער איצט זענען זיי פאַר מיר געווען אַ שטערונג. „גייט — האָב איך געזאָגט צו מיינע ברידער גזשעגאָזש און

מאיר — איך וועל דאָ בלייבן מיטן פאָטער און מיט דער פרוי״.

גזשעגאָזשן האָט זיך איינגעגעבן צו דערשלאָגן זיך קיין רוסלאַנד. מאירן האָט מען אומגעקערט פון וועג און שפּעטער איז ער אומגעקומען פון די היטלעריסטישע הענט. אויף מיינע אויגן האָט מען אים אַוועקגעפירט צום טויט. ער איז געווען צווישן אַ גרופּע יידן, וואָס מ׳האָט געכאַפּט אין גאַס נעבן דער גרויסער שול. אונטער דער וואַך פון געסטאַפּאָ־לייט האָט מען זיי געפירט איבער דער שטאָט און געבראַכט אין קעלער פון דער געביידע פון געוו. באַנק פּאָלסקי — קעגנאיבער דאַלס אַפּטייק. אויפן וועג האָט מען די געכאַפּטע יידן געשלאָגן מיט שטעקנס, אין וועלכע ס׳האָבן געשטעקט טשוועקעס. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד. איך האָב מיינע אויגן נישט געגלייבט. בלויז דאָס זייגערל, וואָס מיין ברודער מאיר האָט מיר געוואָרפן איבערן פּלויט נעבן דער שול, איז געבליבן דער איינציקער אָנדענק נאָך אים. — — —

אויך אין יידישן שפּיטאָל האָט געהערשט אַ דערדריקנדיקע שטימונג ערב דעם אַריינקום פון די דייטשן. צו יענער צייט זענען אין לויצק געווען אַ סך דאָקטוירים־יידן. צו די אָרטיקע זענען צוגעקומען נאָך יידישע דאָקטוירים, וועלכע זענען געהאַט אַנטלאָפן פון צענטראַל־פּוילן. געוויסע פון זיי האָבן געאַרבעט אין שפּיטאָל.

אַזוי האָט אויסגעזען לויצק ווען עטלעכע טעג נאָכן אויסברוך פון דער סאָוויעטיש־דייטשער מלחמה זענען אַריין אין שטאָט די ערשטע מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען פון דער היטלעריסטישער ארמיי.

די ווערמאַכט־זעלנער האָבן באַלד זיך גענומען צו דער אַרבעט — און אָנגעהויבן ראַבעווען יידיש האָב און גוטס. אָן דער דערפאַרונג, וואָס אונדז האָט שפּעטער דערוואַרט — האָבן מיר געפּרוווט באַקלאָגן זיך קעגן די רויבערייען פאַר די דייטשע אָפיצירן, האָבן זיי גלייכגילטיק געענטפערט: „יידן זענען אויסערן געזעץ.״

דאָס איז געווען פאַר אונדז די ערשטע לעקציע וואָס אַזוינס עס שטעלן מיט זיך פאָר די היטלעריסטן.

אָבער נישט מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. שוין אין ערשטן זונטיק נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן קיין לויצק, האָבן זיי פאַרנומען עטלעכע טויזנט מענער, וועלכע זענען שוין קיינמאָל מער נישט צוריקגעקומען צו זייערע משפחות. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות און אכזריותן איבער דער יידישער באַפעלקערונג.

אונדזער שפּיטאָל איז פון אָנהייב געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ „קריגסגעפאַנגענלאַזאַרעט״. דאָס אָרט פון די ביז איצטיקע פּאַציענטן איז געוואָרן פאַרנומען דורך פאַרוווּנדעטע סאָוויעטישע געפאַנגענע. בלויז אַ קליינע אָפּטיילונג האָט מען איבערגעלאָזט פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. אָט זענען די נעמען פון צווישן דעם מעדיציניש פערסאָנאַל, וועלכע זענען מיר געבליבן אין זכרון: ד״ר פעמאָוו, ד״ר באַקשט, ד״ר ראָזענקראַנץ, ד״ר ראַפּאָפּאָרט, ד״ר פעפער, ד״ר ראָזענשטראָם, דר קאַמיעניעצקי, ד״ר גאָלדשטיין פון וואַרשע, די אַפּטייקערין מאַניע מאַידאַן, די שוועסטער: לערנער, שולץ, קאַגאַן. די אַלע — מיטן אויסנאַם פון ד״ר גאָלדשטיין — זענען אומגעקומען.

מעדיקאַמענטן זענען געווען זייער ווייניק, שפּייז פאַר די קראַנקע און דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל — גאָר קאַרג. די פּאַציענטן האָבן געליטן הונגער. די שטערבלעכקייט צווישן זיי איז דערגאַנגען ביז 90 פּראָצענט.

דער געזונט־מצב פון די מענטשן אין געטאָ איז געווען אַ שרעקלעכער. עס האָבן געבושעוועט עפּידעמיעס פון פלעקטיפוס און דיזענטעריע, וועלכע זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן צוליב דער ענגשאַפט און דעם הונגער. די קרבנות פון הונגערטויט זענען געשוואָלענע געלעגן אויף זייערע נעבעכדיקע געלעגערס און געגוססט. אום ווינטער זענען די דירות געבליבן נישט באַהייצט. אַ געביידע נעבן יידישן שפּיטאָל איז געוואָרן צוגעפּאַסט פאַר די אָנשטעקנדיקע קראַנקע. אָבער דאָס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן — ס׳איז נישט געווען קיין מעדיקאַמענטן, דערנערונג, באַהייצונג.

אין אויגוסט 1942, בעת דער ליקווידאַציע־אַקציע אין געטאָ, בין איך צוזאַמען מיט מיין פרוי אַנטלאָפן אין שפּיטאָל אַריין. ווען מיר האָבן נאָך אומגעהויערע שוועריקייטן דערשלאָגן זיך צום שפּיטאָל־בנין, האָבן מיר דערזען אַ שרעקלעך בילד: אויפן גראָז איז געלעגן דער יונגער שפּיטאָל־דאָקטאָר קאַלעצקי, און נעבן אים — זיין מוטער. בייביידן זענען די אָדערן אויף די הענט געווען איבערגעשניטן. די מוטער איז שוין געווען באַוווּסטלאָז. דאָס בלוט איז גערונען פון זייערע ווונדן און האָט איינגעזאַפּט אין דער ערד. איך האָב זיך דערנענטערט צו זיי. „גיב אַ פּאַפּיראָס״ — האָט ער געזאָגט. איך האָב אים אַריינגעשטעלט אַ פּאַפּיראָס אין מויל... צוזאַמען מיט דער פרוי האָבן מיר זיך דורכגעגליטשט אין קעלער אַריין. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר באַמערקט עפּעס אַ געשטאַלט ביים אַריינגאַנג צו אונדזער באַהעלטעניש. דאָס איז געווען ד״ר ראַפּאָפּאָרט. „וואָס קומט דאָ פאָר״ האָבן מיר אים געפרעגט דערשיטערטע. „די דאָקטוירים זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד — האָט ער געענטפערט — די געסטאַפּאָ־לייט האָבן צוגענומען עטלעכע דאָקטוירים און סאַניטאַרן און זיי אַוועקגעפירט אויף גורקע־פּאָלאַנקע. דאָרט האָבן זיי געזאָלט גראָבן גריבער. און ס׳איז דאָך זיכער, אַז דאָרט וועט מען זיי דערשיסן. דערפאַר האָבן מיר אַלע באַשלאָסן נישט צו וואַרטן ביז די תּליינים וועלן אונדז דערהרגענען. ד״ר ראָזענשטראָם האָט צום ערשט אָפּגעסמט זיין מוטער און דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעשפּריצט מאָרפיום. עס האָבן זיך אויך פאַרסמט ד״ר באַקשט, די געוועזענע דירעקטאָרין פון שפּיטאָל, די אַפּטייקערין מאַניע מאַידאַן. דער בוכהאַלטער פון שפּיטאָל האָט אָפּגעסמט זיין פרוי און זון און איצט גרייט ער דעם אַריינשפּריצער פאַר זיך גופא.״

אָט די שרעקלעכע רשימה האָט ד״ר ראַפּאָפּאָרט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „איך האָב מיין פרוי געמאַכט אַן איינשפּריצונג פון מאָרפיום. איצט גיי איך עס מאַכן זיך אַליין.״ ד״ר ראַפּאָפּאָרט האָט אָבער נישט באַוויזן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. אין אַ ווייל אַרום איז ד״ר ראָזענקראַנץ געקומען צו לויפן מיט אַ ידיעה, אַז עס זענען צוריקגעקומען די דאָקטוירים פון גורקע־פּאָלאָנקע און דערווייל דראָט זיי נישט דער טויט. מיר האָבן אָנגעהויבן ראַטעווען די זעלבסטמערדער. עטלעכע פון זיי האָבן נאָך געלעבט. — — —

דער שפּיטאָל איז געוואָרן אַרומגערינגלט מיט וואַכן און מען האָט קיינעמען נישט דערלויבט אַרויסצוגיין פון דאָרט. אין משך פון עטלעכע טעג האָבן מיר געזען ווי מען פירט מענטשן דורך דער בריק איבערן סטיר צו די פון פריער צו־

געגרייטער גריבער — צום אומקום. מען האָט זיי געפירט אויף לאַסט־אויטאָס, וועלכע זענען געווען אָנגעפּאַקט אין איבערגעפולט, אַרומגערינגלט פון אוקראַינישע פּאָליציי. געסטאַפּאָ־לייט זענען געקומען צו פאָרן צום יתומים־הויז, וועלכער האָט זיך געפונען נעבן שפּיטאָל, כדי אַוועקצופירן די קינדער צום טויט. אַ סך פונעם קליינוואַרג זענען אין דער מהומה אַרויסגעלאָפן אויפן הויף. זיי האָבן געכאַפּט דרענגלעך וואָס זענען זיי געקומען אונטער דער האַנט און אָנגעהויבן גראָבן גריבלעך — ווי זיי וואָלטן פאַרגעפילט וואָס זיי דערוואַרט.

נאָך דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ, האָט מען אויך אין שפּיטאָל אָנגעהויבן אַדורכפירן אַ סעלעקציע פון די דאָקטוירים און פון גאַנצן פּערסאָנאַל. מיין גורל האָט אויסגעזען צו זיין געחתמעט. געזונטערע און שטאַרקערע פון מיר האָט מען געשיקט צום טויט. וואָס זשע האָב איך, אַ מענטש וואָס גייט אויף קוליעס, געקאָנט דערוואַרטן?

געפינענדיק זיך אַ שטיקל צייט אומלעגאַל אויפן געביט פון שפּיטאָל, האָב איך געמוזט אָנשטרענגען אַלע כוחות פון געדאַנק און פון ווילן, כדי צו זיגן אין קאַמף פאַר מיין לעבן און פאַרן לעבן פון מיין טייערער פרוי. אַלע מיינע חושים זענען געוואָרן מאָביליזירט. מיין בליק און געהער זענען ווי פאַרפילפאַכט געוואָרן. די מוסקולן האָבן זיך אָנגעצויגן. איך האָב אויפגעכאַפּט דעם מינדסטן גערויש. מיינע פאַרשאַרפטע געפילן האָבן, ווי אַ סייסמאָגראַף, באַצייטנס אַלאַרמירט וועגן אָנקום פון די פאַרפאָלגער. איך האָב זיך אַריינבאַקומען אין באַהעלטענישן, וועלכע זענען בכלל נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר מיין קערפּער — ער האָט זיך ווי צוזאַמענגעשרומפּן. אין געטאָן האָב איך דאָס מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט. איך האָב געקעמפט, כסדר געקעמפט, מיט דעם איינציקן געדאַנק: נישט אונטערגעבן זיך!

די אויסגעהונגערטע און אויסגעמאַטערטע יידן, וואָס מען האָט געכאַפּט אין די קעלערס און אין די אונטערערדישע באַהעלטענישן, האָט מען, נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ, אַריינגעיאָגט אינעם אַזוי־גערופענעם „קליינעם געטאָ" הינטער דער גנידעווער בריק. אַ געוויסע צייט בין איך מיט מיין פרוי געווען דאָרט צוזאַמען מיט די רעשטלעך יידן, וועלכע זענען געבליבן נאָך דער פאַרניכטונג.

סוף סעפּטעמבער 1942 איז פאָרגעקומען די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פונעם שפּיטאָל. מען האָט צוגענומען דעם גאַנצן פּערסאָנאַל. ד"ר פּעמאָוו האָט זיך איינגעשפּריצט מאָרפין און געשטאָרבן. ד"ר ראָזענקראַנץ האָט מען דערקענט אויף דער אַרישער זייט און דערשאָסן.

צו יענער צייט בין איך שוין נישט געווען אין שפּיטאָל. איך האָב זיך געפונען אין „קליינעם געטאָ".

אין יענעם סעפּטעמבער פון יאָר 1942, אין אַ פאַרטאָג, האָבן מיר דערהערט דאָס טופּען פון מאַרשירנדיקע טריט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אַקציע". איך בין אַרויס אויפן הויף און גענומען זוכן אַ וועג צום אַנטלויפן. איך האָב אָבער דערזען אַן אוקראַינישן פּאָליציאַנט און כ'בין שנעל אַריינגעלאָפן צוריק אין שטיבל. אונדזער אומקום האָט שוין אויסגעזען צו זיין אומפאַרמיידלעך. אָבער דער געדאַנק האָט פיבערהאַפט געזוכט אַן אויסוועג אויף זיך צו ראַטעווען. דאָס הייזל איז שוין געווען אַרומגערינגלט — דאָס איז געווען דאָס הייזל פון די קירשאָנס, באַלד הינטער דער גנידעווער בריק, קעגנאיבער דעם שפּיטאָל. ווי אַזוי באַקומט מען זיך אַרויס פון דער פּאַסטקע?

לויפנדיק דורכן קאָרידאָר צו אונדזער צימער, האָב איך פּלוצעם באַמערקט אַ קליין טירל אין דער הויך, אונטערן סופיט. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז אָט דאָס טירל פירט מסתמא צום בוידעם. איך האָב אָנגעשפּאַרט די קוליעס אין דער קלאַמקע פון דער טיר, איבער וועלכער עס איז געווען דער אַריינגאַנג צום בוידעם. איך האָב זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט אין דער אויבערשטער ראַם פון דער טיר, און אַ שטופּ געטאָן דאָס קליינע טירל אין סופיט. איך בין אַריין אין בוידעם און גענומען רופן מיין פרוי.

אין דעם מאָמענט טאַקע האָבן די זשאַנדאַרן צוריקגעטריבן מיין פרוי פון הויף. זי האָט דערהערט מיין רופן. זי איז אַריינגעלאָפן אין קאָרידאָר און האָט מיך דערזען אין דער עפענונג פונעם בוידעם. זי האָט מיר שנעל דערלאַנגט די קוליעס, נאָך שנעלער האָב איך זי אַרויפגעצויגן אין דער הויך. און באַלד נאָך איר — די פרוי פון ד"ר מינינזאָן, דעם אינזשיניער־מלמד, די פרוי קירשאָן מיט איר טאָכטער לוסיע (ביידע געפינען זיך איצט אין ישראל). עפּעס אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט איז געלעגן אין מיינע הענט, בעת איך האָב דאָס אַלץ שנעל און פלינק אַדורכגעפירט.

די „אַקציע" האָט געדויערט. דורך די שפּאַרונעס אין דאַך האָבן מיר געזען די איבערגעפולטע לאַסט־אויטאָס, וועלכע זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון גורקע־פּאָלאַנקע.

אַכט טעג זענען מיר געווען אויף דעם בוידעם. מיר האָבן געליטן פון הונגער און נאָך מער — פון דורשט. דער הונגער האָט געמאַטערט בלויז אין די ערשטע עטלעכע טעג, אָבער דער דורשט האָט כסדר געפּייניקט. מיט אַ מעסערל, וואָס איך האָב געפונען אויפן בוידעם, האָב איך געמאַכט אַן עפענונג אינעם בלעכענעם דאַך, כדי אויפצוכאַפּן עטלעכע טראָפּנס ווען ס'וועט רעגענען. אָבער הגם ס'איז געווען האַרבסט, האָבן די הימלען אונדז אָפּגעזאָגט דעם פאַרגעניגן. דאָס איז געווען אַן אמתע מאַטערניש. אויפן אַכטן טאָג האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם בוידעם. איך און מיין פרוי האָבן באַשלאָסן אַוועקצוגיין צו מיינעם אַ געוועזענעם פּאַציענט, דעם אוקראַינער וולאָס גאַרבאַטש אויף קראַסנע. דער אוקראַינער האָט, צוליב דאַנקבאַרקייט פאַרן אָפּעראַטעווען אים פון אַ פוס־אַמפּוטוציע, אַמאָל מיר צוגעזאָגט, אַז אין פאַל פון אַ נויט וועט ער מיך ראַטעווען. עטלעכע קילאָמעטער האָט זיך געצויגן דער זייטיקער וועג צו גאַרבאַטשס וווינונג, און דער גאַנג אַהין איז געווען זייער אַ שווערער.

פאַרנאַכט בין איך מיט דער פרוי אַוועק אַהין. די קוליעס מיינע האָבן זיך געגליטשט איבערן זומפּיקן באָדן. אין געוויסע ערטער האָב איך געמוזט איבערגעבן דער פרוי די קוליעס און אַריבערקריכן אויפן בויך, ווייל די קוליעס זענען אַריינגעזונקען אין דער בלאָטע. מיר זענען אָנגעקומען אין דער כאַטע פון וולאָס גאַרבאַטש.

נאָך עטלעכע טעג האָט גאַרבאַטש דערקלערט, אַז בלויז מיך קאָן ער לאָזן ביי זיך. מיין פרוי האָט געמוזט מיך פאַרלאָזן. נאָך גרויסע שוועריקייטן און אַ סך געפאַרן האָט זיך איר איינגעגעבן אַריינצובאַקומען אין לאַגער אויף קראַסנע, וווּ מען האָט קאָנצענטרירט יידן — פאַכלייט, אַ קליין הייפל איבערגע־

בליבענע נאָך די אויסראָטונג־אַקציעס. פון אָנהייב איז מיין פרוי געווען דאָרט אומלעגאַל — יידן האָבן זי אויסבאַהאַלטן. שפּעטער איז זי געוואָרן לעגאַל און געאַרבעט אַלס שניידערין אין איינעם פון די לאַגער־וואַרשטאַטן.

פאַרן אויסבאַהאַלטן יידן האָט געדראָט ט״ט־שטראָף. דערפאַר האָב איך, נאָך אַ קורצער צייט, געמוזט פאַרלאָזן גאַרבאַטשס וווינונג. איך בין ווידער געבליבן הימלאָז. ס'איז געווען האַרבסט, און אין לייכטע מלבושים, כמעט אָן שיך, האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט. בייטאָג האָב איך זיך באַהאַלטן און ביינאַכט — זיך אַרומגעדרייט איבער די פעלדער. די קאַלטע נעכט האָב איך פאַרבראַכט אַ מאָל אין אַ סטויג היי און אַ מאָל אויפן פעלד. מיר איז אויסגעקומען צו נעכטיקן אין פאַרשידענע הייף — אין חזירים־שטאַלן, אין שייערס. לסוף האָב איך זיך דערשלאָגן צו גליקליכס צעגעלניע און דאָרט זיך באַהאַלטן אין פאַרשידענע פלעצער. איינמאָל האָט מיך דאָרט דערזען אַ פּאָליאַק, וואָס האָט געוווינט אין יענער געגנט, און אַ געוויסע צייט מיך באַזאָרגט מיט שפּייז. אַזוי זענען אַדורך די קאַלטע טעג און נעכט.

ענדלעך איז מיר געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אויף אַן אָפענעם בוידעם נעבן אויוון פון דער צעגעלניע. אָבער נישט לאַנג איז מיר אויסגעקומען דאָרט אָנצוואַרעמען זיך. מיין איינציקער פריינד דאָרט איז געווען אַ קליין מייזל, וואָס פלעגט קומען יעדן אינדערפרי און נישט אַנטלויפן. אין איינעם אַ טאָג זענען געקומען די דייטשן אויף אַ רעוויזיע. מיט אַ בליצשנעלקייט האָב איך זיך אַרונטערגעגליטשט אונטערן קוימען, וואָס איז געלעגן אויפן בוידעם. איך האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם. איך האָב געהערט פאַרבייגיין די שטיוול פון די געסטאַפּאָ־לייט און דערנאָך בין איך אַרויס פון באַהעלטעניש.

פאַרנאַכט האָב איך באַשלאָסן אַריבערצוגיין די יאַגעלאָנסקע גאַס. איך בין געגאַנגען אַ באַוואַקסענער, אַן אָפּגעריסענער און אַן איינגעהויקערטער. אויפן ראָג טשעטשעגאָ מאַיאַ און יאַגעלאָנסקע איז צו מיר צוגעקומען עפּעס אַ פרוי און געזאָגט: „דאָקטאָר, גייט אין דער ריכטונג פון דער לאָנקע.״ איך האָב געפאָלגט. טאַקע דורך דער לאָנקע בין איך דערגאַנגען צום לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אין פּינטשוקס געביידעס. דאָ האָט ווידער געלויערט אויף מיר אַ געפאַר: אַן אוקראַיִנישער וועכטער האָט מיך געוואָלט איבערגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ.

אין דעם לאַגער האָט געאַרבעט מיין ברודער. צוזאַמען מיט אַנדערע האָט ער געפועלט, אַז מען זאָל מיך אַריינגעמען אין לאַגער אַלס באַרשטן־אַרבעטער. דער געוועזענער באַרשטן־פאַבריקאַנט מילמאַן האָט מיך אויסגעלערנט די מלאכה.

די דייטשן האָבן נישט געוווּסט, אַז כ'בין אַ קאַליקע. ווען אַ דייטש פלעגט קומען אויף אַן אינספּעקציע, זענען די קוליעס געלעגן באַהאַלטן אונטערן טיש. מען האָט אַרויסגעזען בלויז דעם אויבערשטן טייל פון מיין קערפּער און די הענט, וועלכע האָבן בעת זיין אָנוועזנהייט פלינק אויסגעפירט די אַרבעט. אויף די אַפּעלן האָבן די חברים מיך פאַרשטעלט פון ביידע זייטן.

די ליקווידאַציע פון לאַגער איז פאָרגעקומען דעם 12־טן דעצעמבער 1942. אַ געוויסע צייט פריער האָבן מיר געפילט, אַז עפּעס גרייט זיך און יעדער איינער האָט גענומען טראַכטן וועגן אַ באַהעלטעניש.

וועגן מיין מצב האָט זיך דערוווּסט מיינע אַ געוועזענע פּאַציענטקע און אַ שכנטע. זי איז געווען אַ בלינדע, פון טשעכישער אָפּשטאַמונג. איר נאָמען איז געווען מאַריאַ וואָלאָווניק. זי האָט מיר געוואָלט אָפּדאַנקען דערפאַר, וואָס איך האָב זי אַמאָל אומזיסט געהיילט, און באַשלאָסן מיך צו ראַטעווען. אַ בלינדע, געפירט דורך דער 6־יעריקער טערעזקע (אַ טאָכטער פון אַ פאָלקס־דייטשקע און אַ פּאָליאַק), איז זי געקומען אין לאַגער און מיר געזאָגט, אַז זי האָט אין קעלער פון איר וווינונג געמאַכט פאַר מיר אַ באַהעלטעניש אין אויוון.

אַכצן טעג פאַר דער ליקווידאַציע פון לאַגער, אין אַ ווינטער־טאָג מיטאָג־צייט, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם בערגל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אייז. ערטערווייז האָב איך געמוזט קריכן. פאַר דער קרולאָווע יאַדוויגע־גאַס, נישט ווייט פון דער בריק, איז געווען אַן אייז־בערגל. עטלעכע מנישקעס, וועלכע זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן מיך אונטערגעשטופּט און געהאָלפן מיר אַרויפקריכן אויפן בערגל. עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. דורך געדרייטע געסלעך האָב איך זיך דערשלאָגן צו דער דאָמיניקאַנסקע־גאַס, אין קעלער פון מאַריאַ וואָלאָווניק, נעבן קלימבורדס הויז. מיין פרוי און די שוועגערין — יצחקס פרוי — זענען געקומען דעם זעלבן אָוונט.

אין אָט דער נייער „דירה״ אונדזערער, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט אין משך פון פופצן חדשים, זענען אַרויסגעשווומען נייע פּראָבלעמען. קודם כל האָבן מיר געמוזט אַזוי דערציען די קליינע טערעזקע, אַז ווייסנדיק וועגן אונדזער יידישקייט, זאָל זי קיינעם נישט דערציילן, און אויך, אַז זי זאָל זיין פאָרזיכטיק ביים עפענען די טיר. די פרוי וואָלאָווניק, וועלכע איז געווען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, אַבסאָלוט בלינד, האָט דאָס געטאָן זייער געשיקט, אַז קיינער זאָל אונדז נישט כאַפּן אומגעריכט. דאָס אויסלערנען טערעזקען ווי אַזוי זיך צו פירן, האָט פאַרלאַנגט אַ סך אָנשטרענגונג און געדולד, און איך האָב עס אויף זיך גענומען.

פאַר מיר איז געשטאַנען איין ציל: אַז מיר זאָלן איבערלעבן. איך האָב געציטערט פאַר אַלע. פאַר פרוי וואָלאָווניק — אַז עס זאָל איר גאָרנישט געשען, ווען טערעזקע פירט זי אַרויס; פאַר טערעזקע, וועלכע פלעגט פון צייט צו צייט מוזן גיין צו די עלטערן — אַז זי זאָל זיך דאָרט נישט מיט עפּעס אַרויסכאַפּן. צו דעם אַלעמען האָט מען געמוזט האָבן שטאָלענע נערוון. און איך האָב זיי געהאַט — ווייל כ'האָב זיי געמוזט האָבן.

אין קעלער ביי דער פרוי וואָלאָווניק, אין אויוון אונטערן דעכל איז געווען אַ לאָך. דאָרט האָב איך אַ צונויפגעקורטשעטער און צונויפגעדרייטער איבערגעלעבט 15 חדשים, וועלכע האָבן אויסגעזען אומענדלעך לאַנג. אָבער אָט די כלומרשטע רויקע טעג זענען אויך געוואָרן געשטערט דורך שווערע אויפטרייסלונגען.

אַזוי, למשל, זענען איינמאָל אין אָוונט געקומען טערעזקעס עלטערן און געבליבן נעכטיקן. מיר, יעדער אין זיין באַהעלטעניש — די פרוי, די שוועגערין און דער ברודער אין גרויסן אוקראַיִנישן אויוון אין דער הייך, און איך אין מיין באַהעלטעניש אין קעלער — האָבן געמוזט במשך פון כמעט אַ מעת־לעת ווי אָפּשטאַרבן. דאָס הייסט, אַז מיר האָבן נישט געטאָרט הויך אָטעמען און באַגיין זיך אָן טרינקען און עסן. גראָד האָבן זיך באַוויזן מייז אין מיין אויוון און איך האָב זיי געמוזט דערשטיקן

מיט די הענט. דערביי האָב איך נישט געטאָרט אַרויסגעבן קיין לעבעדיקן קלאַנג.

אַן אַנדער מאָל איז אַריינגעקומען אַ שיכּורלעכער פּאָליציאַנט און גענומען זוכן יידן ביי פּרוי וואָלאָוניק. דאָס זענען געווען איבערלעבונגען, וועלכע האָבן פּאַראַליזירט יעדע פיזיאָלאָגישע טעטיקייט פון אַ לעבעדיקן וועזן. מיר זענען פּשוט אָפּגעשטאָרבן אויף דעם מאָמענט.

אַ צווייט פּראָבלעם איז געווען מיט באַשפּייזונג. אָבער אויך דערמיט זענען מיר שנעל געקומען צו אַ גלייכגעוויכט. דהיינו — מיר האָבן פּשוט זיך אָפּגעוויינט פון עסן.

אין פעברואַר 1944 זענען מיר געוואָרן באַפרייט דורך די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען. צוליב דער פאַרשטייפונג פון די געלענקען האָט מען מיך גלייך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. ליידער האָבן צו דער באַפרייונג נישט דערלעבט, נישט מיין פאָטער משה פּינוס, און נישט מיינע ברידער אליהו, מאיר און אויך דער יינגסטער סאַלאָמאָן — אַ באַקאַנטער פוטבאָליסט פון פאַר דער מלחמה, אָנטיילגענומען אין ספּאָרט־אָלימפּיאַדעס. זיי אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע רוצחים. סאַלאָמאָן איז אומגעקומען אין לעמבערג, וווהין ער איז אַנטלאָפן פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט אַלס סאָוויעטישער סאָלדאַט.

נישט לאַנג האָב איך געקאָנט בלייבן אין שפּיטאָל. אין זעלבן חודש פעברואַר 1944 האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל בעת אַ קעגנאָנגריף פון היטלעריסטישן מיליטער. צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע אָפּגעראַטעוועטע יידן זענען מיר אַוועק קיין ראָוונע. נישט לייכט איז אונדז אָנגעקומען אָט דאָס לעצטע מאָל צו אַנטלויפן פון די דייטשן. אונטער קוילן־האָגל פון די דייטשע אַעראָפּלאַנען און אין שרעק פאַר די בושעווענדיקע באַנדעראָווצעס זענען מיר אָנגעקומען קיין ראָוונע.

אסתר בוידמאַן־עטינגער / וואַרשע

פון געטאָ ביז דער פּאַרטיזאַנקע

די דייטשן אין די ערשטע טעג

אַ הילך פון נאָענט־אויפרייסנדיקע באָמבעס האָט מיך אַרויסגעריסן פון שלאָף. דאָס איז געווען באַגינען דעם 22־טן יוני 1941. כ׳בין אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען: אפשר איבונגען?... אָבער ניין. איינע נאָך דער אַנדערער זענען געפאַלן באָמבעס אַרום, טראָגנדיק מיט זיך טויט און צעשטערונג, צינדנדיק שרפות. הייסט עס — מלחמה. מאָגטיק האָב איך זיך ווי עס איז דערשלאָגן דורך דער בריק צו דער אַרבעט, אויסנוצנדיק אַ קורצן איבעררייס אין דער באָמבאַרדירונג. די גאַנצע נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך האָבן מיר געפּאַקט ווערטזאַכן (כ׳האָב געאַרבעט אין אַ באַנק). ידיעות האָבן זיך באַקומען וואָס שפּעטער אַלץ ערגערע. די דייטשן האָבן זיך געפונען הינטער דער שטאָט. מיר האָבן געקריגן אַ באַפעל צו עוואַקוירן זיך תּיכּף קיין ראָוונע. מיר זענען שוין אָבער אַהין נישט דערפאָרן. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ דייטשישן דעסאַנט, וועלכער האָט זיך פון דער ריכטונג פון ראָוונע געלאָזט צו פאַראייניקן זיך מיט דער רעגולערער אַרמיי, וועלכע געפינט זיך שוין אין לויצק. אַרומגערינגלטע פון אַלע זייטן זענען מיר זיך אַלע צעלאָפן, יעדער צו זיך אַהיים.

אסתר בוידמאַן־עטינגער

די ערשטע וואָך פון דער דייטשער הערשאַפט אין לויצק קאָן מען דרייסט אָנרופן — די בלוטיקע וואָך. שוין מיט אַ טאָג פריער האָבן זיך איבער דער גאַנצער שטאָט באַוויזן אַפּישן, וועלכע רופן די גאַנצע דערוואַקסענע יידישע באַפעלקערונג צו שטעלן זיך צו דער אַרבעט, מיט גראָבאייזנס און קילאָפן, אויף ליובאַרטס הויף. יענע, וועלכע וועלן זיך צו דער אַרבעט נישט שטעלן, דראָט אַ האַרבע שטראָף. פונדעסטוועגן האָבן איך און מיינע עלטערן נישט געפאָלגט און אָפּגעוואַרט, וואָס וועט ווייטער זיין. אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען געקאָנט זען אויף די פּוסט געוואָרענע יידישע גאַסן איינצלנע סילועטן מיט איבערגעשראָקענע פּנימער, לויפנדיקע אין דער ריכטונג צו זייערע היימען. דאָס זענען געווען געציילטע זקנים, אָדער מענטשן, וואָס האָבן צופעליק געהאַט ביי זיך פאַך־שיינען. בלויז זיי זענען פרייגעלאָזט געוואָרן פון ליובאַרטס הויף. די איבעררוויגנדיקע מערהייט מענטשן איז שוין קיינמאָל פון דאָרט נישט אַרויסגעגאַנגען. אַלע זענען צעשאָסן געוואָרן.

די אוקראַינער

שוין אין די ערשטע שעהן נאָכן אַריינקום פון די דייטשן האָבן זיך אויף די גאַסן אַרויסגעשיט כמעט אַלע אוקראַינער, לויצקער איינוווינער (זענען געווען אַ היפּשער פּראָצענט פון דער שטאָט־באַפעלקערונג), מאַניפעסטירנדיק זייער פרייד צוליב די דייטשע נצחונות און רופנדיק צו שלאָגן יידן. שוין פון ערשטן מאָמענט אָן זענען זיי געוואָרן די שרעק פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין דער סאַמע ערגסטער לאַגע האָבן זיך

געפֿונען מיר — די יידישע יוגנט. אונדזערע נעכטיקע בני־גיל פֿון איין שולבאַנק, פֿון איין גאַס, נישט איין מאָל פֿון איין הויז, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אונדזערע פֿאַרביסנסטע שונאים. ס'איז נישט געווען דער טאָג, אַז באַנדעס אוקראַאינישע אונטערוואַקסנדיקע יונגען זאָלן נישט אַריינפֿאַלן אין אונדזערע הייזער און אונדז אַרויסטרייבן אין דרויסן. מ'האָט געשלאָגן און זיך איזדיעקעוועט איבער זקנים און קינדער. מיר האָבן געמוזט כסדר זיך אויסבאַהאַלטן.

אין איינעם אַ טאָג באַגינען האָט די באַנדע יוגנטלעכע אוקראַאינער, באַוואָפֿנט מיט רעוואָלווערן און שטעקנס, מיט מיין גוטן באַקאַנטן פֿון פֿאַר דער מלחמה דראָביטקאַן בראש (האָט געוווינט אויף שעווטשענקאָ־גאַס), אָפּגעשלאָסן פֿון ביידע זייטן די אולאַנסקע־גאַס, אַוועקשטעלנדיק אויף ביידע זייטן מיט שטעקנס באַוואָפֿנטע ייִנגלעך. דערנאָך זענען זיי מיט אַ גרויליקן ליאַרעם „אַ טויט די יידן!‟ אַריין אין אַ הויז נאָך אַ הויז, האָבן אַרויסגעטריבן די גאַנצע יידישע יוגנט אויף דער גאַס, ווו זיי האָבן אַלעמען געצוווּנגען זיך אַנידערצולייגן אין דער ריזיקער באַיורע, וואָס ציט זיך איבער דער ברייט פֿון דער גאַנצער נישט־ברוקירטער גאַס, אין דער באַגלייטונג פֿון די ערגסטע זידלערייען און שלאָגן מיט די קאָלבעס. די בחורים האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפֿן. זענען געפֿאַלן שאָסן. מיט ברעטער, אייליק אַרויסגעריסענע פֿון די פּלויטן אין מיטן לויפֿן, האָבן אונדזערע בחורים גענומען אָפּענטפֿערן אויף די קלעפּ פֿון די צעיושעטע אוקראַאינער. איינער פֿון די אַנטלויפֿנדיקע איז געווען מיין גוטער קאָלעגע און פֿריינד — שמעיה גאָלדבערג. מיט אַ היפּשן שטעקן אין האַנט האָט ער אין אַ געוויסן מאָמענט גערופֿן די בחורים און מיידלעך, וואָס ליגן פּאַסיווע אין דער באַיורע, זיך אַרויסצורייסן פֿון דער אַרומרינגלונג. דערלאַנגענדיק קלעפּ אויף רעכטס און לינקס די אין דער ערשטער רגע מבולבלע באַנדיטן, האָט זיך אַ גרופּקעלע יוגנטלעכע מיט שמעיהן בראש אַרויסגעריסן אויף דער קאָשטשושקע־גאַס און זיך צעלאָפֿן אויף אַלע זייטן. אָבער די באַנדיטן זענען שנעל צו זיך געקומען און האָבן אָנגעהויבן נאָכיאָגן די אַנטלויפֿנדיקע.

איך האָב דעמאָלט געוווינט צוזאַמען מיט די עלטערן אויף קאָשטשושקאָ־גאַס נומער 66. דערהערנדיק די געשרייען פֿון די אוקראַאינער און די שאָסן פֿון דער נאָענטער אולאַנסקע־גאַס, האָב איך זיך באַהאַלטן אויפֿן בוידעם. דורך אַ שמאָלער שפּאַרונע האָב איך אָבסערווירט מיין גאַס. מיטאַמאָל האָב איך דערזען אַ סילועט פֿון אַ בחור, וועלכער אַנטלויפֿט אין דער ריכטונג פֿון אונדזער הויז. אין אַ געוויסן מאָמענט זענען פֿון אַ ווינקל אַרויסגעשפּרונגען צו אים עטלעכע באַנדיטן, האָבן אים פֿאַרדרייט די הענט און גענומען שלאָגן מיט די קאָלבעס. ס'איז געוואָרן אַ צונויפֿלויף. אַלץ מער באַנדיטן האָבן אַרומגערינגלט שמעיהן. ס'זענען צוגעקומען צוויי דייטשן, און איך האָב מיט גרויסן אומרו אָפּגעוואַרט אין מיין באַהעלטעניש, וואָס וועט זיין ווייטער. נישט לאַנג איז מיר, צום באַדויערן, אויסגעקומען צו וואַרטן אויפֿן ווייטערדיקן לויף פֿון די געשעענישן. פֿאַר מיין הויז איז געשטאַנען די געביידע פֿון דער אַלטער וואַסער־פּאָמפּע. אין דער געביידע האָבן זיך געפֿונען די מאַשינען וואָס שטויסן דאָס וואַסער. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך באַמערקט, אַז די תלינים שלעפּן שמעיהן, פֿון וועלכן ס'רינט דאָס בלוט, אין דער ריכטונג פֿון דער וואַסער־פּאָמפּע. שמעיה האָט זיך מיט די לעצטע כוחות געוואָלט אַרויסרייסן פֿון די תלינים, אָבער אומזיסט. זיי האָבן אים אַהין אַריינגעשטופּט. ס'האָט זיך דערהערט אַ גרויליקער געשריי. דאָס האָבן די ציין־רעדער פֿון דער מאַשין צעמורשט שמעיהן. אָט אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיך די נעכטיקע חברים אָפּגערעכנט מיט שמעיהן בלויז דערפֿאַר וואָס ער איז געווען אַ ייד. די דאָזיקע פּאַסירונג האָט מיך איינגאַנצן צעבראָכן. אין משך פֿון עטלעכע טעג נאָך דעם האָבן מיר בכלל מורא געהאַט אַרויסצוגיין פֿון די הייזער.

כאַפּונגען, צעשיסונגען און געטאָס

דאָס איז געשען אין איינעם פֿון די לעצטע טעג אין חודש יוני 1941. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס כאַפּן יידן, וועלכע מ'האָט געצוווּנגען אויסצופֿירן די ערגסטע און שווערסטע אַרבעטן אין שטאָט, אין די דייטשע קאַזאַרמעס. דאָס שלאָגן יידן אין די גאַסן איז געוואָרן אַ טאָגטעגלעכע דערשיינונג. ס'האָבן געשלאָגן די דייטשן, ס'האָבן געשלאָגן די אוקראַאינער, צוטראַכטנדיק אַלץ נייערע שיקאַנעס. מ'האָט געשלאָגן, ווען מען האָט באַגעגנט אַ יידן אויפֿן טראָטואַר, ווען מען האָט זיך נישט געבוקט ביז אין דער העלפֿט פֿאַר אַ פֿאַרבייגייענדיקן אוקראַאינער אָדער דייטש, ווען דאָס אָרעמבענדל מיטן מגן־דוד האָט נישט געהאַט די געהעריקע מאָס. די כאַפּונגען זענען געוואָרן אַלץ אָפֿטערע. די געכאַפּטע יידן האָט מען אַריינגעפּאַקט אין אויטאָס און אַוועקגעפֿירט הינטער דער שטאָט און דאָרט צעשאָסן. מיט די כאַפּונגען האָבן זיך צום אַקטיווסטן אָפּגעגעבן די אוקראַאינער, וועלכע זענען צוליב זייער אויסגעצייכנט קענען די געגנט געוואָרן דער גרויל פֿון דער לוצקער יידישער באַפֿעלקערונג.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט געדויערט ביזן פֿריען האַרבסט. אין איינעם פֿון די־אָ טעג באַגינען האָבן אונדז אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף ריטשענדיקע געשרייען פֿון דייטשן און אוקראַאינער: „ראַוס!‟ און אַ קלאַפּן מיט קאָלבעס אין טירן־פֿענצטער. אין גרעסטן פּחד האָבן מיר באַוויזן זיך אָנצוטאָן. מ'האָט אונדז געגעבן עטלעכע מינוט אויף מיטצונעמען מיט זיך אַזויפֿיל חפֿצים, וויפֿל יעדער פֿון אונדז איז אימשטאַנד צו טראָגן, און מ'האָט אַלע יידן פֿון אונדזער קוואַרטאַל „קראַסנע‟ געטריבן אויף לוואָווסקע־גאַס. ס'איז שווער צו באַשרייבן די אַנטשטאַנענע פּאַניק און בהלה. דער יאָמער פֿון די אַרויסגעטריבענע האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן קוואַרטאַל. אין אומבאַהאָלפֿענער פֿאַרצווייפֿלונג האָב איך גענומען פֿאַרטיליקן די סאַמע ווערטפֿולסטע זאַכן אין שטוב. דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבן נאָר טיילווייז, ווייל די תלינים האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטוב און אונדז אַרויסגעטריבן.

האָבן מיר זיך אַזויאַרום געפֿונען אין אַ געטאָ אויף דער לוואָווסקע־גאַס, צונויפֿגעשטיקט צו צוואַנציק, דרייסיק פֿאַרשוין אין אַ צימער (פֿריער איז די גאַס באַוווינט געווען פֿון דער יידישער אָרעמקייט).

דער זעלבער גורל וואָס אויף אונדזער קוואַרטאַל, איז אויסגעפֿאַלן אויף אַלע לוצקער קוואַרטאַלן. דעם זעלבן טאָג האָט מען די יידן פֿון די אַנדערע קוואַרטאַלן אַריינגעטריבן אין אַ געטאָ הינטער דער באַזיליאַנער־בריק. אויף אַזאַ אופֿן

זענען אַנטשטאַנען גלייכצייטיק צוויי געטאָס, וועלכע ס׳האָבן פאַרבונדן די ליים־פּלעצער פון דער ציגעלניע.

דער יודענראַט, וועלכן די דײַטשן האָבן געשאַפן אַלס דעם פאָרשטייער פון די לויצקער ייִדן, וואָס זיין ציל איז צו שיצן די ייִדישע אינטערעסן, איז געווען אַ געמיש פון פאַרשידענע עלעמענטן, וואָס זיין איבערוועגנדיקער טייל האָט קיין שום געמיינזאַמס מיט לויצק נישט געהאַט. קלמן פרישבערג, ווי אַ מיטגליד פון יודענראַט, האָט נישט קיין סך געהאַט צו זאָגן. דערפאַר אָבער האָבן סאַשאַ פּינטשוק צוזאַמען מיט אַ גאַנצער כאָפּטע פּליטים (מענטשן פון צענטראַל־פּוילן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון פּוילן און האָבן זיך צופעליק געפונען אין לויצק; צווישן אַנדערע — נאָטאַן, דער שעף פון דער ייִדישער פּאָליציי) געהאַנדלט, עפנטלעך צי באַהאַלטן, אויסשליסלעך אין זייערע אייגענע אינטערעסן. די ייִדישע פּאָליציאַנטן, וועלכע ווערבירטע מיינסטנטייל פון דעם פּסולת פון דער געזעלשאַפט, האָבן זיך קעגנזייטיק איבערגעיאָגט אין פּייניקן די באַפעלקערונג.

אונדזער סיטואַציע איז געוואָרן אַ פאַרצווייפלטע. די דײַטשן האָבן געפאָדערט וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע קאָנטריבוציעס (גאָלד, זילבער, מאַנופאַקטור, פּעל א.א.וו.). נאָכן אַדורכפליגן איינע פון די קאָנטריבוציעס לויט דער ריי, אין וועלכער זיי האָבן געפאָדערט אַ ריזיקע סומע בארעס געלט און פּוטערוואַרג, האָבן די דײַטשן גענומען ערובניקעס, דראָעגדיק, אַז אויב דאָס געטאָ וועט נישט אויספילן דעם באַפעל, וועלען זיי דערמאָרדעט ווערן. אַזוי איז אויך געשען.

פון צוויי געטאָס — איינער

אין שפּעטן האַרבסט 1941 איז אין אַ געוויסן פרימאָרגן דאָס געטאָ אויף לוואָווסקע־גאַס אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דײַטשן און אוקראַינער. מ׳האָט אונדז אַרויסגעיאָגט, אָט אַזוי ווי מיר גייען און שטייען, אויף דער גאַס און געטריבן אין דער ריכטונג פון דער ציגעלניע. ס׳איז געווען זייער קאַלט. ס׳האָט געגאָסן אַ פלייצרעגן. דאָס ליים און די בלאָטע האָבן דערגרייכט ביז די קני, און די תלינים האָבן געיאָגט, נישט לאָזנדיק איבערכאַפּן דעם אָטעם. ווער ס׳האָט זיך געשטרויכלט, איז מאָמענטאַל אומגעקומען פונעם שונאס אַ קויל. ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער הרעבליע, האָבן די אוקראַינער אַריינגעשטופּט מענטשן לאַוועסווייז אין סטיר. אינמיטן שיסערייען, אָנגערייצטע הינט און ווילדן געוואַי פון די באַנדיטן זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען צו דער גנידאַוו־בריק, הינטער וועלכער ס׳האָט זיך געפונען דאָס צווייטע געטאָ. בעת דעם דאָזיקן גאַנג זענען אין די בלאָטעס פון דער ציגעלניע פאַרבליבן כמעט אַלע זקנים פון אונדזער קוואַרטאַל. מיר זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין איין געטאָ, וועלכער גרענעצט פון איין זייט מיטן סטיר און פון דער צווייטער מיט די מויערן פון אַלטשטאָט. דער אַריינגאַנג אין געטאָ איז געווען די באַזיליאַנער־בריק. איבער איר גאַנצער ברייט האָט זיך געצויגן אַן אויפשריפט, געמאַכט דורך די דײַטשן: „אַכטונג — פלעקטיפוס!”.

אין געטאָ האָבן דער הונגער און די קעלט אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישן די מענטשן. פון וואָך צו וואָך זענען אַלץ קלענער געוואָרן די שפּייז־פּאָרציעס. אַרויסגעטריבן אויף די שווערסטע אַרבעטן, געשלאָגן און געפּייניקט בעת דער אַרבעט, זענען מענטשן וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער געוואָרן. פון ערשטן מאָמענט אָן געלאָזן אויף אייגענעם באַראָט, פולשטענדיק אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, זענען מענטשן מאַסנווייז אויסגעשטאָרבן. די מיינסטנס קרבנות זענען געווען צווישן עלטערע מענטשן און קינדער.

גייענדיק צוריק פון דער אַרבעט, פלעגט מען דורכגיין אויף דער בריק אַ שטרענגע קאָנטראָל. ווען מ׳האָט ביי עמעצן געפונען אַ ביסל שפּייז, האָט מען אים אין בעסטן פאַל באַפוילן אַריינצוואַרפן עס מיט די אייגענע הענט אין וואַסער. דערביי האָט מען אומברחמנותדיק געשלאָגן. אַלץ מער מתים האָט מען טאָגטעגלעך געקאָנט זען אויף די גאַסן אין געטאָ. דער הונגער האָט אַוועקגענומען די כוחות, דעם חשק צו ווידערשטאַנד אַפילו ביי די סאַמע שטאַרקסטע. ברויט איז געוואָרן אַ נאַשעריי פאַר געציילטע. פאַר בוראַקעס, קאַרטאָפל־שאָלעכץ פלעגט מען זיך שלאָגן.

ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין געטאָ ידיעות פון אַנדערע וואָלינער שטעט וועגן שרעקלעכע רציחות, וואָס ווערן אויסגעפירט דורך די דײַטשן אויף דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג.

די היטלעריסטן, וועלנדיק דערפירן די לויצקער ייִדישע באַפעלקערונג צו פולשטענדיקער אויסצערונג און מאָראַלישן צוזאַמענברוך, כדי שפּעטער מיט איר לייכטער צו פאַרענדיקן, האָבן אָנגעווענדט זייער באַקאַנטע סטראַטעגיע, וואָס איז באַשטאַנען אין אַריינפירן אין אַ טעות דעם יודענראַט, ער זאָל נישט גלייבן די ידיעות, אַז די אַכצן טויזנט איבערגעבליבענע ייִדן דראָט אַ טויט־געפאַר. די דאָזיקע קלאַנגען האָבן ענדגילטיק דעמאָביליזירט אַפילו די ווייניקע, וואָס האָבן געטראַכט וועגן ווידערשטאַנד. דערצו נאָך איז אין די לויצקער באַדינגונגען, ביי פולשטענדיקער אוממעגלעכקייט איינצושאַפן זיך געווער, דאָס אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד געווען אויסערגעוויינלעך באַשווערט.

אַרויסגעריסן זיך פון געטאָ

אָנהייב אויגוסט 1942 האָט זיך אין געטאָ אומגעקערט אַ בחורל מיט אַ ידיעה, אַז אין לאַוואָוו און קאָשטשושקאָ אַרבעטן לויצקער ייִדן (דאָס איז געווען איינע פון די פיל גרופּעס, וואָס די דײַטשן האָבן אַרויסגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג; די איבעריקע גרופּעס, דער עיקר פון מאַנסלייט, זענען ליקווידירט געוואָרן).

כ׳האָב זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער דאָזיקער ידיעה, האַלטנדיק, אַז פאַר יעדן פּרייז דאַרף מען זיך אַרויסרייסן פון געטאָ. איבערגעטוענע האָבן מיר זיך, איך און עטלעכע מיינע נאָענטסטע, אַרויסגעגנבעט פאַרטאָג פון געטאָ, יעדע ווײַלע דערוואַרטנדיק אַ קויל פון אַ שוצמאַן. דאָס וויכטיקסטע איז דעמאָלט געווען פאַר אונדז — נישט בלייבן פּאַסיוו! אומקומען, אָבער בעתן אַנטלויפן. ס׳האָט זיך אונדז איינגעגעבן. אויפן צווייטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין לאַוואָוו (אַ 20 קילאָמעטער פון לויצק).

דאָס איז געווען אַ גרויסער מאַיאָנטעק, וועלכער נעמט

אַרום אַ ריי דערפער. ס׳האָט אין אים געבאַלעבאַטעוועט אומבאַגרענעצט לייטנאַנט באַסנער — אַ יונגער עסעסמאַן, אַ דעגענעראַט, פאַר וועלכן איזדיעקעווען זיך איבער מענטשן איז געווען אַ מחיהדיקע פאַרווייַלונג. אַ שיכורער פון אינדערפרי אָן, האָט ער נישט באַמערקט, אַז די צאָל פון זייַנע שקלאַפן האָט זיך פאַרגרעסערט מיט אונדז, און אויף אַזאַ אופן זענען מיר שוין פאַרבליבן דאָרט אויפן פּאָלוואַרק. מיר זענען געווען אַ דרייסיק יידן, געטריבן צו דער אַרבעט שוין באַגינען. דאָס גערעטעניש איז דאָס יאָר געווען אַ פּרעכטיקס. ס׳האָבן אויסגעפעלט הענט צו דער אַרבעט. אַזש ביזן אָוונט פלעגן מיר האָרעווען אויפן פעלד פאַר אַ שטיקל ברויט און אַ גלעזעלע אייל (נישט אַלע טאָג), נאָך וועלכן ס׳פלעגט זיך שרעקלעך גלוסטן טרינקען.

ווען מיר האָבן איינמאָל איינגעבעטן דעם אַדמיניסטראַטאָר, אַ פּאָליאַק, ער זאָל אונדז דערלויבן ברענגען אַן עמער וואַסער אויפן פעלד, האָט זיך געיאַוועט באַסנער אויפן פעלד און באַפוילן אויסגיסן דאָס וואַסער פאַר אונדז אין די אויגן.

מיר פלעגן נעכטיקן אין אַ האַלב חרובער שאָפע. אין איינער פון באַסנערס פאַרגעניגנס געווען אַרייַנצושיסן פון פאַרווילונגס וועגן אין אירע פענצטער־לעכער.

ווען מיר זענען ווי דערהרגעטע פון דער גאַנצטאָגיקער האָרעוואַניע איינגעשלאָפן זענען אונדז עטלעכע מאָל באַפאַלן די אוקראַינער און האָבן פון אונדז אַראָפּגעצויגן אונדזער אָנטועכץ.

די דאָרפישע באַפעלקערונג האָט אונדז באַהאַנדלט אין אַלגעמיין פיינטלעך. כל־זמן ווער פון אונדז האָט נאָך געהאַט וועלכע ס׳איז ווערטפולע קלייניקייטן, וועלכע מיר פלעגן אַוועקגעבן פאַר ברויט, פלעגט מען אונדז ביינאַכט אַרייַנלאָזן בגנבה אין די שטיבער. ווען דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט, פלעגט מען פּשוט אָנרייצן אויף אונדז די הינט.

דער געדאַנק, אַז איך האָב איבערגעלאָזן מיין גאַנצע פאַמיליע אין געטאָ, האָט מיר קיין רו נישט געגעבן. דעם 19־טן אויגוסט האָט זיך מיר איינגעגעבן איבערצורידן דעם שאָפער פון אַ לאַסטאויטאָ, וועלכער האָט געפירט תבואה קיין לויצק, ער זאָל מיך מיטנעמען. כ׳האָב באַשלאָסן אַרויסצורייסן פאַר יעדן פּרייז די נאָענטסטע פון געטאָ. דער צופאַל האָט געפירט, אַז דער לאַסטאויטאָ איז פאַרבייגעפאָרן דעם געטאָ, ווו איך בין געבליבן. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ שרעקלעך בילד. דאָס געטאָ האָט אויסגעזען ווי געשטאָרבן. אין די גאַסן האָט מען קיינעם נישט געזען. ווען כ׳בין אַרייַנגעקומען אין שטוב, ווו ס׳האָבן געוווינט מיינע עלטערן, האָב איך פון געריירטקייט נישט געקאָנט רעדן.

מיינע בקשות און געוויין, זיי זאָלן איינשטעלן צו אַנטלויפן מיט מיר קיין לאַוואָוו, האָבן ליידער נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. אויסגעצערטע פון הונגער און קראַנקע, האָבן זיי פאַרלאַנגט איך זאָל תיכף־ומיד פאַרלאָזן די שטוב. ס׳האָבן נישט געהאָלפן מיינע בקשות זיי זאָלן מיר דערלויבן בלייבן מיט זיי. מיין מאַמע האָט מיך פּשוט פון שטוב אַרויסגעטריבן. מיט איר ברכה אין די אויערן בין איך אַוועקגעגאַנגען האַלב ביים באַוווסטזיין אויפן אָרט, ווו איך האָב געהאַט פריער אָפּגערעדט מיטן שאָפער זיך צו טרעפן. דעם זעלבן טאָג בין איך ווידער געווען אין לאַוואָוו.

דאָס איז געווען מיין לעצטע באַגעגעניש מיט די עלטערן און גלייכצייטיק די לעצטע שעהן פון דעם געטאָ.

דער אומקום פון געטאָ

די אייגענע נאַכט האָט אַ געדיכטער שפּאַלער שוצלייט אַרומגערינגלט דאָס געטאָ. די דייטשן מיט דער הילף פון אוקראַינער זענען צוגעטראָטן צו ליקווידירן די 18 טויזנט ביים לעבן איבערגעבליבענע יידן אין לויצק.

פון אַ באַריכט פון אַן עד־ראיה ווערט קלאָר: די באַפעלקערונג פון געטאָ איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אויפן באַזיליאַנסקע־פלאַץ, ווו מען האָט דעם גאַנצן טאָג סעגרעגירט די מענטשן. באַזונדער פאַכלייט און באַזונדער די איבעריקע טייל באַפעלקערונג. אויפן פּלאַץ האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז לעבן בלייבן וועלן נאָר די פאַכלייט. דאַנטישע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַרום. מען האָט זיך באַמיט צו באַקומען אויף אַלע מעגלעכע אופנים פאַך־שיינען — לעבן־שיינען. אַ סך מענטשן זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד פאַר אַלעמען אין די אויגן, איינגעמענדיק סם, אָדער איבערשניידנדיק זיך די אָדערן. דעם גאַנצן טאָג האָט מען אויפן פּלאַץ צוגעפירט מענטשן, וועלכע האָבן געפּרוּווט זיך אויסבאַהאַלטן. אַ שענדלעכע ראָל ביים אַרויסקריגן מענטשן פון באַהעלטענישן האָט געשפּילט די יידישע פּאָליציי.

די פאַכלייט מיט זייערע פאַמיליעס האָט מען פאַרשפּאַרט אין ליובאַרטס שלאָס.

דעם 21־טן אויגוסט באַגינען זענען אויפן פּלאַץ אַרויפגעפאָרן לאַסטאויטאָס, אויף וועלכע מען האָט בגוואַלד אַרויפגעפּאַקט די מענטשן און אָפּגעפירט אין דער געגנט גורקע פּאָלאָנקע. דאָרט אין אַ וועלדל, זיבן קילאָמעטער פון לויצק, האָבן געוואַרט פריש־געגראָבענע ריזיקע ראָווען, אין וועלכע מ׳האָט געצוווּנגען זיך אַרייַנלייגן די פולשטענדיק באַקעטע מענטשן. די ביי דעם גרוב שטייענדיקע דייטשן און שוצלייט האָבן מיט אַ סעריע פון אויטאָמאַטן דערמאָרדעט די ליגנדיקע, אויף וועלכע ס׳האָבן זיך געמוזט אַנידערלייגן די שפּעטער געקומענע פאַרטיע מענטשן, כדי אויפן זעלבן אופן דערמאָרדעט צו ווערן.

אויף אַזאַ אופן זענען ליקווידירט געוואָרן די לעצטע 18 טויזנט יידן אין לויצק.

די ליקווידאַציע אין לאַוואָוו

ס׳האָט זיך פאַרענדיקט די שניטצייט. מיר האָבן געאַרבעט אין לאַוואָוו ביים דרעשן. אין דער שאָפע אָן פענצטער־טירן איז געוואָרן אַלעמאָל קעלטער. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט האַלב ביים באַוווסטזיין. דער באַריכט וועגן די געשעענישן אין לויצק, געהערט פון אַן עד־ראיה, אַן אַכטיעריק מיידעלע, וועלכע האָט זיך דורך אַ נס אַרויסבאַקומען פון דעם גרוב, האָט אונדז קיין רו נישט געגעבן.

מיר זענען אָן איבעררייס געשטאַנען פאַר די אויגן מיינע נאָענטסטע, וועגן וועלכע כ׳האָב געוווּסט, אַז זיי לעבן שוין נישט, אַז כ׳וועל זיי שוין קיינמאָל נישט זען...

BESCHLAGNAHMT DURCH DEN GEBIETSKOMMISSAR—ZUTRITT VERBOTEN!

ZUWIDERHANDELNDE WERDEN mit dem TODE BESTRAFT!

Зареквізоване п. ГЕБІТСКОМІСАРОМ—ДОСТУП ЗАБОРОНЕНИЙ!

ХТО ЙТИМЕ ПРОТИ ЦЬОГО, БУДЕ ПОКАРАНИЙ СМЕРТЮ!

אויף די הייזער, פון וועלכע מען האָט אַרויסגעטריבן די יידן, זענען אויפגעקלעפּט געוואָרן צעטלען אין דייטש און אין אוקראַיניש: „רעקוויזירט דורכן געביטס־קאָמיסאַר — צוטריט פאַרבאָטן. ווער עס וועט עובר זיין — וועט ווערן באַשטראָפט מיט טויט״.

אַזוי האָבן מיר דערצויגן ביז נאָוועמבער. אין איינעם אַ גרויען פרימאָרגן, אַרבעטנדיקביים דרעשן, האָבן מיר פּלוצעם באַמערקט אַ פרעמדן לאַסטאויטאָ אַריינפאָרן דורכן טויער פון פאָלוואַרק. ס׳איז געוואָרן אַ באַוועגונג און פונעם אויטאָ האָבן גענומען אַרויסשפּרינגען געסטאַפּאָווצעס. מיר האָבן אויפגעשוידערט פון שרעק. דער אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט, אַז דאָס זאָגט זיכער נישט אָן קיין גוטס. איך בין מאָמענטאַל אַרויסגעלאָפן דורך אַ זייטיקן טויער און זיך באַהאַלטן צוזאַמען מיט פּנחס פּאַטש אין אַ סטויג היי. דער אינסטינקט האָט אונדז טאַקע נישט פאַרפירט. די וואָס זענען זיך נישט צעלאָפן, זענען אונטערן אויסרייד פון דורכפירן אַ קאָנטראָל אַריינגענאַרט געוואָרן אין אַ מאַגאַזין, ווו זיי האָבן געמוזט זיך אויסטאָן נאַקעט, אַרויסגיין אַזוי אויפן הויף, בכדי צו באַקומען אַ קויל אין דער פּאַטילניצע, איבער אַ פריש־געגראָבענעם גרוב.

דריי מעת־לעת זענען מיר איבערגעזעסן אינעם סטויג היי. ס׳איז געווען שרעקלעך קאַלט. צום שטאַרקסטן האָבן מיר דערקוטשעט די פיס, וועלכע זענען מיר פולשטענדיק פאַרשטאַרט געוואָרן. די דריטע נאַכט, נישט קאָנענדיק לענגער אויסהאַלטן דעם דורשט און די קעלט, זענען מיר אַרויסגעקראָכן פונעם סטויג און האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין דער שטוב פון איינעם פון די פאָרנאַלן, וועלכע זענען געווען אַ סך מענטשלעכער פון די אַנדערע.

פון אָט דעם פאָרנאַל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אויף יעדער כאַטע אין דאָרף האָבן די שוצלייט אויפגעהאָנגען קוויטלעך מיט אַן אויפשריפט: „ווער ס׳וועט אַריינלאָזן צו זיך אַ ייד, וועט דערשאָסן ווערן צוזאַמען מיט דער פאַמיליע״. ער האָט אונדז אויך געזאָגט, אַז אַ הייפל יידן, וועלכע האָבן אויסגעמיטן דעם טויט פון די הענט פון די געסטאַפּאָווצעס, האָט באַסנער צוריקגענומען אויפן פאָלוואַרק, גאַראַנטירנדיק זיי דאָס לעבן.

פאַר דער גאַנצער צייט פון אונדזער זיין אין לאַוורוואָ האָבן מיר זיך באַמיט ווי ווייט מיר האָבן געקאָנט צו באַקומען אַ וועלכן קאָנטאַקט מיטן וואַלד. ס׳האָט זיך אונדז אָבער נישט איינגעגעבן. אויף אַ שטרעקע פון עטלעכע צענדליק קילאָמעטער אַרום אונדז זענען בכלל קיין גרויסע וועלדער נישט געווען. ווייטער זיך לאָזן איז געווען געפערלעך צוליב דער אוקראַינישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אַקטיוו געהאָלפן די היטלעריסטן.

אויפן פאָלוואַרק האָט זיך אויפסניי איינגעשטעלט אַ פאַרהעלטנישמעסיקע רו. כ׳האָב זיך געסטאַרעט אויף וויפל כ׳בין אימשטאַנד געווען אונטערצוהאַלטן מיינע אָפּגעפרוירענע פיס. ס׳האָט מיך דערין געהאָלפן אַ פאָרנאַלס אַ ווייב, אַ פּאָלקע, יאַדוויגאַ גאַווראָנסקאַ, דערלויבנדיק מיך זיך אָנצוואַרעמען ביי איר אין שטוב און צולייגנדיק פריש חזיר־פעטס צו מיינע פוס־זוילן.

אין איינעם פון אַזעלכע קרירהדיקע אָוונטן זענען מיר, איך און פּיניע, פאַרבליבן ביי די גאַווראָנסקיס איבערצונעכטיקן. אָט אַזוי ווי מיר גייען און שטייען האָבן מיר זיך געלייגט נעבן אויוון שלאָפן (דאָס אָנטועכץ און די שיך האָבן מיר בכלל נישט אַראָפּגענומען פון זיך פון זינט די עסעסלייט זענען געקומען צו פאָרן קיין לאַווראָוו). באַגינען האָב איך פּלוצעם דערהערט אַן עכאָ פון אָנפאָרנדיקע אויטאָס. מיר זענען אַלע מאָמענטאַל אויפגעשפּרונגען. גאַווראָנסקאַ איז אַרויסגעלאָפן אויפן וועג און אין אַ רגע אַרום צוריק אַריינגעפאַלן אין כאַטע מיט אַ שרעקלעך געשריי: „אַנטלויפט, שוצלייט זענען אָנגעפאָרן!״

פאַרפאָלגט ווי אַ חיה

אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר זיך לגמרי פאַרלוירן. וואַרטן ביז מען וועט אונדז אַרויסשלעפּן פון כאַטע האָבן מיר נישט געוואָלט. זענען מיר אַרויסגעלאָפן דורך דער הינטערשטער טיר פון דער כאַטע און אָנגעהויבן לויפן פאַרויס, איבערשניידנדיק דאָס פעלד. מען האָט אונדז באַמערקט. ס׳האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אין אונדזער ריכטונג שאָסן... כ׳האָב זיך אויסגעגליטשט און בין אַריינגעפאַלן אין אַ ראָוו. די שוצלייט, מיינענדיק משמעות, אַז כ׳בין געטראָפן געוואָרן, זענען מיר פאַרבייגעלאָפן און האָבן זיך געיאָגט נאָך פּנחסן.

ווי לאַנג כ׳בין געלעגן אַן באַוווּסטזיין אין ראָוו קאָן איך נישט זאָגן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון חלשות און זיך אויפגעהויבן אויף די הענט. אַרום מיר האָט געהערשט פולשטענדיקע שטילקייט. כ׳האָב געפּרוּווט זיך אויפשטעלן, אָבער די פיס האָבן מיר נישט געוואָלט פאָלגן. דער אינסטינקט האָט מיך דאָך געשטויסן פאַרויס. אויף אַלע

פיר, אינמיטן העלן טאָג, האָב איך אָנגעהויבן זיך רוקן פאָרויס דורכן פוסטן פעלד אין דער ריכטונג פון דער נאָענטסטער כאַטע. נישט באַמערקט פון קיינעם, בין איך אַריינגעקראָכן דורך אַ פוסטן פאָדוויר אין אַ פאָדערהייזל. דורך אַ לייטער, אָנגעשפּאַרט אויף אַ וואַנט, האָב איך זיך אַרויפגעראַטשקעוועט אויפן בוידעם. געפירט בלויז דורכן אינסטינקט, בין איך אַריינגעקראָכן אין אַ סעפעט פון תבואה, און כ׳האָב וואַרשיינלעך פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין.

פון חלשות האָט מיך אַרויסגעריסן אַ פעסטע מענערשע שטים, וועלכע איז געקומען פון אונטן: „דאָ מוז זיין אַ זשידיוועקע. די סליאַדעס פירן צו אייער כאַטע. מיר האָבן געמיינט, אַז זי איז דערהרגעט" — האָט עמעצער געשריגן אין דער כאַטע. מיין האַרץ האָט אויף אַ רגע אויפגעהערט צו קלאַפּן. דאָס האָבן דאָך די תלינים געזוכט מיך. ווי אַן ענטפער אויף די געשרייען פון די שוצלייט האָב איך דערהערט אַ זקנישע פרויען־שטים: „ווי קאָן ביי מיר זיין אַ זשידיוועקע, אַז מיין זון איז אַ שוצמאַן". נאָך די־אַ ווערטער זענען די תלינים אַוועקגעגאַנגען — און איך האָב פולשטענדיק קלאָר באַזיניקט, ווו איך געפין זיך. דער ווינטערטאָג האָט זיך שוין דערנענטערט צו זיין ענדע. דער אינסטינקט האָט מיר געזאָגט, אַז לענגער דאָ פאַרבלייבן טאָר איך נישט קיין איינציקע מינוט. ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן זיך שטעלן אויף די פיס. דער זעלביקער אַלמעכטיקער אינסטינקט האָט געמאַכט, אַז איך זאָל אין דער שוין פולשטענדיקער פינצטערניש, רוקנדיק זיך אויף אַלע פיר, געפינען עפּעס אַן עפענונג אין דאַך, אָנטאַפּן אַ לייטער און זיך אַראָפּלאָזן אין פאָדערהייזל. ווידער — פינצטערניש און שטילקייט. כ׳האָב אָנגעטאַפּט עטלעכע טירן. כ׳האָב זיך קלאָר אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז בלויז איין טיר פירט צום לעבן, די איבעריקע — צום טויט. אין שרעקלעכער געשפּאַנטקייט האָב איך אַ דריק געטאָן אויף איינער פון די קליאַמקעס. די טיר האָט זיך אָפּגעלענט, און כ׳האָב דערזען פאַר זיך דעם הימל...

די פראָסטיקע לופט האָט מיך אַ ביסל דערפרישט. מיט אַ הויפן שניי האָב איך געלאָשן דעם דורשט און זיך געלאָזט גיין פאָרויס. די געגנט האָב איך בכלל נישט געקענט. פונוויטנס האָט געשוואַרצט אַ וואַלד. איך בין געגאַנגען שנעל, פאָרויס, מיטן געדאַנק זיך וואָס שנעלער צו דערווייטערן פון דאָזיקן אָרט. די נאַכט־שטילקייט האָט איבערגעריסן דאָס וואָיען פון הינט און איינציקע שאָסן אָנגעלאָפענע פון לאַוורעוו.

מיטאַמאָל האָב איך דערזען, אַז פאַר מיר אויפן וועג ליגט עפּעס. צוקומענדיק אַליין נעענטער צום אָרט, האָב איך דערקענט אַ סילועט פון אַ מענטשן, אַ פאַרפרישעטן מיט שניי. כ׳האָב געשטעלט שנעלערע טריט און — אָך, סאַראַ גרויל! — ס׳איז פּנחס. ער איז דאָ אַרום אַנטלאָפן, מ׳האָט אים נאָכגעיאָגט, און אַ קויל האָט אים געטראָפן פון הינטן. זיין ווונטש אין די לעצטע רגעס פון זיין לעבן איז דערפילט געוואָרן. ער האָט זיך נישט געלאָזט פירן פרייוויליק צום גרוב, נישט אָפּגעגעבן זיין לעבן פרייוויליק דעם שונא. ער איז אומגעקומען אַנטלויפנדיק...

לאַנג, לאַנג בין איך געשטאַנען פאַר אים אויף די קני. דער הימל האָט אָנגעהויבן בלייכן. פלוצעם האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער דייטלעך פּיניעס שטים: „שנעלער, שנעלער לויף, אסתרקע. האָב קיין מורא נישט. דער וואַלד איז נאָענט". כ׳האָב זיך אויפגעשטעלט. עפּעס נייע כוחות זענען אין מיר אויפגעקומען, און כ׳האָב אָנגעהויבן לויפן פאָרויס.

דער באַגערטער וואַלד פאַר מיר האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ קליין וועלדל. דורך דיביימער האָבן זיך דורכגעשיינט כאַטעס פון אַ נאָענט דאָרף. וועגן באַהאַלטן זיך דאָ האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. ס׳האָט זיך געשטעלט אַ פריער ווינטערפרימאָרגן. כ׳האָב געמוזט זיך ערגעץ באַהאַלטן. כ׳האָב זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים מיט שניי, פאַרריכט דאָס טיכל אויפן קאָפּ און בין אַריינגעגאַנגען אין דער נאָענטסטער כאַטע.

ערגעץ רעדט נאָך דאָס מענטשלעכע געוויסן

אין שטוב האָבן זיך געשפּילט עטלעכע קינדער און אַן אַלטע פרוי איז געשטאַנען ביים פייער. ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי זיך איבערגעצלמט, אויף מיין בקשה דערלאַנגט מיר אַ טעפּעלע הייס וואַסער און מיך אַריינגעשטופּט אין אַ קעמערל.

אָן קיינע שום געדאַנקען, אַ פולשטענדיק אָפּגעטעמפּטע בין איך דאָרט אָפּגעלעגן ביזן אָוונט. ווען ס׳איז אינגאַנצן פינצטער געוואָרן, איז אין קעמערל אַריינגעקומען די זעלבע אַלטע פרוי, האָט מיך געהייסן אַרויסגיין אויפן פאָדווירל און מיט די ווערטער „כ׳וויל נישט מער קיין בלוט" מיך אַ צי געטאָן גאָך זיך אויפן וועג אַרויף. די נאַכט איז געווען אַ שטאַרק פינצטערע. ס׳איז געווען זייער קאַלט. ס׳איז געגאַנגען אַ דריבנער רעגן מיט אַ שניי, אַ ווינט האָט געצויגן פון אַלע זייטן. כ׳האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אין די אויערן האָבן מיר געקלונגען די ווערטער פון דער פרוי, וועלכע איז שווייגנדיק געגאַנגען נעבן מיר. כ׳האָב נישט געוווּסט וווּהין זי פירט מיך. נאָך אַ לאַנג שווייגן, אויפהייבנדיק זיך שוין צום ווּיפלטן מאָל פון אַ פאַל, ווייל מיר האָבן געהאַלטן אין כסדרדיקן אויסגליטשן זיך, האָט מיך די פרוי פלוצעם אַ פרעג געטאָן, צי איך האָב געקענט די פאַמיליע קרוק פון לויצק. אויף מיין באַשטעטיקנדיקן ענטפער האָט זי מיר געזאָגט, אַז ערשט נעכטן האָבן עסעסלייט אַרויסגעשלעפּט די גאַנצע פאַמיליע קרוק פון איר שטוב (זיי האָבן זיך ביי איר אויסבאַהאַלטן) און פאַר אירע אויגן צעשאָסן. זי האָט געטראַכט, אַז ס׳האָט דערצו מיטגעהאָלפן איר עלטערער זון, האָט זי דערפאַר באַשלאָסן מיר צו העלפן.

מיר זענען געשטאַנען פאַר עפּעס אַ גרויסן בנין. די פרוי האָט אָנגעקלאַפּט. נאָך אַ לענגערער ווייל האָט אונדז אַ צעקנייטשטע זקנה געעפנט, און מיר זענען אַריינגעגאַנגען. דאָס איז געווען אַ פוסטער שול־בנין, אויף אַ העלפט אַן אָפּגעברענטער. די ווייבער האָבן אַ לענגערע ווייל זיך געשושקעט צווישן זיך, דערנאָך האָט די זקנה געהייסן מיך אויסטאָן די שיך און זיך באַהאַלטן אונטער דער פּערענע.

אַזוי האָב איך פאַרבראַכט די נאַכט. אינדערפרי האָט מיך די זקנה אַריינגעפירט אין איינעם פון די פון דער שרפה גאַנץ געבליבענעם קלאַס און מיך באַפוילן זיך פון אָרט נישט צו רירן ביז זי וועט קומען. דער פרויס מילדע אויגן האָבן מיך אַ ביסל באַרויקט. כ׳האָב געפילט, אַז כ׳מוז קומען אַ ביסל

צו זיך, און וואָס ווייטער — וועלן מיר זען. צום באַדויערן, סך־הכל עטלעכע שעה נאָך דער זקנהס אַוועקגיין, בין איך געווען געצוווּנגען פון דאָרטן אין מיטן העלן טאָג צו אַנטלויפן. כ׳האָב פּלוצעם דערהערט אויפן הויף קינדערישע קולות. אַ באַ־אומרויקטע האָב איך זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און אָפּגעוואַרט ווייטערע געשעענישן. זיי האָבן נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. כ׳האָב דערזען אַ פּאָר קינדערישע אויגן אַריינקוקן דורך די ברעטער, מיט וועלכע ס׳זענען פאַרקלאַפּט געווען די פענצטער, און גלייך נאָך דעם אַ רופן: „קומט, קומט, דאָ איז עמעצער פאַראַן״. אויך דאָס מאָל האָט מיר דאָס מזל צוגעדינט. די קינדער, פאַרנומען משמעות מיט זייער שפּילן, האָבן נישט דערהערט דאָס רופן און זענען אַפילו אָפּגעגאַנגען ווייטער. איך האָב שוין אָבער נישט געקאָנט פאַרבלייבן דאָרט לענגער קיין איין מינוט. דער אַלמעכטיקער לעבנס־אינסטינקט האָט מיך באַוויגן, כ׳זאָל זיך אַ וואָרף טאָן צום פענצטער, און נישט זעענדיק קיינעם אַרום, בין איך אַרויסגעלאָפן פון שיל און זיך אַ טראָג געטאָן פאַרויס.

כ׳בין אָפּגעזעסן ביז אין אָוונט אין אַ נאָענט וועלדל. נאָך דעם גענוג וואָרעמען טאָג האָט ווידער געכאַפּט אַ פּראָסט. געשטויסן פון עפּעס אַן אינערלעכער שטים, האָב איך באַשלאָסן גיין פאָרויס, כדי נישט דערפרוירן צו ווערן, כל־זמן די כוחות וועלן מיר קלעקן, און דערנאָך אַריינגיין צו מענטשן, און אַזוי טאַקע האָב איך געטאָן.

ווי לאַנג איך בין געגאַנגען געדענק איך נישט. ווען ס׳האָט פונוויטנס אַ בלינצל געטאָן אַ פייערל (זיי זענען געווען צע־וואָרפן איבער די כוטאָרעס), האָב איך, נישט באַדענקנדיק זיך, גענומען שטעלן שנעלערע טריט און אינגיכן זיך געפונען אין אַ כאַטע.

ווייבער האָבן דאָ גראָד געבאַקן ברויט. דערזען מיך, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון שרעק. איינע האָט אָנגעהויבן שרייען איך זאָל זיך שוין די רגע אָפּטראָגן, אַ צווייטע האָט גענומען איר איבערחזרן. דערפאַר אָבער די איבעריקע האָבן זיי געהייסן זיך איינשטילן און זעענדיק מיין צושטאַנד (כ׳האָב זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן; נישט געקוקט אויף דער וואָרעמקייט וואָס האָט געשלאָגן פון אָפענעם אויוון האָב איך זיך אינגאַנצן געטרייסלט), האָבן זיי מיר געהייסן זיך אַנידער־זעצן און געגעבן צו טרינקען. אין שטוב איז שטיל געוואָרן. און אָט האָט זיך איינע פון די ווייבער אָנגערופן צו מיר: „קום מיט מיר, וועסט ביי מיר איבערנעכטיקן. ווער ווייסט, צי מיין טאַכטער, וועלכע מ׳האָט אַוועקגעטריבן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט, געפינט זיך נישט אין דער אייגענער לאַגע״.

כ׳בין אַריבערגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב, ווו איך בין איבערגעזעסן דעם קומענדיקן טאָג. וועגן בלייבן דאָרט לענגער האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין, ווייל אין דערנעבנ־דיקן הויז האָבן סטאַציאָנירט שוצלייט. אין איצטיקן מאָמענט זענען זיי נישט געווען, האָבן אָבער געקאָנט אין יעדער רגע זיך יאַווען.

כ׳בין ווידער אין לויצק

פון דער פרוי, וועלכע האָט מיך צוגעטוליעט, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די קומענדיקע וואָך וועלן די מענער פון זייער דאָרף פאָרן קיין לויצק אויף „סטויקע״ (דאָס איז געווען צוואַנג־אַרבעט פאַר די דייטשן; מ׳האָט מיט זיך גענומען די פורן מיט פערד). האָב איך באַשלאָסן צו דערלאַנגען זיך קיין לויצק.

די כלאָפּעס זענען אַרויסגעפאָרן אין אָוונט, כדי גאַנץ פרי זיך צוצושטעלן קיין לויצק. סטאַרענדיק זיך, קיינער זאָל מיך נישט באַמערקן, האָב איך זיך בעתן אַרויספאָר פשוט אָנגע־טשעפּעט פאַר אַ פור פון הינטן (געוווּסט וועגן מיר האָט בלויז דער פרויס שוואָגער). ס׳איז געווען אַן אַדליגע. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערשפּירט אַ גערודער פון זיך צעלייגנדיקע גופים. די כלאָפּעס האָבן געשמועסט צווישן זיך, אַז דאָס איז פון די גריבער, אין וועלכע ס׳ליגן די לויצקער יידן. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן גורקע־פּאָלאָנקע, דאָס אָרט, ווו ערשט נישט לאַנג צוריק זענען דערמאָרדעט געוואָרן פון באַנדיטן־הענט אַלע מיינע נאָענטסטע... אין דער רגע האָט מיך באַהערשט איין באַצווייפלנדיקער געדאַנק: „נישט לאָזן זיך, קעמפן פאַרן לעבן ווייטער, וואָרן עמעצער מוז דאָך איבערלעבן, כדי נקמה צו נעמען פאַר אַלע אכזריותן פונעם שונא, כדי צו קענען דערציילן וועגן די גרויליקע איבערלעבענישן, יסורים...״

ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. כ׳האָב דערקענט אַ פאַרשטאָט פון לויצק; דאָס אָרט ווו די „סטויקע״ פלעגט זיך זאַמלען איז געווען די קאָמענדע פון דער גראַנאַטענער פּאָליציי אויף קראַסנע. כ׳בין אַראָפּגעקראָכן ווי נאָר די פורן זענען אַריינ־געפאָרן אין דער לוואָווסקע־גאַס.

דעם גאַנצן וועג האָב איך געהאַט אָנגעשטרענגט מיין זכרון, באַמיענדיק זיך צו דערמאָנען, ווער פון פון מיינע אַמאָליקע שול־חברטעס האָט געוווינט אין דער געגנט. די איבערמענטש־לעכע איבערגעמאַטערטקייט, די איבערלעבענישן פון דער לעצ־טער צייט האָבן גורם געווען, אַז כ׳האָב זיך גאָרנישט געקאָנט דערמאָנען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט. מיטאַמאָל האָט צוגע־שמידט צו זיך מיין אויפמערקזאַמקייט אַן אַלטער, צעצווייגטער בוים, פון וועלכן אַ וועגל האָט געפירט אין דער טיף פון אַ ליקל. כ׳האָב שוין געוווּסט, אַז נעבן דעם בוים האָב איך געמוזט אַ סך מאָל פאַרבייגיין, אָבער — ווּהין, צו וועמען? צום גליק האָב איך זיך דערמאָנט. ערגעץ־ווו דאָ אין דעם ליקל האָט דאָך געוווינט מיינע אַ חברטע פון די קינדעריאָרן, מאַרוסיע.

ס׳איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער. לענגער האָב איך אויפן שאָסיי נישט געקאָנט בלייבן. כ׳האָב זיך דעצידירט אויפצוזוכן מאַרוסיעס שטוב און זיך געלאָזט גיין.

כ׳האָב די שטוב באַלד דערקענט. נישט פאַרטראַכטנדיק זיך האָב איך געעפנט די טיר... און בין אַריינגעגאַנגען אין פאָדערהויז. אַנטקעגן מיר איז געשטאַנען אַן איינגעבויגענע פרוי. ווען זי האָט אויפגעהויבן אויף מיר די אויגן, האָט זי פון שרעק אויסגעשריגן און זיך אַ צי געטאָן אויף צוריק אין צימער אַריין.

כ׳בין געשטאַנען אויג אויף אויג מיט מאַרוסיען. זי האָט מיך גלייך דערקענט. מיט איר אייגנטימלעכער ענערגיע האָט זי מיך אַריינגעשטופּט אין אַ צימער און פאַרקייטלט די טיר. מיין אויסזען איז געווען אַ גרויליקס. באַוואָקסן מיט שמוץ און אומפּלייט. כ׳האָב זיך געשאָקלט אויף די פיס. אָבער די ווירק־לעכע גרענעץ פון מיין אויסגעהאַלטנקייט איז געקומען נאָך דעם ווי כ׳האָב זיך אויסגעטאָן, אַרומגעוואַשן זיך צום ערשטן

מאָל נאָך אַ ריי חדשים, און מאַרוסיע האָט מיר אָפּגעשוירן די האָר ביז צו דער הויט. כ׳האָב דעמאָלט פּלוצעם פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין, וואָס האָט געדויערט (לויט מאַרוסיע האָט געזאָגט) איבער אַ מעת־לעת.

איך געדענק בלויז, ווי אויפוואַכנדיק זיך פון דעם לעטאַרגישן שלאָף, האָב איך דערהערט איבער זיך אַ שעפּטש: „מאַמוניע, זי לעבט, זאָרג זיך נישט״.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די סאַמע גרעסטע זאָרג פון מיינע רעטער איז געווען, ווי מיך צו באַערדיקן, אַז קיינער זאָל נישט זען.

כ׳בין פאַרבליבן ביי זיי. די איינציקע שפּייזערין פון אונדז דריי איז געווען מאַרוסיע, וועלכע האָט געאַרבעט ווי אַ סאַניטאַרין אין אַ שפּיטאָל און האָט פאַרדינט גאָר ווייניק. מיר זענען שטענדיק געווען הונגעריק, פונדעסטוועגן האָב איך קיין איין מאָל נישט געהערט קיין שום פאַרהאַלטן.

דעם גאַנצן טאָג פלעג איך זיצן אין דעם אייזקאַלטן קעלער, אויף ביינאַכט אַריינגיין אין שטוב. דער ווינטער איז געווען זייער אַ שאַרפער. דער פראָסט האָט דערגרייכט ביז דרייסיק גראַד. קיין האָלץ האָבן מיר נישט געהאַט, און מיר האָבן אַלע געפרוירן.

ווידערשטאַנד

איינמאָל אין אַ דעצעמבער־באַגינען האָט מיך אַרויסגעריסן פון שלאָף אַ שיסעריי, וואָס קומט פון דער ריכטונג באָלעסלאַוור־כראָברי־גאַס. מאַרוסיע איז דעמאָלט אין דער היים נישט געווען, ווייל זי האָט געהאַט אַ נאַכט־דיזשור. באַרויקנדיק ווי כ׳האָב געקענט די אַלטע מאַמע, האָב איך מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט מאַרוסיעס צוריקקומען פונעם דיזשור. דאָס שיסעריי, וואָס האָט געדויערט עטלעכע שעה, האָט מיר קיין רו נישט געגעבן. ענדלעך האָט זיך באַוויזן מאַרוסיע. לויט איר געענדערט אויסזען און פאַרשאַרפטע שטריכן האָב איך דערקאַנט, אַז ס׳האָט געמוזט געשען עפּעס שלעכטס. נאָכן באַרויקן זיך האָט מיר מאַרוסיע דערציילט וועגן דער ליקווידאַציע פון אַ יידישן לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען אין בנין פון דער יידישער גימנאַזיע אויף דער באָלעסלאַוו־כראָברי־גאַס. דאָס באַוווסטזיין, אַז ביז היינט איז אין שטאָט געווען אַ הייפל יידן, וועגן וועלכע איך האָב בכלל נישט געוווסט, האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ שאָק. מאַרוסיע האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, ווייל ווי מען האָט געשמועסט אין שטאָט, איז דער גורל פון דעם לאַגער שוין אַ סך פריער געווען אַ פאָרויסבאַשטימטער, — דעריבער האָט זי עס מיר נישט דערציילט.

פון איר באַריכט באַקומט זיך דאָס קומענדיקע: ווען די דייטשן צוזאַמען מיט די שוצלייט האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַגער, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד פון די יידן, זענען באַוואָרפן געוואָרן מיט אַ האָגל שטיינער, וועלכע זענען פאַר דעם צוועק פון פריער צוגעגרייט געוואָרן. פון די פענצטער האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויף די קעפּ פון די שונאים זודיקע זייערס. די צוליבן ווידערשטאַנד ווילדגעוואָרענע דייטשן האָבן צוגעפירט פאַרשטאַרקונגען און זיך אַריינגעריסן אין בנין. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ פויסטן־קאַמף.

די יידן האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט. אָפּגעבנדיק זיך אַ קלאָרן חשבון, אַז זיי האָבן פאַרשפּילט, האָבן זיי באַשלאָסן צו שטאַרבן מיט כבוד אין קאַמף. זיי האָבן דעריבער דערלאַנגט קלעפּ מיט העק, מיט שאַרפע אינסטרומענטן און אויך מיט שטיקער פון צעבראָכענעם מעבל. זיי האָבן זיך געשלאָגן ביזן לעצטן.

די פלאַמען, וועלכע האָבן זיך געטראָגן איבערן לאַגער, האָבן אָפּגעשלאָסן דעם לעצטן אַקט פון דער טראַגעדיע פון די לויצקער יידן.

געטריבן פון באַהעלטעניש צו באַהעלטעניש

אַרום די ערשטע טעג פעברואַר 1943 האָט מאַרוסיעס מאַמע פּלוצעם באַקומען הויכע טעמפּעראַטור. מ׳האָט זי גענומען אין שפּיטאָל אַריין. לויט מאַרוסיעס אויסזען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז עפּעס וואָס ערנסט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אויך מאַרוסיע דערפילט נישט גוט, זי איז פונדעסטוועגן געגאַנגען צו דער אַרבעט און זיך שוין נישט אומגעקערט. כ׳בין פאַרבליבן איינע אַליין אין דער אָפּגעשלאָסענער וווינונג, אָן קיין שום ידיעה וועגן זיי. ווי אַ צולאָג צו די צרות האָב איך איינמאָל, וועקנדיק זיך באַגינען פון שלאָף, באַמערקט, אַז דורך די שפּאַרונעס פון אַ לאָדן קוקט עמעצער אַריין צו מיר. מיין לאַגע איז געווען אַ גרוילִיקע. ס׳האָט מיך עמעצער בפירוש נאָכגעשפּירט.

דעם זעלבן טאָג האָב איך דערהערט הינטער דער טיר אַ געשפּרעך צווישן שכנים, וועלכער האָט מיך פולשטענדיק צעבראָכן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאַרוסיעס מאַמע איז אין שפּיטאָל געשטאָרבן פון אַ טיפוס און אַז מאַרוסיע אַליין, אויך אַ קראַנקע, ליגט אין שפּיטאָל אין אַ שווערן צושטאַנד. די ווייבער האָבן זיך אָפּגערעדט צו עפענען אויפן צווייטן טאָג די וווינונג, כדי צו נעמען זאַכן אויף צו באַערדיקן די געשטאָרבענע.

לענגער האָב איך שוין דאָרט נישט געקאָנט פאַרבלייבן. אָבער וווהין גייט מען? ווו זוכט מען אַ באַהעלטעניש? און וויאַזוי ענדלעך באַקומט מען זיך אַרויס אַן אומבאַמערקטע פון אַ פאַרשלאָסענער וווינונג? פון געשפּרעכן מיט מאַרוסיען האָב איך פאַרגעדענקט, אַז נישט ווייט וווינט יאַבלאָנסקאַ, אויך אַ שול־חברטע. נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָב איך באַשלאָסן אַריבערצוכאַפּן זיך צו איר.

דעם זעלבן אָוונט האָט זיך מיר איינגעגעבן אַרויסצוקריגן זיך דורך אַ פענצטער און גיין צו יאַבלאָנסקאַן. אָפּקילנדיק זיך פון ערשטן איינדרוק, וואָס איך האָב אויף איר געמאַכט, האָט מיין חברטע מיך אַריינגעפירט אין אַ סטאַדאָלע, איך זאָל דאָרט איבערשלאָפן. קיין עסן האָט זי מיר בכלל נישט פאַרגעלייגט. דער אינסטינקט האָט מיך געוואָרנט, אַז איך געפין זיך צווישן שונאים. צום באַדויערן איז עס אַזוי טאַקע געווען. אַ צונויפגעקאָרטשעטע ביי דער שוועל פון דער סטאַדאָלע, האָב איך פּלוצעם דערהערט אַ געשפּרעך, וואַרשיינלעך פון פאָדערהויז. עפּעס אַ מאַנצבילשע שטים איז באַשטאַנען מען זאָל שוין גיין מעלדן וועגן מיר אין דער פּאָליציי, אַ צווייטע שטים האָט שוואַך אָפּגעלייגט. כ׳האָב נישט געהאַט וואָס צו

וואַרטן. ווען דאָס געשפּרעך איז שטיל געוואָרן, בין איך אַרויסגעלאָפן פון דער סטאָדאָלע און אַנטלאָפן דורכן גאָרטן אויפן פעלד. לכתחילה האָב איך געטראַכט צו באַהאַלטן זיך אין אַ סטויג, וואָס כ׳האָב דערזען פונווייטנס, אָבער אָריענטירנדיק זיך, אַז איך לויף אין דער ריכטונג פון מאַלי אַמעליאַניק, האָב איך געענדערט מיין פריערדיקע כוונה. כ׳האָב זיך באַשלאָסן אָפּצוזוכן דאָס הויז פון דער פאַמיליע מאַלאַק, מיינע עלטערנס גוטע באַקאַנטע.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע. אַ שטאַרקער ווינט מיט שניי האָט באַשווערט דאָס באַוועגן זיך. כ׳בין געקראָכן ביז איבער די קני אין שניי. ס׳איז מיר אַלץ שווערער געוואָרן אַרויסצושלעפּן די פיס פון די שניי־הורבעס און בין דאָך געגאַנגען פאָרויס. כ׳האָב זיך באַמיט אַרומצוגיין וואָס ווייטער פון הייזער, מורא האָבנדיק הינט זאָלן זיך נישט צעבילן.

ווי לאַנג בין איך געגאַנגען? כ׳ווייס בלויז, אַז ווען כ׳בין שוין געווען ביי די לעצטע כוחות, האָט פונווייטנס אַ שווינדל געטאָן פאַר מיר דער באַקאַנטער סילועט פון די מאַלאַקס הויז. אין אַ שטיקל צייט אַרום, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַן אייביקייט, בין איך געשטאַנען פאַר זייער טיר און האָב אָנגעקלאַפּט. ס׳האָט זיך דערהערט אַ בילן פון אַ הונט פון אינעווייניק. אין אַ רגע אַרום האָב איך דערזען פאַר זיך דאָס דערשראָקענע געזיכט פון ה. מאַלאַק. נישט תיכּף דערקענט מיך, האָט ער זיך צוריקגעצויגן אין שטוב אַריין, און אָט האָב איך זיך געפונען, אַ שווידערנדיקע פון קעלט, אַ האַלב לעבעדיקע, אין אַ וואַרעמער קיך.

ס׳איז געווען פעברואַר 1943.

אין דראַנג נאָך נקמה

באַמיענדיק זיך צו זיין וואָס נוצלעכער, פלעג איך העלפן אין דערווירטשאַפט, אין דער לערע פון מאַלאַקס קינדער. עס האָט מיר אָבער אָן אויפהער נישט געגעבן קיין רו דער געדאַנק צו דערשלאָגן זיך צו וועלכן ס׳איז פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל, כדי צו קאָנען נקמה נעמען פונעם שונא פאַר אַלע זיינע גרוילטאַטן. כ׳האָב מיט טרערן געבעטן דעם אַלטן מאַלאַק, ער זאָל פאַר מיר באַקומען ווו נאָר ס׳לאָזט זיך ידיעות. מיט אומרו און אומגעדולד פלעג איך אָפּוואַרטן יעדעס מאָל זיין צוריקקומען סיי פון לויצק, סיי פון וואַלד, וווּהין ער פלעגט פאָרן נאָך האָלץ. אָבער בחינם. די ווייניקע ווערטער אַרום זענען פול געווען מיט אוקראַאינישע באַנדיטן פון אַלערליי מינים. אָנהייבנדיק פון די באַנדעראָווצעס, בולבאָווצעס ביז די מעלניקאָווצעס, זענען די דאָזיקע באַנדעס, זיך קעגנזייטיק באַקעמפּנדיק, געהעצט פונעם הויפּט־שונא — די דייטשן, געווען די שרעק פון דער גאַנצער פּוילישער באַפעלקערונג אויף וואָלין. די באַנדיטן פלעגן אויספירן גרויליקע שחיטות, פאַרברענען פּוילישע דערפער צוזאַמען מיט די מענטשן. רויטע העלער פלעגן יעדע נאַכט באַלייכטן דעם הימל אויף אַ מרחק פון צענדליקער קילאָמעטערס.

מיין סיטואַציע ביי די מאַלאַקס האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ פאַרערגערט. ווי נייטראַלע טשעכן, באַקאַנטע אין דער גאַנצער סביבה מיט זייער ערלעכקייט, אויפריכטיקייט, האָבן זיך אַלע באַצויגן צו זיי מיט צוטרוי. צוליב די אַלץ גרעסערע בעסטיאַלישקייטן פון די אוקראַאינישע באַנדיטן, געשטיצטע דורך עסעסלייט, האָט די אַרומיקע פּוילישע באַפעלקערונג אָנגעהויבן טראָגן איר גאַנץ האָב און גוטס צו די מאַלאַקס. נאָך ווייניק, וואָס כ׳האָב נישט געהאַט קיין שום האָפענונג אויפן וואַלד, האָב איך נאָך געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן אין הויז גופא.

אין אָנהייב בין איך געזעסן אין דער סטאָדאָלע, און ווען איך דאָרט איז געוואָרן אומזיכער — אין אַ באַהעלטעניש אונטער דעם חזיר־שטאַל, ווו ס׳איז, אמת, נישט געווען קאַלט, אָבער ענג, אַז כ׳בין געזעסן איינגעבויגן ווי אַ דוהע און די צואה פון די חיות האָט זיך מיר געגאָסן אויפן קאָפּ.

נישט געקוקט דערויף וואָס כ׳בין געזעסן אין פּאָלשטענדיקער פינצטערניש, פלעג איך יעדן טאָג אָפּוואַרטן מיט אומגעדולד די נאַכט, ווייל נאָר דעמאָלט האָט געקאָנט קומען צו מיר עמעצער פון די מאַלאַקס מיט ידיעות פונעם פראָנט. בלויז די דאָזיקע ידיעות, אַלע מאָל בעסערע, האָבן מיך דערהאַלטן ביים מוט.

מיין לאַגע איז געוואָרן אַלץ אומזיכערער. חוץ דעם אַלעמען איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז נאָך אַלץ דעם וואָס די מאַלאַקס האָבן פאַר מיר געטאָן, האָב איך נישט קיין רעכט אויסצושטעלן זייער לעבן אויף געפאַר, אין פאַל ווען מ׳וועט מיך דערקענען. איך מוז אַוועק!

אין די ערשטע טעג מאַי 1943 האָט דער אַלטער מאַלאַק געבראַכט אַ ידיעה, אַז וואַרשיינלעך, לויט מענטשן שמועסן, האָבן זיך אין די קיוורעצער וועלדער געיאַוועט סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער. איך האָב באַשלאָסן צו דערשלאָגן זיך צו די קיוורעצער וועלדער. ס׳איז מיר פאָרגעשטאַנען אַ וועג פון דרייסיק קילאָמעטער, וועלכן איך מוז ווי־עס־איז דורכמאַכן. צום ערגסטן איז געווען דאָס, וואָס דער וועג פירט דורך לויצק, דורך די גאַסן, אויף וועלכע איך האָב געוווינט.

נישט פאַרטראַכטנדיק זיך לענגער, האָב איך דעם צווייטן טאָג באַגינען פאַרלאָזט די מאַלאַקס.

אין גאַנג צו די פּאַרטיזאַנער

גלייך ווי איך בין אַרויסגעגאַנגען פון די מאַלאַקס זעקס אינדערפרי (פריער האָב איך נישט געקאָנט צוליב דער פּאָליצייעה) איז מיך באַפאַלן אַ שכנהס אַ הונט, וועלכער איז צו מיין אומגליק נישט געווען אויף דער קייט. מיטן הונט, אַ פאַרטשעפּעטן מיט די ציין אין מיין פוס, בין איך געלאָפן דורכן פעלד מיט אַלע כוחות וואָס כ׳האָב נאָר פאַרמאָגט. ס׳איז מיר געגאַנגען בלויז דערין: זיין וואָס ווייטער פונעם הויז פון די מאַלאַקס, כ׳זאָל זיי נישט אויסשטעלן אויף געפאַר. ענדלעך האָט זיך מיר איינגעגעבן אָפּצוטשעפּען זיך פונעם הונט. דעם צעבלוטיקטן פוס האָב איך איבערגעבונדן מיט אַ טיכל און בין אַרויס אויפן שאָסיי וואָס פירט דירעקט קיין לויצק.

אין קאָפּ האָב איך שוין געהאַט אַ צונויפגעשטעלטן פּלאַן. כ׳האָב זיך דעצידירט דורכצומאַכן דעם וועג אין צוויי עטאַפּן. דער ערשטער איז באַשטאַנען אין דערגיין צו קאַראַימסקאַ־גאַס (דאָס געביט פון געוועזענעם געטאָ), ווו ס׳האָט געוווינט מיינע

אַ חברטע פון די שוליאַרן. ביי איר האָב איך בדעה געהאַט זיך צו פאַרהאַלטן ביזן אָוונט, כדי נישט דורכצוגיין אינמיטן טאָג דורך די הויפּטגאַסן פון שטאָט, ווו כ׳וואָלט געקאָנט צום לייכטסטן דערקענט ווערן. און אין אָוונט — ווייטער.

וואָס כ׳האָב געפילט דורכגנבענענדיק זיך דורך די גאַסן פון מיין געבוירנשטאָט, ווו ס׳האָט געוווינט מיין באָבע, ווו כ׳האָב געוווינט מיט מיינע עלטערן, וועל איך נישט אימשטאַנד זיין אויסצודריקן מיט ווערטער. מיט פאַרביסענע ליפּן, סטאַרנדיק זיך וואָס מער זיך אינערלעך באַהערשן, בין איך אַריבערגעגאַנגען די קראָסנער בריק און האָב זיך באַלד געפונען פאַר דעם הויז, צו וועלכן כ׳האָב זיך געלאָזט. די טיר האָט מיר געעפנט די באָבע, וועלכע האָט מיך נישט דערקענט. און אָט בין איך געשטאַנען אין צימער פון מיין חברטע האַנקאַ זשולקאָסיוונאַ. ס׳איז דאָ געווען אַ שרעקלעכע אומאָרדענונג. די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט געסטאַפּאָ דורכגעפירט ביי זיי אַ רעוויזיע.

נישט געקוקט דערויף וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין קריטישע מאַטעריעלע באַדינגונגען האָבן זיי מיר געגעבן אָפּצועסן. ס׳האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווו מיך באַהאַלטן. און ס׳איז באמת נישט געווען ווו. דאָס נידעריקע פאַרטערהייזל אָן שום צובויונגען האָט פאַר אַזאַ צוועק נישט געטויגט. ווייל מיר איז געגאַנגען בלויז וועגן איבערקומען דעם טאָג, האָב איך זיך פשוט געלייגט אונטערן בעט, איבערגעדעקט מיט אַ לאַנגער קאָלדרע.

אַרום האַלבן טאָג איז אין שטוב אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג. כ׳בין פאַרשטייפט געוואָרן פון פחד: זאָל דאָ פאָרקומען נאָכאַמאָל אַ רעוויזיע? האָב איך אַ רעכט צו שטעלן אין געפאַר די גאַנצע פאַמיליע? נאָך אַ לענגערע ווײַלע האָב איך זיך באַרויקט. כ׳האָב דערהערט אין שטוב האַנקעס און דער באָבעס שטימען: עפּעס אַ יונגע פרוי האָט דורך געכליפּעריי באַמיט זיך עפּעס צו דערציילן.

דאָס איז געווען יאַשיאַ אָרלאָווסקאַ, אויך מיינע אַ חברטע פון גימנאַזיע, וועלכע האָט לעצטנס געוווינט אין יאַנאָוואַ דאָלינאַ. פון אירע רייד, וועלכע איך האָב אויסגעהערט מיט שטאַרקער געריירטקייט, האָט זיך באַקומען, אַז פאָריקע נאַכט זענען אוקראַינישע באַנדעס אַריין קיין יאַנאָוואַ דאָלינאַ, ווו זיי האָבן אויסגעמאָרדעט די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג, פאַרברענט זייערע הייזער. יאַשיאַ אַליין האָט זיך דורך אַ נס געראַטעוועט און דערגרייכט קיין לויצק.

פון איר דערציילן איז אויך אויסגעקומען, אַז אַלע וועלדער אַרום זענען פאַרנומען דורך אוקראַינישע באַנדיטן, און איך האָב זיך דאָך געקליבן צו גיין אין יענע קאַנטן...

ס׳איז געקומען דער אָוונט און מיין צייט אַוועקצוגיין. געזעגנט האַרציק פון אַלע, מיט אַ פּאַפּירל, אַן אָפּשריפט פון אַ מעטריקע אויפן נאָמען פון גענאָוועפאַ באַביצקאַ, וואָס האַנעטשקאַ האָט מיר געגעבן, האָב איך זיך געלאָזט אין ווייטערן וועג. (די דאָזיקע מעטריקע האָט צום באַדויערן נישט געקאָנט פאַרטרעטן די פאַרפליכטנדיקע קען־קאַרטע). די שטאָט בין איך פאַרבייגעגאַנגען גליקלעך, פון קיינעם נישט באַמערקט, און אַרויפגעקומען אויפן קיווערצער שאָסיי. כ׳האָב געמוזט גיין פאַרביי דעם בנין פון דער אַמאָליקער רעמ־באַזע, ווו ס׳האָבן סטאַציאָנירט דייטשן און אוקראַינער. איך האָב זיך פאַר דעם זייער געשראָקן.

אין די בלוטיקע ציין פון די וועלף

מיינע פּחדים האָבן זיך צום באַדויערן פאַרווירקלעכט. גייענדיק פאַרביי דער רעמ־באַזע האָט מען מיך פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט אויפן פּאָליציי־פּאָסטן. בעת איך בין געגאַנגען מיט דער לופּע אויף די פּלייצעס איז מיר געקומען אַ געדאַנק אויפן זינען, איך זאָל זיך אָנגעבן פאַר אַ פּליטה פון יאַנאָוואַ דאָלינאַ. די אוקראַינער האָבן מיר אָבער נישט געגלייבט, הגם איך האָב גענוי געוווּסט די גאַנצע געשיכטע יאַשיאַס, וואָס איך האָב געהערט אונטערן בעט.

דריי טעג האָט מען מיך כסדר שרעקלעך געשלאָגן, אָננעמענדיק מיך פאַר אַ שפּיאָן. אויפן פערטן טאָג גאַנץ פרי האָט מען מיך אַרויסגעפירט אומצוברענגען. כ׳בין געווען זיכער, אַז דאָס מאָל איז שוין דער סוף. פונדעסטוועגן האָב איך, גייענדיק מיטן לעצטן וועג, געהאַלטן אין איין שרייען, אַז איך בין אומשולדיק.

מיטאַמאָל איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ דייטשער אָפיצער, האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן די אוקראַינער, ווער איך בין. ווען ער האָט דערהערט וועגן יאַנאָוואַ דאָלינאַ, האָט ער מיך געפרעגט, צי איך פאַרשטיי דייטש. כ׳האָב נאַטירלעך געענטפערט, אַז נישט. דעמאָלט האָט דער דייטש באַפוילן אַן אוקראַינער ער זאָל אים איבערזעצן מיינע דערקלערונגען. ווען יענער האָט פאַרענדיקט, האָט ער מיך באַפוילן גיין נאָך זיך. אַ פאַרטעמפּטע, האָב איך נישט באַנומען וואָס מיט מיר קומט פאָר. און אָט האָב איך זיך געפונען פאַר אַן איינפאָר־טויער. דער דייטש, וועלכער איז געגאַנגען פאָרויס, האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, אַ ריטש געטאָן: „לאָוס!" און מיך אַזוי שטאַרק אַ בריקע געטאָן אַז כ׳האָב זיך מיטאַמאָל געפונען אויף דער צווייטער זייט שאָסיי אין ראָוו.

איך האָב מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שרעקלעך בילד. אינגאַנצן אין בלויע סיניאַקעס פון די קלעפּ, אַ צעווייטיקטע, מיט אָפּגעפרוירענע פיס, בין איך נישט געווען אימשטאַנד זיך צו האַלטן אויף די פיס. בין איך געזעסן אין ראָוו, סטאַרענדיק זיך צו באַרויקן זיך נאָך די איבערלעבענישן פון די לעצטע שעהן. כ׳האָב זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז מיין לעבן האָבן דאָס מאָל אָפּגעראַטעוועט די געשעענישן, וועלכע כ׳האָב געהערט ליגנדיק ביי האַנקען אונטערן בעט. (וואָרשיינלעך איז דאָס געווען איינער פון יענע דייטשן, וועלכע זענען געווען אין יאַנאָוואַ דאָלינאַ. לויט יאַשיאַס דערציילן האָבן די דאָזיקע דייטשן דערלויבט די אוקראַינער די גאַנצע נאַכט צו מאָרדן אויף אַ בעסטיאַלן אופן די פּוילישע באַפעלקערונג. ערשט אינדערפרי האָבן זיי באַפוילן די באַנדיטן זיך צוריק צו ציען).

איך בין געגאָוועפאַ באַביצקאַ פון יאַנאָוואַ דאָלינאַ

מיטן שאָסיי זענען אָנגעקומען פורן. ווילנדיק וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פון דער דאָזיקער באַנדיטן־נעסט, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און געבעטן, מען זאָל מיך מיטנעמען קיין קיווערצע. עטלעכע פורמאַנעס, זעענדיק מיין אויסזען, האָבן

זיך בכלל נישט פאַרהאַלטן. אין אַ שטיקל צייט שפּעטער איז ווידער אָנגעפאָרן אַ פור, וועלכע האָט זיך אויף מיין בקשה פאַרהאַלטן און מיך מיטגענומען. פון דעם מאָמענט אָן האָב איך באַשלאָסן צו זיין גענעאָוועפאַ באַביצקאַ פון יאַנאָוואַ דאָלינאַ.

אין קיווערצע האָב איך לפנים געבעטן די מענטשן, וואָס האָבן מיך געבראַכט, זיי זאָלן אויפזוכן מיינע בלומרשטע קרובים, וואָס טראָגן די זעלבע פאַמיליע. אַזעלכע האָבן זיך צום גליק נישט אָפּגעזוכט, און זיי האָבן מיך דעריבער איבערגעלאָזט ביי זיך, איך זאָל אַ ביסל צו זיך קומען.

דאָס זענען געווען פשוטע, אָרנטלעכע מענטשן. איך בין פונדעסטוועגן געווען זייער אומרויק. אַ סך פון די קיווערצער האָבן געלערנט צוזאַמען מיט מיר אין גימנאַזיע. כ׳האָב געקאָנט יעדע וויל דערקענט ווערן, און רירן זיך פון אָרט האָב איך נישט געקאָנט. די פוס־זוילן, פריער שוין פאַרהיילטע, האָבן מיר ווידער פאַרשאַפט יסורים, אַז כ׳האָב נישט געקאָנט גיין. צום שטאַרקסטן פלעג איך זיך שרעקן פאַר די נעכט. איך פלעג זיך שרעקלעך וואַרפן אין שלאָף, שרייען און בין נאָכאַנאַנד געווען אין פחד, צי וועל איך זיך נישט מיט עפּעס פאַרראַטן.

אַרום אונדז האָט געברויזט. פון דער גאַנצער געגנט האָבן קיין קיווערצע געצויגן פּאָליאַקן, אַנטלויפנדיק פאַר די באַנדעס באַנדעראָווצעס און אַנדערע גאָרגלשניידערס. צו די מענטשן, וועלכע האָבן מיך צוגענומען, איז געקומען צו פאָרן אַ גרויסע משפחה. ס׳איז געוואָרן ענג. כ׳האָב געמוזט עפּעס טאָן מיט זיך. וועגן גיין אין וואַלד האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. אַרום האָבן גראַסירט אוקראַינישע באַנדעס, איבערשטייגנדיק מיט זייערע באַרבאַרישע מעשים זייערע אָפּעקונעס די דייטשן. כדי זיך צו דערווייטערן פאַר יעדן פּרייז פון קיווערצע, האָב איך באַשלאָסן צו גיין אויפן פונקט, ווו מען ווערבירט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. ס׳איז מיר קודם־כל געגאַנגען אין באַקומען אַ וועלכן עס־איז פּאַפּירל, וואָס זאָל מיר געבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן. און אַזוי האָב איך טאַקע געגאַנגען אויפן רעגיסטריר־פונקט.

מאַריאַ רעצעפּטאָר
געפאַלן אין שלאַכט קעגן
די אוקראַינישע באַנדיטן

צו מיין גליק איז די רעגיסטראַציע פאָרגעקומען אין אַ פּאַרטער־בנין. די ביזאַנטיקע פּאַסירונגען האָבן מיך אויסגעלערנט צו זיין פאָרזיכטיק. פאַרן אַריינגיין אינעווייניק האָב איך אַריינגעקוקט דורך אַ שויב. ביים רעגיסטריר־טיש איז געזעסן מיינע אַ באַקאַנטע מיידל, וועלכער כ׳האָב אַמאָל געגעבן לעקציעס. כ׳האָב זיך גלייך צוריקגעכאַפּט. אין שטוב האָב איך געזאָגט, אַז מ׳האָט מיך אויסגעבראַקירט צוליב די פיס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיר פאָרגעלייגט אַרבעט ביי מענטשן, וועלכע האָבן געוווינט אין עק שטאָט. כ׳האָב דערויף גלייך מסכים געווען.

כ׳האָב געאַרבעט זייער שווער. די פאַמיליע, ביי וועלכער כ׳בין געווען, האָט געציילט פערצן פּערזאָן. די ווירטשאַפט איז געווען אַ גרויסע. אַ גאָרטן, קי, חזירים, אַ סך עופות. דאָס אַלץ האָב איך געדאַרפט כמעט אַליין באַאַרבעטן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז כ׳פאַרשטיי זיך אויף דעם אַלץ. ס׳זענען מיר זייערע צונויף געקומען די ווירטשאַפטלעכע קענטעניש, וואָס כ׳האָב זיך דערוואָרבן ביי די מאַלאַקס. וואָס אָן אמת, בין איך די ערשטע צייט אַרומגעגאַנגען מיט אויסגעסיניאַקטע פיס, ווייל אויף אַזאַ אופן האָבן די קי אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט מיט מיין מעלקן. כ׳האָב זיך אָבער זייער שנעל אַלץ אויסגעלערנט. זייענדיק אויפן געביט פון דער ווירטשאַפט, האָב איך זיך געפילט פאַרהעלטנישמעסיק זיכער. כ׳האָב אָבער געמוזט טאָגטעגלעך אַוועקטראָגן די מילך אויפן אָפּנעם־פונקט. דאָס איז געווען פאַר מיר געפערלעך. נישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, פלעג איך זיך באַמיען צו קומען די ערשטע.

כ׳האָב זיך דעמאָלט געפילט שוין פיזיש געזונט. מוט אויסצוהאַלטן האָבן מיר געגעבן די אַלץ בעסערע ידיעות פון פראָנט. אפילו די ידיעות פון די דייטשע צייטונגען, וועלכע כ׳פלעג בגנבה אַרויסטראָגן פון שטוב און לייענען, האָבן דערציילט וועגן דעם, אַז די סיטואַציע אויפן פראָנט איז אַלעמאָל ערגער. די האָפענונג אויף דער באַפרייונג איז געוואָרן אַלץ רעאַלער. די דייטשן, צעיושעטע צוליב די אומדערפאָלגן אויפן פראָנט, האָבן חרוב געמאַכט און אויסגעמאָרדעט גאַנצע דערפער. ס׳האָבן אָנגעהויבן דערגיין צו אונדז ידיעות, אַז אין די וועלדער מאָרדעוועט מען שוין אויך דייטשן. ס׳האָבן אויפגעלעבט מיינע האָפענונגען אָנצוטרעפן אויף אַ וועלכן „אייגענעם״ פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל.

אין צווישנצייט איז דער טעראָר פון די דייטשן געוואַקסן מיט יעדן טאָג. צום קאַמף מיט די פּאַרטיזאַנער זענען געבראַכט געוואָרן ספּעציעלע אונגאַרישע אָפּטיילן.

קיין קיווערצע איז געקומען צו פאָרן די הויפּט־שטראָף־עקספּעדיציע פון די עסעסלייט, וועלכע האָבן אָפּגענומען פאַר זיך דעם שול־בנין אַנטקעגן דעם הויז, ווו איך האָב זיך געפונען. דאָס געשריי און די קרעכצן פון די געפּייניקטע און געמאָרדעטע מענטשן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון קעגנאיבער, האָט קיין רו נישט געגעבן.

נישט געקוקט דערויף פלעגן די שטראָף־עקספּעדיציעס זיך אומקערן פון די וועלדער צעשאַטקעוועטע. דער וואַלד האָט זיך דערשראָקן פאַר די רעפּרעסיעס פון דעם מערדערישן שונא.

אין איינעם פון יענע טעג האָב איך, ברענגענדיק מילך אויפן פונקט, דערשפּירט, אַז עמעץ קוקט זיך צו צו מיר אויפמערקזאַם. כ׳האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך באַגעגנט מיטן בליק פון אַ מיר באַקאַנטער שילערין פון אונדזער גימנאַזיע, די טאָכטער פונעם דייטשן בירגערמייסטער אין קיווערצע. בין איך הייסט עס דערקענט געוואָרן. כ׳בין גלייך אַוועק פונעם פונקט. כ׳האָב געמוזט אַנטלויפן. מיט דער מילך־באַנקע, אָט אַזוי ווי כ׳בין געשטאַנען, האָב איך, אַנשטאָט צו גיין אין שטאָט, זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון נאָענטן וואַלד.

אויף אַ פּוילישן קאַמפּספּונקט

דעם גאַנצן טאָג בין איך, נישט פאַרהאַלטנדיק זיך אין ערגעץ, געגאַנגען פאָרויס, כדי וואָס ווייטער אַוועקצוגיין פון קיווערצע. כ׳האָב באַשלאָסן דערגיין צו אַן אָרט, ווו ס׳האָט

זיך וואַרשיינלעך געדאַרפט געפינען אַ פּוילישער קאַמפּס־פּונקט (דאָס איז געווען אַ זעלבשוץ קעגן די באַנדעס; כ׳האָב וועגן דעם געהערט פון מיינע באַלעבאַטים). נישט קענענדיק דעם וועג, בין איך ביז אין שפּעטן אָוונט געגאַנגען פאַרויס. ווען כ׳האָב שוין ענדלעך אַ טראַכט געטאָן זיך צוצוזעצן און אָפּאָטעמען אַ ביסל, האָב איך דערזען פאַר זיך בלינצלדיקע פייערלעך פון עפּעס אַ דאָרף. ס׳איז שוין געווען שפּעטער האַרבסט. הונגער און קעלט האָבן מיך אָנגעהויבן פּייניקן. כ׳האָב באַשלאָסן אַריינצוגיין אין דאָרף.

ווען כ׳בין אַריינגעקומען אין דער ערשטער כאַטע און געבעטן אַ טרונק, האָט מען מיך אַ פרעג געטאָן, צי בין איך נישט צופעליק פון דעם „קאַמפּספּונקט". פון די אויגן פון די מענטשן, וועלכע האָבן מיר געשטעלט די פראַגע, האָט אַרויסגעקוקט מילדקייט, האָב איך דעריבער געענטפערט באַשטעטיקנדיק. דעמאָלט האָט מען מיר געגעבן אָפּצועסן און אַ שפּייזפּעקל אויפן וועג, און ווען איך האָב זיך אינדערפרי געקליבן אַוועקצוגיין, האָט מען מיך צוריקגערופן פון דער טיר און בסוד געהייסן איבערגעבן אויפן „קאַמפּספּונקט" אַ ידיעה.

פון אַ שמועס, וואָס זיי האָבן אונטערגעהערט, האָט אַרויסגעדרונגען, אַז די אוקראַינער גרייטן זיך צו אַ לעצטן אָפּרעכענונג מיט דעם „קאַמפּספּונקט", ווייל דער „קאַמפּספּונקט" העלפט די רויטע פאַרטיזאַנער.

באַמיענדיק זיך וואָס שטאַרקער צו באַהאַלטן מיין פרייד צוליב דער ידיעה וועגן די „אייגענע", האָב איך געדאַנקט פאַר דער ידיעה.

מען האָט מיר נאָך געגעבן אונטער מיין השגחה אַ צענעיעריק מיידעלע, וואָס איר טאַטע האָט זיך געפונען אויף דעם „קאַמפּספּונקט", זי זאָל אים אַוועקטראָגן פּראָוויאַנט. דאָס מיידעלע האָט געקענט דעם וועג אויסגעצייכנט און, פאַרשטייט זיך, אַז נישט איך זי, נאָר זי מיך האָט געבראַכט אויפן „קאַמפּספּונקט".

כ׳האָב דאָרט געטראָפן אַ גרויסע אויפרודערונג. ס׳האָט עמעצער שוין פאַר מיר איבערגעגעבן וועגן דעם איבערפאַל, וואָס ווערט צוגעגרייט. איך האָב באַשטעטיקט די ידיעה. מיט מיר זיך פאַרנעמען האָט קיינער קיין צייט נישט געהאַט. ס׳איז געוואָרן נאַכט. דער „קאַמפּספּונקט" האָט אַרויסגעשטעלט וואַךפּאָסטנס.

כ׳בין פאַרבליבן אויפן „קאַמפּספּונקט", ווי אַ פּליטה פון יאַנאָוואַ. פונדעסטוועגן האָב איך נאָך אַלץ געטרוימט וועגן דערגרייכן וואָס שנעלער צו דער פאַרטיזאַנקע. כ׳האָב געלעבט אויסשליסלעך מיט אָט דעם געדאַנק. מיין אומטעטיקייט האָט מיר קיין רו נישט געגעבן. סטייטש, איך לעב, און ביז היינט בין איך נישט אינשטאַנד כאָטש אַ קליין ביסעלע נקמה צו נעמען פונעם שונא פאַר דעם אומשולדיקן בלוט און דעם באַרבאַריזם, פאַר די בעסטאַלישקייטן און די קריוודעס. פאַר דער דאָזיקער צייט האָב איך קיין איין רגע נישט געטראַכט, אַז כ׳וועל איבערלעבן די שרעקלעכע צייט. כ׳האָב נאָר הייס באַגערט צו שטאַרבן מיט כבוד, מיטן באַוווסטזיין, אַז כאָטש אין אַ מינימאַלער מאָס האָב איך אָפּגעצאָלט דעם שונא.

און דערווייל איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג. אויפן „קאַמפּספּונקט" קומען פאַר בסדר אַליאַרמען. אוקראַאינישע באַנדעס האָבן אָן אויפהער באַרויבט די געגנטן, צוגענומען די לעצטע שפּייז ביי דער פרידלעכער באַפעלקערונג. קיינער איז שוין נישט זיכער געווען מיטן לעבן.

וועגן דער סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנקע זענען געווען פאַרשידענע ידיעות. טייל האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען טעטיק אין די סאַרנער קאַנטן, אַנדערע — אַז זיי זענען נענטער צו אונדז. כ׳האָב געלעבט אין כסדרדיקן דערוואַרטונג.

מיין באַגערטע מינוט איז געקומען. נאָך דעם ווי דער „קאַמפּספּונקט" האָט זיך עטלעכע טעג אָפּגעשאָסן פון די אוקראַאינישע באַנדעס, באַנדעראָווצעס; ווען אַלע האָבן געטראַכט, אַז דאָס מאָל וועלן מיר שוין אומקומען פון די הענט פון די באַנדיטן, וועלכע האָבן געהאַט גרויסע זאַפּאַסן אַמוניציע, איז פּלוצעם שטיל געוואָרן. די באַנדיטן, ווי פּלוצעם זיי זענען געקומען, זענען זיי אויך פאַרשוווּנדן פון די וועלדער.

מיט אַ טאָג פריער איז איבער דער געגנט אַריבער אַ שטורעם. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, דער שטאַרקער רעגן האָט נאָך געגאָסן. מיטאַמאָל האָב איך אין מיטן רוישן פון רעגן דערהערט אַ טויב קלאַפּן פון פורן, וואָס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. אין אַ שטיקל צייט אַרום זענען פון דער ריכטונג פון וואַלד מיט אַ שטאַרקער שנעלקייט אַריינגעפאָרן אין דאָרף עטלעכע פורן. די איינצלנע שאָסן פון אונדזער וואַך זענען פּלוצעם אַנטשוויגן געוואָרן. כ׳בין אַרויסגעלאָפן צוזאַמען מיט די שטוביקע אויף דער גאַס. אין דער פינצטער איז נישט מעגלעך געווען די מענטשן צו דערקענען. פון אַ נישט ווייטער כאַטע האָט זיך געהערט אַ הויך געשפּרעך, עמעצנס אַ געוויין. מיר זענען געווען פולשטענדיק דעזאָריענטירט. פאַרוואָס שיסן זיי נישט? אויף וואָס פאַר אַן אופן געפינען זיי זיך צווישן אונדז? מיר זענען געלאָפן אין יענער ריכטונג און אָט איז פאַר מיינע אויגן געשטאַנען אַזאַ בילד: עטלעכע באַוואָפנטע לייט מיט רויטע שטערן אויף די היטלען האָבן אַרויסגעטראָגן פון אַ כאַטע אַ פולן זאַק מעל. אין דער נאָענט זענען געשטאַנען עטלעכע פורן, געהיט פון אַ צוויי צענדליק מענטשן. כ׳בין געווען אַזוי מבולבל, אַז כ׳האָב נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך קיין וואָרט. זאָלן דאָס ווירקלעך זיין רויטע פּאַרטיזאַנער? כ׳בין צוגעפאַלן צו איינעם פון די באַוואָפנטע. כ׳האָב אים אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל מיר דערלויבן גיין מיט זיי. כ׳האָב געזאָגט, אַז שוין אַ יאָר צייט ווי איך האָב געטרוימט זיך צו באַגעגענען מיט זיי. צום באַדויערן, ער האָט מיך בלויז אויסגעהערט און געענטפערט: „כ׳וועל מעלדן ווו מען דאַרף".

אויף די פראַגעס פון מענטשן, ווו זיי געפינען זיך? ווי ווייט איז דער פראָנט? האָבן זיי געענטפערט, אַז אונדזער באַפרייונג וועט קומען גיכער ווי מיר דערוואַרטן.

נאָך אַ קורצער צייט זענען די פורן פון די פאַרטיזאַנער געווען אָנגעפּאַקט מיט פּראָוויאַנט און היי פאַר די פערד, און די לייט זענען מיט די ווערטער „איר וועט שוין לאַנג נישט וואַרטן" אָפּגעפאָרן.

אויפן „קאַמפּספּונקט" האָט עס גענומען קאָכן. דער פאַקט וואָס די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנקע געפינט זיך שוין אויף אונדזער געביט האָט אַלעמען צוגעגעבן כוחות צו ווייטערדיקן אויסדויער. ס׳איז אויפגעקומען אין מיר אַ נייע האָפענונג.

דער פראָנט האָט איינצווישנצייט זיך אַלץ מער דערנענטערט. אין די שלאָפלאָזע נעכט פלעג איך זיך איינהאָרכן אין דעם טויבן ברום פון די האַרמאַטן, וואָס האָבן געטראָגן פאַר

מיר די פרייהייט. מיין אומטעטיקייט אין יענע טעג איז פאַר מיר געוואָרן נישט איבערצוטראָגן. ס׳האָט מיך נישט באַרויקט אַפילו די שווערע פיזישע אַרבעט אין דער ווירטשאַפט ביי די מענטשן, וואָס האָבן מיך צוגענומען. כ׳האָב געלעבט מיט איין געדאַנק: „ווען וועלן זיי קומען נאָכאַמאָל?״ יעדער טאָג איז געווען פאַר מיר אַן אייביקייט. וועגן רירן זיך פון „קאַמפּספּונקט״ האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. אַרום האָבן גראַסירט באַנדעס באַנדעראָווצעס, צעיושעטע צוליבן אומדערפאָלג פון זייער הויפּט־פאַרבינדעטן, היטלערן, פון וועלכן זיי האָבן אַזויפיל דערוואַרט... די פאַרביטערונג צוליב די פאַרלוירענע האָפענונגען האָבן זיי אויסגעלאַדעוועט אין גוואַלדטאַטן איבער דער פריידלעכער באַפעלקערונג.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען, אויסנוצנדיק די נאַכטפינצטערניש, אַריינגעפאַלן אין דאָרף עטלעכע באַוואָפנטע רייטער. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי אַ וואַך, וועלכע האָט זיי פאַרבייגעלאָזט, אָנגעטרונקען ביי אַ ברונעם די פערד. אַרום זיי האָבן זיך גענומען זאַמלען מענטשן. און אָט האָט איינער פון זיי אַ פרעג געטאָן, צי איז צופעליק נישטאָ אין דאָרף אַ מענטש, וועלכער קען גוט לויצק. כ׳בין געבליבן טויט פונעם איינדרוק. זיך סטאַרענדיק צו באַהערשן, בין איך צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז איך קען גוט לויצק. מען האָט מיר געשטעלט עטלעכע פראַגעס וועגן דער טאָפּאָגראַפיע פון לויצק, און ווייל מיינע ענטפערס זענען געווען ריכטיקע, האָבן די פּאַרטיזאַנער געהייסן מיר זיך געזעגענען מיט דער שטוב, ווייל — ווי זיי האָבן געזאָגט — זיי פאַרנעמען מיך אויף עטלעכע טעג. ווי גרויס איז געווען זייער פאַרוווּנדערונג, אַז אָנשטאָט אַ ווידערשטאַנד האָב איך גאָר אַרויסגעוויזן צוליב דעם גרויסע פרייד. אויף אויפקלערונגען איז קיין צייט נישט געווען. אָט אַזוי ווי כ׳בין געשטאַנען, בין איך אַוועק מיט זיי.

מיט די פּאַרטיזאַנער אין באַפרייטן לויצק

הינטערן דאָרף האָט אויף די פּאַרטיזאַנער געוואַרט אַ פור. ווען כ׳האָב זיך אַריינגעזעצט אין איר, האָט מען מיר פאַרבונדן די אויגן, און די פערד האָבן גערירט. מיר זענען געפאָרן זייער לאַנג. ווען מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן און מען האָט מיר אויפגעבונדן די אויגן, איז שוין געווען פולשטענדיק ליכטיק. איך האָב זיך געפונען אין אַ וואַלד־געדיכטעניש. דאָ און דאָרט האָט זיך פון אונטער דער ערד אַרויסבאַקומען שמאָלע פאַסמעלעך רויך, אַ סימן, אַז אונטער דער ערד געפינען זיך מענטשן.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַן אונטערערדישן בונקער. הינטער אַ פּראָוויזאָרישן טיש זענען געזעסן עטלעכע פּאַרשוין. איינער פון זיי איז צו מיר צוגעגאַנגען, האָט מיך געפרעגט פון וואַנען איך בין. מיינע אין אָנהייב קאַרגע תשובות האָבן זיך אין קורצן פאַרוואַנדלט אין אַ שטראָם פון ווערטער. די ביישטייטיקע האָבן מיך אויסגעהערט אויפמערקזאַם.

מיין איינציקער באַגער פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין וואָגל איז דאָך געווען — נישט אונטערגעבן זיך דעם שונא, און אויב אומקומען, איז אין קאַמף. האָב איך דעריבער געבעטן די מענטשן אין בונקער, זיי זאָלן מיר דערלויבן צו בלייבן מיט זיי. נאָכן אויסהערן מיך האָט מען מיך געהייסן אַרויסגיין.

כ׳האָב באַקומען די ערשטע פּאַרטיזאַנישע זופּ. די דאָזיקע רגעס וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ס׳האָט זיך דאָך געוויגן דער גורל פון מיין לעבן. אָדער זיי וועלן מיר גלייבן און כ׳וועל בלייבן מיט זיי, אָדער... זיי וועלן מיר ווידער פאַרבינדן די אויגן און צוריק צושטעלן אויפן „קאַמפּספּונקט״. אָט דאָס לעצטע איז געווען פאַר מיר דאָס שרעקלעכסטע. אָפּוואַרטן פּאַסיוו, כדי פריער אָדער שפּעטער אומקומען פון אַ צופעליקער קויל פון אַ באַנדיט — דער געדאַנק איז געווען פאַר מיר אומדערטרעגלעך.

נאָך גוטע עטלעכע שעה האָט מען מיך ווידער אַריינגערופן אין בונקער און אַן דער מינדסטער הקדמה געפרעגט, צי וואָלט איך ריזיקירט זיך צו שטעלן אויף דער לויצקער באַן־סטאַציע אָבסערווירן געוויסע זאַכן. כ׳האָב מסכים געווען, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך. מער האָט מען מיר גאָרנישט נישט געזאָגט...

די אויפגאַבע, וואָס מען האָט פאַרגעבן מיר צוזאַמען מיט עטלעכע מיך באַגלייטנדיקע מיידלעך, האָבן מיר אויסגעפירט אין משך פון די קומענדיקע דריי טעג. דערנאָך האָב איך זיך אומגעקערט אויף דעם אָרט אין וואַלד, וואָס איז געווען פריער אָפּגערעדט, נישט ווייט פון יוליאַנע, פון וואַנען מיר זענען געפאָרן צום אָפּטייל (איך — מיט פאַרבונדענע אויגן).

פון דעם מאָמענט אָן האָב איך אָנגעהויבן לעבן. כ׳האָב זיך געפונען אין איינער פון די גרופּעס פונעם אָפּטייל, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט דער באַרימטער דימיטרי מעדוויעדיעוו. דאָס באַוווּסטזיין, אַז ענדלעך האָב איך פאַרענדיקט מיטן פּאַסיוון צוקוקן זיך צום שונאס גרוילטאַטן, האָט פאַרגרעסערט מיינע כוחות. איך האָב איינע פון נישט קיין סך אויסגעמיטן דעם טיפוס, וועלכער האָט זיך אונדז שטאַרק געגעבן צו פילן.

מאָראַליש איז מיר פונדעסטוועגן נישט לייכט געווען. ס׳האָבן זיך געפונען אין דער גרופּע אַזעלכע, וועלכע פלעגן מיר זאָגן: „יידן קאָנען נישט זיין קיין אמתע פּאַרטיזאַנער״. זיי האָבן געגעבן אָנצוגעהערן, אַז איך בין נאָר דערפאַר דאָ, ווייל זיי זענען שטאַרקע, אָבער איך האָב מורא פאַר דער אייגענער פעל אא״וו.

איך האָב צוליב דעם זייער געליטן. דאָס גליק האָט מיר אָבער צוגעשפּילט. דער סאָוויעטישער פראָנט, דאָס רעגולערע מיליטער האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער דערנענטערט. דער אָפּטייל האָט באַקומען אַלץ מער אויפגאַבעס פון דער „גרויסער ערד״. מיין קענען דעם געביט און די שפּראַך און דאָס „גוטע אויסזען״ זענען צונוץ געקומען. נאָך יעדנמאָליקן אויספירן די מיר אָנגעטרויטע אויפגאַבע, בין איך געווען אַלעמאָל אַ גליקלעכערע. כ׳האָב געהאַט צוליב וואָס צו לעבן.

אַזוי זענען אַריבער די טעג. ס׳איז געקומען דער טאָג, ווען מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אויסשפּיר־גרופּע פון דער רעגולערער סאָוויעטישער אַרמיי. מיט אָט דער אויסשפּיר־גרופּע האָבן מיר פאַרנומען קיווערצע, דאָס זעלבע קיווערצע, פון וועלכן כ׳בין אַנטלאָפן.

איך האָב געאַרבעט ווי אַ סאַניטאַרין אין „מעדסאַנבאַט״. פאַרן „סאַנבאַט״ האָבן מיר אָפּגעגעבן דעם בנין, אין וועלכן ס׳האָט פריער סטאַציאָנירט אַן עסעס־איינהייט, דערנאָך די

אונגאַרן (די פאַררעטעטער פון האָרטיס חדר, וועלכע האָבן זיך צוגעדינט די דייטשן; די דייטשן האָבן זיי געשיקט די ערשטע צו ליקווידירן די פאַרטיזאַנער אין די וועלדער, פון וועלכע זיי פלעגן זיך אומקערן בוכשטעבלעך צעשאַטקעוועטע).

ס'זענען געגאַנגען די שלאַכטן פאַר לויצק.

דעם 2־טן פעברואַר 1944 בין איך מיטן סאַניטאַר־וואָגן אַריינגעפאָרן צום ערשטן מאָל אין דעם שוין באַפרייטן לויצק.

✶

פאָסט סקריפטום: דער אין אָנהייב דערמאָנטער דראָביטקאַ, איינער פון די אָנפירער פון די אוקראַאינישע באַנדיטן, וועלכע האָבן געמאָרדעט די לויצקער יידן, איז נאָך דער מלחמה דערקענט געוואָרן, און אַ סאָוויעטיש מיליטער־געריכט אין לויצק האָט אים פאַראורטיילט אויף 25 יאָר תפיסה. אין דאָזיקן פּראָצעס האָב איך זיך באַטייליקט אַלס עדות.

1960

א. לוצקי

מענטש און חיה

פאַרטיליקט אַ טיגער אַ טיגער?
ניין.
פאַרצוקט אַ לעמפערט אַ לעמפערט?
ניין.
צערייסט אַ לייב אַ לייב?
ניין.
טוט דאָס אַ מענטש? — יאָ.

יאָגן זיך צונויף מיליאָנען לייבן,
און טויטן אוים מיליאָנען לייבן?
ניין.
טוען דאָס מענטשן?
יאָ.

מיליאָנען מענטשן יאָגן זיך צוזאַמען
און טויטן אוים מיליאָנען מענטשן.
אַ פאָלק צעשיסט זיין אייגן פאָלק.
אַ פאָלק פאַרוויסט זיין אייגן לאַנד.

מענטש און חיה,
ווער פון זיי,
די ביידע צוויי,
איז ווילדער?...

ווער פון זיי,
די ביידע צוויי,
דאַרף הייסן מענטש?

דויטשע ווערקשטעטע אין לויצק

גבית־עדות פון מאיר רויטמאַן

...דעם 19.10.1941 איז דורך דעם אויבערשאַרפירער ס.ס.־מאַן פייערטאַג און שאַרפירער הינקע געשאַפן געוואָרן אַ יידישער לאַגער, פון פאַרשידענע פאַכלייט, מיטן נאָמען דויטשע ווערקשטעטע אין לוצק. עס האָבן געאַרבעט ביי אַ 450 מאַן פון פאַרשידענע פאַכן, ביי שלעכטע און נידעריקע לעבנס־באַדינגונגען, ווי: אַרבעטן אונטער קלעפּ פון אוקראַינער און דייטשן, שלאָפן אין נאַסע קאַלטע באַראַקן, שלעכטע באַשפּייזונג. אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר האָט מען געשאַפן אַ געטאָ, וואָס האָט זיך געצויגן פון באַזיליאַנסקע־בריק ביז נידעווער בריק. די יידן, סיי מענער סיי פרויען, אָנהייבנדיק פון 10 יאָר, האָבן געמוזט גיין צו אַלע שווערסטע אַרבעטן. פאַר מיטנעמען פון דער אַרבעט עפּעס מיט זיך אין געטאָ אַריין, אַ ביסל האָלץ־אָפּפאַל, עפּעס אָפּצוקאָכן, האָט מען 9 יידן דערשאָסן. אַלע האָבן געמוזט טראָגן געלע לאַטעס. פאַר נישט טראָגן די געלע לאַטע אין גאַס האָט מען באַצאָלט מיטן לעבן.

דעם 19.8.1942 איז דאָס געטאָ באַלאַגערט געוואָרן דורך אוקראַינער מערדער און דייטשן. די יידן האָט מען אָנגעהויבן פונאַנדערטיילן אין צוויי טיילן — אַרבעטנדיקע אין נישט־אַרבעטנדיקע. נאָכהער האָבן זיי די מענטשן געטריבן אין לאַסט־אויטאָס, פאַרויס די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך געפונען באַזונדער אין שלאָס, נאָכהער אַלע איבעריקע יידן. די יידן האָט מען אַוועקגעפירט 6 קלמ. הינטער דער שטאָט אין אַ וועלדל, ביים דאָרף גורקע־פּאָלאָנקע, צו פאָראויס צוגעגרייטע גריבער, ווו מען האָט פון זיי אַראָפּגעצויגן דאָס אָנטאָן (מלבושים) און פּלאַנמעסיק דערשאָסן — מענער אין באַזונדערע גריבער און פרויען מיט קינדער אין באַזונדערע גריבער.

די ערשטע צוויי טעג פון דער שחיטה האָט מען דער־מאָרדעט איבער 14,000 יידן.

אין משך פון אַ קנאַפּן מאָנאַט האָט מען נאָך אויפגעזוכט ביז 4,000 יידן, וואָס זענען געווען אויסבאַהאַלטן אין בונקערס, אָדער אַנטלאָפן פון דער שטאָט, און זיי דערמאָרדעט.

נאָכהער האָט מען די לאַגער־יידן געטריבן אין געטאָ אַריין, זיי זאָלן צונויפזאַמלען דאָס האָב־און־גוטס פון די יידישע וווינונגען.

קומענדיק אין געטאָ האָבן די לאַגער־יידן געפונען אין אַ בונקער 100 יידן, מענער און פרויען, מער טויט ווי לעבע־דיק, אויסגעשעפּט פון הונגער, דורשט און שרעק. מען האָט די יידן מיטגענומען בגנבה אין לאַגער און זיי נאָכהער לעגאַ־ליזירט אַלס לאַגער־אַרבעטער. לאַנג האָט עס נישט געדויערט. דער געביטס־קאָמיסאַר לינדנער און זיין געהילף־פאַרטרעטער גליק האָבן געמאַכט אַ רעגיסטראַציע אין לאַגער, און ביי אַ 100 מאַן, צוזאַמען מיט אַ גרופּע דאָקטוירים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, דערשאָסן.

אין לאַגער זענען פאַרבליבן 400 יידן שטאַרק פאַרצווייפלט, וועלכע האָבן געזוכט אַ וועג צום אַנטלויפן, כאָטש דער לאַגער־פירער וויבער האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז אונדז וועט גאָר־נישט געשען.

די אַטמאָספערע איז געווען זייער אַ שלעכטע פאַר אונדז. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט מיט גאָרנישט געוואָלט אונדז העלפן צו ראַטעווען אַ יידן.

דעם 12.12.1942 ביינאַכט איז דער לאַגער אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גרויסער צאָל רוצחים אוקראַינער און געסטאַפּאָ. בייטאָג האָבן זיי געוואָלט נעמען די אַלע יידן און אַוועקפירן אויף דעם געוויסן אָרט. דאַן האָבן די יידן פאַרבאַריקאַדירט די טירן און נישט אַריינגעלאָזט קיינעם פון די מערדער אין בלאָק. איינער אַ סטאָלער, אַ געוויסער ברוינשטיין, האָט אַרויס־געשאָסן מיט אַ רעוואָלווער, כדי צו דערשיסן דעם אָנפירער פון די אַלע שחיטות, דעם ס.א.־מאַן גלוק. דאַן האָבן די מערדער געעפנט אַ פייער פון מאַשין־געווער און געוואָרפן גראַנאַטן אין די פענצטער און טירן. נישט האָבנדיק קיין אויסוועג, האָבן די יידן אַליין אונטערגעצונדן דעם בלאָק און דורך פאַרשידענע וועגן געלאָזט זיך לויפן דורך פענצטער, טירן, שטיגן צו די פאַרצוימונגען. אָבער צום באַדויערן איז נישט געלונגען דורך דעם האָגל קוילן און גראַנאַטן צו אַנט־לויפן. אַ גרויסער טייל אָבער איז געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט.

(פון „יד־ושם“־אַרכיוו)

באַסיע גאָטמאַן־פּיטליקאָווא / ווראָצלאַוו

אונטער דער דייטשער אקופּאציע

דעם 25.4.41 איז די שטאָט לויצק פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשע פאַשיסטן. גלייך פון די ערשטע טעג איז זייער הויפּטציל געווען אויסצוראָטן די יידישע באַפעלקערונג. זיי האָבן געשאַפן אַ יודענראַט, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צוצושטעלן אַלץ אויף דער פאָדערונג פונעם געביט־קאָמיסאַר. יידן האָבן געמוזט טראָגן אַ שאַנד־אָרעמבאַנד. דורך די הויפּט־גאַסן איז זיי נישט דערלויבט געווען צו גיין. אַלע האָבן געמוזט אַרבעטן פיזיש.

דעם 3.7.41 איז געווען אַ מעלדונג, אַז אַלע מענער פון 14 ביז 60 יאָר דאַרפן זיך שטעלן אין ליובאַרט־שלאָס, מיט־נעמענדיק מיט זיך אַ לאָפּעטע און עסן אויף איין טאָג. דעם טאָג זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער אַרבעט 3000 מאַן, דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס די שטאָט האָט פאַרמאָגט. קיינער האָט זיך פון דער „אַרבעט" נישט אומגעקערט. מען האָט אַלע דערמאָרדעט. צווישן זיי זענען געווען: אַדוואָקאַט פּרעטשעפּ, הערש־לייב גוראַלניק, משה שאַפּיר, חיים־איטשע וועוורי‌ק און פיל אַנדערע, וואָס זייערע פאַמיליעס קאָן איך זיך נישט דערמאָנען.

דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען הפקר. ס'איז געגנוג געווען, אַז אַ ייד אין גאַס זאָל נישט געפעלן ווערן אַן אַדורכגייענדיקן דייטש, ער זאָל גלייך אויפן אָרט ווערן דערשאָסן. אַזעלכע פאַלן זענען געווען פיל, ווייל פאַר שיסן אַ יידן איז נישט געקומען קיין שטראָף. האָט דער טויט געשוועבט פאַר די אויגן פון יעדן ייד. נישט געקוקט דערויף וואָס דער יודענראַט פלעגט צושטעלן פאַר די דייטשן אַלץ, פלעגן כסדר פאָרקומען רויבערייען, מען פלעגט זיך אַרייַנכאַפּן אין אַ יידיש הויז און עס פולשטענדיק אויסרוימען.

פאַר דעם קלענסטן ווידערשטאַנד פלעגט מען דערמאָרדן אויפן אָרט, אָדער פאַרנעמען אין „געסטאַפּאָ" און אומברחמנות־דיק פייניקן.

אָבער דאָס אַלץ איז נישט קיין פאַרגלייך מיט דעם שרעק־לעכן טאָג, דעם 10.7.41. פון 6 פרי האָט מען פון אַלע עקן שטאָט גענומען טרייבן די יידן פון די הייזער, נישט דער־לויבנדיק צו נעמען מיט זיך מער ווי דאָס וואָס מען קאָן טראָגן אין די הענט. מיר זענען אַלע געווען זיכער, אַז מען יאָגט אונדז שוין צום טויט. מען האָט אונדז אַרייַנגעטריבן אויף באַזיליאַנסקער פּלאַץ און געמאָלדן: יידן דאַרפן וווינען באַזונדער.

פאַר די יידן איז אַזוי אַרום געשאַפן געוואָרן דאָס „געטאָ", וואָס האָט זיך געצויגן פון באַזיליאַנסקער בריק ביז גנידעווו אײַנשליסלעך. די צום טויט דערשראָקענע יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אַ ביסל באַרויקט. דער טויט־אורטייל איז דערווייל אָפּגעלייגט געוואָרן, אָבער דאָס לעבן אין געטאָ איז געווען פיל שרעקלעכער. די שוידערלעכע וווינונגס־באַדינגונגען זענען נישט צום באַשרייבן. עס האָבן געוווינט פון 20 ביז 30 מענטשן אין אַ קליין צימערל. קיין באַהייצונג איז נישט געווען, און קיין מעגלעכקייט צו קויפן האָט מען אויך נישט געהאַט.

מיר זענען געווען אָפּגעשניטן פון דער לעבעדיקער וועלט. אַלץ איז געווען פאַר יידן פאַרבאָטן. צום אומגליק איז דער ווינטער געווען זייער אַ קאַלטער. עס זענען געווען פאַלן, ווען מען פלעגט טרעפן פאַרפרוירענע מאַמעס מיט זויג־קינדער ביי דער ברוסט, צווישן יענע, וועלכע האָבן געוווינט אין די קלייטן צוליב דער ענגשאַפט אין די וווינונגען. צוליב די שלעכטע היגיענישע באַדינגונגען איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע עפּי־דעמיע פון פלעק־טיפוס, וועלכע האָט איינגעשלונגען פיל קרבנות.

אין געטאָ איז דער שאַנד־אָרעמבאַנד פאַרביטן געוואָרן אויף דער געלער לאַטע, וועלכע מען האָט געטראָגן אויף דעם האַרץ און אויף דער פּלייצע. פאַר נישט טראָגן די געלע לאַטע איז געקומען טויט־שטראָף. אַזעלכע פאַלן זענען געווען פיל.

מיט דעם גאַנצן לעבן אין געטאָ האָט אָנגעפירט דער יודענראַט, וועלכער האָט זיך צו הילף געשאַפן אַ יידישע פּאָליציי. די אויפגאַבע פון יודענראַט מיט דער פּאָליציי איז געווען צו האַלטן אָרדענונג, צושטעלן טאָג־טעגלעך אַרבעטס־הענט, נישט דערלאָזן אַז יידן זאָלן נישט אַרבעטן, אָדער שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשע פאַראָרדענונגען.

אין שטענדיקער שרעק האָט מען אונדז געהאַלטן די גאַנצע צייט. יעדער איבערגעלעבטער טאָג איז געווען אַ געשענקטער, פאַר וועלכן מען האָט געמוזט צאָלן מיט פאַרשידענע פּרייזן. יעדע עטלעכע טאָג איז געקומען אַ פאַראָרדענונג צוצושטעלן פאַרשידענע קאָנטריבוציעס: גאָלד, מאַנופאַקטור, לעדער, עסנ־וואַרג, מעבל, פוטערס; דערביי איז געקומען אַ דראָונג, אַז פאַר נישט צושטעלן דאָס געפאָדערטע צום באַשטימטן טערמין אין יודענראַט וועט דורכגעפירט ווערן אַ נייע אַקציע, ד. ה. עס וועלן ווערן אַרויסגעפירט און צעשאָסן אַזאַ און אַזאַ צאָל מענער, פרויען און קינדער. מען קאָן זיך פאָרשטעלן דעם יאָמער, ווען דאָס געפאָדערטע האָט מען נישט געקאָנט צו־שטעלן...

כדי נאָך מער צו טעראָריזירן די באַפעלקערונג, פלעגט מען נעמען „זאַקלאַדניקעס" און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס יעדע קאָנטריבוציע פלעגט אויסגעפירט ווערן פּינקטלעך, האָט מען די זאַקלאַדניקעס געשאָסן.

די ערשטע טעג פון מאָנאַט אויגוסט 1942 זענען די קאָנטריבוציעס געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט זיך שוין גע־פילט אַז דאָס מיינט מען נישט אונדזער האָב־און־גוטס, נישט די איינציקע זאַקלאַדניקעס, נאָר דאָס לעבן פון די גאַנצע איבערגעבליבענע אויסגעמאַטערטע 18.000 יידן.

די פּאַניק אין געטאָ איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג גרעסער. די שרעק איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די מענטשן זענען נישט פעיק געווען אָנצונעמען אַ וועלכן־עס־איז באַשלוס. נישט

זײענדיק קײן אויסװעג זיך צו ראַטעװען, איז מען געװאָרן צו אַלעם גלײַכגילטיק. מען האָט זיך פאַרלאָזט אויף נסים. נאָר אַנשטאָט אַ נס איז געקומען דאָס גרויסע אומגליק.

דעם 20.8.42 האָט דײַטשע און אוקראַיִנישע פּאָליציי אַרומגערינגלט דאָס געטאָ אַזוי געשלאָסן, אַז קײן אײן מענטש האָט נישט געקאָנט דורכגײן. אַלע זענען אַרויסגעטריבן געװאָרן אויפן באַזיליאַנער פּלאַץ. אַ גאַנצן טאָג איז געגאַנגען די סעגרעגאַציע: מענער — באַזונדער, פרויען און קינדער — באַזונדער.

פּאַכלײַט זענען אויסגעקליבן און אַװעקגעפירט געװאָרן אויפן שלאָס. יעדער האָט געשטרעבט אַרײַנצופאַלן אין דער צאָל גליקלעכע, מײנענדיק: אפשר... מען האָט געטאָן װאָס נאָר ס׳האָט זיך געלאָזט. אויפן אָרט זענען נאָכגעמאַכט געװאָרן שײַנען מיט שטעמפּלען; פאַר אַזאַ צעטל האָט מען געצאָלט אין טאָג אַרײַן.

די געשרײען און געװאַלדן האָבן געגרײכט ביזן הימל. מאַמעס האָבן פאַרלאָזן זײערע קינדער אין די קעלערס און בוידעמס, כדי זײ מיט די אײגענע הענט נישט צו טראָגן אין גרוב אַרײַן. אַ סך האָבן זיך געסמט. װער ס׳האָט קײן סם נישט געהאַט האָט זיך מיט ראַזיר־מעסערלעך אויפגעשניטן די אָדערן (אַדװאָקאַט העלפּמאַן מיט דער פרוי זענען אויסגעגאַנגען אויפן פּלאַץ). מען האָט זיך געזעגנט באַצײַטנס, האָפנדיק אַז אפשר װעט עמעצן געלונגען זיך ראַטעװען. אַ גאַנצן טאָג דאָנערשטיק און אַ גאַנצע נאַכט האָט געדױערט די פאָרשפּיל. גאַנץ פרי פרײַטיק האָבן זיך באַװיזן לאַסט־אויטאָס, קאָנװאָירטע דורך אוקראַיִנער פּאָליציי.

די אויטאָס זענען געװאָרן ענג אָנגעפּאַקט און אַװעקגעפירט קײן פּאָלאָנקע — 7 קילאָמעטער פון שטאָט, װוּ עס זענען שוין געװען אויסגעגראָבן גריבער — אויסגעגראָבן דורך די פּאַכלײַט. מען האָט באַפוילן לײגן זיך אין די גריבער נאַקעט.

אַראָפּגעגאַנגען איז מען מיט טרעפּ. אַ תלין אַ דײַטש האָט געשאָסן פון אַן אויטאָמאַט. די הרוגים זענען צוגעדעקט געװאָרן מיט אַ שיכט ערד און װאַפּנע. און דערװײַל האָט שוין אַ נײַע פּאַרטיע געװאַרט אויפן טויט.

די רעזיגנאַציע איז געװען אַזוי גרויס, אַז מענטשן האָבן מיט אומגעדולד געװאַרט אויפן טויט. אַנדערע האָבן זיך געװאָרפן פון די אויטאָס. אײניקע זענען מיט פרײד און געזאַנג געגאַנגען צום טויט.

צװײ טעג, פרײַטיק און שבת, האָט געדױערט די הריגה אָן איבעררײַס. שבת האָבן די מערדער זיך פאַרנומען מיטן אַרויסשלעפּן פון די לעכער די אומגליקלעכע, װעלכע האָבן זיך געװאָלט אויסבאַהאַלטן.

קינדער האָט מען געטויט אויפן אָרט דורך צערײַסן אויף צװײיען, צעהאַקנדיק די קעפּלעך בײַ די סלופּעס.

װען קײן לעבעדיקער נפש איז שוין אין געטאָ נישט געװען, האָט מען זיך פאַרנומען מיט אויסרײניקן די יידישע הײזער. די אַרבעט האָבן אויסגעפירט די איבערגעבליבענע פּאַכלײַט, פאַר װעלכע עס איז געשאַפן געװאָרן אַ לאַגער.

אין די הײזער האָט מען געפונען פאַרהונגערטע אויף טויט און האַלב־לעבעדיקע. די לעבעדיקע האָט מען פאַרזאַמלט אויף אײן אָרט און װען עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל, אָפּגעפירט קײן פּאָלאָנקע.

די זאַכן האָט מען אָנגעזאַמלט אין דער יידישער שול. די איבערגעבליבענע פּאַכלײַט אין לאַגער האָט מען אויסגענוצט צו די שװערסטע אַרבעטן. נישט געקוקט דערויף װאָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען נויטיקט זיך אין זײער אַרבעט און דערפאַר װעט מען זײ שענקען דאָס לעבן, איז לסוף געקומען דער באַפעל אויך זײ צו פאַרניכטן.

דאָנערשטיק, דעם 11.12.1942, האָט מען אויסגעמאָרדעט דאָס ביסל איבערגעבליבענע אין לאַגער. (צוערשט האָט זיך דער לאַגער געפונען אין סעמינאַר אויף קראַסנע, שפּעטער — אין דעם בנין פון דער יידישער גימנאַזיע, הינטער פּינטשוקס מיל).

די באַציִונג פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג איז אין איר גרעסטן טײל געװען אינדיפערענט; זי איז געשטאַנען אין אַ זײַט, נישט געמישט זיך. אַ טײל האָבן זיך אַקטיװ באַטײליקט אין רויבערײען און מאָרדן.

עס איז אויך געװען אַ קלײנער טײל, װעלכער האָט זיך מוסר־נפש געװען פאַר באַקאַנטע יידן. פאַר האַלטן אַ ייד איז געקומען טויט־שטראָף דער גאַנצער פאַמיליע. נישט געקוקט דערויף האָבן קריסטן אויסבאַהאַלטן אַ סך יידן. עס זענען געװען פאַלן װען מיט די אַנטדעקטע יידן איז געגאַנגען צום טויט אויך דער קריסט, צ.ב. אינזשיניער בעלאָװ.

ס׳זענען געװען אַזעלכע צענדליקער פאַלן. אָפט האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בײַ אײן קריסט אַ גרעסערע צאָל יידן, צ.ב. בײַ דער פּוילישער פרוי אַננאַ סיגאַ, ראַגאָװע 13, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן 9 יידן, צװישן זײ אַ קלײן קינד פון צװײ מאָנאַטן: הענריק גאַטמאַן; טשעסלאַװאַ גאַטמאַן־קוראַטשיק; באַסיע גאַטמאַן־פּיטליק; אידאַ האַנדעלסמאַן — אַ קינד פון 2 מאָנאַטן; פאַניע פּאַשט־גרינבערג, װעלכע געפינט זיך איצט אין קאַנאַדע, אין מאָנטרעאַל; שמערוק — אַ געשמדטער ייד, אין נאָך אַ סטאָליער — זײַן פאַמיליע־נאָמען האָב איך פאַרגעסן.

דאָס זענען געװען מוטיקע, אײדעלע מענטשן. אַ סך קריסטן האָבן אונטערגעהאַלטן יידן אין געטאָ. געשמוגלט שפּײַז פאַר זײ.

גערעטעװעט האָבן מערסטנטײל פּאָליאַקן און טשעכן.

װען די אוקראַיִנישע באַנדיטן האָבן געמאָרדעט די פּאָליאַקן איף װאָלין זענען מיט זײ צוזאַמען אומגעקומען זײער אַ סך יידן.

גלחים האָבן געהאָלפן יידן, גערעטעװעט קינדער (רויטערס אײניקלעך).

בלומע פאַגעל־ווײדמאַן

אין לויצקער געטאָ

דער טאָג פון 20־טן אויגוסט 1942 וועט אויף אייביק בלייבן פריש אין מיין זכרון. ווען כ׳בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי צו גיין ווי געוויינלעך צו דער אַרבעט אין יידישן שפּיטאָל (פון פאַך בין איך אַ קראַנקן־שוועסטער), האָב איך געטראָפן ס׳געטאָ אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך אוקראַיִנישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן קיינעמען פון געטאָ נישט אַרויסגעלאָזט. זיי האָבן מיך נישט געלאָזט ווייטער גיין און כ׳בין געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן אַהיים. מיט אַ שווער און ביטער געמיט האָב איך דערציילט מיין מוטער און שוועסטער, אַז אייגנטלעך האָב איך געטאָן אַ פעלער, ווייל כ׳האָב געדאַרפט היינט אויפשטיין פריער — וואָלט זיך מיר איינגעגעבן אַריינצוגיין אין געטאָ און זיך שטעלן צו דער אַרבעט, ווי דאָס האָט געטאָן מיין חברטע, קלאַראַ גאָלדהאַבער, וועלכע האָט צוזאַמען מיט מיר געאַרבעט אין שפּיטאָל. זי האָט זיך יאָ אַריינבאַקומען אין געטאָ און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

אין מיין נאַיִוויטעט האָב איך זיך דאַן נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אַז ווען ס׳גיט זיך מיר יאָ איין אַריינצוגיין אין געטאָ, וואָלט דאָס געווען מיין לעצטער גאַנג, וואָס וואָלט מיך פאַראורטיילט צום טויט. פון געטאָ איז קיינער שוין דאַן נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. אויב האָט עמעצער נישט געוואָלט פאַלן פון די באַנדיטישע הענט און זיך צוקוקן, ווי די באַנדיטן זייען טויט צווישן דער פאַרשלאָסענער יידישער באַפעלקערונג אין לויצקער געטאָ — איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דעם זעלבן טאָג האָט מען אונדז אַלע, מיינע עלטערן, שוועסטער און קינדער אַרויסגעטריבן פון די הייזער און אויפגעזאַמלט, צוזאַמען מיט אַלע לעבנגעבליבענע יידן אין לויצק, אויפן באַזיליאַנסקי־פּלאַץ, ווו מ׳האָט אַלע אויפגעלאָדן, צו 50 פּערזאָן, אויף לאַסט־אויטאָס און אָפּגעפירט אין די וועלדער פון פּאָלאָנקע, דאָרט זענען שוין געווען צוגעגרייט גריבער, וועלכע יידן האָבן מיט אַ טאָג פריער געמוזט אויסגראָבן פאַר זייערע פאַמיליעס.

ווי שוין דערמאָנט, בין איך אויך געווען צווישן די, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט אָפּטראַנספּאָרטירן צום טויט. מיר זענען אין דער היים געווען פינף שוועסטערן. איך בין געווען די יינגסטע. אין דער לעצטער מינוט האָט מיין עלטערע שוועסטער געהאַלטן, אַז איך דאַרף זיך ראַטעווען. איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג און ס׳איז נאָך פרי צו שטאַרבן.

די, וואָס געדענקען דעם באַזיליאַנסקי־פּלאַץ, ווייסן, אַז דאָרט האָבן זיך געפונען געוועלבער מיט אייזערנע טירן, וועלכע האָבן זיך פאַרמאַכט פון אויסנווייניק. איז מיין שוועסטער איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז איך זאָל זיך ראַטעווען אין איינעם פון די דאָרטיקע געוועלבער. צווישן אַנדערע האָט זיך דאָרט געפונען דאָס געשעפט פון איינעם מיטן נאָמען בערעגאָוואָי. האָט מיין שוועסטער אויפגעריגלט די טיר און מיך מיט כוח אַהין אַריינגעשטופּט און נאָך מיר פאַרמאַכט די טיר, איך האָב אָנגעהויבן וויינען און ליאַרמען, אַז כ׳וועל נישט בלייבן איינע אַליין, אַז כ׳וויל לעבן בלייבן צוזאַמען מיט אַלע — אָדער צוזאַמען אומקומען.

איך בין אָבער שוין געווען פון אויסנווייניק פאַרשלאָסן און נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן. מיט די פויסטן האָב איך אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירן און געוואַלדעווען. פּלוצעם האָב איך הינטער מיינע פּלייצעס דערהערט שטילע שטימען: שרייט נישט, איר וועט אונדז אַלע אומברענגען. מיר זענען דאָ מיט קליינע קינדער!

כ׳האָב זיך אומגעקוקט און דערזען פיל דערשראָקענע אויגן, וועלכע האָבן צו מיר אַרויסגעקוקט פון אונטער די פּעק פעדערן, וועלכע זענען געווען אָנגעזאַמלט אין מאַגאַזין. די דייטשן האָבן אַהין אַריינגעבראַכט אַלע בעטגעוואַנטן, וואָס זיי האָבן צוגענומען פון די יידן, געזוכט אין זיי גאָלד און בריליאַנטן. אין אָט די פּעק האָבן זיך איצט באַהאַלטן צענדליקער יידן — אַלטע, יונגע און קינדער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָ וועט זיך זיי איינגעבן צו באַהאַלטן און איבערקומען די אַקציע.

די געבעטן פון די מוטערס האָבן אויף מיר געווירקט און כ׳האָב זיך באַרויִקט. צוזאַמען מיט אַלע האָב איך זיך אויך איינגעגראָבן אין די פּעק פעדערן און געוואַרט אויף דער מינוט, אַז די טירן זאָלן זיך עפענען און כ׳זאָל קאָנען אַרויסגיין אויף דער פרייער לופט צו מיין מוטער און אייגענע. איך האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן צו קאָנען בלייבן איינע אַליין אויף דער וועלט צווישן ווילד־פרעמדע מענטשן.

צוזאַמען מיט אַלע בין איך געלעגן און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצובאַקומען פון פאַרשאָלטענעם געוועלב. ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט — ווייס איך שוין נישט. פון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן האַרצרייסנדיקע געשרייען. מיט געוואַלט האָט מען קינדער אָפּגעריסן פון זייערע עלטערן. כ׳האָב שוין נישט געוויינט, נאָר זיך איינגעהאָרכט אין די געשרייען פון דרויסן. די חושים זענען געוואָרן ווי פאַרטעמפּט. ס׳קאָן מעגלעך זיין, אַז צווישן אַנדערע האָבן זיך אויך דערטראָגן די געשרייען פון מיינע נאָענטסטע און טייערסטע, וועלכע מ׳האָט אויף אייביק צעשיידט. כ׳האָב זיך געפילט אין אַ צושטאַנד פון אַ טיפער מעלאַנכאָליע, אין וועלכער מיין מוח האָט שוין גאָרנישט רעאַגירט אויף די אַרומיקע געשעענישן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך די טיר אויפגעריגלט און מיין שוועסטער, מיט איר 4־יאָריק יינגעלע, איז אַריינגעשטופּט געוואָרן אינעווייניק. אין דעם מאָמענט האָב איך זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַרויסגעשריגן: אוי, ייטעלע, שוועסטער מיינע, פאַרוואָס האָסטו נישט אַריינגענומען די מאַמע מיט אַלע איבעריקע צוזאַמען? אָבער די מענטשן, וואָס זענען געלעגן אין די פעדערן, האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן בעטן ביי מיר, אַז כ׳זאָל זיך פאַרהאַלטן שטיל און רויִק און מ׳זאָל נישט רעדן, ווייל אין דרויסן האָבן אַרומגעשפּרייזט די מערדער, וועלכע האָבן נאָך געקאָנט דערהערן, אַז מיר זענען דאָ געבליבן.

אָונט־צו איז אויפֿן פּלאַץ געוואָרן טויט־שטיל און מ׳האָט שוין נישט געהערט קיין שום רייד און נישט קיין געשרייען און געוואַלדן. כ׳האָב זיך דאָן אָפּגעגעבן אַ קלאָרן רעכענונג, אַז אויסער מיין שוועסטער מיט איר קינד האָב איך שוין קיינעמען נישט אויף דער וועלט.

מיר זענען אַזוי אַלע אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט אין דער שטיל און נישט אויסגערעדט מיט קיינעם קיין וואָרט.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן האָבן מיר פּלוצעם באַמערקט ווי אויפֿן סופיט עפֿנט זיך אויף אַ טירעלע פֿון וואַנען ס׳האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן גראָבע דראָט־לינעס און עפּעס אַ מענטשלעכע שטימע רעדט צו אונדז: ווער ס׳וויל זיך ראַטעווען — וועלן מיר אים העלפֿן. אין די פּעדערן וועט איר אַזוי לאַנג נישט קאָנען בלייבן. מיר וועלן יעדן איינעם אַרויפֿציען אויפֿן בוידעם, פֿון וואַנען מ׳וועט קאָנען זיך אַרויסבאַקומען אויף דער פֿרישער לופֿט.

דער סופֿיט איז געווען גאַנץ הויך. מ׳האָט נישט געקאָנט אַזוי לייכט זיך אַרויפֿבאַקומען. מיר האָבן אין די פּעדערן אויפֿגעזוכט פֿאַרשידענע פֿעסלעך און קעסטלעך, אויפֿגעשטעלט אַזאַ מין טורעם און איינציקווייז, מיט דער הילף פֿון די לינעס, זיך אַרויפֿבאַקומען אויפֿן בוידעם פֿון געוועלב. צווישן די העכער 50 פּערזאָן, וועלכע מ׳האָט אַרויפֿגעצויגן אויפֿן בוידעם, האָב איך געפֿונען צווישן אַנדערע פֿייגע און יעקב סימאַ, וואָס האָבן געהאַט אויף דער יאַגעלאָנסקע־גאַס אַ גאַלאַנטעריע־געשעפֿט, זייער טאָכטער מיט אַ זויגעדיק קינד. איר מאַן האָט שוין דאַן נישט געלעבט. דאָס איז געווען אַ געוויסער פֿרישער, וואָס האָט געהאַט אַ סקלאַד פֿון האָלץ און בוי־מאַטעריאַלן.

אויפֿן בוידעם האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן אַ וועג ווי אַזוי זיך אַרויסצובאַקומען אויף דער גאַס. ליידער האָט מען שוין נישט געקענט אויפֿהאַלטן די שטילקייט. די קליינע קינדער האָבן אָנגעהויבן צו שרייען, אַז זיי זענען דורשטיק און הונגעריק און די רוצחים אין דרויסן האָבן באמת געדאַרפֿט זיין טויב, כדי די דאָזיקע געשרייען נישט צו דערהערן. צום אומגליק איז דער חודש אויגוסט געווען אומדערטרעגלעך הייס און ס׳איז טאַקע געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן פֿון די היצן. די עלטערן האָבן געגעבן זייער אורין די קינדער צום טרינקען, נישט קאָנענדיק צוזען די ליידן פֿון זייערע אייגענע.

צוזאַמען מיט אונדז האָט זיך אויך געפֿונען דער זון פֿונעם אייגנטימער פֿונעם געוועלב, האָט ער אונדז געגעבן אַן עצה, אַז אַזוי ווי די דייטשן האָבן אין זייערע קעלערס קאָנסערווירט אייער, איז דאָרט פֿאַראַן אויך קאַלך־וואַסער. דאַרף מען די מוטערס מיט די קינדער אַרונטערלאָזן אין קעלער, ווו זיי וועלן קאָנען טרינקען וואַסער און אויך זיין אויסגעהיט פֿון די היצן. די מענער, דאַקעגן, וועלן קאָנען בלייבן אויף די בוידעמער. צום קעלער האָט ער פֿאַרמאָגט אַ שליסל. מיר האָבן זיך אַלע אַראָפּגעלאָזט אין קעלער אַריין און זיך אָנגעטרונקען מיט קאַלך־וואַסער. ס׳איז נישט געווען קיין ברירה, ווייל דער דורשט איז געווען אין לשער. אויך מיין שוועסטער מיט איר קינד האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער. ס׳קינד האָט זיך, נאָכן טרינקען, שוין געפֿילט אַ ביסל בעסער. מ׳האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז ס׳איז נישט געזונט צו טרינקען אַזאַ וואַסער, נאָר ס׳איז דאָך נישט געווען קיין ברירה. מיר, די עלטערע, האָבן זיך צוריקגעקערט אויפֿן בוידעם און די מוטערס מיט די קינדער זענען געבליבן אין קעלער, וועלכן בערעגאָוואָי האָט פֿאַרמאַכט צוריק אויפֿן שלאָס. אויף דער טיר איז געווען אַן אויפֿשריפֿט: ווערמאַכט! איינטריט פֿאַרבאָטן.

אַ צופֿרידענע האָב איך זיך צוריק אַרויפֿגעדראַפּעט אויפֿן בוידעם. כ׳בין שוין געווען זיכער, אַז מיין שוועסטער מיט איר קינד איז געראַטעוועט.

די דאָזיקע זיכערקייט האָט לאַנג נישט געדויערט, ווייל אויך אין קעלער זענען די קינדער נישט געבליבן רויק, און ווען ס׳איז צוגעפֿאַלן די צווייטע נאַכט פֿון אונדזער באַהאַלטן זיך, איז די שטילקייט געווען נאָך מער שטאַרקער און מ׳האָט דעריבער געהערט יעדן שאָרך, שוין אָפּגערעדט פֿון געוויינען און געשרייען פֿון די קינדער. דאָס האָט ווי צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די באַנדיטן, און ווען ס׳איז געוואָרן טאָג האָבן מיר אויפֿן בוידעם דערהערט, ווי מ׳שליסט אויף דעם קעלער און באַלד דערנאָך — די האַרצרייסנדיקע געשרייען פֿון די מוטערס מיט זייערע קינדער, וועלכע מ׳האָט אָפּגעריסן איינע פֿון די אַנדערע און אַלע אַרויסגעטריבן פֿון קעלער, בכדי אַ סוף צו מאַכן צו זייערע יונגע לעבנס. צווישן אַנדערע זענען צו מיר דערגאַנגען די געשרייען פֿון מיין שוועסטער מיט איר קינד. כ׳בין געבליבן אויפֿן בוידעם און זיך נישט אָנגעשלאָסן אין דער עדה יידן, וועלכע מ׳האָט געפֿירט צו דער שחיטה.

נאָכן דערליידיקן זיך מיט די, וואָס זענען געווען אין קעלער, זענען די באַנדיטן אַרויף אויפֿן בוידעם. מורא־האָבנדיק, אַז זיי וועלן זיך אָנטרעפֿן מיט אַ ווידערשטאַנד, זענען זיי צו אונדז אַרויף מיט אַנטבלויזטע שווערדן. מיר האָבן אָבער קיין שום ווידערשטאַנד נישט געשטעלט און זיך געלאָזט אַראָפּפֿירן צו דער שחיטה, גלייך דאָס וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך. פֿון די העכער 50 פּערזאָן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דער לעצטער אַקציע, בין איך אַליין געבליבן ביים לעבן. אין דער לעצטער מינוט, ווען די באַנדיטן זענען שוין געווען אויפֿן בוידעם, האָב איך זיך באַהאַלטן אונטער דעם שטרויענעם דאַך, זיך צוגעדעקט מיט מיסט און כלערליי שמאַטעס, וואָס האָבן אויפֿן בוידעם נישט געפֿעלט און זיך אַזוי איינגעגראָבן דערין, מ׳האָט מיך נישט באַמערקט. צו אָונט צו זענען נאָך צוויי געסטאַפּאָוועס אַרויף אויפֿן בוידעם און מיט נאַכט־לעמפּלעך אַדורכגענישטערט אַלץ, טאָמער געפֿינט זיך נאָך עמעצער. צום גליק האָבן זיי מיך נישט באַמערקט, און אַזוי אַרום בין איך, שוין צום ווייפֿלטן מאָל, געראַטעוועט געוואָרן פֿון זיכערן טויט.

כ׳האָב זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון, אַז אין דעם מאָמענט בין איך שוין געבליבן איינע אַליין פֿון מיין גאַנצער פֿאַמיליע. און מערקווירדיק ווי דער דאָזיקער באַוווסטזיין האָט מיך געשטויסן צו וועלן בלייבן לעבן, בכדי כ׳זאָל נאָך קאָנען נקמה־נעמען פֿאַרן טויט פֿון מיינע נאָענטסטע און ליבסטע, וועלכע זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען אין די לעצטע טעג.

צוויי טעג בין איך געווען אָן ברויט און אָן וואַסער, אָבער קיין הונגער האָב איך נישט געפֿילט. אין מיין קערפּער האָב איך געשפּירט אַ שוואַכקייט און ליידיקייט. אַזוי בין איך דאָרט איבערגעבליבן איינע אַליין די דריטע נאַכט. ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָב איך באַשלאָסן אַראָפּצוגיין פֿון בוידעם

און זוכן עפּעס־וואָס צום עסן און טרינקען. באַזונדערס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט טרינקען, די צונג האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט אָפּרייסן פון גומען — אַזוי פאַרטריקנט איז זי געווען.

כ׳האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע חושים, זיך איינגעהאָרכט אין דער אַרומיקער שטילקייט און געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מ׳הערט טאַקע נישט קיין מענטשלעכע שטימע. שטיל, אַפילו מיינע טריט נישט צו הערן, האָב איך זיך אַריינגעשלייכט אין אונדזער שטוב און אָנגעהויבן צו זוכן עפּעס־וואָס צו טרינקען. ליידער האָב איך גאָרנישט געפונען. אויף דער פּאָדלאָגע האָב איך געפונען עטלעכע קערנדלעך פון קאַרשן. כ׳האָב זיי צעקנאַקט און זיך גענומען צו דער „סעודה״ — געגעסן די יאָדערן, האָפנדיק אַרויסצובאַקומען אַ ביסל סלינע בכדי דעם גומען איינצונעצן. כ׳בין געזעסן אַזוי אויף דער פּאָדלאָגע און זיך פאַרנומען מיט דער אכילה. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערהערט אַ שטילן שאָרך. דאָס בלוט אין די אָדערן איז מיר פאַרגליווערט געוואָרן. כ׳האָב זיך נישט גערירט פון אָרט. אין דער זעלבער רגע האָב איך דערהערט אַ מענטשלעכע שטימע אין יידיש: האָט נישט קיין מורא. כ׳בין אַנטלאָפן פון גרוב און וויל זיך דאָ אויסבאַהאַלטן! כ׳האָב זיך באַרויקט און צוגעגאַנגען צום ווינקל, וווּ ס׳איז געלעגן אַ יונגער בחור פון ווילקע מיטן נאָמען קופּערשטיין. פון פאַך איז ער געווען אַ בוכהאַלטער.

אין ווינקל פון צימער זענען געווען פיל הייליקע ספרים. ער האָט זיך איינגעגראָבן אין זיי. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אין שטוב געפינט זיך נאָך אַזאַ אומגליקלעך נפש, ווי ער, האָט ער מיר פאָרגעלייגט, אַז אויך איך זאָל זיך אַריינרוקן אין די שמות און צוזאַמען זיך אויסבאַהאַלטן.

נישט לאַנג האָט געדויערט און מיר האָבן ווידער דערהערט אוקראַינישע שטימען. דאַן האָט דער בחור מיר געזאָגט, אַז פאַרביידן וועט אויפן פּיעקעליק זיין צו ענג. איינער פון אונדז מוז זיך פון דאַנען אָפּטראָגן. דער איינער בין איך געווען. כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט און זיך אַרונטערגערוקט אונטערן בעט, אַרויסגערוקט אַ קאַפּעטשקע אַ ברעטל, בכדי צו האָבן אַ ביסל לופט און אַזוי זיך איינגעגראָבן אין מיין נייער „אכסניה״. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און ס׳האָבן זיך דערהערט שווערע טריט אין דער וווינונג. די מערדער האָבן גערעדט אוקראַיניש. איינער האָט געזאָגט צום צווייטן: דאָ מוז ער זיין. ער איז אַוועק פון אונטער דער האַנט! זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן און נישטערן אין יעדן ווינקעלע. איינער האָט מיט דער קאָלבע געזוכט אויך אונטערן בעט און אָנגערירט דאָס ברעט און אויך מיך. מיין האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, אַז כ׳האָב געמיינט, אַז דער מערדער וועט עס דערהערן. אין געדאַנק האָב איך שוין שלום געמאַכט, אַז מיין לעצטע מינוט איז אָנגעקומען. אָבער אויך דאַן איז געשען אַ נס — ער האָט מיך נישט באַמערקט.

אין דער זעלבער צייט האָבן אַנדערע געזוכט אין די ווינקלען און זיך אָנגעטראָפן אויפן פּיעקעליק אויף מיין חבר, וועלכן זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט און שטאַרק געשלאָגן. ער האָט געוואָלט אָנטאָן די שיך, האָבן אים די מערדער געזאָגט אויף אוקראַיניש: דאַרפסט נישט קיין שיך. ס׳איז נישט ווייט צום טויט. אָט דאָ אויפן הויף וועלן מיר מיט דיר מאַכן אַ סוף!

זיי האָבן אַרויסגעפירט דעם אומגליקלעכן בחור אויפן הויף און באַלד האָבן זיך דערהערט עטלעכע ביקסן־שאָסן. דערנאָך איז ווידער געוואָרן שטיל.

און ווידער האָב איך אָנגעהויבן פּלאַנירן ווי אַזוי זיך אַרויסצובאַקומען פון געטאָ. ווי לאַנג כ׳בין אַזוי געלעגן — געדענק איך שוין נישט. איין זאַך האָב איך דעמאָלט געפילט: אַ שטאַרקן דורשט. ס׳האָבן זיך ווידער דערהערט טריט און מענטשלעכע שטימעס, דאָס מאָל — אין דער דייטשער שפּראַך. דאָס זענען געווען צוויי געסטאַפּאָווצעס, וועלכע זענען געקומען זוכן געלט נאָך די אַרויסגעיאָגטע יידן. זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן צו נישטערן אין אַלע ווינקעלעך און ספּעציעל — אין בעטגעוואַנט. זיי זענען צוגעקומען אויך צום בעט, אונטער וועלכן איך בין געלעגן און אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען די קישנס. היות איך האָב אָפּגערוקט איין ברעט פון בעט, האָבן די דייטשן, ווען זיי האָבן אַראָפּגענומען ס׳איבערבעט, מיך אויפגעדעקט. זיי האָבן מיך דערזען. אין זעלבן אויגנבליק איז ביי מיר ס׳רעכטע אויג ווי פאַרגליווערט געוואָרן. כ׳האָב אויף זיי געקוקט, נישט פינטלדיק מיטן לינקן אויג. זיי האָבן זיך אַ גוטע ווײַלע איינגעקוקט אין מיר. איך האַרץ בין איך שוין געווען גרייט צו הערן דעם באַפעל אויפצושטיין. זעט אויס, אַז מיין אויסזען מיטן פאַרגליווערטן אויג האָט אויף זיי געמאַכט דעם איינדרוק, אַז כ׳בין שוין טויט, און איינער האָט געזאָגט צום צווייטן: נו, זעסט דאָך, זי איז שוין קאַפּוט! מ׳האָט אָפּערגעשלעפּט פון אונטער מיין קאָפּ די טעקע מיט אַ ביסל זאַכן, וואָס כ׳האָב אין דער לעצטער מינוט, פאַרן אָנהייב פון דער אַקציע, מיטגענומען מיט זיך. ביים אָפּערנעמען די טעקע האָב איך געלאָזט מיין קאָפּ פאַלן מאַכטלאָז, גלייך ווי אַ טויטע. ווען זיי זענען אַוועק, האָב איך זיך אָנגעהויבן ערנסט צו פאַרטראַכטן וועגן אָנעמען מיטלען, כדי זיך וואָס שנעלער אַרויסבאַקומען פון געטאָ. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז ביי זלאָצקין אין הויף איז געווען אַ דורכגאַנג פון דער דאָמיניקאַנסקע־גאַס אויף דער קרולאָוואַ־יאַדוויגאַ־גאַס. אויף דער לעצטער האָט געוווינט מיינט אַ קליענטין, איינע מיטן נאָמען טקאַטשוק, וועלכער כ׳האָב נישט־איינמאָל געמאַכט איינשפּריצונגען. זי פלעגט מיר דערפאַר געבן ברויט און אויך צום ברויט. זי פלעגט מיר שטענדיק פאַרזיכערן, אַז אין פאַל פון אַ געפאַר, איז איר שטוב שטענדיק פאַר מיר אָפן.

צום אומגליק איז די דאָזיקע נאַכט געווען זייער אַ ליכטיקע. די לבנה האָט ווי אויף להכעיס געשיינט מיט איר גאַנצן גלאַנץ. אין גאָרטן פון קלויסטער אויף באַזיליאַנסקי־פּלאַץ האָבן זיך אָן אויפהער געדרייט מענטשן ביז שפּעט אין דער נאַכט. כ׳האָב זיך איניקע מאָל געמוזט צוריקקערן, ווייל ס׳איז געווען צו ליכטיק און צופיל מענטשן האָבן זיך געפונען דערנעבן. זיי וואָלטן מיך זיכער געווען באַמערקט. לאַנגע שעהן בין איך געלעגן איינגעגראָבן אין דער ערד און אָבסערווירט וואָס ס׳טוט זיך אויפן פּלאַץ. כ׳האָב אַזוי לאַנג אויפגעפּאַסט אויף אַ ריכטיקן מאָמענט ביז כ׳האָב זיך דערוואַרט, אַז אין קלויסטער זענען שוין נישט געווען קיין מענטשן. אויפן פּלאַץ האָבן זיך געדרייט אַהין און צוריק צוויי באַוואָפנטע אוקראַאינער, וועלכע האָבן געהיטן די בערג קליידער נאָך די אויסגעהרגעטע יידן פון לוצק. כ׳האָב אויסגענוצט אַ געהעריקן מאָמענט, ווען די וועכטער זענען געווען אַ ביסל ווייט פון מיין אָרט און אויס־

געדרייט צו מיר מיט די פּלייצעס — און אַזוי קריכנדיק אויפֿן בויך צווישן די בערג קליידער, צווישן וועלכע ס׳זענען דאָך געווען די מלבושים פון מיינע נאָענטע און טייערע, אַריין אין שמאָלן געסעלע, דורך וועלכן כ׳בין צוגעקומען צום הויף ווו ס׳האָט געוווינט מיין דערמאָנטע קליענטין.

זייענדיק שוין נאָענט פון מיין ציל, האָב איך פּלוצעם דערזען האַרט ביים טויער, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער קראָלאָוואַ־יאַדוויגאַ־גאַס, אַן אוקראַיִנישן וועכטער. כ׳האָב ווידער אַדורכגעלעבט טויט־שרעק. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז איין אויגנבליק, ווייל, זעט אויס, אַז דער וועכטער האָט מיך נישט באַמערקט — ער האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק. כ׳בין שנעל אַריין אין הויז און אַראָפּ צו דער טיר פון קעלער און אין אים אַריין. דאָרט האָב איך אָנגעטאַפּט שטרוי, אויף וועלכן כ׳האָב זיך אַנידערגעלייגט. כ׳בין איינגעשלאָפן. אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט און כ׳האָב דערפילט ווי ס׳ראַיעט אַרום מיר. כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערפילט, אַז דאָס קרייזן אַרום מיר די שטשורעס. כ׳בין אַרויס פון קעלער, בכדי ווי ס׳איז צוּוויסן צו געבן מיין קליענטין, אַז כ׳געפין זיך נעבן איר. כ׳האָב שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. ס׳איז צוגעקומען זייער דינסט. ווי נאָר זי האָט מיך דערזען, האָט זי מיר געגעבן אַ ווונק, אַז כ׳זאָל אַראָפּ אין קעלער. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן ביי זיי געוווינט דייטשן. כ׳בין צוריק אַראָפּ אין קעלער און זיך אַנידערגעזעצט און געוואַרט. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און מיין פּאַציענטין מיט דער דינסט זענען אויך אַריינגעקומען. זיי האָבן מיט זיך גענומען אַ קויש אויף קוילן. ס׳האָט געהייסן, אַז זיי גייען אין קעלער אַריין נעמען קוילן צום הייצן. אינעם קויש איז געווען פאַר מיר צו עסן און טרינקען. עסן האָב איך נישט געוואָלט — נאָכן אַדורכלעבן 6 טעג אָן אַ ביסן אין מויל, קאָן מיר ס׳עסן שאַטן, מ׳קאָן באַקומען אַ דיזענטעריע, אָדער אַ קישקע־קורטש. אַזעלכע דערשיינונגען האָב איך אָבסערווירט זייער פיל אין משך פון מיין אַרבעט אין שפּיטאָל אין געטאָ. כ׳האָב גענומען בלויז טיי מיט אַ סוכאַר. צום מיטאָג האָט זי מיר געבראַכט געקאָכטע מאַנגע־קאַשע, ווי וואַסער. אַזוי אַרום בין איך געווען ביי איר 2 טעג ביז כ׳האָב זיך שוין דערפילט פיל בעסער און אונטערגעקרעפטיקט. לייִדער האָב איך דאָרט לאַנג נישט געקאָנט בלייבן. אין זעלבן הויז זענען געווען פיל שכנים און אויך דייטשן. איז טאַקע געווען אַ געפאַר, אַז עמעצער קאָן מיך באַמערקן.

כ׳האָב זיך דעריבער אַ ביסעלע אויסגעפּוצט, אָנגעטאָן אַ פּאָר ברילן אויף די אויגן, בכדי מ׳זאָל מיך נישט דערקענען און זיך געלאָזט צו באַקאַנטע פּאָליאַקן זוכן אַ מקום־מקלט און אויך אויפזוכן מיין שוועסטער מיט אירע קינדער, וועלכע האָט אונדז פאַרלאָזט איין טאָג פאַרן אָנהויב פון דער אַקציע. צו מיין גרויסן ווייטיק האָבן זיך פאַר מיר אַלע טירן פאַרמאַכט, ווי נאָר מ׳האָט מיך דערזען. כ׳האָב זיך אַזוי אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג און ס׳האָט זיך דערנענטערט די פּאָליציי־שעה, ווען מ׳האָט נישט געטאָרט זיין אויף דער גאַס. אויב מ׳האָט עמעצן געטראָפן, האָט מען אים גלייך דערשאָסן. כ׳האָב באַשלאָסן צו גיין צו אַ באַקאַנטן אוקראַיִנער, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער שוץ־פּאָליציי, און זיין פרוי, אויך אַן אוקראַיִנערין, האָט זיך אונטערגענומען צו ראַטעווען מיין שוועסטערס אײדעם, ד. ה. בתיה גוטמאַנס מאַן און מיין שוועסטערס ייִנגסטן זון. לייִדער האָט מען זיי געכאַפּט און דערשאָסן אויפן ייִדישן בית־עולם.

ווען כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט דער מאַן מיר געעפנט. אָבער אין שטוב זענען דאַן געווען אַ סך דייטשן און אוקראַיִנער, וועלכע האָבן געשיכורט. ער האָט מיר באַלד געגעבן אַ ווונק, אַז כ׳זאָל זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגן פון דאַנען, איידער די שיכורע חברה וועט זיך אָריענטירן ווער איך בין. אַזוי האָב איך זיך שנעל אָפּגעטראָגן און אַריבער אין אַ שכנותדיק הויז, ווו כ׳בין אַ גאַנצע נאַכט איבערגעזעסן אין פינצטערן קאָרידאָר אויף די טרעפּ.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן בין איך אַרויס און געזען, אַז מ׳גייט שוין צו דער אַרבעט. כ׳האָב מיך געלאָזט גיין צו מיין פּאַציענטין אויף קראָלאָוואַ־יאַדוויגאַ־גאַס. אָבער דורכצוגיין אַזאַ שטיקל וועג, פון דער פּילסודסקי־גאַס ביז צו דער באַקאַנטער קריסטין, איז געווען גאַנץ געפערלעך. איך האָב יעדן איינעם געקענט און יעדער איינער האָט מיך אויך געקענט.

כ׳בין צוגעקומען ביז דער באַזיליאַנסקי־בריק, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער טויער פון געטאָ, אויף וועלכן ס׳איז געווען די אויפשריפט אין דער דייטשער שפּראַך: יודען־געטאָ. פלעקטיפוס. איינטריט פאַרבאָטן. אויפן שילד איז געווען אויסגעמאָלט אַ ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד. אין זעלבן מאָמענט האָט מען אַדורכגעפירט אַ גרופּע ייִדן, וועלכע מ׳האָט אויסגעזוכט אין די פאַרשידענע באַהעלטענישן. צוזאַמען מיט אַלע פאַרבייגייער האָב איך אויך געמוזט מאַכן אַ שמייכלענדיקע מינע און מיט שטאָלץ, זיך נישט אומקוקנדיק אויף די באַנדיטן, בכדי זיי זאָלן נישט דערקענען, אַז אויך איך געהער צום סאָרט פון די מענטשן, וועלכע זיי פירן אין דער גרופּע. דורך מיינע שוואַרצע ברילן האָב איך דערקענט טילע שוואַלב. זעט אויס, אַז זי האָט זיך באַהאַלטן אין אַ קלאָזעט־גרוב, ווייל פון אירע קליידער האָט געריגען די מענטשן־צואה און דער געשטאַנק האָט זיך געלאָזט פילן פונדערווייטנס.

שוין זייענדיק נאָענט פון זלאַצקיס הויז האָט מיך באַמערקט אַ באַקאַנטער פּאָליאַק, וועלכער האָט געהאַט אַ מאַגעל אויף צו מאַגלעווען וועש. מיר פלעגן ביי אים שטענדיק מאַגלעווען אונדזער וועש. ווי נאָר ער האָט מיך באַמערקט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און נאָכגעוואָרפן אַ וואָרט: דריי זיך נישט איצט אויף דער גאַס, ווייל ס׳איז איצט אַ גרויסע סכנה. כ׳בין צוריק אַריין אין קעלער צו מיין פּאַציענטין און פון דאָרט איר געגעבן אַ צייכן, אַז איך געפין זיך דאָ. צו מיטאָג־צייט איז זי געקומען אין קעלער אַריין מיט אַ קויש אויף קוילן און אַ ליכט אין האַנט, גלייך ווי זי וואָלט געגאַנגען נעמען קוילן. זי האָט מיר געבראַכט עפּעס צום עסן. זי האָט מיר צוגעזאָגט אויפצוזוכן מיין שוועסטער גיטל מיט אירע קינדער. כ׳האָב איר געזאָגט, אַז זיי האַלטן זיך אויף ביי אַ קריסטין, געזאָגט איר דעם נאָמען, זי וווינט נאָך דער קראַסנער בריק, נאָר גענוי האָב איך נישט געוווּסט. זי איז אַרויס נאָכמיטאָג און ערשט פאַרנאַכט איז זי צוריקגעקומען. זי האָט מיר איבערגעגעבן דעם פּלאַן און אָנגעצייכנט ווו די שוועסטער מיט אירע קינדער געפינען זיך. דעם פּלאַץ האָב איך איינגעשטודירט אין זכרון און אים שפּעטער פאַרניכטעט, ווייל אין פאַל ווען איך פאַל אַריין קען איך נאָך דערמיט אויסגעבן

די רעטערין מיט די קרבנות. כ׳האָב זיך געלאָזט אין וועג נאָך איידער ס׳דערנענטערט זיך די פּאָליציי־שעה. ס׳איז מיר אויסגעקומען דורכצוגיין די קראַסנער בריק, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען פּאָליציי. מיין באַקאַנטע האָט מיך שיין אויס־געפּוצט, באַשמינקט אַ ביסל מיין בלאַס פּנים און מיטגעגעבן אַ בוקעט בלומען אין האַנט. זי האָט מיר נאָכגעשיקט איר דינסט, בכדי צו וויסן צי כ׳בין איבערגעקומען דעם לעצטן געפערלעכן וועג, וועלכער האָט געדאַרפט דעצידירן, צי איך בלייב ביים לעבן, אָדער איך פאַל אַריין אין די באַנדיטישע הענט.

לויצק האָט פאַרמאָגט שיין־ברוקירטע גאַסן. אָבער אין מיין דעמאָלטדיקן גאַנג האָב איך בכלל נישט געפילט די האַרטקייט פון באָדן אונטער מיינע פיס. כ׳בין געווען אַזוי שוואַך, אַז יעדע מינוט האָב איך געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז אָט־אָט פאַל איך אין חלשות. ס׳פּעציעל איז מיך באַפאַלן אַ מורא ווען כ׳בין אַרויף אויף דער בריק, ווו ס׳איז געשטאַנען פּאָליציי. אין פאַל ווען מ׳שטעלט מיך אָפּ און פאָדערט פון מיר אַ דאָקו־מענט, וועלכן כ׳האָב נאַטירלעך נישט געהאַט, וואָלט מען מיך באַלד אויפן אָרט דערשאָסן און מיין קערפּער אַריינגעוואָרפן אין סטיר. דאָס אַלץ האָט זיך מיר דאַן קלאָר פאָרגעשטעלט פאַר מיינע אויגן. נאָך ביים היינטיקן טאָג, אַז כ׳דערמאָן זיך יענעם מאָמענט, פיל איך ווידער די דעמאָלטדיקע שרעק.

זעט אויס, אַז די פּאַטרולן זענען דאַן פּונקט געווען שיכור און האָבן מיך נישט לעגיטימירט. אַריבערגייענדיק די בריק האָב איך געדאַרפט, אין איינקלאַנג מיטן אָנגעצייכנטן פּלאַן, אַראָפּגיין אַ ביסל לינקס אויף טרעפּלעך, צו צו בנימין מילערס הויז, ווו נישט ווייט פון דאָרט איז געווען אַ ברונעם. נאָענט פון יענעם אָרט איז געשטאַנען ביי אַ בוים צוגעבונדן אַ געלער הונט, וועלכער וועט אָנהייבן צו בילן. איך דאַרף זיך דערפון גאָרנישט מאַכן, ווייל אין דער זעלבער רגע וועט אַרויס צו מיר אויפן בערגל די רעטערין, וועלכע וועט מיך שוין צוזאַמענפירן מיט מיין איינציקער לעבנגעבליבענער שוועסטער.

ס׳איז שווער צו באַשרייבן די סצענע פון אונדזער צוזאַ־מענטרעף. מיין שוועסטער האָט נישט געגלייבט אירע אייגענע אויגן, ווען זי האָט מיך דערזען אַ לעבעדיקע. זי האָט דאָך גוט געוווּסט, אַז אין טאָג פון דער אַקציע האָט מען מיך גענומען צוזאַמען מיט אַלע. זי האָט מיך לאַנג געדריקט און געקושט, אָן אויפהער באַגיסנדיק מיך מיט טרערן. זי איז געווען אין אַן אויפגערודערטן צושטאַנד. אָט האָט זי געווייגט און אָט האָט זי זיך אַליין באַרויקט. זי האָט געהאַלטן אין איין אָבסערווירן מיך. זעט אויס, אַז מיין אויסזען, נאָך די 6 טעג הונגער איז נישט געווען פון די פריילעכע.

נאָך 6 טעג און 6 נעכט נישט שלאָפן ווי אַ מענטש, ווען כ׳האָב זיך אָן אויפהער אַרומגעבלאָנקעט ווי אַ חיה, וועלכע מ׳האַלט אין איין יאָגן, בין איך דאַן די ערשטע נאַכט געשלאָפן מיט אַ פעסטן און נאָרמאַלן שלאָף. כ׳האָב געוווּסט, אַז מיר געפינען זיך אין זיכערע הענט, וועלכע האַלטן אין איין וואַכן פאַר אונדזער זיכערקייט. ס׳האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ ניי לעבן צוזאַמען מיט די לעצטע פון מיין פאַמיליע. צוזאַמען מיט אונדז איז אויך געווען מיין שוועסטערס אייניקל, סאָניעס טאָכטער, וואָס איז ערשט אַלט געווען קוים צוויי מאָנאַטן. איר מאַן, דער פאָטער פון דער קליינער טאָכטער, איז שוין נישט געווען ביים לעבן. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן זאָרגן וועגן לעבן פון קליינעם באַשעפעניש. ס׳האָט נעבעך נישט געוואָלט פאַר־שטיין, אַז בכדי צו לעבן דאַרף עס זיין שטיל. דאָס קינד האָבן מיר איינגעאָרדנט ביי דער אוקראַאינערין, ביי דער זעלבער, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען ראַטעווען איר פאָטער, נאָרליידער איז ער אויפן וועג געכאַפּט געוואָרן און מ׳האָט אים אומגעבראַכט. דאָס קליינע מיידעלע איז טאַקע געווען ביי דער אוקראַאינערין, וועלכע האָט זי דערצויגן. היינט צו טאָג איז זי שוין אַן 18־יעריקע סטודענטין אין וראָצלאַווער אוניווערסיטעט. זי איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי דער אוקראַאינערין העכער 2 יאָר.

דאָס איז איין טייל פון מיינע איבערלעבונגען אין לויצקער געטאָ.

ש. רויטר / חיפה

בריחתי מגיטו לוצק

הזמן — קיץ 1941. הקמה בשלה — עונת הקציר מתקרבת. פגרת בתי־הספר מורגשת היטב, אלפי בני נוער נראים בחוצות שטופים במעשי קונדס ושובבות.

ובתוך השלווה הזו, לפתע, כרעם ביום בהיר — פרצה המלחמה. כולנו המומים מההפצצות הבלתי פוסקות. האווירה מחושמלת, אין ידיעות על הנעשה בחזית. הכל מעורפל, עד אשר ביום רביעי, היינו שלושה ימים בלבד לפרוץ המלחמה, נכנסו הגרמנים לעיר. המאורעות נתרחשו במהירות מדהימה. קשה היה להשלים עם העובדות, אך זו היתה המציאות ואט־אט התחלנו להסתגל אליה.

בשבועות הראשונים, כאשר היחידות הקרביות שלטו בעיר, לא התעוררה הבעיה היהודית, אך עם העברת העיר לידי הממו־נים על השלטון האזרחי, החלו ההטרדות והן הלכו והחמירו מיום ליום.

הדבר התחיל בחטיפת יהודים ברחובות, שנלקחו כביכול לעבודה. המעשה בוצע פעמיים, ואלפי הגברים שנחטפו לא חזרו עוד לעולם לבתיהם. לאחר מכן הוטלה עבודת כפיה, ללא כל תשלום או תמורה, על כל הגברים ואף על נערים צעירים.

וגם תורו של הטלאי הצהוב הגיע, ואתו איסור על יהודים ללכת במדרכות. עם פגישת גרמני כלשהו חייבים להוריד בפניו את הכובע, ועוד עשרות השפלות כאלה.

חשנו כי הקרקע הולכת ונשמטת מתחת רגלינו — אולם

בכל זאת לא אבדה התקווה אף לרגע. תמיד האמינו באיזה גואל דמיוני, באיזו ישועה שתבוא בדרך בלתי ידועה.

חיי היהודים ורכושם נעשו הפקר — כל שוטר אוקראיני או גויים סתם היו פורצים לדירותיהם, עורכים חיפושים ונוטלים כל חפץ שמצא חן בעיניהם. ומה אפשר היה לעשות? בפני מי להתלונן?

וכמובן, גם המצב הכלכלי הורע מאוד. אך בכל זאת עדיין אפשר היה להשיג כל דבר על ידי החלפת מטלטלים במצרכי מזון אצל האיכרים. בינתיים גדלה מאוד האוכלוסיה היהודית בעיר, לאחר שהועברו אליה כל יהודי הסביבה — תושבי הערים הקטנות והכפרים.

שמענו על הקמת גיטו ברובנו. כן הגיעה הידיעה על הטבח שנערך שם. אבל משום מה לא רצו היהודים להאמין שדבר כזה עלול לקרות גם בעירנו. כל דבר יכלו להעלות בדעתם, אֲבל השמדה המונית — לא. והנה בא תורו של הגיטו — כמדומני שהיינו מוכנים לו כי ידענו שסופו לבוא.

שיטת הביצוע היתה פשוטה למדי: בוקר אחד באו והכריזו כי כל היהודים יכולים לגור רק בשטח שבין „גשר בזילנסקי" לבין „גשר גנידבה", וכי עד שעה מסוימת חייבים כל היהודים לעבור לשם. בתנאים כאלה ברור ששום אדם לא היה יכול לקחת עמו אלא אותם חפצים שהיה מסוגל לשאת על גבו, שכן למן הרגע שנכנסו לשטח הגיטו שוב לא היתה לאיש אפשרות לצאת, כי על מקומות היציאה היתה מופקדת שמירה מעולה. רק הילדים הצליחו להסתנן החוצה, לחזור לדירותיהם וליטול שנית חבילה, אם אך לא שדדו בינתיים השכנים הנוצרים את כל מה שנשאר בבית. הכליאה בגיטו היתה בעצם ראשית הקץ.

מחמת הצפיפות הקשה והמחסור במצרכי מזון (אי אפשר היה עוד לעסוק בהחלפה, אף לא היה עוד מה להחליף), גברה בצורה מבהילה התמותה בגיטו. עשרות מתים הוצאו כל יום, והטיפוס הפיל חללים — בעיקר ילדים וקשישים. מחירי המצרכים בשוק השחור האמירו מעלה־מעלה והמזון היחידי היה לחם ותפוחי אדמה.

כבר החלו להיראות ברחובות אנשים מוכי רעב שהלכו ודעכו לאיטם ולא היה בכוח איש להושיעם.

גם המגע עם החוץ נעשה קשה ביותר והיה כרוך בסכנת נפשות. פורסם צו האוסר הליכת יהודים בודדים מחוץ לגיטו. ההליכה לעבודה נעשית בשלשות על הכביש בבוקר, וחזרה בצוותא בערב לאחר העבודה. כל יהודי שנתפס לבדו — נורה בו במקום.

הגרמנים מחלקים — לעובדים בלבד — מנת לחם בת 120 גרם ליום. המנה ניתנה כשהלחם חם — וזה במיוחד לשם גירוי התיאבון. בולעים מנה שבועית בסעודה אחת.

מדי פעם בפעם הם מטילים על תושבי הגיטו „קונטרי־בוציות". מתפרסם צו המחייב מסירת פרוות לשלטונות. נעשים חיפושים לגילוי הפרוות, וכל הנתפס ב„עבירה" — נורה. וכך חולף הזמן בשרשרת אין סופית של איסורים ומספרם של יושבי הגיטו הולך ופוחת מיום ליום.

מוצא צו האוסר לידה אצל יהודים.

אין כל אפשרות לתאר את תקופת האימים הזאת של החיים בגיטו. כל הגזירות וההתעללויות הללו, מטרתן היתה, כידוע, להשמיד את היהודים בצורה עקיפה, ליטול מהם את כוח הרצון, להביאם לידי ניוון, יאוש ומיאוס החיים.

עד אשר באה שעת החיסול ההמונית.

הדבר נמשך שבעה ימים בלבד, ועד כמה שאני זוכר התחיל ב־20.9.42 שחל ביום חמישי בשבוע. הכריזו על ריכוז כל היהודים במגרש ליד „היודנרט", מקום שם היה לפנים השוק, אחרי הגשר.

הורגש כאילו באוויר שמשהו מאוים עומד להתרחש.

הגיטו הוקף בטבעת של שוטרים מזוינים. באותו יום הופיע מושל המחוז בעצמו. מתוך רשימה הוקראו שמותיהם של בעלי־מלאכה שהיו נחוצים עדיין לשרות הגרמנים והללו הוצאו עם משפחותיהם. אף זאת עשו הגרמנים בכוונת זדון, שכן ידעו כי ראשי המשפחות לא יתיצבו לבדם. בצאתם אל מחוץ לגיטו הפרידו בינם לבין משפחותיהם והנשים והילדים הושמדו.

לאחר המיפקד התפזרו היהודים, וכל אחד היה מוכן להסתתר במקום כלשהו עד יעבור זעם.

למחרת בבוקר נכנסו שוטרים גרמנים ואוקראינים לגיטו והחלו להוציא את האנשים שוב לאותו מגרש.

אנו הסתדרנו בעליית גג — אך המחבוא לא עמד לנו באותו יום. השוטרים טיפסו ועלו אלינו, וגרמני, עם אקדח שלוף בידו, הוריד אותנו למטה באומרו „גם אתם יכולים לעבוד".

על המגרש הופרדו מיד הטף והנשים מן הגברים והנערים. פקדו על כולם לשבת. באיסור חמור נאסר לקום, ובאופן כזה יכול היה גרמני אחד עומד לפקח על שטח נרחב.

„מלאכה" זו בוצעה בשתי זרועות: מצד אחד הובאו אנשים נוספים למגרש, ומצד שני הוסעו אנשים במכוניות — אל המוות.

הרגשתי כי חייב אני לפעול ללא היסוס. — אינני יודע כיצד להסביר זאת, אבל איזה דחף פנימי הניעני לבריחה. בשלב ראשון להגיע אל קצה המגרש הגובל עם בתים, ואחר כך להתקדם יותר לאט, בזחילה. תוך כדי ישיבה התחלתי לנוע לכיוון הרצוי, כל פעם שהשוטר הפנה ראשו הצידה — ביצעתי אני תזוזה אחת.

משהגעתי לקרבת בית, מצאתי שם עוד אנשים אחדים. החלטנו לפרוץ יחד דלת של מחסן. וכך, כשאנו מנצלים את רגע התרחקותו של השוטר, פרצנו את הדלת בצוותא. לרוע המזל הורגש הדבר והשוטרים התחילו לרדוף אחרינו.

מכאן נפרדנו כולנו — כל אחד נפשו בידו.

אני טיפסתי לעליית גג, כששוטר אוקראיני מוסיף לרדוף אחרי ומאבדני מתחום ראייתו.

בעליה מצאתי משפחה שלמה עם תינוק. עדיין לא הגיעו לבית הזה. בלילה נערכים חיפושים בסביבה. התינוק הרעב בוכה. האם, מתוך פחד שבכי התינוק יגלה את מקום מחבואנו, סותמת את פיו של הפעוט. הוא נחנק, אך הקול הגיע לאזני השוטרים. כהרף עין הם פורצים למעלה ומורידים אותנו. — מספרנו למעלה מעשרה.

ושוב אני מצליח להתחמק, כשאני מסתתר מאחרי דלת ברגע שמוציאים אותנו מהבית החוצה, ועוזרת לי בכך חשכת הלילה. וכך נמשך משחק המחבואים ביני ובינם שבוע תמים. הרעב מציק לי. תוך סכנת נפשות אני יוצא לחפש מזון בבתים הריקים שתושביהם הובלו למוות.

רק כעבור שבוע אני מצליח לצאת מהגיטו בסביבת בית החולים היהודי ובית הכנסת.

מכאן רבות הדרכים — אך באיזו לבחור? אט־אט אני מתרגל לרעיון שאין רודפים אחרי ברגע זה. העיקר — שלא להיתפס. מאין ברירה אני פונה לשומר הבית שלנו מחוץ לגיטו.

בהיכנסי פנימה, מתחילה אשתו לצעוק: „הסתלק! אתה רוצה שיהרגו גם אותנו?" היא תוחבת פת־לחם לידי — ואני בחוץ. אצל השכן השני, בביתה של סבתא, אני זוכה לקבלת פנים אחרת — הלה פולני ולא אוקראיני. מאכילים אותי, נותנים לי להתרחץ ומחליפים לי את בגדי.

על שאלתם, מה יש בדעתי לעשות, אני משיב, כי אני רוצה לעבור את קו החזית — דבר פנטסטי לגבי נער בן 12 בשעה שהחזית בסטלינגרד. אך מה היה בידי לעשות? ידעתי שאין באפשרותי להישאר אצלם, אף לא רציתי לבקש זאת מהם כל עוד לא הציעו לי הם עצמם.

מכאן מתחילה פרשת נדודים ברגל עד טוצ׳ין, עיירה יהודית בסביבת רובנו. שם לא הוקם עדיין הגיטו, והיהודים היו בטוחים שלא יקרה להם דבר. הם שיחדו יפה את ראש המשטרה. אך לי אין אשליות. אני יודע שהדבר יבוא. מתוך כך אני ממשיך בדרכי עד לכפר הסמוך ומציע עצמי לעבודה אצל איכר אחד — לרעות את פרותיו בזמן שבניו ילכו לבית־הספר. אך גם כאן לא נמשך הדבר הרבה. — כעבור שלושה שבועות מחסלים את העיירה והאיכר משלחני מביתו.

אני ממשיך לנדוד עד נובוגרד־ווֹלינסק. מכאן אני קופץ ועולה מפעם לפעם על רכבת — דבר מקובל מאוד — ונוסע אל פני ז׳יטומיר—פסטוב—קייב—ניז׳ני־צ׳רינגוב, כשאני מתערב בין פליטי הסביבה ומעמיד פנים של אחד מהם.

מכאן אין אפשרות לנוע קדימה — הגרמנים מפנים את סביבת החזית מאזרחים ואני חוזר באותה דרך, צמוד למפונים כאחד מהם, לקייב—פסטוב—קזטין—ויניצה, ומכאן נודע לי שמעבר לבוג שולטים רומנים ושם נמצאים יהודים מרומניה — אני חוצה את הנהר ומגיע אליהם.

מצבם שונה בזה שאין משמידים אותם בידים ממש, אף־על־פי שהמוות קוצר כאן את קצירו בדרכים אחרות — בטיפוס וברעב. אולם כל מי שמסוגל לדאוג לעצמו — נשאר בחיים.

כאן חייתי כשנה, כשאני משחק משחק־מחבואים עם המוות — לפעמים מתקרב אליו, לפעמים מתרחק ממנו... לא אוכל להעלות על הנייר את התקופה הזאת, שגם היא היתה תקופת גסיסה בדומה לחיים בגיטו לוצק.

כעבור שנה אני מציג עצמי כיתום מבסרביה ונוסע לרומניה עם כמה מאות ילדים יתומים שהממשלה הרומנית החליטה להחזירם.

כאן עולם שונה לגמרי. מצב היהודים כמעט כלפני המלחמה. ואני מפחד להביט לאחור. כל מה שעבר עלי נראה לי כחלום בלהות. — אולם רק כאן אני תופס כראוי מה עוללו לנו המרצחים העמלקים.

גביית־עדות פון יעקב פאַליעשוק

שוין דעם 22־טן יוני 1941 האָבן די דייטשן שטאַרק באָמבאַרדירט לויצק. די באַפעלקערונג איז געלאָפן זיך באַהאַלטן ווו ווער עס האָט נאָר געקאָנט. זייער פיל האָבן זיך באַהאַלטן אין עק שטאָט ביים פעלדשער מאַקאַריעוויטש אין סאָד. פאַרנאַכט האָט מען געוואַרט אויף נאָך אַ שטאַרקערע באָמבאַרדירונג, און מען איז זיך צעלאָפן אין די דערפער.

פיל יידן פון לויצק זענען געלאָפן קיין ראַטן־פאַרבאַנד, נאָר אַ טייל פון זיי זענען געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן. דער דייטש האָט זיי אַריבערגעיאָגט. די סאָוויעטישע אַמטן האָבן זיך צוזאַמען מיט די טיילן פון דער רויטער אַרמיי געצויגן צום מזרח, און די פּאַניק איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען אין לויצק אַריין די דייטשן. ביים אַריינקומען האָבן זיי געטיילט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אָנגערויבט ברויט. שוין אין די ערשטע טעג האָבן די דייטשן אָנגעהויבן כאַפּן יידן אויף אַרבעט: אויף צו באַגראָבן די געהרגעטע, צו פאַרריכטן די וועגן א. א. שפּעטער האָבן זיך באַוויזן אין די גאַסן מעלדונגען, אַז די יידן זאָלן קומען אין שלאָס ביים סטיר אויף אַרבעט. מער האָבן זיי זיך שוין נישט אומגעקערט פון דאָרט.

באַלד קומען די באַוווּסטע באַגרענעצונגען: יידן טאָרן נישט גיין אויפן טראָטואַר; מען טאָר זיך נישט טרעפן מיט קיין קריסטן; נישט באַנוצן קיין מילך, פעטס, פלייש, פרוכטן א. א. אַז זיי פלעגן באַגעגענען אַ ייד מיט אַ באָרד פלעגן זיי אים אָפּשערן אַ האַלבע. מיט יעדן טאָג האָבן זיך די צרות פאַרגרעסערט.

די דייטשן פלעגן כאַפּן די יידן אין די גאַסן און טרייבן אויף פאַרשידענע אַרבעטן: באַגראָבן פערד, רייניקן די שטאָט פון די גרוזן, באַדינען די דייטשן.

זיי האָבן תיכף נאָך זייער קומען אָרגאַניזירט אַ אוקראַיִנישע פּאָליציי, וועלכע האָט געהאָלפן די דייטשן אין זייער אַרבעט.

*

האַרבסט־צייט האָט מען פאַר די יידן געשאַפן אַ געטאָ, וועלכע האָט אַרומגענומען ביים עק שטאָט עטלעכע געסלעך. די יידן האָבן נישט געטאָרט אַרויסגיין מחוץ לגעטאָ. אַז מען פלעגט וועמען כאַפּן, פלעגט מען דערשיסן, אָדער לכל הפּחות פּייניקן.

אין געטאָ האָט געהערשט אַ גרויסער הונגער. די יידן פלעגן די לעצטע זייערע זאַכן אַוועקטראָגן צו באַקאַנטע קריסטן

אויסצובייטן אויף עסנוואַרג. אָבער דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן, און צוליב דעם זענען געווען אַ סך קרבנות.

מיטן אָנקומען פון האַרבסט און שפּעטער פון ווינטער איז די לאַגע געוואָרן נאָך ערנסטער. די קעלט האָט געפּייניקט און קיין באַהייצונג איז נישט געווען. די יידן פלעגן ברעכן די פּאַרקאַנעס, פאַנאַנדערנעמען שטאַלן, קלייטן, אָבער דאָס האָט זייער ווייניק פאַרלייכטערט. מיט דעם האָט מען נישט געקאָנט באַהייצן עס זאָל זיין וואַרעם. אין געטאָ איז געווען שרעקלעך אומריין. עס זענען אויסגעבראָכן פאַרשידענע עפּידע־מישע קראַנקייטן, און פיל זענען אויסגעשטאָרבן. אַ סך זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער.

✶

אין לויצק איז אויך געווען אַ לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע, וועלכע די דייטשן האָבן געפּייניקט אוממענטשלעך. די געפאַנ־גענע פלעגן אויסשטאַרבן מאַסנוויז פון הונגער. ווען זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אין רייען מיט די כלים צום עסן, פלעגט אָפּט אַ דייטש מיט אַן אויטאָמאַט זיי אויסשיסן. גייענדיק צו דער אַרבעט, פלעגן זיי מיט די אויגן בעטן ביי די פאַרבייגייער ברויט, קאַרטאָפל אָדער אַנדערש וואָס. העלפן זיי מיט וואָס־עס־איז איז געווען פאַרבאָטן אונטער טויט־שטראָף. פיל פון זיי זענען אומגעקומען, נישט קאָנענדיק איבערטראָגן דעם הונגער. די דייטשן פלעגן זיי צוואַרפן אַ שטיקל ברויט, קרויט, קאַר־טאָפל אָדער אַנדערש וואָס.

✶

דער יודענראַט פלעגט זען צו פאַרהיטן פון טויט ווען עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אונטערקויפנדיק די דייטשן און דער פּאָליציי. אָבער עס האָט זעלטן געלאָזן זיך וואָס אויפצוטאָן, און קרבנות זענען געווען אויף יעדן שריט, ווייל אויף יעדן שריט זענען געווען „פאַרברעכער". „חטאים" זענען געווען פאַר נישט טראָגן גוט די לאַטעס, פאַרן האַנדלען מיט קריסטן, נישט קוקענדיק אויף דער גרויסער פאַרזיכטיקייט, האָבן די פּאָליציאַנטן, אָדער זייערע פריינד דאָך עס באַמערקט. פאַר־ברעכנס זענען געווען פאַר נישט אַזוי שטיין אָדער גיין. אויב עס האָבן געפעלט פאָרמעלע חטאים האָט מען אויסגענוצט „עפּעס וואָס". קרבנות, וועלכע נאָר אין איניקע פאַלן האָט זיך איינגעגעבן אויסצוקויפן מיט געלט, ווערטזאַכן א. א. פלעגן זיין אין געטאָ אויף יעדן טריט און שריט.

דער יודענראַט האָט אין געטאָ געפירט אַ „געזעלשאַפט־לעכע" טעטיקייט. עס איז געווען איינגעאָרדנט אַ יתומים־הויז פאַר יינגערע און אויך פאַר עלטערע קינדער. עס איז אויך געווען אַ מין „מושב־זקנים" פאַר אַלטע מענער און פרויען. די שטערבלעכקייט ביי די אַלטע איז געווען זייער אַ גרויסע, ווייל די דחקות און נויט איז געווען זייער גרויס.

אָבער נישט געקוקט אויף אַלע באַמיונגען פון איניקע מיטגלידער פון יודענראַט, איז די לאַגע געווען צו שרעקלעך. אין ווינטער פון 1941־1942 זענען פיל אין געטאָ אויסגעשטאָרבן פון הונגער, פון קראַנקייטן (בויך־טיפוס, פלעק־טיפוס א.א.) און פיל פון קעלט זענען פשוט פאַרפרוירן געוואָרן. פּאָליעשוק דערציילט, אַז זיין 4־יאָריק שוועסטערל בינע איז דערפראָרן געוואָרן אין בײדל, ווו זיי זענען געווען. אַזוי איז אויך געווען מיט זיין 7־יעריקן ברודערל מאָטל. אין אַ וואָך אַרום איז דאָס זעלבע געשען אויך מיט זיין 35־יעריקער מוטער, בוניע, צוויי וואָכן שפּעטער. עס איז געשטאָרבן פון הונגער די פרוי קאָצובע צביה, און די צאָל יתומים אין יתומים־הויז איז געוואָרן גרעסער. און פון דער צווייטער זייט האָט דער מלאך־המות זיך געמיט — עס זענען געשטאָרבן פיל קינדער.

די דייטשן האָבן נישט געקוקט אויף קיין שום זאַך און געטריבן אויף אַרבעט. די אַרבעט איז געווען אויף דער באַן, אויפן וועג, רייניקן אין שטאָט, אין פאַרשידענע זייערע אַנשטאַלטן, ווי אויך אין די פּריוואַטע וווינונגען פון די דייטשן און פּאָליציי. זיי האָבן אויך געטריבן אויף אַרבעט די קליינע קינדער פון די יתומים־הייזער. פּאָליעשוק האָט געאַרבעט מיט קינדער. ער האָט געדאַרפט פיטערן די קי, וועלכע מען פלעגט ברענגען צו טרייבן אויף צו טראַנספּאָרטירן קיין דייטשלאַנד, און רייניקן דעם שטאַל.

אַזוי האָט געדויערט די לאַגע ביז זומער 1942. איינמאָל האָבן די זשאַנדאַרמעריע און אוקראַאינישע פּאָליציי אַרומגע־רינגלט דאָס געטאָ, און אַלע יידן, וואָס האָבן געאַרבעט מחוץ דעם געטאָ — אַריינגעטריבן אין געטאָ אַריין. דערנאָך האָבן זיי אויסגעטיילט די פאַכמענער און זיי פאַרשפּאַרט מיט זייערע משפחות אין שלאָס (פעסטונג) ביים טייך סטיר. אויף מאָרגן פרי האָט מען אַלע פאַרבליבענע אין געטאָ אַרויסגעטריבן אויפן פּלאַץ, געשלאָגן, געלאָדן אין מאַשינעס און געפירט אין „גורקע פּאָלאָנקע" — אַ דאָרף 7 קילאָמעטער פון לויצק. אין אַ קליין וועלדל דאָרט זענען געווען צוגעגרייטע גריבער. די מערדער האָבן געצוווּנגען די אומגליקלעכע יידן זיך אויסצוטאָן, צו 5 האָט מען זיי אַריינגעטריבן אין גרוב און זיי דערשאָסן. אַזוי דעם גאַנצן טאָג, ביז זיי האָבן אַלעמען אויסגעשאָסן.

אַזוי ווי אַ סך יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין בונקערס און אין אַנדערע באַהעלטענישן, האָבן די דייטשן מיט די אוקראַאינער אַרומגעזוכט אין שטאָט, האָבן פיל געפונען און געטריבן אין „גורקע פּאָלאָנקע" צום שיסן. פיל זענען פאַר־בליבן באַהאַלטן, און נישט געקוקט אויף די גרינטלעכע זוכע־נישן, האָבן די רוצחים זיי נישט געקענט געפינען.

די תלינים האָבן נישט פאַרגעסן אויך די קינדער פון יתומים־הויז. עס זענען אַריין זשאַנדאַרמען, האָבן זיי אַרויס־געטריבן אויפן פּלאַץ, געלאָדן אויף מאַשינעס און געפירט צו די גריבער. אַ 4־יעריק מיידעלע איז פאַרן אַריינקומען פון די זשאַנדאַרמען קראַנק געוואָרן און די דערציערין האָט געהייסן אַן עלטערן יינגל, פּאָליעשוק, אַוועקצולייגן עס אויף אַ בעטל און עס צודעקן. ער האָט אַזוי געטאָן. די זשאַנדאַרמען האָבן דאָס מיידעלע נישט באַמערקט און עס איז פאַרבליבן אונטערן קישן.

✶

עס זענען פון די קינדער פאַרבליבן אויך דער 15־יאָריקער יעקב פּאָליעשוק מיט זיין 10־יעריקער שוועסטערל ליובע. די דייטשן האָבן זיי אַרויסגעטריבן צוזאַמען מיט אַלעמען, נאָר זיי האָבן זיך צוריק אַהין אַריינגעגנבעט, אַרויפגעקלעטערט אויפן בוידעם און פון דאָרט — אונטערן דעכל פון גאַניק. ס'איז דאָרט געווען אַזוי ענג, אַז זיי האָבן געמוזט ליגן אויסגעצויגן, נישט קאָנענדיק זיך אַ קער טאָן. זיי האָבן מיט זיך געהאַט גענומען אַ ביסל וואַסער אין אַ צעבראָכענער פלאַש און רויע בוריקעס און זענען דאָרט געלעגן.

אויפן בוידעם זענען געלעגן אָנגעוואָרפן וועש, קינדערשע

זאַכן. ליגנדיק אונטערן דעכל האָבן זיי געהערט וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס. זיי האָבן אויך געהערט, ווי די זשאַנדאַרמעריע און די פּאָליציי זוכן קינדער אין דעם יתומים־הויז. זיי האָבן געזוכט, גענישטערט, געווען אויפן בוידעם, איבערגעוואָרפן די זאַכן און נישט געפונען. נישט איינמאָל זענען די דייטשן געווען נעבן די באַהאַלטענע פּאָליעשוקס, געטראָטן אַפילו אויפן בוידעמל, וווּ זיי זענען געלעגן ד. ה. אַרומגעגאַנגען אויף די ברעטער איבער זיי און זיי נישט באַמערקט.

זיי האָבן אויך געהערט אין אַ טאָג אַרום, ווי אַ קינד איז אַרויס אויפן הויף, צוריק אַריין אין שטוב און ווידער אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, שפּעטער צוריק אַריין אין שטוב, אין אַ ביסל צייט אַרום ווידער אומגעגאַנגען אויפן הויף. זיי האָבן אויך געהערט ווי אויפן 3־טן טאָג האָבן די דייטשן געפונען דאָס קינד, געשריען אויף דעם: „יודין”. זי האָט געוויינט, און זיי האָבן זי אַרויסגעטראָגן פון שטוב.

די קינדער פּאָליעשוק זענען געלעגן 7 טעג, ביז עס האָט זיך איינגעשטילט דאָס שיסעריי און עס האָט אויפגעהערט דאָס אומגיין זוכן איבערן יתומים־הויז. אויפן 7־טן טאָג איז יעקב פּאָליעשוק אַרויסגעגאַנגען פון דעם באַהעלטעניש, דורכגעקליבן זיך דורכן צוים פון געטאָ, וועלכער איז געווען ביים יתומים־הויז בשכנות פון בישאָף. דאָס איז געווען אין אַ זונטיק און ער האָט עס געוואָלט אויסנוצן, ווי אַ צייט, ווען די פּאָליציי איז פאַרטאָג מיטן גיין אין קאָשטשאָל. בכלל איז אין שטאָט דאָ פיל מענטשן, און אַלע זענען מער פאַרנומען מיט זיך.

ער איז אַרויס פון יתומים־הויז. נישט געגאַנגען איז ער, נאָר געקראָכן אויף אַלע פיר. ער האָט געזען, ווי ביי דער גרויסער שול, אויפן הויף, זענען אָנגעוואָרפן פאַרשידענע מעבל, געשיר און גאַנצע קופּעס, און דייטשן שטייען און סאָרטירן זאַכן.

די גרויסע שול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סקלאַד פון יידישע זאַכן. אַהין פלעגט מען ברענגען די זאַכן נאָך די שחיטות, און איצט איז געווען זייער פיל אַרבעט.

פּאָליעשוק איז נאָכן אַריבערקלייבן זיך דורכן צוים געגאַנגען אַ ביסל אויפן וועג און דערזען, אַז אַרום איז רויק. האָט ער אָפּגעשלאָגן אַ ברעט און איז אַרויף אויפן בוידעם. ער האָט גענומען זיין שוועסטערל, איבערגעטאָן זיך פון די קינדערשע זאַכן אין בעסערע. האָט אָפּגעוואַשן זיין פּנים מיט זופּ פון די איבערגעלאָזענע „באָרשטש” (דאָס וואַסער איז אַרויף אויבן), האָט מיטגענומען אַ „ראָגאַטקע” און איז מיט דער שוועסטער אַרויס דורך דער אָפּגעשלאָגענער ברעט הינטערן פּאַרקן. זיי זענען געשטאַנען אויפן וועג, וועלכער פירט צום טייך סטיר, ביי אַ 50 מעטער פון טייך.

צוערשט האָבן זיי געוואָלט לאָזן זיך צום טייך, נאָר דאָס שוועסטערל וואָלט נישט געקאָנט אַריבערשווימען, האָבן זיי זיך געמוזט אומקערן צו גיין דורך דער שטאָט. אויפן וועג זענען געשטאַנען צוויי פּאָליציאַנטן. ער האָט זיך נישט פאַרלוירן. בכדי אָפּצוציען פון זיך די אויפמערקזאַמקייט, האָט ער גענומען די „ראָגאַטקע”, אויפגעהויבן אַ שטיינדל און גענומען צילן זיך אויף אַ פויגל, אָפּקערנדיק זיך, אַז זיי זאָלן אים נישט באַמערקן. דאָס שוועסטערל האָט אויף זיך אַזוי נישט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט. זיי זענען געגאַנגען פאַרביי דעם קאָשטשאָל. דאָרט האָט זיי אָנגעיאָגט אַ קריסטין און דערקענט. זי האָט זיי דערציילט, אַז אין שטאָט זוכט מען נאָך אַרום יידן אין די בונקערס און באַהעלטענישן; אַז מען געפינט זיי — פאַרניכטעט מען זיי. זי האָט זיי געראָטן צו גיין אין דאָרף (דעם נאָמען פון דעם דאָרף געדענקט דער עדות נישט), ביי אַ 14 ק״מ פון לויצק. זי האָט זיי געוויזן דעם וועג, און זיי זענען אַוועק.

אין דאָרף האָבן זיי געבעטן ברויט, און די פּויערים האָבן זיי געגעבן. דורכן דאָרף איז דורכגעפאָרן אַ דייטש אויף אַ מאָטאָציקל, האָבן זיי זיך באַהאַלטן. דערנאָך האָבן זיי אין עק דאָרף געבעטן מען זאָל זיי לאָזן נעכטיקן. זיי האָבן גענעכטיקט אין אַ שטאַל. די קינדער האָבן געגעבן דעם באַלעבאָס אַ העמד, און זענען דאָ געווען ביי אַ וואָך. שפּעטער האָט זיי דער באַלעבאָס געמאָלדן, אַז ער האָט מורא זיי צו האַלטן לענגער, ווייל קעגנאיבער זיין שטוב וווינט אַ פּרוי, וואָס אירע זין זענען פּאָליציאַנטן. זיי האָבן געמוזט אַוועקגיין.

זיי האָבן זיך באַזעצט אין קוסטעס ביי אַ ריטשקע, ביינאַכט פלעגן זיי אַריינגיין שלאָפן אין אַ נאָענטן שייער. דאָס מיידעלע פלעגט גיין אין די נאָענטע דערפער בעטלען ברויט. אין אַ 5 טעג אַרום האָט זי אין אַ דאָרף באַגעגנט באַקאַנטע — צוויי בחורים פון לויצק: פיגיע שיפער און זלמן (די פאַמיליע פון דעם צווייטן געדענקט נישט מער דער עדות). זיי האָבן זיי דערציילט, אַז זיי אַרבעטן אין אַ געוועזענעם סאָווכאָז אויף לאַנד, ביי 11 קילאָמעטער פון לויצק, און זיי זענען אַוועק אַהין. ס׳האָבן דאָרט געאַרבעט ביי 20 יידן.

דאָ פאַרבלייבן האָבן זיי נישט געקענט, ווייל אָפט פלעגן קומען דייטשן קאָנטראָלירן די יידן. זיי זענען אַוועק צוזאַמען מיט אַ מיידעלע, וואָס האָט געזוכט אירס אַ ברודערל קיין אָסטראָוויעץ, אַ 17 ק״מ פון לויצק.

אין אָסטראָוויעץ איז נאָך געווען דאָס געטאָ. דאָרט זענען אויך געווען קינדער פון לויצק. זיי האָבן געלעבט אין געטאָ און געשלאָפן אויף אַ בוידעם. פון דאָרט זענען זיי אַוועק מיט נאָך אַ יתומהלע פון לויצק, לאהלע, אין אַ טשעכיש דאָרף לימאַנאָווקע, 22 קילאָמעטער פון לויצק. דאָס יתומהלע פון לויצק האָט דאָ געהאַט אַ באַקאַנטן טשעך, ביי וועלכן איר פאָטער פלעגט אַרענדירן סעדער. די קינדער זענען פאַרבליבן אין דאָרף ביי באַזונדערע קריסטן ווי פּאַסטעכער. זיי האָבן זיי געגעבן קריסטלעכע נעמען. יעקב פּאָליעשוקן האָבן זיי גערופן „יאַנעק”. אין אַ וואָך אַרום האָבן זיי געהערט, אַז אין אָסטראָוויעץ האָט מען ליקווידירט די יידן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז געקומען אוקראַינישע פּאָליציי פון מלינאָוו, ביי 27 ק״מ פון לויצק, אַ 12 ק״מ פון דאָרף, זוכן „סאַמאָהאָנקע”, וואָס מען האָט געטריבן אין דאָרף. דערווייל האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז קאָלט (יעקב פּאָליעשוקס באַלעבאָס) האַלט אויס אַ יידיש יינגל. זיי האָבן אים געהייסן ברענגען דאָס יינגל, דראָענדיק, אַז אויב נישט וועלן זיי אים שיסן. די קינדער זענען אַנטלאָפן. זיי זענען דאָך אָבער געווען זייער אָפּגעשוואַכט, האָט קאָלט אָנגעיאָגט דעם יינגל און אים געבראַכט. קאָלטן האָט זיך אָבער איינגעגעבן אָנצושיכורן די פּאָליציאַנטן, און זיי האָבן פּאָליעשוקן אָפּגעלאָזן. אַ פּאָליציאַנט האָט אים געשראָקן, געצילט צו אים מיט דער ביקס, אויפגעהויבן דעם קין, זאָגנדיק: „באָישסיאַ סמיערצי, אַ?”

פּאָליעשוק האָט מורא געהאַט צו פאַרבלייבן מיט די שיכורע פּאָליציאַנטן, האָט ער אַוועקגעיאָגט די קי אויף דער לאָנקע,

און איז, כלומרשט לויפנדיק נאָך זיי, אַנטלאָפן צום וואַלד.

פון דאָרף ליובאַנאָווקע פלעגן די אָרטיקע קריסטן דאַרפן צושטעלן מילך פאַר די דייטשן אין מלינאָוו. יעדן טאָג פלעגט אַן אַנדער קריסט, לויט דער ריי, פירן די צוזאַמענגענומענע מילך קיין מלינאָוו. איז איין טאָג געפאָרן קיין מלינאָוו אויך קאָלט. צוריקגעקומען, האָט ער דערציילט די קינדער, אַז דאָס געטאָ אין מלינאָוו שטייט און אַז דאָרט זענען דאָ יידן. און אַזוי ווי די קינדער זענען הוילע (אין שלעכטע מלבושים) האָט ער זיי געראָטן גיין קיין מלינאָוו צו די יידן, און זיי וועלן זיי אָנטאָן.

זענען אַוועק דאָס מיידעלע ליובע פּאָליעשוק און דאָס יתומהלע לאה פון לויצק קיין מלינאָוו. זיי האָבן דאָרט גענעכטיקט. די יידן האָבן זיי זייער גוט אויפגענומען, געגעבן עסן, שיך און קליידער, און זיי זענען אַוועק צוריק אין ליובאַנאָווקע. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען קיין מלינאָוו אָנגעפאָרן דייטשן און פּאָליציאַנטן און האָבן ליקווידירט די יידן. קאָלט האָט געהייסן די קינדער אַוועקגיין פון דאָרף, ווייל נאָך דער ליקווידאַציע פונעם נאָענטן מלינאָוו וועלן מן־הסתם די מחבלים אַרומלויפן אין די נאָענטע דערפער זוכן באַהאַלטענע יידן.

זענען זיי אַוועק אין אַ נאָענטן וואַלד. בייטאָג פלעגן זיי דאָ פאַרברענגען און אויף נאַכט גיין אין אַ שייער, אָדער אין היי דורכשלאָפן. ליובע פּאָליעשוק פלעגט אין די אָוונטן גיין איבער די דערפער בעטן ברויט ביי די קריסטן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ליובע פּאָליעשוק אָנגעקומען פאַר אַ פּאַסטושקע צו איינעם אַ טשעך פון דאָרף ברישצי, ביזשאָווסקי. ביי אים האָט זיך אויפגעהאַלטן נאָך אַ לויצקער יינגעלע, חיים פרידמאַן.

ביזשאָווסקיס שטוב האָט זיך געפונען ביים שאָסיי לויצק—דובנע, אַ 22 ק״מ פון לויצק. אין איינעם אַ חגא־טאָג זענען אין שטאַל געזעסן פּאָליעשוק מיט נאָך אַ ייד פון ראָזשישטש, 25 ק״מ פון לויצק. אין דעם זענען אָנגעפאָרן דייטשן אויף צוויי פורן. זיי האָבן צוגעבינדן זייערע פערד, אַליין אַריין אין שטוב און אין עטלעכע מינוט אַרום אַריין אין שטאַל.

פּאָליעשוק האָט קוים באַוויזן אַרויפצוכאַפּן זיך אויפן בוידעם, דורכקלאַפּן אַ ברעט און אַרויפשלעפּן דעם צווייטן ייד. אין שטאַל האָבן זיי נישט שטאַרק געזוכט, נאָכדעם זענען זיי אַריין אין שייער, דורכגעזוכט און אַוועקגעפאָרן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען זשאַנדאַרמען פון אָסטראָוויעץ, ווו מען האָט געמסרט, אַז ביזשאָווסקי באַהאַלט אויס אַ יידיש יינגל (חיימען) און מען איז אים געקומען זוכן. חיים איז בעת מעשה געווען אַוועקגעפאָרן איבערן שאָסיי, און זיי האָבן אים נישט דערקענט, דעם „פאַרברעכער״, וועלכן זיי האָבן אַזוי געזוכט.

✶

בעת דער ליקווידאַציע פון לויצקער געטאָ האָבן די דייטשן איבערגעלאָזן ביים לעבן ביי אַ 200 פאַכלייט: שוסטער, שניידער, סטאָלער, שלאָסער א. א. זיי האָבן זיי געהאַלטן אין בנין פון דער יידישער גימנאַזיע און אַנטקעגן אין אַ מויער. די בנינים זענען געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט און אין די בנינים זענען געווען די וואַרשטאַטן, ווו זיי האָבן געאַרבעט. זומער 1942, ווען די דייטשן האָבן באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם יידישן אַרבעטס־לאַגער און זענען געקומען נעמען די יידן, זענען די יידן געווען באַוואָפנט מיט גראַנאַטן א. א. זיי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט מיט בענק, האָלץ א. א. אָנגעוואָרפן עס אויף די טרעפּ, און ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינצוגיין, האָבן זיי אויף זיי גענומען וואַרפן גראַנאַטן, העק, שטיינער, פאַרשידענע מכשירים, אויך געגאָסן שוועבל־זויער, וואָס ביי זיי איז געווען, און האָבן אייניקע דייטשן דערהרגעט.

באַלד זענען אָנגעקומען פייערלעשער, האָבן אָנגעהויבן גיסן וואַסער אין די פענצטער און שיסן. דערנאָך האָבן זיי צוגעשיקט אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן זיי זאָלן נעמען די יידן לעבעדיקערהייט. ווי די אוקראַאינער האָבן זיך דערנענטערט, האָבן די יידן געלאָזן אויף זיי העק, שטיינער, שוועבל־זויער און פיל פון זיי געהרגעט און פאַרוווּנדעט. צווישן די העלדן זענען געווען פּיניע שיפּער, זלמן פרידמאַן, שמחה צאַם א. א. ווען די לאַגע איז געוואָרן אַזאַ, אַז זיי האָבן געמוזט אַריינפאַלן לעבעדיקערהייט, האָבן זיך פיל געסמט, געהאָנגען און אונטערגעצונדן די בנינים. געראַטעוועט האָבן זיך זייער ווייניק. פּאָליעשוק האָט געטראָפן בלויז צוויי: פּיניע און שמחה פון לויצק.

יעקב פּאָליעשוק האָט זיך ווייטער געהאַלטן אין וואַלד מיט זיינע ביידע חברים פּיניע שיפּער און שמחה צאַם, נאָענט ביים דאָרף לאָבאַנאָווקע. שפּעטער טיילן זיך פאַנאַנדער די יינגלעך, שטעלן זיך אַרבעטן ביי טשעכן־פּויערים אין דאָרף.

אין האַרבסט 1942 איז געוואָרן זייער שטרענג. האָט מען געפונען ביי וועמען פון די קריסטן אַ ייד — האָט מען פאַרניכטעט די גאַנצע משפחה. פּאָליעשוק האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס דאָרף. ער פלעגט זיך באַהאַלטן אין וואַלד, שלאָפן אין די ש״טאַלן, שייערס מיט שטרוי און היי — ווו איין נאַכט, און ווו אַ צווייטע. שפּייזן פלעגט ער זיך מיט ברוטשקע, מערן א. א., וואָס ער פלעגט אויסגראָבן בגנבה אין גאָרטן.

ווען זיין באַלעבאָסטע פלעגט אים שוין נישט נאָר נישט געבן קיין עסן, נאָר שטאַרק נישט ליידן ער זאָל צו איר אַריינגיין, איז פּאָליעשוק אַוועק אין דאָרף פּאַנסקאַ דאָלינאַ. דאָרט זענען געווען אַ פּאָר הייזער ביים וואַלד. די איינוווינער, פּאָליאַקן, האָבן מורא געהאַט דאָרט צו זיין צוליב די „באַנדעראָווצעס״ און אוקראַאינסקאַיאַ פּאָווסטאַנסקאַיאַ אַרמיאַ, וועלכע האָבן פאַרפאָלגט די פּאָליאַקן. די דאָזיקע הייזער האָבן געהאַט פאַרנומען די אַנגעלאָפענע יידן פון לויצק, דובנע א. א. פּאָליעשוק איז געבליבן ביי די יידן און געווען מיט זיי צוזאַמען.

אין פּאַנסקאַ דאָלינאַ איז געווען אַ פּוילישע פּלאַצוווקע, אַ זעלבשוץ, וואָס די דייטשן האָבן געשטיצט קעגן די באַנדעראָווצעס, קעגן די או. פּ. א. זיי פלעגן זיי באַזאָרגן מיט געווער, און די פּאָליאַקן פון פּאַנסקאַ דאָלינאַ פלעגן שטיצן די יידן.

די יידן האָבן געהאַט געווער. נישט איינמאָל איז אויסגעקומען זיך צו פאַרטיידיקן. זיי זענען געווען ביי 18 יידן. אין וואַלד זענען געווען „זיעמליאַנקעס״, ווו אין זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן די יידן פון לויצק, דובנאָ, אָסטראָוויעץ א. א.

אַזוי זענען זיי געווען ביז אָנהייב ווינטער 1944. דעמאָלט איז פּאָליעשוק אַוועק אין דאָרף מאַליאָוואַניע, נישט ווייט פון פּאַנסקאַ דאָלינאַ. דאָרט איז געווען אַ פּאַרטיזאַנקע פון אַ מאַן 70—100. ער איז אויך אָנגעקומען אַהין, געקעמפט מיט די שונאים. אין פּאַרטיזאַנקע איז ער געווען ביז דער באַפרייונג דורך דער רויטער אַרמיי.

ווי מען האָט שפּעטער דערציילט, זענען די דייטשן נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם געטאָ עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, געזוכט פאַרשידענע בונקערס און באַהעלטענישן. פלעגן געפינען יידן און זיי שרעקלעך פּייניקן ביז צום טויט.

פיל האָבן זיי געהאָלפן אין דער בלוטיקער אַרבעט די לויצקער איינוווינער גרינעס — אינהאַבער פון ביר־געשעפט, און אַ מיידל. די דייטשן האָבן זיי געפירט, און זיי פלעגן אויף יידיש רופן די יידן, נאַרן זיי, אַז זיי האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן. פיל יידן, דערהערנדיק יידיש רעדן, האָבן זיך געלאָזן אויף דער ווענדקע און זענען אַריינגעפאַלן צו די מערדער אין די הענט.

(אַרכיוו פון ייד. היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע)

ש. שילה

קינדער אין געטאָ

אין איינעם פון די פרילינג־טעג פון יאָר 1944, ווען דאָס סאָוויעטישע מיליטער האָט מאַרשירט פאָרויס אין דער ריכטונג צו דער ווייסל, בין איך געגאַנגען באַטראַכטן לויצק; אירע הייזער, גאַסן, גערטנער, וועלכע זענען פאַר מיר געוואָרן אַ בית־הקברות. צווישן אַנדערע האָב איך אויך באַזוכט די ווענט פון מיין שול, אויפן ברעג פון דעם סטיר. דאָס איז געווען אין די שפּעטע פרימאָרגן־שעהן. כ׳בין געשטאַנען קעגן דעם בנין, און אין מיינע אויערן האָט אויפגעקלונגען דאָס לאַכן און פריילעכע שרייען פון מיינע חברים. אָט הער איך מוסיקן, לעאָנען, אברהמען, מאָשקען, יידלען, שיינדלען, אסתרקען, הינדען, ברכהן, פנינהן...

ש. שילה

איך האָרך זיך צו צו זיי און זע יעדן איינעם באַזונדער, נישט קלאָר, נאָר מטושטש, ווי דורך אַ פאַררעגנטער שויב; מיט אויגן פאַרצויגענע פון טרערן.

כ׳וועל אייביק געדענקען יענעם יסורימדיקן טאָג. כ׳בין אַריינגעגאַנגען אין קלאַס. ס׳זענען נאָך געשטאַנען שורותווייז די טישן און בענק. אויף די פּיס פונעם טיש זענען געווען די נעמען וואָס מיר האָבן אויסגעקריצט מיט אַ טשוואָק. אָט לייענט זיך: שלמה סופר, חיים מוסיק, אברהם לעסלער, און נאָך און נאָך.

כ׳בין געגאַנגען פון באַנק צו באַנק, זיי אַ גלעט געטאָן און אַרויסגעבראַכט אין זכרון די פיזיאָנאָמיעס און נעמען פון אַלע קינדער. כ׳האָב זיך געזעצט אויפן אָרט ווו כ׳פלעג אַמאָל זיצן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוויינט, גלאַט אַזוי, כדי זיך לייכטער צו מאַכן אויפן האַרצן. כ׳האָב געוויינט... און נישט געוווסט, צי אויף מיינע חברים וואָס זענען געווען און מער נישטאָ, צי אויף מיין גרויליקער איינזאַמקייט.

✶

נישט מיט אַלע פלעג איך זיך באַגעגענען אין געטאָ. מיר זענען געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן און דערווייטערט איינער פונעם אַנדערן. איינער האָט פאַרלוירן טאַטע־מאַמע און איז אַ יתום אויפן באַראָט פון דעם אכזריותדיקן הימל. דער צווייטער האָט נאָך זיין טאַטנס טויט גענומען אויף זיך דעם יאָך פון שפּייזן די פאַמיליע. דער דריטער איז דערשאָסן געוואָרן, ווען ער האָט געפּרוווט אַריבערטרעטן די גרענעץ פון דעם געטאָ. און אַזוי יעדער איינער מיט זיין גרויליקן גורל. און בסך־הכל זענען מיר געווען קינדער אין עלטער פון 12—13 פרילינגען.

✶

ליאָווקע — כ׳געדענק נישט זיין פאַמיליענאָמען. אין שול האָבן מיר אים גערופן ליאָווקע און אין גאַס — וועלוועלע. זיי זענען געווען צוויי ברידער אין דער פאַמיליע: ליאָווקע און יאָסעלע.

יאָסעלע — אַ פעט ייִנגעלע, אַ צוריקגעשטאַנענס און אַ זאַהיקע. ליאָווקע — אַ יינגל אַ פּיקח, אַ פלייסיקער און וווּנדערלעך פעיקער. מען פלעגט זאָגן, אַז דערוואַקסענע מענטשן האָבן ליב צו שמועסן מיט אים, און מיר, זיינע חברים, פלעגן אים מקנא זיין.

און אָט, איינמאָל אין אַ פאַרוואָלקנטן האַרבסטיקן טאָג האָבן זשאַנדאַרן, נישט מעלדנדיק פריער, אָנגעקלאַפּט אין די יידישע טירן אין שטאָט און אונדז אַלע באַפוילן מיר זאָלן אין משך פון אַ האַלבער שעה אויסליידיקן די הייזער און אַוועקגיין אין דעם קוואַרטאַל וואָס זיי האָבן באַשטימט ספּעציעל פאַר יידן. יעדער ווער ס׳וועט זיך געפינען נאָך דער־און־דער צייט אויסער די גרענעצן פון דעם געטאָ — וועט געטייט ווערן. דער דרייצניעריקער ליאָווקע, דער לעבעדיקער גייסט און ליבלינג פון דער פאַמיליע, כאַפּט אַלץ וואָס נייטיק פאַר דער עקזיסטענץ. לאָדעוועט אָן דאָס שווערסטע אויף די פּלייצעס און טראָגט אַריבער אין דעם געטאָ. איידער זיינע צעטומלטע עלטערן באַוויזן פון אָרט זיך צו רירן, איז ער שוין דאָ אַ צווייט מאָל אין שטוב און כאַפּט ווידעראַמאָל וואָס עס פאַלט אים אין די הענט אַריין. יאָ, אַריינכאַפּן וואָס מער — פון דעם וועלן מיר דאָך דאַרפן עקזיסטירן. ליאָווקע לויפט נאָך אַ דריט מאָל צו זיך אַהיים, כאַפּט אַ גרויסן פּאַק און לאָזט

זיך צום געטאָ. ער גייט און ווייסט נישט, אַז ער האָט שוין פאַרשפּעטיקט דעם טערמין. נאָענט ביי דעם געטאָ, ממש אויף דער צווייטער זייט גאַס, אין דעם בייזיין פון יידן און נישט־יידן פון ביידע זייטן גאַס, האָט מען אים באַפוילן שטיינבלייבן און אַוועקלייגן דעם פּאַק. אַן אוקראַאינער פּאָליציאַנט שטעלט אָן אויף אים זיין ביקס. ליאָווקע שטייט רויק און קוקט אין דעם לעכל פון דער ביקס. און מיטאַמאָל טראַך! ליאָווקע האָט אַפילו קיין איין טראָט נישט געמאַכט און קיין קלאַנג נישט אַרויסגעלאָזט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אויסגעצויגן.

מיר, זיינע חברים, האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן צווייטן טאָג אויף דער גאַס — זענען געזעסן און געשוויגן. יאָ, אין משך פון אַ טאָג זענען מיר געוואָרן דערוואַקסענע. אויך אונדז, די 12 און 13 יעריקע, הרגענען זיי! טיף אין האַרצן האָבן מיר שטאָלצירט דערמיט.

✶

מוסיק חיים — דער בעסטער שילער אויף מאַטעמאַטיק אין דער גאַנצער שול. זיין טאַטע איז געווען אונדזער לערער פון העברעיש. מיר האָבן געוווינט אין איין גאַס אין געטאָ. מיר פלעגן זיך באַגעגענען כמעט טאָגטעגלעך. זיין מאַמע איז געווען די איינציקע שפּייזערין, און אין שטוב האָט געהערשט הונגער. יאָ, נישט איין מאָל האָב איך געגעסן אין זיין בייזיין און געזען דעם הונגער אַרויסקוקן פון זיינע אויגן. אָבער ער איז געווען צו שטאָלץ. „ניין", פלעגט ער אַ זאָג טאָן, „כ'האָב נאָר־וואָס געגעסן".

איינמאָל האָט זיך מוסיק איינגעבראָכן: אַ כאַפּ געטאָן פון מיר אַ פּענעץ ברויט און אים אָנגעהויבן פאַרצערן, און טרערן זענען אים גערונען אויף די באַקן. מיר זענען דעמאָלט געזעסן אויפן בוידעם און צוזאַמענגעשטעלט די „צייטונג" פון דעם „יידישן לעגיאָן", וואָס מיר, קינדער, האָבן אַרויסגעגעבן. און דעמאָלט, דורך טרערן וואָס שטיקן אים אין האַלדז, דורך אַן אויסברוך פון צאָרן, האָט ער פון זיך אַרויסגעריסן דאָס וואָס האָט אים געדריקט אויפן האַרצן:

„מיין טאַטע... אַזאַ שלימזל! אויך פאַר דער מלחמה האָט ער קוים פאַרדינט אויף ברויט... איז תמיד שולדיק געווען געלט... אַלע צרות אין שטוב זענען צוליב אים! אַפילו אַן איינציק שטיקל ברויט איז ער נישט מסוגל צו ברענגען אין שטוב אַריין... פאַרוואָס האָט ער מיך געבראַכט אויף דער וועלט, דער דאָזיקער צעקראָכענער?!... זאָל ער... זאָל ער... זאָל ער שטאַרבן!..."

כ'בין געבליבן זיצן אַ דערשלאָגענער און האָב פאַרלוירן דאָס לשון.

מוסיק איז, ווי אַנדערע הונדערטער קינדער, געווען הונגעריק ביז פאַרטויבונג פון די חושים. ערשט דער טויט, פאַר וועלכן ער האָט זיך געשראָקן, האָט אים באַפרייט פון זיינע פּיינען.

✶

ראובן — זיין טאַטע איז געווען אַן אָרעמער סטאָליער, אין איינעם אַ טאָג בין איך מיר געגאַנגען גלאַט אַזוי אין גאַס אין געטאָ. און אָט דערזע איך ווי די עגלה פון דער חברה־קדישא, אַ באַגלייטע מיט מתים, פאַרהאַלט זיך קעגן זייער וווינונג. צוויי יידן האָבן אַרויסגעטראָגן פון שטוב דעם קערפּער פון ראובנס טאַטן און אים אַריינגעוואָרפן אין דער עגלה מיט די הויכע ווענט. די עגלה האָט גערירט פון אָרט און אין גאַס זענען שטיינגעבליבן ראובן, זיינע צוויי קלענערע ברידער און די יאַמערדיקע מאַמע. די קינדער האָבן נישט געוויינט, זייערע פּנימער — אָנגעשוואָלן און שטרענג, קוקן נאָך די עגלה וואָס דערווייטערט זיך. און ער, דער דרייצניעריקער ראובן, איז איצט דער ראש־המשפחה און וועט שלעפּן דעם יאָך. כ'בין נישט צוגעגאַנגען צו אים. כ'בין געשטאַנען מן־הצד און זיך צוגעקוקט ווי ער נעמט אָן די מאַמע פאַר דער האַנט און פירט זי צו זייער שטוב, און נאָך זיי שלייכן זיך נאָך זיינע צוויי קליינע ברידער, באָרוועסע און געשוואָלענע.

✶

שיינדעלע שוואַרצבערג — די בעסטע און שענסטע שילערין אין קלאַס. אַלע יינגלעך האָבן זי ליב געהאַט, און נישט איין מאָל פלעגן מיר נישט רעדן צווישן זיך צוליב איר. איינמאָל איז מען מיר דערגאַנגען די יאָרן אין משך פון גאַנצע וואָכן, ווייל איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זיצן נעבן איר און זי האַלטן פאַר דער האַנט.

איינמאָל, דאָס איז געווען אין די לעצטע חדשים פונעם געטאָ, האָט איך פּלוצעם באַמערקט צוויי קליינע געשטאַלטן אָנקומען מיר אַנטקעגן, מיט גרויסע קערבלעך ברויט אין די הענט. אַ שוידער איז מיר דורך דורכן לייב: דאָס זענען געווען אסתר גאָלדבערג און שיינדעלע, וועלכע איך האָב שוין נישט געזען זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה. מיר האָבן זיך אַריינגעקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, די אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט פון טרערן און... מיר זענען זיך ווייטער געגאַנגען יעדער אין זיין ריכטונג. אַפילו קיין וואָרט נישט! גאָרנישט! דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, און די אויגן האָבן געפינטלט פאַרטרערטע: יאָ, דאָס איז שיינדעלע, מיין געליבטע — אַ קליינע, אַן איינגעשרומפּענע, אָרעם געקליידט און שלעפּט אַ קערבל ברויט.

פון דעמאָלט אָן פלעג איך זי זען טאָגטעגלעך פאַרבייגיין אין גאַס איין אָדער צוויי מאָל און שלעפּן ברויט. כ'האָב זיך נישט דערוועגט צוצוגיין צו איר. יאָ, דאָס דאָזיקע מיידעלע האָט געשפּייזט איר פאַמיליע. אויף יעדע 15—20 ברויט וואָס זי האָט אַריבערגעבראַכט פון גנידעווו אין צענטער פלעגט זי פאַרדינען איין ברויט.

אין אַ צייט אַרום, ווען מיר זענען אַרויס פון בונקער צו זוכן עפּעס עסנוואַרג אין די אויפגעבראָכענע און וויסטע הייזער, האָב איך אָנגעטראָפן צו איר אין שטוב. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט פאָטאָגראַפיעס, פון איינע פון זיי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן אַ שיין פּנימל מיט בלויע אויגן, — דאָס פּנים פון שיינדעלען, וועלכע איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע.

✶

אברהם טעסלער — אים און זיין יינגערן ברודער האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוגליטשן זיך דורך דער קייט פּאָליציי־לייט און אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. מיר פלעגן זיך זייער אָפּט באַגעגענען אין געטאָ כדי „אויסצואַרבעטן" פּלענער נקמה צו נעמען אין די דייטשן. איינמאָל האָבן מיר געמאַכט אַ פּלאַן און זיך געגרייט צו אים מיט פולן ערנסט: אויב ס'וועט זיך מאַכן אַן „אַקציע" אין אונדזער געטאָ, וועלן מיר צונויפזאַמלען אונדזער גאַנצע קאָמענדע („יידישער לעגיאָן") און מיר וועלן אַלע קינדער גיין פון שטוב צו שטוב מודיע צו זיין צו פאַר־ברענען די הייזער אויפן באַפעל פון דעם יודענראַט.

מיר האָבן אויך „אויספּלאַנירט" ווי צו אַנטלויפן אין וואַלד אַריין און שאַפן אַ פּאַרטיזאַנקע. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס זענען געווען בלויז חלומות, וואָס צוליב דעם יונגן עלטער פון די טרוימער — איז גאָרנישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

די צוויי ברידער האָט זיך איינגעגעבן זיך אויסצובאַהאַלטן אין וועלדער און דערפער ביז פאַר דער באַפרייונג פון דעם קאַנט דורך דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן זיך מיינסטנטייל אויסגעהאַלטן פון „גנבות" אין נישט־יידישע הייזער.

צוויי וואָכן פאַר דער באַפרייונג זענען זיי געכאַפּט געוואָרן דורך פּויערים און דורך זיי דערמאָרדעט געוואָרן.

✶

אַן אומבאַקאַנט מיידעלע פון אַ יאָר 4—5.

גלייך נאָכן אומקום פון צווייטן געטאָ און מיין אַנטלויפן פון דעם ליובאַרט־שלאָס האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ פערדשטאַל, וואָס האָט געהערט צו מיין טאַטנס אַ באַקאַנטן קריסט, אין דעם היי אויפן בוידעם. פאַרשטייט זיך, אַז דער קריסט האָט נישט געוווּסט וועגן דעם. אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין אַריינבאַקומען זיך אַהין, האָב איך דערהערט אַ רויש פון גאַס. כ'בין געווען זיכער, אַז דאָס זוכט מען עס יידן. כ'האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער וואַנט און געזען דורך אַ שפּאַרונע ווי אַ צען ווייבער גייען שנעל אין איין ריכטונג, טראָגנדיק אין די הענט עסנוואַרג. מיטאַמאָל האָט זיך פון דער צווייטער זייט וועג באַוויזן אַן אוקראַינישער פּאָליציאַנט אויף אַ ראָווער. די ווייבער זענען פאַרהאַלטן געוואָרן, און דער פּאָליציאַנט איז אַראָפּ פונעם ראָווער. ערשט דעמאָלט האָב איך באַמערקט אַ מיידעלע פון אַ יאָר 4 מיט צעשויבערטע האָר, האַלטנדיק עפּעס אַ זאַך איינגעהילט אין אַ פאַטשיילע, — רוקט זיך אויף צוריק און מורמלט עפּעס. אירע אייגעלעך זענען אַרומגעשפּרונגען, ווי זיי וואָלטן געזוכט הילף. דער פּאָליציאַנט האָט זי גענומען אויפן ראָווער און איז אַוועק־געפאָרן מיט איר אין דער ריכטונג פון דער הויפּטגאַס.

אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי כ'האָב זיך געלאָזט דערקענען צו די קריסטן, האָט מיר די באַלעבאָסטע דערציילט: ווען דאָס מיידעלע האָט דערזען דעם פּאָליציאַנט, האָט עס גענומען זיך פאַרענטפערן — „ניע יעסטעם זשידוווקאָן" — כ'בין נישט קיין יידישקע... אָבער דער פּאָליציאַנט האָט געלאַכט.

✶

שרהלע — מיין מומעס מיידעלע. אַ קינד פון אַ יאָר. די איראָניע פונעם גורל: אַלע קינדער אין געטאָ זענען געווען וווּנדערלעך שיין און קלוג. אויך שרהלע איז שיין געווען, זייער שיין. ווי איך פלעג ליב האָבן זיך צו שפּילן מיט איר. מיר האָבן געוווינט צוזאַמען אין איין צימער. זי האָט געהאַט נאָר אַ מאַמע, זלאַטע האָט זי געהייסן, מיין טאַטנס אַ שוועסטער. איר טאַטן האָט שרהלע נישט געקאָנט, ער איז גענומען געוואָרן אין רויטן מיליטער, און קיינער האָט נישט געוווּסט וועגן זיין גורל. (ער לעבט היינט אין איינער אַ שטאָט אין אַרגענטינע אָדער בראַזיל).

שרהלע האָט זייער ליב געהאַט צו שפּאַצירן. די געדיכטע לופט אין שטוב פלעגט זי שטיקן. און איך פלעג זייער ליב האָבן זיך צו שפּילן מיט איר אין דרויסן. איך פלעג זי אָננעמען ביי די פיסלעך און שטעלן אויפן קעפּל, צודעקן מיט אַ קאָל־דערע און אויפדעקן, וואַרפן זי אויף אַלע זייטן ווי זי וואָלט זיין פון גומע. און זי... פלעגט יעדעס מאָל באַווייזן אירע צוויי קליינע ציינדלעך, און אַן אָפּגעהאַקט גלעקלדיק געלעכטערל פלעגט זיך אַרויסרייסן פון איר ברוסטל. און ווי ליב איך האָב געהאַט איר געלעכטער! ווי ליב איך האָב זי געהאַט, שרהלען! זי איז געווען דאָס גליק פון אַלע שטוביקע. זי פלעגט תמיד לאַכן. און איר לאַכן פלעגט אונדז אַלע ברענגען צו געלעכטער.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זי געזען אין טאָג פון דער „אַקציע". מיר זענען אַלע געגאַנגען צוזאַמען צום צענטער פונעם געטאָ. שרהלע — אויף דער מאַמעס הענט. די פּנימער זענען ביי אונדז אַלע טרויעריק און זע... אויך שרהלעס פּנימל איז טרויעריק. זי קוקט אויף אונדז מיט אירע שיינע אויגן און איז אײַנגאַנצן — רחמים, ווי זי וואָלט פאַרשטיין וווּהין מיר גייען. דאָס איידעלע האַרץ פון דעם קינד האָט געפילט אַלץ. אָבער זי האָט נישט געוויינט, איז געווען שטיל. געוויינט האָט דער פעטער מרדכי, בעת ער האָט באַשאָטן מיט גענזענ־קושן אירע צאַרטע הענטלעך און דאָס פּנימל. מיר האָבן זיך צע־שיידט... יעדער אין אַן אַנדער באַהעלטעניש, און זי, שרהלע, אויף דער מאַמעס הענט קוקט אונדז נאָך טרויעריק, מיט אַן אומשולדיק פּנימל, ווי ס'וואָלט פרעגן: פאַרוואָס גייט איר אַוועק פון מיר?

יאָ, מיר זענען פון איר אַוועקגעגאַנגען, נישט אויסדרייענ־דיק דעם קאָפּ.

און די דייטשן האָבן זי געהרגעט, געהרגעט אויף דער מאַמעס הענט.

אך, דו אל־נקמות!

צאלים, 1960

ש. שילה

ילדים בגיטו

באחד מימי האביב של שנת 1944, עת הצבא האדום התקדם לעבר הויסלה, הלכתי לראות את לוצק — את בתיה, רחובותיה וגניה, שנהפכו לי לבית־קברות, בין היתר ביקרתי גם בין כותלי בית־ספרי העומד על גדות הסטיר.

היה זה בשעות המאוחרות של הבוקר. עמדתי מול הבנין ובאוזני נצטלצל קול צחוקם וצריחותיהם העליזים של חברי. הנה שומע אני את מוסיק, את ליאון, את אברהם, מושקה, איצל, שיינדלה, אסתרקה, ינדה, ברכה, פנינה, ועוד ועוד... אני מאזין להם ורואה אותם אחד־אחד — לא בבירור, אלא במטושטש, כמו מבעד זגוגית־חלון שנתלחלחה בגשם; כמבעד דוק דמעה... היה זה יום אביבי — אותו יום מר אזכור לעולם — עת איוויתי לי לטייל בין חורבות וקברים: נכנסתי לחדר הכיתה. עדיין עמדו השולחנות והספסלים שורות־שורות. על רגלי השולחנות חרותים היו השמות שחרתנו יחדיו במסמר. הנה כתוב: שלמה סופר, חיים מוסיק, אברהם טסלר ועוד ועוד. עברתי מספסל לספסל, נגעתי בהם, והעליתי בזכרוני את דיוקנם ושמותיהם של כל הילדים. ישבתי על אחד הספסלים שהיה פעם מקומי. השפלתי את ראשי ובכיתי, בכי־סתם, כדי להקל מעל הלב. בכיתי... ולא ידעתי אם על חברי שהיו ואינם עוד אני בוכה, אם על בדידותי האיומה.

✶

לא עם כולם נפגשתי בגיטו. מפוזרים היינו ומרוחקים איש מאחיו. אחד — איבד את אביו ואמו, והוא יתום נתון לחסדי השמים הקשוחים. שני — לאחר מות אביו נטל על עצמו את פרנסת המשפחה. שלישי — נורה בשעה שניסה לחצות את קו הגיטו. וכך כל אחד ואחד וגורלו האיום עמו, ובסך־הכל אין אנו אלא בני 12—13 אביבים בלבד.

✶

ליובקה — איני זוכר את שם משפחתו. בבית־הספר קראנו לו ליובקה וברחוב — ולולה. הם שני אחים היו במשפחה: ליובקה ויוסלה. יוסלה — ילד שמן, מפגר וקשה־דיבור. ליובקה — ילד פיקח, חרוץ ומוכשר להפליא. היו מספרים, שהמבוגרים אוהבים לשוחח עמו, ואנו, חבריו, קינאנו בו.

והנה, ביום סתיו מעונן, בלא כל אזהרה מראש, דפקו הז'נדרמים על דלתות היהודים שבעיר וציוו על כולנו, תוך מחצית השעה, לפנות את הבתים ולצאת לרובע שקבעו במיוחד ליהודים. כל מי שיימצא לאחר השעה הזאת מחוץ לגבולות הגיטו — יומת. ליובקה בן ה־13, הרוח החיה במשפחתו ואהוב־לבם, חוטף את כל הנחוץ לקיום, מעמיס על שכמו את הכבד ביותר ומעביר לגיטו. ולפני שהספיקו הוריו ההמומים לזוז מהמקום, והוא כבר שנית בבית וחוטף שוב מכל הבא ליד. כן, לקחת כמה שאפשר יותר — שהרי על זה יהיה קיומנו. גם בפעם השלישית רץ ליובקה לביתו — העמיס חבילה גדולה והלך לגיטו, הולך ואינו יודע שכבר איחר את השעה: סמוך לגיטו, ממש מעבר לרחוב ולעיני יהודים וגויים הניצבים משני עברי הרחוב, ציווּ עליו לעמוד ולהניח את החבילה. שוטר אוקראיני מכוון אליו את רובהו. ליובקה עומד בשקט ומביט לתוך לוע הרובה. ופתאום: טרך!! ליובקה לא צעד אפילו צעד, ולא הוציא הגה. הוא הניד בראשו והתמוטט. אנחנו, חבריו ברחוב, התאספנו למחרת היום — ישבנו ושתקנו. כן, בין־יום נעשינו מבוגרים, גם אותנו, בני ה־12—13 הורגים! בסתר לבנו התגאינו בכך.

✶

חיים מוסיק — התלמיד הטוב ביותר בחשבון בכל בית־הספר. אביו היה לנו מורה לעברית. גרנו ברחוב אחד בגיטו. כמעט יום־יום היינו נפגשים. אמו היתה המפרנסת היחידה והרעב שרר בבית. כן, לא פעם אכלתי בנוכחותו וראיתי את הרעב המשתקף מעיניו. אך הוא היה גאה מדי. „לא", היה אומר, „רק כרגע סעדתי". יום אחד נשבר מוסיק: חטף ממני פרוסת לחם והחל לנגוס ממנה נגיסות טרופות, כשדמעות מתגלגלות על לחיו. ישבנו אז בעליית הגג וחיברנו את ה„עתון" של „הלגיון היהודי" שאנו הילדים הוצאנו. ואז, כשהדמעות חונקות את גרונו, ותוך התפרצות זעם הוציא את המעיק על לבו: „אתה תראה... יום אחד אני אקום ואהרוג את אבא שלי!... מין... לא יוצלח! גם לפני המלחמה בקושי הרוויח את לחמו... תמיד חייב היה כסף... ואף פעם הבית לא היה שלנו! כל הצרות במשפחה בגללו! אפילו פרוסת־לחם אחת אין הוא מסוגל להביא לבית. אני שונא את אבא שלי! שילך לעזאזל! למה הביא אותי לעולם — הטינופת הזאת! שילך... שילך... שילך... וישאיר אותנו לבד. הלואי שימות!!!" ישבתי המום והדיבור ניטל מפי.

לאחר זמן סיפר לי אחיו הגדול, כי באחד הלילות התנפל מוסיק על אביו והחל לחנוק אותו ורק בזכות בכיה ותחנוניה של אמו, הרפה ממנו. מוסיק, כמאות ילדים אחרים, היה רעב בגיטו עד להמהום החושים, עד לטירוף הדעת, ורק המוות, שכל כך לא רצה בו, גאל אותו מסבלותיו.

✶

ראובן — אביו היה נגר עני ורכוש לא היה להם. יום אחד הלכתי לתומי ברחוב בגיטו והנה אני רואה את העגלה של חברה־קדישא עמוסת המתים עוצרת ממול לדירתם. שני יהודים הוציאו מהבית את גווית אביו של ראובן, הפכוה לתוך העגלה גבוהת הדפנות. העגלה עקרה ממקומה וברחוב נשארו עומדים ראובן, שני אחיו הקטנים ואמו המתיפחת. הילדים לא בכו. פניהם נפוחים וקשוחים, עמדו והביטו אחרי העגלה המת־רחקת. והוא, ראיבן, בן ה־13 — מעתה ראש המשפחה ומושך

בעול. לא נגשתי אליו. עמדתי מן הצד וראיתי היאך הוא נוטל את יד אמו ומוליכה אל דירתם, כשאחריהם נשרכים שני אחיו הקטנים, יחפים ונפוחי־רעב.

*

שיינדלה שוורצברג — התלמידה הטובה ביותר בכיתה. אנו, הבנים כולם, אהבנו אותה, ולא פעם חדלנו מלדבר איש אל רעהו בגללה. פעם הציקו לי חברי קשה במשך שבועות תמימים, על כי היה לי האושר לשבת סמוך לה ולהחזיק בידה.

יום אחד — היה זה בחודשים האחרונים של הגיטו — הבחנתי פתאום בשתי דמויות קטנות הצועדות לקראתי, כש־בידיהן סלים גדולים עם לחם. צמרמורת עברה בגופי: היתה זו אסתר גולדברג ושיינדלה, שלא ראיתיה מאז פרוץ המלחמה. הבטנו זה בעיני זו. העינים הבריקו מדמעות ו...המשכנו ללכת, כל אחד לדרכו. אף לא הגה! כלום! הלב פעם בחזקה והעינים נתכסו דוק לח. כן, זאת שיינדלה אהובתי, קטנה, צמוקה, לבושת בלואים וסוחבת סל לחם. מאז ראיתיה יום־יום עוברת ברחוב, פעם או פעמיים, וסוחבת לחם.

לא העזתי לגשת אליה. כן, על כתפי הילדה הענוגה הזאת נפל עול פרנסת משפחתה. על כל 15—20 כיכרות־לחם שהעבירה מגנידאָבה למרכז הגיטו היתה משתכרת לחם אחד.

לימים, כשיצאנו מהמרתף לתור אחרי דברי מאכל בין הבתים השוממים והפרוצים, נקלעתי לביתה. על הרצפה התגלגלו תמונות, מאחת התמונות הביטו אלי פנים יפות בעלות עיני תכלת — פני שיינדלה שלא היתה כבר בחיים.

*

אברהם טסלר. — הוא ואחיו הצעיר ממנו הצליחו לחמוק בעד שרשרת השוטרים ולברוח ליער. בגיטו נפגשנו לעתים קרובות ביותר לצורך „עיבוד" תוכניות־נקם בגרמנים. פעם העלינו תוכנית, והתכוננו לה במלוא הרצינות: אם תבוא „אַקציה" על הגיטו שלנו, נאסוף את כל הקומנדו („לגיון יהודי") ונלך, כל הילדים, מבית לבית להודיע — בפקודת היודנראט, כביכול, — על שריפת הבתים. כן „תיכננו" בריחה ליער והקמת פרטיזנקה. כמובן, שאלה היו חלומות, שמפאת גילם הצעיר של החולמים לא יכלו כלל להתגשם.

שני האחים הצליחו להסתתר ביערות ובכפרים עד סמוך לשיחרור האיזור ע"י הצבא האדום. על פי רוב הם התקיימו על „גנבות" בחצרות הגויים. שבועיים לפני השיחרור נתפסו ע"י האיכרים ונרצחו.

*

אלמונית בת 4—5 שנים. — לאחר השמדת הגיטו השני ובריחתי ממבצר „לוברטה" התחבאתי באורווה, השייכת לגוי אחד ממכרי אבי — בתוך החציר שבעליה. כמובן שהוא לא ידע על כך. למחרת היום שהסתננתי לשם, קלטו אזני רחש מן הרחוב. הייתי בטוח שאלה הם חיפושים אחרי יהודים. זינקתי אל הקיר ומבעד לסדק ראיתי כמנין נשים פוסעות במהירות לכיוון אחד, כשידיהן אוחזות דברי אוכל. פתאום הופיע מעברה השני של הדרך שוטר אוקראיני רכוב על אופניים. הנשים נעצרו, והשוטר ירד מאופניו. רק אז הבחנתי בדמות ילדה כבת ארבע עם שערות מתולתלות, המחזיקה בידה איזה חפץ עטוף במטפחת, — כשהיא נסוגה לאחוריה וממלמלת דבר־מה. עיניה ריצדו מסביב כמבקשת עזרה. השוטר נטל אותה, הושיבה על אופניו ונסע עמה לעבר הרחוב הראשי. למחרת לאחר שהתגליתי למכרי, סיפרה לי בעלת הבית כי בשעה שראתה הילדה את השוטר החלה להצטדק; „ניע יעסטעם ז'ידובקה" — אינני יהודיה... אינני יהודיה... אך השוטר צחק ולקחה עמו...

*

שרה'לה — בת דודתי. תינוקת בת שנה. אך לעג הגורל היה זה: כל התינוקות בגיטו היו יפים להפליא ופיקחים. גם שרה'לה היתה יפה, יפה מאוד. כמה אהבתי לשחק עמה! גרנו יחדיו בחדר אחד. רק אֵם היתה לה; זלאטה קראו לה והיא אחות אבי. שרה'לה את אביה שלה כבר לא הכירה. הוא גויס לצבא האדום ואיש לא ידע על גורלו. כיום הוא חי באחת מערי ארגנטינה או ברזיל.

שרה'לה אהבה מאוד לטייל. האוויר הדחוס של הבית היה מחניק אותה. ואני, כאמור, מאוד אהבתי לשחק עמה. הייתי תופס אותה ברגליה ומעמידה על הראש, מכסה אותה בשמי־כה — ומגלה; מטלטל אותה לכל הצדדים כאילו היתה כדור־משחק. והיא... כל פעם היתה חושפת שתי שיניה הקטנות וצחוק פעמונים שובה־לב היה מתפרץ מפיה. כמה אהבתי את צחוקה! כמה אהבתי אותה, את שרה'לה הפעוטה! היא היתה אושרם של כל דיירי הבית. היא תמיד צחקה! וצחוקה הדביק את כולנו!

בפעם האחרונה ראיתיה ביום ה„אַקציה". כולנו יחדיו צעדנו למרכז הגיטו. שרה'לה בזרועות אמה. כולנו, פנינו עצובות. וראה — גם פני שרה'לה עצובות הפעם... היא מביטה בנו בעיניה היפות וכולה רחמים; כאילו ידעה לאן אנו צועדים. לב התינוקת הרך חש את הכל... רק לא בכתה, שקטה היתה. אהרון דודי הוא אשר בכה עת העתיר נשיקות־פרידה על ידיה ועל פניה הרכות. אנחנו נפרדנו... כל אחד למקום מחבוא אחר, והיא, שרה'לה, בזרועות אמה, מביטה אחרינו בעצב, בפנים תמימות, כאילו היו שואלות: למה אתם הולכים ממני?

כן, הלכנו ממנה בלי להפנות את ראשנו. והגרמנים רצחו אותה, רצחו אותה בזרועות אמה! אל נקמות, אֵיכה?

צאלים, 1960

יחיאל אַבשטיין

קינדער־קרבנות

ס'איז צוויי ביינאַכט,
איך שלאָף נישט איין.
איך ליג און טראַכט:
ווי קאָן עס זיין?

מיין זון מיין איינציקער
אַלט קוים צוועלף יאָר.
געווען אַ געראָטענער,
קלוג און שיין ביז גאָר.

איך האָב אים ליב געהאַט,
מיין טרייסט איז ער געווען.
פונעם האַרץ דער ווייטיק
וועט קיינמאָל נישט פאַרגיין.

איך האָב געהאָפט: אויף דער עלטער,
אין אַ צייט פון נויט
וועט ער מיר העלפן זיכער,
אויך זאָגן קדיש נאָך מיין טויט.

אָבער די נאַצישע מערדער,
וואָס האָבן אים געטויט,
זענען פון חיות ערגער,
ווייל אַ חיה נישט פאַרשטייט.

און איך, זיין אַלטער פאָטער —
ווי איז מיר און ווינד! —
ווייס נישט ווו זיין קבר
און זאָג קדיש נאָך מיין קינד.

יתגדל ויתקדש שמיה רבא!

פראַנקאַ גוראַלניק־שיינהערץ / ישראל

איך בין געשפרונגען פון צוג

נאָוועמבער, יאָר 1942. כ'בין אין לעמבערג מיט אַ פאַלשן סאָוויעטישן פאַספּאָרט אויפן נאָמען פון בראָניסלאַוואַ ק. מיר זענען אַהער געקומען גלייך פון די וואָלינער וועלדער מיט אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט אַן אויסגעצייכנט אַריש אויסזען, מיט אַנטעקן. איצט שטייט דאָס פּראָבלעם פון איינמעלדן זיך.

אַך, ס'אַראַ נאַיוויטעט. כ'בין געגאַנגען זיך איינמעלדן פערזענלעך, אויספילנדיק די אַנטשפּרעכנדיקע פאָרמולאַרן. די ריי צום איינמעלדן זיך איז געווען אַ גרויסע. כ'שטיי געדולדיק און וואַרט. ווען כ'בין צוגעגאַנגען צום פענצטערל, דערלאַנגענדיק מיינע פּאַפּירן, האָט אַ צווייטע באַאַמטין דערגעבן זיך אָנגערופן צו איר קאָלעגע, וועלכער באַדינט מיך: „דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ זשידיוווקע", — אויף אוקראַיניש. איך ענטפער פולשטענדיק נישט איבערראַשט, אַז אַלע מענטשן קאָנען נישט האָבן די זעלבע שיינקייט. מיין באַאַמטער פרעגט מיך וועגן אַ מעטריקע — איך ענטפער אים, יאָ, איך האָב, נאָר אין דער היים. ער דערלויבט מיך אַוועקגיין און כ'זאָל מאָרגן קומען מיט דער מעטריקע.

כ'קער זיך אום צו מיינע באַקאַנטע אויף דער אַרישער זייט, גאָרנישט דערציילנדיק זיי. כ'האַלט זיך אַן עצה מיט אַנטעקן — גיין, אָדער נישט גיין. אינדערפרי בין איך געגאַנגען. כ'האָב זיך באַדאַרפט איינמעלדן אויף פּיעקאַרסקאַ 1. כ'גיי און זוך און קאָן נישט געפינען די אַנטשפּרעכנדיקע טיר. מיר גייען אַרויס פון דאָזיקן בנין. אויף דער גאַס, ביי סאָביעסקיס דענקמאָל טו איך אַ וואָרף אַ מטבע — אָדלער, צי ציפער — גיין, אָדער נישט גיין? ס'איז געפאַלן אויף גיין. בין איך געגאַנגען. די ערשטע טיר וואָס כ'עפן — די דירעקציע. ס'זיצט שוין דאָרט אַ קאָנפידענט. ס'הייבן זיך אָן פראַגעס און ענטפערס. כ'בין אַריינגעפאַלן ביי אַ פראַגע אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין עדוקאַציע, ווייל כ'האָב נישט געוווסט, ווו ס'האָט זיך געפונען מיין שול, ווו איך האָב כלומרשט געזאָלט לערנען. כ'בין אַוועק צוזאַמען מיטן געהיימאַגענט אין קאָמיסאַריאַט, ווו ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, און פון דאָרט אין תפיסה.

פון קאָמיסאַריאַט האָט מען צוזאַמען מיט מיר אַוועקגעפירט אַ מאַמע מיט אַ זון — אַריער, וועלכע מ'האָט באַשולדיקט אין הרגענען דעם טאַטן.

וועגן דער תפיסה אויף לענצקי האָב איך געהערט, אַז פון דאָרט פירט איין וועג — קיין פּיאַסקי, דער פאַרניכטונגס־

פלאַץ אין לעמבערג. אין תפיסה האָט מען אונדז געגעבן זייף און אַ האַנטעך (איז דאָס נישט קיין פּאַראַדיע?) און געפירט אין באָד. נאָך דער באָד האָט אונדז אונטערזוכט אַ דאָקטאָר. ערשט דאָ האָב איך דערזען, אַז כ׳בין נישט אַליין. די דייטשן האָבן אַהער צונויפגעפירט אויב נישט די גאַנצע שענסטע יידישע יוגנט. ס׳זענען געווען שיינע און פּרעכטיקע מיידלעך, די מער־הייט מיט אַ גוטן אַרישן אויסזען. נאָך דער באָד און אַ דעזינ־פעקציע פון דעם אָנטאָן האָט מען אונדז אַריינגעשטופּט אין אַ קליינער צעלע אַ 40—50 נפשות. בייטאָג איז געווען ווי־עס־איז, ווייל מיר פלעגן אַרויסגיין אויף אַרבעט אין דער סביבה פון דער תפיסה. די נאַכט אָבער איז געווען איין קאָשמאַר.

אין תפיסה בין איך געזעסן אַ 2־3 וואָכן.

אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן איז געקומען אַ דייטש, האָט אונדז באַפוילן זיך אויסשטעלן פּאָרווייז אין רייען און אַרויסגעפירט אויפן תפיסה־פּלאַץ. דאָ האָט מען אונדז אַריינ־געזעצט אין אָפענע וואַגאָנעס, צוגעטשעפּעטע צו אַ טראַמוויי. מיר זענען געפאָרן צום קלעפּעראָווסקער וואָקזאַל. ס׳האָט אונדז געהיט אויך יידישע מיליץ.

אין סאַמע צענטער שטאָט האָט איינע אַ פרוי אַן עפן געטאָן אַ טיר און אַ זאָג געטאָן: „קינדער, ראַטעוועט זיך!״ עטלעכע מיידלעך זענען אַרויסגעשפּרונגען, אָבער מען האָט זיי אַלע געכאַפּט און זיי האָבן נאָך באַקומען מיט די קאָלבעס איבער די פּלייצעס, און מען האָט זיי צוריק אַריינגעשטופּט. מ׳האָט אונדז געבראַכט אויפן וואָקזאַל. פון דאָרט איז געווען צוצוגיין עטלעכע הונדערט מעטער צו (פּי־) וואַגאָנעס.

אונדז האָט מען נישט אויסגעטאָן. די מאַנסלייט פון געטאָ האָט מען אויסגעטאָן.

אויפן וועג האָט איינע אַ געוויסע פרוי דרעזנעראָוואַ אַ זאָג געטאָן צו אַלע, מען זאָל אויפהייבן פון דער ערד אַ וועלכע שטיקלעך גלאָז, שטיינער, שפּיציקע זאַכן. מ׳האָט אונדז אַריינ־געשטופּט אין די וואַגאָנעס. אין דעם וואַגאָן האָבן זיך געפונען דורכויס אַרעסטירטע פרויען. אויפגעלאַדעוועט האָט מען אונדז בייטאָג, אָבער דער צוג האָט גערירט פון אָרט ערשט ביינאַכט. מ׳האָט אונדז גאָרנישט געגעבן, נישט צו טרינקען, נישט צו עסן.

פאַר דער גאַנצער צייט וואָס מיר זענען געזעסן האָבן מיר אויסגעקריצט שטריכן אין די ברעטער פון די וואַגאָנעס, אין אַ זייטיקער וואַנט. אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט פון דרויסן פאַר־קלאַפּט דאָס פענצטער מיט שטעכלדראָט. מיר האָבן געשמועסט צווישן זיך, אַז ווען מען וועט דאַרפן אַראָפּנעמען די דאָזיקע דראָטן, איז סיידן מיט שערן.

ביינאַכט האָט דער צוג גערירט. ס׳איז געפאַלן אַ שניי. ס׳איז געווען שיין אויף דער וועלט. מיר האָבן געוווסט, אַז מען פירט אונדז אומברענגען — צו מאַכן פון אונדז זייף. מ׳האָט אונדז געפירט קיין בעלזשעץ — דאָס איז געווען אויס־שליסלעך אַ טויט־לאַגער. דער צוג איז געגאַנגען. מיר האָבן גענומען דריקן די ברעטער, וועלכע זענען געווען באַצייכנט מיט די שטריכן. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן. ס׳איז געוואָרן אַ גענוג אָנזעעווודיקע עפענונג. די דראָטן, מיט וועלכע דאָס פענצטער איז געווען פאַרקלאַפּט, זענען אַראָפּגעפאַלן. זענען שוין געווען אין וואַגאָן צוויי ערטער אַרויסצושפּרינגען. מיר האָבן געבענטשט דעם פּאָליציאַנט, וועלכער האָט די דראָטן צוגע־קלאַפּט, ווייל מיטן האַרץ איז ער זיכער געווען מיט אונדז.

איך בין אַרויסגעשפּרונגען די דריטע לויט דער ריי. כ׳בין געווען אַזויפיל ביים געדאַנק, אַז כ׳האָב געקוקט, צי דאָס אָרט איז אַ פּאַסיקער צום שפּרינגען און צי מיין מאַנטל וועט זיך נישט ביי עפּעס פאַרטשעפּען. איבער זיך האָב איך קיין ביקס נישט געזען, — בין איך געשפּרונגען. כ׳בין גוט געשפּרונגען. ביים סוף צוג איז געווען אַ בודקע מיט אַ באַוואָפנטע זשאַנדאַר־מעריע, און זיי האָבן געשאָסן. זיי האָבן מיר געטראָפן. די האַנט איז מיר געווען דורכגעשאָסן. נאָך גרויסע מאַטערנישן האָט זיך מיר איינגעגעבן צו קומען צוריק אין געטאָ.

1960



אָנדענק־טאָוול פאַר די קדושים אין לוציקער הויז אין בוענאָס־איירעס

א. פרידבוים־פּאַמיענקאָ / אשקלון

וויטאַלד פּאַמיענקאַ

וויטאָלד פּאָמיענקאָ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1905 אין וואַרשע, ווי אַ זון פון אַנטאָנינאַ און דמיטר פּאָמיענקאָ. אַלס ייִנגל פאָרט ער אַריבער מיט זיינע עלטערן קיין כעלם, ווו ער וואַקסט צווישן יידישע קינדער, חברט זיך מיט חדר־ייִנגלעך, רעדט און שרייבט יידיש, קען אַלע יידישע מנהגים.

צו 17 יאָר פאַרלאָזט ער דעם לערער־סעמיטאַר, נאָכן פאַרענדיקן דריי קורסן, און הייבט אָן צוהעלפן זיינע עלטערן אין דער פרנסה. גיט קאָרעפּעטיציעס און לעקציעס אין מוזיק, נאָכדעם ווי ער האָט ביי זיין פאָטער געלערנט שפּילן אויף בלאָז־אינסטרומענטן.

וויטאָלד פּאָמיענקאָ

אין יאָר 1924 קומט ער קיין לויצק צוזאַמען מיט זיין פאָטער, ווו זיי שפּילן ביידע אין מיליטער־רישן אָרקעסטער פון 24־טן פּיעכאָטע־פּולק. זיין פרייע צייט פאַרברענגט ער אין יידישער געזעלשאַפט, מיט יידישע מוזיקער, צווישן זיי — קאָפּע, קוזניעץ, מלמד און אַנדערע. ער גיט אויך לעקציעס פון מוזיק. אויך מיין ברודער, וועלכער געפינט זיך איצט אין רוסלאַנד, האָט געלערנט ביי פּאָמיענקאָ שפּילן סאַקסאָפאָן. דורך מיין פאָטער, משה, אַ סטאָלינער חסיד, באַקענט זיך פּאָמיענקאָ מיטן סטאָלינער רבין, רבי יוחנן פּערלאָוו ז״ל, און לייגט פאָר דעם רבין אָנצושרייבן פאַר אים אַ פּאָר חסידישע ניגונים פון זיין אייגענער קאָמפּאָזיציע. דער רבי נעמט אָן זיין פאָרשלאַג, און פּאָמיענקאָס ניגונים ווערן געזונגען דורך די סטאָלינער חסידים.

פון דאַן ווערט פּאָמיענקאָ פון צייט צו צייט פאַרבעטן צום רבין. ווי וויטאַלד גיט איבער, האָט דער רבי געשפּילט פידל, און זיי פלעגן ביינאַנד שפּילן פאַרשידענע ניגונים.

אייניקע יאָר פאַרן מלחמה־אויסברוך מוז פּאָמיענקאָ, לויט אַ פאָראָרדענונג פון דאָקטאָר, איבעררייסן דאָס שפּילן. תלמידים צו לערנען מוזיק זענען אויך נישטאָ. פּאָמיענקאָ זוכט פרנסה און געפינט זי אין אַ ניי פאַך. נחום סופר, אַליין אַ סאַקסאָפאָניסט און אַ שערער, נעמט אַריין צו זיך אין ראַזיר־אַנשטאַלט פּאָמיענקאָן און לערנט אים אויס דאָס פאַך, וואָס ווערט זיין הויפּט־פרנסה.

פּאָמיענקאָ ווערט דאַן נאָך מער נאָענט דער יידישער געזעלשאַפט. ער אינטערעסירט זיך באַזונדער מיט דער באַוועגונג פון בית״ר, ווו ס׳זענען טעטיק זיינע חברים, ראַפּאָפּאָרט און שפּיצמאַן (ביידע — היינט אין ישראל).

אין יאָר 1941, ווען די דייטשן פאַרנעמען לויצק, פילט דאָס פּאָמיענקאָ אָפּ נישט ווייניקער ווי די יידן. ס׳הייבן זיך אָן די רויבערייען פון יידישן האָב־און־גוטס. מענטשן בלייבן אָן ברויט. פּאָמיענקאָ פילט, אַז ער דאַרף מיט וואָס עס איז מעגלעך העלפן זיינע יידישע פריינד. ער פאַרלייגט אַ גרעסערן ראַזיר־אַנשטאַלט. דאָס געשעפט פּראָספּערירט גוט, און ער באַשעפטיקט 6 אַרבעטער. זיינע קליענטן: דייטשע זעלנער, זשאַנדאַרמען, די באַוווסטע ס.ס.־לייט, אוקראַינישע פּאָליציאַנטן, זיין „שיין קלינגענדיקער" אוקראַינישער נאָמען ציט צו די קליענטעלע פון דייטשע און אוקראַינישע מערדער. פּאָמיענקאָ באַשעפטיקט אייניקע יידישע שערער און אָרדנט איין יידן אויך ביי אַנדערע קריסטלעכע פריזירער. אויף זייער אַ קורצער צייט באַפרייט דאָס די דאָזיקע יידן פון אַנדערע נישט־לוינבאַרע אַרבעטן. עס דויערט אָבער נישט קיין סך צייט.

אין איינעם אַ טרויעריקן טאָג זעט פּאָמיענקאָ דעם טראַגישן גאַנג פון טויזנטער יידן, זקנים און קינדער, געטריבענע מיט זייערע פעקלעך אין געטאָ אַריין. דאָס בילד פון די גערודפטע מאַכט אויף אים אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. ער באַשליסט ביי זיך צו קעמפן קעגן דער נאַצישער און ראַסיסטישער בעסטיע מיט אַלע מיטלען.

דאָס געטאָ ווערט ביי פּאָמיענקאָן די צווייטע היים, און אפשר ריכטיקער — די ערשטע היים. אַלץ וואָס ער פאַרדינט, גיט ער אויס אויף ברויט, האָלץ און רפואות פאַר די ליידנדיקע. דער אַריינפאָר אין געטאָ איז פאַרבאָטן, און פאַר עובר זיין אויף דעם פאַרבאָט דראָט טויט־שטראָף. פּאָמיענקאָ באַקומט אַ ידיעה, אַז די אַלגעמיינע קיך, וועלכע קאָכט מיטאָגן פאַר די אָרעמסטע, דאַרף האָבן האָלץ. פּאָמיענקאָ קויפט אויפן מאַרק אַ פורל האָלץ, זעצט זיך אַליין אַרויף אויף דעם, נעמט די לייצעס פון דעם פויער און פאָרט אַריין אין געטאָ. ער לאָדעוועט אָפּ דאָס האָלץ און פאָרט צוריק. איינמאָל טרעפן אים די דייטשן, אָבער ער באַגעגנט זיי מיט אַ „הייל היטלער" און פאָרט זיך געלאָסן ווייטער דורך דער באַזיליאַנער בריק. ער נוצט אויס די באַקאַנטשאַפטן מיט זיינע קליענטן פון ראַזיר־אַנשטאַלט און שמוגלט ווייטער אַריין פאַרשידענע פּראָדוקטן אין געטאָ.

די יידן אין געטאָ האָבן געוווּסט, אַז ווען פּאָמיענקאָ ברענגט קאַרטאָפל, האָלץ, רפואות און אַנדערע זאַכן, טאָר מען אים נישט באַצאָלן, אַפילו נישט דאַנקען. אין געטאָ זענען אויך געווען יידן, וועלכע האָבן נאָך נישט געדאַרפט אָנקומען צו פּאָמיענקאָס מאַטעריעלער הילף, אָבער געהאַט צו אים אַנדערע בקשות. אייניקע פון זיי האָבן געהאַט אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן אין שטאָט פאַרשידענע סחורות, האָבן זיי אים געבעטן ער זאָל די סחורות אָפּנעמען. פּאָמיענקאָ פלעגט דאַן נעמען די דאָזיקע סחורות, אויסטוישן זיי אויף עסנוואַרג און אַריינפירן עס אין געטאָ.

יידן אין געטאָ האָבן געוווּסט, ווען פּאָמיענקאָ דאַרף קומען, פלעגן זיי שוין וואַרטן אויף אים אויפן געהעריקן אָרט, ווער צו הערן פּאָליטישע נייעס, ווער מיט עפּעס אַ ביטע. פּאָמיענקאָ פלעגט אַלעמען באַפרידיקן. דערציילן לעצטע נייעס פון פראָנט און מוטיקן אַלעמען. ער פלעגט אפילו נישט איינמאָל אַליין שאַפן יידישע לידלעך, וועלכע מען האָט אין געטאָ געזונגען.



וו. פּאַמיענקאָס יידיש

נישט אַלץ געדענק איך, אָבער אָט זענען פיר פערזן פון אַ לידל, וואָס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון:

דער בייזער דייטש האָט אָנגעהויבן אַ ווילדע בליץ־מלחמה,
ער האָט פאַרברענט אַ האַלבע וועלט און גענומט פון יידן נקמה,
ער האָט געמאַכט גרויסע געטאָס די אַמעריקאַנער אויף להכעיס,
אָבער די יידן, כאָטש אין געטאָ, האָבן אים אין ט...

און אָט איז אַ צווייט לידל:

פריילעך יידן, נישט געזאָרגט, די ישועה וועט דאָך קומען,
דער ממזר, דער ימח־שמוניק, וועט איינגעמען אַ מיתה־משונה.
ער האָט פאַרפירט אַ קריג מיט רוסלאַנד, כדי צו ווערן
אַ גרויסער מלך,
אָבער נעבן מאָסקווע שטייט ער, און ס'איז אים גאַרנישט פריילעך...

אַן אַנדערס מאָל האָט פּאַמיענקאַ געבראַכט אין געטאָ דעם פאָלגנדיקן וויץ: פאַרוואָס ראַבעווען די דייטשן יידישע פּאַטעלן און שטולן? — ווייל זיי שטייען שוין נעבן מאָסקווע צו לאַנג און מוזן זיך אַ ביסל צוזעצן...

דאָס לידל, דער וויץ, די פּאָליטישע ידיעות, וועלכע פּאַמיענקאַ פלעגט ברענגען, האָבן געהויבן דעם מוט און די מאָראַל פון די אין געטאָ פאַרשפּאַרטע יידן.

אין געטאָ האָט זיך געפונען אַ פרוי מיטן נאָמען פרידע קאַנטאָר, וועלכע פלעגט פּאַמיענקאָן אָנווייזן, וועלכע יידן נייטיקן זיך אַממערסטן אין זיין הילף. די זעלבע פרוי האָט צוויי טאָג פאַר איר דערמאָרדונג, האָבנדיק אַ פאַרגעפיל וואָס עס דערוואַרט די יידן, געשריבן אַ בריוו צו אירע קרובים אין אַמעריקע (פאַמיליע בתיה פאָליאַק), אין וועלכן זי האָט געבראַכט צום אויסדרוק די ליידן און געפילן פון די יידן עטלעכע טעג פאַר דער שחיטה. דער בריוו איז זיינערצייט געדרוקט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער פרעסע.

פּאַמיענקאַ האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט אַריינברענגען עסנוואַרג און רפואות אין געטאָ. ער האָט אויך באַשלאָסן צו ראַטעווען יידן דורך אַרויספירן זיי פון געטאָ און איינאָרדענען אויף דער אַרישער זייט.

אין לוצק זענען אין יענער צייט געווען אַ סך פליטים פון קאָנגרעס־פּוילן, געקומענע מיטן גרויסן פליטים־שטראָם פון סעפּטעמבער 1939. צווישן זיי פיל מיט אַרישן אויסזען און אויסשפּראַך, אָפּט אַפילו מיט „אַרישע" נעמען. פּאַמיענקאַ באַקומט אַ ניי פעלד פון אַרבעט. ער מאַכט פאַר זיי, וויפל ער קאָן נאָר, פאַלשע פּאַפּירן. פון זיינעם אַ פריינד, אַ פּאָליאַק, באַקומט ער אָריגינעלע בלאַנקן א. נ. „פּאַסווידקע אוקראַאינסקע". איצט פעלט נאָר דער שטעמפּל און דער אונטערשריפט פונעם שטאָט־פּרעזידענט. דאָ קומען אים צוהילף די ברידער ראַפּאַ־פּאָרט, וועלכע קענען דאָס פאַך און מאַכן אין געטאָ פאַלשע שטעמפּלען און פעלשן אויך דעם אונטערשריפט פון דעם שטאָט־פּרעזידענט טיראַווסקי. פאַר אָזאַ דאָקומענט צאָלט פּאַמיענקאַ 2500 קאַרבאָוואָנצעס. אַ טייל פליטים פאַרלאָזן אַדאַנק דעם געפעלשטן פּאַספּאָרט דעם געטאָ און לאָזן זיך אויף דער „פרייער וועלט" אַלס „אַריער".

וועלנדיק איינשפּאָרן געלט פאַר פאַלשע דאָקומענטן, זוכט פּאַמיענקאַ אַ וועג צו מאַכן אָפיציעלע, אין מאַגיסטראַט, אמתע דאָקומענטן. אין מאַגיסטראַט אַרבעט פּאַמיענקאָס אַ פריינד מיטן נאָמען בזשעזינסקי. דער לעצטער איז מסכים אויף פּאַמיענקאָס ווענדונג אַנצונעמען פאַלשע עדות, און גיט אַרויס די קליענטן אַרישע דאָקומענטן. נישט שטענדיק אָבער איז די זאַך אָפּגעגאַנגען גלאַטיק.

צווישן אַנדערע האָט פּאַמיענקאַ באַשלאָסן צו מאַכן אויף דעם אופן דאָקומענטן פאַר אסתרקע מילנער. שטייענדיק ביים פענצטער פונעם דערמאָנטן באַאַמטן בזשעזינסקי, דערקענט אסתרן אַן אוקראַאינער אָרלאָוו, אַן אַרטיסט, און מעלדעט דעם אַרויסגעבער, אַז דאָס איז אַ יידיש מיידל. בזשעזינסקי פּרווט זי אומזיסט פאַרטיידיקן. אסתר ווערט אַרעסטירט און די פּעדעם פון דעם ענין פירן צו פּאַמיענקאַ. אויך ער און זיין פאָטער ווערן געפּייניקט. זיי פאַרענטפערן זיך, אַז זיי קענען דאָס מיידל, וועלכע האָט אַ געוויסע צייט געוווינט ביי דער משפחה פּאַמיענקאָ אַלס אוקראַאינערין. צום גליק מישט זיך אַריין דער דייטשער קאָמענדאַנט, וואָרשיינלעך אויך אַ קליענט פון פּאַמיענקאָס ראַזיר־אַנשטאַלט און ער מיטן פאָטער ווערן באַפרייט. אסתר מילנער ווערט אָפּגעשיקט קיין ראָוונע אין דער קאָמענדע פון געסטאַפּאָ, ווו זי ווערט פאַרפּייניקט צום טויט. פּאַמיענקאַ בלייבט אומדערשראָקן און זעצט פאַר זיין

אַרבעט פון אַריבערפירן ייִדן פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט.

אין אויגוסט 1942 רינגלען די דייטשן אַרום דעם געטאָ און דערמאָרדן במשך פון אייניקע טעג העכער 17 טויזנט ייִדן. אין יענער צייט זענען באַשעפטיקט געווען ביי פאַרשידענע אַרבעטן אויסערן געטאָ אייניקע הונדערט ייִדן. אויך איך האָב געאַרבעט אין אַ דאָרף, פּאָדהייעץ, מיט אַ גרופּע מענער און פרויען. מיין ייִנגערע שוועסטער פלעגט קומען צו מיר יעדע וואָך. מיר פלעגן צוזאַמענגעמען, ווי עס האָט זיך געלאָזט, קרויט, קאַרטאָפל און אַנדערע גריבס, און זי פלעגט דאָס צוריקפירן אין געטאָ. איינמאָל איז זי צוריקגעקומען צו מיר און דערציילט מיט געוויין, אַז מענטשן האָבן אויפן וועג גערעדט וועגן דעם, אַז די נאַכט איז דאָס געטאָ ליקווידירט געוואָרן.

אין דער גרופּע איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. יעדער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי זיך צו ראַטעווען, אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער גורל איז געחתמעט. ווער עס האָט געהאַט געלד, האָט געפונען פאַר זיך אַ ציטווייליק לאָך זיך אויסצובאַהאַלטן. מיין שוועסטער האָט פאָרגעשלאָגן זיך צו פאַרבונדן מיט פּאָמיענקאָ, ער זאָל אונדז צוגרייטן אַרישע פּאַפּירן, און מיר וועלן זיך קאָנען לאָזן זיך אין וועג אַריין אַהין, וווּ מען וועט אונדז נישט דערקענען. מיר האָבן צוויסן געטאָן פּאָמיענקאָ און ער איז גלייך געקומען. ער האָט אונדז געפונען הונגעריקע און קרעציקע. ער אַנטוויקלט אַ נייע הילפס־אַרבעט. מיר באַקומען פון אים פּראָדוקטן און רפואות קעגן הויט־קראַנקייטן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ביי אים אין שטוב באַהאַלטן זיך אויס אייניקע ייִדן. ער ברענגט זיי קיין פּאָדהייעץ, וויסנדיק, אַז כל־זמן עס דויערט דער שניט, וועט מען די ייִדן דאָרט דערווייל לעבן לאָזן. אייניקע ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט אַ „גוטן" אויסזען און געקענט גוט די שפּראַך, באַקומען דורך פּאָמיענקאָ פּאַפּירן, און דורך אים געדונגענע אוקראַינישע שאָפערן פון „אוקראַינאַ־פילם" פירן זיי אַריבער אין אַנדערע געגנטן. פאַר מיר און מיין שוועסטער האָט ער קיין פּאַפּירן נישט געוואָלט מאַכן: מיר האָבן געהאַט טונקעלע האָר, און פון אונדזערע אויגן האָט מען געלייענט פּאַנישע שרעק. מיט אַזעלכע צוויי סימנים פלעגט מען אָפּט אַריינפאַלן. מיר האָבן אים געבעטן, פאַררופנדיק זיך אויף דער פריינדשאַפט מיט אונדזער פאָטער און אונדזער שטוב בכלל, ער זאָל פאַר אונדז עפּעס אויפטאָן, מיר זאָלן קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן. ביי זיך אין שטוב האָט ער דערווייל גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן. זיי האָבן געוווינט מיט אַ שכן און געהאַט אַ בשותפותדיקע קיך. ביי זיינער אַ באַקאַנטער טשעכין זענען שוין געווען פּאַליאַ קרוין און מיטעק ראַדזיק, דער איידעם פון סופרן. פּאָמיענקאָ האָט געצאָלט דער טשעכין פאַר אויסהאַלטן ביידע ייִדן און געפּרוּווט איר פאַרלייגן, זי זאָל אויך אונדז נעמען צו זיך. נאָך אַ געוויסער וואַקלונג האָט די טשעכין מסכים געווען, און מיר זענען אַהין אַריבערגעגאַנגען. כדי צו צאַפּן פון אונדז מער געלט, האָט די טשעכין דערציילט, אַז איר מאַן ווייסט נישט, אַז עס געפינען זיך ביי איר ייִדן. דערנאָך האָט זי חרטה געהאַט און געפאָדערט פון פּאָמיענקאָן, ער זאָל אונדז צונעמען.

אין יענער צייט פלעגט פּאָמיענקאָ גיין אין רואיִנירטן געטאָ, וווּ עס האָבן זיך געוואַלגערט פאַרשידענע זאַכן, און צווישן זיי פאָטאָגראַפיעס. פּאָמיענקאָ פלעגט זאַמלען פאָטאָגראַפיעס פון אומגעקומענע ייִדן און אויף דער אַנדערער זייט אָנשרייבן וואָס דאָס בילד באַדייט... איינמאָל, בעת אַזאַ באַזוך אין געטאָ, האָט ער באַמערקט נישט ווייט פון דער גרויסער שול אַ הויז, וואָס האָט געהערט צו אַ געוויסער קריסטין און איז שטיין געבליבן גאַנץ נאָך דעם חורבן. ער באַקוקט דאָס הויז און באַשליסט, אַז דאָס איז טאַקע דאָס וואָס ער זוכט: אַ דירה, אין אַ זייטיק אָרט, וווּ מען קאָן זיך אויסבאַהאַלטן פון נישט־געווונטשענע, נייגעריקע אויגן. ער דינגט די דירה און פירט אַהין אַריבער זיינע עלטערן, מיך און מיין שוועסטער.

אין דער זעלבער צייט האָט ער צופעליק געטראָפן אין גאַס אַ מיידעלע פון 11 יאָר. באַלד דערקענט ער, אַז דאָס איז אַ ייִדיש קינד, באַשליסט ער אויך זי צו ראַטעווען. ער ברענגט דאָס קינד, רייזעלע גרינשפּאַן, אַהיים צו זיין מאַמען, און איבערצייגט זי, אַז ראַטעווענדיק דאָס קינד, וועט זי עס דערציִען אין קריסטלעכן גייסט. רייזעלע גייט מיט פּאָמיענקאָס מוטער אין קלויסטער און פירט זיך אויף, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ געהאָרכזאַם קריסטלעך קינד.

זייענדיק באַהאַלטן ביי פּאָמיענקאָן, האָבן מיר נאָכגעוווּסט, אַז אויך אונדזער ברודער, ישראל, איז געלונגען צו ראַטעווען זיך. ער האָט זיך ערגעץ־וווּ אויסבאַהאַלטן. מוזנדיק ענדערן דאָס אָרט, האָט ער זיך געווענדעט צו פּאָמיענקאָן, און איז אַריבערגעפירט געוואָרן צו אונדז.

אין יענער צייט האָט פּאָמיענקאָ געהאַט אויסבאַהאַלטן צוויי ייִדן ביי דער טשעכין, פיר ביי זיך אין דער היים, און רחלע זאַפּראַן ביי זיין שוועסטער. די לעצטע האָט אָבער מער נישט געקאָנט האַלטן רחלען. אויסנוצנדיק דעם פאַקט וואָס די דייטשן מאָביליזירן גראָד קריסטינס אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, באַקומט פּאָמיענקאָ פאַר רחלען אַ טויף־מעטריקע און שיקט זי אַלס „אַריערין" קיין דייטשלאַנד.

ענלעכע דאָקומענטן האָבן אַדאַנק פּאָמיענקאָן באַקומען אויך נעכע סאַנדלער, עטל געלער און בן־ציון בערנהאָלץ. היות די קאַנדידאַטן צו פאָרן קיין דייטשלאַנד האָבן געדאַרפט פאָרזענלעך זיך צושטעלן צו דער קאָמיסיע, און בערנהאָלץ האָט דאָס צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות נישט געקאָנט טאָן, האָט פּאָמיענקאָ איבערגעקויפט דעם ד״ר זאַלעווסקי און מיט זיין וויסן זיך אַליין צוגעשטעלט צו דער קאָמיסיע אָנשטאָט בערנהאָלצן.

שוין נאָכן ליקווידירן דעם געטאָ האָבן די דייטשן געהאַט איבערגעלאָזט אַזוי גערופענע פּאַכלייט אין צוויי לאַגערן. פּאָמיענקאָ פלעגט זיך דערנענטערן צו די לאַגערן און מיט אויספייפן די מעלאָדיע פון „התקוה" געבן צו וויסן, אַז ער איז געקומען זיי באַזוכן. אברהם זיגעלבוים, דודקע ליבובער, די ברידער גאַלמיץ האָבן אים אָפּט איבערגעגעבן אַדרעסן פון קריסטן, ביי וועלכע עס זענען געווען אויסבאַהאַלטן ייִדישע זאַכן. ער פלעגט אָפּנעמען די זאַכן, סחורה, אויסטוישן דאָס אויף עסנוואַרג און ברענגען אין לאַגער אַריין. דאָס האָט געדויערט ביזן 12־טן דעצעמבער 1942, ווען מען האָט אויך די ייִדישע פּאַכלייט אויסגעמאָרדעט.

מיט פּאָמיענקאָס הילף איז אייניקע ייִדן פון דאָזיקן לאַגער געלונגען צו אַנטלויפן.

לוּיצק איז געבליבן „ייִדן־ריין". אָבער פּאָמיענקאָ האָט געוווּסט מער ווי די היטלער־לייט וועגן די לוּיצקער ייִדן.

ער האָט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט אַלע קעמערלעך. ער האָט אַלעמען געהאָלפן. ווו ער אַליין האָט נישט געקאָנט גיין, האָט ער געשיקט זיין אַלטן פאָטער מיט טאַבאַק און ברויט. אָבער שערן פלעגט ער אַלעמען אַליין. דאָס איז געווען זייער וויכטיק, ווייל אין פאַל פון אַ געפאַר, ווען מען האָט געדאַרפט לויפן פון דער באַהעלטעניש, איז דאָס זיין פאַרוואָקסן געווען אַ קען־צייכן פון די גערודפטע יידן. דערביי פלעגט פּאָמיענקאָ אַלעמען צוגעבן מוט און טרייסטן, אַז „עס וועט נאָך אַמאָל גוט זיין".

צוויי אומדערשראָקענע יידישע בחורים, אָשר גאָלדבערג און עמיל עלבירט, זייענדיק אַליין אויסבאַהאַלטן, האָבן מיט־געאַרבעט מיט פּאָמיענקאָן. ער פלעגט זיי איבערגעבן די אַדרעסן פון יענע קריסטן, ביי וועלכע עס איז געווען אויסבאַהאַלטן יידיש גוטס. שפּעט ביינאַכט פלעגן גאָלדבערג און עלבירט באַזוכן די קריסטן און פאָדערן פון זיי צוריקגעבן די זאַכן. מיט גוטנס אָדער מיט בייזנס, פאָרשטעלנדיק זיך פאַר פּאַר־טיזאַנער, האָבן זיי געצוווּנגען די קריסטן אָפּצוגעבן דאָס וואָס יידן האָבן ביי זיי איבערגעלאָזט. צווישן אַנדערן האָבן זיי אָפּגענומען ביי דעם אינזשיניער ליפּינסקי אַ קאַראַקולן מאַנטל. זייער באַלעבאָסטע האָט עס פאַרקויפט און מיטן געלט אויס־געהאַלטן די באַהאַלטענע יידן. בעת אַזעלכע „באַזוכן" ביי די קריסטן פלעגט פּאָמיענקאָ געוויינלעך שטיין אויף דער וואַך, אָפּנעמען באַלד די זאַכן און אויפּפּאַסן זיי זאָלן קאָנען אומ־געשטערט אַנטרינען.

צום באַדויערן איז נישט שטענדיק אַלץ געלונגען. צווישן אַנדערע האָבן גאָלדבערג און עלבירט באַזוכט אין איינער אַ נאַכט דעם ד"ר ליפּינסקי, ביי וועלכן עס זענען אויך געווען יידישע זאַכן. דער דאָקטאָר האָט זיי זייער העפלעך אויפגענומען און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז די זאַכן געפינען זיך נישט ביי אים, דעריבער בעט ער זיי קומען אַ צווייט מאָל — אין דריי טעג אַרום. פּאָמיענקאָ האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס גראָבט ליפּינסקי אַ גרוב אונטער די יידישע בחורים. ער האָט זיי נישט דערלויבט צו גיין נאָכאַמאָל צו ליפּינסקין. עלבירט האָט אים אָבער נישט געהערט און איז געגאַנגען אויף אייגענער האַנט. פּאָמיענקאָ איז צום באַדויערן גערעכט געווען. ביי ליפּינסקין האָט שוין אויף עלבירטן געוואַרט די געסטאַפּאָ. ער איז גלייך אַרעסטירט געוואָרן און, ווי מען האָט איבערגעגעבן, האָט מען אים שטאַרק געפּייניקט, ער זאָל אויסגעבן די באַהעלטעניש פון די אַנדערע יידן. ער האָט זיך אָבער נישט איינגעבראָכן. וויסנדיק וואָס עס דערוואַרט אים, האָט עלבירט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד און זיך אויפגעהאָנגען אין דער תפיסה־קאַמער, נישט אויסגעבנדיק קיינעם.

אָשר גאָלדבערג האָט דורכגעלעבט דעם קריג און געפינט זיך איצט אין ישראל. צוזאַמען מיט עלבירטן און מאָטל שטערנבוים האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ קריסטלעכער פאַמיליע מיטן נאָמען ביטאָמסקי. מען האָט זיי אָבער געמסרט. צוויי זענען אַנטלאָפן באַצייטנס און מאָטל שטערנבוים איז געכאַפּט געוואָרן. ער און די קריסטלעכע פרוי ביטאָמסקאַ זענען דערשאָסן געוואָרן.

אַן אַנדער באַהעלטעניש איז געווען אויף זאַמקאָווע גאַס. דאָרט האָבן זיך געפינען ניין יידן: דאל (פון דער אַפּטייק) מיט זיין פרוי, פרוי בורשטאָק (געשטאָרבן אין ישראל אין מערץ 1959), שלום פאַבריקאַנט, מאַניע וווּרצעל, אברהם זיגלבוים, מאַניע גערניס — איצט די פרוי פון א. זיגלבוים, אָשר גאָלדבערג און זוסמאַן. אויך די דאָזיקע יידן האָבן טייל־ווייז באַקומען הילף דורך פּאָמיענקאָ. זיין פאָטער פלעגט זיי ברענגען עסנוואַרג, און גאָלדבערג מיט זוסמאַנען האָבן די אָפּגענומענע זאַכן (נאָך עלבירטס אומקום) ווייטער אויסגעטוישט דורך פּאָמיענקאָן אויף פּראָדוקטן.

איינמאָל, ערב־ווייַנאַכט, האָט פּאָמיענקאָ געבראַכט צו זיך אין שטוב אויף יום־טוב אַלע באַהאַלטענע יידן. אמת, זיינע עלטערן האָבן שטאַרק געציטערט און מיט רעכט, אָבער פאַר אונדז לעבנגעבליבענע יידן איז דאָס געווען אַ גרויס געשעעניש. מיר זענען דערמוטיקט געוואָרן שוין דורך דעם פאַקט אַליין, אַז עס זענען נאָך פאַראַן קריסטן, וואָס האָבן מוט צו זיצן אין אַזעלכע פינצטערע צייטן מיט יידן אין דער הייליקער ניטל־נאַכט.

דאָס באַהעלטעניש אויף זאַמקאָווע איז אָבער אין קורצן געמסרט געוואָרן. איינער, אַן אוקראַאינער אַדמיניסטראַטאָר האָט באַקומען דעם פאַרדאַכט, אַז אין דעם אָפּגעשלאָסענעם צימער געפינען זיך יידן. ווען די באַלעבאָסטע האָט אים נישט געוואָלט געבן דעם שליסל פון צימער, האָט דער אוקראַאינער גערופן די דייטשע פּאָליציי. די יידן האָבן געמוזט לויפן. אָבער נישט אַלע זענען געלאָפן — פאַבריקאַנט און מאַניע וווּרצעל האָבן באַשלאָסן צו בלייבן און זענען פאַרנומען געוואָרן צוזאַמען מיט דער באַלעבאָסטעס אַלטער מוטער. די אַנטלאָפענע זענען, פאַרשטענדלעך, געקומען צו פּאָמיענקאָן. ער האָט אַ טייל פון די יידן איינגעאָרדנט אין דער געגנט. ביי אים איז געבליבן בלויז די יונגע באַלעבאָסטע, ביי וועלכער די יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. היות די פּאָליציי האָט זי אַרומגעזוכט, האָט ער זי באַזאָרגט מיט דאָקומענטן און געלט און אָפּגעשיקט קיין פּינסק. איצט האָט ער זיך גענומען צו באַפרייען די מוטער אירע. ער איז אַליין אַוועק אין דער פּאָליציי און האָט פאַר־געלייגט, אַז ער וועט אויסגעפינען די טאָכטער, וועלכע איז די שולדיקע אינעם „פאַרברעכן" און די זקנה זאָל מען באַ־פרייען. דאָס פאָרטל איז אים געלונגען. מען האָט די מוטער באַפרייט. אָבער אין קורצן האָט די אַלטע באַלעבאָסטע באַשלאָסן צו שאַנטאַזשירן פּאָמיענקאָן. זי האָט ביי אים געפּרעסט געלט און געדראָט, אַז זי וועט אַלץ דערציילן. פּאָמיענקאָ האָט זיך אָבער נישט דערשראָקן און איר געזאָגט, אַז ער איז נישט אַליין, מיט אים אַרבעט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, און אויב עס וועט מיט אים עפּעס געשען, וועט איר גאַנצע משפחה אומקומען. פון דאַן אָן האָט זי אים צורו געלאָזט.

אויך אַ צווייטע אוקראַאינקע האָט אים אַמאָל געפּרווּט שאַנטאַזשירן. זי האָט געוווּסט אַז ער העלפט יידן, ווייל ער האָט אויך זי געבעטן אויסבאַהאַלטן מ. שטערנבוים. זי האָט אָפּגעזאָגט און שפּעטער אים מיט דעם געדראָט. ער האָט אויף דעם זעלבן אופן ווי מיט דער דערמאָנטער מוטער זיך באַפרייט אויך פון דער צווייטער. איר נאָמען איז געווען נאַדיאַ סודניק.

אַן אוקראַאינישער פּאָליציאַנט האָט פּאָמיענקאָן אַמאָל איבער־געגעבן, אַז ער איז פאַרדעכטיקט אין אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט באַהאַלטענע יידן. האָט ער אויף אַ געוויסער צייט זיך שטאַרקער געהיט, און ווען מען האָט אים אויפגעהערט נאָכ־צושפּירן, האָט ער ווידער מיט אמתער מסירת־נפש געהאָלפן די באַהאַלטענע יידן. און אַזוי שוין ביז דער באַפרייונג.

ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט זיך מיר דער אומקום פון פּאַליע קרוין. זי האָט געהאַט צוטרוי צו איר אַרישן אויסזען און איז גאַנץ אָפט געקומען פון דאָרף אין שטאָט. איינמאָל האָט מען זי אויף דער גאַס דערקענט און אַרעסטירט. מען האָט זי געפּייניקט, זי האָט אָבער קיינעם נישט אויסגעגעבן. דער ייד, וועלכער איז געווען מיט איר צוזאַמען, געפינט זיך איצט אין קאָנאַדע. ליידער האָבן מיר נישט קיין קאָנטאַקט מיט אים.

רייזעלע זאַפראַן איז צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד און האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישן דאָקטאָר פין ראַטנפאַרבאַנד. רייזעלע געפינט זיך אין קאַנאַדע און מיר שטייען מיט איר אין פאַרבינדונג. צום באַדויערן אָבער, געדענקען אונדז נישט אַלע. אַ טייל דערציילן וועגן זייער העלדישקייט ווי פּאַרטיזאַנער, קאָנען זיי שוין במילא נישט דערציילן וועגן פּאָמיענקאָן און זיין הילף.

ווען פאָמיענקאָ האָט געראַטעוועט יידן, האָט ער קיינמאָל נישט געטראַכט קיין רגע אַפילו וועגן דאַנקבאַרקייט. ווער האָט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז ער וועט פּאַראַליזירט ווערן? נאָך היינט, ווען ער דערמאָנט זיך פאַרשידענע עפּיזאָדן פון יענע צייטן, וויינט ער ווי אַ קליין קינד. עס איז נאָך מער ווייטיקלעך, וואָס ער אַליין קאָן נישט אויסדריקן זיינע געפילן און דערציילן דאָס אַלץ וואָס ער ווייסט.

נאָך דער באַפרייונג האָב איך חתונה געהאַט פאַר פאַמיענקאָ און מיר האָבן אַ פערצן יעריקן זון — מאַרעק, וועלכן מיר האָבן געבראַכט קיין ישראל, ער זאָל וואַקסן אַ ייד. מאַרעק דערציט זיך איצט אין איינעם פון די קיבוצים אין די געגנטן פין אשקלון.

יאַנואַר 1959, אשקלון, ישראל.

DZIENNIK WITOLDA FOMIENKI

26.VI.1941 r. Niemcy zajęli Łuck.

Niedziela 29.VI.1941 r. Na sobotę łapano.

W czwartek 2.VII.1941 r. Rozklejono ogłoszenia z rozkazem stawienia się z łopatami na sobotę od 16-tu do 50-ciu lat, mężczyznom.

10.VII.1941 r.

Wszystkim Żydom kazano nałożyć białe opaski ze znakiem Dawida, wyszytym niebieskimi nićmi.

1.IX. — Każdemu Niemcowi kazano kłaniać się.

Łuck, X.1941 r.

Stworzono łager dla fachowców na Krasnem w byłym Seminar. Duch. Pierwszy naczelnik obozu ober wach. Fajertag. Jego zast. Zajfeit. Później Ebert i ostatni Weber.

Wartość człowieka stanowią jego czyny i zachowanie się w życiu społecznym, nigdy pochodzenie.
Łuck, 26.X.1941 r.

Prawdziwymi filantropami są ci, którzy nie wiedzą że nimi są. **Łuck, 26.X.1941 r.**

Nieszczęśliwymi ludźmi są ci, którzy nie mają ojczyzny. **26.X.1941 r.**

Największym skarbem człowieka, który ma ojczyznę — jest ojczyzna. **26.X.1941 r.**

Ilekroć razy mówi mi ktoś, że jestem sprawiedliwy, wydaje mi się, że ze mnie szydzi.
10.XI1941 r.

Największą potęgą duchową każdego człowieka jest jego wiara w lepsze jutro. **18.XI.1941 r.**

Gdym poraz pierwszy jako dziecię na drogę życia wkroczył, wszystko com na niej spotkał napajało mnie radością. I idąc dalej jako chłopiec widziałem słońce, kwiaty. A gdy mężczyzną po niej stąpałem, ujrzałem nędzę i groby. **18.XI.1941 r.**

Najohydniejszym uczuciem człowieka jest zemsta. **20.XI.1941 r.**

Istotną szczerością jest na nieszczerość odpowiedzieć szczerością. **25.XI.1941 r.**

11.XII.1941 r. Czwartek o godz. 7 rano. Stworzono „Ghetto".

Sierpień 1942. Strzelało dwóch ludzi S. S. Na miejscu kaźni stał stolik z zakąskami i piwem i wódką. Miałem sposobność rozmawiać z osobą, która przypadkowo uratowała się. Kiedy zapytałem, jak wyglądali kaci, odpowiedziała: „Muszę panu powiedzieć prawdę. Bardzo przystojni i sympatyczni ludzie".

1942 r. Sierpień.

7.VII. piątek, I-sze ultimatum.

10.VIII. Frejda — list i obrączkę, płakała.

13.VIII. Czwartek, zakładnicy: prezes Korczemny, Fejga Hausmanowa Gecht, Hoffman.

17.VIII. 2-a kontrybucja: 1000 kg. mydła, 500 kg. świec, 210 pakietów damskich kuponów.

19.VIII. Środa. Otoczyli. Zaczęli wozić od 20.VIII do 23 w niedzielę.

23.VIII. Niedziela była poświęcona specjalnie dla wyłapania ukrywających się w lochach. W dniu tym widziałem dwie grupy Żydów wylękłych, okrwa-

wionych, pędzonych z Ghetta na zamek Lubarta.

Sierpień 1942 r. Od 20.VIII do 23.VIIII stracono 17,500 Żydów. Sposób kaźni: **każdy skazaniec, bez względu na płeć i wiek, musiał się rozbierać do naga. Doły 150 m. długie, 5 szerokie, 2,5 głębokie. Wkładano w nie po 3 warstwy i każdą z osobna siano z automatu.**

W Boremlu rozstrzelano Żydów z czwartku na piątek 7 październik (sob.).

Sierpień 1942 r.

26.VIII. — We wtorek wykryto rodzinę Sojferów i w tym dniu stracono.

23.VIII. — W niedzielę widziałem trupy małych dzieci pływające w Stryrze. Jedną małą dziewczynkę z czerwoną wstążeczką na główce.

29.VIII. — Trupy ojca, matki i dziecka na ulicy Chlebnej.

Sienkiewiczówka. Sobota 15 października 1942 r.

Z reszty pozostałych fachowców utworzono obóz t. zw. łager. Komendantem obozu naznaczono Żabinowskiego. 16.XI.1942 r. we środę odwiedziłem poraz pierwszy łager. 18.X. Żabinowski, Fajntuch i Łucki przy spotkaniu pocałowali się ze mną w twarz.

Listopad 1942 r. 18.XI, 25.XI we wtorek Żabinowski.

12.XII.1942 r. Sobota. Rozstrzelano ostatni łager z piątku na sobotę.

Łuck, 31.I.1943 r. Irka podawała do stołu p. Kranzemu i Bernerowi.

1943 r. 1.V aresztowano żonę I. Mameta. 2.V w niedzielę żona Bąby wyszła odbić ją, co nie udało się. Obje aresztowano. W sobotę 6.VI.43 r. rozstrzelali Bąbowę i wszystkich innych co trzymali. 18.XI.42, niedziela, przed frontem zebranego łagru za rzekomy nieporządek w łagrze — Glik zastrzelił z rewolweru komendanta łagru Żabinowskiego. 24.VI.43 r. Spotkałem na szosie rowieńskiej Pryncentala. Jechał na furmance w charakterze furmana. Z radości objął mnie i pocałował.

2.VII.1943 r. Szterenbojm Motel, gos. Betomska.

27.II.1942. Fabrykant. Mania Wurcel.

23.VI.1943. Piątek. Dalowie. żon. z Bowermanów.

1.VIII.1943. Emil Elbert u Lipińskiego.

Sobota 25.XII.1943 r. Boże Narodzenie. Oglądałem na przedmieściu Hnielawa wymordowane przez Ukraińców 3 rodziny polskie. Morderstwo wykonane było siekierami. Małe dzieci miały porozbijane głowy w ohydny sposób, poprzecinane ręce. Widok mroził krew w żyłach swoim pełnym bestjalstwa i zwyrodnienia charakterem mordu.


Sierpień 1942 r.
Od 20.VIII. do 23.VIII straceno 17500
Żydów. Sposób kaźni. Każdy skaza-
niec, bez względu na płeć i wiek
musiał się rozbierać do naga.
Doły 150 m długie. 5 szerokie 2½
głębokie. Wkładano w nie po
3 warstwy i każdą z osobna
siano z automatu.

טאָג־בוך פון וויטאָלד פאַמיענקאַ

26 יוני 1941. די דייטשן האָבן פאַרנומען לוציק.

זונטיק, דעם 29־טן יוני 1941. שבת זענען פאָרגעקומען כאַפּונגען.

מיטוואָך, דעם 2־טן יולי 1941. עס זענען פאַנאַנדערגע־קלעפּט געוואָרן מעלדונגען מיטן באַפעל, אַז מענער פון 16 יאָר ביז 50 זאָלן זיך שבת צושטעלן מיט לאָפּאַטעס.

10 יולי 1941. אַלע יידן איז באַפוילן געוואָרן אָנצוטאָן ווייסע אָרעמבענדער מיט אַ מגן־דוד, אויסגענייט מיט בלויע פעדעם.

1 סעפּטעמבער. אַ באַפעל זיך צו בוקן פאַר יעדן דייטש.

לוציק, אָקטאָבער 1941

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ לאַגער פאַר פאַכלייט אויף קראַסנע אין דעם געוועזענעם סעמינאַר פאַר גייסטלעכע. דער ערשטער נאַטשאַלניק פון לאַגער — פייערטאַג. זיין פאַרטרע־טער — זאַיפּייט. שפּעטער — עבערט, און דער לעצטער — וועבער.

די ווערט פון דעם מענטשן באַשטייט אין זיינע האַנדלונגען און אויפפירונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, קיינמאָל נישט אין זיין אָפּשטאַמונג. לוציק, דעם 26־טן 10, יאָר 1941

אמתע פילאַנטראָפּן זענען יענע, וועלכע ווייסן נישט, אַז זיי זענען אַזעלכע. לוציק, 26־טן 10, יאָר 1941

אומגליקלעכע זענען יענע מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין היימלאַנד. 26־טן 10, 1941

דער גרעסטער פאַרמעג פון אַ מענטשן, וואָס פאַרמאָגט אַ היימלאַנד איז — דאָס היימלאַנד.

לוציק, דעם 10.26, 1941

וויפל מאָל ס'זאָל מיר ווער נישט זאָגן, אַז איך בין אַן ערלעכער, דאַכט זיך מיר, אַז ער מאַכט פון מיר חוזק.

לוציק, 11.10, 1941

דער גרעסטער גייסטיקער כוח פון יעדן מענטשן איז זיין גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן. לוציק, 11.18, 1941

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל ווי אַ קינד נאָך באַטרעטן דעם לעבנסוועג, האָט מיך אַלץ וואָס איך האָב אויף אים באַ־געגנט אָנגעפילט מיט פרייד. און גייענדיק ווייטער ווי אַ ייִנגל האָב איך געזען זון, בלומען. אָבער ווען איך האָב אויף אים ווי אַ מאַן געשפּרייזט, האָב איך דערזען נויט און קברים.

לוציק, 11.18, 1941

דאָס העסלעכסטע געפיל פון אַ מענטשן איז נקמה.

לוציק, 11.20, 1941

אמתע איפּריכטיקייט איז — ענטפערן אויף אומאויפריכ־טיקייט מיט אויפריכטיקייט. לוציק, 11.25, 1941

1941.12.1. מיטוואָך זיבן אַזייגער אין דער פרי איז גע־שאַפן געוואָרן דאָס געטאָ.

אויגוסט 1942. ס.ס. האָט געשאָסן צוויי מענטשן. אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ איז געשטאַנען אַ טישל מיט צובייסעכץ, ביר און בראַנפן. כ'האָב געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן מיט אַ פרוי־זאַן, וועלכע האָט זיך צופעליק געראַטעוועט. אויף מיין פראַגע, ווי ס'האָבן אויסגעזען די תלינים, האָט זי געענטפערט: „איך מוז אייך זאָגן דעם אמת — זייער אַנשטענדיקע און סימפּאַ־טישע מענטשן".

8.7. פרייטיק. דער ערשטער אולטימאַטום.

8.10. פריידע — אַ בריוו מיט אַ רינגל, זי האָט געוויינט.

8.13. מיטוואָך. ערבות־לייט: פּרעזעס קאָרטשעמני, פייגע האַוסמאַנאָוואַ, געכט, האָפמאַן.

8.17. צווייטע קאָנטריבוציע: 1000 קילאָ זייף, 500 קילאָ ליכט, 210 פּאַקעטן פּרויען־קופּאָנען.

8.19. מיטוואָך. מען האָט אַרומגערינגלט. מ'האָט אָנגעהויבן אַרויספירן פונעם 10־טן אויגוסט ביזן 23־טן אום זונטיק.

8.23. דער זונטיק איז באַשטימט געוואָרן ספּעציעל אויף אויפצוכאַפּן די וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין קעלערן. אין יענעם טאָג האָב איך געזען צוויי גרופּעס יידן צעשראָקענע, צעבלו־טיקטע, געטריבן פון געטאָ צום ליובאַרט־שלאָס.

פון 20־טן ביזן 23־טן אויגוסט זענען אומגעבראַכט געוואָרן 17,500 יידן. דער אופן פון דער עקזעקוציע: יעדער פאַר־משפּטער, אַן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער, האָט געמוזט זיך אויסטאָן נאַקעט. די גריבער 150 מעטער די לענג, 5 די ברייט, 2 מיט אַ האַלבן די טיף. מ'האָט אין זיי אַריינגע־לייגט דריי שיכטן, און יעדער איז באַזונדער צעשאָסן געוואָרן פון אַן אויטאָמאַט.

אויגוסט 1942.

8.26. דינסטיק איז אַנטדעקט און אומגעבראַכט געוואָרן די פאַמיליע סופר.

8.23. זונטיק האָב איך געזען קערפּער פון טויטע קליינע קינדער שווימען אויפן סטיר. איין קליין מיידעלע מיט אַ רויט סטענגעלע אויפן קעפּל.

8.29. טויטע קערפּערס פון אַ טאַטן, אַ מאַמען און אַ קינד אויף כליעבנע־גאַס.

אין בערעמליע האָט מען די יידן צעשאָסן פון מיטוואָך ב'ז פרייטיק דעם 7־טן אויגוסט; אין שענקיעוויטשוווקא — שבת דעם 15טן אויגוסט 1942.

פון דעם רעשט איבערגעבליבענע פאַכלייט האָט מען געשאַפן אַן אַזוי גערופענעם לאַגער. פאַר קאָמענדאַנט פון לאַגער איז באַשטימט געוואָרן זשאַבינאָווסקי. דעם 16־טן נאָוועמבער, יאָר 1942, מיטוואָך האָב איך צום ערשטן מאָל באַזוכט דעם לאַגער.

10.18. זשאַבינאָווסקי, פיינטוך און לוצקי האָבן זיך ביים באַגעגענען צעקושט מיט מיר אין פּנים.

11.18; 11.25. דינסטיק, זשאַבינאָווסקי.

12.12, שבת. מען האָט צעשאָסן דעם לאַגער, פון פרייטיק אויף שבת.

לוציק, דעם 1943.1.31. אירקע האָט דערלאַנג צום טיש דעם הער קראַנץ און בערנערן.

5.1.1943. ס'איז אַרעסטירט געוואָרן י. מאַמעטס ווייב. דעם 2־טן מאַי 1943, אום זונטיק, איז באַמבעס ווייב געגאַנגען זי אָפּשלאָגן, וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן. ביידע זענען אַרעסטירט געוואָרן. שבת דעם 6־טן יוני, יאָר 1943 צעשאָסן באַמבאָוועס און אַלע איבעריקע אַרעסטירטע. דעם 18.11.42, זונטיק

פאַר דעם פראָנט פון פאַרזאַמלטן לאַגער, פאַר כלומרשטער אומאָרדענונג אין לאַגער — האָט גליק דערשאָסן פון אַ רעוואָל־ווער דעם לאַגער־קאָמענדאַנט זשאַבינאָווסקין.

24.6.43. כ'האָב באַגעגנט אויפן ראָוונער שאָסיי פּרינצענ־טאַלן. ער איז געפאָרן אויף אַ פורל אַלס דער פורמאַן. פון פרייד האָט ער מיך אַרומגעכאַפּט און אַ קוש געטאָן.

2.7.1943. שטערנבוים מאַטל. בעל הביתטע — בעטאַמסקא.

27־טן פעברואַר 1943. פאַבריקאַנט. מאַניע וווּרצעל.

23.6.1943. פרייטיק. די דאלס. דאָס ווייב פון די באָוועראַמאַנס.

זונטיק, דעם 1־טן אויגוסט 1943. עמיל עלבירט. ביי ד״ר ליפּינסקי.

שבת, 25 דעצעמבער 1943. באָזשע נאַראָדזעניע. אויף דער פאַרשטאָט הניעלאָווע האָב איך געזען דריי פוילישע פאַמיליעס, דערמאָרדעטע דורך אוקראַינער. די רציחה איז געמאַכט געוואָרן מיט העק. ביי די קליינע קינדער זענען די קעפּלעך געווען צעהאַקט אויף אַ העסלעכן אופן, די הענטלעך צעשניטן. די סצענע האָט געמאַכט פרירן דאָס בלוט אין די אָדערן צוליב דעם פולשטענדיקן בעסטיאַלישן און דעגענערירטן כאַראַקטער פון דעם מאָרד.

יצחק נימצוביץ / ישראל

אחד מחסידי אומות העולם

בעוד עשרות שנים, כשיבוא ההיסטוריון, יחטט בארכיונים של „יד ושם" ויחפש חומר על השואה שירדה על העם היהודי במחצית הראשונה של המאה העשרים, יעמוד, בוודאי, משתאה ונדהם מול חומת השתיקה שהקיפה את כל העולם הנאור בשנות הרצח ההמוני.

תוך דפדוף בספר העקוב־מדם של היסטוריה זו, יגלה המעיין קומץ דפי־זוהר המאירים את חשכת הימים ההם. הוא יקרא פרשיות מרטיטות־לב אודות יחידי־סגולה, חסידי־אומות־העולם, שחרפו נפשם להצלת יהודים. גויים אלה זכאים לתואר קדושים בהיסטוריה היהודית — ואחד מאלה נקרה לפני בימים אלה.

ויטולד פומינקו אינו נמנה עם השמות הידועים־ברבים, אולם שרידי גיטו לוצק מתלהבים לשמע שם זה. „אה", אומרים הם, „כוונתך לאבא של יהודי לוצק?"

קשה היה לשער על פי ראשיתו של ויטולד, כיצד תתפתח אישיותו. הוא היה „שייגץ" יפה־תואר, שנקלע לרחוב היהודים בעירו, ווארשה, והתידד עם הילדים היהודים שם. כשעבר אביו, מנצח התזמורת הצבאית, לעיר לוצק, עבר עמו גם ויטולד, והעביר למקום מושבו החדש אותה התעלמות מן המחיצות שבין יהודי ובין „גוי".

בלוצק היה ויטולד, כאביו, מנצח תזמורת (של הכבאים), וכן נתן שיעורי נגינה, בעיקר לתלמידים יהודים. בני־הנוער היהודי בלוצק ראו בויטולד „אחד משלהם" והזמינוהו לכל שמ־חותיהם. הוא דיבר יידיש רהוטה, ורק במראהו נבדל מן היהודים.

הוא הרגיש במחיצתם כבביתו, ועד־מהרה ידע אף לחבר לחנים בסגנון יהודי־עממי. פעם הציגוהו בפני הרבי מסטולין, ר' יואל פרלוב, ובהזדמנות זו הגיש ויטולד לרב יצירה יהודית חסידית משלו. יצירה זו הפכה במהרה ל„שלאגר" ב„חצרות הרביים" של פולין.

כיוון שהתעסקותו המוזיקאלית לא תפשה את כל שעות יומו, פתח מספרה בשיתוף עם הספר היהודי־לוצקאי סופר. בדרך זו השתלב ויטולד השתלבות סופית בחיי יהודי העיר.

והנה פרצה המלחמה. כל עוד שלטו הרוסים בלוצק, היה הכל כשורה, אולם ברגע שמגפיו המסומרות של הקלגס הגרמני דרכו בעיר, נעו אמות־הספים ונתערערו יסודות החיים היומ־יומיים. היהודים רוכזו בגיטו ותהליך ההשמדה החל.

ויטולד פומינקו ראה כל זאת, החל מטפח שנאה עזה לגרמ־

ו. פומיינקו עם אחד מידידיו היהודים

נים, וגמר אומר להציל מספר רב של יהודים ככל שיוכל. באשר לאלה שלא יוכל להצילם, ינסה לפחות להקל את מנת־סבלם.

ויטולד המשיך לנהל את המספרה שלו, בה ביקרו היילים גרמניים. הלקוחות רחשו לו אמון והוא ניצל את קשריו עמם לטובת היהודים שאומצו על־ידו. הוא קיבל רשיון מיוחד להיכנס ולצאת בגיטו, והיה מבריח פנימה תרופות ומזון.

בהדרגה, ותוך סכנת נפשות, הצליח להבריח מהגיטו שמונה יהודים ולהסתירם בביתו. בין־השאר, הציל את חיי שתי הנערות אוגניה ומרים פרידבוים ואת אחיהן ישראל. לאחר המלחמה, נישאה אוגניה לויטולד, ואילו אחותה הקימה לעצמה משפחה והשתקעה בירושלים. גם האח עלה ארצה ומתגורר במגדל־אשקלון. כן ניצלו בעזרת ויטולד, הנערה רייזלה גרישפון, הגרה בקנדה ונוהגת לשלוח לויטולד חבילות ומכתבים, מיציסלב רדניק, אף הוא תושב קנדה, וויטולד גולדנברג (כיום שוטר בחיפה), בילק קרוין ורחל זפרן.

ב־22 באוגוסט 1942 חוסל גיטו לוצק על 22,500 יהודיו. העיר לוצק היתה „יודנריין". מכיוון שנבצר מויטולד להציל נפשות נוספות, התמסר לקיום הנפשות שבביתו. הוא עבד יומם־ולילה על־מנת שיוכל לכלכלם. לאמו, האדוקה בנצרות, סיפר כי הוא עושה זאת מכיוון שהניצולים הבטיחו לו להתנצר. הבטחתו זו הניעה את אמו לסייע בידו בהסוואת יהדותן של הנערות, שהיו הולכות עמה לכנסיה ונושאות על צוארן צלבים גדולים.

לא אחת עורר אורח־חייו הקדחתני את חשד הגרמנים וחייו הועמדו בסכנה. פעמים אחדות נלקח לחקירה בגיסטאפו, אך הוא עמד במיבחנים אלה והיה מעביר את ניצוליו מכתובת לכתובת, בגייסו למיבצעיו ידידים ומכרים. כדי לרומם את רוח הניצולים, היה יושב עמם בלילות, שר להם שירים יהודיים שחיבר ושתוכנם סיפר על האושר הצפוי לכולם אחרי המלחמה.

המלחמה תמה. החיים באירופה חזרו למסלולם, אך לא כן חיי ויטולד וניצוליו. הקבוצה כולה החליטה לעזוב את לוצק, עיר־הטבח, ועברה לוורוצלב, בה נקבצו שרידי יהדות פולין.

ויטולד נשא לאשה את אוגניה ופתח מספרה בוורוצלב, שם נולד בנם־יחידם, מריק. לפני שנתיים, עם פתיחת שערי פולין בפני יהודיה, החליטו גם ויטולד ואשתו לעלות לישראל — והתישבו במגדל־אשקלון.

ברם, בזאת לא תמה פרשת ויטולד פומינקו. מיום הגיעו ארצה התאכזר אליו הגורל מאוד. הוא קיבל דירה בת שני חדרים קטנים — ב„שיכון הרכבת" — בלי חשמל ובלי נוחיות (הנוחיות נמצאות בחצר).

חודשים־מספר לאחר בואו ארצה, לקה ויטולד בשיתוק ולשונו נאלמה. למעלה משנה־וחצי מרותק ויטולד למטתו וחרף כל מאמצי הרופאים — טרם החלים.

ישבתי ליד מטתו וחשתי כיצד רוצה הוא לדבר עמי, לשפוך את לבו לפני, לספר לי מחוויותיו — אך רק עיניו דוברות, ואילו אשתו היתה לו לפה. אוגניה היתה לו לעוגן המקשר בינו ובין החיים, וקשה לתאר במלים את מסירותה והקרבתה.

מריק, בנם־יחידם, סודר בעזרת עלית־הנוער בקיבוץ יד־מרדכי. הוא מצטיין בלימודיו ומרווה את הוריו נחת. „אנו גאים על החינוך שהוא מקבל בקיבוץ", אומרת אוגניה, „אך ויטולד ואני כה מתגעגעים אליו".

בעת שהותו בלוצק, ניהל ויטולד פומינקו יומן חשאי, שנמסר, אחר המלחמה, לועד יוצאי־העיר. היה זה מפעל לא פחות חשוב מאשר הצלת יהודים. ראוי לציין, שועד יוצאי לוצק, בראשותו של אלכסנדר קוטלר, מכיר ומוקיר את מפעלו האנושי הגדול של ויטולד פומינקו. מר קוטלר לא ידע מנוח במאבקו לשיפור תנאי חייו של ויטולד בארץ, ועתה הוא דואג שיקבל מקופת־הארגון של יוצאי לוצק גימלה בשיעור 75 ל"י בחודש.

ראש עיריית מגדל־אשקלון, מר תג'ר, אישר לו רשיון לחנות במקום מרכזי באפרידר, והסוכנות היהודית, יחד עם מלב"ן, התאחדות עולי פולין ומשרד הסעד, משתפים פעולה לבניית החנות ורכישת הסחורה.

דא־עקא, שהעניינים אינם מתקדמים במהירות הנאותה. רצוי להחיש את פעולת הסעד, לפי שמשפחת פומינקו חיה עתה בתנאים קשים־מנשוא. תקוותם היא, שהמחר יהא טוב יותר.

שושנה יאַקובאָוויטש / קאַנאַדע

וויטאַלד פּאַמיענקאַ – מיין רעטער

איך האָב שוין פיל מאָל גענומען די פּען אין האַנט, געוואָלט אָנשרייבן וועגן דעם באַליבטן און האַרציקן וויטיע פּאַמיענקאָ. די נעמען פון די מענטשן, וועמען ער האָט אַזוי פיל געהאָלפן געדענק איך ליידער נישט, נאָר די פּנימער פון די יידן וועלכע ער האָט געראַטעוועט שטייען מיר נאָך היינט פאַר די אויגן.

שושנה יאַקובאָוויטש

איך האָב וו. פּאָמיענקאָ געזען דאָס ערשטע מאָל נאָכדעם ווי מען האָט שוין אומגעבראַכט אַלע אונדזערע פאַמיליעס אין לויצקער געטאָ. איך בין דעמאָלט דורך אַ צופאַל. געבליבן לעבן און אַנטלאָפן אין אַ דאָרף וואָס האָט געהייסן פּאַדהייעץ. דאָרטן האָבן זיך געפונען פיל יידישע יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אויף די פעלדער. וו. פּאָמיענקאָ פלעגט אָפט קומען צו זיי. ער האָט זיי געהאָלפן מיט דערליידיקן פאַר זיי דאָקומענטן און מעדיקאַמענטן. צווישן אַנדערן האָט ער געבראַכט פאַר די יידישע מיידלעך זויערשטאָף־וואַסער צום פאַרבן די האָר אויף בלאָנד, זיי זאָלן זיך קאָנען ראַטעווען, אַנטלויפנדיק פון דאָרף.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען 11 יאָר און האָב אויסגעזען ווי אַ בלאָנד שיקסל, האָט מיר וויטיעס מאַמע, לויט וויטיעס פאָרשלאַג, גענומען צו זיך, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט שוין געהאַלטן ביי זיך אין הויז פאַרבאַהאַלטן דריי יידן.

זייענדיק ביי זיי, האָב איך געזען ווי יעדן אָוונט פלעגן אַריינקומען יידן פון פאַרשידענעם עלטער און דאָרט גענעכטיקט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ האָטעל. מיטן אונטערשיד וואָס אין האָטעל מוז מען באַצאָלן און דאָ האָט די משפּחה פּאָמיענקאָ ריזיקירט צו באַצאָלן מיטן לעבן פאַר איר גאַסטפריינדלעכקייט. ער האָט פאַר די צעשראָקענע און גערודפטע געפונען באַהעלטע־נישן ביי פאַרשידענע קריסטן. נישט איינמאָל האָט וויטיע געצאָלט פאַר זיי פון דער אייגענער קעשענע. די קריסטן האָט ער צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן, ווי נאָר דער קריג וועט זיך ענדיקן, פאַרן אויסבאַהאַלטן די יידן. ליידער האָט דער קריג אָנגעהאַלטן מער ווי מען האָט זיך געריכט און די שכנים פון די גוטע קריסטן האָבן אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז עס ווערן דורך זיי אויסבאַהאַלטן יידן, האָבן זיי דאָס דערטראָגן צו דער פּאָליציי. גאָר אָפט האָט זיך דאָס פאַרענדיקט מיט אויסגעבן די יידן און מיט זייער דערמאָרדונג. דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות פאַר וו. פּאָמיענקאָ און זיין משפּחה. ער פלעגט אַרומגיין גאַנצע טעג און נעכט און נאָר אַרויסקוקן דורך די שפּאַרונעס אויב מען קומט נישט צו אים אין שטוב זוכן יידן. צום גליק האָט מען אים נישט געמסרט. עס האָבן אָבער אָנגע־הויבן צו קומען דערשראָקענע קריסטן, וועמען ס'איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דער פּאָליציי און געבעטן שוץ ביי וויטיען, ווייל ער האָט זיי דאָך געבעטן אויסבאַהאַלטן די יידן. און וויטיע האָט געמוזט זאָרגן וועגן די באַהאַלטענע, זיי זאָלן קאָנען אַוועק־פאָרן אין אַנדערע שטעט.

נישט איינמאָל איז געלונגען אַ ייד אַרויסצודרייען זיך פון די דייטשע לאַפּעס און צוריקקומען צו וויטיען, וועלכער פלעגט מיט נייער ענערגיע נעמען זיך זאָרגן פאַר איינאָרדענען זיי אין זיכערע ערטער.

אויך וויטיעס מוטער איז געווען זייער אַ פיינע און גוטע פרוי. זיין פאָטער איז געווען אַ פיינער און איידעלער מענטש. איך האָב זיי זייער שטאַרק ליב געהאַט. איך אַליין האָב פון פּאָמיענקאָס פאַמיליע געהאַט פון שענסטן און פון בעסטן, סיי צום עסן און סיי צום אָנטאָן. מיין לעבן האָב איך זיי צו פאַר־דאַנקען.

וו. פּאָמיענקאָ אין קרייז פון אַ יידישער פאַמיליע

דוד פריטל / ישראל

לו כולם היו כמוהם

רשימה זו מוקדשת לאותם מעטים, חסידי אומות העולם מבין הפולנים, האוקראינים והצ׳כים, אנשי העמל בכפר ובעיר, אשר עזרו ליהודים נרדפים בתקופת הכיבוש הגרמני. הם עשו את עבודת ההצלה מתוך הקרבה עצמית, מתוך סכנת נפשות לעצמם ולבני ביתם ובכך הצילו גם את כבוד האנושות. הם היו כמו איים בודדים בים של רשע, ודבר זה רק מגדיל ביתר שאת את הוד הגבורה שבמעשיהם הנשמעים כיום כדברי אגדה.

על יד גדר־התיל של המחנה שבגימנסיה היהודית (לשעבר) נפרדתי מחברי וידידי שלמה רוטר. אמרתי לו: „אני מקווה שהכל יהיה כשורה ומחר בבוקר אחזור כרגיל למחנה״. היה זה ב־11 לדצמבר 1942.

בחשכת הלילה עברתי בצעדים מהירים את רחובות העיר.

הדרך היתה ארוכה למדי. היה עלי לעבור את כל רחוב חרוברי, החל מהגימנסיה, את רחוב יגילונסקי וקרסנה. סוף־סוף הגעתי לפולני, שלפי הידיעות שבידי היה מוכן לקבל אליו כמה יהודים תמורת כסף. נכנסתי אתו במשא־ומתן והגענו לידי סיכום מתקבל על הדעת. התוכנית היתה מוצלחת. הגוי עשה רושם טוב.

כעת היה עלי למצוא יהודי בעל אמצעים ואני מצדי הכנסתי לשותפות את מקום המחבוא. בשעות הבוקר החלטתי לחזור למחנה. באותם ימים לא היה זה מן הדברים הפשוטים שיהודי „יטייל״ בשעות היום ברחובות לוצק, אחרי שני חיסולים שבוצעו בקיץ. אבל לא היה זה לי „הטיול״ הראשון, וחדשים הרגלתי את עצמי לנשום את האוויר שמחוץ למחנה. תחילה היו היציאות לצד השני מלוות פחדים מרובים מחמת הסכנה האורבת לי. אך ידעתי שאם יש סיכוי כלשהו להציל אי־פעם את נפשי, הרי יש לנסות לשמור על קשרים (או לחפש קשרים) בצד הארי.

שקוע בהרהורים התקרבתי לבית הקברות הרוסי הגובל עם המחנה שבגימנסיה. התחלתי לחשוב מאיזה צד להכנס בחזרה. והנה אני ליד השער, ולפני תמונה מזעזעת. המחנה מוקף על־ידי ג׳נדרמריה גרמנית ואוקראינים.

„הקיץ הקץ של השארית האחרונה של היהודים בלוצק״ — חלפה מחשבה במוחי. במהירות האפשרית עברתי את הרחוב, מתוך החלטה להתרחק מהסכנה. למזלי היו הגרמנים עסוקים בפנים המחנה.

עתה עמדה לפני השאלה: לאן ללכת? אל הפולני שאצלו ביקרתי ביום אתמול לא יכולתי לחזור, הואיל והלה הודיע לי במפורש שהוא נכון להחזיק יהודים רק תמורת תשלום. החלטתי ללכת אל משפחת ברון הפולנית שגרה בקולוניה אוז׳ניצה שמאחורי פסי הרכבת. עם משפחה זו הייתי ביחסי ידידות זה שנה שלמה, אבל אף פעם לא הבטיחוני לעזור לי בשעת מצוקה.

הגעתי לשם לפנות ערב וביקשתי שיתנו לי ללון לילה אחד. מר ברון, בראותו אותי במצב זה, נענה לבקשתי. הרגשתי את המתיחות השוררת בבית בגלל „האורח״ המסוכן, שהיה עלול להמיט שואה על כל המשפחה. הלילה עבר עלי בהרהורים על חברי וידידי שהשארתי במחנה.

האיר הבוקר ועמו גם החרדה הגדולה: מה עתה? לאן אלך? החלטתי לעשות משהו. נכנסתי למטבח, הבערתי אש בתנור והתחלתי לקלוף תפוחי־אדמה לארוחת הבוקר. מארחי הופתעו לראותני עוסק במלאכה זו וגם שמחו שנעשו כמה עבודות בבית לפני שקמו.

„לא נורא״, אמר מר ברון, „הנה עבר הלילה ושום גרמני לא בא. נקווה שגם לא יבואו, האם באמת הם מסוגלים לשמור על כל בית?״ הרגשתי שהמתיחות פגה במידת־מה.

מר ברון ובנותיו הלכו לעבודה, לאחר ארוחת־הבוקר, ובבית נשארה אשתו הזקנה והחולה. הבינותי שעלי להיות להועיל בבית זה. ובמשך היום עשיתי כל מיני עבודות־בית. בחזרם מהעבודה שמחו בני המשפחה על הרצפה הנקיה ועל העזרה שהגשתי לאם הבית. אבל „יהודי נמצא בבית! ורק אתמול חיסלו הגרמנים את שארית הפליטה של יהדות לוצק בהובילם אותם למקום ההרג!״ — ראיתי את היסוסים וההתלבטויות בעיני מר ברון אעפ״י שהוא, אדם אציל־רוח, לא הזכיר לי שבקשתי כי יתנו לי ללון לילה אחד בלבד.

מאחורי החלון נראו סימנים ראשונים של החורף הרוסי הקשה והקר, ולבם של מארחי לא נתן להם לשלחני מביתם. נשארתי איפוא ללון גם בלילה השני ושוב המשכתי בעזרה בעבודות־הבית. באחד הלילות פתחתי בשיחה רצינית עם מר ברון והסברתי לו את תכניותי, שהיו קשורות עם בוא האביב.

„מר ברון״, אמרתי לו, „תן לי להישאר בביתך רק בחדשי החורף הקשים, ובחודשים מרס, אפריל אנסה את מזלי ביערות אוקראינה״. מארחי־מצילי, שהיה איש שופע אופטימיות, הבין לרוחי והסכים שאשאר אצלו. בינתיים התקרבו החגים הנוצריים וכרגיל היתה העבודה מרובה ועזרתי לעקרת הבית היתה ניכרת.

מר ברון השתדל כל הזמן להפיג את אי־השקט והמתיחות שבה היו שרויים יתר בני ביתו בגלל שהותי אצלם, ולא פעם היתה באמת סיבה לפחד זה. הנה תפסו יהודי (קבלן לסלילת כבישים) אצל הפולניה וילק, והיא שילמה בחייה בעד העזרה שהושיטה לו. ידיעה אחרת אמרה שתפסו את היהודיה ריבה ברש בטיילה ברחובות העיר בשעות הערב, וכו׳. השתדלתי

להקל על מארחי בדרכים שונות. לפעמים יצאתי בערבים העירה, ביקרתי אצל נוצרים מכרים כדי להיוודע אם נמצאים עוד שרידי יהודים והיכן הם. הרגשתי שאסור לי להחזיק את ידידי הפולנים במתיחות מתמדת והרביתי בטיולים כאלה, לפעמים בלי מטרה. באחד הטיולים האלה נפגשתי עם נער צעיר, שמואל שולמן, שהתחבא בסביבות בית־החרושת ללבנים. בשובי הביתה היו בפי סיפורים נפלאים על מידת הכנסת האורחים שנהגו בי המכרים הנוצרים, שלפי גרסתי בקרתי אצלם, ושגם הם מחזיקים בבתיהם יהודים. אין כל ספק שדברי עודדו לא מעט את בני משפחת ברון. נוכחתי לדעת שעל מנת לקבל עזרה מאנשים יש להשתדל קצת להופיע כגיבור ואיש העזה שתמיד בכיסו כל מיני תכניות וקשרים עם אנשים. ואף זאת למדתי שאנשים מוכנים לעזור לאמיצי לב, ועל כן השתדלתי בכל יכלתי להיראות כאיש כזה. בלילות ישבתי עם מר ברון, קצין רוסי לשעבר, ומפיו שמעתי סיפורים נפלאים על מלחמת יפן ורוסיה. מר ברון היה בטוח כבר אז שהמלחמה מתקרבת לקיצה ויש לצפות לכניסתה של תורכיה למלחמה, ועובדה זו עלולה להיות גורלית בנוגע לשחרו־רה של פולין, כי אכן לא רב הוא המרחק, יחסית, בין תורכיה לדרום פולין.

*

מענינות דרכי המחשבה ומקורות האהבה אצל הבריות. מר ברון, איש צבא לשעבר, היה לפי השקפותיו אנטי־דתי, שונא הכמורה, מאמין באדם, אוהב את הטבע, החי והצומח. ברגעי דכאון היה אומר:

„מר דוד, הנני זקן ורבות ראיתי בחיי. והנה, הגעתי למסקנה שבעולמנו הכל חולף, גם הטוב וגם הרע. והאמן לי שהכיבוש הגרמני יחלוף אף הוא כחלום בלהות נורא".

אשתו — אשה זקנה, אדוקה, שומרת מצוות, גילתה אלי יחס אנושי והוגן ביותר, כמעט אימהי. זוכרני שבימי ההכנות לקראת חגם היא הרגישה בדמעותי והחלה לנחמני:

„גם אתה תזכה לחופש, ויבוא יום ותקים את משפחתך ותחוג אף אתה את חגיך בקרב האהובים עליך".

בבית היו גם שתי בנות שעבדו כפקידות בעיר. אחת מהן, הצעירה, פנתה אלי ברגע של מתיחות ואמרה:

„הנני שקטה רק בגלל סיבה אחת. אנחנו לא עשינו זאת בגלל בצע כסף, ואלהים לבטח יעזרנו".

אולם האחות המבוגרת, לעומת זאת, היתה בדרך כלל מלאה דעות קדומות על יהודים, שאותן אף לא טרחה להסתיר.

התקרב חג הפסחא, וכנהוג אצל הקתולים האדוקים, ביקרו כולם אצל הכומר לשם וידוי, כמובן פרט למר ברון (גברת ברון סבלה לא מעט בגלל עובדה זו). הואיל ובעלת הבית לא יכלה, מחמת מחלתה, ללכת לכנסיה, סוכם להזמין כומר הביתה. באחד הימים הגיע הכומר. זוכרני איך יצאה גברת ברון אחרי שיחה עמו בדמעות על פניה, באמרה:

„כעת אני שקטה לגמרי: הכומר בוקובינסקי אמר שאני עושה מצוה גדולה בעזרי ליהודי להתחבא בביתי. אני כה שלווה עתה..."

אכן, תמיכתו המוסרית של הכומר היתה בעתה. אחרי חדשים של מתיחות ולילות של נדודי שינה היה עידוד זה כסם מרגיע לבני משפחת ברון. נפגשתי אחרי זה עם הכומר ומיד הכרתיו והזכרתי לו שהיינו פעם דיירים משותפים בבית־הסוהר הסובייטי. הזכרתי לו פרטים שונים הקשורים במאורעות הטרגיים של אותם הימים. להתרגשותו לא היה קץ:

„איזו פגישה נפלאה", פנה אלי, „הגם אתה היית שם?"

בהזדמנות זו הבעתי דברי הערכה לאומץ לבו בהגישו עזרה רוחנית לפצועים בני כל הדתות שהיו בבית־הסוהר. ישבנו ושוחחנו שעות מספר ומפיו נודע לי על חדשות פוליטיות ועל המתרחש בחזיתות המלחמה. היו אלה ימי סטלינגרד (דומני) ולא היה עוד אז ספק שגרמניה תנוצח במלחמה זו. בתום השיחה שאלני הכומר בעדינות רבה אם המאורעות הטרגיים לא השפיעו על השקפת עולמי בשטח הדתי, ואם כן, הריהו מוכן לעזרני. הסברתי לו שאינני מוכן דווקא כעת להיכנס לוויכוח בשאלות אלה הואיל ואני הצד החלש הזקוק לתמיכה של אחרים, ודוחה אני את הוויכוח לזמן שבו שני הצדדים יהיו שווים. הוספתי, כי לאחר מה שקרה, כשבני עמי נהרגו בהמוניהם רק בגלל יהדותם, הנני מרגיש את עצמי קשור יותר ויותר ליהדות. מר בוקובינסקי הבין לרוחי ועבר לנושאים אחרים. כשנפרדנו הבטיח לי שאם אי־פעם אזדקק לעזרתו יהיה מוכן להגישה לי.

אביב פרץ מבעד החלונות לחדר ביתנו. זוכרני את הרגשתי הקשה בראותי שוב את לבלוב העצים, התעוררות הפרחים. „הייתכן כי דבר לא נשתנה בטבע אחרי כל אשר קרה?".

עם התחלת האביב נתעוררו בעיות חמורות להמשך שהותי במקום. הן הבטחתי שעם בוא האביב אעזוב את הבית ואנסה את מזלי במקום אחר. לאחרונה נתרבו המקרים של תפיסת יהודים בעיר, דבר שהכניס אווירת עצבנות במשפחת מארחי. עברו הימים שבהם יכולנו להחזיק את הבית סגור והתריסים מוגפים כנהוג בימי החורף. היה צורך לפתוח חלונות והרגשתי שעלי לצאת מהמקום. וכך ניצבה לפני השאלה הגורלית: „לאן"?

במשך החדשים שעברו הרהרתי לא מעט בדבר. רציתי להצטרף לתנועה הפרטיזנית, אך לכך היו דרושים קשרים.

בגלל המצב הפוליטי המיוחד בסביבות לוצק, אורגנה תנועה פרטיזנית של לאומנים אוקראינים שהיו ידועים ביחסם העוין ליהודים (בנדרובצי), והם היו השולטים בכפרים שמסביב ללוצק. הפרטיזנים הרוסים היו רחוקים והדרך אליהם היתה רבת סכנות. וקשה היתה השאלה: „לאן?"

הבינותי שעלי למצוא אנשים שמעצם טבעם והשקפת עולמם הם אוהבי אדם. אבל — איה הם? מי הם? בלילות החורף הארוכים נזכרתי בטיולים שערכתי יחד עם סבי בכפרים לרגל עסקיו. זכרתי ביקור אצל איכר, שלפי דברי סבתי היה צדיק. הוא השתייך לאחת הכיתות הדתיות שהיו רבות מאוד בווהלין. ועוד נזכרתי בתפילות ובטקסים מוזרים של אנשי הכת שנערכו על שפת נהר סטיר. בנערותי אהבתי להתבונן בטקס הטבילה של אנשים אלו, ולהאזין לשירתם השלווה. היו אלה כיתות קטנות של בפטיסטים. כן עלתה בזכרוני דמות עוזרת־הבית שבחצרנו, שהיתה גם היא שייכת לכת מעין זו. נזכרתי בשלוותה הנפשית ובאהבתה לעם היהודי והחלטה נחושה היתה בלבי: עלי למצוא אותם ובעזרתם להגיע לגיטו לודמיר — הגיטו היחידי שבו נשארו עוד יהודים.

יצאתי את בית ברון בשעות הבוקר של יום אביב נאה. בגלל העוצר לא יכולתי לצאת בערב, על כן נאלץ הייתי להסתכן ולעבור את רחובות העיר לאור היום על מנת להגיע לכפר. כשהתקרבתי למאפיה לשעבר של משפחת פירר, שמעתי פתאום קול של אוקראיני התובע ממני שאעמוד. לבי חדל מלדפוק.

נעמדתי. האוקראיני קרב לעברי ומבלי להביט בעיני, העיר ששרוכי נעלי פרומים, ונסחבים על הארץ. בלא להשיב לו דברי תודה צעדתי מספר צעדים בסמטה של המאפיה והתחלתי לקשור את שרוכי נעלי. (עתה, כשהנני מטיף דברי מוסר לבני על חשיבות הסדר בחיים, משמש סיפורי זה כדוגמה קלסית). חיכיתי עד שהאזרח אוהב הסדר התרחק, והתקדמתי הלאה ברחוב פילסודסקיגו. החלטתי לבקר במספרה של פומינקו שנמצאה בדיוק מול בית־הכנסת שבדולינה (ליד בנק החקלאות). קוויתי שאוכל לקבל אינפורמציה מפיו על יהודים מסתתרים, ואולי גם אפשרות של מחבוא. על פומינקו התהלכו בגיטו אגדות. זה האיש שהיה נכנס לתוך הגיטו עם שקי לחם כדי לחלקם בין נשי הספרים שבעליהן נלקחו בחיסולים הראשונים. זה האיש שהיה מעודד את היהודים המדוכאים על־ידי סיפורים אופטימיים ובדיחות על חשבון הגרמנים. עד היום זכור לי הסיפור על פומינקו המבטא את השקפת עולמו האצילה:

יהודי אחד נפגש עם פומינקו ברחוב יגילונסקי. על שאלתו, לאן פניו מועדות, ענה פומינקו שהוא הולך להתפלל. „איפה?״ שאל היהודי, ופומינקו ענה: „עדיין לא החלטתי, אם שאכנס לבית־כנסת של חסידי טריסק או לכנסיה נוצרית, זה תלוי מה יותר קרוב. הרי אלהים אחד בעולם ובשני המקומות״.

פומינקו עצמו היה סַפר־מתלמד אצל הסַפר סופר. כידוע היה סופר גם מנגן בחתונות וגם פומינקו למד ממנו את המקצוע, וכך הכיר את ההווי והמנהגים של היהודים ובעיקר של עמך — והתאהב בהם. היינו מתפקעים מצחוק כשהיה מדקלם ביידיש עסיסית את המעשה ביעקב שואב המים המתאר את הרפתקאותיו במלחמת רוסיה־יפן...

אך לא היה זמן להרהורים רבים בטיול מוזר זה של יהודי ברחובות העיר לוצק בשעות היום ב־1943, כשאורבת על כל שעל סכנת מוות. הגעתי להצטלבות הדרכים רובנו־דובנו ולשמחתי הגדולה פגשתי גרמני לוצקאי, עגלון על פי מקצועו, שבזמן הגיטו היה בקשרים עם משפחת איינבינדר. הנ״ל היה ידוע לי כידיד יהודים. בראותי אותו זלגו עיני דמעות. סיפרתי לו שהנני מחפש מקום־מחבוא לאחר שנאלצתי לעזוב את המשפחה הפולנית. בתשובה לכך הסביר לי שהוא אינו יכול לקבלני, הואיל והוא כבר מחזיק זוג יהודים אצלו באורווה ללא ידיעת אשתו. בכל זאת הוא מסכים שאבוא אליו אם לא אצליח במקום אחר. רציתי לדעת מה שם היהודים המתחבאים אצלו, אך לא יכולתי להוציא ממנו דבר ברור, כי הוא לא ידע את שמותיהם, רק את מקצועם ואת שם הרחובות שבהם התגוררו. עם היהודים האלה נפגשתי אחרי השחרור. היה זה מאיר רוטמן ואשתו. לא היה מלים בפיהם לתאר את רגשותיהם בשעה שקיבלו את הפתק ששלחתי להם, שעודד את רוחם במשך חדשים רבים.

הידיעה ששמעתי מפי העגלון, כי ישנם עוד יהודים מסתתרים מילאה את לבי שמחה רבה. החלטתי לשלוח להם פתק וכתבתי ברחוב, כשאני מחזיק את פיסת הנייר על גבו של העגלון, את המלים האלה:

„יהודים לוצקאים יקרים, אני דוד בן חיים פרינצנטל המורה, מעביר לכם את ברכותי הכנות ומאחל לכם שתעברו את המלחמה בשלום. אני מבקש למסור דרישת שלום לאחי יעקב הנמצא בארץ ישראל״.

לאחר זאת נפרדתי ממנו בחמימות ופניתי ללכת בכיוון כביש דובנו. ופה, בשכונה הגובלת כבר עם הכפר, היתה צפויה לי אפתעה מסוכנת ביותר: אשה נוצריה אחת, אוקראינית, שהיתה מביאה חלב העירה, הכירתני והקימה צעקה: „יהודי!״

נפתחו חלונות ודלתות ועשרות אנשים יצאו מבתיהם לראות את המפלצת הנוראה שלא נראתה כבר מזמן בלוצק — יהודי. אזרתי את כל כוחותי ובריצה מסחררת עברתי סמטאות, חצרות, עד שהרגשתי שאין איש עוקב עוד אחרי. והנה אני מאחורי העיר, בדרך שדות, קרוב לביתו של איכר פולני שאותו הכרתי עוד מתקופת הגיטו.

*

אני הולך בדרך שדות ולעומתי צועד אדם. בראותו אותי הרגשתי בצעדיו אי־בטחון והיסוס, כאילו רצה להתחמק מלפגשני. בכל זאת עבר לידי והביט בי בסקרנות. כנראה שגם הוא הרגיש בעיני אי־שקט. הייתי כמעט בטוח שהוא יהודי. הוא היה לבוש כאיכר ההולך העירה, בידו החזיק מטפחת ובתוכה צלחת ואוכל כפי שנוהגים איכרים הבאים לבקר בעיר. אך למרות כל הסימנים המובהקים של איכר ממש היה משהו מלאכותי בחיצוניותו שהטילה ספק ב„איכריותו״. רציתי לפנות אליו בדברים, אך רגש הזהירות והפחד התמידי עצר בעדי מלעשות זאת. עברנו איש ליד רעהו. הפניתי את ראשי לאחורי וגם הוא עשה אותה התנועה. הייתי בטוח כי גם הוא בוחן אותי ושוקל בדעתו אם לפנות אלי. התרחקנו איש מרעהו וגם במרחק רב ראיתי שהוא עוד מפנה את ראשו אלי. עד היום אני זוכר את מבט עיניו של איש זה שאמר סקרנות ואי־שקט.

מי היה? לאן הלך? על זה אין לי תשובה.

סוף־סוף הגעתי למכר הפולני שגר בקצה הכפר לישצ׳ה. כמה נשתנה הכל במשך זמן כה קצר. היהודים אמנם חוסלו בווהלין, אבל הארץ לא שקטה. כאילו דם הנרדפים והמעונים זעק מתוך האדמה:

„לא יכון שלום עלי־אדמות אחרי מה שקרה לעמנו!״

הלאומנים האוקראינים, שסיימו את מלאכת ההשמדה ביהודים, הפנו עתה את זעמם נגד תושבים פולנים שהתגוררו בכפרים. בלילות שרפו כנופיות אוקראיניות בתים, ולהבות אש גדולות האירו את פני השמים. אנשים מזוינים הרגו בלילות פולנים, ועל ידי כך חשבו להכריחם לעזוב את הכפר. ובכלל שימש הלילה לסילוק חשבונות שונים. ההרג והשריפות הזכירו את הסיפורים הידועים של „באש ובחרב״. הזקנים שבין האיכרים היו אומרים:

„זה בעד היהודים.״

האיכר הפולני הצעיר קיבל אותי מתוך רגש התפעלות: איך הצלחתי עד עכשיו להישאר בחיים! גם מצבו כעת היה מסוכן מאוד. הוא קיבל מכתב מהארגון האוקראיני הלוחם („אופה״), שעליו לעזוב את הכפר עם משפחתו, שאם לא כן צפוי לו עונש מוות. אך הנ״ל היה אמיץ לב ונשבע ששום דבר לא ירתיענו מלהישאר בביתו. בסוף חיכתה לי הפתעה מרעישה: הוא מסר לי שבאסם נמצאים שני יהודים. ברגשות מעורבים ובלב פועם נכנסתי לאסם. בקושי התחלתי למלמל מלים אחדות באידיש, שזה מזמן לא עלתה על שפתי. אחד מהם היה איש מבוגר, בעל טחנת הקמח בלישצ׳ה, וקרובו כץ, מסגר צעיר מלוצק. פה שמעתי סיפור על לילות נדודים מלאי סכנות. לבעל הטחנה היו מכרים וידידים רבים בין האוקראינים והם עזרו לו עד עתה. משפחתו כולה נהרגה בגיטו לוצק, וגם משפחתו של הצעיר. הם קיבלוני בלב יהודי חם ובמשך הלילה

סיפרתי להם על משפחתי ועל כל אשר עבר עלי עד כה. הייתי יחד אתם כמה ימים ובסופו של דבר הגיע הזמן להיפרד. לא יכולתי להקשות עליהם בנוכחותי. השיטה שלהם היתה פשוטה: הם שהו אצל כל אחד ממכריהם שבוע־שבועיים ונדדו הלאה. ביום הפרידה, וגם לפני כן, התעניינו לדעת מה אני מתכוון לעשות ומה הן תכניותי.

הם אמרו לי: „לנו קשרים מרובים בסביבה הזאת. ידוע לנו כל שביל בכפרים. אבל מה יהיה עליך? הנך זר פה.”

סיפרתי להם על רצוני להגיע לגיטו לודמיר שבו נמצאים עדיין יהודים, ובינתיים להתקשר עם האיכרים המשתייכים לכת הבפטיסטים. הם שיבחו את הרעיון למצוא דרך אל השטומדיס־טים (כפי שקראו להם בכפרים).

„נכון”, אישר בעל הטחנה, „אנשים אלה ידועים באהבתם העמוקה ליהודים.”

על דעתו יכולתי לסמוך. הוא הכיר כל בית ושביל בסביבה. התקרבנו לסדק שבקיר האסם והוא הראה לי בית של איכר, מסוג הבתים שרואים בכפרים האוקראינים.

„בבית זה גר אחד מהם, אבל היזהר. בדיוק לידו גר אחיו, אשר ללא כל רתיעה יהרוג אותך בגרזן. נסה את מזלך”.

לפנות ערב יצאתי מן האסם. הלכתי בכיוון הבית שגגו היה מכוסה קש. צעדתי בשביל בין שני שדות ולבי מלא חרדה. לפתע הופיעה לקראתי דמות של איכר אוקראיני שהלך בשלווה בשדות. חושי, שעמד לי בנסיונות כה רבים, אמר לי שאין לחשוש מפני פגישה זו. הוא התקרב אלי ומיד הבין מי עומד לפניו. הוא הרגיעני כשדמעות עומדות בעיניו והזמינני לביתו. נכנסנו יחד ומיד הרגשתי שהצלחתי לפגוש אדם נפלא.

„אורח חשוב הביא אלהים לביתנו” סח לאשתו. „בואי ונודה לה' על כך”.

הוא ואשתו נפלו על ברכיהם ומפיהם הושמעה תפילה שבקעה מתוך לבותיהם הפשוטים והטובים, ושאינה כתובה בשום ספר תפילות. שמעתי שיר תודה לאלהים על אשר נתן להם את הזכות לפגוש בן־ישראל בימים טרופים אלה. הם ביקשו שה' יעזור לאלה שנשארו לפליטה, המסתתרים בשדות וביערות.

האם זה חלום? האם אנשים כאלה עוד נמצאים בעולם? למה לא חשבתי בזמן הגיטו על אודותם? הרי בעזרתם ובארגון מוצלח יכלו רבים למצוא מקלט.

הם קמו מהתפילה. ישבנו לשולחן וסעדנו את לבנו. אשתו הגישה לנו חלב ותפוחי־אדמה. לפני הארוחה קרא בעל־הבית פרק מהתנ"ך.

„אכן”, חשבתי בלבי, „זה הסוד הגדול. הספר הנצחי הוא שהעלה את רגשותיהם לפסגה כה מוסרית גבוהה. הספר הזה הוא שמילא את לבותיהם אהבה ליהודים”.

אחרי הארוחה פתחתי בשיחה.

„תבין, גם אני יהודי”. נדהמתי. איפה אני נמצא, באיזה עולם? „אבל אני יהודי רוחני”, המשיך „והפגישה הזו אתך נותנת לי חומר להרבה מחשבות ומאמתת את דברי הנביאים ששארית הפליטה תינצל”.

זוכרני את מאמציו להציל את נפשי ע"י שכנוע שישו הנוצרי הוא המשיח ועלי להשליך עליו את יהבי. ופה החל הריב הגדול. אמרתי לו:

„אני מעריך מאוד את העזרה שהנך מושיט לי ברגע זה. אבל, האם באמת יהיה זה מוסרי מצדך ללחוץ עלי בזמן שאני כה גלמוד וחלש? איפה הייתם בזמן שהרגו יהודים בגיטו? למה לא פרצתם את הגדרות ולא הבאתם דברי נחמה לאלה שחשבו ברגעים האחרונים לפני מותם שכל העולם עזב אותם? ישבתם בבתיכם, ניהלתם את חייכם הנורמלים, עבדתם, ואני מאמין שהתפללתם. אבל לא השתנה אז בעצם מאומה, בזמן שעם הלך והשמד לנגד עיניכם.”

כנראה שדברי השפיעו עליו השפעה עמוקה. דמעות זלגו על לחייו ורק מלמל:

„הנך צודק, הנך צודק.”

בשעות הערב המאוחרות הובילני בעל־הבית לאסם למנוחת לילה. לצערי, כפי שסיפרתי, גר מארחי ליד שכן שהיה ידוע בשנאתו ליהודים. מטעמי זהירות היה מוכרח איפוא להעבירני לאיכר אחר מבני דתו, וגם פה נתקבלתי בלבביות וברצון לעזור לי בכל. אבל היו מגבלות חמורות שנבעו ממצבם המיוחד של בני העדה הבפטיסטית. הם היו מיעוט קטן בתוך הכפר, מיעוט מוקף שכנים פרבוסלבים שרחשו להם איבה. לא יכולתי להישאר זמן־רב אצל איכר אחד ונאלצתי לנדוד ממקום למקום. עד היום זוכר אני מקרה כזה. פעם פנה אלי אחד מהם ואמר:

„אנחנו בדרך כלל מאמינים באנשינו, אבל אדם נבחן במצ־בים קשים. הערב אנו מציעים לך ללכת לאיכר אחד ולבקש מקלט. לא הודענו לו על בואך ויהיה זה למבחן רציני ביחסו ובהיענותו לך. כמובן, לא נשקפת לך סכנה אישית. לכל היותר לא ירצה לקבלך, אך בשבילנו יהיה זה מקור של אינפורמציה על עומק נאמנותו”.

אחרי שקיבלתי הסבר על מקום מגוריו יצאתי בלילה אחרי חצות לדרך. סוף סוף, אחרי תהיות, הגעתי לבית שלפי כל הסימנים (גג הפח, מקום האסם, מקום הכלב וכו') היה זה ביתו של האיכר הנידון. דפקתי בדלת. שמעתי מבפנים תנועה מבוהלת של בני המשפחה: „מי זה?” אמרתי:

„בן־אדם חסר־בית מבקש מקלט לכמה ימים”.

התחיל ויכוח בפנים. האשה הפצירה בבעלה לא לפתוח, ובלבי חשבתי כי באמת עומדים האנשים הטובים האלה במבחן קשה. לילות 1943 היו באוקראינה לילות של רציחות ודליקות. שמעתי קול האומר לי:

„אנחנו איננו פותחים את הדלת בלילה”.

עניתי: „איזה זמנים הגיעו שבן ישראל מבקש מקלט ואינו נענה”.

בעל־הבית פנה לאשתו: „הרי זה יהודי, איך נוכל שלא לקבלו?”

נפתחה הדלת ונפתחו לבבות האנשים הטובים; וכרגיל שהיתי במקום כמה ימים ושוב עברתי למקום חדש. אך לא אשכח פגישה אחת שעוררה בקרבי התרגשות גדולה:

בשבתי באסם נכנס פעם בעל־הבית והתישב לידי:

„אני רואה שהנך עצוב ומיואש”, אמר, „אשיר לך שיר שאולי יחזק את רוחך”.

האיכר פתח את פיו והתחיל לשיר את פרק קכ"ו בתהילים „בשוב ה' את שיבת ציון” בשפה העברית...

*

הצלחתי להיפגש עם עוד שני יהודים. הם שמחו מאוד על התקשרותי עם הבפטיסטים.

אולם הם נרצחו באחד הלילות בידיהם הנפשעות של הבנד־רובצים. על כך סיפרו לי ידידי הבפטיסטים. היה זה אות שעלי

להיזהר יותר ויותר. בלילות, בזמן נדודי בשבילי השדה וביער, היה כל רשרוש מעורר בלבי חרדה. שמעתי רעש — ונעמדתי, הקשבתי, והוספתי ללכת.

כן, בכל מקום אורבת הסכנה... אמש נרצח האיכר הפולני הצעיר שאירחני ובני משפחתו ברחו העירה.

רק לפני זמן קצר הושיט לי עזרתו... הלילה אני ישן באסם כשביתו עזוב והרוח מטלטלת את הדלת הפתוחה...

✶

פעם נודע לי שבאסם בודד נמצאים יהודים (דומני משפחת צל־בורשטוק). באותה תקופה שהייתי נע ונד היו עזים געגועי על פגישה עם יהודים. זה זמן רב שלא ראיתי יהודי. על כן לא היה גבול לשמחתי בשומעי את הידיעה על מציאות יהודים. בשעות המוקדמות של הבוקר באתי לאסם כשלבי פועם מהת־רגשות ומתיחות. נכנסתי פנימה ובקול נרגש ומאופק אמרתי: „יהודים, אַל תיראו — אני דוד פרינצנטל, בנו של המורה חיים, רוצה לשוחח אתכם. איני זקוק לעזרתכם. אני פשוט רוצה להיפגש אתכם".

איש לא השיב לי באסם הגדול. חזרתי על דברי כמה פעמים. דממה. אני לבדי באסם. פתאום תקף אותי פחד. הקול, כאילו לא שלי, הטיל אימה בחלל. עזבתי את המקום. יצאתי לשדות.

למחרת, ניסיתי שוב להתקשר עם היהודים — אך ללא הצלחה.

✶

את מר ינסה הכרתי הודות לאיכר אחד. „שמע", אמר לי, „אני מטבעי פחדן ואני ירא להחזיקך. אבל עצתי לך, גש לינסה ובטוחני שהוא יעזור לך".

על שאלתי, מהו היסוד לבטחונו זה, השיב לי שהפגישה עם האיכר — תוכיח את אמיתות דבריו.

בשעות הבוקר הגעתי אליו. ביתו עמד בתוך יער. שכניו היו איכרים צ׳כים — שגילו תמיד אהדה ליהודים. המקום מצא מיד חן בעיני.

בפגישה הראשונה מר ינסה הכירני מיד. ביקשתי אפשרות לעבוד — ובלי היסוסים הסכים והזמינני לארוחת בוקר.

אחרי כמה ימים התברר לי, שאני נמצא בחברה מאוד „מעניינת". בביתו עבדה בתור רועת פרות נערה יהודיה בת 14 מלוצק (דרך אגב, נשארה בחיים), שבוי־מלחמה רוסי אף הוא יהודי, אם כי הכחיש זאת בתוקף, וכן זוג פולנים שמצבם בתקופה ההיא היה דומה במקצת לזה של היהודים. אני בהחלט הייתי תוספת טבעית לחברה הגונה זו. בקיצור — קבוצת אנשים שהחוק והסביבה הוציאו עליהם מזמן פסק דין מוות. לפני שהתה פה יהודיה מלוצק, דומני אחותו של החייט קרצר (?), שעברה למשפחה צ׳כית אחרת.

יש לציין שעבודותי היו די מעניינות, בעיקר בחשכת הלילה, כגון עשיית וודקה ושמירה על הסוסים בזמן המרעה.

מי שלא הכיר את מר ינסה יכול היה להתפלא על נכונותו לתת מקלט לאנשים חשודים. בעצמו קומוניסט לשעבר שברח לרוסיה בגלל פסק דין של בית משפט פולני שדן אותו למאסר. — ברוסיה נאסר אבל הצליח לחזור לפולין — ומפולין לצ׳כיה שם גמר חוק לימודיו באגרונומיה. אחרי חנינה בא לפולין וניהל את משק הוריו.

האיש לא ידע פחד מהו. לפעמים נאלצתי לדחות הצעותיו כגון עבודה לאור היום, מטעמי זהירות. בכל זאת רכשתי את לבו בהסכימי לנסוע אתו העירה ולמסור תבואה לגרמנים. זה זמן רב שהשתוקקתי לבקר אצל משפ׳ ברון, וזאת היתה הזדמנות מצוינת. הכינונו את העגלה, התישבתי יחד אתו במושב והעגלה זזה. עברנו את רחובות העיר. איש לא עצרנו. הרי אנשים הגונים אנו. מביאים אספקה לגרמנים. אנחנו בחצר הברונים. אני שומע קולות בבית: „איכרים". נכנסנו הביתה, הורדתי את כובעי „האיכרי", והנה צעקת התפעלות: „יזוס מריה — זה דוד שלנו."

הרגעתי אותם והצגתי לפניהם את האגרונום מר ינסה. ולא בידים ריקות באתי. הבאנו עמנו חלב וגבינה למשפחת ברון. ישבנו על יד השולחן וסעדנו את לבנו. זה זמן רב לא ידעתי מה זה שולחן. והנה אני יושב ואוכל עם אזרחים מכובדים.

חזרנו הביתה ללא תקלות. בדרך, מחוץ לעיר, פגשתי את פומינקו. לפי דבריו ביקר אצל איכר לרגל עסקה מסחרית. נודע לי אחרי המלחמה שהיתה זאת „עסקה" מאוד חשובה: ביקור אצל משפ׳ פרידבוים, שהסתתרה אצל אותו איכר...

אף על פי כן היו לי לא מעט צרות אצל ינסה. כל הזמן לחץ עליו שבוי מלחמה „רוסי" שעבד אצלו ודרש שאעזוב את המקום (אולי הוא צדק...). נאלצתי לא פעם לעשות זאת בגלל איומיו. אבל באין ברירה חזרתי.

פעם אחת הגיעה למקום קבוצת אוקראינים מזוינים (מיל־ניקובצים, שהיו בעד אורינטציה פרו־גרמנית) לשם הוצאת עצים מהיער. הם ביקרו בחצרו של ינסה. היה זה בחורף ואני — בעליית הגג של האורווה, מלא מתיחות וחרדה — מחכה לרגע בו יעזבו את המקום. פתאום אני שומע מישהו מטפס על סולם — ופותח את הדלת. היה זה שבוי־המלחמה.

„נו מה" — אמר לי — „אתה טוען שהנני יהודי. בא נרד אליהם ויחד נמסור הודעה."

אודה שעצבי בגדו בי ברגע זה, למרות העובדה שהייתי בטוח שהנו יהודי ולוּ הייתי מציע לרדת — היה בוודאי מסרב.

אמרתי לו בנימוס שיעזבני לנפשי — ואם הוא רוצה דווקא למסור אותי בידי הגרמנים — מה יצא לו מזה?...

„עכשיו", אמר, „תפסיק לטעון שאני יהודי..."

האוקראינים עזבו את המקום ואני את עליית הגג. ושבוי־המלחמה שמח בנצחונו עלי.

✶

אני בדרך למרעה כשהנני רוכב על סוס הקשור לחמישה סוסים אחרים. הלילה שקט, הסוסים אוכלים בשלווה. אני מקשיב — מתקרב מישהו. כן, עגלה מתקרבת ובאה לכיוון המרעה. בלילות אלה רק בנדרובצים ערכו טיולי לילה למטרות שוד ורצח. מה לעשות? האספיק להוביל את הסוסים ליער? מאוחר מדי. ברחתי ליער כשסוסי מופקרים.

בשעות הבוקר הודעתי לינסה על חטיפת הסוסים. מר ינסה, מתוח, לא אמר לי דבר. הרגשתי את עצמי אשם. אבל כלום יכולתי לעשות אחרת? הסברתי לו איך קרה הדבר. מר ינסה הרגיעני, הוא אינו הראשון הסובל מזה.

התהלכתי במצב רוח קשה. סוסים בשביל איכר! את ערכם מי יעריך. אבל התרחש נס. בשעות הצהרים חזרו כל הסוסים הביתה. נראה, כשנודע לבנדרובצים למי שייכים הסוסים — שיחררו אותם מהר מתוך דרך ארץ לבעל הבית.

אכן, נוכחתי לדעת, כי מר ינסה היה איש שהסביבה כיבדתהו.

✶

באחד הימים זכיתי לפגישה עם יהודים. היה זה אצל ינסה, וכנראה לא במקרה. אנשים שרצו למלא את חובתם כלפי יהודים ובעצמם לא היו מוכנים לעזור — הדריכו וציינו את כתובתו של ינסה כמקום שבו אפשר למצוא מקלט.

אני באסם ולתוכו נכנסו שני יהודים — אחד מהם צעיר, השני מבוגר. היה זה פסח שץ ובנו איגנץ. הם ברחו מהעיר אחרי שהסתתרו יחד עם קבוצת יהודים (ביניהם ד"ר גולדנברג, טיטלבוים) במרתף אצל מהנדס רוסי בדולינה. הנ"ל גילה כל הזמן מסירות בלתי רגילה ליהודים שהסתתרו בביתו. בסופו של דבר ארעה תקלה וכולם היו נאלצים לעזוב את המקום לאור היום ולחפש מחבוא חדש. מר שץ, מטעמי זהירות, נפרד מבנו המבוגר וניסה את מזלו עם בנו הצעיר איגנץ בסביבתנו. בדרכים לא דרכים הגיעו אלינו.

אחרי כמה ימים היינו נאלצים להיפרד. „הרוסי" לחץ עלינו שנעזוב את המקום.

מר שץ פנה אלי בדברים אלה:

„אני רואה בעיניך שתעבור את המלחמה. קח את בני איגנץ — ואני אנסה את מזלי אצל מכר צ'כי בכפר שכן."

הסכמתי לכך ברצון. הגיעה עת הפרידה בין האב והבן. היתה זאת פרידה לעולמים. מר שץ נהרג ולא זכה לראות את השחרור. (על כך נודע לנו בתקופה יותר מאוחרת).

נשארנו שנינו. התקשרתי קשר נפשי לידידי ורעי הצעיר. היה זה בחור עדין ותרבותי. הוא כבש את לב כל מי שבא אתו במגע. בשבילי הוא היה אח צעיר. כל הזמן זכרתי את דבריו האחרונים של מר שץ:

„אתה דוד תהיה לי לבן ואני מוסר לך את איגנץ ותשמור עליו כאח השומר על אחיו הצעיר."

✶

ושוב פניתי לבפטיסטים, שמזמן לא ביקרתי אצלם. בליל חושך, כשרוחות עזות עוקרות עצים, וגשם ושלג יורד — יצאתי אתו לדרך. עברנו חורשה ושדות והגענו לבית בודד של בפטיסט. שאלתי על המצב בכפר. אחרי שקיבלתי תשובה מעודדת — הצגתי את איגנץ. ופה התחיל סיפור על חלומות מוזרים שהנער חלם, כביכול. הסיפור היה באמת מרתק. אמו של איגנץ הופיעה בחלום מתוך להבות של אש — כשהיא מצווה עליו לפנות לאנשי העדה — כי שם ימצא את הצלתו. האיכרים היו נרגשים והסכימו לקבלו, ואני, כדי שלא להכביד על המארחים, חזרתי לינסה. עברו כמה שבועות והחלטתי לבקר אצל האיכר סבקו אשר בביתו נמצא איגנץ.

כרגיל בחרתי לי לילה קר ואפל, שבו לא כדאי להוציא החוצה אפילו כלב, והגעתי לביתו הדל של סבקו. למרות השעה המאוחרת של הלילה — אחרי חצות — דלק נר בבית. מבעד לחלון בקעו קולות שירה. לא היה זה בשבילי דבר חדש. כך היה מנהגם של אנשי הכת. למה לישון? — טענו הם — כשהלב מלא רגש, רוצה הוא להביע דברי תהילה לבורא. בעלי־הבית קיבלוני בלבביות, וכן גם איגנץ, והוסיפו להתפלל לכבודו של האורח שהגיע. כנהוג אצלם, כל אחד מתפלל לעצמו במלים שלו. הגיע תורו של איגנץ.

איגנץ פתח את פיו ובאוקראינית טובה (הוא למד את השפה בגימנסיה הפולנית) פנה בתפילה לאלהים שישפוך את אורו על אחיו דוד... לשמחתי לא היה גבול. הנער נקלט יפה במקום.

עלינו לעליית הגג, התכסינו בשמיכות והתחלנו לשוחח. פתח איגנץ:

„דוד, התחלתי להאמין. הם צודקים. חשוב על הכל מה שעבר עלינו. האם זה מקרה?"

עניתי: „שמע איגנץ — הרי אני שכיוונתי אותך אליהם והדרכתיך איך ומה לדבר. הרי זה אבסורד שלפני לא תהיה כן..."

והוא בשלו. לבסוף הבנתי. איגנץ, נער שראה סבל רב כל כך בימי חייו הקצרים, נאחז באמונת מושיעיו...

העניינים התפתחו במשך הזמן. איגנץ התחיל לכתוב שירים באוקראינית והוסיף להם מנגינה. את השירים שרו בכפרים. אגדות התהלכו על אודות המשורר וזכות גדולה נפלה בחלקם של כל אלה שיכלו להיפגש אתו...

✶

קרה פעם ואיגנץ היה בביתו של סבקו. פתאום הוקף הכפר על־ידי גרמנים, שהתחילו לערוך חיפושים מדוקדקים מבית לבית. הנה הם מתקרבים לביתו של סבקו. איגנץ מחליט לצאת מן הבית כדי שלא לסכן את מיטיביו. הם מסרבים ואינם נותנים לו לצאת. במקום זה הם מציעים לו להתפלל. וכמו באגדה... הגרמנים (כנראה עייפים) פוסחים על הבית הקטן... והידיעה על הנס פשטה בין כל אנשי הכת... הם ראו בזאת אצבע אלהים...

(במאמר מוסגר אזכיר כי עברנו בשלום את תקופת הכיבוש. ופה התחולל מפנה רוחני. אותו צעיר בעל נשמה עשירת רגש החליט להתגייס לצבא האדום. איגנץ נפל כקצין בצבא האדום במזרח פרוסיה).

✶

...מה קרה? מר ינסה, נבהל, צעק אלי: „רוץ מהר והסתתר באסם." מתוך חורשה הופיעו דמויות של אנשים, כנראה גרמנים. אני על יד האסם. משום מה לא נכנסתי לתוכו. רציתי להתרחק ממקום הסכנה. אני רץ דרך שדה חרוש. רגלי אינן נשמעות לי. האדמה תערובת של בוץ־שלג וכל רגל שנתקעת לתוכה קשה לחלצה.

פתאום יריות. אני שומע זמזום יריות מסביב לראשי. האם זה הסוף? אלוהים, הצילני! נפלתי על השדה. עלי לחלוץ את נעלי, אחרת לא אוכל לרוץ. מאין הכוחות. מסביבי ניתך מטר יריות מכוונות אלי, אבל אני מוסיף לרוץ. הנה חורשה צעירה. יצאתי מסכנה. עלי לחצות נהר קטן. עברתי אותו. אני מתקדם — קרוע, רטוב, יחף, עייף עד מוות לעבר כפר בורוכוב.

נכנסתי לבית הראשון. האיכרים נבהלים ממראה פני. נותנים לי לחם ומבקשים שארחם עליהם ואעזוב את ביתם, הגרמנים קרובים. אני נכנס לבית שני. בעלת הבית, בראותה אותי — מצטלבת בבהלה וכמעט מתעלפת. אני נאלץ לצאת. כיוונתי את צעדי לבית בודד שמחוץ לכפר, ושוב שיחק לי מזלי. אנשים פשוטים, פראבוסלבים, קיבלוני. היטיבה עמי בעיקר הזקנה שבבית. חיממתי את עצמי, התייבשתי, כוחותי חזרו אלי.

לילה. החלטתי לצאת את הבית. הבינותי כי בוודאי נפוצה ידיעה שיהודי מתחבא בכפר ובסופו של דבר עלולים איפוא להגיע הנה.

„לאן אתה הולך, בני, תנוח," אמרה הזקנה.

„אני מוכרח ללכת."

עטפתי את רגלי בבד של שק. עלי לחזור לינסה. נזכרתי בשלושת היהודים שנשארו בתוך בונקר, בחורשה הגובלת עם חצרו של ינסה...

*

ושוב אני מהלך בשדות. ומחשבותי חזרו לאותו יום בו הופיעו שלושת היהודים — רופא ואחיו המהנדס מקרקוב ויהודי מבריסק, עורך־דין. הם נאלצו לעזוב כפר צ׳כי שכן. הייתי מביא להם אוכל ממטבחו של ינסה. הבאתי להם כלים ומיד בנינו בונקר... האם הגרמנים מצאום? אולי היו בכפר הצ׳כי השכן?

חזרתי לינסה. ממנו נודעו לי פרטים על כל מה שהתרחש. אכן, גרמנים וקבוצת שוטרים מקומיים ערכו חיפוש בחורשה אחרי גופה של גרמני. במקרה נתקלו בבונקר ומצאו את כל היהודים!

*

פבקו חזר הביתה נרגש. ניסים מתרחשים בעולם. הוא עבר על יד בית־הספר, ושוטר קרא לו ונתן לו חבילת בגדים: „הנך איכר עני — קח את זאת.״

פבקו פרק את החבילה, הוציא מעיל, לבש אותו. צמרמורת עברה בבשרו: המעיל היה של היהודי המהנדס מקרקוב. היו עליו סימנים של דם...

*

ועוד אחד אשר את שמו שכחתי, אבל את קולו אזכור לנצח.

היה זה קול שהציל את חיי ואת חיי איגנץ. היה זה בחורף 1944. שלג כיסה את השדות ואת גגות הבתים. חזרתי מביקור אצל מכר צ׳כי. האם להיכנס לאיכר צ׳כי שני? הצצנו דרך החלונות... לא.

נחזור לינסה ולאורוותנו החמה. די לטייל הערב... היינו במצב רוח טוב. ידיעות טובות הגיעונו. ז׳יטומיר בידי הצבא הרוסי. עוד מעט והחופש יגיע. פתאום צעקה. מי זה? כן, האיכר הצ׳כי צועק — האם הוא מתכוון אלינו? עמדנו. רגע של הרהור. רגע שקבע חיים. חכינו — האיכר, נרגש ונסער אמר לנו כי לפני כמה דקות היתה עגלה עם בנדרובצים. „הם חיפשו אתכם. הם היו אצל ינסה. אל תלכו שמה...״

שכחתי את שמך. אבל אזכור את קולך צועק בליל־חורף־ושלג, קול שהציל את חיינו והוכיח כי לא פסו טובים מבני אדם...

*

איך יצאתי חי מחצרו של יסלינסקי? עד היום הזה עוברת בי צמרמורת בהיזכרי כי הייתי כה קרוב למוות.

על יסלינסקי שמעתי רבות. לפי אינפורמציה של הבפטיסטים היה זה אחד האנשים הנאמנים בעדתם. אבל זו צרה, שהוא גר בכפר מרוחק ובסביבה שבה פעלו כנופיות של בנדרובצים. לפי מצב הענינים הגיע הזמן שאבקר אצלו. כפי שהסברתי קודם, השתדלתי שלא להכביד יותר מדי על מארחי ותכופות שניתי את מקום מגורי.

לנתי בשדה ובשעות הבוקר הגעתי לחצרו. מאחר שלא היה בבית, הסתובבתי קצת בחצר וחיכיתי עד שאפגוש אותו.

סוף סוף הגיע וסימני בהלה על פניו.

„הנך בסכנה!״ אמר, והובילני למחסן של אספקה. יסלינסקי השאיר אותי במחסן ויצא. אחר כמה שעות חזר עם אוכל בידו. מפיו נודע לי שבאסם נמצאת יחידה של בנדרובצים אשר הריחו שיהודי הגיע לחצר.

דמם הרצחני התעורר בקרבם, וההחלטה נפלה במקום. את היהודי יש לחפש מיד. ופה הופיעו יסלינסקי ואשתו כגואלים:

„האם חשבתם מה בכוונתכם לעשות?! יהודי זה, נודד חסר־בית ומשפחה — מה עשה לכם? דמו של היהודי — שהנכם רוצים כעת לרצוח — יזעק לעולמים ולא יתן לכם מנוחה! תנו לו ללכת לדרכו.״

במלים אלה פנה אליהם יסלינסקי.

הרוצחים נרתעו. יסלינסקי הבטיח להם שעוד באותו יום אעזוב את המקום. כל היום הייתי במחסן. בערב יצאתי לשדות...

*

אני בדרך מינסה לבפטיסטים. כתחנת־ביניים קבעתי לי אסם של איכר — שבו החלטתי ללון. השדות היו מכוסים שלג. הקור חדר לעצמות. אורות קטנים שבחלונות הבתים — רמזו על חום ושלווה. בשקט פתחתי קרש בדופן האסם ונכנסתי לתוכו. עלי לנהוג בזהירות. הן בעל־הבית אינו יודע כי אורח בלתי קרוא מתאכסן באסם.

אחרי „נבירה״ של כמה מטרים בתוך הקש — אני משתדל להירדם. התעוררתי. אני שומע רעש מכוניות. אולי זו רק שיירה שעברה. לא! הם מתקרבים לכפר. כמה מכוניות נכנסו לחצר. צעקות, קללות. דרך הסדק אני רואה תמונה לגמרי לא משמחת. גרמנים — חיילים התמקמו בביתו של האיכר. אני מבחין בקצינים. כנראה מפקדה. בחצר נראה משמר.

אלף מחשבות עוברות במוחי... אולי רק ליום אחד הגיעו? חזרתי למשכבי, חבוי עמוק עמוק בקש. השעות זוחלות לאט. הנה נפתחה דלת האסם. מי זה? כנראה בעל הבית. הוא יצא. נשמתי לרווחה.

אני רעב. בידי לחם ובקבוק חלב. הלחם קפא מרוב קור. הגיע הלילה. ושוב בא יום ועמו התקווה שהגרמנים יעזבו את המקום. אבל לשוא. עדיין הם נמצאים. השומרים מתהלכים הלוך ושוב.

זה כבר היום הרביעי. החלב נגמר. את הלחם אי־אפשר לאכול. חשתי שכוחותי הולכים וכלים. ועל הכל הקור הזה! עלי לצאת מכאן! אבל איך?

ושוב נפתחה הדלת. מישהו התחיל לדשדש בקש. אולי זאת הפועלת שהכרתי אצל ינסה. עלי לנסות לדבר אתה. בקושי זחלתי דרך הקש, כן זאת היא. אני מנסה לדבר אליה. מלים אינן יוצאות מגרוני הניחר. אני חש סחרחורת בראשי. הפועלת, בראותה אותי, כמעט התעלפה, אבל חיש מהר שלטה בעצמה והבינה את מצבי.

„כן...״ היא לוחשת אלי, „זאת הזדמנות לצאת... השומרים נכנסו הביתה לאכול...״

היא פותחת את הדלת האחורית של האסם. יצאתי לשדה המושלג. איש לא הרגיש בי, למזלי.

הגעתי לביתה של אלמנה זקנה — אשה אצילה, רוסיה, שהתגוררה לבדה. היא כיבדה אותי בבורשט אוקראיני חם. כוחותי חזרו אלי לאט לאט.

ושוב אני נכון למאבקים חדשים.

*

הערת כותב הרשימה:

השתדלתי בפרקים מקוטעים אלה לקשור את זכרונותי לענין אחד מרכזי והוא — גבורת אותם הנוצרים הבודדים שגילו אומץ־לב ועזרו לי בנדודי. לא תמיד יכולתי לשמור על סדר כרונולוגי.

מעלה החמישה, 1960

די משפחה עגערמאַיער

די פאַמיליע עגערמאַיער־סטזשעלעצקי פון וואַרשע געהער צו די ליכטיקע געשטאַלטן פון פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אומגעווייִנלעכער העלדישקייט און איבערגעגעבנקייט ביים ראַטעווען יידן פון דער דייטשער פאַרניכטונג. די פאָלגנדיקע לויצקער יידן האָבן זיי צו פאַרדאַנקען

מאַריאַ סטזשעלעצקאַ

לעאָניאַ עגערמאַיער

זייער ניצול ווערן פון טויט און דאָס אויסהאַלטן ביז דער באַפרייונג.

קודם כל — אַנוסיאַ, וועלכע איז דאַן געווען דאָס 5־יאָריקע טעכטערל פון יעזשי און דאָס אייניקל פון אברהם גליקליך. אַ טאָג פאַר דער גרויסער „אַקציע" האָט מאַריאַ סטזשעלעצקאַ זי אַרויסגעפירט פון לוואָוו קיין וואַרשע און דאָרט האָט זי צום קינד אַרויסגעוויזן מוטערלעכע זאָרג און אויפזיכט.

אויך דער אונטערגעשריבענער מיט זיין פרוי האָבן נאָכן אַנטלויפן פון לוואָווער געטאָ געפונען אין דער פאַמיליע עגערמאַיער איבערגעגעבענע פריינד און אַ דאַך איבערן קאָפּ.

אויסער די אויבנדערמאָנטע האָבן נאָך אַ סך מענטשן, יידן און נישט יידן, דערוואַקסענע און קינדער, צו פאַרדאַנקען דעם פאַרשטאָרבענעם וואַצלאַוו און לעאָניאַ עגערמאַיער און זייער טאָכטער מאַריאַ סטזשעלעצקאַ דאָס וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן זיך פון די דייטשע מערדער.

מען דאַרף דערביי אונטערשטרייכן, אַז באַגרייפנדיק די געפאַר וואָס עס דראָט זיי פאַרן אויסבאַהאַלטן די יידן, האָבן די עגערמאַיערס געהאַלטן פאַר זייער הייליקן חוב צו ראַטעווען די קרבנות און כסדר געביטן דאָס וווין־אָרט כדי צו זיכערן דאָס לעבן פון די אויסבאַהאַלטענע ביי זיי. זיי האָבן געטיילט מיט די באַהאַלטענע יידן דאָס לעצטע און איינגעשטעלט דערביי זייער לעבן. דערמיט האָבן זיי געראַטעוועט דעם כבוד פון מענטש און דערפאַר האָבן זיי פאַרדינט ליבע און אָנערקענונג.

אינזש. מיכאל פּטיך

ד"ר ט. קוניצאַ־גאָלדשטיין

ד"ר וו. סטרושינסקא — רעטערין פון פינף יידן

דאָקטאָר וויקטאָריאַ סטרושינסקאַ מיט איר מאַן זיגמונט סטרושינסקי האָבן בעת דער אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן פינף יידן אין משך פון אַ יאָר מיט אַכט חדשים.

ד"ר וויקטאָריאַ סטרושינסקאַ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900 אין טשענסטאָכאָוו. איר פאָטער — אַ נאָטאַריוס. קיין לויצק איז זי געקומען צוזאַמען מיט איר מאַן זיגמונט און אַ טעכטערל. אָלשינאַ, אין יאָר 1936.

זיגמונט סטרושינסקי איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין לויצק צו פאַרנעמען אַ פּאָסטן אַלס נאַטשעלניק פון פּערסאָנעלן־אָפּטייל פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אין זיין אַמטלעכן און פּריוואַטן לעבן האָט אים כאַראַקטעריזירט אַ טיפער ליבעראַליזם און פּאָזיטיווע באַציונג צו יידן. ער איז געווען אַ באַצויבערנדיקער מענטש, האָט נישט געהאַט קיין שום ראַסע־פאָראורטיילן. ער איז גלייכצייטיק געווען אַ דרייסטער, אַ קעמפערישער, מיט אַ שטאַרק געפיל פאַר גערעכטיקייט. דאָס אַלץ איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

גלייך ווי די דייטשן זענען אַריין קיין לויצק, איז ער אַראָפּ אין אונטערערד און האָט זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן קאַמפס־גרופּעס צו קעמפן מיט די דייטשן. צום באַדויערן איז ער צום סוף יאָר 1943, מחמת אַ מסירה פון די אוקראַינער, אַרעסטירט און אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אין אַ תפיסה אין ראָוונע.

זיין פרוי ד"ר וויקטאָריאַ סטרושינסקאַ, האָט געאַרבעט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט מיר אַלס שול־דאָקטאָרין און אין סאָציאַלער פאַרזיכערונג. איר ליבעראַלע באַציונג צו יידן האָט זי געבראַכט מיט זיך נאָך פון איר עלטערנס היים. נאָך אין שול פלעגט זי זיך חברן מיט יידישע קאָלעגינס. און זי האָט קאָנטינוירט איר פריינדלעכע באַציונג צו יידן אין

ד"ר וויקטאָריאַ סטרושינסקאַ

איר אַרבעט אין דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג און אין די שולן. אין דער באַציונג צו מיר האָט זי צוזאַמען מיטן מאַן איבערגעריסן דעם פאַרשלאָסענעם קרייז, וואָס האָט פונאַנדער־געשיידט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די פּאָליאַקן און די יידן. זי פלעגט אונדז איינלאַדן צו זיך אויף אויפנאַמעס און אונדז באַזוכן. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זי אונדז דעמאָנסטראַטיוו באַזוכט אין געטאָ.

נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם געטאָ האָט זי באַהאַלטן ביי זיך אונטער דער פּאָדלאָגע אין אַ באַהעלטעניש פינף יידן (צווישן זיי דריי דאָקטוירים).

נאָכן טויט פון איר מאַן האָט זי זיך נישט איינגעבראָכן און צוזאַמען מיט איר טעכטערל אַלשינאַ זיך מיט זיי פאַרנומען.

אליהו אפרת (פוקס) / ישראל

פון מיינע איבערלעבונגען

איך ווער אַן אָנגעשטעלטער אין אַ דייטשער אונטערנעמונג

אונטער דער סאָוועטישער מאַכט האָב איך געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטער פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט. ווי אַזעלכער האָב איך אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט איינעם אַ דייטש מיטן נאָמען ניקעל, וועלכער האָט געהאַט אַ גערטנעריי. ער האָט געהאַט אַ יידישע פרוי מיטן נאָמען וואלק. בעת די דייטשן זענען אויסגעזידלט געוואָרן קיין היטלער־דייטשלאַנד, האָט ניקעל באַשלאָסן צו בלייבן אין לויצק (צוליב זיין יידישער פרוי). איינמאָל, ווען די סאָוועטן האָבן אים געוואָלט אַרויספירן, האָב איך אינטערווענירט ביי דער סאָוועטישער מאַכט און אים באַפרייט, מיטן אויסרייד, אַז ער איז נייטיק אַלס גערטנער.

באַלד נאָך דעם ווי לויצק איז פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן, האָט ניקעל באַשלאָסן זיך אָפּצודאַנקען. ער איז געוואָרן לייטער פון „אויבסט און געמיזע שטעלע פאַר וואָלין און פּאָדאָליע". ער איז געקומען צו מיר און פאַרגעלייגט איך זאָל אָנפירן מיט דער אַרבעט אין זיין גערטנעריי, און ער וועט שוין פאַר מיר זאָרגן. פון דאַן אָן האָב איך געוווינט אין אַ הויז וואָס איז געשטאַנען פאַרשלאָסן אין די גרענעצן פון זיינע גערטנער.

אַלס העלפער פון ניקעלן האָב איך איינגעלאַדן צו דער אַרבעט 600—700 יידן טאָג־טעגלעך, באַזאָרגט זיי מיט שיינען, אַ האַלב ברויט און מיט אַ קיך.

דאָס האָט אַזוי געדויערט ביז אָנפאַנג דעצעמבער, ד.ה. ביזן קאָנצענטרירן די יידן אינעם געטאָ.

אַ וואָך פאַרן עפענען דעם געטאָ האָט מיר ניקעל דערציילט בסוד, אַז עס גרייט זיך עפּעס נישט גוטס. ער האָט מיר געראָטן צו פאַרלאָזן צייטווייליק לויצק. ער האָט מיר אויסגעשריבן אַ שיין אַלס קאָנטראָלער פון דער פירמע און אַוועקגעשיקט קיין האַראַכאָוו. מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער מיר מודיע זיין וואָס עס הערט זיך. נאָכן אָפּזיצן 10 טעג אָן אַ ידיעה, האָב איך באַשלאָסן צוריקצופאָרן. דער דאָרטיקער קאָמיסאַר, מיינענדיק אַז איך בין אַ פּאָליאַק (אויפן דאָקומענט האָט ניקעל געשריבן נאָר דעם נאָמען עדמונד און נישט אונטערגעשטראָכן יודע), האָט מיר רעקאָמענדירט צו פאָרן מיט אַ צופעליקער באַן, וואָס גייט דעם צווייטן טאָג קיין לויצק. אויפן וועג האָב איך שוין געהערט אַן אוקראַאינער דערציילן, אַז „מען האָט דאָרט געשלאָגן און געשאָסן יידן".

קיין לויצק בין איך אָנגעקומען 11 אַזייגער ביינאַכט. אַראָפּגייענדיק פון באַן, האָבן מיך אָפּגעשטעלט צוויי זשאַנדאַרמען. איבערגעקוקט מיין „דאָקומענט", האָבן זיי מיך אָפּגעפירט ביז ניקעלס גאָרטן. בלויז דער אוקראַאינער שומר האָט געזען ווי איך בין אַריין. צומאָרגנס, ווען ניקעל האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין צוריקגעקומען, האָט ער שטאַרק באַדויערט, אָבער ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן. מען האָט מיך פאַרשלאָסן אין מיין שטוב און געוואַרט וואָס ווייטער וועט זיין.

אַרום מיטאָגצייט זענען געקומען צוויי זשאַנדאַרמען און געפרעגט זיך ווו איך בין. ס'איז געווען קלאָר, אַז דער סטרוזש



Beschaeftigungsausweis Nr. 5

Der Jude/Die Jüdin Fiks Ela

Beruf: hilfsgärtner Wohnhaft: Jose 3-go Maja

steht seit 13 Juli 1941 bei mir/uns in einem dauernden Arbeitsverhältnis.

Gültig bis Widerruf 15 November 1941

Luck, den 18.X. 1941

Genehmigt:

i. v.

Der Gebietskommissar in Luzk

האָט מיך פאַראַטן. ניקעל האָט אַנגענומען מיין פאָרשלאַג און מיך אַוועקגעשיקט אין אַ צווייטן גאָרטן זייגעם, וועלכער איז געווען אויף קיטשערוועקע.

אין געטאָ האָב איך נישט געוואָלט זיין. אָבער נאָך צוויי וואָכן בין איך געווען געצוווּנגען אומצוקערן זיך אין געטאָ, נאָר געאַרבעט האָב איך ווייטער ביי ניקלען. אין צווישנצייט האָט זיך געווענדעט צו מיר משה געכט, דער פאַרוואַלטער פון דער פּראָוויאַנט־אָפּטיילונג אין געטאָ, וועגן הילף פאַר דעם געטאָ. מיט ניקעלס צושטימונג האָבן מיר פאַרקויפט די יידן „פּאַרפּוילטע" קאַרטאָפל און אַנדערע פּראָדוקטן. מיר האָבן געמאָלדן די דייטשן, אַז אין די קעלערס ליגן פאַרפוילטע קאַרטאָפל און ציבעלעס און באַקומען פון זיי אַ דערלויבעניש צו פאַרקויפן די אַ סחורה אין געטאָ, פאַר רעגירונגס־פּרייזן.

ניצול געוואָרן פונעם ערשטן פּאָגראָם

ווען די דייטשן האָבן דעם 3־טן יולי אַרויסגעהאָנגען מעל־דונגען, אַז אַלע יידן זאָלן קומען אין שלאָס „צו דער אַרבעט", בין איך געווען ביי מיין שוועסטער אויף 3־מאַי גאַס. מען איז געקומען אונדז אָנזאָגן דאָס נייעס אין שטוב. איך האָב באַלד געזאָגט, אַז איך גיי נישט, אָבער אַנדערע יידן האָבן געטענהט, אַז אויב מען וועט נישט אויספּילן דעם באַפעל, וועלן אַלע אויסגעהרגעט ווערן. איך האָב זיך אונטערגעגעבן און בין צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע פון אַ 12 יידן געגאַנגען.

דער קאַטעדרע־פּלאַץ איז געווען אַרומגעשטעלט מיט מי־ליטער. ווער ס'איז אַריין דורכן טויער פון שלאָס, האָט שוין צוריק נישט געקאָנט אַרויס. אויך איך בין אַריין אינעווייניק. דורכגייענדיק דעם טויער, האָב איך געטראָפן צוויי פייער־לעשער, פּאַליאַקן, מיינע גוטע באַקאַנטע. זיי האָבן מיר געזאָגט: „וווהין גייסטו, מען וועט דאָך אייך אַלע דאָ אויסהרגענען?" „טאָ וואָס טוט מען איצט?" — האָב איך זיי געפרעגט. זיי האָבן מיך גענומען אונטערן אָרעם, און היות זיי זענען געווען גע־קליידט אין די פייערלעשער־מונדירן, האָט דער דייטשער זעלנער נישט געלייגט קיין אַכט אויף אונדז דריי, און מיר זענען אַרויס צוריק פון שלאָס.

איך בין שוין אָבער מער אין שטאָט נישט געגאַנגען. הינטערן שלאָס האָט געוווינט אַ קריסט מיטן נאָמען מיעכאַטאָו, אַ געוועזענער רוסישער פּאָלקאָווניק און אָנגעשטעלטער אין פּוילישן מאַגיסטראַט. בין איך אַריין צו אים אין שטוב. אין דער מינוט איז צו אים אַריין אויך אַן אַנדערער ייד, וועלכער האָט דאָרט געוווינט (לייב סטאָליער פון הינטערן שלאָס) און האָט געבעטן פאַר זיך און פאַר זיין ברודער צוויי לאַפּעטעס, כדי צו „גיין צו דער אַרבעט". איך האָב זיי אָפּגעהאַלטן פון דעם, און מיר האָבן גענומען ביי דעם קריסט קאָסעס און זענען אַרויס קאָסען די לאָנקע. איך האָב אַראָפּגענומען דאָס העמד און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך בין אַ פּויער וואָס אַרבעט.

מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָב איך געזען ווי צוויי אָפּטיילונגען דייטשן, באַוואָפנטע מיט ביקסן און קוילנוואַרפער, זענען אַריין אין שלאָס. און באַלד האָבן מיר דערהערט אַ שי־סעריי, וואָס האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין אָוונט.

לויט מיינע ידיעות זענען יענעם טאָג אומגעקומען ביז 1,500 יידן, די שענסטע און בעסטע פון לוצקער יידן.

אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן זענען געקומען צו לויפן צו מיר משה געכט, סאַשע פינטשוק און אברהם האָפּמאַן מיט אַ געוואַלד: „מוזסט אונדז ראַטעווען". די דייטשע מאַכט האָט זיך געווענדעט צום יודענראַט מיט אַ פאָדערונג צוצושטעלן במשך פון דריי שעה צען קעסטלעך טשוועקעס, וועלכע זענען דרינגענדיק נייטיק כלומרשט ניקלען, כדי ער זאָל קאָנען שיקן אין קעסטלעך זיין פּראָדוקציע קיין דייטשלאַנד. אויב נישט וועט מען אַלע אויסשיסן." נישט לאַנג געטראַכט האָב איך גענומען פון ניקעלס סקלאַד צוויי קעסטלעך (מער זענען נישט געווען) און זיי אָפּגעשיקט אין דער דייטשער שטעלע. פון דאָרטן האָב איך באַקומען אַ קוויטל, אַז „מען האָט באַקומען פון די יידן טשוועקעס" (נישט אויסרעכענענדיק וויפל). אַזוי אַרום איז די גזירה בטל געוואָרן.

מיט מיר צוזאַמען האָט ביי ניקלען געאַרבעט אַלס בעל־עגלה ישראל פרידבוים (פּאַמיענקאָס שוואָגער). נישט אָנפרעגנ־דיק ביי קיינעם האָבן מיר עטלעכע מאָל אָנגעלאָדן ניקעלס פור, געשפּאַנט מיט זיינע פערד, מיט 8—10 פעסער קרויט, פּאַמידאָרן,



Beschaeftigungsausweis Nr. 77/B

Der Jude/Die Jüdin Fiks Elo

Beruf: ... Wohnhaft: Luck-Ghetto

steht seit 27/II.42 bei mir/uns in einem dauernder Arbeitsverhältnis.

Gültig bis 15. März 1942

Luck, den 7/III 1942

Genehmigt:
Der Deutsche Leiter des Arbeitsamts Luck
im Auftrage:

verlängert bis 31 März 1942
Der Deutsche Leiter des Arbeitsamts Luck
im Auftrage:

Der Inhaber dieses ... berechtigt ausserhalb ... Nebenstrassen ... der von den Juden bewohnten ... zu betreten.

Der Gebietskommissar ... Luck

prolongiert bis 31. Mai
Der Deutsche Leiter des Arbeitsamts Luck
im Auftrage:

verlängert bis 30 April 42
Der Deutsche Leiter des Arbeitsamts Luck
im Auftrage:

verlängert 30. Juni 42

אַרבעטס־שיינען אין געטאָ

אוגערקעס און אונטערן אויסרייד, אַז דאָס איז פּסולת, אַריינגעפירט אין געטאָ אָן קיין שום באַלויבונג.

די דאָזיקע פּראָדוקטן זענען געגאַנגען פאַר דער אַלגעמיינער קיך פון געטאָ, נישט נאָר אָרעמע האָבן גענאָסן פון דער דאָזיקער קיך. איך זע נאָך איצט פאַר די אויגן די געשטאַלט פון דירעקטאָר פון דער יידישער גימנאַזיע, לעדערפיין, גיין מיטן קעסעלע נאָך מיטאָג; די געשטאַלט פון דראַגיטשין, וועלכער איז געווען פולקאָם צעבראָכן און פלעגט קומען בעטן פּראָדוקטן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך די זאַך פאַרענדיקט און מער האָבן מיר פון ניקעלס גערטנער נישט געקאָנט אַריינבאַקומען פאַרן געטאָ. איך האָב דאַן סוגערירט ניקלען ער זאָל אונדז העלפן אויפשטעלן אַ גערטנעריי אויף דער טעריטאָריע פון דעם געטאָ. מיר האָבן געפונען אַ פרייען פּלאַץ — דעם יריד־פּלאַץ פון גנידאָוו — און סטאַרטשעווסקיס גאָרטן. פון ניקעלן האָב איך גענומען זריעות און פלאַנצן. במשך פון אַ קורצער צייט, פרילינג 1942, האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ גרויסע גערטנעריי, וועלכע האָט געליפערט ירקות פאַר דער קיך און פאַר דער באַפעלקערונג בכלל. דער גאָרטן איז געשאַפן געוואָרן מיט דער באַשטעטיקונג פון דער מאַכט. אַדאַנק דעם גאָרטן זענען באַשעפטיקט געוואָרן איבער הונדערט מענטשן, ס׳רוב עלטערע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אַרבעטן אויסערן געטאָ און געמוזט האָבן אַרבעטס־שיינען, אַז נישט האָט מען געקאָנט לייכט אַרויסשיקן זיי פון געטאָ, וואָס האָט באַדייט טויט.

ווי אַזוי סאַשאַ גאַסקאָ פון קיווערצע האָט געהרגעט אַ דייטש

אויף מאָנטשנע־גאַס (אויף דער גרענעץ פון געטאָ) איז געווען אַ גאַרבעריי. דאָרט האָבן געאַרבעט עטלעכע יידן. דער אייגנטימער איז אַמאָל געווען קאָרטשאַק, וועלכער האָט דאָרט געאַרבעט אויך בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. בעת אַ רעוויזיע אין דער גאַרבאַרניע האָבן די דייטשן געפונען פאַרגראָבן אַ רעוואָלווער. מען האָט באַלד פאַרנומען קאָרטשאַקן מיט סאַשע גאַסקאָ, וועלכער האָט אויך דאָרט געאַרבעט. ביידע זענען דערשאָסן געוואָרן. שפּעטער האָט מיר דערציילט אַ קריסט מיטן נאָמען רושקאָווסקי, אַז ער איז געווען אַן עדות פון פאָלגנדיקן פאַל:

מען האָט ביידע יידן געפירט דורך דער „קאָלאָניע אָזשענדניטשע" צום געביטס־קאָמיסאַריאַט. צוויי באַוואָפנטע דייטשן זענען געגאַנגען פאָרנט און הינטן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט סאַשע, וועלכער איז געווען אַ נידעריקער אָבער קרעפטיקער בחור, געגעבן אַ זעץ מיטן פוס דעם דייטש, וועלכער איז געגאַנגען הינטער אים, געכאַפּט זיין ביקס און דערשאָסן אויף טויט דעם דייטש, וועלכער איז געגאַנגען פון פאָרנט. אַנטלויפן איז אָבער נישט מעגלעך געווען. מען האָט ביידע באַלד געכאַפּט און אויפן אָרט דערשאָסן.

ערב דער ליקווידאַציע

דעם טאָג פאַר דער ליקווידאַציע האָבן די יידן געפילט, אַז עס גרייט זיך אַ מרה־שחורהדיקער טאָג. מען האָט געוווּסט וועגן דער קאָנצענטראַציע פון ס.ס.־אָפּטיילונגען און אוקראַינישע באַנדעס. פּלוצעם האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די יידן גרויסע קאָנטריבוציעס, וועלכע זענען געווען ווייט איבער די כוחות פון געטאָ. פילנדיק, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף, האָב איך באַשלאָסן צו נעכטיקן אויסערן געטאָ. איך האָב זיך באַהאַלטן אין אַ קעלער. פאַרטאָג איז געקומען צו מיר אַ פּוילישע פרוי און האָט מיך געוואָרנט, אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך אַוועק פון לויצק.

עדות־דערקלערונגען פון בערעזאַ מיכאַל

וועגן ד״ר בילאַבראַן און זיין טאָכטער אירענא

איך, דער אונטערגעשריבענער, דערקלער פאָלגנדיקס:

1) דעם 26.6.41, ווען די דייטשן זענען אַריין צו אונדז, האָט דער אויבנדערמאָנטער בילאַבראַן — אַ פּוילישער בירגער פון דייטשער נאַציאָנאַליטעט — אָרגאַניזירט אַן אוקראַינישע פּאַליציי און זעלבסטפאַרוואַלטונג. דעם 29.6.1941, ווען ער איז געוואָרן בירגערמייסטער, האָט ער באַפוילן אַרויסצונעמען יידן פון די הייזער און פון די גאַסן, אַרום 2000 מאַן. מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין באַלאַכאָוו (אַ פּלאַץ הינטער דער שטאָט), געפייניקט און דערשאָסן; זיין טאָכטער איז בייגעווען ביי דער עקזעקוציע.

2) אָנהייב יולי דעם זעלבן יאָר איז אָנגעקומען דער געביטס־קאָמיסאַר לינדע, ד״ר בילאַבראַנס איידעם. פון דעמאָלט אָן זענען דורך זיי דריי געטאָן געוואָרן אַלע יידנפאַרפאָלגונגען ווי:

א. שווערע צוואַנגסאַרבעט, פון 10—50 יאָר, ביי אַ גרויסן הונגער.

ב. דערשיסונגען און פאַרניכטונג פון איינצלנע יידן טאָגטעגלעך.

ג. לויט זייער באַפעל האָט מען דערשאָסן 150 עלטערע יידן נישט אַרבעטספעיקע.

ד. די פאַרברעכער בילאַבראַן און זיין סוויטע טעראָריזירן דאָס געטאָ, טוען אָן געברענטע צרות, שפּאַצירן אַריין יעדן טאָג אין געטאָ, אַרויסנעמענדיק צו עטלעכע קרבנות און דערשיסן אַלס פאַרווײַלונג.

ה. גענומען גרויסע קאָנטריבוציעס א.ד.ג.

3) דעם 26.8.1942 האָבן זיי באַפוילן צוצושטעלן: 150 מעטער מעל, 2000 מעטער זייד, 2 טאָן לעדער, 25 מעטער קנאָבל

און 25 ק״ג גאָלד. דאָס איז געווען אַ חוזק און אַ פּרעטעקסט זיי צו קאָנען אומברענגען. דעם 28.8 האָט מען אַרומגערינגלט דאָס געטאָ, אַלע צוזאַמענגעטריבן, אַרויסגענומען אַרום 18.000 יידן, אַוועקגעפירט 6 קילאָמעטער קיין גורקע־פּאָלאָנקע, דער־שאָסן און באַגאָסן מיט סמאָלע. דער ד״ר בילאבראַן איז געשטאַנען אין שפּיץ פון די ליקווידאַטאָרן. נאָך דער יידנפאַר־ניכטונג איז ביי בילאבראַן פאָרגעקומען אַ באַנקעט, 3 טעג געפּראַוועט מיט גרויס שמחה, ביי דער אָנוועזנהייט פון גאַנצן געסטאַפּאָ־שטאַב.

4) דאָס האָב איך אַליין געזען און איבערגעלעבט. מיר איז באַקאַנט נאָך פיל פּרטים, אין פאַל דאָס וועט נייטיק זיין פאַר אַ געריכט, בעט איך מיך אַרויסרופן אַלס עדות.

מיין אונטערשריפט: **בערעזאַ מיכאַל**
פּראָטאָקולאַנט: **קוויאַט דוד**

פּ.ס.: די דאָזיקע עדות־דערקלערונג איז אויסגעשטעלט געוואָרן פון דער: JEWISH HISTORIKAL DOKUMENTATION IN LINC. אין 2 עקזעמפּליאַרן.

(פון „יד־ושם״־אַרכיוו)

יחזקאל גאַק / קאַנאַדע

שבעה מדורי גיהנום

דעם 25־טן יוני 1941 איז דער דייטש געווען אין קראַסנע און דעם 26־טן — אין לוצק. זונטיק דעם 29־טן איז דורך לוצק דורכ־געפאָרן די פעלד־געסטאַפּאָ. האָט מען געמאַכט אַ שטיקל אויפ־נאַמע פאַר די געסט און אַרויסגענומען פון די שטיבער אַן ערך 2700 יונגע און אַלטע מענער, בתוכם דעם אָליקער רב ז״ל, יעקב וואַפּניאַרסקי ע״ה און דעם חזן פון דער אָליקער שול. ווי זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן ווייסט מען נישט. דאָס זענען געווען די ערשטע קדושים פון לוצקער יידן.

די אוקראַינער האָבן שוין אין די ערשטע טעג אָנגעהויבן אַרויסצווייזן זייערע מערדערישע כוונות. עס איז דערשינען — מיט דייטשער דערלויבעניש — אַ פּלאַקאַט: „הייל היטלער — סלאַוואַ אוקראַינאַ!״ די אוקראַינער פייניקן יידן סיי אין גאַס, סיי אין שטוב. זיי האָבן אָנגעטאָן לענטעס אויף די אַרבל מיטן צייכן .O.D, וואָס באַדייט — „אָרדענונגס־פּאָליציי״. באַלד קומט אַ באַפעל, אַז יידן דאַרפן טראָגן ווייסע אָרעמבענדער מיט אַ מגן־דוד. תחילת פּרוּוון די יידן נישט אָנטאָן דעם שאַנד־צייכן. די אוקראַינער זאָרגן אָבער דערפאַר, אַז דער דייטשער באַפעל זאָל אויסגעפילט ווערן און זיי שלאָגן מכות־רצח. זיי שלעפּן יונגע מיידלעך, עלטערע פרויען און בפרט מענער אויף אַרבעט און דערביי שלאָגט מען אומרחמנותדיק אַלעמען.

דער מאַגיסטראַט איז באַזעצט דורך לויטער אוקראַינער, מיט סקאָראָבאַגאַטאָוון ימח־שמו בראש. דאָרט ווערן אין דער שטיל צוגעגרייט פאַרשידענע גזרות. אָט ווערט די שטאָט צע־טיילט אין פיר טיילן און די פאַרבינדונג צווישן יידן פון איין טייל און צווישן דער צווייטער איז שטרענג פאַרבאָטן. גייט מען אַרויס אין גאַס — ווערט מען פאַרכאַפּט אויף אַרבעט אָדער צום קבר. די שפּאַנונג האַלט אין איין וואַקסן.

דאָנערשטיק, דעם 3־טן יולי 1941, באַווייזט זיך אַן אויפרוף געשריבן בלויז אין דער אוקראַינישער שפּראַך, אַז אַלע יידן אין עלטער פון 16 ביז 60 יאָר דאַרפן דעם זעלבן טאָג קומען זיך רעגיסטרירן אויף פּלאַץ־קאַטעדראַלני. זיי ווערן גערופן מיטצונעמען אַ לאָפּעטע, אַ קירקע אָדער אַן אַנדער אַרבעטס־געצייג.

דער טאָג איז אַ שיינער, אַ זוניקער. יידן שטראָמען פון אַלע זייטן צום פּלאַץ. ווער עס קומט צום פּלאַץ, ווערט גלייך אַריינגעפירט אין דעם באַוווסטן לוצקער „ליובאַרט־שלאָס״. קיינער איז שוין פון דאָרט נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. כמעט 3.000 יידן זענען דעם טאָג דאָרט געפאַלן. דאָס רוב פון מיטל־קלאַס. די דערמאָרדונג איז פאָרגעקומען אונטער דער טורמע און אויף דער קאָלאָניע. אַ ניצול געוואָרענער, וועלכער איז אַרויסגעקראָכן פון גרוב אַ נישט דערשאָסענער, האָט איבערגעגעבן די דאָזיקע פּרטים. זיין נאָמען איז קאָזיאָל, אַ זון פון פּראַטשעשניק (נעבן נחמיה וויינשטיינס מויער אין געסל). ער איז פון דאַן אָן געבליבן אַ קאַליקע.

ס׳איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג. די ווייבער פון די מענער, די מוטערס פון די קינדער לויפן צו די דייטשן, צו דער אָרטס־קאָמענדאַטור, פעלד־קאָמענדאַטור און פרעגן וואָס איז מיט זייערע קרובים — גאָרנישט. ווי זיי וואָלטן פאַרזונקען אין אַ פינצטערער נאַכט.

די דייטשן באַפעלן די אוקראַינער פון מאַגיסטראַט צו שיקן רופן די פּראָמינענטע יידן און שאַפן אַ יודענראַט. ס׳ווערן גערופן: געוועזענער פּוילישער סענאַטאָר לאַזאַר דאל, דער דענטיסט ד״ר קאַרטשעמני, סאַשע פינטשוק. זיי באַקומען אינ־סטרוקציעס און ס׳ווערט געבילדעט אַ יודענראַט פון 10 פּערזאָן. אויסער די דריי שוין דערמאָנטע גייען אַריין אין יודענראַט דער באַנק־דירעקטאָר אברהם האָפמאַן, משה געכט, דער גע־וועזענער פּרעזעס פון דער יידישער קהלה קלמן פרישבערג, לייטערין פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע פרוי ה. האוסמאַן און יהושע בערגער — דירעקטאָר פון דער „תרבות״ שולע.

אַלס באַאַמטע זענען אין יודענראַט געווען באַשעפטיקט: יצחק דרוקער, שמעון באָקאָוויעצקי, היינאָך (אברהם־יידל שפּי־ראָס איידעם), מאיר סאָראָקע, אביגדור ערלעכגערעכט, צאַליע בערגער, יצחק בערגער, דוד שפּייטער, אברהם שייגער, דוד קיגעל, אַדוואָקאַט ריטווע (פון ווילנע), באָרענשטיין (פון כעלם),

בעריש דאוו, הערשל ברוינשטיין, דוד גאַטמאַן (פון ראַדאָם) און אייניקע וועמענס נעמען איך געדענק נישט.

אין דער יידישער פּאָליציי זענען געווען אָנגעשטעלט: גרינבערג — קאָמענדאַנט (אַ פּליט פון גאַליציע), טיקטינערס זון, חיים קלימבורדס זון, מאַקס קיפּערמאַן, דער איידעם פון ברײַנדל באַקאָוויעצקי (זיין נאָמען איז מיר נישט באַקאַנט), מישע וואַקס, יוסקע פּערעלמאַן, יהודה יוניטשמאַן, הערשעלע קליניצקי און נאָך אַנדערע, מערסטנס פּליטים פון מערב־פּוילן.

תחילה איז דאָס ביוראָ פון יודענראַט געווען ביי משה הובערניק אין מויער. דער ערשטער אַקט פון יודענראַט איז געווען — דורכפירן אַ רעגיסטראַציע פון אַלע יידן. די רעגיסטראַציע איז געווען פאַרבונדן מיט צוטיילן ברויט־קאַרטלען. ביים רעגיסטרירן זיך באַקומט מען אויך אַ צעטל אויף אַרבעט.

*

די שטאָט הונגערט. די פּויערן שפּייען די יידן אין פּנים, דאָס רוסישע געלט ווילן זיי נישט נעמען. זיי פאָדערן פאַר זייער סחורה דורכויס פּוילישן בילאָן, זילבער. קיין מאַרק האָבן נישט די יידן. די קליינע זאַפּאַסן האָבן זיך גיך אויסגעלאָזט. שוין אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער הערשאַפט פילט זיך דער הונגער.

באַלד קומט אַ מעלדונג: יידן האָבן רעכט צו קומען אויפן מאַרק בלויז פון 10 ביז 11 אינדערפרי. גייען יידן צו דער אַרבעט, קליין און גרויס, אַבי נישט צו ליידן קיין הונגער. ווער עס קריגט עפּעס עסן, ווער — גוט געשלאָגן, ווי איינעמס מזל.

מיט יעדן טאָג קומען אין שטאָט אַריין אַלץ מער דייטשע אָפיצירן. דער פּראָנט רוקט זיך צו קיעוו. דער יודענראַט באַקומט יעדן טאָג, אָדער אַפילו אייניקע מאָל אין טאָג באַפעלן צוצושטעלן קישנס, בעטן, וועש און אַנדערע זאַכן. מען קומט פון יודענראַט אין די יידישע הייזער און מען נעמט פון טויט און פון לעבעדיק. אין שטאָט שמועסט מען, אַז בקרוב דאַרף קומען די „ציווילע מאַכט" און טייל יידן גלויבן, אַז מיט ציווילע וועט לייכטער ווערן דאָס לעבן.

איך האָב דאַן געאַרבעט מיט זבולון פּערקאַלס ביידע זין, מרדכי און הערשל, אַלס טרעגערס אין דער אַפּטייקער־פאַרוואַלטונג. אונדזער פאַרדינסט איז געווען — 500 גראַם ברויט אַ טאָג, אַ חוץ קלעפּ. אין דער זעלבער צייט קומט אָן אין לויצק די ציוויל־מאַכט. באַלד קומט אויך די אַנטוישונג. אויפן צווייטן טאָג נאָך זייער אָנקום פאַרעפנטלעכט די נייע מאַכט אַ פאַראָרדענונג, אַז יידן דאַרפן באַלד אַריינטראָגן צום געביטס־קאָמיסאַר גאָלד, זילבער, פּלאַטינע, בריליאַנטן און אַנדערע טייערע חפצים. די זאַכן האָט מען געבראַכט אין יודענראַט און מען האָט דאַן געשמועסט אין געטאָ, אַז מען האָט פון יודענראַט נישט אַלץ אָפּגעטראָגן צו די דייטשן. ס'זענען געווען קלאַנגען, אַז אויך דער יודענראַט האָט דערביי געהאַט פּרנסה.

צו דער זאַמלונג פון צירונג ווערט אין יודענראַט געשאַפן אַ קאָמיסיע, מיט פּרוי האוסמאַן בראָש. אין דער קאָמיסיע זענען אויך אַריין צאַליע בערגער און אברהם קלימבורד. מען נעמט צוזאַמען גאָלד־זאַכן פון אָרעם און פון רייך.

אין יולי 1941 קומט אָן קיין לויצק די געסטאַפּאָ, וועלכע אָרדנט זיך איין אין בנין פון „באַנק פּאָלסקי". די קעלערס פון באַנק ווערן פאַרוואַנדלט אין אינקוויזיציע־צימערן. ווען געסטאַפּאָ־לייט באַגעגענען אין גאַס אַ ייד, פאַרהאַלטן זיי אים און פירן אָפּ אין די קעלערס. זיי רייסן זיך אַריין אין יידישע הייזער, ראַבירן, שלאָגן און צום סוף — ווער ס'געפעלט זיי, נעמען זיי אים מיט אין די קעלערס. פון דאָרט איז שוין נישטאָ קיין וועג אויף צוריק. אין די קעלערס פון „באַנק פּאָלסקי" זענען אומגעקומען צענדליקער יידן, צעשלאָגענע און צעביסענע דורך ווילדע הינט. צווישן די הרוגים אין די קעלערס האָבן זיך געפונען מאיר סטאָליער מיט זיין זון, מאיר פּינוס, זיינדל אקס (דער גרינדער פון „השומר הצעיר"), יוסף אייזנבערג א.א. די דערמאָרדעטע פלעגן אַרויסגעפירט ווערן 5 אַ זייגער פאַרטאָג אויף די פעלדער אונטער דער בוינע. די געסטאַפּאָ וואַרפט אָן אַ פּחד אויף אַלעמען. יידן זיצן נישט אין די הייזער. יעדער איינער פלייסט זיך צו באַקומען עפּעס אַן אַרבעט. מען אַרבעט פאַרשטייט זיך אומזיסט. אין בעסטן פאַל באַקומט מען אַ שטיקל ברויט אָדער אַ טעלער זופּ. אין יענער צייט האָבן מיט מיר געאַרבעט אין דער אַפּטייק־פאַרוואַלטונג, אויסער די ברידער פּערקאַל, אבשלום שטשערבאָ, מאיר בוידמאַן און אַנדערע. אונדזער געהאַלט איז געווען אַ האַלבער קילאָגראַם ברויט. דאָס איז געווען דאָס בעסטע פאַרדינסט. דערצו האָבן מיר געהאַט אַן אויסווייז פון דער פעלד־זשאַנדאַרמעריע. מיר האָבן געאַרבעט ביז סעפּטעמבער. דאַן בלייבן מיר אָן אַרבעט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס יעדער איינער האָט געזוכט אַ וועלכע עס איז אַרבעט, די הענט צו פאַרטשעפּען, ווייל דער יודענראַט באַווייזן, אַז די פלענער פונעם אַרבעטס־אַמט ווערן דערפילט. עס ווערן געשיקט יידישע פּאָליציי־לייט אין די שטיבער און זיי שלעפּן פון די בעטן קליין און גרויס, געזונטע און קראַנקע. די צעשראָקענע יידן ווייסן גאָרנישט וועלכע טראַנזאַקציעס עס ווערן געמאַכט אויף זייערע צעבראָכענע ביינער. דער אַרבעטס־אַמט פירט אַ ליסטע. גלייכצייטיק פירט דער יודענראַט אַ ליסטע, וויפל יידן און אויף וועלכע ערטער זיי אַרבעטן. דער יודענראַט האָט צוויי אינקאַסענטן. אויף יעדן אָרט וווּ דער יודענראַט שיקט אַרבעטער, מאָנט ער איין דעם לוין, זאָגנדיק, אַז ער אַליין צאָלט אויס דעם לוין די אַרבעטער.

אַזוי גייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג, ביז ס'דערנענטערן זיך די ימים נוראים. פּונקט ערב ראש־השנה 1941 שענקען אונדז די דייטשן אַ מתנה: אַ פאַראָרדענונג צו טראָגן אַ געלע לאַטע, איינע אויפן האַרצן און איינע אין דער מיט פּלייצע. אויפן האַרצן האָט זי נישט אַזוי געאַרט, אויף דער פּלייצע האָט זי אָבער געברענט. אונדזערע שונאים, די אוקראַינער פרייען זיך. מען קוקט און מען לאַכט. ערשט נעכטן איז דער לאַכער געווען אַ היימישע כּפּרה און היינט דערקענט ער דיך נישט. און טאָמער איז נאָך ווייניק די לאַטע, איז נאָך דאָ אַ באַפעל צו באַגריסן יעדן דייטשן זעלנער דורך אַראָפּנעמען ס'היטל. די האַנט טוט וויי פון הייבן דאָס היטל אָן אויפהער. גייט איינער אָן אַ היטל — כאַפּט ער פעטש פון די דייטשן: „יודע, וואָ איזט דיינע מיטצע?" וויפל פעטש האָב איך געכאַפּט פאַר דער „מיטצע"! אַפילו גייענדיק מיט אַ דייטשן סאָלדאַט און טראָגנ־

דיק אין ביידע הענט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט מען געפֿאָדערט פון מיר איך זאָל אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר די באַגעגנטע דייטשן.

אַ געוויסע צייט האָב איך געאַרבעט אין די קאַזאַרמעס, ביי די פערד. שפּעטער בין איך געווען דאָרט באַשעפטיקט אַלס עלעקטריקער. מיין געהילף איז געווען אברהם טשיזשיק (אַ סוחר פון פאַרטיקע מלבושים). מיר האָבן עלעקטריפיצירט 2 גרויסע פערד־שטאַלן. אין איינעם אַ טאָג ווער איך צעשלאָגן ביז בלוט דורך אַ דייטשן אָפיציר. דאַן אַנטלויף איך פון לויצק אין די אַרומיקע דערפער.

✶

דעם 11־טן דעצעמבער 1941 טרייבט מען אַלע יידן אין געטאָ. פון אַלע עקן שטאָט שטראָמען מחנות מענטשן, יונג און אַלט, ווער ס׳גייט אַליין, וועמען מען פירט אין קינדער־וועגעלעך. דאָס וועטער האָט צום גרויסן אומגליק ווייט נישט צוגעשפּילט. ס׳רעגנט און דער גאַנצער אָנגעלאָפענער עולם, וועלכער טרעט אַריין אין דעם ענגן שטאָט־קוואַרטל האָט זיך ממש נישט ווו אַהינצוטאָן. מען וואַלגערט זיך אין מיטן גאַס, ממש אין דער בלאָטע. די יידישע פאַרלאָזטע הייזער ווערן גלייך פאַרחתמעט דורך דער פעלד־זשאַנדאַרמעריע און עס ווערט אויפגעקלעבט אַן אויפשריפט — „בעשלאַגנאַרט״. פאַר אַראָפּרייסן דאָס קוויטל קומט טויט־שטראָף. צוויי יידן זענען דערשאָסן געוואָרן ביי אַזאַ מעשה. אין דער ערשטער מינוט האָבן די תושבים פון באַזיליאַנסקי־פלאַץ און פון די אַנדערע יידישע גאַסן פאַרמאַכט די טירן און נישט אַריינגעלאָזט די אַריינגעטריבענע אין געטאָ.

דער יודענראַט איז באַלאַגערט פון טויזנטער יידן, וואָס ווילן אַן ענטפער פון די אָנפירערס פון די יידן. עס שפּילן זיך אָפּ האַרצרייסנדיקע סצענעס: קליינע קינדער און עלטערע מענטשן ליגן אין די גאַסן און דער רעגן ווייקט זיי. דער יודענראַט גיט צו וויסן, אַז ווו איינער קאָן מעג ער זיך דערוויל אַריינציען. די צייט שטייט אָבער נישט. ס׳קומט דער ווינטער. די קעלט האָט מיט איינמאָל אַ קלאַפּ געטאָן. אַמשטאַרקסטן האָט דאָס געטראָפן די מענטשן וועלכע האָבן זיך געפונען אין די געשעפטן און אין די סטראַגאַנעס. מענטשן האָבן זיך פאַרקילט און זענען קראַנק געוואָרן. קיין מעדיצינישע הילף איז כמעט נישט געווען. פיל מענטשן זענען געשטאָרבן. ווען דער געביטס־קאָמיסאַר פלעגט אין יענע טעג באַזוכן דעם יודענראַט און געהערט וועגן דער שטערבלעכקייט, האָט ער באַמערקט: „צו ווייניק!״ יעדן מעת־לעת פלעגן שטאַרבן 40—50 מענטשן.

נאָכן אַריינטרייבן דאָנערשטיק די יידן פון דער שטאָט אין באַזיליאַנסקער געטאָ זענען די דייטשן אַריבערגעגאַנגען פרייטיק קיין קראַסנע. אָנהויבנדיק פון קראַסנער בריק ביז דעם ראַזשישטשער בריקל און ביזן טאַרטשינער שאָסיי האָבן אַלע יידן געמוזט זיך אַריבערציען אין דער לינקער זייט פון וועג וואָס פירט קיין האָראָכאָוו. דאָרט זענען געווען סצענעס, אַז ס׳איז נישט צו פאַרשטיין ווי אַזוי מענטשן האָבן דאָס אויסגעהאַלטן. זיי האָבן זיך געוואַלגערט מיט בהמות אין די שטאַלן.

נישט לאַנג אָבער האָט מען זיי געלאָזט רוען אין די שיינע „וווינונגען״. יעדן טאָג זענען געקומען נייע צרות און גזירות. ווי נאָר מען האָט זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט (צו 30 מענטשן אין איין צימער), האָבן זיך אָנגעהויבן אַ שיט טאָן קאָנטריבוציעס. אַלע טאָג האָט דער יודענראַט געדאַרפט צושטעלן בעטגעוואַנט, קופּאָנעס פון מאַניפאַקטור, לעדער, וואַלוטע א.א.וו. אין פעברואַר איז אַרויס אַ געזעץ, אַז יידן דאַרפן אַריינטראָגן זייערע פוטערס. מיט ציניזם האָבן די דייטשן צוגעגעבן, אַז נאָר קינדער ביז 10 יאָר קאָנען טראָגן פוטערס...

ביי דער „פוטער־אַקציע״ זענען געפאַלן פיר קדושים: צוויי ברידער עפּלבוים קלמן און נוסיע, פרוי לערנער און וואָווטשע מלמדס אַ שוואָגער, וועלכער האָט אויף זיין גאַנץ לעבן קיין פוטער נישט פאַרמאָגט. ווען ס׳האָט זיך געענדיקט מיט די פוטערס האָט זיך אָנגעהויבן מיט מעש און קופּער. פאַרשטענדלעך, אַז 70 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָט ביידע זאַכן נישט געהאַט, ווייל אַלץ איז געבליבן אין די וווינונגען פון וועלכע זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן. די איינציקע וועלכע מען האָט נישט געטשעפּעט זענען געווען די מענטשן פון יודענראַט און זייערע באַאַמטע. אָבער צום סוף האָט די קייל פון דייטשן מערדער אויך זיי געטראָפן.

עס קומען אָן ידיעות פון ראָוונע. נאָך דער ערשטער שחיטה איז דאָרט שטיל. דערווייל ווייזט נאָך נישט אַרויס די גובערניע פון באַנדיט קאָך אירע אַלע כוונות. אַלץ אָבער זאָגט, אַז דער קומענדיקער זומער וועט ברענגען נייעס — ווער ווייסט וועלכע גזרות.

ס׳דערנענטערט זיך פּסח. ווער עס קאָן קריגט אַ ביסל מעל און באַקט מצות. דעם דייטש אויף צו להכעיס געלונגט עמעצן אַריינפירן אין געטאָ אַ קו און מען שעכט עס אויף כשר. אויפן אָרט פון יין צימוקים טרינקט מען טרערן. אין דעם איז קיין מאַנגל נישטאָ. אויך אין יום־טוב פּסח גרייט דער דייטש צו אַ „סיורפּריז״. אַזוי איז שוין זיין שטייגער: פאַרשטערן יעדן יידישן יום־טוב. דעם דריטן טאָג חול־המועד טרייבט מען אַרויס אַלע יידן פון קראַסנער געטאָ אין געטאָ נומער 1. צווישן די שאָפּעס פון גליקליכס ציגעלניע, ווו עס זענען אויסגעשטעלט ציגל געפינען זיך אין יענער צייט ס.ס.־לייט באַוואָפנטע מיט מאַשינגעווער. זיי שיסן אין די געטריבענע יידן. עס פאַלן 28 קרבנות. דער יודענראַט האָט זיך געדאַרפט משתדל זיין, מען זאָל לאָזן די הרוגים צונויפנעמען, ווייל זיי זענען געפאַלן אויסער דעם געטאָ־תחום.

דאָס אַרויסגעטריבענע ביסל יידן האָט נישט ווו צו זיין. די לאַגע איז אַ קאַטאַסטראָפאַלע און פאַר די אויגן שטייט שוין דער אמת וועגן דעם וואָס עס דערוואַרט די יידן. די וואָס האָבן פריער די טיר פאַרמאַכט האָבן שוין נישט וואָס צו פאַרמאַכן.

✶

אַזוי האַלט אָן די לאַגע ביזן 15־טן מאַי 1942. יענעם פרימאָרגן האָט זיך קיין איין ילוד־אישה נישט געפונען אין שטוב. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען. אַרבעטנדיקע מענער און אַרבעטנדיקע פרויען. ספּעציאַליסטן באַזונדער, אַלע פרויען באַזונדער, אַלע מענער באַזונדער. פאַר יעדער

ריי איז געשטאַנען אַ טאַבעלע מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקער אויפשריפט. די דייטשע געסט, וועלכע האָבן לוסטרירט די „מאָביליזאַציע" פון די געטאָ־יידן לויטן עלטער, געשלעכט און באַשעפטיקונג, זענען געווען צופרידן פון דער אָרדענונג. אַלץ האָט גוט געקלאַפּט...

שוין אויפצומאַרגנס האָט די יידישע באַפעלקערונג באַדאַרפט פאַר דער שיינער דעמאָנסטראַציע באַצאָלן מיט אַ נייער קאָנטריבוציע. אין דער גרויסער שול, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַגער פון רעקווירירטן יידישן מעבל, ווערט דורכגעפירט אַ ליציטאַציע. אַריער קאָנען פאַר גראָשנס קויפן יידיש האָב און גוטס. ביים אויסלאָדן דאָס מעבל פאַלט אַ קרבן דער 32־יעריקער בן־ציון קרוק. פאַר נישט געהעריק אָפּרוקן אַ שאַפע ווערט ער דערשאָסן.

דאָס געטאָ לעבט איבער שרעקלעכע נויט, הונגער און שלאַפקייטן. די מעדיצינישע הילף איז אַ נישטיקע. וואָס די דאָקטוירים פאַרשרייבן איז במילא נישטאָ. אין גאַנצן געטאָ האָט זיך געפונען איין אַפּטייק — זלאַצקיס. זי איז אָבער ליידיק.

עס קומען די שיינע זומער־טעג מיט זייערע היצן. יעדער טאָג מיט זיין צרה. יידן איז פאַרבאָטן צו גיין צום טייך סטיר עפּעס אויסצוואַשן אָדער זיך באָדן. אַ חוץ די פּירעניות מצד די דייטשן האָבן מיר נאָך געהאַט אויסצושטיין צרות מצד דער אייגענער יידישער פּאָליציי. יעדער פון זיי האָט געהאַט אויף זיין געוויסן דאָס אויספירן די באַפעלן פון זייערע קאָמענדאַנטן. די פּאָליציי האָט געהאַט אין געטאָ אַ טורמע מיט אַ קאַרצער. די טורמע האָט זיך געפונען אין הויז פון קלמן גאָלדבערג. דאָרט איז אויך געווען דער יודענראַט.

✶

אין אָנהויב חודש אויגוסט הויבן זיך אָן נייע גזרות. מען האַלט אָפּ אין געסטאַפּאָ 8 טעג א. האָפמאַן, ד"ר קאַרטשעמני, ראַוויטש, געכט און פרוי האוסמאַן. אומגעקערט זיך פון דאָרטן האָבן זיך נאָר ד"ר קאַרטשעמני און ראַוויטש. די אַנדערע ווערן דערשאָסן.

גלייך ווי זיי זענען געקומען האָבן זיי מיטגעבראַכט אַ ידיעה פון אַ נייער קאָנטריבוציע: הונדערטער מעטער לייוונט, טויזנטער קלעצלעך פאָדעם, טויזנט קילאָגראַם זייף (אין דער צייט ווען אין געטאָ איז מען געשטאָרבן פאַר אַ שטיקל זייף), 300 קילאָגראַם ליכט א.א.וו. פונדעסטוועגן זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געגלויבט אַז אויך דאָס מאָל וועט מען זיך קאָנען אויסקויפן. מ'קריגט אַ סך זאַכן אויסער דעם געטאָ. אָבער נאָכן איבערשיקן די ערשטע טייל זאַכן צום געביטסקאָמיסאַר, ווערט באַוווסט, אַז מיר האַלטן שלעכט.

דעם 18־טן אויגוסט 1942, 4 אַזייגער פאַרטאָג, האָט זיך אין געטאָ באַוויזן אַ פור מיט בעבעכעס מיט אַ דייטשן באַגלייטער, וועלכער האָט אויפגעפאָדערט פון יודענראַט גלייך איינאָרדענען די יידן וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער פור. דאָס זענען געווען אייניקע יידישע ספּעציאַליסטן, בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן אויסערן געטאָ. אַלע האָבן געזען אין דעם אַ שלעכטן סימן. די צווייטע נאַכט, דעם 19־טן אויגוסט איז דאָס געטאָ געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך אוקראַינער און דייטשן. אַרום 10 אַזייגער אין דער פרי האָט מען געמאָלדן, אַז די וועלכע באַזיצן „פאַדקאַרטן" זאָלן גלייך קומען צום יודענראַט קאָנטראָלירן, צי זיי געפינען זיך אויף דער ליסטע וואָס געהערט צום לאַגער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך געפין זיך אויף דער ליסטע און איך האָב דעם זעלבן טאָג פאַרלאָזט מיין משפּחה און בין אַוועק צום באַוווסטן זאַמעק ליובאַרטאַ. מען האָט אונדז גלייך געשטעלט אין די רייען און אויף אויטאָס אַוועקגעשיקט קיין גורקע־פּאָלאָנקע. דאָרט האָבן מיר געטראָפן פויערים וואָס האָבן געגראָבן קברים פאַר די יידן. לויט אָנווייזונגען פון אַ דייטשן אינזשיניער איז מיט דייטשער פּינקטלעכקייט אויסגעמאָסטן געוואָרן דער פּלאַץ. יעדער פון אונדז, יידישע פאַכמענער, האָט באַקומען צוגעטיילט אויסצוגראָבן צוויי מעטער. עס זענען צוגעגרייט געוואָרן 3 גריבער: איינער 220 מעטער און 2 — צו 160 מעטער די לענג. די ברייט 6 מעטער און די הויך 2.5 מעטער (אויסער דער ערד וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן). ביי דער אַרבעט פון צוגרייטן די קברים זענען אָנוועזנדיק געווען 492 יידן פון די, וועלכע האָבן געהערט צום לאַגער.

דער טאָג איז נישט געווען ווי קיין אלול־טאָג. די זון האָט געברענט ווי פייער. וואַסער איז נישט געווען דערלויבט צו טרינקען. פאַר ווילן טרינקען האָט מען באַקומען געשלאָגן. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט קיילעכיקע 24 שעה. דערנאָך האָט מען אונדז געהייסן פאַרלאָזן די גריבער, זיך אויסשטעלן אין שערענגעס — אָנגעלאָדן אויף אויטאָס און צוריק אָפּגעפירט אין זאַמעק ליובאַרטאַ. מיר זענען געווען פולקאָם אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט. דאָך האָבן מיר דורך שפּאַרונעס באַקומען ידיעות, אַז דאָס פייער האָט זיך שוין אָנגעהויבן. עס זענען מאָביליזירט געוואָרן 40 לאַסט־אויטאָס, אויף וועלכע מ'האָט די יידן פון לויצק געפירט צו דער שחיטה. אין די ערשטע צוויי טעג — פרייטיק ט' און שבת י' באלול — האָט מען אויסגעשאָכטן קנאַפּע 14.000 יידן.

האָבנדיק אַ צוזאָג פון די דייטשן, אַז די א. ג. לאַגערניקעס האָבן רעכט צו נעמען מיט זיך זייערע משפּחות, האָבן זיך אין זאַמעק געפונען אַלע פרויען און קינדער און זייערע זאַכן. דער ליגן האָט אָבער לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. מ'האָט אונדז ווידער אויסגעשטעלט אין רייען, צוזאַמען מיט די משפּחות און געפירט צו דער באַזיליאַנער בריק. ווי נאָר אָבער מיר זענען אַהין געקומען האָט דער קאָמיסאַר פון ס.ד., דער מערדער גליק, פאַרקערעוועט אַלע צוריק. ער האָט פאַראָרדנט, אַז די מענער זאָלן ווידער אַרויסגיין צו דער אַרבעט און צוגעזאָגט אַז זיי וועלן זיך אומקערן אין אָוונט צוריק. האָבנדיק דעם ביישפּיל פון נעכטן, האָבן אַ סך געגלויבט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אונדז האָט מען אָפּגעפירט אין בנין פון קראַסנער שפּיטאָל, ווו עס איז געווען דער לאַגער. דער פּלאַץ אַרום שפּיטאָל איז שוין געווען באַוואַכט מיט מאַסן זעלנער באַוואָפנטע מיט שווער געווער, גלייך ווי מען וואָלט מיט אונדז געפירט אַ קריג. באַלד איז אָנגעקומען דער רוצח גליק און האָט אין אַ רעדע צו אונדז געפאָדערט אָפּגעבן אַלע ווערטפולע זאַכן: געלט, גאָלד, זייגערס א.א.וו. נאָכן באַראַבעווען האָט מען אונדז געהייסן זיך לייגן אויף דער הוילער ערד, ווו מיר זענען פאַרבליבן ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן. דערנאָך האָט מען אונדז דערלויבט זיך אויפהייבן. יעדער האָט געזוכט אַ ווינקל, ווו זיך אַהינצוטאָן אין דער פינצטערער נאַכט.

דער אַנדערער טאָג, שבת, איז גרויס געווען ווי דער יידישער גלות. דער לאַגער איז געווען אַזוי באַשטעלט, אַז אַפילו אַ פויגל איז געווען שווער זיך אַריינבאַקומען. דאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין געטאָ און אין זאַמעק. אַלע יידן, אויך די משפחות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זאַמעק, האָט מען דעם זעלבן שבת געפירט צו די גריבער. געזאָגט האָט מען זיי, אַז די מענער האָט מען געהרגעט נאָך נעכטן. הערנדיק דאָס האָבן זיך די פרויען נישט קעגנגעשטעלט און זענען גלייכגילטיק געגאַנגען צו דער שחיטה.

דעם זעלבן שבת פאַרנאַכט האָבן מיר, די יידן אין קראַסנער שפּיטאָל, זיך פאַרזאַמלט אין אַ קאָרידאָר. וואַגנער, לאַגער־קאָמענדאַנט פון דער טעכנישער אָפּטיילונג (געוועזענער סעקרעטאַר פון האַנטווערקער־פאַראיין) האָט געזאָגט אַ הספד נאָך די דערמאָרדעטע. אַ געשריי פון 498 מענער האָט זיך אויסגעמישט מיט קדיש־זאָגן און מיט היסטערישע געוויינען. ווער קאָן שילדערן דאָס דאָזיקע בילד?

אין עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט מען דעם לאַגער אַריבערגעפירט אין בנין פון דער געוועזענער יידישער גימנאַזיע. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישער גיהנום. דעם 21־טן סעפּטעמבער 1942 בין איך פון לאַגער אַנטלאָפן. מיט אַ דריי מאָנאַטן שפּעטער (21 דעצעמבער, ו׳ חנוכה) איז דער לאַגער, נאָך אַ שווערן קאַמף, ליקווידירט געוואָרן. פון די וואָס זענען געווען אין לאַגער זענען לעבנגעבליבן פאָלגנדיקע לוצקער: אברהם זיגלבוים, מאַניע גערגיס, יצחק שטיינבערג, מאיר איינבינדער, פאַניע איינבינדער, לייזער פונט, זעליק טייטעלבוים און נאָך צוויי מענטשן.

ש. שילה

אַ יידיש יינגל צווישן לעבן און טויט

ראש־השנה תשי״ט. כ׳האָב זיך געזעצט שרייבן מיין טרויעריקע דערציילונג. די דערציילונג פון אַן עד־ראיה, וואָס האָט אַליין דורכגעלעבט די גרוילן פון דער קאַטאַסטראָפע. דאָס מאָל וועל איך דערציילן בלויז אַ טייל, ווייל אויף צו דערציילן אַלץ וועלן מיר די כוחות נישט קלעקן.

מיר דאַכט זיך, אַז דורות זענען שוין פאַריבער זינט איך האָב געהאַלטן אין האַנט צום לעצטן מאָל אַ סידור. דאָס איז געווען אום ראש־השנה 1942, ווען אַ מנין יידן זענען זיך צונויפגעקומען אין דעם צווייטן געטאָ, וואָס איז אַלט געווען דריי וואָכן. ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו דערקענען יענע, וואָס זענען ערשט נעכטן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן. יעדער האָט זיך אָנגעטאָן אַ שיין מלבוש, און יעדע פרוי האָט זיך פאַרהילט מיט אַ פרעמד קאָפּטיכל. אָן אַ שיער זאַכן האָבן זיך דאָך געוואַלגערט אין דעם פאַרלאָזטן געטאָ.

די יידן האָבן זיך געשפּילט אין „ס׳דאַכט זיך מיר״. אָבער טיף אין דער נשמה האָבן זיי געשפּירט, אַז דאָס איז זייער לעצטער יום־טוב.

פאַרן עמוד איז געשטאַנען אַ באַיאָרטער ייד מיט אַ ווייסער באָרד. זיין שטים איז נישט געווען קיין געבראָכענע, ווי ס׳אַנטשפּרעכט דער מצב. אויך איז דער רוים נישט פול געווען מיט געוויין. מען וויינט נישט לאחר־יאוש. אָדער אפשר האָט יעדער פון אונדז געהאַט דעם ספק, צי איז דאָ פאַר וועמען צו וויינען? אַפילו בעת „ונתנה תוקף״ האָט קיינער נישט אָפּגעווישט קיין טרער פון די אויגן. עס שטייט דאָך: „נישט די מתים וועלן דיך לויבן״ — און די „יום־טוב־פראַווער״ זענען געווען ווי מתים.

איינציקע געשטאַלטן פון דאָזיקן מנין זענען נאָך איינגעקריצט אין מיין זכרון, און איינציקע זע איך מטושטש, ווי דורך אַ שווערן נעפּל:

דער וואָס שטייט פאַרן עמוד, אַ גרייזער ייד, נאָר אַ געזונטער און פעסטער — איז אפשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַ בעל־תפילה. ניבן אים שטייט אַ הינקעדיקער ייד, אָנגעלענט אויף קוליעס. אויך ער איז אַ הויכער און פעסטער — אַ ברונעטער מיט שוואַרצע יידישע אויגן. זיין לינקן פוס האָט ער פאַרלוירן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון מאָל צו מאָל שטעקט ער אַריין דעם בליק אין סידור און טייטלט מיטן פינגער אויפן אָרט ווו ער האַלט אין דער רגע. אַ דריטער ייד, וואָס כ׳האָב אים געקענט ביים נאָמען — מיר האָבן זיך צוזאַמען באַהאַלטן אין אַ קעלער — איז געזעסן אין אַ ווינקל מיט זיין זון, געבויגן איבער איין סידור, און איך וואַרף אַלעמאָל אין זייער זייט, אָדער ריכטיקער — אין דעם זונס זייט, אַ קנאהדיקן בליק. כ׳בין אַלט דרייצן יאָר און שוין אַ יתום נאָכן טאַטן. אמת, אין יענער צייט איז דאָס נישט געווען קיין זעלטנקייט, אָבער מיר איז שווער געווען צו מאַכן שלום מיטן מיין גורל. פון קנאה צו אַ זון וואָס טוליעט זיך צום טאַטן האָב איך זיך נישט באַפרייט ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס צימער איז אָנגעפּראָפּט געווען מיט מאַנסבילן און ווייבער.

מיין מאַמע, דבורה ז״ל, איז געשטאַנען צווישן איינער אַ פרוי מיט איר טאָכטער און האָט זיי געהאָלפן אָריענטירן זיך אין סידור. משמעות, זיי זענען נישט באַהאַוונט געווען אינעם דאַווענען. די טאָכטער איז געווען אַ ברונעטע און זייער אַ שיינע. פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן. אירע אויגן — צוויי פּערל, וואָס מילדקייט און האָפענונג דורך יאוש האָבן פון זיי אַרויס־

געבליקט. איר טאַטע האָט זיך צוזאַמען מיט זיי באַהאַלטן אויף אַ בוידעם־שטיבל און אין איינעם אַן אָוונט אַרויסגעגאַנגען זוכן עסן און — געכאַפּט געוואָרן. ביידע, די מאַמע און די טאָכטער, האָבן אויסגעזען זייער אומגליקלעך. כ'האָב כמעט נישט געהערט זיי זאָלן אַ וואָרט פון מויל אַפּערברענגען. זיי פלעגן גיין אויפן שאָסיי פאַרזיכטיק און צעשראָקן, טאָמער וועט זיי די ערד איינשלינגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען די איינציקע וואָס פאַרמאָגן נישט קיין איניציאַטיוו. זיי האָבן נישט געוווּסט אויף וואָסער אופן זענען זיי מגולגל געוואָרן אין דעם־אָ געטאָ און ווי זיי זענען בכלל לעבן געבליבן. זייער גורל איז געלעגן אין די הענט פון זייערע כאַפּער. נאָר די טאָכטער פלעגט אַלעמאָל אַרויסלאָזן אַ זיפץ און אַ וואָרף טאָן דעם שוואַרצן צאָפּ פון די אַקסל. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז טיף אין איר געמיט האָט זי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד איר ביטערן מזל.

הינטער מיין מאַמען זענען געזעסן צוויי מאָגערע שוועסטער, איינע ענלעך צו דער אַנדערער, איבערגעדעקט מיט איין טוך, און זייערע אויגן זענען גלעזערנע. זיי פרווון וויינען און קאָנען נישט. דער טרערן־קוואַל איז פאַרשטאָפּט געוואָרן. יעדע איינע איז געשטאַנען איינזאַם, און כ'ווייס נישט, צי זיי האָרכן זיך איין צום חזן, אָדער צו זייער אינעווייניקסטער שטים פון טרויער.

„לשנה טובה תיכתב ותיחתם לאלתר לחיים טובים" — האָט איינער געווונטשן דעם אַנדערן. וואָס פאַר אַ איראָניע! וואָס פאַר אַ חוזק!

ס'האָט אויך נישט אויסגעפעלט דער מנהג צו פאַרבעטן געסט. איין שטוב האָט פאַרבעטן די אַנדערע אויף דער סעודה. איך זאָג „שטוב", ווייל קיין משפחות זענען נישט געווען. איבן טיש זענען אַרויפדערלאַנגט געוואָרן געריכטן, ווי אין פיל־סודסקיס צייטן. מיר האָבן געגעסן מיט אַ באַזונדערער תאווה. ווייל ווער ווייסט, צי דאָס איז נישט אונדזער לעצטע סעודה. אויך אַ לאַכן און אַ יום־טובדיק זמרל האָט זיך געלאָזט הערן פון דאָ און דאָרטן. דייטשע זשאַנדאַרמען און אוקראַינישע כוליגאַנעס האָבן לאַנגזאַם געשפּאַנט איבער דעם שאָסיי און געקוקט מיט שפּאָט אויף דער משונהדיקער און מטורפער טשערעדע. מיר האָבן נישט געוווּסט... אָבער זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז אויף מאָרגן נאָכן יום־טוב וועלן די אַלע געפירט ווערן צו די גריבער.

באמת, אַ שיינער יום־טוב! נאָך די סעודות האָבן זיך אַלע געלייגט אויף די שיינע און אין אָרדענונג־געבראַכטע בעטן. אַ זיסער שלאָף, אָן זאָרגן, אָן צער איבער די טויזנטער יידן, ברידער, עלטערן און קרובים, וועלכע זענען ערשט מיט אַ וואָך, צוויי צוריק אויסגעקוילעט געוואָרן ווי די שעפּסן. וואָרן וואָס? צי באַקלאָגט דען אַ מת זיין מת? און צוריק געשמועסט, ס'האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן זיך אַריינגעמישט, און די דייטשן זענען געצוווּנגען געוואָרן אויפצוהערן מאָרדן. און אַ וועלכער ייד וועט עס נישט גלייבן? אין פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט אָנכאַפּן דערין צו גלייבן? ס'איז דען געווען אין עפּעס אַנדערש צו גלייבן? האָט זיך דאָך אויך די אמונה אין דעם גרויסן גאָט דעם אַלמעכטיקן אויסגעלאָזט און איז פאַרשוווּנדן. און אויב די יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט צו דאַווענען, האָבן זיי דאָך עס געטאָן מחמת דער משונהדיקער געוווינהייט, אָדער מחמת אַן אילוזיע, ווי איינער זאָגט: „אפשר פאָרט?"

✶

ווי זענען מיר געקומען אין דאָזיקן געטאָ?

ס'איז געווען אַ לויטערער, זוניקער טאָג, ווען מיין ברודער מיקא האָט אָנגעקלאַפּט אין דער אייזערנער טיר, וואָס פירט אין קעלער אַריין און מיטגעטיילט מיט אַ ציטעריקער שטים: „יידן, מיר זענען געראַטעוועט! די אַקציע איז אָפּגעשטעלט! אין יעדער קאָן אַרויס אין גאַס!" ווי שרצים זענען מיר געקראָכן אין דער ריכטונג פון דער שיין, וואָס איז אַריין דורך דער אָפענער טיר. קיינער האָט קיין כוח נישט געהאַט צו שטיין אויף די פיס. יעדער האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ צווייטן. ווען מיר זענען אַרויף אויבן — האָבן מיר פאַרמאַכט די אויגן און זיך אָנגעהאַלטן פאַר די ווענט נישט אימצופאַלן. דער קאָפּ האָט זיך אונדז אַלעמען פאַרדרייט. מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף די צעוואָרפענע זאַכן איבערן צימער און מיט געוואַלד אַראָפּגעשלונגען דאָס עסן, וואָס ס'האָבן אונדז דערלאַנגט דער ברודער און נאָך צוויי־דריי יידן פונעם אַרבעטס־לאַגער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים אויפזאַמלען דאָס יידישע פאַרמעגן פאַר די דייטשן. אַרום איז שטיל. יעדער קייט זיין פאַרציע, וואָס ער האָט באַקומען. אַ דייטש שפּאַנט אין מיטן גאַס און קוקט אפילו נישט צו אונדז — און מיר שרעקן זיך נישט.

דאָס געטאָ האָט זיך אויסגעליידיקט. פאַר דריי וואָכן, ווען מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער, האָט דער פּלאַץ געטומלט פון טויזנטער מאַנסביל, ווייבער און קינדער, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אַהין און אַהער און געזוכט אַ שפּאַרונע אין אַ וואַנט, אָדער אַ מייזן־לאָך, וווהין דעם קאָפּ צו פאַרשטעקן. איצטער — גאָרנישט. דער גאַנצער עולם לעבט שוין נישט מער.

שפּורן פון דער שחיטה זעען זיך אָן אין יעדן ווינקל און הויז. אַ מאָגערער קאָטער רייבט זיך חניפהדיק ביי אונדזערע פיס, אויך ער איז איינזאַם און פאַרוואָרלאָזט. די הייזער זענען אויפגעבראָכן, און טויזנטער מעבלשטיקער און שטוב־כלים וואַלגערן זיך איבערגעקערט און צעבראָכן אין גאַס. און ווער ס'גייט אַריין אין אַ וועלכער שטוב, מוז ער טרעטן אויף מענטשלעכע בגדים, אויף קינדערישע שיכלעך און אויף פעדערן. פעדערן, פעדערן אָן אַ סוף! נישט נאָר מענטשלעכע בייכער, אויך קישנס און פערענעס האָבן די מערדער צעטרענט. און אפשר האָבן זיי געזוכט גאָלד צווישן די פעדערן?

מיר האָבן געטרעטן אויף פאָטאָגראַפיעס. אַ שלל פאָטאָגראַפיעס: פון משפחות און פון איינצלנע. פון די פאָטאָגראַפיעס האָבן געקוקט אויף אונדז גליקלעכע פנימער, יום־טובדיקע. אָט איז אַ טאַטע מיט צוויי מיידלעך אויף די אָרעמס, אָנגעטועצנע יום־טובדיק — שמייכלענדיקע. אָט זענען צוויי גרויסע פאָטאָגראַפיעס. איינע — פון אַ זיידן מיט אַ שיינער באָרד, מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ, און אַ באָבע מיט אַ פאַרוק, אָנגעטאָן אין אַ שיין קלייד. אָט ליגט אַ פאָטאָגראַפיע פון יוגנטלעכע אין באָדקאָסטיומען אויפן ברעג פונעם סטיר. אַ קלאַס גימנאַזיסטן מיט זייערע לערער זענען צוזאַמען פאָטאָגראַפירט, און איבער זיי איז אָנגעשריבן דער דאַטום 1938. אַ דיקלעך קינד מיט אַ גרויסן קאָפּ און צעעפנט מויל קוקט

אויף אונדז מיט זיינע שיינע אויגן און לאַכט. וויפל גליק האָט דאָס דאָזיקע קינד פאַרשאַפט זיינע עלטערן!

מיר זענען אַרומגעגאַנגען איבער די הויפן, צו זוכן עסנוואַרג און קליידונג. די טירן זענען אויפגעבראָכן, און טויטשרעק קוקט אַרויס דורך די אָפענע פענצטער. שטיל. מיר הערן נישט גאָרנישט חוץ אונדזערע טריט און... דעם גערויש פון די פענצטער אויף זייערע זאַוויאַסעס. אומעטום, אין יעדן ווינקל האָט אונדז באַגלייט דער אימה־דיקער גערויש פון פענצטער וואָס וויגן זיך אויפן ווינט. ביז היינט הער איך דאָס דאָזיקע גרילצעניש. און ביז היינט קאָן איך נישט פאַרטראָגן אַ פענצטער וואָס רוישט אויפן ווינט. מיט אַ סך יאָרן שפּעטער איז דאָס רוישן פון אַ פענצטער געוואָרן פאַר מיר — אַ סימבאָל פון דער קאַטאַסטראָפע, אַ גרילצעניש פון טויט.

מיר האָבן געפונען שיינע און שטאַרקע בגדים, וואָס גייען אונדז צו. מיר האָבן שנעל אויסגעטאָן אונדזערע די פאַרבלאָטיקטע, כדי אָנצוטאָן די ריינע. און דעמאָלט, אוי־ווי וואָס פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט! כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָט דאָס בילד, ווי בערעלע, מיין צווייטער ברודער, עלטער פון מיר מיט דריי יאָר — האַלט אין די הענט די אַלטע בגדים און קוקט אויף די מיליאָנען כנים: די הויזן זענען באַדעקט. געוועזן מיט אַ גאַנצן כנים־שיכט, און מיר האָבן עס אפילו נישט געשפּירט ביז היינט. ערשט דעמאָלט האָט איך צום ערשטן מאָל געזען מיין ברודער וויינען, אַ שטיל געוויין. „זע שמוליק, — האָט ער אַ זאָג געטאָן — קוק זיך גוט צו, גוט, און אויב וועסט בלייבן לעבן, זאָלסטו עס נישט פאַרגעסן".

שוין גלייך דעם אייגענעם טאָג, ווען מיר זענען אַרויס אויף דער „פרייער לופט", האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרומיאָגעניש נאָך ווערטפולע זאַכן. מיין עלטערער ברודער האָט זיך געכעסט און דענערווירט וואָס מיר איילן זיך נישט. ער האָט זיך געשראָקן, טאָמער וועלן די יידן וואָס זענען פאַרבליבן אין געטאָ און אין לאַגער געפינען דאָס גאַנצע רייכטום, און אונדז וועט גאָרנישט איבערבלייבן. און מיר וועלן זיך דאָך נייטיקן אין יעדער ווערטפולער זאַך. אָן דעם קאָן מען אפילו נישט חלומען, אַז אַ וועלכער קריסט זאָל אונדז געבן אַ שטיקל ברויט, ווען מיר וועלן אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. בערעלע און איך האָבן געקריגן אַפילו אַ ביסל געשלאָגן פון אים — פאַרוואָס מיר באַמיען זיך נישט.

אַן עקל האָט אין אונדז דערוועקט אָט די גאַנצע שפּיל. פשוט — דאָס לעבן האָט אונדז דערעסן.

מיין עלטערער און טייערער ברודער מיקא! כ׳בין נישט אין כעס געווען פאַר די קלעפּ, ווייל כ׳האָב געוווּסט, אַז דו מיינסט אונדזער טובה. אַליין לעבן בלייבן און אונדז ביים לעבן דערהאַלטן איז געווען דיין ווילן. אַ שווערן יאָך האָסטו גענומען אויף דיינע פּלייצעס, בעת דער טאַטע לעבט נישט און די מאַמע איז שוואַך און מבולבל צוליב דעם גרויסן יאוש.

צי האָבן מיר זיך געפרייט וואָס מיר זענען לעבן געבליבן? ניין. מיין ברודער בערעלען איז עס בכלל נישט אָנגעגאַנגען, ער איז גרייט געווען יעדע רגע צו שטאַרבן. ווייל פאַרוואָס קומט אונדז צו לעבן, בעת אַלע זענען טויט?

מיין מאַמע האָט בלויז איין זאַך פאַרלאַנגט: מיר זאָלן זי איבערלאָזן, און מיר, די קינדער, זאָלן אַנטלויפן. ווירקלעך, אַזוי פלעגט זי אונדז זאָגן, אָבער איך ווייס, אַז זי האָט געוואָלט לעבן, האָט זייער געוואָלט לעבן.

מיקא און בערעלע, די צוויי עלטערע ברידער זענען צוגעשטאַנען צו אַן אַרבעטער־פּאַרטיע. די מאַמע און איך האָבן גענומען אונדזערע זאַכן און זענען געגאַנגען מיט אַלע איבעריקע אין צווייטן געטאָ. דאָרט, אין דער שמאָלער גאַס, צווישן די צוויי בריקן וואָס פירן קיין גנידעווע, ווו רעכטס פליסט דער טייך און לינקס שפּרייטן זיך זומפּן. די דייטשן האָבן פאַרשטאַנען ווו אונדז צו באַזעצן. און מיר, ווי מיר וואָלטן אפילו נישט אָפּגעפילט די לאַגע. מיר זענען געגאַנגען, ווייל זיי האָבן אונדז נישט געטשעפּעט, ווייל זיי האָבן אונדז געגעבן צו עסן.

צוויי אָדער דריי וואָכן, כ׳געדענק נישט גענוי, זענען מיר געזעסן אין דאָזיקן געטאָ, און זיין לעצטער טאָג איז געווען אַ יום־טוב־טאָג, ווי געשילדערט אין ערשטן קאַפּיטל.

✶

ביינאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון אַ גערויש פון אַ מאָטאָר. אַרויסגעקוקט אין דרויסן, האָב איך דערזען, אַ שטאַרקער פּראָזשעקטאָר באַלייכט דעם קליינעם געטאָ. כ׳האָב מאָמענטאַל אויפגעוועקט די מאַמע און איר איבערגעגעבן, וואָס מיינע אויגן זען. נאָר מיין מאַמע שמייכלט און באַרויקט: „ס׳וועט גאָרנישט געשען, ס׳וועט גאָרנישט זיין. כ׳האָב נאָרוואָס געזען מיין מאַמע אין חלום, און זי האָט מיר געבראַכט גוטע זאַכן אויף יום־טוב און געהייסן זיי צעטיילן צווישן די קינדער. שלאָף, שלאָף... ס׳וועט, אם ירצה השם, אַלץ גוט זיין, — די מאַמע האָט זיך דאַך צו מיר באַוויזן". נישט גערן און מיט פלאַטער האָב איך געהערט דער מאַמעס שטים. כ׳האָב אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף איר וואַרעמער דלאָניע און בין פרום איינגעשלאָפן.

„עפנט גלייך אויף!" — האָט זיך דערהערט אַ באַפעל. מען קלאַפּט אין דער טיר! מיר זענען שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. דורך די פענצטער האָט זיך אַריינגעזייעט דאָס טאָגליכט.

„עפנט גלייך אויף די טיר!" — האָט זיך ווידעראַמאָל דערהערט דער באַפעל. די מאַמע, מבולבל פון איבעראַשונג און פחד, איז צוגעלאָפן צו דער טיר און געעפנט. פאַר אונדז איז געשטאַנען אַן אוקראַינישער פּאָליציאַנט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און האָט באַפוילן אַרויסגיין אין דרויסן. מיר האָבן גענומען זיך אָנטאָן, און בעת־מעשה האָט די מאַמע געפּרוווט אונטערהאַנדלען מיטן פּאָליציאַנט, ער זאָל אונדז לאָזן אַנטלויפן. נאָר ער איז געשטאַנען רויק, האָט געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף — ניין!

סאַראַ מזל מיר האָבן געהאַט. ס׳איז געווען אַ מענטשלעכער פּאָליציאַנט. ער האָט אונדז נישט אַרויסגעטריבן פון שטוב אינעם בלויזן העמד אויפן לייב, ווי אַנדערע האָבן עס געטאָן. האָט זיך אויך צוגעהערט צו אונדזער בקשה און געבעטן מיר זאָלן זיך אָנטאָן שנעלער. ס׳האָט אונדז אַרומגעכאַפּט דער פיבער־דראַנג צום לעבן. די מאַמע איז גרייט געווען אים די הענט צו קושן, אַבי ער זאָל אונדז צורו לאָזן. מיר האָבן געוווּסט, אויב מירן אַרויסגיין פון שטוב — זענען מיר פאַרלוירן. די טיר האָט זיך ווידער געטאָן אַ רייס אויף, און מיט אַ ווילד געשריי האָט זיך אויף אונדז אַ לאָז געטאָן אַ צווייטער פּאָליציאַנט. ביידע האָבן אונדז אַרויסגעשטופּט אין דרויסן.

אויפן שאָסיי זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט עטלעכע צענדליק יידן. איך האָב בשום־אופן נישט געוואָלט צושטיין צו זיי. כ׳האָב אָנגעכאַפּט דער מאַמען פאַר דער האַנט און זי געשלעפּט אויף צוריק. דער פּאָליציאַנט האָט אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער, אַ קלעפּל געטאָן מיטן פאררייגלער און געצילט זיך אין אונדז. און זעט אַ וווּנדער! מיר האָבן זיך נישט דערשראָקן, קיין טראָפּעלע פּחד האָב איך נישט געשפּירט. די אויסגעשטעלטע יידן אויפן שאָסיי האָבן אונדז איינגערעדט, מיר זאָלן זיך נישט איינעקשנען: „קומט, קומט, ס׳איז נישטאָ וווּהין צו אַנטלויפן — אַלץ איז פאַרפאַלן". מיר זענען צוגעשטאַנען צו זיי, אין דאָס געפּיל פון אומקום האָט מיך דורכגענומען אינגאַנצן. ווירקלעך, אַלץ איז געענדיקט. נאָך אַ שעה, נאָך צוויי, און מיר וועלן שוין נישט לעבן.

צום ערשטן מאָל האָב איך ערשט געפרעגט זיך אַליין: וואָס איז דאָס אַזוינס דער טויט? וויאַזוי שטאַרבט מען עס?

כ׳האָב אַריינגעשטעקט די האַנט אונטער דער מאַמעס אָרעם, און מיר האָבן שטיל געשפּרייזט מיט אַלע, אונטער־טעניקע און שווייגנדיקע. ביי יעדער שטוב איז פאָרגעקומען די זעלבע סצענע, ווי ס׳איז געשען מיט אונדז. מבולבלע און דערשלאָגענע מענטשן פּרוּוון אַנטלויפן אין אַלע זייטן און פאַראייניקן זיך לסוף רויק צו דער טויט־פּראָצעסיע.

אָט זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען אַ געוויס הויז, און פון דאָרט איז נישט אַרויסגעקומען קיינער. האָבן מיר זיך געפרייט, וואָס עטלעכע יידן האָט זיך איינגעגעבן אָפּצונאַרן די דייטשן. און ווען דער טאָג וועט קומען, וועלן זיי דערציילן וועגן אונדז, די לעצטע פונעם געטאָ.

מיר זענען אַרויס פון געטאָ. מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס קרולאָווע יאַדוויגע און האָבן נישט געוווּסט וווּהין מען פירט אונדז און אויף וועלכן פּלאַץ מען וועט אונדז דער־מאָרדן. פונווייטנס האָט געשוואַרצט אַ שטיק ערד, האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס איז עס דאָס אָרט, אין מיטן שטאָט, און דאָ וועט מען אונדז אומברענגען.

ס׳איז געווען זונטיק. די אוקראַאינער האָבן אונדז דעם גאַנצן וועג געשלאָגן, מיר זאָלן גיין גיכער, און מיר האָבן געשוויגן און זענען ווייטער געגאַנגען מיטן זעלבן טריט. אויף די זייטן און זענען געשטאַנען מענער, ווייבער און קינדער און געקוקט אויף אונדז. קיינער פון זיי האָט קיין שמייכל נישט געטאָן און קיין וואָרט נישט אַפּערגעבראַכט. זיי זענען געווען אָנגעטאָן יום־טובדיק, אויפן וועג אין קלויסטער אַריין.

כ׳וועל נישט פאַרגעסן דאָס געשטאַלט פון אַ קריסטין, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון איר שטוב, האָט אונדז דערזען, זיך געטאָן אַ צי אויף צוריק און צוגעדריקט צו דער וואַנט פון איר שטוב. ווי אָנגענעם ס׳איז געווען צו פילן דעם מיטגעפיל כאָטש פון איין מענטשן, בעת חיות, רוצחים לויפן אַרום דיר, שרייען, שטופן און... לאַכן.

אַ שיינעם טאָג האָט אונדז דער אייבערשטער געשענקט, אַ פּנים כדי עס זאָל אונדז שווערער זיין דאָס שיידן זיך מיט דער וועלט. די זון האָט געשיינט, געוואַרעמט אונדזערע גלידער; און אַלע ביימער, הייזער און מענטשן — האָבן זיך באַקליידט יום־טובדיק. כ׳בין געגאַנגען און האָב אַלע ווײַלע געוואָרפן קנאהדיקע בליקן אויף די קריסטלעכע קינדער, וואָס לויפן אונדז נאָך. דאָס וואָרט „פאַרוואָס?" רייסט זיך אַרויס פון מיין מויל אויף אַ קול. די מאַמע טוט אַ קוק אויף מיר און דרייט שנעל אַוועק די אויגן. זי שעמט זיך וואָס זי איז נישט אימשטאַנד מיר צוהעלפן. איך קוק אויפן הימל און רעד צו דער זון: „אוי, אויך מאָרגן וועט זי שיינען, נאָר איך וועל זי נישט זען. און אַלע קריסטן אַרום וועלן לעבן, סיי מאָרגן, סיי איבערמאָרגן און הנאה האָבן פון איר גלאַנץ".

פּלוצעם האָט מיך דורכגענומען אַ חשק צו זינגען די התקווה. כ׳האָב געוואָלט אויפהייבן מיין שטים צו זינגען מיטן גאַנצן מויל, נאָר דערזען די דייטשן, בין איך שטיל געבליבן. בלויז שטילינקערהייט, ווי מען זאָגט ווידוי, האָב איך מיט די ליפּן געמורמלט דאָס גאַנצע ליד התקווה. קיינער פון די גייער נעבן מיר האָבן דאָס מויל נישט געעפנט. זיי האָבן נישט געזאָגט, הער אויף זינגען, נאָר זענען אויך נישט צוגעשטאַנען צו מיר.

בלויז מיין מאַמע האָט אַלע ווײַלע אַוועקגענומען איר האַנט פון מיינער און אַ זאָג געטאָן: „האַלט זיך נישט אין מיר. פּרוּוו אַנטלויפן". און איך, אַ צעמישטער אינגאַנצן, האָב געהאַלטן דער מאַמען פאַר דער האַנט און זי נישט אָפּגעלאָזט. כ׳האָב נישט געגלייבט, איך זאָל קאָנען אַנטלויפן, און גיין צום טויט אַליין — האָב איך זיך געשראָקן, שרעקלעך זיך געשראָקן; דער עצם געדאַנק צו שטאַרבן אַליין האָט געמאַכט אויפציטערן מיין גוף.

נעבן אונדז האָט געשפּרייזט יענער קרומער ייד, וואָס ערשט נעכטן האָט ער געדאַוונט מיט מיר אין בית־המדרש. דער איינציקער וואָס האָט דעם גאַנצן וועג נישט געשוויגן. ניין, ער האָט זיך נישט געקלאָגט, נישט געשאָלטן, נישט מענטשן, נישט גאָט. ער האָט אונדז פּשוט געטרייסט מיט זיין שטילער שטים. „אַלץ וועט אַריבערגיין — האָט ער געזאָגט — דאָס איז גאָרנישט, יידן. נאָר איין מאָל שטאַרבט מען. מילא, ס׳איז אַזוי נגזר געוואָרן". אָפּגעשוויגן אַ ביסל, האָט ער אָפּגעזיפצט און אַ מאַך געטאָן:

„מען גייט שטאַרבן, פונדעסטוועגן האָב איך חשק צו פאַר־רייכערן אַ ציגאַר".

פון אונדזער רעכטער זייט שפּרייזט איינע אַ מיידל אינעם נאַכטהעמד אויפן לייב און שעפּטשעט: „כ׳האָב געמיינט, אַז דו גייסט שטאַרבן, אַרט דיך שוין נישט וואָס ס׳איז דיר קאַלט, אין מיך אַרט פונדעסטוועגן יאָ".

„איך בין מקנא מיין מאַן, ער איז שוין אַלץ איבערגעקו־מען" — האָט זיך דערהערט ווי אַ מין זיפץ פון יענער מאַמען, וואָס מיין מאַמע האָט זיך מיט איר און איר טאָכטער פאַרנומען אין בית־מדרש. „אָבער איך וויל לעבן — האָט איר די טאָכטער געענטפערט — כ׳בין אַלט זעכצן יאָר, כ׳האָב נאָך בכלל נישט געלעבט. מאַמע, איך וויל לעבן!" און פון אירע שיינע אויגן זענען גערונען טרערן.

בעת איך האָב געהערט דער טאָכטערס דורכנעמענדיקע שטים, בין איך אינגאַנצן אויפגערודערט געוואָרן. מיינע אויגן האָבן גענישטערט אין אַלע זייטן, זוכנדיק אַנטרינונג. „לעבן, לעבן!" — האָבן מיינע ליפּן געמורמלט. דער באַגער צו לעבן האָט מיך דורכגענומען מיט זיין גאַנצער קראַפט. מיך נישט אָפּגעלאָזט. „ניין! כ׳וועל נישט שטאַרבן! איך מוז לעבן אויף יעדן פאַל!"

מען האָט אונדז געבראַכט צו דער פעסטונג „ליובאַרטאַ" און אַריינגעפירט אין דעם שול־בנין דאָרט. ווי פאַרפאַלגטע

חיות האָבן זיך אַלע אַרומגעיאָגט איבער די ליידיקע צימערן. יעדער איינער האָט געזוכט אַן אַרויסגאַנג צום אַנטלויפן. אָבער אויף יעדן אָרט איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט. מיידלעך האָבן זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן זיי לאָזן אַרויסקריכן דורך אַ פענצטער, און זיי האָבן צוריקגעשטויסן מיט די רעוואָלווערן און — געלאַכט.

איך דערמאָן זיך צוויי ייִנגלעך, עלטערע פון מיר, שטאַלטנע און שיינע. זיי זענען געשטאַנען נעבן זייער מאַמען און זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל זיי דערלויבן טאָן זייער ווילן: קעמפן, קעמפן מיט אַלץ וואָס קומט אונטער דער האַנט, שטאַרבן מיט כבוד — דאָס איז זייער לעצטער ווילן.

ווי אַנדערע יידן, האָב אויך איך אָנגעהויבן אַרומלויפן פון צימער אין צימער, און די מאַמע לויפט מיר נאָך. מיטאַמאָל האָב איך באַמערקט עטלעכע מענטשן אַרויפגיין מיט שטיגן. כ׳האָב געבעטן די מאַמע, זי זאָל בלייבן אין דעם צימער, ווו מיר זענען געשטאַנען, זיך פון אָרט נישט רירן, און איך וועל אַרויפשטייגן זעען, וואָס דאָרטן טוט זיך. כ׳האָב זיך געשראָקן, טאָמער קער איך זיך אום און טרעף זי נישט, און כ׳וועל מוזן גיין צו די גריבער אַליין. פאַרלאָזן און איינזאַם איז די מאַמע געבליבן אין צימער צווישן די צענדליקער אַרומלויפנדיקע און פאַרצווייפלטע מענטשן.

דער לעבנסדראַנג האָט מיך געשטופּט אַלץ העכער, העכער. כ׳בין אַרויפגעשטיגן אויף די טרעפּ, נישט טוענדיק קיין קוק אויף צוריק, נישט וואַרפנדיק קיין בליק צו דער מאַמען. כ׳האָב געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז כ׳וועל געפינען אַ ווינקעלע לאָך זיך צו באַהאַלטן און גיין צוריק זי רופן.

אויפן צווייטן אָדער דריטן שטאָק בין איך פאַרבייגעגאַנגען אַ פענצטער, וואָס האָט געפירט צו אַ משונהדיק בוידעם־צימער. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אַהינצו, האָבן מיר געזען ווי עטלעכע יונגעלייט עפענען טירן אין דעם הילצערנעם דיל. מיט גרויס איילעניש האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין די דאָזיקע לעכער. דער דיל איז געווען אַ דאָפּלטער, אונטער אונדז האָט ער געדינט פאַר אַ סטעליע, און איבער אונדז פאַר אַ דיל פון אַ גרויסן זאַל.

ערשט דעמאָלט, ווען איך בין שוין געלעגן באַהאַלטן, האָב איך זיך דערמאָנט אין דער מאַמען, וואָס וואַרט אויף מיר אונטן. כ׳בין געלעגן נישט ווייט פון דער טיר, און ס׳איז מיר גרינג געווען אַרויסצוקריכן. איך האָב זיך געבעטן ביי עטלעכע יידן וואָס זענען געלעגן פאַר מיר, זיי זאָלן מיר לאָזן פאַרבייקריכן. ענדלעך, נאָך שעפּטשערייען און נערוועזע באַוועגונגען, האָבן זיי מיך געלאָזן, כ׳בין שנעל געלאָפן אין דער ריכטונג צום פענצטער... און אוי ווי צו מיינע אויגן! אַן אוקראַינישער פּאָליציאַנט, אַ נידעריקער און דיקער, שטייט ביים פענצטער און שלאָגט יעדן וואָס פּרוּווט פאַרבייגיין. כ׳האָב זיך שנעל אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק און בין מיט אַלע כוחות אַרונטער־געקראָכן אונטערן דיל.

מער האָב איך שוין נישט געפּרוּווט אַרויסקריכן. ס׳איז מיר דאָרט גוט געווען.

אויפן צווייטן טאָג, מאָנטיק, זענען אָנגעפאָרן אויטאָס, און די דייטשן האָבן גענומען אַרויספירן די יידן פונעם הויז. געיאָמער און געכליפּעריי, און פון דעם געיאָמער אַרויס האָט צו מיר דערגרייכט איין געשריי — דאָס געשריי פון מיין מאַמען. כ׳האָב זיך איינגעביסן די ליפּן. זיך אָנגעכאַפּט פאַרן דיל, נישט אַרויס־צושפּרינגען אין דרויסן. מיין מאַמע איז דאָך דאָרט אונטן, אַן איינזאַמע און פאַרלאָזנע, ווי אַזוי זשע דערוועג איך זיך דאָ צו באַהאַלטן? כ׳האָב זיך קיין ריר נישט געטאָן. די תאווה צום לעבן האָט גובר געווען די ליבע צו דער מאַמען. ווי אַ זינדיקער האָב איך זיך אויסגעזען אין די אייגענע אויגן. וואָס וועל איך זאָגן מיין שוועסטער, וועלכע געפינט זיך אין אַ זיכער אָרט, ווען כ׳וועל זי באַגעגענען? ווי וועל איך קאָנען קוקן זיך אין די אייגענע אויגן אַריין?... קום, שמואל, און קריך אַרויס! לאָז נישט דער מאַמען גיין אַליין צום טויט! — די דאָזיקע מחשבות האָבן אויפגעבליצט און געהילכט איבער מיין קאָפּ ווי דונערן. אָבער כ׳האָב זיך נישט קיין ריר געטאָן. מיט קיין אבר נישט באַוועגט.

די מאַמען האָב איך מפקיר געווען. באמת, איך בין דיר אַ געטריי קינד געווען, מאַמע מיינע! ביז היינט צו טאָג איז מיר אַ שאַנד און אַ בזיון! אפשר וועל איך געפינען אַ טרייסט דערין, וואָס אַ סך וועלן לייענען מיין דערציילונג און וויסן, אַז איך, שמואל שולמאַן, האָב איבערגעלאָזט מיין מאַמע, דבורה שולמאַן — כדי צו ראַטעווען מיין אייגענע פעל.

*

די דייטשן און אוקראַינער זענען געקומען אויך צו אונדז, די פאַרשטעקטע אין די לעכער. אין אָנהייב האָבן זיי אַריינגע־שריגן אין דער טיר אַריין, און ביז היינט הילכט מיר נאָך אין די אויערן: „ראוס, פערפלוכטע יודע! ראוס!" ווען קיינער האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן, האָבן זיי געפּרוּווט מיט גוטן. „צו וואָס זאָלט איר דאָ אויסגיין פון הונגער? איר פאָרט אַלע אין אַן אַרבעטס־לאַגער אויף קראַסנע. מיר נייטיקן זיך אין אייער אַרבעט". און ס׳האָבן זיך ווירקלעך געפונען עטלעכע „לאָגיש־דענקענדיקע" יידן — און זענען אַרויסגעקראָכן. די איבעריקע זענען געבליבן. די אוקראַינער האָבן אַריינגעשטעקט לאַנגע שטעקנס און געשלאָגן איבער די קעפּ פון די ליגנדיקע. אַלע ווילע האָבן זיי אָנגעשטעלט אויף אונדז די רעוואָלווערן און זיך געשפּילט מיט די פאַרריקלעך. „אויב איר גייט נישט אַרויס, הרגענען מיר אייך אויפן אָרט!" — האָבן געשריגן די דייטשן.

איך האָב באַשלאָסן געהרגעט צו ווערן אויפן אָרט, און נישט אַרויסגיין. כ׳האָב זיך געטראַכט, בעסער שטאַרבן דאָ, ליגנדיק אין דער פינצטער, נישט אָנקוקנדיק זייערע פּרצופים, איידער גיין צו די גריבער, קוקן אין זייערע גזלנישע אויגן, זיך אויסטאָן און לייגן אין אַ טיפן גרוב צווישן אַנדערע מתים. כ׳האָב יעדע רגע געוואַרט אַ קויל זאָל דורכשניידן מיין קערפּער. איך האָב נישט געשפּירט ווי די וואָס זענען געלעגן פאַר מיר זענען איינציקווייז אַרויסגעקראָכן. כ׳בין געבליבן אַליין. די ריטשערייען פון די דייטשן און דאָס קלעפּלען פון די פאַרריגלערס האָבן מיך נישט אָפּגעשראָקן, ווייל מיין באַשלוס איז געווען אייזן־פעסט... שטאַרבן אויפן אָרט.

דאָס שטיקל צוקער, וואָס איז געווען מיין שפּייז די גאַנצע צייט, האָב איך שוין לאַנג אויפגענאָגט. כ׳האָב אַריינגעשטעקט אַ פינגער אין מויל און געזויגן מיט אַלע מיינע כוחות. צו די דראָונגען האָב איך זיך נישט צוגעהאָרכט. כ׳האָב זיך אינגאַנצן נישט ווויסנדיק געמאַכט, אַז די דייטשן זענען דאָ פאַראַן. כ׳בין אַנטשלאָפן געוואָרן און אָפּגעשלאָפן, משמעות, אַ היפּשע צייט.

פּלוצעם האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שטאַרקע קלעפּ אין דעם דיל. מען צענעמט דעם דיל איבער מיר. מען זוכט מיך. די דייטשן האָבן זיך איינגעעקשנט, און אויך איך האָב זיך איינגעעקשנט. אַט־אָ... זיי דערנענטערן זיך צו מיר... אַט־אָ וועלן זיי מיך געפינען... כ׳האָב שוין געזען מיט מיינע אויגן זייערע גרויליקע פּרצופים, געשפּירט זייערע רוצחישע קלעפּ. אַ רגע האָב איך געהאַט דאָס געפיל אויסצוברעכן, צו וויינען, מתפּלל צו זיין צו גאָט. „שמע ישראל!" האָב איך געשעפּטשעט די גאַנצע צייט. כ׳בין אויף אַלץ גרייט געווען, אַבי נישט אַריינצופאַלן קיין לעבעדיקער אין זייערע הענט.

ס׳האָט אויפגעהערט דאָס קלאַפּן פון דער האַק, זיי האָבן דאָס אָרט פון מיין באַהעלטעניש נישט אָפּגעפונען, און דעם גאַנצן דיל צעברעכן האָבן זיי, משמעות, נישט געוואָלט. ווידער אַ געשריי ביי דער טיר פון דעם דיל, אַ קלאַפּן פונעם רעוואָלווער, דראָונגען, איינבעטונגען — אַלץ האָבן זיי געפּרוווּט, און איך בין געבליבן ביי מיינעם: קיין ריר זיך נישט געטאָן.

ס׳זענען אַריבער שעהן, און דער איינציקער ליכטשטראַל, וואָס האָט אַריינגעדרונגען דורך דער טיר — פאַרשווּונדן. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אינדרויסן הערשט שוין די נאַכט. שטיל. מען הערט נישט דעם יאָמער פון די צום טויט פאַרמשפּטע. אַלע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן. פון מאָל צו מאָל דערגרייכט צו מיין אויער געלעכטער און געשרייען פון די פּאָליציאַנטן. כ׳האָב באַשלאָסן עפּעס צו טאָן.

פּאַמעלעכן, פּאַמעלעכן, מיט אָנגעשפּיצטע אייערן און אינגאַנצן אַ געשפּאַנטער, האָב איך גענומען אַרויסקריכן. כ׳בין געקראָכן אויפן רוקן, אַרויסהעלפנדיק זיך מיט די עלנבויגנס און די פּיסווּילן. איבערדרייען זיך אויף אַ זייט איז נישט מעגלעך געווען, ווייל דאָס אָרט איז זייער שמאָל געווען. אין דרויסן, אינעם דאַכשטיבל, האָב איך צונויפגעשאַרט שטיקלעך טרוקענעם טינק, שטיינער, גרוז און מיט גרויס געדולד עס אַריינגעשטופּט אין באַהעלטעניש. צוליב דעם וואָס כ׳האָב זיך נישט געקאָנט איבערדרייען, האָב איך דאָס גרוז געשטופּט מיט איין האַנט בלויז אינעווייניק אַריין, אינעווייניק אַריין.

די דאָזיקע אַרבעט איז געווען אַ גרויליקע. מיין גוף איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און אַנגסטן האָבן אים באַדעקט דורכויס. כ׳האָב אַלע ווײַלע געוואָלט איבעררייסן די מוראַשקעס־אַרבעט, אָבער די תאווה צום לעבן און די לעצטע האָפענונג האָבן מיך דערמוטיקט. לאַנגע שעהן האָב איך געפּראַצעוועט אומדערמידלעך, ביז כ׳האָב געפילט, אַז דער מאַטעריאַל וועט שוין קלעקן. כ׳בין געקראָכן אינעווייניק ביז צום עק, און מיט אַקראָבאַטישע מיטלען, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין אַזאַ קריטישן מאָמענט, האָב איך פון גאַנצן גרוז, וואָס כ׳האָב צונויפגענומען, אויפגעשטעלט — אַ וואַנט. אַזוי, אַז אויב אַ פּאָליציאַנט וועט אַריינקוקן אינעווייניק, וועט ער מיך נישט זען און מיינען, אַז דאָס איז דער עק פון דער ענגער הייל.

דאָס פּאַרטל האָט זיך איינגעגעבן.

ווען די פּאָליציאַנטן זענען אויף מאָרגן אינדערפרי געקומען, זענען זיי איבערגעראַשט געוואָרן, דערזעענדיק אַ ליידיקע הייל. אין אָנהייב האָבן זיי באַלויכטן מיט אַ לעמפּל, און דער ליכטשטראַל, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך אַ שפּאַרונע אין דער וואַנט וואָס איך האָב אויפגעשטעלט — האָט פאַרהאַלטן מיין אָטעם. ס׳איז מיר געוואָרן הייס. בלויז איין סעקונדע האָב איך זיך געזען ליגן אַנטבלויזט קעגן דעם שטנס אויגן. דאָס לעמפּל איז פאַרלאָשן געוואָרן, און דאָס דערלייזנדיקע, זיסע וואָרט האָט זיך דערהערט אין חלל: „ניעמאַ" (נישטאָ). סאַראַ פּרעכטיק וואָרט! וויפל גליק עס פאַרשאַפט אַזאַ פּשוט וואָרט, ווי: „ניעמאַ". כ׳האָב פריי אָפּגעאָטעמט. אַ שווערער שטיין האָט זיך מיר אַראָפּגעקייקלט פון האַרצן. כ׳האָב באַשלאָסן צו וואַרטן ביז נאַכט.

אָבער דאָס לעבן גיט זיך נישט לייכט:

דער סטרוזש פון דער שול האָט באַשלאָסן, אַז אונטערן דיל באַהאַלטן זיך אויס צום ווינציקסטן אַ הונדערט יידן. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט אין דער באַגלייטונג פון די פּאָליציאַנטן און אַ פּויליש יינגל. זיי האָבן געגעבן דעם יינגל אַ ליכט און באַפוילן אַראָפּקריכן אינעווייניק און זיך איבערצייגן צי זענען דאָרט באמת נישטאָ קיין יידן.

ווידער אַ פאַרשפאַרעניש אין האַרץ. דער חלום וועגן לעבן בלייבן איז שנעל פאַרשווּונדן. אַ היץ איז זיך צעגאַנגען איבער מיין גאַנצן קערפּער. דער אָטעם האָט זיך אָפּגעשטעלט. כ׳האָב געעפנט דאָס מויל, צו פאַרלייכטערן זיך דאָס אָטעמען.

די שיין פונעם ליכט שווינדלט דורך דער שפּאַרונע. אָט־אָ זעט ער מיך — איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק דורך די געהירן. פּאַמעלעכן האָב איך אַראָפּגענומען די הענט פון קאָפּ, צו שאַפן מיט זיי אַ ווידערשטאַנד, אין פאַל דאָס יינגל וועט וועלן אַ שטויס טאָן אינעם גרוז. און ס׳איז אַזוי טאַקע געשען; די שיין האָט זיך געשטאַרקט, און דעם יינגלס אָטעמען האָט דערגרייכט צו מיר. זיין יעדע באַוועגונג און שורשע האָט געדונערט אין מיינע אויערן, ווי מעכטיקע אויפרייסן. אַ קלאַפּ מיטן פוס, נאָך אַ קלאַפּ... און איך אָטעם נישט און ריר זיך נישט. אויך מיין וואַנט האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן.

„צו אַלדי טייוול! וואָס הערט זיך דאָרט?!" — האָט דער פּאָליציאַנט אַ הילך געטאָן אויפן יינגל. „ניעמאַ" — האָט זיך ווידעראַמאָל, צום צווייטן און לעצטן מאָל דערהערט דאָס דערלייזנדיקע וואָרט.

דאָס פּוילישע יינגל איז אַרויסגעקראָכן, און איך — כ׳ווייס נישט ביז היינט, צי האָט ער מיך געזען, צי נישט.

ביינאַכט, ווען אַלץ איז שטיל געווען, און נאָר די טריט פון די וועכטער האָבן דערציילט וועגן זייער עקזיסטענץ — האָב איך זיך אַרויסגערוקט פון מיין באַהעלטעניש, און נאָך אומצייליקע פּאַסירונגען אין משך פון צוויי שעה האָט זיך מיר איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען פון דער פעסטונג.

כ׳בין אַרויס אויף דער „פרייער" וועלט, ווו יעדעס קריסטלעך יינגל קאָן מיך אַוועקפירן אין דער געסטאַפּאָ, אָדער הרגענען מיט די אייגענע הענט.

הינטער מיר ליגט שטיל די פעסטונג. די יידן, וואָס ערשט נעכטן האָבן זיי פול געמאַכט איר רוים מיט יללות פון בראָך, לעבן שוין נישט מער.

צאַלים, 1959

ש. שילה

ימים נוראים בגיטו לוצק

ראש השנה תשי״ט. התיישבתי להעלות על הכתב את סיפורי האומלל. סיפורו של עד־ראיה אשר חזה על בשרו את זוועות השואה. רק על חלק אחד אספר הפעם, כי לספר הכול לא יעמוד לי כוחי.

נדמה לי, כי דורות עברו מאז החזקתי בפעם האחרונה ספר־תפילה בידי. היה זה בראש־השנה 1942, עת התאסף מניין יהודים בגיטו השני, בעל שלושת השבועות. אי־אפשר היה להכיר את אלה שרק אתמול יצאו ממחבואיהם. כל איש לבש בגד נאה, וכל אשה התעטפה במטפחת־ראש לא שלה. — הרי חפצים למכביר התגלגלו בגיטו העזוב. היהודים שיחקו ב„נדמה לי״. אולי בעומק נפשם הרגישו שזהו חגם האחרון? על־יד התיבה עמד איש בגיל העמידה, עטור זקן לבן. קולו לא היה שבור, כפי שהמצב מחייב. גם בכי קורע־לב לא מילא את החלל. אין בוכים לאחר ייאוש. או, אולי הרגיש כל אחד מאתנו את הספק אם יש בפני מי לבכות? אפילו ב„ונתנה תוקף״ לא מחה איש דמעה מעיניו. הרי נאמר, „לא המתים יהללו־יה״ — וה„חוגגים״ למתים נחשבו.

כמה דמויות מאותו מניין עדיין חרותות בזכרוני, וכמה דמויות אראן במטושטש כבעד ערפל כבד: העומד לפני התיבה, איש שיבה, אך בריא וחסון — אולי זו הפעם הראשונה שהינו משמש בעל־תפילה. על־ידי עומד יהודי פיסח, נשען על קביים. גם הוא גבה־קומה וחסון — שחרחר ובעל עיני יהודי שחורות. את רגלו השמאלית איבד במלחמת העולם הראשונה. מדי פעם נועץ הוא מבט בספר התפילה שלי ומראה באצבעו על מקום התפילה באותו רגע. כי אני, לא הבנתי מה דובבו שפתי והת־פללתי בעצלתיים. יהודי שלישי, שאת שמו ידעתי פעם — הסתתרנו יחד במרתף, — ישב בפינה עם בנו, רכונים על סידור אחד, ואני שולח לעברם, או יותר נכון — לעבר בנו — מבטי קנאה מפעם לפעם. ילד בן שלוש־עשרה אני וכבר יתום מאבי. אומנם אז לא היה זה מצב יוצא־דופן, אך לי קשה היה להשלים עם גורלי. מקנאה בבן המתרפק על אביו לא השתחררתי עד עצם היום הזה. החדר היה גדוש אנשים ונשים. אמי, דבורה ז״ל, עמדה בין אשה אחת לבתה, ועזרה להן להתמצא בסידור. כנראה לא היו מורגלות בתפילה. הבת היתה שחרחורת ויפה מאוד. כבת 16—17 שנה. עיניה — שתי פנינים, שחמלה ותקוות יאוש נשקפו מבעדן. אביה התחבא יחד עמן בעליית־גג ובערב אחד ירד לחפש מזון — ונתפס. שתיהן, האם והבת, נראו אומללות ביותר. כמעט ולא שמעתי שהוציאו הגה מפיהן. הן דרכו על הכביש בזהירות ובפחד, פן תבלע אותן האדמה. נדמה לי, שהן היו היחידות — חסרות יוזמה. הן לא ידעו איך התגלגלו לגיטו הזה, ובכלל איך נותרו בחיים. גורלן נמסר ברצון בידי שוביהן. רק הבת היתה מדי פעם נאנחת וזורקת את צמתה השחורה מעל הכתף. נראה היה, שבעומק נפשה התקוממה על מר גורלה. מאחורי אמי, ישבו שתי אחיות צנומות, דומות אשה לרעותה, מכוסות מטפחת אחת ועיניהן עיני זכוכית. מנסות לבכות ואינן יכולות. נסתם מעיין הדמעה. עוד שתיים או שלוש נשים מרוכזות היו בתפילתן. כל אחת עמדה בצד ואיני יודע אם הן נוטות אוזן לחזן או מקשיבות לקול היגון הפנימי. כך נראה היה חג ראש־השנה בעיר לוצק 1942. היה זה המניין היחידי והאחרון.

„לשנה טובה תיכתב ותיחתם לאלתר לחיים טובים״ — איחל אחד לשני. איזו אירוניה! איזה לעג! גם המנהג של הזמנת אורחים לא נעדר. בית אחד הזמין את הבית השני לסעודה. אני אומר „בית״ כי משפחות לא היו. מאכלים כמו בימי פילסודסקי הועלו על השולחן. אכלנו בתאווה יתירה. כי מי יודע אם אין זאת סעודתנו האחרונה. גם חיוך וזמר חגיגי נשמע מאי פה אי שם. ז׳נדרמים גרמניים וחוליגנים אוקראינים פסעו לעתים בכביש, והביטו בלעג על העדר המשונה והמטורף. אנחנו לא ידענו... אך הם ידעו היטב כי למחרת, עם תום החג יובלו כולם לבורות. אכן חג נאה! לאחר הסעודות השתטחו הכול על המיטות היפות והמסודרות לקיים את מצוות השינה. שינה מתוקה, ללא דאגה, ללא צער על אלפי היהודים, אחים והורים ובני־משפחה, שרק לפני שבוע־שבועיים נשחטו כצאן. כי מה? היספיד מת את מתו?! אומנם, רחפו שמועות שאנגליה ואמריקה התערבו והגרמנים נאלצו לחדול מהרצח. ומי יהודי שלא יאמין? ומדוע לא ייאחז באמונה הזאת? ההיתה אמונה אחרת? הרי גם האמונה באל הגדול הכל־יכול פסה ונעלמה. ואם יהודים התאספו לתפילה הרי עשו זאת מתוך הרגל משונה, או אולי מתוך השלייה כמי שאומר: „אולי בכל זאת?״

*

איך הגענו לגיטו הזה?

היה יום בהיר, יום־שמש נאה, כשאחי מיקו דפק על דלת־הברזל המובילה למרתף והודיע בקול רועד: „יהודים, ניצלנו! האקציה נפסקה! וכל אחד יכול לצאת החוצה!״ כמו שרצים זחלנו לעבר האור שחדר בעד הפתח הפתוח. לאיש לא היה כוח לעמוד על רגליו. כל אחד נעזר ברעהו. כשעלינו למעלה ואור־השמש פגע בנו — עצמנו את עינינו ונאחזנו בקירות כדי שלא ניפול. סחרחורת תקפה את כולנו. התיישבנו על החפצים הפזורים על־פני החדר ובלענו בכוח את המזון שהגיש לנו אחי ועוד שנים־שלושה יהודים ממחנה־העבודה שעבדו באיסוף הרכוש היהודי למען הגרמנים. שקט מסביב. כל אחד לועס את מנתו שקיבל. גרמני צועד באמצע הרחוב ואפילו אינו מביט בנו — ואנו לא פוחדים. הגיטו התרוקן: לפני שלושה שבועות, כשירדנו למרתף, המתה הכיכר מאלפי אנשים, נשים וטף שהתרוצצו אנה ואנה וחיפשו נקיק בקיר או חור־עכברים, כדי להסתיר בו את הראש. עתה — כלום, כל ההמון אינו חי עוד. עקבות השחיטה נראים בכל פינה ובית. חתול רזה מילל ומתחכך בחנופה ברגלינו, גם הוא בודד ועזוב. הבתים פרוצים ואלפי רהיטים וחפצי־בית מתגלגלים הפוכים ושבורים ברחוב. ומי שייכנס לבית כלשהו, עליו לדרוך על בגדי אנשים, על נעלי ילדים ועל נוצות. נוצות, נוצות בלי סוף! לא רק בטני בני־אדם, כי אם כרים וכסתות ריטשו

הרוצחים. ואולי חיפשו זהב בין הנוצות? דרכנו על תמונות, המון תמונות: משפחתיות ובודדות. מן התמונות נשקפו אלינו פנים מאושרים, חגיגיים. הנה אב ושתי ילדות בזרועותיו, לבושות חגיגית — מחייכות. הנה שתי תמונות גדולות, אחת של סבא עטור זקן יפה וכיפה על ראשו וסבתה עם פאה נוכרית לראשה ולבושה שמלה נאה. הנה מונחת תמונה של צעירים בבגדי־רחצה על שפת הנהר סטיר. כיתה של גימנזיסטים ומוריהם מצולמים יחדיו ומעליהם חקוק התאריך 1938. תינוק שמן עם ראש גדול ופה פעור מביט אלינו בעיניו היפות וצוחק. כמה אושר הסב התינוק הזה להוריו! היכן אתם כולכם?! היכן?! דמם עוד רותח בבור הגדול בחורשה בגנידבה.

סובבנו בחצרות לתור אחר אוכל ובגדים. הדלתות פרוצות ואימת־המוות נשקפת מבעד לחלונות הפתוחים. דומיה. אין אנו שומעים דבר חוץ מצעדינו ו... רעש החלונות על ציריהם. בכל מקום, בכל פינה ליווה אותנו הרעש האיום של חלונות מתנודדים ברוח. עד היום אני שומע את החריקה הזאת. ועד היום איני יכול לסבול חלון מרשרש ברוח. ברבות הימים נהפך אצלי רשרוש החלון — לסמל השואה, לצרימת המוות.

מצאנו בגדים יפים וחזקים מותאמים לנו. חיש מהר פשטנו את בגדינו המרופשים כדי ללבוש בגדים נקיים. ואז, אבוי מה נגלה לעינינו! לא אשכח לעולם את אותה התמונה כשברלה, אחי השני הגדול ממני בשלוש שנים — מחזיק בידיו את הבגדים הישנים ומביט על מיליונים הכינים: המכנסיים מכוסים היו שכבת כינים, ואנו לא חשנו בדבר עד עתה. רק אז, ראיתי בפעם הראשונה את אחי בוכה, בכי חרישי. „הבט, שמואליק" — פתח ואמר לי — „הבט טוב, טוב, ואם תישאר בחיים שלא תשכח זאת." — לא, אחי היקר והאהוב! לא שכחתי ולעולם לא אשכח את אותה התמונה ואת אותו המשפט שאמרת לי.

כבר באותו יום, כשיצאנו ל„אוויר העולם" החלה התרוצצות אחר דברי־ערך. אחי הבכור, מיקו, רגז והתעצבן על שאין אנו נחפזים ומחפשים חפצים בעלי־ערך. הוא פחד פן ימצאו היהודים שנשארו בגיטו ובמחנה את כל העושר ולנו לא יישאר מאומה. והרי נהיה זקוקים לכל חפץ יקר. בלי זה אין לחלום שאיזה שהוא גוי יתן לנו פרוסת לחם ברגע שנברח ליער. ברלה ואני גם ספגנו קצת מכות ממנו — כי לא התאמצנו. גועל־נפש עורר בנו כל המשחק הזה. פשוט — לא רצינו לחיות. — אחי הגדול והיקר מיקו! — לא רגזתי על מכותיך, כי ידעתי שלטובתנו אתה מתכוון. לחיות ולהחיות אותנו רצית. עול כבד נטלת על שכמך באין אבא בחיים ואמא חלושה ומבולבלת מרוב ייאוש. האם שמחנו שנשארנו בחיים? לא! לאחי ברלה, בכלל לא היה איכפת, הוא מוכן היה למות כל רגע. כי למה מגיע דווקא לנו לחיות בשעה שכולם מתו? אמי רק דבר אחד ביקשה: שנעזוב אותה לנפשה ושאנו הילדים נברח. כך אומנם אמרה לנו. אך, יודע אני כי רצתה לחיות, מאוד רצתה לחיות.

שני האחים הגדולים מיקו וברלה הצטרפו למחנה־העבודה. אמי ואני — נטלנו את חפצינו והלכנו עם כל הנותרים לגיטו השני. שם, ברחוב הצר בין שני הגשרים המובילים לגנידבה, כשמימין זורם נהר ומשמאל מתפשטות ביצות. ידעו הגרמנים היכן לשכן אותנו. ואנו כאילו לא חשנו במצב. הלכנו, כי לא נגעו בנו, כי נתנו לנו לאכול. שבועיים עד שלושה, אינני זוכר בדיוק, ישבנו באותו גיטו, ויומו האחרון היה יום חג, כמתואר למעלה.

*

בלילה הקיצותי לקול רעש של מנוע. הבטתי החוצה והנה סילון אור חזק מאיר את גבולות הגיטו הקטן. כהרף־עין העירותי את אמי ומסרתי לה את אשר רואות עיני. אך אמי, מחייכת ומנחמת: „כלום לא יקרה, כלום לא יהיה. רק כרגע ראיתי את אמי בחלומי והיא הביאה לי דברים טובים לחג, ואמרה לי לחלק זאת לילדים. תישן, תישן... אם ירצה השם הכול יהיה בסדר, — הן אמי נגלתה לפני." באי־רצון ובחרדה שמעתי בקול אמי. שמתי את ראשי על כף ידה החמה וישנתי שנת־ישרים. „פיתחו מייד!" — נשמעה פקודה. דופקים בדלת! קפצנו חיש מהר מהמיטה. אור היום הגיח מהחלונות. „פיתחו מייד את הדלת!!" נשמעת שוב הפקודה. אמי מוכת תמהון ופחד רצה לדלת ופתחה. לפנינו עמד שוטר אוקראיני עם רובה ביד, ופקד לצאת החוצה. החילונו להתלבש, ובזמן הזה ניסתה אמי לבוא בדברים עם השוטר שיניח לנו לברוח. אך הוא עמד בשקט, חייך ונד בראשו לאות — לא! איזה מזל היה לנו. היה זה שוטר אנושי. הוא לא גירש אותנו מהבית בכותנות על בשרנו, כפי שעשו אחרים. גם הקשיב לבקשתנו וביקש שנתלבש יותר מהר. קדחת החיים אחזה בנו. אמי מוכנה לנשק את ידו. רק שירפה מאתנו. ידענו שאם נצא מהבית — אבדנו. הדלת נפרצה שוב ובשאגת פרא זנק עלינו שוטר שני. שניהם דחפו אותנו החוצה. על הכביש עמדו מסודרים כמה עשרות יהודים. אני בשום אופן לא רציתי להצטרף אליהם. החזקתי ביד אמי ומשכתיה הצידה. השוטר הרים את רובהו, קשקש בבריח, וכיוון אלינו. וראה זה פלא! לא פחדנו, אף שמץ של פחד לא חשתי. היהודים שעמדו מסודרים על הכביש, דיברו על ליבנו שלא נתעקש: „בואו, בואו, אין לאן לברוח — אבוד הכול." הצטרפנו אליהם והרגשת האבדון אפפה את כולי. אכן, הכל נגמר. עוד שעה, עוד שעתיים ולא נהיה בחיים עוד. זו הפעם הראשונה ששאלתי את עצמי מה זה מוות? איך זה מתים? הכנסתי את ידי בזרוע אמי וחרש צעדנו עם כולם, נכנעים ושותקים. ליד כל בית שעברנו התרחשה אותה תמונה, כפי שקרה אתנו. אנשים מבוהלים והמומים מנסים לברוח לכל צד, ובסוף מצטרפים בשקט לתהלוכת־המוות. הנה עברנו ליד בית אחד ומשם לא יצא איש. שמחנו שכמה יהודים הצליחו להערים על הגרמנים ובבוא היום יספרו עלינו, על אחרוני הגיטו.

יצאנו מהגיטו. עלינו על רחוב „קרולובה יאדביגה" ולא ידענו לאן מובילים אותנו ואיה המקום שבו יוציאונו להורג. מרחוק נזדקר גוש אדמה, ואז חשבנו כי הנה זהו המקום, באמצע העיר, וכי כאן ימיתונו. היה זה יום ראשון בשבוע. האוקראינים חבטו בנו כל הדרך שנזדרז — ואנו שתקנו והמשכנו ללכת באותו קצב. בצידי הרחוב נעמדו אנשים, נשים וילדים והביטו בנו. איש מהם לא חייך ולא הוציא הגה. לבושים היו חגיגית, היו בדרכם לכנסיה. לא אשכח תמונה של גויה אשר יצאה אל פתח ביתה, והנה ראתה אותנו ונסוגה אחור, נלחצת לקיר ביתה. כמה טוב היה לחוש השתתפות בצער מאדם אחד לפחות, כשמסביבך מתרוצצים חיות, רוצחים; שואגים, דוחפים ו... צוחקים.

יום יפה נתן לנו האלוהים. כנראה, כדי להקשות על פרידתנו מהעולם. השמש זרחה, חיממה את אברינו, וכל העצים, הבתים והאנשים — לבשו חג. צעדתי, ומדי פעם זרקתי מבטי־קנאה לעבר ילדי הגויים המאושרים, הרצים מאחורינו. המלה

„למה ?" פורצת מפי בקול רם. אמי מביטה בי ומהר מסבה את עיניה ממני. היא מתביישת שאינה יכולה להושיעני. מסתכל אני בשמים ומדבר לשמש: „הה, גם מחר תזרח ואני לא אראנה! וכל הגויים מסביב — יחיו, גם מחר, גם מחרתיים והם ייהנו מזיו החמה". פתאום תקף אותי חשק לשיר את התקווה. רציתי להרים את קולי, לשיר בפה מלא, אך בראותי את הגרמנים השתתקתי. רק בלחש כמו בתפילת וידוי, העליתי על שפתי את כל שירת התקווה. איש מההולכים לצידי לא פצה פה. לא אמרו, הפסק לשיר וגם לא הצטרפו אלי. רק אמי מדי פעם היתה מנתקת את ידה ממני ואומרת: „אל תהיה קשור בי, תנסה לברוח". ואני מבוהל כולי תפסתי את יד אמי ולא הרפיתי ממנה. לא האמנתי שאוכל לברוח וללכת לבדי למוות — פחדתי, נורא פחדתי; עצם הרעיון שאמות לבדי, היה בו כדי להרעיד את כל גופי. על ידנו צעד אותו היהודי החיגר שרק אתמול התפלל עמי בבית־הכנסת. היחידי שלא שתק כל הדרך. לא, הוא לא התלונן, לא קילל לא אדם ולא אלוהים. פשוט ניחם אותנו בקולו השקט. „הכול יעבור", היה אומר. „זה שום דבר, יהודים, רק פעם אחת מתים. מילא, כך נגזר". אחרי שתיקת מה נאנח ופלט: „הולכים למות, ובכל זאת יש לי חשק לעשן סיגריה". מימיננו צועדת בחורה אחת בכותונת לילה לבשרה ולוחשת: „חשבתי שאם הולכים למות, אז כבר לא איכפת שקר לך. ולי בכל זאת איכפת". „אני מקנאה בבעלי, הוא כבר עבר את הכול" — נשמעת מין פליטת־אנחה מאותה האם שאמי טיפלה בה ובבתה בבית־הכנסת. „אבל אני רוצה לחיות", ענתה לה בתה. — „אני בת 16, עוד לא חייתי בכלל. אמא, אני רוצה לחיות!" ומעיניה היפות נשרו דמעות. ברגע ששמעתי את קולה הנוקב של הבת, התעוררתי כולי. עיני גיששו בכל מקום, בחפשי מפלט, „לחיות, לחיות!" דובבו שפתי. ייצר־החיים דבק בי בכל עוזו. הוא לא הרפה ממני. „לא! לא אמות. אני חייב לחיות ויהי מה!" הביאו אותנו למיבצר „לוברטה" והכניסו אותנו לבניין בית־הספר שם. כמו חיות נרדפות התרוצצו כולם בחדרים הריקים. כל אחד חיפש מוצא לברוח. אך בכל מקום ניצב שוטר. בחורות התחננו לפניהם, לתת להן לצאת דרך החלון, והם הדפו אותן ברוביהם — וצחקו. זוכר אני שני בחורים גדולים ממני בשנים, תמירים ויפים. הם עמדו ליד אמם והתחננו לפניה שהיא תתן להם לעשות את רצונם: ללחום, ללחום בכל הבא ליד, למות בכבוד — זהו רצונם האחרון.

כמוני, כשאר היהודים, החילותי להתרוצץ מחדר לחדר, כשאחרי דולקת אמי. לפתע הבחנתי בכמה אנשים העולים במדרגות למעלה. ביקשתי מאמי שתישאר בחדר שבו עמדנו ושלא תזוז ממקומה, ואני אטפס לראות מה המצב שם. פחדתי פן אחזור ולא אמצאנה, ולבדי אלך לבורות. זאת היתה הפעם האחרונה שראיתי את אמי. עזובה וגלמודה נשארה היא בחדר בין עשרות אנשים מתרוצצים ונואשים. יצר החיים דחפני למעלה למעלה: טיפסתי על המדרגות בלי להביט לאחור, בלי לזרוק מבט אחד באמי. האמנתי בכל לבי שאמצא איזה חור להסתתר ואחזור לקרוא לה. מסביב לבית, בקומה השניה או השלישית עברתי חלון שהוביל לעליה משוגה שהקיפה את הבית. כשחדרנו לשם הבחנו בכמה צעירים שפתחו פתחים מתחת לרצפת העץ. חיש מהר שילשלנו את עצמנו לאותם החורים. הרצפה היתה כפולה, מתחתנו שימשה כתקרה ומעלינו כרצפה לאולם גדול.

רק בזמן שמצאתי את עצמי חבוי, נזכרתי באמי המחכה לי למטה. שכבתי לא רחוק מהפתח וקל היה לי לצאת. התחננתי לפני כמה יהודים ששכבו לפני כי יתנו לי לעבור. לבסוף, תוך מילמול ותנועות עצבניות נתנו לי לצאת. מהר רצתי לכיוון החלון... ואבוי לעיני! שוטר אוקראיני, נמוך קומה ושמן, עומד על־יד החלון ומרביץ לכל איש המנסה לעבור. מייד זנקתי אחורה ובכל כוחותי זחלתי מתחת לרצפה. יותר לא נסיתי לצאת. טוב היה לי שם. את אמי הפקרתי. לא מוכן הייתי לסכן את מחבואי, כדי להציל את אמא שלי... אכן, בן נאמן הייתי לך אמי! עד היום אבוש ואכלם. אולי אמצא נחמה זעירה בזאת שכולם יקראו את סיפורי ויידעו שאני, שמואל שולמן, זנחתי את אמי דבורה שולמן — כדי להציל את עורי. 4 ימים ו־4 לילות שכבתי במאורת־הנחשים הזאת. הפעם הייתי רחוק מהפתח, בקצה לגמרי, כשלפני רובצים עוד כ־10 או 15 איש. למחרת, ביום שני לשבוע, הגיעו מכוניות והגרמנים החלו להוציא את היהודים מהבית. קול זעקה והתייפחות ומבעד הזעקות הגיעה אלי רק זעקה אחת — זעקת אמי. נשכתי בשפתי. אחזתי את עצמי בעצים כדי לא לקפוץ החוצה. הן אמא שלי שם למטה, גלמודה ועזובה. ואיך אני מעיז להסתתר כאן? לא זזתי. ייצר החיים גבר על אהבת אמי. כפושע נראיתי בעיני. מה אומר לאחותי הנמצאת במקום־מבטחים, לכשאפגש עמה? איך אוכל להביט בעיני עצמי? — קום, שמואל, וצא! אל תתן לאמך ללכת לבדה למות! המחשבות הבריקו והלמו בראשי כרעמים. אך לא זזתי, אבר לא הנעתי.

*

הגרמנים והאוקראינים הגיעו גם אלינו, שוכבי החורים. בתחילה שאגו לתוך הפתח, ועד היום הזה מהדהד באוזני — „ראַוס! פאַרפלוכטער יודע! ראַוס!" כשאיש לא זז, ניסו את כוחם בטוב. „למה לכם למות כאן מרעב? אתם עוברים כולכם למחנה־העבודה בקראַסנה. אנחנו זקוקים לעבודה שלכם". ובאמת נמצאו כמה יהודים „הגיוניים" — ויצאו. היתר נשארו. האוקראינים דחפו מקלות ארוכים, והרביצו בראשי השוכבים. מדי פעם כיוונו אלינו את הרובים ושיחקו בבריח. „אם לא תצאו, נמית אתכם במקום", צרחו הגרמנים. אני החלטתי למות במקום ולא לצאת. מוטב, אמרתי בלבי, למות כאן בשכיבה בחושך, כשאיני רואה את פרצופם, מאשר ללכת לבורות, להביט בעיניים הרצחניות שלהם, להתפשט ולשכב בבור עמוק בין מתים אחרים. כל רגע חכיתי לכדור שיפלח את גופי. כי אלה ששכבו לפני, יצאו אחד אחד בלי שארגיש בזה. נשארתי יחידי. קולות הגרמנים ושיקשוקי הבריחים לא הפחידו אותי, כי החלטתי היתה נחושה... למות במקום. את חתיכת הסוכר שהיתה כל מזוני, גמרתי כבר מזמן. שמתי אצבע בפה ומצצתי בכל כוחי. לאיומים לא הקשבתי. התעלמתי לגמרי מנוכחותם של הגרמנים, נרדמתי וישנתי כנראה הרבה שעות. כשלפתע התעוררתי מדפיקות חזקות ברצפה. הורסים את הרצפה מעלי. מחפשים אותי. הגרמנים התעקשו וגם אני התעקשתי. הנה... הם מתקרבים אלי... הנה ימצאוני... כבר חזיתי בעיני את פרצופם האיום, כבר חשתי את מכות הרצח שינחיתו עלי. לרגע היה לי חשק להקיא, לבכות, להתפלל לאלוהים. „שמע ישראל!" לחשתי כל הזמן. לכל אני מוכן, רק לא ליפול חי בידיהם. נפסקו מכות הגרזן, לא מצאו את מקום מחבואי ואת הרצפה

כולה לא רצו כנראה להרוס. שוב שאגה ליד פתח הרצפה, דריכת רובה, איומים, שידולים — הכול ניסו עלי ואני בשלי: לא זז.

עברו שעות וקרן־האור היחידה שהבקיעה מבעד הפתח — נעלמה. ידעתי כי לילה שורר בחוץ. שקט. אין שומעים את בכיים של הנידונים למוות. כולם הוצאו. מדי פעם מגיע לאוזני צחוקם וצעקותיהם של השוטרים. החלטתי לעשות איזה דבר. לאט, לאט, כשאוזני קשובות וכולי דרוך, זחלתי החוצה. הזחילה היתה על הגב ובעזרת המרפקים וכפות הרגלים. להסתובב על הצד אי־אפשר היה, כי המקום היה צר מאוד. מבחוץ, בעליית הגג, אספתי חתיכות טיח יבש, אבנים, אשפה ובסבלנות רבה דחפתי לתוך המחבוא. כיוון שלא יכולתי להסתובב הייתי דוחף את האשפה ביד אחת פנימה. פנימה. העבודה הזאת היתה איומה. גופי נחלש וזיעה כיסתה את כל גופי. מדי פעם רציתי להפסיק את עבודת הנמלים, אך ייצר החיים והתקווה האחרונה המריצוני לעבודה. שעות עבדתי בלי לאות, עד שהרגשתי שהחומר מספיק. זחלתי פנימה עד הסוף ובאמצעים אקרובטיים שמתגלים רק ברגע קריטי כזה, סידרתי לי מכל האשפה שאספתי — קיר מלפני ראשי. כך, שאם יציץ שוטר פנימה לא יראה אותי ויחשוב שזה סוף הכוך.

התחבולה הצליחה. כשהשוטרים הופיעו למחרת בבוקר הופתעו לראות כוך ריק. תחילה האירו בפנס, וסילון האור שעבר מבעד סדק הקיר שהקימותי — עצר את נשמתי. נעשה לי חם, רק רגע ראיתי את עצמי שוכב גלוי לעיני השטן. אך הפנס כבה והמלה הגואלת המתוקה נשמעה בחלל: „נימה" (אין). איזו מלה נהדרת! כמה אושר גורמת מלה פשוטה כזאת, כמו: „נימה". נשמתי לרווחה. אבן כבדה נגולה מעל לבי. החלטתי לחכות עד הלילה. אבל, החיים לא ניתנים בקלות: חצרן בית־הספר החליט שמתחת לרצפה מסתתרים לפחות מאה יהודים. אחרי שעה קלה חזר בלוויית השוטרים וילד פולני. לילד מסרו נר וציוו עליו להזדחל פנימה ולהיווכח אם באמת אין שם יהודים. שוב מועקה בלב. חלום החיים נגוז חיש מהר. החום התפשט בכל גופי. הנשימה נעצרה, פתחתי את הפה כדי להקל על הנשימה הכבדה. אור הנר מבליח מבעד הסדק. הנה הוא רואה אותי — עברה במוחי מחשבה. לאט לאט שמתי את ידי מעל הראש על־מנת ליצור התנגדות במקרה שהילד ינסה לדחוף את האשפה. וכך היה, האור גבר ונשימתו של הילד הגיעה אלי. כל תזוזה שלו וכל רשרוש רעם באוזני כפצצות כבירות. מכה אחת ברגל, עוד מכה... ואני לא נושם ולא זז. גם הקיר שלי לא זז. „לכל הרוחות! מה נשמע שם?!" — הרעים על הילד השוטר. „נימה" (אין). נשמעה שוב, בפעם השניה והאחרונה המלה הגואלת. הילד הפולני יצא. ואני, עד היום איני יודע אם הוא ראה אותי ואם לאו.

בלילה, כשהכול שרוי היה בשקט ורק צעדי השומרים העידו על קיומם — קמתי ממחבואי ותוך הרפתקאות לאין־ספור שהתרחשו בגבולות של שתי שעות — הצלחתי להתחמק מהמבצר. יצאתי לאוויר העולם ה„חופשי", שבו כל ילד גוי יוכל להובילני לגיסטאפו, או להורגני במו ידיו. מאחורי רובץ דומם המבצר. היהודים שרק תמול שלשום מילאו את חללו באנקת שבר, שוב אינם בחיים.

אַ בריוו פון אַן אומבאַקאַנטער פרוי

(איבערגעגעבן דורך וו. פּאָמיענקאָ)

לויצק, דעם 10־טן אויגוסט 1942.

טייערע מומע בעסיע פּאַלאַך,

איך נעם דיר יעצט שרייבן אַ בריוו, און דאָס וועט זיין אַ מין ווידוי פאַר דעם טויט. ווען דו וועסט לייענען דעם בריוו, וועל איך שוין זיין לאַנג טויט. נאָר וואָס קאָן מען טאָן.

טייערע מומע, דעם לעטער לאָז איך איבער ביי אַ קריסט, און אַז די שרעקלעכע בלוטבאָד וועט זיך ענדיקן, און דער איידעלער קריסט וועט דערלעבן, וועסטו דעם בריוו דערהאַלטן, און דאַן וועסטו ערשט וויסן פון דער יידישער טראַגעדיע דאָ אין דער פאַרשאָלטענער בלוטיקער אוקראַינע.

טייערע מומע, דער קריסט, וואָס איך לאָז אים איבער דעם בריוו, איז זייער אַן איידעלער און ער איז ווערט באַשריבן צו ווערן אין דער היסטאָריע, ווייל דאָס וואָס דער קריסט טוט אויף פאַר יידן אין געטאָ איז נישט צו באַשרייבן. זיינע ערלעכע פאַרדינסטן, וואָס ער פאַרדינט, שענקט ער אַוועק פאַר אָרעמע יידישע קינדער, און אַליין לעבט זיך דער מענטש זייער געוויינלעך. אָבער,ליידער, קאָן ער ראַטעווען מענטשן נאָר פון הונגערטויט, אָבער נישט פון קיין בייזע חיות.

טייערע מיינע, מומע און קוזינס און בכלל אַמעריקאַנער יידן, ווער פון אייך קאָן זיך פאָרשטעלן די טראַגעדיע פון די יידן אין אוקראַינע? — קיינער נישט! דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן דאָס גאָרנישט פאַרנעמען. וואָס הייסט? מען נעמט מענטשן, יונגע, געזונטע און פעיקע צו לעבן און אַרבעטן, און מען באַגראָבט זיי לעבעדיקערהייט. אָדער, עווענטועל, מען שיסט זיי. פאַרוואָס? ווייל זיי זענען יידן.

אַלזאָ, מיין טייערע מומע, איך וועל דיר דערציילן אין קורצן פון דעם אָנהייב. איך געפין זיך שוין צען יאָר אין לויצק. פלוצלינג איז אויסגעבראָכן די מלחמה. אין פיר טעג אַרום זענען אַריין די דייטשן. און באַלד האָט מען אָנגעהויבן כאַפּן יידן. האָט מען דאָ אין לויצק, ווי אויך אין אַלע אַנדערע שטעט אָנגעהויבן אויסצורוימען צוביסלעכוויז די יידן. מען האָט זיי פאַרכאַפּט אין די טויזנטער, און מען ווייסט נישט ביז היינטיקן טאָג ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. ס'איז שוין פערצן מאָנאַטן אין דעם. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן אויסצוהרגענען דאָ ביסלעכוויז די יידן.

טייערע מומע, דער ערשטער קרבן איז געווען מיין טאַטע, מיין מאַן, חיקעס מאַן מענדל, און מיין חנהס מאַן, און חיקעס צוויי קינדער. מען האָט זיי פאַרכאַפּט, און מען ווייסט נישט ביז היינטיקן טאָג ווו זיי זענען.

יעצט האָט מען אָנגעהויבן אויסצוהרגענען אין די שטעט און שטעטלעך אַלע יידן, און דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן דאָס גאָרנישט פאַרנעמען: וואָס הייסט, מען נעמט צונויף עטלעכע טויזנט מענטשן, פרויען, מענער און קינדער, מען פירט זיי אַרויס אין פעלד, מען שניידט זיי אויס, ווי מען שניידט קאָרן.

שטעל זיך פאָר, מומע: עלטערן דאַרפן צוקוקן ווי מען שיסט זייערע קינדער. גאָט, גאָט! ווו איז דער יידישער גאָט? וואָס זענען שולדיק די פיצלעך קינדער?

מומע טייערע, איך האָב שוין נישט קיינעם. איין ברודער איז מיר געבליבן.

יענע וואָך איז געווען די שחיטה אין קאָלק, און די מערדער האָבן דערהרגעט מיין טייערע מאַמע און מיין שוועסטער חנה מיטביידע קינדער, חיה ריבהן מיט דריי קינדער, חיימען מיט דעם ווייב און קינד, מאירס ווייב און חיקען מיט די קינדער, מענדלס ווייב מיט די קינדער, מיין טאַטנס ברודערס שוועסטער און קינדער.

וויי, ווי קאָן מען דאָס אויסהאַלטן הערנדיק — פון אַזאַ גרויסער פאַמיליע איז מיר געבליבן איין ברודער. נאָר מיין טייערע ברודער מאיר איז מיר געבליבן.

איך האָב יעצט פון מאירן דערהאַלטן אַ בריוו, שרייבט ער מיר, אַז ער וויל לעבן נאָר צוליב נקמה. גאָט ווייסט, צי ער וועט דאָס דערלעבן.

איצט, טייערע מומע, ווייסן מיר דאָ אין לויצק, אַז מיר זענען פאַראורטיילט צום טויט, מיר ווייסן נאָר נישט, ווען דער אורטייל וועט אויסגעפירט ווערן. היינט שרייב איך דעם בריוו, און איך ווייס נישט, צי וועל איך מאָרגן אין דער צייט לעבן, ווייל זיי פאַלן אַריין אין מיטן דער נאַכט, מען נעמט אַרויס די יידן פון די שטיבער און מען שעכט זיי אויס ווי די עופות.

ליבע מומע און טייערע אַמעריקאַנער יידן, אייער גורל איז אַ בעסערער פון אונדזערן, פאַרזאָמט זשע נישט צו נעמען נקמה פאַר אונדז. עס ליגט אויף אייך דער חוב, ווייל אַמעריקאַנער יידן האָבן געהאָלפן בויען דעם היטלעריזם, און יעצט פאַרניכטעט ער די יידן פון אייראָפּע.

איך שרייב נישט מער.

עס איז מיר נאָר אַ שאָד מיין יונג קינד, אַזאַ שיין קינד, אַזאַ טייער קינד דאַרף גיין צו דער שחיטה. זי וויל נעבעך לעבן. נאָר, ליידער, גאָט ווייסט.

טייערע מומע, אויב דו לעבסט און דיינע קינדער לעבן, וועט איר געוויס אַמאָל לייענען דעם בריוו, און איר וועט זיך ערשט דערוויסן פון אונדזער טראַגעדיע.

דער קריסט וועט אייך געוויס שרייבן פון אַלעס, ווייל ער רעדט יידיש ווי איך און שרייבט יידיש.

אויך פון אים וועט איר זיך אַלעס דערוויסן.

בלייבט אַלע געזונט. גליקלעך זענט איר, ווייל איר זענט אין אַמעריקע.

דיין פלימעניצע פריידע מירל

אַ בריוו פון שמעון באקאוויעצקי צו באַסיע גאַטמאַן

טייערע באַסיע,

שטעל זיך פאָר ווי שטאַרק איך האָב זיך דערפרייט, ווען מען האָט מיר אָפּגעגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון דיר. דו פאַרשטייסט זיכער וואָס פאַר אַ גרויסע פרייד און טרייסט דאָס איז אין אונדזער גרענעצלאָזער טראַגעדיע צו באַגעגענען אַ נאָענט לעבעדיק וועזן. און איך בין דאָך אַזוי שרעקלעך איינזאַם. די בענקשאַפט — אַנשטאָט זיך צו פאַרקלענערן, נאָגט אויס מיט יעדן טאָג אַלץ מערער די נשמה. איך קאָן זיך נישט באַרויקן. איך קאָן אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן, אַז כ׳האָב פאַרלוירן אַלץ דאָס טייערסטע וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט. איך קאָן אַפילו נישט געפינען קיין טראָפּן פאַרלייכטערונג דערין, אין וועלכן אַלע געפינען, וואָס דאָס איז די אַלגעמיינע טראַגעדיע פון אונדז אַלע. איך קאָן ביז היינט צו טאָג נישט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק.

דערפאַר טאַקע האָט אַ באַזונדערע פרייד אַרומגעכאַפּט מיין האַרץ, ווען כ׳האָב באַקומען די ידיעה, אַז איר לעבט, איר, וועלכע דערמאָנען מיר אַזוי שטאַרק מיין מאַמע, מיין הייליקע מאַמע, וועלכע איז זיכער, אָן אַ מינדסטער טענה, מיטן לעצטן געדאַנק וועגן אירע קינדער, וועלכע זי האָט אַוועקגעשענקט איר גאַנץ לעבן, געגאַנגען אַקעגן דעם בעסטיאַלישן מאַרטירערישן טויט.

אַך, ווי גרויליק דאָס איז, באַסיע, דאָס האַרץ שטאַרבט־אָפּ פאַר ווייטיק. צי וועט אַמאָל עמעצער אין דער צוקונפט גלייבן, אַז דאָס איז ווירקלעך פאָרגעקומען, אויב מיר אַליין, אָן עד־ראיה, דאַכט זיך אָפּטער, אַז דאָס איז בלויז אַן אימהדיקער קאָשמאַר, און ווען כ׳וועל זיך אויפכאַפּן, וועל איך ווידער זיין צווישן די אייגענע, צווישן נאָענטע.

צום גרויסן ווי אָבער איז דאָס די אומברחמנותדיקע, פּחדים־וועקנדיקע ווירקלעכקייט, וואָס איז גורם אַז איך ווער אויף אַלץ אַפּאַטיש און אומפעיק צו דענקען וועגן מיין אייגענער לאַגע, וועלכע איז, ווי ס׳איז דיר מסתם באַקאַנט, נישט מקנא צו זיין, ווייל יעדער טאָג קאָן ברענגען אַ טראַגישע לייזונג.

ערשט די ידיעה וועגן אייך האָט מיך ווי עלעקטריזירט. אַזוי, טייערע באַסיע, כ׳וואָלט זייער וועלן זיין מיט אייך: דאָס וואָלט מיר געגעבן גרעסערע שאַנסן געראַטעוועט צו ווערן, צווייטנס, וואָלט איך געוועזן מיט אייך. איך וואָלט דיר פאַרשטענדלעך געוועזן אויסערגעוויינלעך דאַנקבאַר, הגם ווי שיקט זיך דאָ צו רעדן וועגן דאַנקבאַרקייט, און ווי קאָן מען בכלל פאַר אַזעלכע זאַכן אָפּדאַנקען?

איך מיין, אַז שוין היינט האָסטו זיכער עפּעס קאָנקרעטס אין דעם ענין. גיב מיר שריפטלעך צו וויסן דורך דעם מוכ״ז, אָנגעבנדיק גלייכצייטיק דעם אַדרעס און אָנווייזונגען ווען און וויאַזוי איך דאַרף האַנדלען. איך ווייס, באַסיע, אַז דו ביסט זייער אַ טיכטיקע, און כ׳לייג אויף דיר גרויסע האָפענונגען.

אויב ס׳וואָלט אַנטשטאַנען אַ געלט־פראַגע, געפינט זיך דאָ נאָך איינער (וו. שירזשיק — דו קענסט אים זייער גוט), וועלכער וואָלט זיך אונטערגענומען צו פינאַנסירן סיי זיך, סיי מיך.

וועגן די פּערזאָנען, אין וועלכע דו ביסט פאַראינטערעסירט, וועט דיר אינפאָרמירן דער איבערגעבער.

ס׳זענען דאָ אויך פאַראַן מיין שוועגערין מיטן מאַן, באַריאַן. ווען ס׳וואָלט מעגלעך זיין, זאָלסט אויך פאַר זיי עפּעס אויסקאָמבינירן, וואָלט עס געווען זייער געווונטשן. פאַרשטענדלעך, אויב דאָס איז מעגלעך.

איך האָב געוואָלט גיין מיטן איבערגעבער, צו זען זיך מיט דיר פּערזענלעך און זיך צוזאַמענרעדן, אָבער ער האָט דערויף נישט מסכים געווען צוליב דיסקרעציע־טעמים. האָב איך דעריבער באַשלאָסן צו שרייבן דיר, הגם דאָס איז נישט קיין גענוגנדיקער אופן זיך צו פאַרשטענדיקן.

שרייב אויספירלעך וועגן אַלץ, וואָסערע זענען די מאַטעריעלע באַדינגונגען, די טעכנישע (די באַשפייזונג, דאָס אָרט, דער אופן פון קומען אַהין, צי אין אַ צימער, אָדער ערגעץ אַנדערש אא״וו).

אויפן יעדן אופן פאַרלאָז איך זיך אויף דיין ענערגיע און איניציאַטיוו.

נאָכן איבערלייענען דעם בריוו, פאַרטיליק אים.

זיי געזונט און אויף ווידערזען

דיין

שימעק

בריוו פון לערער חיים פּרינצענטאַל

טייערער זון,

היינט, דעם 3.10.1942, פונקט 2 וואָכן נאָך אונדזער שרעקלעכער שחיטה אין לוּיצק און אַרום לוּיצק, 2 שרעקלעכע וואָכן וואַנדערן מיר עטלעכע יידן, וועלכע האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון לוּיצק אין די לעצטע מינוטן. ווו מיר טאָגן דאָרט נעכטיקן מיר נישט, יעדער מינוט לאָקערט אויף אונדז דער טויט. פון דעם וואַלד אַרויס אין צווייטן אַריין. מיר זענען געוואָרן וואַלדמענטשן. צו 2—3 טעג זעען מיר נישט קיין פּיצל ברויט פאַר די אויגן און קיין טראָפּן וואַסער. די אויגן זענען אינגאַנצן אויסגעטריקנט פון טרערן, אין האַרצן אַ פייערדיקער ווייטאָג און ס׳קלעמט ביז צום אויסגיין און קיין עצה איז נישטאָ. מיר זענען אַלע פאַרמשפּט צום טויט. מיין טייערער זון, גאָט ווייסט, צי אונדזער דוד לעבט נאָך. די מאַמע דיינע איז ווי אַ טויב צו דער שחיטה געפירט געוואָרן. געזעגנט מיט מיינע אויגן האָב איך נישט. צו מיין גרויסן ווייטאָג און צער האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז איך זאָל איבערלאָזן מיין טייערע פרוי אין זון און אַליין אַוועק ווי אַ פּחדן. נאָר זיי איז שוין בעסער פאַר מיר — זיי זענען שוין זייערס איבערגעקומען און איך וואַרט יעדער מינוט איך זאָל געכאַפּט ווערן. איך זיץ אין אַ גרוב אין וואַלד, אין וועלכן דיין זיידע האָט געוווינט און שרייב צו דיר, צו אייך אַ געזעגנונגסבריוו. אפשר וועט דער גורל דאָך נישט זיין אַזוי גרויזאַם און ווען די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן וועסטו דאָס דערהאַלטן דורך דער פּאָסט מיט דער הילף פון אַ לייטישן קריסט.

אַלזאָ, איך דריק דיך און דיין פרוי צו מיין האַרצן און איך שיק אייך מיין פאָטערלעכע ברכה פאַרן טויט.

פון אומגליקלעכן פאָטער ח. פּ.

ליבע, טייערע קינדער מיינע יעקב און הערנא,

און ווידער זענען אַריבער נאָך פיר שרעקלעכע וואָכן. פונקט היינט ווערט זעקס וואָכן זינט דער שרעקלעכער גזירה ביי אונדז אין לויצק און אין דער גאַנצער געגנט. מען האָט שוין אין דער צייט געכאַפּט טויזנטער אַנטלאָפענע יידן און דערשאָסן. מיך האָט מיין ביטערער גורל פאַרלייפיק אויסגעהיט, איך זאָל מיך נאָך אַ ביסל פייניקן.

יאָ, גליקלעכער פון אונדזער גאַנצער משפחה זענען די מאַמע און דוד, וואָס זיי זענען זייערס שוין איבערגעקומען, און אַזעלכע מאָראַלישע שרעקלעכע ליידן, ווי איך, דער איבערגע־בליבענער ביים לעבן, לייד, האָבן זיי געוויס נישט געליטן. ווייל דאָס זענען שרעקלעכע 42 טעג. שרעקלעך איז דער טויט פאַר די לעבעדיקע, פאַר די טויטע אָבער איז ער נאָר אַ דערלייזונג.

אַלזאָ, מיינע קינדער, מאָלט זיך אָפּ אַזאַ בילדל: איך זיץ אין אַזאַ געדיכט וועלדל — און דער גורל וויל, עס זאָל זיין דווקא אין דעם וועלדל ווו די מאַמע איז געבוירן געוואָרן — און אויף דער ערד זיצט אַן אַלטער גרויער מאַן (אויפן קוק וועט מען אים געבן ביי די 70), דאָס לייב צעריסן, צעביסן און אָן אַ העמד אויפן לייב. איך האָב עס געמוזט אַוועקוואַרפן. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען די שרעקלעכע מכה פון כנים, מיט וועלכער משה האָט געשטראָפט פרעהן. און אַז דער חומש זאָגט „ולא יכלו החכמים לעמוד לפני פרעה" הייסט דאָס פשוט: די לייז האָבן זיי אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט. אַזוי פאַרשטיי איך עס איצט. און דאָס איז דאָס שרעקלעכסטע. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך קאָן נעמען אַ שיסל מיט הייסע וואַסער און זיך אַ ביסל אַרומוואַשן און אָנטאָן אַ ריין העמד און אַ פאָר אונטערהויזן און — דערנאָך זאָל שוין קומען דער טויט.

אַזוי, מיינע טייערע קינדער, פאַרפאַלן. איך זאָל שוין האָבן אָפּגעקומען פאַר אייך אויך, אַבי איר, דאָס שארית־הפליטה, דאָס איינציקע געבליבענע און אונדזער משפחה זאָל נישט פאַר־לאָשן ווערן.

איך בין היינט געבליבן אין מיין אומגליק איינער אַליין. דעם אח־לצרה מיינעם האָבן די מערדער געכאַפּט דעם צווייטן טאָג ראש־השנה בייטאָג — ער איז נישט געווען גענוג פאַר־זיכטיק. און זיי האָבן אים פאַרפייניקט און נאָכהער דערשאָסן. זיי האָבן מיך אויך גענזוכט און אפילו געטרעטן אויף מיר אין דער קופּע שטרוי, ווו איך בין געלעגן פאַרשטעקט. נאָר עס האָט זיך זיי דערוייל נישט איינגעגעבן.

פון דעמאָלט אָן וואַנדער איך איינער אַליין אין מיטן דער נאַכט פון דאָרף צו דאָרף, פון בלאָטע צו בלאָטע, פון וואַלד צו וואַלד. יאָ, דער וואַלד הייבט אָן, צום באַדויערן, נאַקעט צו ווערן, און איך בין נאַקעט און באָרוועס, הונגעריק און שלעפע־ריק. גיי ווי אַ לונאַטיק, דעם אייגענעס שאָטן נישט צו זעען, וואַנדער ווּהין איך ווייס אַליין נישט. צי וועט זיך מיר איינגעבן צו ראַטעווען דאָס לעבן? דאָס איז אַ גרויסע פראַגע. אויף זיכער נישט. מען קאָן זיך נאָך אַ ביסל בריהן.

זייט געזונט

אייער אומגליקלעכער פאָטער

חייב

דוד פריטל

קורות שני מכתבים

עירנו לוצק שוחררה מידי הנאצים בחודש פברואר 1944.

תיכף אחרי כניסת הצבא האדום ללוצק יצאו שרידי היהודים ממחבואיהם בעיר ובסביבה הקרובה. ביום השחרור נמצא אתי איגנאץ שאַץ, בנו של פסח שאַץ, שעבר עמי בכל הנדודים והתלאות של ימי ערב השחרור.

שבועיים־שלושה לפני היום המיוחל גברה המתיחות — שבלאו הכי היתה גדולה — לאין שעור. נוסף לסכנת הגילוי ובעקבותיו ההשמדה ע"י הנאצים, גברה פעילות ה„באנדרובצים" שחיטטו עתה במשנה מרץ וחיפשו יהודים מתחבאים על מנת להשמידם... ומצד שני החלו באות ידיעות על התקדמות מזורזת של הצבא האדום לאזורנו, ובלבבות נדלק זיק של תקווה...

כשבועיים לפני השחרור היינו אצל משפחת ינסה, צ׳כים בכפר לישצ׳ה, מזרחית ללוצק בדרך לרובנה. בערבים היינו נוהגים לצאת מהבית ולבקר אצל שכנים שרובם היו צ׳כים. וכך, בחזרנו ערב אחד מביקור כזה, שוב למשפחת ינסה, עצר אותנו איכר צ׳כי אחד והודיענו שרק לפני כמה דקות חיפשה אותנו אצל ינסה קבוצת בנדרובצים. בלי שהיות הסתלקנו מהכפר והחלטנו להגיע לעיר ולהתקשר עם הכומר הפולני בוקובינסקי, שהיה ידוע כידיד היהודים הנרדפים. הגענו בערב העירה והצלחנו להיכנס לקתדרה (הכנסיה ליד הזאמק). הכומר בוקובינסקי קיבל אותנו בלבביות. סיפרנו לו את מצבנו וביקשנו מקלט למספר שבועות. הכומר הסביר שהענין הוא רציני והנהו זקוק לשהות של ימים מספר כדי להתקשר עם אחד מידידיו בסביבה. אנו, איגנאַץ ואני, החלטנו לעבור בינתיים לכפר צ׳כי אחר הנמצא צפונית ללוצק והשוכן על הגדה המזרחית של הנהר סטיר. כן הציע לנו הכומר בוקובינסקי עזרה כספית, אך אנו סרבנו לקבלה מכיוון שבאותה שעה לא היתה ממילא עשויה לעזור לנו. ואכן, אחרי תלאות מרובות הגענו לכפר. לאחד התושבים שבכפר מסרנו דרישת שלום מקרוביו שבלישצ׳ה, כמובן בלא שנת־בקשנו לכך. ה„פטנט" הזה איפשר לנו בעבר לא פעם לקבל מקלט למספר ימים. ואכן, גם הפעם זכינו לאכסניה הודות לדרישת־שלום זו.

למחרת בלילה התרחשו בסביבה דברים מוזרים. נשמעו הדי התפוצצויות משדה התעופה בלוצק. מה קרה? לפי כל האינפורמציה שנמסרה לנו, נמצאים הרוסים בסביבות ז׳יטומיר, ומה איפוא פשר הפעולות באיזור זה? האם פועלים הפרטיזנים, או שזו פעולה של צבא סדיר? למחרת היום, עם כניסת החיילים הראשונים של הצבא האדום לכפר, נפתרה התעלומה. נתברר, שדיביזיה של חיל־הפרשים מהצבא האדום חדרה דרך ביצות פולסיה במפתיע וכבשה את לוצק ורובנה ביום אחד.

באותו יום חזרנו העירה ברגשות מעורבים. בכניסתנו העירה הופתענו לא מעט כשמצאנו פתאום את עצמנו אסורים על־ידי

הרוסים. הסיבה — חוסר ניירות. אחרי שהסברנו וסיפרנו להם על מה שעבר עלינו — שוחררנו.

לאט־לאט החלו להגיע שרידי היהודים. בתחילה התרכזנו כשתי עשרות יהודים בברובר (מבשלת שיכר) של זמן. מובן, שהפגישות בין קומץ היהודים ששרדו היו מלאי תוגה וכאב. והנה, באחת הפגישות עם אשה יהודיה תושבת אחת העיירות

משפחת פרינצנטל

מסביבות לוצק, כשנודע לה שם משפחתי, מסרה לי את שני מכתביו של אבי חיים פרינצנטל ז״ל, שנכתבו על־ידו לאחי יעקב פריטל (פרינצנטל), שעלה ארצה עוד לפני המלחמה. את המכתבים האלה קיבלה — כפי שסיפרה — מידי איכר צ׳כי. לדבריה — סיפר לה הצ׳כי כי אבי ביקש ממנו, שלאחר שהמלחמה תיגמר יעשה עמו את החסד האחרון ויעביר את המכתבים לפי הכתובת (מעלה החמישה, ארץ־ישראל).

הצ׳כי מילא את חובתו בפגישה הראשונה עם יהודים ניצולים, תיכף אחרי שחרור העיר.

כמה הערות לתוכן המכתב.

בקטע מסוים במכתבו של אבי ז״ל לאחי הנהו מבכה את אמי ואותי. הוא לא ידע כי הצלחתי ברגע האחרון להימלט מן האקציה של הנאצים. על אבי ותלאותיו בכפרים נודע לי מפי יהודי, קבלן לכבישים, שחזר ממקום מחבואו והגיע למחנה העבודה שבסמינריון התיאולוגי. הנ״ל סיפר לי, שראה את אבי נכנס לבית בכפר בדרך לרוזישצ׳ה, שבו הוא עצמו הסתתר, ומבקש מזון. בעלת הבית, מטעמי זהירות, לא איפשרה לקבלן להתקשר עם אבי אבל ממקום מחבואו היה עד לשיחה בין אבי לבעלת הבית. היהודי נאלץ היה בגלל כל מיני סיבות לעזוב את מקום מחבואו ולחזור למחנה העבודה שבעיר. קיבלתי פרטים מדויקים על הבית שבו ביקש אבי מזון ובאחד הערבים הגעתי שמה עם חבילת בגדים. בעל הבית הודיע לי, שלפני יומיים היה אבי שוב פעם ולפי מה שאמר נראה שעבר לאיזור יותר רחוק. השארתי את החבילה וצירפתי מכתב שבו הודעתי לאבי על מצבי. באותו לילה הגעתי לשדה שבו נערמו הרבה ערימות קש. מצאתי מחבוא בתוך אחת הערימות והרגשתי שמחבוא זה שימש ודאי גם כמחבוא לאבי. כעבור שבוע ימים חזרתי שוב אל אותו איכר ושוב שאלתיו אם ידוע לו משהו על אבי. מתוך תשובתו התברר לי, כי באותו ערב לפני שבוע, עת חיפשתיו אצלו, היה אבי אצל שכנו (הודעת אבי על הליכתו לאיזור מרוחק נאמרה מתוך כוונת הטעיה). החבילה והמכתב נמסרו לאבי. מרוב התרגשות על אשר אני חי עדיין, החליט אבי לחפשני בעיר. וכאן בדרך נתפס על־ידי הנאצים.

בהיוודע לי הדבר עשיתי נסיון להצילו. באותם הימים שלאחר חיסול הגיטו נהגו הגרמנים, בשעה שתפסו יהודים בודדים, לרכזם באחת החנויות לשעבר בגיטו עד השמדתם. הצלחתי להצטרף אל קבוצת הפועלים ממחנה העבודה שעבדו בשטח הגיטו לשעבר. התקרבתי לחנות והתקשרתי עם היהודים הכלואים בתוכה. זכורני, שבתוך החנות נמצאו כל בני משפחת גולדנברג (בתם חיה גולדנברג־זילברברג נמצאת בארץ בראשון־לציון, ובנם אשר גולדנברג נמצא בחיפה), שנתפסו לפני ימים ספורים במחבוא. לא הצלחתי לקבל תשובה ברורה על גורל אבי.

אחרי זמן־מה הועבר מחנה העבודה לתחנת הקמח של פינצ׳וק ושם פגשתי ביהודי שהיה כלוא יחד עם אבי במשרד הגיסטפו שנמצא בביתו של גליקליך (לשעבר תחנת המשטרה הפולנית), ומשם — כפי שסיפר היהודי — הוצא אבי להורג.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

המורה חיים פרינצנטל

מכתבים שניים אלה, הם אגרות רוויות אימים, אך הן יקרות לנו, לשני בניו ולמשפחותיהם. אהבה למשפחה וזעקת היהודי והאדם כאחת בוקעות מבין שורות אלה.

כמורה חש כי אפילו שורות כתובות על נייר בלה יש בכוחן לחדור אל מעבר לאימים ולתקופה וכי הדן יישמע והן תשארנה חרותות לעד. ואכן תחושתו נתאמתה.

*

אבי חיים פרינצנטל היה ידוע בעירנו בכינויו „חיים דער לערער״. מהשעות המוקדמות של הבוקר החל בהוראת תלמידיו. וכך היה מתרוצץ במשך היום מתלמיד לתלמיד בכל פינות העיר ומלמד את השפה העברית, היסטוריה עברית ותנ״ך. שנים על שנים עסק בהוראה. עשרות ואולי מאות מתלמידיו חיים אתנו כיום בארץ ובחו״ל. מלבד אהבת השפה העברית נטע בתלמידיו גם את הכמיהה לארץ כהמשך טבעי להוראתו.

זוכרני, עת הייתי ילד, היה מושיבני על ברכיו ואגדות נפלאות קלחו מפיו על קבר המלך דוד, ועל בנו שלמה המלך, על המכבים ועוד כהנה וכהנה אגדות לאין ספור, וכמיהה עזה לארץ נתעוררה בלבי. ציוני היה לא רק מתוך הכרה, כי אם יותר נכון — מתוך עומק רגשותיו. וכל זאת הנחיל לבניו ולתלמידיו.

בניו ובני בניו — ובתוכם נכד הקרוי על שמו חיים — יושבים ופועלים בארץ חלומותיו ומדברים בשפה שאותה לימד. צר, צר מאוד שלא זכה הוא עצמו לחיות כאן ולראות זאת במו עיניו. אך זכה, זכה שדמותו ותורתו נחרתו עמוק בלבות בני משפחתו ותלמידיו־מוקיריו הפזורים על פני רחבי הארץ.

יעקב פריטל (פרינצנטל)

די איבערלעבענישן פון יעקב עלבירט

די גבית־עדות איז אויפגענומען געוואָרן דורך י. שמולעוויטש,
אין ניו־יאָרק, דעם 11־טן יאַנואַר 1955.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, אין סעפּטעמבער 1939, בין איך געווען אין לויצק. מיין פאָטער האָט דאָ געהאַט סקלאַדעס פון האָלץ און קוילן; אויך אינוועסטיציעס אין מילן.

דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939 זענען צו אונדז אריין די סאָוויעטן. זיי האָבן גלייך נאַציאָנאַליזירט די גרעסערע פּריוואַטע פאַרמעגנס. סיי ייִדישע, סיי נישט־ייִדישע. אַלע פּאָליטישע און אויך געוויסע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ייִדישע ווי נישט־ייִדישע, זענען דערקלערט געוואָרן פאַר אומלעגאַלע. זיי האָבן אויך נאַציאָנאַליזירט מיין פאָטערס סקלאַדעס, און מיינע עלטערן האָבן געקריגן פּאַספּאָרטן מיטן 11־טן פּאַראַגראַף, לויט וועלכן מען טאָר נישט וווינען אין קיין שום אָבלאַסט־שטאָט, ממילא האָבן זיי נישט געקענט בלייבן וווינען אין לויצק. זיי האָבן זיך מיט מיינער אַ ייִנגערער שוועסטער אַריבערגע־צויגן קיין דובנע.

די ציוניסטישע יוגנט אין לויצק האָט דאַן אָנגעהויבן פירן אַן אומלעגאַלע עליה. אָנגעפירט דערמיט האָט דוד פּרינצנטאַל פון „גורדוניה", ווי אויך מאַקס יוז, יונה ביבערמאַן, אַלעקס לעשנער און אַנדערע. דוד פּרינצנטאַל געפינט זיך איצט אין ישראל. ער האָט די יוגנט געבראַכט קיין סניאַטין, דאָרט האָט מען באַצאָלט גרויסע געלטער צו רומענישע מאַטראָזן, וועלכע האָט זיי געפירט קיין ארץ־ישראל. אָבער בלויז אַ קליינע צאָל פון דער לויצקער יוגנט איז די זאַך געלונגען. די מערסטע טייל יוגנטלעכע זענען אין בעסעראַביע אַרעסטירט געוואָרן דורך די סאָוויעטן. מען האָט די פאַרהאַלטענע אַריינגעזעצט אין טורמע, און די נ.ק.וו.ד. האָט זיך פון זיי דערוווּסט ווער אין לויצק פירט אָן מיט דער אומלעגאַלער עליה. די לעצטע זענען אַרעס־טירט געוואָרן אין לויצק.

אין חודש מאַי 1941 האָב איך פּערזענלעך בייגעוווינט דעם אַרעסט פון דוד פּרינצנטאַל און מאַקס יוז, ווייל מיר האָבן אַלע דריי געאַרבעט אויף איין פּלאַץ. מען האָט כסדר געפאָרשט, אָבער קיין פּראָצעס איז נישט פאָרגעקומען, ווייל גאָר אין גיכן איז אויסגעבראָכן די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה.

✶

ווען די סאָוויעטן זענען אַריין קיין לויצק, האָבן די ייִדישע קאָמוניסטן גלייך מיט זיי מיטגעאַרבעט. אויך די פּאָלקיסטן און בונדיסטן זענען גלייך געוואָרן שטאַרקע אָנהענגער פון די נייע באַלעבאַטים. שפּעטער אָבער האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין לאַגערן.

אויך איך האָב באַקומען אַ פּאַספּאָרט מיטן 11־טן פּאַראַגראַף און צוליב דעם נישט געקאָנט ווייטער שטודירן אין לעמבערג. איך האָב דאַן געאַרבעט אין לויצק אַלס בוכהאַלטער אין דעם אָפּטייל פון וואָרשטן־פּאַרקויף. צוזאַמען מיט מיר — אויך דוד פּרינצנטאַל און מאַקס יוז. איך בין געווען „גלאַוו־בוך", פּרינ־צנטאַל — בוכהאַלטער און מאַקס יוז — קאַסירער „שטשאָטאָוואָד". כאָטש איך האָב געהאַט דעם 11־טן פּאַראַגראַף און נישט געטאָרט וווינען אין לויצק, האָט מען מיך דערווייל געלאָזן בלייבן.

ניי־יאָר 1941 האָט די נ.ק.וו.ד. מיך אַרעסטירט. אַ ייִדישער מיליציאָנער ביי די סאָוויעטן, יאַנקל קנעפּעל, געוווינט אויף קאָפּערניקאַ־גאַס נומער 12, האָט ביי מיר געוואָלט צונעמען דעם פּאַספּאָרט. איך האָב אים נישט געוואָלט אַוועקגעבן, מיר האָבן זיך געאַמפּערט ביז דער פּאַספּאָרט איז צעריסן געוואָרן. בין איך געוואָרן אַרעסטירט פאַר צערייסן אַ סאָוויעטישן פּאַס־פּאָרט. די נ.ק.וו.ד. האָט מיר פאָרגעוואָרפן, אַז איך בין אַ קאָנטעררעוואָלוציאָנער, אַ בורזשואַזער זון. מיין ברודער, אַ דאָקטאָר אין לויצק, האָט געמאַכט גרויסע אינטערווענצן, און מען האָט מיך באַפרייט אַדאַנק דעם סעקרעטאַר פון דער שטאָ־טישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, גערשאָנאָוויטש, אַ ייִד פון קיעוו. שפּעטער האָט מען מיר אויך געגעבן אַ גוטן פּאַספּאָרט, כ'בין ווייטער געזעסן אויף מיין פריערדיקער אַרבעט און מען האָט מיך שוין מער נישט געטשעפּעט.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה, דעם 22־טן יוני 1941, זענען צוזאַמען מיט די סאָוויעטן אַוועק אויך אַ סך ייִדן.

די היטלעריסטן זענען אַריין קיין לויצק דעם 26־טן יוני, 1941, פּאַרטאָג.

אין דריי טעג אַרום נאָך דעם ווי די היטלעריסטן זענען אַריין אין שטאָט, דעם 29־טן יוני 1941, האָט מען אויף די גאַסן געכאַפּט ביי אַן ערך 2,000 ייִדן. בלויז מענער. די דאָזיקע אַרבעט האָבן דורכגעפירט אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס זענען בעת דער סאָוויעטישער הערשאַפט אַנטלאָפן קיין צענט־ראַל־פּוילן און שפּעטער צוריקגעקומען קיין לויצק. זיי האָבן געהערט צו די באַנדעס פון די „באַנדעראָווצעס", „בולבאָווצעס" און „מאַכנאָווצעס". געטאָן האָבן זיי דאָס לויט דער אָנווייזונג און אונטער דער אָנפירונג פון די היטלעריסטן. די צוויי טויזנט ייִדן האָט מען געבראַכט אויף דעם פּלאַץ פון דער קהילה, און זיי דאָרט געשלאָגן און שטאַרק געפּייניקט. די אָנפירער פון די אוקראַיִנער זענען געווען די צוויי ברידער טישקעוויטש, וואָס האָבן פאַר דער מלחמה געוווינט אין לויצק, אויף דער שעווטשענקע־גאַס. צווישן די ייִדן האָט זיך אויך געפונען דער ייִדישער סענאַטאָר לאַזאַר דאַל. די אוקראַיִנישע ברידער האָבן פון אים חוזק געמאַכט, און ער האָט זיי פאַר אַלעמען אין די אויגן געמוזט פּוצן די שיך. צווישן די ייִדן האָט זיך אויך געפונען דער זון פון דאָקטאָר מינינזאָן. זיי ביידע, סענאַטאָר דאַל און ד"ר מינינזאָנס זון, זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון דער גרופּע ייִדן אַדאַנק דער אינטערווענץ פון אוקראַיִנישן דאָקטאָר בילאַבראַן.

די ייִדן זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין ליובאַרט־שלאָס און מען האָט זיי אַלעמען צעשאָסן מיט מאַשינגעווער. די טויטע קערפּערס זענען באַגראָבן געוואָרן אויף דעם באַרג נעבן שלאָס. דאָס האָבן געזען ייִדישע עדות, וואָס האָבן וועגן דעם שפּעטער